STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06097

# DOS FAYER

Henri Barbusse

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

## אַנרי באַרביס

# דאס פייער

איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש
בונים וואַרשאווסקי

דריטע אויפלאַגע

פאַרלאַג ח. בזשאָזא
וואַרשע, 1927

Printed in Poland

Ogień Henri Barbuess'a

Tłomaczył B. Warszawski

Wydawnictwo Ch. Brzoza

Warszawa, Leszno 27.

Druk. „REKOR" Warszawa, Dzika 18.

## I.

# די זעונג.

דער דאָן-די-מידי, דער עגוי-ווערט און דער מאָן-בלאָן שטייען אנטקעגנאיבער די בלייכע געזיכטער, וועלכע רוקן זיך אָפּ פון אונטער זייערע קאָלדרעס אויף דער גאַלעריע פון סאַנאַטאָריום.

די טעראַסע מיטן געשניצטן, הילצערנעם באַלקאָן, מיט דער גלעזערנער וועראַנדע, הענגט אויפן ערשטן שטאָק פון שפּיטאָל-פּאַלאַץ אָפּגעזונדערט אין פרייען רוים, גלייך זי וואָלט די וועלט איבערגעשטיגן.

די פיינע וואָלענע קאָלדרעס — רויטע, גרינע, טאַבאַק-ברוינע אָדער ווייסע, — פון אונטער וועלכע עס בליקן אָפּער צאַרטע געזיכטער מיט שטראַלנדיקע אויגן, טון זיך נישט קיין ריר. אויף די ליג-שטולן איז אַ שטילשווייגן. עמעץ טוט אַ הוסט. ווען נישט ווען הערט מען דאָס קנאַרן פון אַ בוך-בלעטל, וואָס עמעץ מישט איבער אין רעגלמעסיקע צווישנצייטן; ווען נישט ווען — אַ געשעפּטשעטע פראַגע און אַ נאָך שטילערער ענטפער צווישן צוויי שכנים; פלוצלינג — ווידער אַ פעכער-גערויש פון אַ דרייסטער קראָ, וועלכע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן גאַנעק, אויסטיילנדיק זיך פון אַ פאַסמע, וועלכע בילדעט אין דער דורכזיכטיקער אומענדלעכקייט שווארצע פערלשנירלעך.

שוויגן איז דאָ אַ געזעץ. אַגב האָבן די דאָזיקע רייכע, אומאָפּהענגיקע מענטשן, אָנגעקומענע פון ארבע פינות עולם, געטראָפענע

פון איין און דעם זעלבן אומגליק, אַנגעוווירן די געוווינהייט פון רעדן. זיי זייגען פאַרטיפט אין זיך אַליין און טראַכטן וועגן זייער אייגענעם לעבן און זייער אייגענעם סוף.

אין זאַל איז אַריינגעקומען אַ דינסט־מיידל; זי גייט פּאַמעלעך און איז אַנגעטון אין ווייסן. צייטונגען האָט זי געבראַכט און פאַר־טיילט זיי.

— די קלאָג איז פאַרטיק — זאָגט איינער, וועלכער האָט דער ערשטער פאַנאַנדערגעוויקלט זיין צייטונג. די קריג איז דערקלערט.

וויפיל מען זאָל זיך דערויף נישט האָבן גערעכנט, רופט דאָך דאָס נייעס אַרויס אַ געוויסע צערודערונג. יעדער איינער פון די אַנוועזנ־דיקע פילט די אומגעהייערע באַדייטונג דערפון.

די דאָזיקע אינטעליגענטע און געבילדעטע מענטשן, געלייטערט דורך זייערע ליידן און שטענדיקן טראַכטן, אָפּגעריסן פון אַרומיקן לעבן, ווייט פון דער מענטשלעכער וועלט, ווי זיי וואָלטן שוין גע־הערט צו שפּעטערדיקע דורות — זיי קוקן ווייט פאַר זיך פאַרויס, צו אַן אומפאַרשטענדלעך לאַנד פון לעבעדיקע און פאַרוקטע.

— עסטרייך באַגייט אַ פאַרברעך — זאָגט דער עסטרייכער.

— פראַנקרייך מוז אַרויס מיט נצחון — זאָגט דער ענגלענדער.

— איך פאַרהאָף, אַז דייטשלאַנד וועט פאַרשפּילן — זאָגט דער דייטש.

* *

*

זיי האָבן זיך צוריק פאַרנורעט אין זייערע דעקן און קישנס, און דער הימל און די בערג־שפּיצן האָבן ווידער אויף זיי געקוקט. אין דעם קראַנקן רוים אָבער איז די שטילקייט דורכגעדרונגען מיט דער נייער בשורה:

— מלחמה!

עטלעכע פון די, וואָס ליגן דאָרט, רייסן איבער די שטילקייט און חזרן פאַר זיך איבער מיט אַ האַלבער שטימע דאָס דאָזיקע וואָרט, און טראַכטן דערביי, אַז דאָס איז די גרעסטע געשעעניש פון אונדזער צייט און אפשר גאָר פון אַלע צייטן.

די דאָזיקע ידיעה פאַרנעפּלט דאָס לויטערע לאַנדשאַפט, וואָס שטייט זיי פאַר די אויגן, און עס ווערט פאַרשלייערט מיט געשפּענסטיקע שאָטנס.

די פרידלעכע שטחים פון טאָל, מיט די רויזנפאַרביקע דערפלעך, מיט די סאַמעט-גרינע פאַשע-פעלדער, די צויבערפולע בערג-קאָנטורן, דאָס שוואַרצע שפּיצנגעוועב פון די סאָסנעס און דאָס ווייסע שפּיצנטוך פון די אייביקע שנייען — אַלץ ווערט באַדעקט מיט אַ מענטשן-געווימל.

ווי מאָרעווקעס באַוועגן זיך גאַנצע הויפנס מענטשן-מאַסן. אויף די פעלדער לויפן זיי צו שטורם-אַנגריפן, איין מחנה קעגן דער צווייטער, איין כוואַליע אויף דער צווייטער, מישן זיך אויס אין איין קנויל און בלייבן פּלוצלינג אומבאַוועגלעך. הייזער ווערן צעריבן ווי מענטשלעכע לייבער און גאַנצע שטעט ווערן חרוב; דערפער ליגן צעפּיצלטע אין ווייסע שטיקלעך, ווי זיי וואָלטן פון הימל אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן. גאַנצע קופּעס טויטע און שרעקלעך צעקאַליעטשעטע גופים ענדערן דאָס אויסזען פון די פלאַכקייטן.

יעדעס פאָלק איז באַ די גרענעצן אַרומגעפּרעסן פון דער שחיטה, און איינס באַם צווייטן רייסט זיך פון האַרץ אַרויס אַלץ מער פריש-צוגעקומענע, קרעפטיקע און פול-בלוטיקע זעלנער; און מיט די אויגן קוקט מען נאָך, ווו אַלץ לעבעדיקס שטראָמט צום טייך פון טויט.

אויף צפון, דרום, מזרח — אומעטום זעט מען פון דער-

ווייטנס בלוטיקע שלאַכטן, קען מען זיך ווענדן מיטן פּנים אויף אַלע וועלט-זייטן — מען וועט נישט געפינען קיין שטיקל שטח, וואָס זאָל אונדז נישט דערמאַנען אָן מלחמה.

איינער פון די בלייכע צושויער דערהייבט זיך אַ ביסל, שפּאַרט זיך אָן אויפן עלנבויגן און נעמט ציילן די קריגער, די היינטיקע און שפּעטערדיקע: דרייסיק מיליאָן זעלנער. אַן אַנדערער, דאָס בלוטיקע בילד פאַר די אויגן, שטאַמלט;

— צוויי אַרמייען בעת דער שלאַכט, דאָס איז איין גרויסע אַרמיי, וואָס קוילעט זיך אַליין אויס.

— מען וואָלט עס נישט באַדאַרפט דערלאָזן — הערט זיך איינעמס אַ טיף קול, ווי פון קבר אַרויס, וואָס ליגט אין דער ערשטער ריי.

אַן אַנדערער גיט צו:

— די פראַנצויזישע רעוואָלוציע הייבט זיך אָן אויף דאָס ניי.

— טראָגנען וועלן זיך טרייסלען — שעפּטשעט עמעץ שטיל.

אַ דריטער זאָגט:

— און אפשר איז עס די לעצטע מלחמה.

אַ שטילקייט ווערט. אַ פּאָר בלייכע שטערנס, מאַטע פון שלאָפלאָזע נעכט און פייכטע פון שווינדזיכטיקן שוויס, נעמען זיך רינצלען:

— אַ סוף מאַכן צו די מלחמות! איז דאָס מעגלעך! אַ סוף מאַכן צו די מלחמות! די וווּנד פון דער וועלט איז נישט היילבאַר.

עמעץ הוסט. די גרענעצלאָזע רו אויף די פּרעכטיקע, זוניקע לאַנקעס, ווו עס שימערן זאַנפט די גלאַנציקע קי, די שוואַרצע חעלדער, די גרינע פעלדער, די בלויע ווייטן — שווענקען אַ די דאָזיקע זעונג, פאַרלעשן די רויטע פייער-שיין, וועלכער ציטערט

אונטער און ברענגט אום די אַלטע וועלט. אין דער אומענדלעכער שטילקייט ווערט אַנטשוויגן דער טומל פון האַס און ליידן און דאָס פינסטערע ישומען פון דער וועלט. איינער נאָכן אַנדערן פאַרטיפן זיך די ליגנדיקע ווידער אין זיך אַליין, שטאַרק פאַרטון אין דער מיסטעריע פון זייערע לונגען און אין זייער אייגן געזונט.

ווען אָבער דער אָוונט גרייט זיך אַראָפצונידערן אין טאָל, ברעכט אויס אַ שטורם איבערן רוקן פון מאָן-בלאַן.

אין אַזאַ געפערלעכן אָוונט טאָר מען נישט פאַר דער טיר אַרויסגיין. אָן די ווענט פון דער גרויסער וועראַנדע — דעם האַפן, וווהין זיי זיינען אַנטרינען געוואָרן — קלאַפן די לעצטע וועלען פון ווינט.

די דאָזיקע שווער-פאַרווונדעטע, וועלכע עס נאָגט אַן איבער-לעכע ווונד, קוקן זיך צו פאַרטראַכט צום געראַנגל פון די וועלט-עלעמענטן: אויפן ברעג טוט אַ זעץ און עס צעקוילערט זיך אַ דונער, וואָס הייבט אונטער ווי אַ ים די האָריזאָנט-וואָלקנס; יעדער איינצי-קער דונער שליידערט מיטאַמאָל אין בין-השמשות אַריין אַ פייער-זייל און אַ נעפל-זייל. די בלייכע פנימער מיט די איינגעפאַלענע באַקן קוקן ווייט אין די הייכן, שפּירן נאָך די אָדלערס, וואָס מאַכן קרייזן אין די לופטן און באַטראַכטן פון זייער הייך די ערד, וואָס איז איינגעהילט אין אָוונט-נעפלען.

— אָפּשטעלן די מלחמות! — זאָגן זיי — די שטורעמס אָפּשטעלן!

די באַאָבאַכטער, וואָס שטייען אויף דער שוועל פון דער וועלט, זיינען פון פאַרטייִשע אַרומרייסעניש, באַפרייט פון איבערגענומע-נע באַגריפן, פון פאַרבלענדעניש, פון דער מאַכט, פון טראַדיציעס, פילן אַ ביסל די איינפאַכקייט פון די זאַכן און מעגלעכע פאַלגן...

איינער פון זיי רופט זיך אָן:

— אונטן זעט מען עפּעס קריכן.

— יאָ... ווי עס וואָלטן געווען לעבעדיקע באַשעפעניש.

— ווי געוויקסן...

— עפּעס אַ מין מענטשן.

אין שוידערלעכן אָפּגלאַנץ פון שטורעם, אונטער שוואַרצע שטיקער צעפליקטע וואָלקן, וואָס שוועבן איבער דער ערד, ווי בייזע רוחות, דאַכט זיך באַמערקן זיי אַ נישט-קלאָר שטיק פלאַכלאַנד, פון דעם פלאַכלאַנד קריכן אַרויס געשטאַלטן פון בלאָטע און וואַסער, וואָס עסן זיך איין, קראַמפּן זיך אָן זיין אויבערפלאַך, בלינד און דערדריקט אונטערן לאַסט פון שליים, ווי עפּעס ניצל-געוואָרענע פאַרזעענישן פון אַן אונטערגעגאַנגענער שיף. דאַכט זיך דאָס זייגען זעלנער. אומגעהייער גרויס איז די פלאַכקייט, דורכגעשטרייפט מיט לאַנגע פאַראַלעלע קאַנאַלן, דורכגעבויערט מיט גריבער פול וואַסער, און די פאַרזעענישן, וואָס ווילן פון דאָרט אַרויסקריכן, זיינען אָן אַ צאָל... און די דרייסיק מיליאָן שקלאַפן, וואָס, דורך פאַרברעך און טעות, פאַלן זיי אָן איינער אויפן צווייטן אין דער דאָזיקער בלאָטע-מלחמה, הייבן אויף זייערע מענטשלעכע פנימער, אויף וועלכע עס הייבט זיך אָן באַווייזן אַ ווילן. די צוקונפט ליגט אין די הענט פון די קנעכט, און עס איז קלאָר, אַז די אַלטע וועלט וועט פאַרענדיקט ווערן דורכן בונד, וואָס עס וועלן אַמאָל שליסן זיך שליסן די ראַדיקע, וואָס זייער צאָל און עלנט האָט נישט קיין גרענעץ.

## II.

# אין דער ערד.

דער גרויסער בלייכער הימל ווערט פול מיט דונער-געקלעפ: גאָך איטלעכן אויפרייס, וואָס בליצט-אויף מיט אַ רויט ליכט, ציט זיך אַ לאַנגע פייער-סטענגע דאָרט, וווּ עס איז נאָך שטאָק-פינסטער, און אַ רויך-וואָלקן דאָרט, וווּ עס טאָגט שוין.

אַרויף, ווייט, ווייט אין דער הייך, דערהייבט זיך מיט מעכטיקע און אָפּגעהאַקטע אָטעם-צוגן אַ סטייע שרעקלעכע פייגל, וואָס מען הערט זיי בלויז און מען זעט זיי נישט און מאַכן ברייטע קרייזן איבער דער ערד.

די ערד! אונטער דער אומענדלעכער טריבקייט פון באַגינען נעמט זיך אויסשפּרייטן אַ מדבר דורכגעווייקט מיט וואַסער: וואַסער-גריבער און גאַנצע קאַלוזשעס, ווי דאָס וואַסער ציטערט און קווייטשט זיך אונטערן שניידענדיקן פרימאָרגן-ווינט; וואַסערלעך, געצייכנטע אין דאָזיקן פעלד פון אומפּרוכטבאַרקייט דורך באַנאַכטיקע צוגן פון טרופּן-אָפּטיילונגען, גלאַנצן, ווי שטאָלענע רעלסן און פאַרלירן זיך אין מאָגערן בלאַסן ליכט. הויפנס בלאָטע, פון וועלכע עס שטאַרן אַרויס אויסגעקרומטע לייסטלעך-געשטעלן, ווי צום האָלץ-זעגן, צעפליקטע, צעדרייטע קנוילן דראָט, עס זעט אויס ווי אַ געוואַלטיק גרויס גראָ טוך וואָלט געשווימען אויפן ים, און עס איז ערטערווייז פאַרגאָסן. עס רעגנט נישט, אָבער אַלץ איז דורכגעווייקט, דורכגענעצט, פון אַלעם טריפט ווי פון רעשטלעך נאָך אַ שיפבראָך, און דאָס מילך-ליכט ציט זיך ווי עפּעס אַ געדיכטע זאַך.

גאַכט־ויִעשטלעך פאַרשטעקן זיך אין לאַנגע גרובנס, וואָס שלענגלען זיך און שניידן זיך דורך. דאָס איז די אָקאָפּע. דער גרונט איז אויסגעבעט מיט עפּעס אַ גליטשיקער מאַסע, צו וועלכער דער פיס קלעבט זיך צו מיט אַ פּליאַסק באַ יעדן טריט, און אַרום יעדן „זיכער־אָרט" הערט זיך אַ שטאַרקער ריח פון דער באַנאַכטיקער שתנה. די דורכגאַנג־לעכער, אויב מען בייגט זיך איין באַם פּאַרבייגיין, שטינקען ווי אַן אָפּטריט.

פון די זייטיקע שאַכטן זע איך אויפטויכן שאָטנס: שווערע, פּאָרמלאָזע מאַסן, וואָס באַוועגן זיך, טאַפּן און מרוקען ווי די בערן. דאָס זיינען — מיר. מיר זיינען אָנגעפּעלצט ווי איינוואוינער פון צפון. איינגעפּעקלט אין לייבלעך, דעקן, זעק־טיכער, וואָס עס מאַכט אונדז מאָדנע גרויס און קיילעכדיק. אייניקע ציִען זיך און גענעצן אויפן קול. נישט אויסגעשלאָפענע פּנימער, רויטלעכע אָדער בלוי־פּאַרביקע, מיט דורכגעשניטענע ברוד־שראַמען, און פון דאָרט פינטלען אַרויס צוויי מידע נאַכט־ליכטלעך מיט קלעפּיקע רענדער. אויף די באַקן און גאָמבע פּאַרוואָרלאָזטע ברודיקע האָר.

טאַק! טאַק! פּאָם! ביקסן־שאָסן, קאַנאָנאַדע. איבער אונדז, אומעטום קנאַלן אָדער קייקלען זיך אויסגעצויגענע דונערן אָדער אָפּגעהאַקטע שאָסן, דער בייזער פלאַמענדיקער שטורעם לאָזט נישט נאָך קיין רגע. שוין איבער פיפצען חדשים, זינט פינפהונדערט טעג, וואָס מיר געפינען זיך אין דאָזיקן ווינקל פון דער וועלט, האָט דאָס שיסעריי און באָמבאַדירן זיך נאָך אויף קיין רגע נישט אָפּגעשטעלט פון אינדערפרי ביזן אָוונט און פון אָוונט ביז אינדערפרי. מען איז באַגראָבן אין דער טיפעניש פון אַן אייביק שלאַכטפעלד. אָבער אַזוי ווי אין די אַמאָליקע צייטן, אין עבר, וואָס געדענקט זיך ווי אין חלום — אינדערהיים, האָט מען נישט געהערט דעם טיקטאַק פון וואַנט־זייגער, אַזוי הערט מען דאָס דאָ אויך נישט, נאָר ווען מען הערט זיך גוט איין.

פון דער ערד קריכט אַרויס אַ פּנים פון אַ ליאַלקע, מיט אָנגע־שוואָלענע אויגן־לעפּלעך, מיט רויטע בעקלעך, ווי באַקלעבטע מיט רויטע פּירעקעכדיקע שטיקלעך פּאַפּיר, עפּנט איין אויג, דערנאָך דאָס צווייטע, דאָס איז פּאַראַדיס. אויף דער הויט פון זיינע גראָבע באַקן ווייַנען אָפּגעדרוקט קנייטשן פון דער פּאַלאַטקע־לייוונט, אין וועלכער ער וויקלט זיך איין דעם קאָפּ באַם שלאָפן.

מיט זיינע קליינע אייגעלעך קוקט ער זיך כּאַמעלעך אַרום, דערזעט מיך, גיט אַ שאָקל צו מיר מיטן קאָפּ און זאָגט:

— נאָך אַ נאַכט אַדורכגעשטופּט, גוטער ברודער.

— יאָ, ברודער, אָבער נאָך וויפל אַזעלכע איבערצוקומען?

אויפהייבנדיק זיינע דיקע אָרעמס, שטופּט ער זיך אַרויס מיט מיר פון דער זיכער־הייל צו דער לייטער, און אָט שטייט ער לעבן מיר. אָנשטויסנדיק זיך אָן עפּעס אַ גרויע מאַסע פון אַ פּאַרשוין, וואָס זיצט אויף דער ערד אין דער טונקלהייט, קראַצט זיך ענערגיש און קרעכצט דערביי שווער, דערווייטערט זיך פּאַראַדיס טשאַפּענדיק, טשאַפּ־טשאַפּ, ווי אַ פּינגווין אויף אַ דילוויאַנישן לאַנדשאַפט.

* *
*

ביסלעכווייז קריכן די מענטשן אַרויס פון זייערע נאָרעס. אין אַלע ווינקעלעך זעט מען, ווי עס נעמען זיך רודערן געדיכטע שאָטנס, מאַכן פּאַרשידענע באַוועגונגען און ווערן דייטלעכער... איינציק־ווייז דערקענט מען יעדן.

אָט שטייט איינער מיט דער דעק איבערן קאָפּ. ער זעט אויס ווי אַ ווילדער, אָדער נאָכמער, ווי דאָס געצעלט פון אַ ווילדן, וואָס וואַקלט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס און גייט גלייך. פון דער נאָנט דערקענט מען ערשט, איינגערעמט אין אַ גע־שטריקטן וואָלענעם קאָפּ־שיצער, אַ פיר־קאַנטיק פּנים, געל ווי יאָד, באַלאַטעט מיט שוואַרצלעכע פלעקן, אַ צעבראָכענע נאָז, קליינע

ביגעזישע אייגעלעך מיט רויטס ארומגעזיימטע, אַ קליינע שטעכע־דיקע וואָנסע, פעט ווי אַ שמיר-באַרשט.

— האַלאָ וואַלפּאַט. וואָס מאַכט מען עפּעס, פּירמין?

— אַזוי זיך, אַזוי זיך, ווי עס לאָזט זיך, — זאָגט וואַלפּאַט.

ער האָט אַ שווערע און שנוימדיקע אויסשפּראַך, וואָס זיין הייזעריקייט מאַכט נאָך שווערער. ער הוסט.

— אַ ביין לעבן, אַ ביסל געפּאַקט. זאָג נאָר, האָסט כאָטש געהערט די נאַכט די אַטאַקע? האָבן זיי באָמבאַדירט, זאָג איך דיר, אַז דער טייוול זאָל עס נעמען. שוין איינמאָל אָן אַרבעס-זופּ.

ער ציט אין זיך אַריין לופט דורך דער איינגעפאַלענער נאָז און טוט אַ וויש מיטן אַרבל, ער שטעקט אַריין די האַנט אין בוזעם אונטערן וועסטל און קראַצט זיך.

— דרייסיק שטיק האָב איך אָוועקגעלייגט באַ אַ ליכט — וואָרטשעט ער. — אין דער גרויסער זיכער-הייל, לעבן דעם אונטער־ערדישן דורכגאַנג, דאָרט, גוטער ברודער, קענסטו שעפּן נחת. גאַנצע חמרים. איך זע זיי אַרומגראַבלען אין שטרוי, אַזוי ווי איך זע דיך פאַר מיינע אויגן.

— ווער האָט אָנגעגריפן, די דייטשן?

— די דייטשן און מיר אויך. אין דער געגנט פון ווימי.

אַ רעגן-אָנגריף. האָסט גאַרנישט געהערט?

— ניין, — ענטפערט פאַר מיר דער גראָבער לאַמוז — אַ מענטש ווי אַ ביק. איך האָב געשנאָרכט. איר מעגט וויסן. די פריערדיקע נאַכט בין איך געווען אויף נאַכט-אַרבעט.

— איך האָב יאָ געהערט, — זאָגט דער קליינער ברעטאָנער ביקעט. איך בין שלעכט געשלאָפן, וואָס רעד איך, קיין אויג נישט צוגע־טון. איך האָב אַ ספּעציעלע זיכער-הייל. קוקטס נאָר אָן דעם באָרדאַק טייגעס.

ער ווייזט אָן אויף אַ כמעט פלאַכן גראָבן, ווו אויף אַ דיבעם שיכט מיסט איז פונקט דאָ געווען אָרט פאַר איין מענטש.

— עס איז אַ דירה ווי אַ שאָל פון אַ נוס — זאָגט ער און שאָקלט צו מיט זיין קליינעם האַרטן, שפּיציקן קאָפּ, וואָס זעט אויס ווי צוגעפּיילט. — איך האָב כמעט קיין דרימל נישט געטון: נאָר וואָס איינגעשלאָפן, מיינסטו ווער איך נישט אויפגעוועקט דורך דער אויפלייזונג פון 129־טן, וואָס איז דאָ דורכגעגאַנגען. נישט אַזוי דער ליאַרם, ווי דער ריח. שטעל דיר פאָר, יעדער חברה־מאַן שטעקט דיר די פיס אין פּרעסער אַריין. — אַ ריח ניחוח. די נאָז האָט מיר געגנו־מען דרייען, אַז איך האָב מיך אַזש אויפגעכאַפּט. איך קען שוין דעם טעם דערפון. אַמטמאָל בין איך אויך אויפגעוועקט געוואָרן אין דער אָקאָפּע דורך אַ געדיכטן שטראָם שטיקענדיקע לופט, וואָס עס לאָזט נאָך זיך אַן אָפּטיילונג בעתן מאַרש.

— ווען דאָס וואָלט כאָטש אָוועקגעקוילעט די פוס־גייער — זאָגט טיכערט.

— גאָר קאַפּויער, דאָס צערייצט זיי נאָך — באַמערקט לאַמיז.

— וואָס ברודיקער דו ביסט, אַלץ ליבער קריגן זיי דיך.

— און עס איז מיר אַרויסגעקומען אַ טובה דערפון, וואָס זיי האָבן מיך מיט זייער שטינקאַרניע אויפגעוועקט — זאָגט ווייטער ביקעט: איך האָב עס נאָר וואָס דערציילט דאָ דעם גראָבן פּוצער. איך האָב פונקט צו דער רכטיקער צייט די פענסטערלעך געעפנט, כדי אַפּצוראַטעווען מיין פּאַלאַטקע־לייוונט, וואָס שיצט מיר די נאַרע. איי־נער פון יענע לאַפּיטוטן האָט שוין געהאַט חשק דערצו.

— ס'אַ געמיינע חברה אין 129־סן.

טיף אונטן, צופיסנס אונדז, האָט מען באַמערקט אַ מענטשלעך געשטאַלט, איינגעקוירטשעט, נאָך נישט באַלויכטן פון פרימאָרגן־ליכט. דאָס געשטאַלט האָט עפּעס אַרומגעזוכט מיט ביידע הענט

אין אויבערשטן טייל פון די מלבושים און זיך געשאָקלט; עס איז געווען דער פאָטער בלעי.

זיינע קליינע אייגעלעך האָבן אַרויסגעוווּנקען פון זיין ברייט פאַרשטויבט פנים. איבער דער עפנונג פון זיין אומציינילעכן מויל האָט געקלעבט אַ פּעקל געדעכטע געלע האָר — זיינע וואָנסן, זיינע הענט זיינען געווען שרעקלעך שוואַרץ: פון אויבן אַזוי שטאַרק פאַרשמאָדערט, ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ שאָל אויף זיך. אויך דער האַנט-לעפל איז געווען טונקל פאַרהאַרטעוועט, פון זיין גאַנצן פאַרשוין, צונויפגעדרייט און באַקלעבט מיט ערד, האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון אַן אַלטן קאָך-טאָפּ.

ער האָט זיך געקראַצט און עס איז איין וועג געשמירט מיטן לאַנגן באַרד, וואָס האָט זיך געהאַלטן פון אים אַ ביסל פון דער-ווייטן און בלויז נאָר איבער אים זיך אָנגעבויגן.

— אין ציוויל זע איך אַ ביסל ריינער אויס.

— אָהאָ, קריגסט אַוודאי גאָר אַן אַנדער פנים — זאָגט באַרק.

— אַ נס, אויף מיין וואָרט, אַ נישט וואָלט דיין ווייב פון דיר געהאַט קליינע נעגערלעך! — זאָגט אַריין טוכערט.

בלער האָט זיך באַליידיקט. ער האָט צוזאַמענגעצויגן זיינע ברעמען אונטערן קויטיק-שוואַרצן שטערן.

— טשעפּע-דיך אָפּ! עס קומט דיר עפּעס? מלחמה איז מלחמה. מיינסט טאַקע, מיין ליכטיקע צוקער-באָבע, אַז די מלחמה האָט דיר דיין פּרצוף באַרנישט איבערגעמאָלט? טו זיך נאָר אַ קוק אָן, די מאַלפּענער תחת-קאָפּ. מען מוז שוין זיין איינמאָל אַ בהמה, צו קומען מיט אַזעלכע דבורים.

ער האָט אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבער דער גראָער שיכט, וואָס האָט באַדעקט זיין פנים. נאָך די רעגנס אין די לעצטע טעג איז דער ברוד געוואָרן קלעבעדיק און זיך נישט געטריקנט.

איבעריקנס — זאָגט ער — זע איך אַזוי אויס, ווייל איך חיל אַזוי. ראשית, האָב איך קיין צאָן נישט מער. דער מאַיאָר האָט מיר שוין לאַנג געזאָגט: „האָסט דאָך נישט קיין איינציקן בייסער. דאָס גייט נישט, בּאַ דער נאָנטסטער פּויזע — מאַכט ער צו מיר — וועסט דיך אַ שפּאַציר-איבּער טון צום עסטאָמאַלאָגישן וואָגן".

— טאָמאַטאַלאָגישער וואָגן — זאָגט אונטער בּאַרק.

— סטאָמאַטאָלאָגישן — בּעסערט אויס בּערטראַן.

— מען קען עס קריגן אומזיסט — זאָגט ווייטער בּלעי. דאָך בין איך צופרידן וואָס איך בין נישט אַהינגעגאַנגעי

— פאַרוואָס?

— אַזוי. צוליב דער ענדערונג — ענטפערט ער.

— ביסט אַ פאַרטיקער אָבער-קוכער — זאָגט בּאַרק — ס׳וואָלט פאַר דיר אַן עסק געווען.

— איך מיין אויך אַזוי — ענטפערט בּלעי נאַיִו.

עס ווערט אַ געלעכטער. דער שוואַרצער מענטש פילט זיך באַליידיקט און הייבט זיך אויף:

— איך קריג פון אייך בויך-ווייטיק — וואַרפט ער זיי צו מיט פאַראַכטונג — איך גיי מיך אויסליידיקן.

ווען זיין טונקל געשטאַלט איז פאַרשוואונדן געוואָרן, האָבן די איבעריקע איבערגעחזרט נאָכאַמאָל דעם אָנגענומענעם אמת, אַז אויף דער וועלט איז נישטאָ עפּעס מיאוסערס, ווי אַ קוכער.

— אויב טרעפסט אַמאָל אַן אויסגעשמירטן, פאַרפּאַטשקעטן און פאַרפעטסטן נפש, וועלכן, מען קען אַנדערש נישט אָנרירן ווי נאָר דורך אַ צוועבגל — זיי זיכער, דאָס איז אַ קוכער. וואָס ברודיקער ער איז, אַלץ זיכערער ביסטו...

— יאָ, יאָ, אמת, טאַקע אמת — זאָגט מאַרטעראָ.

— אָט איז טיכלואַר. העי! טיכלואַר!

ער קומט צו פאַרשמייעט, און שמעקט אויף רעכטס און לינקס; זיין שמאָלער קאָפּ, וואָס איז ווייס ווי כלאָר, באַמבלט זיך אין קאָלנער פון אַ מאַנטל, וואָס איז פאַר אים צו גרויס און צו דיק. ער האָט אַ פאַרשפּיצטע גאָמבע און די אייבערשטע ציין שטאַרן אים פון מויל אַרויס. אַ טיפער קנייטש אַרום מויל, אָנגעפּילט מיט שמוץ, זעט אויס ווי אַ מויל-רינג. ווי געוויינטלעך איז ער אין כעס און האָט זיך וואָס צו בייזערן!

— מען האָט מיר די נאַכט צוגעלקחנט מיין ברויט-זאַק!

— מסתמא איינער פון דער אָפּטיילונג פון 129-טן. ווו האָסטו אים געהאַט געלייגט?

טיכלואַר ווייזט אָן אויף אַ באַיאָנעט, וואָס שטעקט אין דער וואַנט נישט ווייט פון אַריינגאַנג אין אַ זיכער-הייל.

— אָט אָד אָ איז ער געהאָנגען, אויפן דאָזיקן פאַן-שטעכער.

— אָקס! — טון אַלע אַ געשריי — יעדער זעלנער וואָס גייט פאַרביי, קען אויסשטרעקן די האַנט און נעמען! זאָג, ביסטו באַם קלאָרן שכל?

— דאָס איז אַ געמיינהייט — קלאָגט טיכלואַר.

מיטאַמאָל באַפאַלט אים אַ שרעקלעכער כעס. זיין פּנים ריינצלט, קנייטשט זיך און ציט זיך איין; זיינע קליינע פויסטן באַלן זיך, ווי קניפּן אין אַ שטריק, ער פאָכלט מיט זיי אין דער לופטן:

— אַ בייז לעבן! ווען איך פאַק דעם פאַרשוין! אָ, וואָלט איך געליאַפּעט, אָנגעריבן אַ מאָרדע; איך וואָלט אים... אַ נאָך נישט-אָנ- געהויבענער קאָמאַמבער איז אינעווייניק געלעגן. איך וועל נאָר נאָך אַמאָל אַ קוק טון.

ער קלאַפּט זיך מיט דער פויסט אין בויך, מיט קליינע קורצע קלעפּ, ווי אַ גיטאַרע-שפּילער, און ווערט נעלם אין דער מאָרגן- גרויקייט מיט אַ ווירדיקן געבייזער. זיין איינגעהויקערט געשטאַלט,

ווי אַ קראַנקער אין אַ שלאָפֿראָק — מרוקעט עפּעס ביז עס ווערט פֿאַרשווינדן.

— אַ יאָלד — זאָגט פּעפּין. אַלע זעצן אַרויס מיט אַ געלעכטער.

— דער בחור איז משוגע, אַראָפּ פֿון זינען — דערקלערט מאַרטעראָ, וועלכער איז געוווינט צו פֿאַרשטאַרקן דעם אויסדרוק פֿון זיין געדאַנק דורכן געברויכן גלייכצייטיק צוויי סינאָנימען.

* *
*

— נאַ, אַלטער — זאָגט טילאַק, וואָס קומט נאָר וואָס אָן — טו נאָר אַ קוק.

טילאַק איז פּראַכטפֿול. ער גייט אָנגעטאָן אין אַ ציטרין־געלרעקל, געמאַכט פֿון געאיילעצטע לייוונט פֿון אַ שלאָף־זאַק. ער האָט געמאַכט אַ לאָך דורכצושטעקן דעם קאָפּ און פֿון אויבן אָנגעטאָן די שעלקעס און דעם פּאַס. טילאַק איז גרויס און ביינערדיק. בעתן גיין, שטרעקט ער אַרויס אַן ענערגיש פּנים מיט פֿאַרדעכטיקע אויגן. ער האַלט עפּעס אַ זאַך אין האַנט.

— דאָס האָב איך געפֿונען די נאַכט, באַם גראָבן אין עק פֿון בואַיאָ־נעף, ווען מען האָט איבערגעטוישט די צעפֿוילטע האָלץ־רעמען. די זאַך איז מיר באַלד געפֿעלן געוואָרן. עס איז אַ העקל פֿון אַלטן סאָרט.

עס איז טאַקע געווען פֿון אַלטן סאָרט: אַ צוגעשפּיצטער שטיין מיט אַ הענטל פֿון ברוינעם ביין. עס האָט מיר אויסגעזען, ווי אַ פֿאַרהיסטאָריש געצייג.

— עס איז באַקוועם צו דער האַנט — זאָגט טאַליק, דרייענדיק דאָס געצייג. באמתדיק, גאָר נישט שלעכט אויסגעאַרבעט, אַלנפֿאַלס בעסער ווי אונדזערע פּיכאַטע־העקלעך. עס איז הערלעך. נאַ, פּרוו נאָר... וואָס? אָבער זאָלסט עס אָפּגעבן. איך באַהאַלט עס מיר. עס וועט מיר שוין צו עפּעס צוניץ קומען. וועסט זען...

ער הייבט אויף זיין פאר-מבולדיק העקל, און ער אליין יצט אויס ווי א פיטעקאנטראפ מיט גאלד-פליטערלעך וואס איז פארשטעקט אין די טיפעגישן פון דער ערד.

*      *

*

בא אן אויסבייג פון דער אקאפע האבן מיר זיך אלע בסדר צונויפגעטראפן, מיר פון בערטראנס ראטע און פון דער זהאלב-סעקציע. אויף דעם דאזיק ארט איז זי עפעס ברייטער, ווי אין גראדן טייל, ווו, בעת מען וויל זיך אויסמיידן, מוז מען זיך ארויפשטופן אויף דער וואנט, רייבן דעם רוקן אן דער ערד און מיטן בויך דריקן דעם צווייטנס בויך.

אונדזער קאמפאניע שטייט אין רעזערוו אין א פאראלעל-אקאפע פון דער צווייטער ליניע. דא איז נישטא קיין וואך-פאסטןדינסט. בנאכט קומען מיר צונויף צו ערד-ארבעטן פון פראנט, אבער אין פארלויף פון טאג טון מיר גארנישט. אזוי ליגן מיר אויסגעסדרט איינער קעגן דעם אנדערן, עלנבויגן צו עלנבויגן און עס בלייבט אונדז נישט מער איבער, נאר ווי עס איז אדורכצושטופן ביזן אוונט.

דאס טאג-ליכט האט זיך ענדלעך דורכגעזיפט דורך די אומענדלעכע שפאלטן, וואס שניידן דורך די דאזיקע ערד, און לעקט די שוועל פון אונדזערע היילן. א טריבע צפון-ליכטיקייט, א שמאל און פארגליווערט שטיקל, הימל וואס זעט זיך אויס פארקלעבט מיטן רויך און ריח פון א פאבריק. אין דער דאזיקער בלייכער באלייכטונג דערשיינט ערשט בולט די זעלטזאמע הלבשה פון די דאזיקע איינוווינער פון די ערד-טיפעגישן אין דער גאנצער אומענדלעכער און האפנונגסלאזער ארימקייט, וואס האט זיי באשאפן. אבער עס איז, ווי מיטן איינטעניקן טיק-טאק פון די ביקסן-שאסן און דעם ברומען פון די הארמאטן: שוין צו לאנג דויערט די דאזיקע דראמע, וואס מיר

שפילן, אַז מען זאָל נאָך אַכטונג געבן אויף עמעצנס אויסזען צי דער קוקן אויף עמעצנס הלבשה, וואָס מען האָט זיך אַליין דערפינדן, כדי זיך צו שיצן פון רעגן, וואָס קומט פון דער הייך, פון דער בלאָטע, וואָס קומט פון אונטן און פון דער קעלט, וואָס שטראָמט ווי אַ טײַך אומענדלעכקייט פון אַלע זייטן.

פעל פון חיות, גאַנצע באַלן קאָלדרעס, טיכער, לעדערנע היטלעך, פוטערנע און וואָלענע מיצלעך, גראָבע האַלדז-טיכער, פאַרוויקלט ביז איבערן מויל, אָדער ווי טורבאַנען, פאַרבונדענע איבערן קאָפּ, לייבלעך, סוויטערס, שפּענצערס, אויבער-מלבושים, איבערגעצויגענע מיט סמאָלע, גומע, קאַוטשוק, שוואַרצע אָדער פון אַלע אַנדערע מעגלעכע — אָפּגעבלאַקעוועטע — רעגנבויגן-קאָלירן פאַרהילן די דאַזיקע מענטשן, פאַרדעקן זייערע אוניפאָרמען אײַנײַנעם מיט זייערע פּנימער און מאַכן זיי אומגעהייער דיק און שווער. איינער האָט זיך אָנגעהאָנגען אויפן רוקן אַ ציראַטקע, מיט רויטע און ווייסע קוואַדראַטן, וואָס ער האָט מסתמא צוגענומען אויפן וועג אין עפּעס אַן עס-צימער: דאָס איז פּעפּין. מען דערקענט אים שוין פון דערווייטנס צוליב דער דאָזיקער אַרלעקין-שילד גיכער, ווי דורך זיין בלייכן ציפּאַשן-פּנים. אָט וועלבט זיך, אויף באַרקן ברוסט, אַ פון-קישעלע, וואָס איז פריער ראָז געווען און איצט איז עס אויסגעריבן און אָפּגעבלאַקעוועט פון רעגן און שמוץ. דער ריזיקער לאַמיז זעט אויס ווי אַ טורעם-רואינע באַקלעבט מיט צאַפּישן-רעשטלעך. דער קלייגער עידאָר, איינגעהילט ווי אין אַ פּאַנצער, מיט אַ גלאַנצעדיקן הויזן-שטאָף

עסקין), זעט אויס פון הינטן, ווי אַ לאַקירטער זשוק. און צווישן אַלע שיינט אַרויס ווי אַ הויפּטמאַן טילאַק, מיט זיין ציטרין-געלן ברוסט-קאַסטן.

דער העלם מאַכט אַלע אין אַ געוויסער מאָס איינפאָרמיק, אָבער דאָס אויך נישט איבעריק. דאָס רגילות אַרויפצוזעצן דעם העלם צי אויף אַ קעפּי, ווי ביקעט, צי אויף אַ פוטער-היטל, ווי קאַדילאַק,

צי אויף אַ וואָלן מיצל, ווי באַרקטוט — דאָס אַלץ ברענגט אַריין קאָמפּליקאַציעס פון פארשידנאַרטיקסטע מינים.

און אונדזערע פיס! נאָר וואָס בין איך אַריינגעקראָכן, אין צווייען געבויגן, אין אונדזער זיכער־הייל. אַ קליינער נידעריקער קעלער, אין וועלכן עס פּילט זיך אַ ריח פון שימל און פייכקייט, ווו מען פאַרטשעפּעט זיך כסדר אָן ליידיקע קאָנסערוון־שעכטלעך און ברודיקע שמאַטעס. עפּעס צוויי באַשעפענישן ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד, און אין ווינקל בּאַ אַ ליכט קניט עפּעס אַ געשטאַלט און גראַבלט אין אַ ברויט־זאַק... בעתן אַרויסקריכן, האָב איך, דורך דער פּירקאַנטיקער עפענונג, דערזען פאַר זיך פּיס. ליגנדיקע, שטייענדיקע, אויסגעבויגענע, אויסגעצויגענע, איינגעקורטשעטע, צונויפגעמישטע, — פאַרלייגן זיי דעם דורכגאַנג, און יעדער פאַרבייגייער שיט אויף זיי מיט טויטע קללות. זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ פּיל־פאַרביקע און פּיל־פאָרמיקע קאָלעקציע: געטרעס, שוואַרצע, געלע, הויכע און נידעריקע, פון לעדער, געגאַרבטע לייוונט, אָדער עפּעס אַן אַנדערן וואַסערדיכטן שטאָף: טונקל־בלויע וויקל־בענדער, העל־בלויע, שוואַרצע, רעזעדע, קאַקי אָדער העל־גרוי... נאָר וואָלפּאַט, דער איינאונאיינציקער, טראָגט נאָך די וויקל־בענדער פון דער מאָבּיליזאַציע צייט. מענכל אַנדרעי בייט שוין צוויי וואָכן אָנגעטאָן אין אַ פּאָר גרינע, דיקע וואָלענע זאָקן, סיכערטן אָבער, זעט מען שוין פון ווי לאַנג מיט אַ פּאָר וויקל־בענדער פון גרויען טוך, מיט ווייסע שטרייפן, וואָס שטאַמען פון אַ פּאָר ציוויל־הויזן, וואָס מי יודע ווו זיי זיינען ערגעץ געהאָנגען אין אָנהייב מלחמה.. מאַרטעכאָ ווידער, האָט וויקל־בענדער נישט ביידע פון דער זעלבער פאַרבּ; בעת ער האָט זיי צוגעשניטן, האָט ער נישט געקענט געפונען קיין צוויי פּאָלעס, וואָס זאָלן זיין גלייך שמוציק און גלייך אָפּגעניצט. עס זיינען פאַרהאַן פּיס איינגעוויקלטע אין שמאַטעס, אין צייטונגס־באָפּיר, אַרומגעדרייטע מיט שטריקלעך, אָדער, וואָס עס איז אַ סך ערגער,

טישער, מיט טעלעפאָן-דראָט. פּעפין פּראַנטעווע פאַר די חברים און פאַרבייגייער מיט אַ פּאָר געל-רויטע געטרעס, וואָס ער האָט אָפּגעצויגן פון אַ טויטן... באַרק, וואָס האַלט זיך פאַר אַ גאַנצן קנאַקער (סיילמאַל נעמט דער פאַרשוין גודזשען, אַז גאָט זאָל באַהיטן!) און גאָר וויכטיקע אייַנפאַלן, האָט גאָר ווייסע פּיס: כדי צו שוינען זייַנע קאַמאַשן, האָט ער זיי אַרומגעוויקלט מיט ווייסע באַנדאַזשן; דאָס דאָזיקע ווייסע, בײַ דער באָזע פון זייַן געשטאַלט, פּאַסט פּונקט צו צו זייַן באַגוועלן מיצל' וואָס שטאַרט אַרויס פון אונטער זייַן העלם און פון וואַנען עס הענגט אַראָפּ אַ געלער לאָק, ווי בײַ אַ קלאָון. פּאָטערלאָאָ שפּאַנט אַרום שוין אַ חודש צייט אין אַ שטיוול פון אַ דייטשישן אינפאַנטעריסט; דאָס זייַנען אַ פּאָר שייַנע, כמעט נאָך נייע שטיוול, מיט אײַזערנע פּאָדקאָוועס אויפן אָפּצאַס. קאַראָן האָט זיי אים אָנפאַרטרויט בעת מען האָט אים אָפּגעשיקט צוליב זייַן אָרעם. קאַראָן גופא האָט זיי צוגענומען בײַ אַ בײַערישן מיטראַליער, וואָס איז אומגעקומען אויפן שאָסיי פון פּילאָן. קאַראָן שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן, ווי ער דערציילט די געשיכטע:

— יאָ, גוטער ברודער, דער בחור איז אַזוי געלעגן איינגעפּרעסטערהייט, מיטן הינטערשטן חלק אין אַ לאָך, מיט די פּיס אין דער לופטן — קוקט ער אַזוי אין הימל-אַריין. ער האָט געוויזן די שטיוועלעך זייַנע, ווי אײַנער זאָגט: עס לוינט. „זייער גוט" — טראַכט איך מיר. הייבט זיך ערשט אָן אַן עסק די שטיוול אויסצוטון! איך האָב זיך אָנגעהאָרעוועט, געצויגן, געדרייט, געשאָקלט אַ האַלבע שעה צייט, זאָלן מיר אַלע אַזוי געזונט זייַן... עס גייט נישט; ער, איין פרייער, מיט די פאַרשטאַרטע לעפל, האָט נישט צוגעהאָלפן. איך צי און איך צי, ביז צו מזל, איך שלעפּ אַרויס די שטיוול פון ליים און דער גאַנצער בר-מנן שלעפּט זיך נאָך זיי. מיט-אַמאָל בלייב איך שטיין מיט פולע שטיוול אין בײַדע לאַפּעס. מען האָט ערשט געמוזט אַרויסנעמען פון אינעווייניק די פּיס.

— האקסט א ביסל א טשייניק!...

— פרעג דעם ציקליסט עיטערפ, צי עס איז נישט אמת. ער האָט מיר צוגעהאָלפן אין דער מלאכה: מען האָט אַריינגערוקט די לאַפּעטעס אין די שטיוול אַריין און אַרויסגעצויגן בייבער, פּיצלעך שקאַרפּעטקע און שטיקלעך פלייש, אָבער טו אַ קוק, צי עס האָט זיך געלוינט דאָס עסק!

...און ביז קאַראַן וועט צוריקקומען, טראָגט דערווייל אויף זיין אָרט פּאַטערלאַאַ די שטיוול, וואָס דער בייערישער מיטראַליער האָט נישט אָפּגעטראָגן.

אַזוי טוט מען זיך אַן עצה, כדי בייצוקומען די שרעקלעכסטע אומבאַקוועמלעכקייטן. יעדער לויט זיין דערפינדונגס-גייסט, זיין ריירעוודיקייט, זיין מעגלעכקייט און דרייסטקייט. יעדער, ווען מען קוקט אים אָן, איז זיך, דאכט זיך, מודה: „דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב באַוויזן, געקאָנט, געוואָגט צו טון אין דעם גרויסן עלנט, ווו איך בין אַריינגעפאַלן".

מענעל זשאָזעף דרימלט, בלער גענעצט, מאַרטענאָ רייכערט פּאַרגאַפּעטערהייט. לאַמיז קראַצט זיך ווי אַ גאָריל און עידאָר, ווי אַ זייד-מאַלפּע. וואָלפּאַט הוסט און זאָגט: „איך וועל פגרן". מענעל אַנדרעי האָט אַרויסגענומען זיין שפּיגעלע מיטן קאַם און פּוצט און צערטלט זיין שיינע טונקעלע באָרד, ווי עפּעס אַ זעלטענע פלאַנץ. די מאָנאָטאָנע שטילקייט ווערט צייטנווייז פלוצלינג איבערגעריסן דורך אַ פאַרעקשנט זשומען, וואָס קומט אַרויס דורך דער כראָנישער אָנוועזנדיקייט פון אָנשטעקנדיקע פּאַראַזיטן.

באַרק, וועלכער האָט ליב צו אָבסערווירן, קוקט זיך פאַר-דמיונט אַרום, נעמט פון מויל אַרויס די פּייקע, שפּייט אויס! טוט אַ חונק מיטן אויג און זאָגט:

— בנאמנות, מען דערקענט זיך אַליין נישט!

— ווי זאָל מען זיך דערקענען? — זאָגט דעריוף לאַטיז — דאָס וואָלט דאָך געווען אַ נס.

* * *

אונדזער עלטער? מיר זיינען פון אַלע עלטערס, אונדזער פאָלק איז אַ רעזערוו-פאָלק, וואָס ווערט כסדר דערגענצט דורך פאַרשטאַרקונגען, טיילווייז דורך אַקטיוו מיליטער, טיילווייז דורכן זאַפּאַס. אין דער איינער האַלב-סעקציע זיינען דאָ פון לאַנדווער-זאַפּאַס אויך אינגאַנצן גרינע, אָדער האַלב-אויסגעגרינטע. בלער וואָלט געקענט זיין ביקעטס פאָטער, וואָס אַליין איז ער אַ שנעקל פון 13-טן יאָרגאַנג. דער קאַפּראַל רופט מאַטעראַן „זיידע", אָדער „אַלטע הורבה", אָפּהענגיק דערפון, צי ער וויצלט זיך, אָדער רעדט ערנסט. טעניל זשאָזעף וואָלט אַצינד געזעסן אין קאַזאַרמע, ווען עס זאָל נישט זיין מלחמה. עס מאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק, ווען מיר לאָזן זיך פירן פון אונדזער סערזשאַנט וויזשיל, אַ קליין באַחנט בחורל, וואָס אַ פּאָר ווייכע הערעלעך שפּראָצן אים קוים אויף דער אייבערשטער ליפּ, און נאָך נישט לאַנג צוריק, ווען מיר זיינען געשטאַנען אויף דער לעצטער קוואַרטיר, האָט ער זיך צוזאַמען מיט קליינע מיידלעך געשפּילט אין טאַנצן איבער אַ שטריק. אין דער דאָזיקער צונויפגעשלעפּטער גרופּע, אין דער דאָזיקער משפּחה אָן קרובֿעשאַפֿט, אין דער דאָזיקער היים, אָן אַ היים זיצן איינס לעבן דאָס אַנדערע דריי דורות און לעבן, וואַרטן, זיינען אומבאַוועגלעך, ווי אומפּאָרמיקע סטאַטוען, ווי וויאָרסטן-שטיינער.

אונדזערע ראַסן? מיר זיינען פון אַלע ראַסן. מיר קומען פון אומעטום. איך באַטראַכט מיר אַזוי מיינע צוויי נאָנטסטע שכנים: פּאַטערלאָאָ, אַ גרובן-אַרבעטער פון קאַליאָן, איז ראָזלעך אויפן פּנים, האָט שטרוי-געלע ברעמען און פלאַקס-בלויע אויגן; פאַר זיין גרויסן גאָלד-בלאָנדן שיידל האָט מען געמוזט אַ לאַנגע צייט זוכן

אין די מאַגאַזינען די אומגעהייערע בלויע שיסל — זיין איצטיקן העלם. פוייאַד ווידער, אַ שיפּס-מאַן פון סעט, גלאַצט מיט זיינע טייוולאָנישע אויגן, וואָס שטעקן אין זיין פידל-בראָנעם פּנים, מיט איינגעפאַלענע באַקן. מיינע ביידע שכנים אונטערשיידן זיך איינער פון צווייטן, ווי טאָג פון נאַכט.

איך נישט וויניקער איז דער קאָנטראַסט צווישן קאָקאָן, אַ טרוקענעם אויסגעצויגענעם לולב, אין ברילן, מיט אַ פאַרוועלקטן פּנים, צעפּרעסן פון די גרויסשטאָטישע מיאוסמען און צווישן ביע-קערטן — אַ רויען, נישט-געשליפענעם ברעטאָנער, מיט אַ גרוי פּנים און קינבאַקן, ווי די פלאַסטער-שטיינער. און אַנדרעי מעניל, אַ גע-מיטלעכער אַפּטייקער פון אַ נאָרמאַנדישער אונטער-פּרעפעקטור, מיט אַן איידעלער שיינער באָרד, אַ מענטש, וואָס האָט ליב אַ סך און שיין צו רעדן האָט נישט קיין גרויסע שייכות מיט לאַמיזן, אַ פעטן פּייער פון פּואַסו, מיט באַקן, ווי די פויסטן און אַ קאַרק פון אַן אָקס. באַרק וואָס האָט מיט זיינע לאַנגע פיס דורכגעמאָסטן אין דער לענג און ברייט אַלע פּאַריזער גאַסן, האָט אַ פּאַרשטאָטישן אַקצענט, און די פון 8-טן לאַנדווער, האָבן אַ זינגענדיקע, כמעט אַ בעלגישע צפון-אויסשפּראַך; עס מישט זיך צונויף די קלינגענדיקע שפּראַך פון די פון 144-טן, וואָס קייקלט זיך איבער די זילבן, ווי איבער בריק-שטיינער, מיטן זשאַרגאָן פון די אָווערניסטן פון 124-טן, וואָס ציען מיך צו קעגנזייטיק, ווי די מוראַשקעס און בילדן צווישן אַלע באַזונדערע גרופּקעלעך. איך דערמאָן מיך נאָך די ערשטע ווערטער פון וויציקן מירעט, בעת ער האָט זיך פאָרגעשטעלט:

„איך קינדערלעך, איך בין פון קלישי-לאַ-גאַרען, וואָס נאָך מער זאָגן ?" און דאָס ערשטע באַקלאָגן זיך, וואָס האָט פּאַראַדיזן דער-בענטערט צו מיר: „זע פּאַפּן אָף מער, ווייל איך בין פון מאַרוואַנדיאָ"...

אונדזערע פּאַכן? איך פון כל־ע מינים. אין די פאַרשוווּנדענע צייטן, העט יעדער פון אונדז האָט נאָך פאַרנומען אַ געוויסע סאָציאַלע

שטעלונג, אין די צייטן איידער מיר זיינען אהערגעקומען באַ-
גראָבן אונדזער צוקונפט אין די קראַט-לעכער, וואָס ווערן פאַר-
שאָטן דורך רעגן און קוילן און וועלכע מען מוז אומהויפהער-
לעך צורעכטמאַכן — וואָס זיינען מיר געווען? צום גרעסטן טייל
פויערים און אַרבעטער. לאַמיז איז געווען אַ פאַראָבעק אין אַ פאַרם,
פּאַראַדיז — אַ פורמאַן, קאַדילאַק, וואָס זיין קינדערישער העלם
שאָקלט זיך איבער זיין שפּיציקן שיידל, — ווי אַ קופּאָל איבער
אַ גלאָקן-טורם, — זאָגט טירעט — איז אַליין אַ גוטבאַזיצער, דער פּאָ-
טער בלער איז געווען אַ פאַכטער און דער ברי באַרק איז געווען
אַ שיק-יונגל, און אויף זיין דריירעדערדיק וועגעלע באַוויזן אַק-
ראָבאַטישע שטיק צווישן די פּאַריזער טראַמווייען און טאַקסימעטערן,
שעלטנדיק דערביי — לויט זיינע אייגענע ווערטער — אויף די
גאַסן און פּלעצער דעם צעריצטן הינערשטעל פון פיסגייער. דער
קאַפּראַל בערטראַן, וואָס האַלט זיך תמיד אַ ביסל פון דערווייטנס,
העפלעך און שווייגנדיק, מיט זיין רעגלמעסיק מענלעך פּנים, מיט
זיין גראַדן בליק — איז געווען אַ ווערקפירער אין אַ רויכן-פאַבריק.
טיכלואַר איז געווען אַ וואָגן-שמירער. טילאַק האָט געהאַלטן אַ איין-
שענקל אין „באַריער די טראָן" און עידאַר, דער מיטן מילדן און
בלייכן פּנים, האָט געהאַט אין עק שאָסיי, נישט ווייט פון איצטיקן
פראָנט, אַ קרעטשמע; זי איז געוואָרן צעשעדיקט דורך גראַנאַטן —
נאַטירלעך, חייל עידאַר, ווי באַקאַנט, האָט נישט קיין מזל.
מעניל אַנדרעי, וואָס האַלט זיך נאָך אַ ביסל אין אָרדנונג און קעמט
נאָך זיינע האָר, האָט פאַרקויפט סאָדע און נאָך עפּעס אַזעלכע זיכערע
מיטלען (אויף אַ גרויסן פּלאַץ); זיין ברודער זשאָזעף האָט פאַר-
קויפט צייטונגען און אילוסטרירטע ראָמאַנען אין אַ וואָקזאַל פון
מלוכהשע באַנען; קאָקאָן ווידער, דער ציפער-מענטש, דער צווי-
בענדלדיקער, האָט זיך ווייט פון דאַנען, אין ליאָן, באַשעפטיקט
אין אַן אייזן-קראָם, אַנגעטאָן אין אַ שוואַרצער בלוזע, און געהאַט

בלייפאַרביקע, גלאַנצעדיקע הענט. בעקיוו אַדאָלף און פאָטערלאַאַ
זיינען יעדן טאָג, באַגינען, אונטערן אָרימען שיינדל פון זייער
לאַמטערן, אַראָפגעשטיגן אין די צפונדיקע קוילן-גרובנס.

עס זיינען נאָך דאָ אַנדערע, וואָס מען קען זיך קיינמאָל נישט
דערמאָנען זייער פּראָפעסיע און וואָס מען פאַרבייט איינעם מיטן
צווייטן; און אַצינד די אַרומשלעפער, וואָס טראָגן מיט זיך אין זיי-
ער רוקן-זאַק צען מלאכות אויף אַ מאָל, נישט אַריינרעכענעדיק דעם
פאַרדעכטיקן פעפען, וואָס האָט, דאַכט זיך, אינגאַנצן נישט קיין פאַך
(וואָס מען ווייסט פון אים, איז, אַז מיט דריי חדשים צוריק, האָט
ער, נאָך זיין געזונט ווערן, חתונה געהאַט, כּדי... צו קריגן די רע-
גירונגס-שטיצע פאַר רעזערוויסטקעס).

פרייע פּראָפעסיעס זיינען אין מיין סביבה נישטאָ. לערער
זיינען אונטער-אָפיצירן אין דער קאָמפּאַניע, אָדער סאַניטאַרן. איינער
פון מאַריסטן-אָרדן געפינט זיך אין פאָלק אַלס סאַניטאַר-סערזשאַנט;
איינער, אַ טענאָר, איז דעם מאַיאָרס אַ ציקליסט; אַן אַדוואָקאַט איז
סעקרעטאַר באַם פאָלקאָווניק; אַ רענטיער איז קיך-קאַפּראַל אין דער
פאַרוואַלטונגס-קאָמפּאַניע. באַ אונדז איז נישטאָ קיין זכר פון דעם אַלעם.
קען פינדיקע פראָנט-זעלנער זיינען נאָר מיר אַלע; עס זיינען כמעט
נישטאָ קיין אינטעליגענטן, אַרטיסטן אָדער רייכע, וואָס זאָלן בעת
דער דאָזיקער מלחמה האָבן איינגעשטעלט זייערע פנימער אין דער
שיס-רייע, העכסטנס פאַרבייגייענדיק, אָדער מיט אַ ראַנג-בענדל אויפן
קאַפּטער.

יאָ, אמת, מען איז שטאַרק פאַרשידן איינער פון אַנדערן, אָבער
דאָך איז מען ענלעך צו זיך.

נישט קוקנדיק אויף אונדזער פאַרשידנאַרטיקע עלטער, אָפּ-
שטאַמונג, בילדונג, געזעלשאַפטלעכע שטעלונג, נישט קוקנדיק אויף
דעם אַלעם, וואָס אונדז האָט אַמאָל ווי אַן אָפּגרונט אָפּגעטיילט איי-
נעם פון צווייטן, זיינען מיר דאָך אַלע, אין תוך גענומען, ענלעך צו

זיך. אונטער דעם זעלבן פאַרגרעבטן סידלעט פאַרבאָרגן זיך אויך ווייזן זיך אַרויס די גלייכע געוווינהייטן, די גלייכע מידות. דער גלייכער פאַרײנפאַכטער כאַראַקטער פון מענטשן, וואָס זיינען צוריקגעקומען צו זייער פרימיטיוון צושטאַנד.

דער גלייכער אופן פון רעדן, אַ געמיש פון וואַרשטאַט־ און קאַזאַרמע־זשאַרגאָן און פון פאַרשידענע דיאַלעקטן, צוגעפּעפּערט מיט ביי־געשאַפענע אויסדריקן — אָט דאָס דאָזיקע לשון שמעלצט אונדז צונויף ווי אַ בריי מיט די אַנדערע קאָמפּאַקטע מענטשן־מחנות, וואָס שוין חדשים־לאַנג ליידיקט זיך אויס פון זיי פראַנקרייך, כדי זיי צונויפצוזאַמלען דאָ, אויפן צפון־מזרח.

חוץ דעם, צוזאַמענגעבונדן דורכן אומפאַרמיידלעכן גורל, אַוועקגעשטעלטע, קעגן אונדזער ווילן, דורך דער געוואַלטיקער אַוואַנטורע, אין דער זעלביקער לאַגע, מוזן מיר דאָך אין משך פון וואָכן און חדשים ווערן צו זיך ענלעך. די שרעקלעכע ענגשאַפט פון אונדזער בשותּפותדיק לעבן פרעסט אונדז, צעקוועטשט אונדז און מעקט אָפּ יעדן אונטערשייד. עס איז אַ מין פאַטאַלע אָנ־שטעקעוודיקייט. אַזוי איז איין זעלנער ענלעך צום צווייטן, און עס איז צומאָל נישט נייטיק, כדי צו האָבן דעם דאָזיקן איינדרוק, צו קוקן אויף זיי פון ווייטן, פון אַ מהלך, ווו מיר זען אויס נישט מער ווי שטויב־פּיצעלעך וואָס בלאָנקען אויפן פלאַכן שטח.

* *

*

מען וואַרט. מען ווערט מיד זיצנדיק: שטייט מען אויף. די געלענקן צעציִען זיך מיט אַ סקריפּ, ווי האָלץ, וואָס פּלאַצט, אָדער ווי אַלטע זאַוויאַסעס: פּונקט ווי די ביקסן ווערן די מענטשן פאַר־זשאַווערט פון דער פייכטקייט, פאַמעלעכער, דערפאַר אָבער גרינט־לעכער. און ווידער נעמט מען וואַרטן, אויף אַן אַנדערן אופן.

מען וואַרט כּסדר, ווען עס איז מלחמה-צושטאַנד. מיר זייַנען געוואָרן וואַרט-מאַשינען.

אין איצטיקן מאָמענט וואַרט מען גראָד אויף דער זופּ. דער-נאָך וועט מען וואַרטן אויף ברױט. אָבער איטלעכע זאַך אין זײַן צייט: מען וועט שוין זייַן פאַרטיק מיט דער זופּ, וועט מען נעמען קלערן וועגן די ברױט. שפּעטער וועט מען וואַרטן ווידער אויף עפּעס אַנדערש.

הונגער און דורשט דאָס זײַנען טיפע אינסטינקטן, וואָס האָבן אַ מעכטיקן איינפלוס אויפן גייסטיקן צושטאַנד פון מייַנע חברים. אַזוי ווי די זופּ פאַרשפּעטיקט זיך, נעמט מען זיך באַקלאָגן און מען ווערט בייז. דאָס באַדערפעניש עפּעס צו עסן און טרינקען קריכט זיי פון מויל אַרויס מיט אַ מרוקען:

— שוין אַכטע. ביסט אַ מבין, ווי מען קומט גישט מיטן ביסל שוועקעכץ?

— בנאמנות, פון נעכטן צוועלף אָן, האָב איך נאָך גאָרנישט אין מיין מויל געהאַט — וואָרטשעט לאַמיז. פון דורשט זייַנען זייַנע אויגן פייכט און זייַנע באַקן זען אויס, ווי רויטע פענעצלעך קיט.

די אומצופרידנהייט ווערט שטאַרקער פון מינוט צו מינוט:

פלימע האָט אוודאי אַ זופּ געטון פון מיין פעלדפלאַש, ווייל ער האָט באַדאַרפט ברענגען אַ ביסל משקה, און ליגט מסתמא ערגעץ טויט-שכּור.

— זיכער אַזוי — מייַנט אויך מאַרטעראַ.

— אַ חברה הולטייעס, גנידעס, די דאָזיקע שמשים-באַנדע! רייסט זיך טיכלואַר. — אַ געמיינע כּנופיה! פרעסער, זויפער! שלעפּט זיך אַ גאַנצן טאָג אַרום הינטערן פראָנט און עס איז קרענק צו קומען צו דער צייט. הערסט, ווען איך בין אַזוי בעל-הבית, שיק איך זיי דאָ אַהער אַ ביסל אין אָקאָפּע אויף אונדזער אָרט, און זאָלן זיי סטענקען! ראשית, וואָלט איך געמאַכט, אַז יעדער איינ-

ציקער, לויט דער ריי נאָך, האָט זיין איינמאָל אויסגעשמירט מיט בלאָטע און איינמאָל קוכער. פאַרשטייט זיך, ווער עס האָט חשק דערצו... און דערנאָך...

— איך בין זיכער, איך — שרייט קאָקאָן, — אַז אין אַלעמען איז שולדיק די דאָזיקע נבלה, פעפער. ער טוט עס מיט אַ ציון, און חוץ דעם קען מען אים גאָרנישט אינדערפרי פון בעט אַרויס-קריגן, דאָס נעבעכל. די דאָזיקע לויז מוז שלאָפן גאַנצע צען שעה, פונקט ווי אַ קינד בײַ דער ברוסט. אויב נישט, פילט זיך דער העַר שוואַך איבערן גאַנצן טאָג.

— איך וואָלט אים געוויזן! — שפּרינגט לאַמיז פון דער הויט. — איר וואָלט געמעגט זען, ווי איך וואָלט אים פון בעט אַרויס-געכאַפּט, ווען איך דערטאַפּ אים אַזוי. אַ פּלאַם אין פּרצוף און אַ גע-זעמס אין קאָפּ אַריין...

— מיט אַ פּאָר טעג צוריק — זאָגט ווייטער קאָקאָן — האָב איך מיר אַזוי גאָכגערעכנט: זיבן שעה מיט זיבן און פערציק מי-נוט האָט בײַ מיר געדויערט דער וועג פון דער 37-טער אָקאָפּע ביז אַהער. סך-הכּל דאַרף עס דויערן אַ גוטע פינף שעה, אָבער נישט מער.

קאָקאָן איז אַ ציפּער-מענטש. ער איז אַ גייציקער ליבהאָבער פון פינקטלעכע באַווייזן. אומעטום שטעקט ער אַריין די נאָז, צי עס שמעקט נישט עפּעס מיט סטאַטיסטיק און שאַרט בײַלד אָן גאַנצע הויפנס, אויב עמעץ איז נאָר געדולדיק אים אויסצוהערן. אין איצטיקן אויגנבליק, בעת ער וואַרפט זיך מיט צאָלן, — ווי מיט אַ געווער, איז זיין פאַרוועלקט פנים, וואָס באַשטייט פון לויטער קאַנטן, דריי-עקן און ווינקלען, און איז פאַרהאָנגען מיט צוויי קיילעכדיקע ברילן-גלעזער, איינגעקאָרטשעט פון שנאה.

ער גייט אַרויף אויפן שיס-ברעטל, וואָס שטאַמט נאָך פון דער צייט, ווען עס איז דאָ געווען די ערשטע ליניע, און שטעקט מיט

פּעס אַרויס דעם קאָפּ איבערן אָנלען. אין דעם דינעם ליכט פון אַ קאַלטן ליכט-שטראַל, וואָס קריכט אויף דער ערד, זעט מען גלאַנצן זיינע ברילן-גלעזער און אויך אַ טראָפּן, וואָס הענגט אים, ווי אַ דימענט, פון דער נאָז אַראָפּ.

— בכלל, מיטן דאָזיקן פּעפּער, גיי רעד פון אַ לעכערדיקן זאַך! עס האָט גאָר קיין שיעור נישט, וויפיל קילאָ ער לאָזט אַראָפּ אין זיין טשעמאָדאַנטשיק אַריין בלויז אין משך פון איין טאָג.

דער אַלטער בלעי „רייכערט" אין זיין ווינקל. דערביי ציטערט אים זיין געדיכטע וואָנסע, וואָס איז ווייסלעך, און הענגט אַראָפּ ווי אַ ביינערנע קאַם:

— ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? דער זופּן-שמש, דאָס איז דער אמתער חזיר-טיפּ. זיי טראַכטן זיך: איך פּייף אין זיי אַריין. לעק מיר ס'ל..., קריג די בראָך עט קאָמפּ.

— זיי אַלע זיינען פון מיסט אַרויסגעקראָכן — זיפּצט עידאָר, טיף איבערגעצייגט. ער ליגט, ווי אַ מאַרטירער אויסגעצויגן אויף דער ערד; דאָס מויל האַלב-אָפן און קוקט פאַרשטאַרט נאָך פּעפּינען, וועלכער דרייט זיך אַהין-און-אַהער, ווי אַ היענע.

די גיפטיקע פאַרביטערונג קעגן די פאַרשפּעטיקטע שטייגט און שטייגט.

טיכלואַר, דער כעסן, וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן. ער רוט נישט. ער צערייצט און צעקאָכט נאָך שטאַרקער דעם אַרומיקן כעס דורך זיינע קליינע, שפּיציקע זשעסטן:

— מילא, וואָלט עס כאָטש געהאַט נאָך עפּעס אַ טעם! און דאָ וועט עס ווידער זיין אַ ביסל פּאָמיעס, און שטופּ דיר אָן דערמיט דעם גאָרגל.

— און דאָס געבראָטנס, מישטיינס געזאָגט, מיט וועלכן מען האָט אונדז נעכטן מכבד געווען, האַרט ווי אַ שליפשטיין! אַ רינד-ביפשטיק? אַ גומע-ביפשטיק, אָט זעסטו, דאָס שוין גיכער. איך זאָג

צו דער חברה: „טוט אַכטונג: גייט נישט צו גיך: איר קענט זיך נאָך די דאָמינעס צעברעכן; דער שוסטער האָט דאָך געקענט פאַרגעסן אַ שפּאָל אַרויסצונעמען פון דער פּאָדעשווע!”

די היציקע רעדע פון טיכערט — דאַכט זיך אַ געוועזענער רעזשיסער פון אַ קינאָ-טרופּע — וואָלט בײַ אַנדערע אומשטענדן אַרויסגערופן אַ געלעכטער; אָבער דער עולם איז געווען אויפגערייצט, און דער דאָזיקער וויץ האָט נאָך פאַרגרעסערט אַלעמענס כעס.

— אַן אַנדערשט מאָל, זאָלסטו נישט האָבן קיין תּרעומות, אַז עס איז צו האַרט, רוקן זיי דיר אונטער אַ ווייך שטיקל פלייש: אַ שוואָם אָן אַ טעם, אַ ריינע קאַטאַפּלאַזמע, טוסט אַ בייס אײַן, האָסט אַ פול מויל מיט וואַסער, נישט עפּעס אַנדערש.

— דאָס אַלץ — זאָגט לאַמיז — האָט נישט קיין ממשות, עס האַלט זיך נישט אין פּיפּעק. עס דאַכט זיך דיר, ביסט פול, אָבער אין אמתן האָסטו אַ ליידיקן קעלער. ביסלעכווייז גייסטו אויס צוליב מאַנגל אין נאַרונג.

— צום קינפטיקן מאָל — שרייט ביקעט, אויסער זיך, — וועל איך פאָדערן מען זאָל מיך צולאָזן צום אַלטן. איך וועל אים זאָגן: „הער קאַפּיטאַן...”

— איך — זאָגט באַרק — איך מעלד מיך קראַנק, און זאָג דעם דאָקטאָר: „הער מאַיאָר...”

— וועסט אַפילו קריכן אויף די גלייכע ווענט, וועט דיר אויך נישט העלפן. זיי זײַנען אַלע יד-אחת, כּדי אויסצוניצן אונדזערע ברידער.

— איך זאָג דיר, אַז זיי ווילן אונדזער הויט, זאָג איך דיר!

— פּונקט ווי מיטן שנאַפּס. מיר האָבן דאָס רעכט מען זאָל עס אונדז פאַרטיילן אין די אָקאָפּעס — דאָס איז ערגעץ אָפּגעשטימט געוואָרן, איך ווייס נישט ווען און ווו, אָבער איך ווייס עס

אויף זיכער — און אָט זײַנען מיר שוין דאָ דרײַ טעג, און מיר קריגן אַ קדחת.

— אַ בייז לעבן!

*   *
*

— עס גייט די פּאַפּע! — מעלדעט איינער, וואָס האָט גע־טשאַטעוועט בײַם אויסבייג.

— שוין צייט, דאַכט זיך!

און דער שטורעם פון טענות און העפטיקע זידלערייען הערט אויף מיט אַמאָל, ווי דורך אַ כישוף. מען זעט באַשײַנפּערלעך, ווי זייער כעס פאַרוואַנדלט זיך אין צופרידנהייט.

דרײַ מייל פון דער קיך־אָפּטיילונג, פּאַרסאַפּעטע, מיט פאַרשוויצ־טע פּנימער, שטעלן זיי אַוועק אויף דר'ערד דרײַ גרויסע קאַנען, איין נאַפּט־באַנקע, צוויי ליידיקע אַקאָווּנקעס און אַ שטאַנג מיט אויפגעשפּיז־טע קײַלעכלעך. זיי לעגן זיך אָן דער וואַנט פון גרובן און ווישן זיך ס'פּנים מיט זייערע נאָז־טיכלעך, אָדער מיט די אַרבל. כ'זע ווי קאָקאָן דערנעענטערט זיך צו פּעפּינען מיט אַ שמייכל. ער האָט שוין פאַרגעסן די אַלע באַליידיקונגען, וואָס ער האָט פריִער געשיקט אויף פּעפּערס אַדרעס, און שטרעקט אויס, חבריש, זײַן האַנט, צו איינער פון די קאָלעקציע פעלד־פלאַשן, וואָס הענגען אַרום פּעפּערס בויך, ווי אַ רעטונגס־גאַרטל.

— וואָס איז דאָ צו האַקן?

— דאָ שטייט — ענטפערט אויסמײַדנדיק דער צווייטער טרעגער.

די דערפאַרונג האָט אים אויסגעלערנט, אַז דאָס אויסרעכענען די מאכלים רופט שטענדיק אַרויס אַ ביטערע אַנטוישונג...

און גאָך אַ פּאַרסאַפּעטער, שיט ער מיט קללות, צוליב דעם לאַנגן און שווערן וועג, וואָס ער האָט גאָר וואָס דורכגעמאַכט: „זיי

ליגן אומעטום, ווי די בעדואינער! קוים וואָס מען שטופּט זיך דורך. טיילמאָל מוז מען זיין דין ווי פּליס-פּאַפּיר״ ... „נאָך דאָ אַ זעלכע וואָס מיינען, אַז בײַ דער קיך איז מען זיכער ווי אונטער דער מאַמעס פֿאַרטוך!...״ בקיצור, לויט זיין מיינונג, וויל ער טויזנט מאָל בעסער זיין מיט דער קאָמפּאַניע און ליגן אין אָקאָפּע, אָדער שטיין אויף וואַך-פּאָסט, איידער צו טון די דאָזיקע פֿאַרשאָלטענע אַרבעט צוויי מאָל אין טאָג און צוויי מאָל אין דער נאַכט!

פֿאַראַדיז האָט אונטערגעהויבן די צודעקן פֿון די קאַנען און אַרייַנגעקוקט אינעווייניק:

— ווייַנבאָנען, געקאָכטע לעדער און אַ ביסל באַברייעכץ. דאָס איז אַלץ.

— דער טייוול זאָל עס נעמען! און דער ווייַן ווו איז? — שרייט טילאַק. ער רופֿט אַלעמען צונויף.

— זעטס נאָר, — קומטס נאָר אַהער! דאָס גייט שוין איבער אַלץ, דאָס! מ'פֿייפֿט אונדז אָן דעם ווייַן!

אַלע, דורשטיקע, קומען זיך צונויף מיט בייזע פּנימער.

— ס'זאָל זיי שטינקען פֿון די געהירן! (merde alora) — אַלע זייַנען אַנטוישט ביז אין דער טיפֿעניש פֿון זייערע געדערעם.

— און דאָס, וואָס איז דאָ?! — זאָגט איינער פֿון די טרעגער, אַ רויטער און פֿאַרשוויצטער, ווייַזנדיק מיטן פֿוס אויף אַן עמער.

— אמת טאַקע — זאָגט פֿאַראַדיז. — כ'האָב אַ טעות געהאַט. ס'איז דאָ ווייַן.

— טערכענער! — זאָגט איינער פֿון די טרעגער. ער ציקט מיט די אַקסלען און שיקט אים אַ שאַרפֿן בליק פֿול מיט פֿאַראַכטונג.

— נעם דיר די אויגן אין דער האַנט אַרייַן, אויב ביסט בלינד!

דערנאָך רויקער:

— יעדערן אַ קוואַטירל... ס'וועט אפֿשר אויסמאַכן אַ קאַפּ ווינציקער; אין וואַלד האָט זיך אָן מיר אָנגעקלאַפּט עפּעס אַ משלחת.

און ס'איז א טראָפּן אויסגעגאָסן געוואָרן... און כהרף-עין גיט ער צו מיט א העכערן טאָן: ווען כ'האָב נישט ביידע הענט פאַרלייגט, הערסטו, וואָלט ער פון מיר געכאַפּט מיטן פוס א יאָג אין בויך אַריין! ער האָט זיך אָבער גאָר גיך אָפּגעטראָגן, די בהמה!

נישט קוקנדיק אויף דער דאָזיקער ענערגישער פאַרזיכערונג, רוקט ער זיך גאַנץ שטיל אָפּ, באַגלייט מיט קללות — פול מיט אָנצוהערענישן אויפן חשבון פון זיין אויפריכטיקייט און ניכטערקייט — צוליב דער דאָזיקער מעשה וועגן דער פאַרקלענערטער וויין-פּאָרציע.

דערווייל כאַפּט מען זיך צו דער אַכילה, און מען עסט שטייענדיק, איינגעקורטשעט, קניענדיק, זיצנדיק אויף א קאַן אָדער אויפן ראַניעץ, וואָס מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון שלאָף-לאָך; אַנדערע ליגן אויפן גאָלן באָדן, דעם רוקן פאַרגראָבן אין דער ערד; זיי ווערן כסדר געשטערט דורך פאַרבייגייענדיקע, וואָס שעלטן זיי, און זיי, ווידער, שעלטן צוריק. חוץ דעם איבערווערטלען זיך, רעדט מען קיין וואָרט נישט, ווייל מען איז אינגאַנצן פאַרטיפט אין עסן. דערביי טריפט זיי דאָס פעטס פון מויל, ווי פון אונטער-שלאָס פון א ביקס.

זיי זיינען צופרידן.

באַלד אָבער ווי די קינבאַקן שטעלן זיך אָפּ, הייבט מען אָן רעדן נבול-פה און ביליקע וויצן. איינער שטויסט דעם אַנדערן, איינער שרייט איבער דעם אַנדערן, איינער רייסט איבער דעם אַנדערנס רייד און פאַלט אַריין מיט זיין אייגענעם וויץ. פאַרפאַדעט שמייכלט, פאַרפאַדעט, דאָס דאָזיקע שוואַכלעכע מאַגיסטראַט-שרייבערל, וואָס אין אָנהייב האָט ער זיך געהאַלטן אין דער מעלה און איז געווען אַזוי ריין, אַז ער איז בא אונדז אָנגעגאַנגען פאַר א פרעמדן אָדער רעקאָנוואַלעסצענט. לאַמיז צעציט און עפנט ברייט זיין תאווהדיק מויל, די אויגן גייען אים אָזש איבער פאַר שמחה; פּאָטערלאָ-רויס פּנים ווערט ברייט און עפנט זיך ווי א פּיוואָניע; די פּנים-

קנייטשן פון אַלטן בלער ציטערן פון אויסגעלאַסנקייט; ער איז אויפ־געשטאַנען, שטרעקט אויס דעם קאָפּ און שאָקלט זיין לאַנגן אויס־בעצויגענעם קערפּער, וואָס זעט אויס אינגאַנצן ווי אַ הינטל פון זיין מעכטיקער, אָפּגעהאַנגענער וואָנסע; אַפילו דאָס קליינטשיקע צעקנייטשטע פּנימל פון אָרימען קאַקאַן לעבט אויך אויף.

*   *

*

— זאָגט נאָר, מ'וועט אונדז גאָרנישט אָנוואַרמען? — פרעגט בעקיוו.

— מיט וואָס, וועסט אפשר אַרויפהויכן?

בעקיוו, וואָס האָט ליב הייסע קאַווע, זאָגט:

— דאָס איז שוין מיין זאַך. ס'איז גאָרנישט אַזאַ שווערע מעשה. בויטס מיר נאָר אויף דאָ אַ קליינטשיק קעכל פון אונדזערע באַיאָנעטן־שיידלעך. פאַר האָלץ האָט עץ אָפּגעזאָרגט. איך גיי כאַפּן אַ פּאָר שפּענדלעך מיט מיין מעסער, ס'וועט שוין גענוג זיין אָנצו־וואַרעמען אַ קעסעלע. צ'וועט שוין זען.

ער גייט אַרויס אויף אַ האָלץ־יאַגד.

וואַרטנדיק אויף דער קאַווע, דרייט מען דערווייל אַ ציגאַרעטל, מען שטופּט אַ פייקע.

מען נעמט אַרויס די טאַבאַק־בייטלען, טייל האָבן לעדערנע בייטלען, טייל גומענע, געקויפט בא אַ קרעמער. דאָס איז די מינ־דערהייט. ביקעט האַלט זיין טאַבאַק אין אַ שקאַרפּעטקע, דער ראַבד אַרומגעוויקלט מיט אַ שטריקל. דער ווייט גרעסטער טייל אָבער, באַ־ניצט זיך מיטן וואַטעגעם זעקל פון די גאַז־מאַסקעס. די דאָזיקע זעקלעך זיינען געמאַכט פון אַ וואַסערדיכטן שטאָף און זיינען גוט צום באַוואָרענען פיינעם און גראָבן טאַבאַק. עס זיינען אָבער אויך דאָ אַזעלכע, וואָס לייגן גאַנץ פּשוט אַריין דעם טאַבאַק אין זייערע קיפּע מאַנטל־קעשענעס.

די רויכערנדע שפּייען אַרום זיך אין אַ ראָד, פּונקט צום אַריינגאַנג אין דער זיכער-הייל, ווו עס האָבן זייער מקום-מנוחה דאָס רוב פון דער האַלב-סעקציע, און פּאַרפּלייצן מיט אַ ניקאָטין-געלן שפּייעכץ דאָס אָרט, ווו אַלע שפּאַרן אָן די הענט אָן די קני, בעת זיי בייגן זיך אײַן באַם אַריין, אָדער אַרויסגיין.

אָבער ווער עמען גייט עס אָן אַזאַ קלייניקייט?

* *

*

מען נעמט רעדן וועגן לעבנסמיטל, אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ בריוו, וואָס מאַרטעראָ האָט באַקומען פון זיין ווייב.

— מיין אַלטע האָט מיר געשיקט אַ בריוול — זאָגט מאַרטעראָ. — אַ פעט חזיר, לעבעדיקערהייט — טרעפט ווי פיל ס׳שטייט היינט באַ אונדז?

...די עקאָנאָמישע פראַגע האָט זיך פלוצלינג פאַרוואַנדלט אין אַ העפטיקער מחלוקה צווישן פעפין און טילאַקן.

מען האָט זיך צעווערטלט מיט די שאַרפסטע אויסדריקן און ענדלעך:

— כ׳לאַך מיך אויס, צי פון דעם, וואָס דו זאָגסט יאָ, צי פון דעם, וואָס דו זאָגסט ניט. פאַרמאַך שוין גלייכער ב׳מיסטקאַסטן.

— כ׳וועל פאַרמאַכן, ווען מיר וועט געפעלן, נבלה!

— אַ דריי-ליטער-קאַן וועט דיך שוין שטום מאַכן!

— כ׳מיין אין זאַמטן, ווער עמען דאָס?

— קום ווערסטו זען, אָבער קום שוין!

מיט שוים אויפן מויל און קריצנדיק מיט די ציין, וואַרפן זיי זיך איינער צום צווייטן. טילאַק כאַפּט זיך צו זיין פאַרהיסטאָרישער האַק, און זיינע פאַרדעכטיקע אייגעלעך שפּריצן פייער-פונקען. דער צווייטער שטייט, אַ בלייכער, מיט גרין-פאַרלאָפענע אויגן און

זיין גאַנצער גאַסן-יונג-אויסזען זאָגט עדות, אַז ער טראַכט אַצינד הרגענען אַ מענטשן.

לאָמיר אָבער שטעקט אויס זיין פרידלעכע האַנט, וואָס האָט די גרייס פון אַ קינדערישן קאָפּ, און זיין בלוט-רויט פּנים, און מאַכט אַ מחיצה צווישן די ביידע לייט, וואָס שלינגען זיך איין מיט די אויגן און ציינען גרייט זיך צו ממיתן.

— לאָזט געמאַך, לאָזט געמאַך, איר וועט דאָך אַוודאי איינער דעם צווייטן נישט צערייסן. ס׳וואָלט אַ שאָד געווען, כ׳לעבן!

די איבעריקע מישן זיך אויך אַריין, און מען צעטיילט ביידע קעגנער. נאָר נאָך איבער די חברים אַריבער, וואַרפט איינער צום צווייטן צאָרנדיקע בליקן.

פּעפּין, אַן אויפגעקאָכטער, גיסט נאָך אויס זיין רעשט ביסל קללות מיט אַ גיפטיקן טאָן:

— אַפּאַש, געמיינע כאָלערע, גנבהשע צירה! וואַרט, כ׳וועל דיר שוין באַצאָלן!

טילאַק ווידער פאַרטרויט זיך פאַרן זעלנער, וואָס שטייט לעבן אים:

— אַזאַ לויז! האָסט שוין געזען אַזעלכעס! הערסט נישטאָ, וואָס צו רעדן: מ׳פאָרט דיך דאָ צונויף מיט אַ חברה פאַרשווינען, וואָס דו ווייסט גאָרנישט פון וואַנען זיי קומען. מ׳קען זיך און מ׳קען זיך דאָך נישט. נאָר דער נפש דאָ, אויך אים פאַרגליסט זיך צו גנבֿענען, האָט אָנגעטראָפן ס׳ריכטיקע אָרט. אַ ביסעלע געדולד: ער קריגט גאָר בקרוב באַ מיר די זייטן אונטערגעהאַקט. וועסט זען.

ווען דאָס געשפּרעך נעמט שוין ווייטער גיין, און פאַרדעקט די לעצטע אָפּקלאַנגען פון דער קריג, זאָגט צו מיר פאַראַדיז:

— יעדן טאָג דאָס זעלבע! נעכטן האָט פלעזאַנס, איבער עפּעס אַ נאַרישקייט, איבער עפּעס אָפּיום-פּילולן, דאַכט זיך מיר, דווקא געוואָלט צעקייפן פּימעקסן. דאָ וויל איינער, דאָ אַן אַנדערער אַי-

בער א גאָרנישט בײַ דעם צווייטן די בעבעכעס אַרויסנעמען. וואָס, מ׳ווערט טאַקע, ווי די אמתדיקע בהמות, ווייל מ׳זעט אויס, ווי זיי ?

— דאָס אַלץ זײַנען נישט קיין ערנסטע מענטשן — קאָנ־סטאַטירט לאַמיז. קי־דער זײַנען עס.

— וואָ דען, ס׳זײַנען גאָרנישט קיין מאַנספערשוינען.

* *

*

ס׳ווערן גרויסע טעג. אַ ביסל מער ליכטיקייט זופּט זיך דורך דורכן נעפּל, וואָס הילט אַרום די ערד. אָבער דער הימל איז כּסדר פאַרוואָלקנט, און אצינד הייבן זיי זיך אָן צו צעגיין, אין וואַסער. די פייכטע פאַרע לאָזט זיך אַראָפּ אין דינע פעדעמלעך. ס׳גייט אַ דראָבנער רײַגנדל. פויל, פּאַמעלעך טרייבט אָן אויף אונדז דער ווינט זיין נאַסע לערקייט. די פייכקייט און די טראָפּן צעווייקן און מאַכן אַלץ גרוי: ביז צום מעל־שטאָף, וואָס פאַרדעקט לאַמיזס באַקן, ביז צום פּאַמעראַנצן־שאָלעכץ, וואָס טילאַק האָט זיך אַרויפגעזעצט, ווי אַ קאַפּל. און דאָס וואַסער לעשט אויס אין אונדז די טיפע פרייד, וואָס האָט אונדז דורגעדרונגען נאָכן מאָלצייט. דער רוים איז איינ־געשרומפּן געוואָרן. דער טריבער פאַרווייַנטער הימל איז צונויפגע־וואַקסן מיטן קברים־פעלד פון דער ערד.

שטייט מען אַזוי ווי צוגעוואַקסן, מ׳ווייסט אַליין נישט, וואָס צו טון. ס׳וועט שווער הייַנט אָנקומען אַדורצופטרן דעם טאָג, דורכ־צושטופּן די נאָכמיטאָג־צייט. שווער, מ׳פילט זיך שלעכט; מ׳דרייט זיך פון איין אָרט אויפן צווייטן, ווי אַן אייַנגעצוימטע חיה.

קאָקאָן דערקלערט זייַנעם אַ שכן דעם פּלאַן און די פּאַר־טיקלונג פון אונדזערע אָקאָפּעס. ער האָט געזען אַ הויפּטפּלאַן, און ער האָט אויסגערעכנט, אין אַ סעקטאָר*) פון איין פּאָלק זייַנען דאָ

---

*) אָפּשניט.

שופּצען ליניעס פראַנצויזישע אָקאָפּעס; אַ טייל זיינען פאַרלאָזט, פאַרוואַקסן מיט גראָז און כמעט אויסגעגלייכט מיט דער ערד; אונדזערע ווידער װערן כסדר אויפגעהאַלטן און זיינען באַלייגט מיט מענטשן. די דאָזיקע פּאַראַלעל-אָקאָפּעס זיינען צווישן זיך פאַרייניקט דורך אומצעליקע פאַרבינדונגס-קאַנאַלן, װאָס גייען געדרייט און געקרימט, ווי אַלטע גאַסן. די בעט איז אַ סך געדיכטער, ווי מיר שטעלן זיך פאָר, מיר, וועלכע לעבן אינעווייניק אין זיי. אויף אַ ברייט פון פינף און פערציק קילאָמעטער, וויפיל עס מאַכט אויס דער פראָנט פון אַן אַרמיי, מוז מען רעכענען טויזנט קילאָמעטער אויסגעגראָבענע ליניעס: אָקאָפּעס, פאַרבינדונגס-גרובן און סאַפּן*). און די פראַנצויזישע אַרמיי ציילט צען אַרמייען. האָבן מיר אַ קיימא-לן, בלויז אויף דער פראַנצויזישער זייט, אַן ערך צען טויזנט קילאָמעטער אָקאָפּעס און אַזוי פיל דעסגלייכן אויף דער דייטשער זייט... און דער פראַנצויזישער פראָנט פאַרנעמט אומגעפער קוים אַן אַכט-חלק פון מלחמה-פראָנט אויפן גאַנצן שטח פון דער ערד.

אַזוי רעדט זיך קאָקאָן, און ווענדט זיך מיטן אויספיר צו זיין שכן:

— היינט שטעל דיר פאָר, װאָס מיר מאַכן אויס בא דעם אַלעמען.

דער אָרימער באַרק לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. זיין בלייך פּנים, ווי פון אַ קינד פון די פאָרשטעט, ווערט נאָך בולטער דורכן רויטן קאָזע-בערדל און דורכן שפּיציקן בינטל האָר אויף זיין קאָפּ, װאָס שטייט, ווי אַן אַפּאָסטראָף.

— באמת טאַקע — זאָגט ער — מ'גיט אַזוי אַ קלער, אַז איין זעלנער, אָדער אַ סך אַפילו, אין אַזאַ ים, — פאַרלירט מען זיך

---

*) אונטער-גרובן, אונטערערדישע גענג.

גאָר איינגאַנצן, מ׳ווערט דערטרינקען, ווי אַ בלוטסטראָם אינם מבול פון מענטשן און זאַכן.

באַרק זיפצט אָפּ און בלייבט שטיל, און — בעת דער דאָזיקער הפסקה, הערט מען אַ שטיקל געשיכטע, וואָס איינער דערציילט מיט אַ האַלבן קול:

— ער איז געקומען מיט צוויי פערד. פסס!!!... אַ גראַנאַט — בלייבט אים איבער בלויז איין פערד...

— ס׳איז לאַנגווייליק — זאָגט וואָלפאַט.

— מ׳מוז איבערהאַלטן! — מרוקעט באַרק.

— האָסט אַ ברירה? — זאָגט פּאַראַדיס.

— פאַרוואָס? — פרעגט מאַרטעראָ, נישט זיכער.

— צוואָס אַריינקלערן, אַז מ׳מוז.

— נישטאָ וואָס אַריינצוקלערן — פאַרזיכערט לאַמיז.

— יאָ, ס׳איז יאָ דאָ — זאָגט קאָקאָן. ס׳הייסט... אַפילו שטאַרק דאָ אַריינצוקלערן.

— פאַרמאַך ס׳טירל! ס׳אַ סך קראַנטער, מ׳קלערט נישט. אַז ס׳איז, ווי מוז מען איבערקומען.

— פונדעסטוועגן — קוועטשט זיך בלער, וועלכער לאָזט קיינמאָל נישט דורך די געלעגנהייט אַריינצוזעצן זיין „פונדעסטוועגן" — זיי ווילן גאָר אונדזער הויט.

— אין אָנהייב — זאָגט טיכערט — האָב איך געטראַכט וועגן אַ מענגע זאַכן, כ׳האָב נאָכגעקלערט, גערעכנט; אַצינד קלער איך בכלל שוין נישט מער.

— איך אויך נישט.

— איך אויך נישט.

— איך, איך האָב גאָר קיינמאָל נישט געפּרוּווט.

— ביסט נאָך נישט אַזאַ נאַר, ווי דו זעסט אויס, מיין טייער וועצל — זאָגט מעניל אַנדרעי, מיט זיין קוויטשעדיק, שפּאָטיש קולעכל

דער פּאַריקער, נישט וויסנדיק, צי זאָל ער עס אָננעמען פֿאַר אַ קאָמפּלימענט, דערגענצט זיין געדאַנק:

— ראשית, וואָס קענסטו וויסן, וואָס?

— מ'דאַרף נישט מער צו וויסן, ווי איין זאַך, און בלויז דאָס איינציקע, אַז די דייטשן זיינען דאָ בײַ אונדז, האָבן זיך דאָ איינגעוואָרצלט, און אַז מ'דאַרף זיי ווייטער נישט לאָזן, און אַז מ'דאַרף זיי איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל אַרויסוואַרפֿן, און דאָס, ווי צום גיכסטן — זאָגט קאַפּראַל בערטראַן.

— אַוודאי, אַוודאי, מ'מוז זיי אויסלערנען זינגען: השיבנו באַזאַד, וואָס דען? ס'לוינט זיך נישט צו דאַרן דעם מוח וועגן עפּעס אַנדערש. אָבער, ס'דויערט שוין צו לאַנג.

— אַ, צו אַלדע שוואַרצע יאָר! — שרייט פּואַד — ס'דויערט שוין אַ ביסל.

— איך — זאָגט באַרק — איך בין נישט מער אין כעס. אין אָנהייב בין איך אין כעס געווען אויף דער גאַנצער וועלט, אויף די אַלע פֿון „טיל", אויף די ציוויליסטן, אויף אַלע איינוווינער, אויף די אַלע, וואָס קערעווען זיך אַרויס. יאָ, כ'בין אין כעס געווען, אָבער דאָס איז געווען בלויז אין אָנהייב מלחמה, כ'בין נאָך יונג געווען. אַצינד פֿאַרשטיי איך בעסער די זאַך.

— ס'איז נאָר דאָ איין אויסוועג: נעמען די זאַכן אַזוי ווי זיי קומען!

— צום טײַוול! אַ נישט קאָנסטו משוגע ווערן. מ'איז שוין אַזוי אויך גענוג צעטומלט, נישט אמת, פֿירמאַן?

וואָלפּאַט, טיף איבערגעצייגט, טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ, שפּייט אויס און באַטראַכט דערנאָך זיין שפּייעכץ מיט אַ [illegible], פֿאַרקלערטן בליק.

— אַ שאלה — באַשטעטיקט באַרק.

— דאָ טאָרסטו זיך נישט קיין כּח גרייטן, מ׳מוז לעבן פון טאָג צו טאָג און אַפילו פון שעה צו שעה, אויב דו קענסט.

— אַוודאי אַזוי, מאַמעס אוצר. מ׳מוז טון, וואָס מ׳הייסט דיך טון, און וואַרטן ביז מ׳וועט דיך הייסן גיין.

— אַזוי איז עס — גענעצט מעניל זשאָזעף.

די אָפּגעקאָכטע, אָפּגעבערענטע, מיט שטויב־ריצן איינגעשניטענע פּנימער זיינען מסכּים און בלייבן שטיל. עס ווייזט אויס, אַז דאָס איז צוגעפּאַסט צו דער מיינונג פון די מענטשן דאָ, וועלכע האָבן שוין זינט אַנדערהאַלבן יאָר פאַרלאָזט זייער היים און פון אַלע זייטן לאַנד זיך דאָ צונויפגעזאַמלט אויף דער גרענעץ: זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט עפּעס צו פאַרשטיין, זיך אָפּגעזאָגט פון זיך אַליין; זייער האָפענונג איז נישט צו שטאַרבן אין זייער קאַמף — נאָר צו מאַכן דאָס לעבן ווי־נישט־איז דערטרעגלעך.

— מ׳מוז טון, וואָס מ׳הייסט, אמת, אָבער מ׳מוז זיך דאָך אויך אַרויסגראַבלען פון דעם תּנופה — זאָגט באַ׳ק, און דערביי צערייבט ער מיטן פוס די בלאָטע, פּאַמעלעך, אין דער לענג און אין דער ברייט.

— מ׳מוז — שטרייכט אונטער טילאַק. אויב וועסט זיך אַליין נישט קערווען, וועט עס קיינער פאַר דיר נישט טון, זיי רו׳יק.

— ר׳איז נאָך נישט געבוירן, דער, וואָס זאָל זאָרגן פאַרן צווייטן.

— יעדער זאָרגט פאַר זיך, בעת מלחמה איז עס אַזוי!

— וואָס דען, וואָס דען.

אַ שטילקייט. באַלד דערויף נעמען די מענטשן, אין דעם קלאָגעדיקן מצב, וואָס זיי זיינען, זיך אויסמאָלן גליקלעכע בילדער.

— ברודער — הייבט ווידער אָן באַרק — הערסט, די ליכטיקע וועלט, וואָס מיר האָבן צוגעלעבט אין סוף...

— אַ כאָלערע!

אַן אָפּגלאַנץ פון פאַרלוירענעם גן-עדן שטראַלט אויף אין די אויגן און צעגיסט זיך אויף די פּנימער, רויטע פון קעלט.

— האָט מען געלעבט אַ גוטן-טאָג — זיפצט טיכלואַר. ער בלייבט שטיין פאַרטראַכט אין מיטן קראַצן זיך און קוקט ווייט, ווייט אַריבער איבער דער ערד פון דער אָקאָפּע.

— גאָט, מיין איינציקער, די גאַנצע שטאָדט כמעט אויסגעליידיקט — און זי איז אונזערע! די הייזער מיט די בעטן...

— און די שענק!

— און די קעלערס!

לאַמיז קריגט אַזש פייכטע אויגן, ס'פּנים צינדט זיך אים אָן און ס'האַרץ ווערט אים פאַרקלעמט.

— לאַנג זענט איר דאָרט געווען? — פרעגט קאַדילאַק, וועלכער איז נישט-לאַנג צוריק אהערגעקומען מיט אָווערניאַטעלע פאַרשטאַרקונגען.

— אַ פּאָר חדשים...

דאָס געשפּרעך, כמעט פאַרלאָשן, לעבט מיטאַמאָל צוריק אויף, ווען מ'דערמאָנט די צייטן, ווען מ'האָט געהאַט פון אַלעם גוטן.

—מ'האָט געזען — דערציילט פּאַראַדיז, ווי אין חלום — ה... אַלע זייטן זיך שיטן זעלנער אין די הייזער אַריין אויף זייער קוואַרטיר, פול באַהאָנגען אַרום בויך מיט הינער, און אונטער יעדער פאַלע אַ קראָליקל, וואָס מען האָט געבאַרגט באַ עפּעס אַ בעל-הבית, אָדער גוטע בעל-הביתטע, וועלכע מ'האָט קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען און מ'וועט נישט זען.

און מ'טראַכט וועגן דעם שוין פאַרגאַנגענעם טעם, וואָס ס'האָט געהאַט דאָס הינדל אָדער קראָליקל.

— פאַר טייל זאַכן האָט מען געצאָלט מזומן. די פּאָר גראָשן אָבער געקלימפּערט. מ'האָט נאָך געהאַט די מטבע אין יענע צייטן.

— און הונדערטער טויזנטער פראַנקן האָט מען „דורכגעלאָזט" אין די געוועלבלעך.

— מיליאָנען, בנאמנות. אַ גאַנצן טאָג איז עס אַזוי געגאַנגען, אַז דו קענסט דיר גאָר נישט פאָרשטעלן, כ'זאָג דיר, עפּעס אַן אויסערגעווײנטלעכער יום-טוב.

— גלייב יאָ, אָדער גלייב נישט — זאָגט בלער צו קאַדילאַקן — נאָר באַ דעם אַלעמען, צי דאָ, צי ערגעץ-אַנדערש-ווּ, מ'איז פאַרבײַגעגאַנגען, ווייסטו וואָס ס'האָט אונדז צום מײַנסט געפעלט? — פײַער. מ'האָט געמוזט לויפן, שאַפן, געפינען, און מאָלע וואָס מ'האָט אַלץ געטון. גוטער ברודער, איז מען זיך דאָס אַ ביסל אָנגעלאָפן נאָך פײַער...

— מיר, מיר זײַנען געווען אויף קוואַרטיר מיט די פּאַרוואַלטונגס-טרופּן. דאָרט איז געווען קיכן-שעף דער לאַנגער מאַרטין צעזאַר. ער, זאָג איך דיר, איז געווען אַ בריה אויף האָלץ שאַפן.

— אָ, יאָ. אַ ממזר פון אַ יונג! נישטאָ וואָס צו רעדן, ער האָט זיך געקענט זײַן שטעטל באַשטײַן.

— באַ אים, ליכטיקער בלומען-טאָפּ, האָסטו שטענדיק געהאַט פײַער אין קיך. אַלע קוכערס זײַנען שטענדיק, ווי די פאַרסמטע מײַז אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן מיט אַ קלאָג — נישטאָ קיין האָלץ, נישטאָ קיין קוילן. באַ אים איז דאָ. מאַכט זיך אַמאָל ער האָט גאָרנישט, זאָגט ער: „ס'וועט שוין גוט זײַן. כ'וועל שוין אויסקראַצן". און ס'האָט גאָרנישט לאַנג געדויערט.

— טיילמאָל איז ער משוגע געוואָרן. ס'ערשטע מאָל [illegible] כ'האָבן געזען אין קיך, ווייסטו מיט וואָס ער האָט „געהייצט" [illegible] בראָטן? מיט אַ פידל, וואָס ער האָט דערטאַפּט אין שטוב.

— דאָס איז שוין געמיין — זאָגט מעניל אַנדרע — כ'ווייס טאַקע, אַז אַ פידל איז נישט עפּעס אַזויבס, וואָס ס'זאָל זײַן שטאַרק ביצלעך, אָבער, דאָך...

— אַן אַנדערש מאָל האָט ער זיך באַנוצט מיט ביליאַרד-שטע-קענס. זיזי האָט קוים געקענט איינעם אָפּראַטעווען, כדי זיך צו מאַכן פון אים אַ שטעקעלע. די רעשט איז געפלויגן אין פייער אַריין. דערנאָך זיינען געגאַנגען די פאָטעלן פון סאַלאָן, פון פיינעם מאַכאָן-האָלץ. ער האָט זיי געפּאַלמעסט און צעהאַקט אין מיטן דער נאַכט, מחמת אַ בענגלדיקער יחסן וואָלט נאָך געקענט עפּעס זאָגן.

— ער האָט גוט געאַרבעט... זאָגט פעפין. — מיר האָבן גע-פּאַקט עפּעס אַן אַלט שטיק מעבל, האָבן מיר עס געהאַט אויף צוויי וואָכן.

— פאַרוואָס זאָל מען טאַקע גאָרנישט קריגן? וויל מען קאָכן ס׳מיטאָג, האָסטו אַ פייג האָלץ און אַ פייג קוילן. נאָך דער פאַרטיילונג, שטייסטו פאַרלייגט די הענט פאַר דער קופּע פלייש, חבורה שטייט אַרום, לאַכט דיר אין פּנים אַריין, און נאָך אַ ביסל — מאַכן זיי דיר אַ מי-שברך. און דאַמאָלס וואָס?

— די מלאכה פאָדערט דאָס. פאַרפאַלן.

— און די אָפיצירן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז מ׳האָט געלקחנט?

— זיי האָבן זיך געהאַלטן באַ די זייטן, און נאָך ווי! דער-מאָנט זיך, דעמעזאָן, ווי דער לייטנאַנט ווירמין האָט מיט אַ האַק צעשמעטערט אַ קעלער-טיר. און ווען אַ זעלנער האָט עס דערזען, האָט ער אים געגעבן די טיר צום פאַרברענען, כדי ער זאָל די מעשה נישט צעפּויקן.

— און דער אָרימער סאַלאַדין, דער פּראָוויאַנט-אָפיציר: פאַר-נאַכט-צו האָט מען אים געפּאַקט אַרויסקריכן פון אַ וויין-קעלער מיט צוויי פלעשלעך ווייסן אונטער יעדן אָרעם. וואָלסט געמיינט ס׳גייט אַן אָם מיט פיר ציציקלעך. נאָר אַזוי ווי ער איז אַריינגעפאַלן, האָט ער געמוזט זיך מטריח זיין נאָכאַמאָל אין קעלער אַריין און ברענ-גען פאַר דער גאַנצער חבורה. געדענקסט, קאַפּראַל בע טראַן האָט

נישט געוואָלט טרינקען, ער איז דאָך אַ מענטש מיט פּרינציפּן. גע-דענקסטו, חזיר-איינער, העז?

— און אַצינד, ווי געפינט ער זיך, דער קוכער, וואָס האָט אַלע מאָל געהאַט פייער? — פרעגט קאַדילאַק.

— ר'איז געשטאָרבן. אַ „סאַמאָוואַר" איז אים אין קעסל אַריינ-געפאַלן. ס'האָט אים גאָרנישט געשאַדט. און דאָך איז ער געשטאָרבן פון גרויס שרעק, ווען ער האָט דערזען זיין מאַקאַראָן מיט די פיס-לעך אין דער לופטן. אַ האַרצשלאַק, האָט געזאָגט דער דאָקטאָר. ער האָט געהאַט אַ שוואַך האַרץ; אַ גבורה האָט ער געהאַט נאָר האַלץ צו שאַפן. מ'האָט אים אויך ווי געהעריק באַגראָבן. אַן אָרון האָט מען אים געמאַכט פון אַ פּאָדלאָגע; מ'האָט צוזאַמענגעקלאַפט מיט נעגל, אויף וועלכע ס'זיינען געהאַנגען די בילדער אין שטוב, און אַ ציגל האָט אונדז געדינט פאַר אַ האַמער. בעת מ'האָט אים אַוועקגעטראָגן, טראַכט איך מיר אַזוי: „זיין גליק, וואָס ער איז טויט: ווען ער זעט דעם אָרון, וואָלט ער זיך קיינמאָל נישט גע-קענט שענקען, פאַרוואָס ער האָט נישט באַנוצט צו מאַכן פייער מיט די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע". שוין איינמאָל געווען אַ נומער, דער יאַט!

— אַז איינער טוט זיך אַן עצה, איז עס נאָר אויף יענעמס פּלייצעס. אַז דו נאַרסט זיך אַרויס פון עפּעס אַן אַרבעט, אָדער קריגסט דיר אַ גוט שטיקל, אָדער אַ גוטן פּלאַץ, וועלן אַלע מאָל די-איבעריקע האָבן ס'קדחת — פילאָזאָפירט וואָלפּאַט.

— איך — זאָגט לאַמיז — איך האָב מיך אָפּט אַרויסגע-דרייט נישט צו גיין אין די אָקאָפּעס אַריין, כ'געדענק שוין גאָרנישט אַליין וויפיל מאָל. דאָס בין איך מודה, אָבער ווען כ'זע, אַז אַ פּאָר חברים זיינען אין געפאַר, דאַמאָלס בלייב איך נישט מער אונטער-שטעליק, דאַמאָלס דריי איך מיך נישט אַרויס. כ'פאַרגעס מיין אוי-פאָרם, כ'פאַרגעס אַן אַלעם, כ'זע פאַר מיר מענטשן, און כ'ביי מיט. אַזוי אָבער, גוטער ברודער, טראַכט איך נאָר וועגן מיר.

די באהויפטונגען פון לאמיזן זיינען נישט קיין פוסטע ווער־טער, ער איז באמת א ווירטואז אין ארויסדרייען זיך; עס איז אָבער אויך נישט קיין ליגנט, אז ער האָט מציל געווען דאָס לעבן פון פארוואונדעטע, ארויסראטעווענדיק זיי פון אונטער א האָגל קוילן.

ער רעדט איבער דעם פאקט גאנץ באשיידן:

— מיר אלע זיינען געלעגן אויסגעצויגן אין גראָז. ס׳האָט געקנאלט. פּאַם! זים, זים... ווען כ׳האָב דערזען, ווי זיי וואַרפן זיך אויף אלע זייטן, בין איך אויפגעשטאַנען — כאָטש מ׳האָט גע־שריגן: „ליג!" כ׳האָב נישט געקענט אזוי איבערלאָזן זיי. כ׳האָב נישט קיין שום פארדינסט דערביי, ווייל אנדערש האָב איך נישט געקענט.

כמעט אלע אין דער ראָטע האָבן צו פאַרצייכענען עפּעס א העלדנטאַט, און די קריגס־קרייצן האָבן זיך אזוי כסדר געמערט אויף זייער ברוסט.

— איך — זאָגט ביקע — איך האָב נישט געראַטעוועט קיין פּראָוויזיע, אָבער דייטשלעך האָב איך געליפערט.

בעת די מאַי־אָנגריפן האָט ער זיך געלאָזט פאָרויס; מען האָט אים געזען פאַרשווינדן, ווי א פינטעלע, און ער איז צוריקגעקומען מיט פיר בחורים אין קאסקעס.

— איך האָב א פּאָר געהרגעט — זאָגט טילאַק

מיט צוויי חדשים צוריק האָט ער, מיט א שטאָלצער קאָקע־טעריע, אוועקגעלייגט ביין מאן פּאַר א געגנערישע אַקאָפּער.

— אָבער — גיט ער צו — צו א דייטשישן אָפיציר האָב איך שטאַרק חשק.

— די חמורים!

דער אויסרוף איז געפאלן פון א סך מיילער מיטאמאָל, פון דער טיף פון זייער אייגענעם איך.

— הער — זאָגט טירלואַר — מ׳שמועסט אלץ וועגן דעם גע־

מײנעם דײטשן־פּאָלק. די פּראָסטע זעלנער, װײס איך ניש, צי ס׳איז אמת, אָדער מ׳האָקט אונדז אָן אַ קאָפּ, און אין אמתן, צי די זײנען נישט אפשר גראָד אַזעלכע מענטשן װי מיר.

— פֿאַרשײנלעך זײנען דאָס מענטשן אַזױ װי מיר — מאַכט עזראַ.

— מ׳מוז נאָך װיסן!... — שרײט קאָקאָן.

— יעדנפֿאַלס, װעגן די פּראָסטע זעלנער, װײסט מען נאָך נישט — זאָגט װײטער טיכלואַר — אָבער די דײטשישע אָפֿיצירן, נײן, נײן און נײן: נישט קײן מענטשן, פֿאַרזעעניש! ברידער, ס׳איז עפּעס אַ ספּעציעלער מין געמײנע װערים. װילסט, קאָנסטו זײ אָנרופֿן מלחמה־באַצילן. מ׳דאַרף זײ האָבן געזען פֿון דער נאָנט, די דאָזיקע לאַנגע, שטײפֿע, דאַרע, װי די שטעקנס, און אַלע האָבן זײ די זעלביקע קעלבערנע קעפּ.

— אָדער גאַנצע מחנות, װאָס האָבן פּיסקעס, װי די שלאַנגען.

טיכלואַר זאָגט װײטער:

— אײנמאָל, צוריקקומענדיק פֿון דער פֿאַרבינדונג*), האָב איך געזען אײנעם, אַ געפֿאַנגענעם. די עקלהאַפֿטע צורה! אַ פּרײַסישער פּולקאָװניק, װאָס האָט געהאַט — װי מ׳דערצײלט — אַ פּרינצן־הערב און גאָלדענע הערב־צײכנס אױפֿן לעדערצײג. מײנסטו דער פֿאַרשױן האָט נישט די העזה געהאַט צו באַלײדיקן זיך — אױפֿן װעג צו דער זיכער־הײל — פֿאַרװאָס אײנער האָט זיך דערלױבט זיך אָנצורירן אָן אים פֿאַרבײגײענדיק! און אױף אַלץ האָט ער געקוקט שטײף פֿון זײן קראַגן אַראָפּ! „װאַרט — טראַכט איך מיר — װעסט שױן באַ מיר טאַנצן!“ בין איך נישט פֿױל, בלײב מיר אַ ביסל הינטערשטעליק הינטער אים און רוק אים אַרײן מײַן

*) מיגבל־פּאַקטן.

גאַנצן כּוח אַ קאָפּ אין תּחת אַריין. גוטער ברודער, איז ער אַנידער־געפאַלן האַלב־דערשטיקט.

— דערשטיקט?

— יאָ, פון כּעס, ווען ער האָט זיך געכאַפּט, וואָס דאָ איז געשען, אַז אין זיין הויכוווילגעבוירענעם אָפיצירישן הינטער־חלק האָט זיך אַריינגעצויגן אַ געשוועקעוועטער שיך פון אַ פּראָסטן זעלנער. ער איז ווייטער געגאַנגען און געשריגן, ווי אַן אַלטע מכשפה, און געמאַכט מיט די הענט, ווי אַן עפּילעפּטיקער...

— איך בין נישט קיין שלעכטער, איך — זאָגט בלער. — כ׳האָב קינדער, און ווען ס׳קומט מיר אַמאָל אויס אינדערהיים צו קוילן אַ חזיר, וואָס איך קען, נעמט עס מיך אָן בײַ דער זיבעטער ריפּ; אָבער אַזאַ הינטעשע לעבער וואָלט איך מיט פאַרגעניגן אַריינגעלאָזט אַ קניידל — דזינג! — גלייך אין טריפענעם האַרץ אַריין.

— איך אויך!

— שוין נישט רעדנדיק דערפון, — זאָגט פּעפּין — וואָס די חברה־לייט טראָגן זילבערנע העלמען און פּיסטאָלעטן, וואָס קענסט קריגן פאַר זיי צו הונדערט פראַנק, און לאָרנעטקעס — פאַר געלט נישט צו קריגן. צום טייוול! וויפיל גוטע געלעגנהייטן אַזעלכע האָב איך פאַרבייגעלאָזט אין אָנהייב מלחמה! פולע זעק וואָלט איך געקענט אָנשאַרן דאַמאָלס, אַ מצווה אויף מיר! אָבער זאָרג נישט, כ׳וועל האָבן אַ זילבערנעם העלם. הערסט, בנאמנות, כ׳זאָל אַזוי לעבן, אייבעם מוז איך האָבן. כ׳דאַרף נישט אַזוי די פעל, ווי די דאָזיקע מכשירים פון ווילהעלמס אַן אָפיציר. זאָרג נישט, נאָך איידער די מלחמה ענדיקט זיך, זעכטו מיך מיט דעם.

— דו גלייבסט, אַז די מלחמה וועט זיך אַמאָל ענדיקן? — פרעגט איינער.

— זאָרג נישט — ענטפערט פעפין.

* *
*

דערווייל האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ טומל אויף רעכטס. און פלוצלינג האָבן מיר דערזען, ווי עס באַוועגט זיך און קומט אָן אַ גרופּע מענטשן, ווי טונקעלע געשטאַלטן האָבן זיך אויסגעמישט מיט פאַרביקע אוניפאָרמען.

ביקעט איז געלאָפן עפּעס געוואויר ווערן. ער קומט צוריק און ווייזט מיטן גראָבן פינגער איבערן אַקסל אויף דער פאַרביקער געזעלשאַפט:

— העי, חברה! טוטס נאָר אַ קוק. געסט.

— געסט?

— יאָ, הערן, ציוויליסטן מיט גענעראַל־שטאַב־אָפיצירן.

— ציוויליסטן! זיי זאָלן עס נאָר איבערהאַלטן!

דאָס איז די טראַדיציאָנעלע פראַזע. מען לאַכט דערפון, כאָטש מען האָט דאָס שוין הונדערט מאָל געהערט; דער זעלנער, מיט רעכט, אָדער אומרעכט, האָט פאַרדרייט דעם אמתן זין אירן און פאַסט זי אויף, ווי אַן איראָניש אָנצוהערעניש אויף זיין לעבן, וואָס איז פול מיט סיגופים און לעבנס־געפאַרן.

צוויי פאַרשוין דערנענטערן זיך; צוויי פאַרשוין אין אויבער־מאַנטלען, מיט שטעקעלעך אין די הענט און נאָך איינער מיט אַ יעגער־קאָסטיום און אַ פלוש־הוט און מיט אַ לאָרנעטע.

בלויע מיליטערישע מאַנטלען, אויף וועלכע עס גלאַנצן געלע אָדער שוואַרצע לעדער־טיילן, באַגלייטן די ציווילע הערן.

אַ קאַפּיטאַן אין אַ זיידענער אָרעם־באַנד, מיט אַ גאָלדענעם ראַנד אין גאָלד־שטרייפן, האָט זיי אָנגעוויזן אויף אַ שיס־בענקל און אַן אַלטן גרובן־וואַל, און איינגעלאַדן די באַזוכער ארויפצושטייגן

און דאָס באַטראַכטן. דער הער אין רייזע־אַנצוג קלעטערט, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זיין רעגן־שירם.

באַרק זאָגט:

— האָסט געזען אַמאָל אַ יום־טובדיק אויסגעפּוצטן וואָקזאַל־שעף, בעת ער ווייזט אָן אַ רייכן יעגער־מאַן, אַן טאָג פון יאַגד־ערעפנונג, אויף אַ קופּע פון ערשטן קלאַס: „זייט אַזוי גוט, הער־פּריץ". דו ווייסט דאָך, די דאָזיקע וויכטיקע הערן זיינען אָנגעטון גיי פון דער נאָדל צוועק און גלאַנצן מיט די נייע לעדערלעך און מעשענע בלעכלעך, און מאַכן דערביי אַ מינע פון גאַנצע קנאַקערס.

דריי, אָדער פיר זעלנער, אָן זייערע לעדער־מאַנטלען, זיינען פאַרשוווּנדן געוואָרן אונטער דער ערד, די איבעריקע בלייבן אומבאַוועגלעך, פאַראַליזירט, אפילו זייערע פייקעס לעשן זיך אויס, און מען הערט נישט מער, ווי דעם ווערטער־קלאַנג פון שמועס צווישן די אָפיצירן און זייערע געסט.

— דאָס זיינען קאָנצעס־טוריכטן — זאָגט שטיל באַרק.

באַלד זאָגט ער אַ ביסל העכער: „דערלויבט, מיינע דאַמען און הערן! לאָז מען זיי זאָגן".

— האַלט דעם פּרעסער! — בלאָזט אים פאַרפאַדעט איבערן אויער, מורא האָבנדיק, אַז באַרק קען נאָך מיט „זיין גרויס מויל" צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די מעכטיקע אַדונים.

עטלעכע פון דער גרופּע דרייען זיך אויס צו אונדז מיטן פּנים. איינער פון זיי, אין אַ ווייסן הוט און ברייטער נאָכווייענדיקער קראַוואַט־בינדע, גייט צו אונדז. ער האָט אַ שפּיציק, ווייס בערדל און זעט אויס ווי אַן אַרטיסט. אַ צווייטער, אין אַ שוואַרצן איבער־מאַנטל, גייט אים נאָך; ער טראָגט אַ האַרטן, שוואַרצן הוט, אַ שוואַרצע באָרד, אַ ווייסן קראַוואַט און אַ פּאָר פּענסנע.

— אַהאַ! — מאַכט דער ערשטער זעלנער — אָט זיינען זעלנער... טאַקע אמתדיקע זעלנער.

ער דערנענטערט זיך צו אונדז, אַ ביסל נישט דרייסט, ווי צו חיות אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן, און שטרעקט אויס זיין האַנט צום ערשטן, וואָס שטייט צום נאָנטסטן פון אים, ווי מען דערלאַנגט אַן עלעפאַנט אַ שטיקל ברויט.

— אַזוי, אַזוי, מ׳טרינקט קאַווע — באַמערקט ער קורץ.

— מ׳זאָגט „שוואַרצן סאָק״ — פאַריכט דער שוואַרץ-ווייסער הער.

— נו, מיינע פריינט, ס׳שמעקט?

דער געפרעגטער זעלנער בלייבט אין פאַרלעגנהייט דורך דער דאָזיקער אויסטערלעשער עגזאָטישער באַגעגעניש, מורמלט עפּעס, לאַכט און פאַרויטלט זיך.

— הע, הע! — מאַכט דער הער, טוט אַ גייג מיטן קאָפּ און גייט צוריק הינטערווילעכטס:

— זייער גוט, זייער גוט, מיינע פריינט. איר זענט בראַווע מענטשן, בראַווע.

די מענטשן-גרופּע, וואָס באַשטייט פון נייטראַלע קאָלירן פון ציוויל-שטאָף, אויסגעמישט מיט מיליטערישע בונטע פאַרבן — ווי געראַניום און האָרטענזיע-בלומען אויף אַ שוואַרצן באָדן — נעמט זיך באַוועגן, דערנאָך גייט זי פאַרביי, און דערווייטערט זיך אין דער קעגנאיבערדיקער זייט, פון וואַנען זיי זיינען געקומען. מען הערט נאָך, ווי אַן אָפיציר זאָגט: „מיר האָבן נאָך אַ סך צו באַזוכן, מיינע הערן זשורנאַליסטן.״

— זשורנאַליסטן זיינען דאָס — זאָגט טיכערט.

— זשורנאַליסטן?

— נו, יאָ, די שרייבערס, וואָס שרייבן אין די בלעטער. פאַרשטייסט נאָך אַלץ נישט, חמור-קאָפּ: ס׳מוזן דאָך זיין אזעלכע לייט, וואָס שרייבן אין די צייטונגען.

— הייסט עס, די, וואָס שטאָפּן אונדז דעם מוח? — מאַכט באַרטערא.

באַרק פאַרגייט זיך אויף זיין שפּיציק קאָלעכל און נעמט רעדן, מאַכנדיק דערביי מיט די הענט, ווי ער וואָלט געהאַט פאַר זיך עפּעס אַ פּאַפּיר:

— אַ, דער קראָנפּרינץ איז משוגע געוואָרן, נאָכדעם, ווי מ'האָט אים דערהרגעט באַם אויסברוך פון דער מלחמה. דערווייל האָט ער כּל'ע מיני קראַנקהייטן. ווילהעלם האַלט באַ שטאַרבן היינט אין אָוונט, און מאָרגן שטאַרבט ער נאָכאַמאָל. די דייטשן האָבן נישט מער קיין אַמוניציע און דערנערן זיך מיט האָלץ; זיי קענען נישט מער אויסהאַלטן, לויט די מאַסגעבנדסטע אויסרעכנונגען, ווי נאָך ביז ענדע וואָך. מ'וועט זיי באַקומען, ווען מ'וועט נאָר וועלן. אויב מ'וואַרט נאָך אַ פּאָר טעג, איז עס בלויז דערפאַר, וואָס מ'האָט נאָך נישט קיין חשק זיך צו געזעגענען מיט די אָקאָפּעס; מ'פילט זיך דאָ אַזוי מחיהדיק מיטן וואַסער, גאַז און שפּריץ-באָד אויף יעדן שטאָק. די איינציקע אומבאַקוועמלעכקייט איז דאָ, וואָס ווינטער איז צו הייס... וואָס אָמבאַלאַנגט די עסטרייכער, זיינען זיי שוין לאַנג פאַרטיק: זיי מאַכן נישט מער ווי נאָר אַן אָנשטעל... שוין פופצען חדשים ציט זיך אַזוי די דאָזיקע שפּיל, און דער דירעקטאָר מאַכט צו זיינע רייבער: העי! חברה-לייט, אַצינד צעבלאָזט מיר די גאַנצע מעשה אין דער לענג און אין דער ברייט, אַזוי, אַז די דאָזיקע פיר פאַרשאָלטענע בלעטער זאָלן מיר אינגאַנצן פאַרשמירט ווערן".

— יאָ, יאָ — זאָגט פּואַד.

— וואָס, קאַפּראַל, דו לאַכסט, ס'איז אפשר נישט אמת, דאָס אַלץ?

— ס'איז דאָ אַ ביסל אמת, באַמאָלט שוין אַ ביסל צו שטאַרק די חברה-לייט, און איר וועט דאָך זיין פון די ערשטע, צו

מאכן דערפון אַ גאַנץ עסק, אויב איר זאָלט זיך דאַרפן באַגיין אָן צייטונגען. יאָ, פאַרוואָס, ווען דער צייטונגס-פּאַרקויפער גייט פאַרביי, זענט איר די ערשטע צום ריטשן: מיר! מיר!"

— און וואָס גייט דיך בכלל אַלץ אָן! — שרייט דער פאָטער בלער. — מאַכסט אַ גאַנץ געברייעכץ פון די צייטונגען, טו אָבער אַזוי, ווי איך טו: קלער נישט דערפון!

— נו, יאָ, מאַך צו ג'פּאַנאָגראַף. אַ קנייטש אין בלעטל און — פּטור!

דער שמועס נעמט צאַנקען, די אויפמערקזאַמקייט לאָזט נאָך, ווערט שוואַכער. פיר פאַרשוין נ מען זיך צונויף אויף אַ פּאַרטיע קאָרטן, וואָס וועט שוין אַזוי דויערן ביז דער בין-השמשות וועט שוין נישט לאָזן אונטערשיידן איין קאָרט פון דער צווייטער. וואָלפאַט שטרעננט זיך אָן צו כאַפּן אַ בלעטל פּליס-פּאַפּיר, וואָס האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון צווישן די פינגער און וועלכעס טאַנצט אונטער פון ווינט און מאַכט זיגזאַגן קעגן די גרובן-ווענט, ווי אַ פלאַטערנדיק זומערפייגעלע.

קאָקאָן אין טירעט מישן-אויף זכרונות פון קאַזאַרמע. די יאָרן פון מיליטער-דינסט האָבן איבערגעלאָזט אין מוסי אַן אייגדרוק נישט צום אויסמעקן; ס'איז אַן אוצר פון דעריננערונגען, נאָך לעבעדיקע און שטענדיק גרייטע, פון וואַנען מ'איז געוווינט געוואָרן שוין נאָך צען, פופצען און צוואַנציק יאָר כסדר צו שעפן טעמעס פאַר געשפּרעכן. אַפילו שוין נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר מלחמה-איבערלעבענישן שעפט מען נאָך אַלץ פון דעם דאָזיקן אוצר.

כ'הער בלויז אַ טייל פון געשפּרעך, און כ'שטויס מיך שוין אָן אויף דעם איבעריקן. איבעריקנס, איז עס אַלץ דער זעלבער מין אַנעקדאָטן, וואָס די געוועזענע זעלנער שעפּן פון זייער מיליטערישער פאַרגאַנגענהייט: דער דערציילער האָט פאַר מאַכט ס'מויל אַ צייזן אָפיציר מיט אַ פּאָר דרייסטע, אָבער וויציקע ווערטער. ער האָט

איך איינגעשטעלט, גערעדט הויך און שטאַרק, האָט ער גערעדט!...
ברעקלעך געשפּרעך דערגייען צו מיינע אויערן:

— ...מיינסט כ׳האָב מיך אַ ריר געטון, ווען נענעיל האָט מיר געגעבן אַזאַ לאָז-אַראָפּ? אַ נעכטיקער טאָג, גוטער ברודער. בײַ דער גאַנצער חברה איז ס׳לשון אָפּגענומען געוואָרן; אָבער איך, איך מאַך צון אים אויפן קול: „הער אַטיודאַנט — מאַך איך — ס׳איז מעגלעך, אָבער... (ס׳קומט נאָך אַ זאַץ, וואָס איז מיר אַרויס פון זכרון)... בנאמנות, אַזיי ווי דו הערסט מיך, אַזוי האָב איך אים געזאָגט. ער האָט נישט קיין פּיפּס געטון. „שוין גוט, שוין גוט" ענטפערט ער בלויז און מאַכט פּיס. דערנאָך איז ער געווען צו מיר, ווי צו אַ געשוויר צוצוליגן.

— די זעלבע געשיכטע, וואָס איך האָב געהאַט מיט דאָדאָרן, דעם יאָלד פון 13-טן, ווען כ׳בין געווען אויף אורלויב. אַ שטיק פלייש. אַצינד איז ער אויפזעער אין פאַנטעאָן. ער האָט מיך געהאַט אויפן אויג. אַ כלל...

און יעדער איינער פּאַקט אויס דעם פּערזענלעכן באַגאַזש פון זיינע היסטאָרישע ווערטער.

איינער איז גלייך צום צווייטן: עס איז נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל נישט זאָגן: „אָ, איך בין נישט ווי די אַנדערע."

* *
*

— דער וואַכמייסטער׳

דאָס איז אַ הויכער ברייטבייניקער מענטש, מיט דיקע שענק-לען, פיין און מיט קאָמפּאַקט אָנגעטון, ווי אַ זשאַנדאַרם.

ער איז שלעכט געשטימט. עס זיינען אָנגעקומען נייע באַ-פעלן, און אַצינד מוז ער גיין יעדן טאָג אַזש ביז צום קאָמאַנדאַ-נטן פון פּאָלקאָווניק צאָפּטראָגן די פּאָסט. ער פאַרשעלט די דאָ-זיקע פאַראָרדנונג, גלייך זי וואָלט געווען געווענדט נאָר קעגן אים

שעלטנדיק אַזוי, רעדט ער, פונדעסטוועגן, פאַרבייגייענדיק, דאָ מיט איינעם, דאָ מיט אַ צווייטן — לויט געוווינהייט — און רופט דו קאַפּראַלן צום צעטיילן די בריוו. און נישט קוקנדיק אויף זיין שלעכטער שטימונג, קען ער זיך נישט איינהאַלטן אויסצופּויקן אַלע נייעסן, מיט וועלכע ער איז אָנגעקומען. אין דער זעלבער צייט ווי ער בינדט אויף דאָס שטריקל פון פּעקל בריוו, צעטיילט ער אויך פּאַרציעס מינדלעכע נייעס.

צום ערשט גיט ער איבער, אַז אין ראַפּאָרט איז דאָ אַ בפירושער פאַרבאָט צו טראָגן קאַפּטערס.

— האָרכסט? — זאָגט טיכערט צו טיכלוואַרן. — וועסט שוין מוזן אונטערברענגען דיין שיין קאַפּטערל.

— אַ נעכטיקער טאָג! באַ מיר גייט עס נישט! דאָס האָט מיר גאָרנישט פּויער — ענטפערט דער מיטן קאַפּטערל, וואָס זיין כבוד קומט דאָ נישט ווייניקער אין שפּיל, ווי זיין באַקוועמלעכקייט.

— באַפעל פון גענעראַל, אַרמיי-קאָמענדאַנט.

— מוז אויך דער גענעראַל אַרויסגעבן אַ באַפעל ס'זאָל מער נישט רעגענען. איך וויל פון גאָרנישט וויסן.

צום מיינסט באַפעלן, אַפילו קנאַפּער אויסערגעוויינטלעכע, ווי דער דאָזיקער, ווערן שטענדיק אויף אַזאַ אופן אויפגענומען... ביז מ'פירט זיי אויס.

— אין ראַפּאָרט ווערט אויך געזאָגט — זאָגט דער בריוו-מענטש, — אַז מ'מוז אָפּשערן די בערד. אויך די קעפּ, גלאַטיק, מיט אַ מאַשינקע!

— דערציי̈ל דער באָבען! — זאָגט באַרק, וועמענס גזשיווע עס איז דירעקט באַדראָט דורך דער דאָזיקער פאַראָרדנונג. — האָסט מיך נישט וואָס אָנצוקוקן. מאַך צו די קראָם.

— וואָס זאָגסטו — ן — עס מיר. טו עס יאָ, אָדער טו עס נישט. ס'איז מיר קנאַפּ וואָס געלעגן.

צוזאַמען מיט די פּאָזיטיווע, געשריבענע, נייעס, זיינען פאַר־האַן נאָך וויכטיקערע, דערפאַר אָבער נישט־זיכערע און מער נאָך פאַנטאַסטישע: די דיוויזיע וועט ווערן אויפגעלעזט און וועט זיך אָפּרוען — אָבער אַזוי, אויף אַן אמת זיך אָפּרוען, אין משך פון זעקס וואָכן — צי אין מאַראָקאָ, צי אפשר גאָר אין עגיפּטן.

— עהע... אַהאָ... עהע!...

מען הערט זיך צו. מען לאָזט זיך פאַנגען דורכן רייץ פון דעם דאָזיקן נייעס, פון דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן.

עמעץ פונדעסטוועגן פרעגט דעם וואַכמייסטער:

— ווער האָט דיר דאָס געזאָגט?

ער ווייזט אָן די קוועלן:

— דער אַדיוטאַנט, קאָמענדאַנט פון דער לאַנדווער־אָפּטיילונג, וואָס אַרבעטן אין ג. ק. פון א. ק.

— ווו?

— אין גענעראַל־קוואַרטיר פון אַרמיי־קאָרפּוס... און נישט בלויז ער אליין זאָגט עס. אויך דער גאַסט, דו ווייסט שוין, כ׳געדענק נישט, ווי ער הייסט: דער, וואָס זעט אויס אַזוי ענלעך צו גאַלן און איז דאָך נישט גאַל. עפּעס האָט ער עמעצן אין דער משפּחה, וואָס איז עפּעס אַ גאַנצער כ׳ווייס נישט וואָס. אַזוי אַרום האָט ער עס. געקענט געוווּיר ווערן.

— נו, און וואָס?

און זיי שטייען אַזוי אין אַ ראָד, מיט אַ נייגעריקן בליק אַרום דעם דערציילער פון דאָזיקן נייעס.

— קיין עגיפּטן, זאָגסטו, וועט מען אונדז שיקן?... כ׳קען עס נישט. כ׳ווייס, אַז דאָרט זיינען אַמאָל געווען פּרעהס, ווען כ׳בין נאָך געווען אַ קליין יונגל און געגאַנגען אין שול. אָבער פון דאַמאָלס אָן...

— קיין עגיפּטן...

דער געדאנק פאַראַנקערט זיך אומבאַמערקבאַר אין די מוחות.

— אָבער ניין — זאָגט בלער — איך קריג די ים־קראַנקייט...

און ווידעראַרום האַלט זי נישט לאַנג אָן, די ים־קראַנקהייט... יאָ, אָבער וואָס וועט מיין פלוניתטע דערויף זאָגן?

— וואָס ווילסטו, וואָס? זי וועט זיך שוין צוגעוווינען! מ׳וועט דאָרטן זען אַרומלויפן אין די גאַסן נעגערס און גרויסע פייגל, ווי מ׳זעט בא אונדז די שוואַלבן.

— אָבער, צי האָבן מיר נישט געדאַרפט גיין קיין על־זאַס?

— אוודאי — ענטפערט דער וואַכמייסטער. — אויף דער ברעזע זיינען דאָ עטלעכע, וואָס מיינען אַזוי.

— דאָס וואָלט מיר צוגעפּאַסט...

...דער געזונטער פאַרשטאַנד אָבער און די דערוואָרבענע דערפאַרונג פאַרנעמען צוריק זייער אָרט און פאַרטרייבן די חלומות. שוין וויפיל מאָל האָט מען געשמועסט, אַז מ׳וועט ערגעץ אַוועק־פאָרן, און שוין וויפיל מאָל האָט מען אין דעם געגלייבט, און שוין וויפיל מאָל זיך אַנטוישט! איז עס עפּעס אַזוי, ווי מ׳וואָלט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט.

— דאָס אַלץ איז ווערט אַ באָבקע. וויפיל מאָל האָט מען אונדז שוין דאָס אָנגעברייעט. וואַרט אַ ביסל איידער דו גייסט גלייבן און — האָב נישט קיין קאָפּברעכעניש.

יעדער גייט זיך אין זיין ווינקל, איינער אַהער, איינער אַהין, האַלטנדיק אין האַנט די לייכטע, אָבער וויכטיקע משא פון זיין בריוו.

— יאָ, — זאָגט טיכלואַר. — מ׳מוז שרייבן. כ׳קען נישט איבערהאַלטן אַ וואָך אָן נישט שרייבן. דאָס וועט גאָרנישט העלפן.

— איך דעסגלייכן — זאָגט עודאָר, — איך מוז אויך שרייבן צו מיין קליינער.

— וואָס מאַכט זי עפּעס, מאַריענע?

— נישקשה. דו זאָרג זיך נאָר נישט וועגן מאַריענט.

אייניקע האָבן זיך שוין איינגעאָרדנט צום שרייבן. באַרק שרייבט שטייענדיקערהייט, האָט אונטערגעלייגט זיין נאָטיצביכל אין אַן אויסהוילונג פון דער גרובן־וואַנט און זעט אויס באַגייסטערט. ער שרייבט און שרייבט, איינגעבויגענערהייט, פאַרטיפֿט, מיט אַ גע־שפּאַנטן בליק, ווי אַ רייטער אין צעלאָזטן גאַלאָפּ.

לאַמיז האָט נישט קיין רייכע פאַנטאַזיע, און ער פאַרברענגט זיין צייט, זינט ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, אין איבערלייענען שוין צום וויפלסטן מאָל די לעצט־דערהאַלטענע בריוו. אַ בייגעלע פּאַפּיר ליגט בא אים אויסגעשפּרייט אויף דער אויסגעבעטער קני און די איינגעגעצטע טוש־בלייפעדער אויף דעם, נישט ווּיסנדיק צו שרייבן וואָס עפּעס אַנדערש, ווי דאָס, וואָס ער האָט שוין נישט איינמאָל געשריבן און זייענדיק פאַרעקשנט צו שרייבן דווקא עפּעס נייעס.

אַ סענטימענטאַלע זיסקייט איז ווי אויסגעגאָסן איבער [illegible] נעם עידאָר, וועלכער זיצט איינגעקאָרטשעט אין אַ מין ערדישער נישע. ער נעמט צונויף זיינע רעיונות, די בלייפעדער צווישן די פינגער, די אויגן אויפן פּאַפּיר, פאַרחלומט, קוקט ער ערגעץ, אַנט־דעקט און זעט — און מ׳פילט דעם אַנדערן הימל, וואָס באַלייכט אים. זיין בליק נידערט דאָרט ווייט אַראָפּ — אויסגעברייטערט איז ער און דערגרייכט אַזש ביז אַהיים...

אין דער צייט פון די בריוו־שרייבן איז מען באמת, און צום בעסטן, דאָס, וואָס מ׳איז אמאָל געווען. אַ סך פון די זעלנער גיבן זיך איבער מיט זייער גאַנצן וועזן דער פאַרגאַנגענהייט, און מ׳רעדט דערהויפּט וועגן עסן.

אונטער דעם שאָלעכץ פון פאַרגרעבטע און גרויע פּאָרמען, וואַכן אויף אין טייל הערצער און קומען צום אויסדרוק ליכטיקע זכרונות פון אַמאָל: אַ זומער־פרימאָרגן, ווען די פרישע גרינקייט

פון גאָרטן באַשטראַלט און באַגיסט אײַנגאַנצן דאָס ווײַסע דאָרפֿי־שע הײַזל; אָדער ווען דער ווינט בלאָזט איבער דעם פֿלאַכן קאָרן־פֿעלד און פֿאַליעט עס דאָ שטאַרקער, דאָ שוואַכער, און דערלעבן ציטערט דאָס פּירעקעכדיקע האָבער־פֿעלד און צאַפּלט־אויף אין פֿרײַ־לעכע ווינטיקע באַוועגונגען. אָדער גאָר אַ ווינטער־אָוונט: אַרום טיש זיצן ליבלעכע, צערטלעכע פֿרויען־געשטאַלטן, און פֿון טיש אַראָפּ צעגיסט אַ מילדע ליכטיקייט דער לאָמפּ, וואָס זײַן שײַן ווערט נאָך צאַרטער דורכן אַבאַזשור.

דער פֿאָטער בלער נעמט זיך דערווײַל ווידער צו זײַן אָנגע־הויבן פֿינגערל. ער האָט אָרויפֿגעזעצט דאָס נאָך נישט פֿאַרטיקע אַלו־מיניום־רינגעלע אויף אַ קײַלעכדיק שטיקל האָלץ און פֿײַלט עס מיט אַ פֿײַלעכל. מיט דער גאַנצער נשמה פֿאַרטיפֿט ער זיך אין דער דאָ־זיקער אַרבעט, דערבײַ איז ער שטאַרק פֿאַרטראַכט, און צוויי קנײטשן קריצן זיך אים אײן אויפֿן שטערן. טײלמאָל בלײַבט ער שטײן אינ־דערמיט אַרבעט, גלײַכט זיך אויס און באַטראַכט דעם דאָזיקן קלײ־נעם געגנשטאַנד מיט ליבע, גלײַך דאָס רינגל וואָלט אויף אים אויך געקוקט.

— פֿאַרשטייסטו מיך — זאָגט ער מיר אַמאָל בײַ אַן אַנדער פֿינגערל — ס׳גײט נישט אין דעם, ס׳איז גוט, אָדער שלעכט. דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס איך האָב עס געמאַכט פֿאַר מײַן פֿרוי. פֿאַר־שטייסט? ווען כ׳האָב גאָרנישט געהאַט וואָס צו טון, משוגע געוואָרן פֿאַר לײדיקגײן, האָב איך מיר באַטראַכט די דאָזיקע פֿאָטאָגראַפֿיע (ער ווײַזט מיר דאָס בילד פֿון אַ דיקער, שוועערער פֿרוי), און דאַמאָלס האָב איך מיך גענומען צו דעם דאָזיקן פֿינגערל און ס׳גײט, ווי גע־שמירט. מ׳קען זאָגן, אַז מיר האָבן עס צוזאַמען געמאַכט. פֿאַרשטייסט? דער בעסטער באַווײַז, אַז ס׳האָט מיר מיטגעהאָלטן געזעלשאַפֿט, איז דאָס, וואָס איך האָב מיך געזעגנט דערמיט, ווען כ׳האָב עס אַוועקגע־שיקט מײַן אַלטער.

אַצינד מאַכט ער אַן אַנדערס, אויף וועלכן עס וועט זיין אויך אַ שטיקל קופער. ער אַרבעט מיט היץ. זיין גאַנץ האַרץ וויל זיך דערין ווי צום בעסטן אויסדריקן, און ער האָרעוועט דעריבער, ווי איבער עפּעס אַ מין קאַליגראַפיע.

איינגעבויגן מיט אַ יראת־הכבוד איבער די דאָזיקע לייכטע פּשוטע צירונג־אַרבעטן, וואָס זיינען אַזוי קליין, אַז די פּאַרהאָרעוועטע גראָבע האַנט האַלטן זיי מיט מי און לאָזן זיי אַלעמאָל אַרויס — זען אויס די דאָזיקע מענטשן אין די נאַקעטע ערד־לעכער נאָך ווילדער, נאָך פּרימיטיווער און נאָך מענטשלעכער, ווי אויף אַ וואַסער נישט איז אַנדערן פּאָן.

עס קומט אויפן געדאַנק דער ערשטער דערפינדער, דער פּאָטער פון די קינסטלער, וואָס האָט זיך באַמיט צוצוגעבן דוירעהאַפטע זאַכן דעם פאָרם פון דעם, וואָס ער האָט געזען, און די נשמה, וואָס ער האָט אין זיך אַליין געפילט.

* *

*

איינציקווייז קומען זיי אָן, גייען פאַרביי און ווערן פאַרשווינדן קליינע, אַלטע, איינגעשרומפּענע, מיט אַש־גרויע באַקן, אָדער קיין לעכדיקע, שווער־אָטעמדיקע, ענג־אַרומגעצויגענע, מיט זייערע אָפּגעשוירענע און פאַרפלעקטע מאַנטלען ווו ס׳פעלן קנעפּ, און פון אויסגעריבענעם שטאָף לייכטן אַרויס לעכער. . .

טערעק און באַרק, די צוויי לוסטיקע חברה־לייט, שטייען צו געדריקט און אָנגעשפּאַרט אָן דער גרובן־וואַנט און באַטראַכטן זיי צום ערשט, נישט ריידנדיק קיין וואָרט. דערנאָך נעמען זיי שמייכלען.

— אַ דעפּיליאַדע פון גאָרקעכער — זאָגט טיכערט.

— וואַרט, וועסט באַלד לאַכן אַ ביסל, — זאָגט אָן באַרק.

אַ פּאָר פון די אַלטע אַרבעטער זייגען באמת לעכערלעך. אָט קומט אָן איינער פון דער רייע מיט אַראָפּהענגענדיקע אַקסלען, ווי

באַ אַ פלאַש; ער האָט אַ שמאָלן ברוסטקאַסטן, דינע פיס און, אַ חוץ דעם, אַ גראָבן בויך.

באַריק קען זיך שוין לענגער נישט איינהאַלטן.

— זאָג נאָר, דע, האָניג-קוועטשער!

— אַ דין מאַנטעלע — באַמערקט טיכערט באַם פאַרבייגייך פון אַ מאַנטל, וואָס איז באַלייגט מיט אַלע מינים בלויע לאַטעס.

ער רופט דעם וועטעראַן:

— העי, זיידעשי מיט די מוסטערן, זאָג נאָר, דאָרט, דע — שרייט ער.

דער פאַרשוין דרייט זיך אויס און קוקט אים אָן מיט אַן אָפן מויל.

— זאָג נאָר, זיידעשי, אפשר וואָלסטו געוואָלט אַזוי גוט זיין און מיר געבן דעם אַדרעס פון דיין לאָנדאָנער שניידער.

דאָס אַלטע געגרינצלטע פנים שיסט אויס מיט אַ געלעכטער. דערנאָך ווערט דאָס מענטשעלע, וואָס איז אַ רגע שטיין געבליבן צוליב באַרקס חוזק, אונטערגעשטופט און מיטגעריסן פון דער מענגע, וואָס גייט נאָך אים.

נאָך אַ פאָר קנאַפע באַמערקונגסווערטע עקזעמפלאַרן, קומט אָן אַ פרישער קרבן צום אָפלאַכן. אויף זיין רויטן געפּאַלדעוועטן קאַרק הענגט עפעס אַ שמוציק שטיק שפּס-וואָל. די קניען איינגעבויגן, דער אויבערשטער טייל קערפּער אַפּערגעבויגן, דעם רוקן אויס-געקרימט — האַלט זיך דער דאָזיקער לאַנדווערמאַן קוים אויף די פיס.

— זע נאָר — שרייט טיכערט, טייטלענדיק אויף אים מיטן פינגער — דער באַרימטער האַרמאָניקע-מענטש! אויף אַ יאַריד וועט מען אים ווייזן אויף בילעטן. דאָ זעסטו אים בחנם!

בעת דער באַליידיקטער שטאַמלט זיינע קללות, לאַכט מען אין און דאָרטן.

מען דאַרף נישט מער, כּדי אויפצורייצן די בּיידע חברה־לייט. זייער חשק אַריינצוזאָגן עפּעס אַ ווערטל, וואָס דאָס נישט־איבּער־קלייבּערישע פּובּליקום וועט האַלטן פאַר אַ חכמה, ווערט דורכן גע־לעכטער נאָך שטאַרקער, און עס גלוסט זיך זיי נאָך לוסטיקער צו מאַכן איבּער די אַלטע וואָפן־ברידער, וואָס האָרעווען טאָג־און־נאַכט, בּאַ די ראַנדן פון דער גרויסער מלחמה, צורעכטמאַכנדיק און צו־גרייטנדיק די מלחמה־פעלדער.

עס קומען צו נאָך פרישע צושויער. אַליין אומגליקלעך, שפּעטן זיי אָפּ פון נאָך אומגליקלעכערע.

— קוק מיר דאָס אָן! און דעם דאָ!

— זאָלסט אַזוי געזונט זיין, כאַפּ מיר אַראָפּ די פאָטאָגראַפיע פון דעם דאָ פלוי־תחתל! העי, קורץ־פּיסיקער.

— און דער גוג־מגוג! שוין איינמאָל אַ וואָלקן־קראַצער. זע נאָר, ס׳איז ווערט אַ קוק צו טון. העי, זאָג נאָר, דו לאַנגער פלאָקן!

דער מענטש, וואָס אים מיינט מען, קומט אָן מיט דראָבּנע טריט, טראָגנדיק דעם רידעל אין דער האַנט, ווי אַ ליכט. זיין פּנים איז איינגעשרומפּן און דער קערפּער צעדרייט פון קרייץ־רעוומאַטיזם.

— הע, זיידעלע, ווילסט אַ דרייער? — פרעגט אים בּאַרק און קלאַפּט אים איבּער דער פּלייצע, ווען יענער גייט פאַרבּיי אים.

דער אַלטער אָפּגעריבּענער זעלנער, בּאַליידיקט, וואָרטשעט:

— „ווער פאַרכאַפּט צום טויט״.

דאַמאָלס וואַרפט אים בּאַרק צו מיט אַ קוויטשיקער שטימע:

— זאָג נאָר, קענסט נישט זיין אַ בּיסל העפלעכער מיט דיין צעפּאַרצט פּנים, דו אַלטע שטינק־מיל!

דער אַלטער טוט זיך מיט אַמאָל אַ דריי אום און שטאַמלט עפּעס, שטאַרק דערצערנט.

— זעטס נאָר — שרייט בּאַרק און לאַכט — דאָס וואָרטשעט נאָך, — דו אויסגעריבּענע סאָפּע. שקעס אים נאָר אָן, ער איז

קריגעריש געשטימט, און ער וואָלט געוועז געפּערלעך, ווען ער איז אַזוי מיט אַ צעכציק יאָר יינגער.

— און ווען ער איז נישט שיכור — זאָגט אַזוי זיך פּעפּין, וועלכער זוכט זיך שוין אַ נייעם קרבן צווישן דער אָנקומענדיקער מחנה.

עס באַווייזט זיך די איינגעפאַלענע ברוסט פון דעם לעצטן נאָכשלעפּער און באַלד דערויף ווערט פאַרשווינדן זיין פּאַרקריפּלטער רוקן.

די דעפילאַדע פון די אויסגעקראָכענע וועטעראַנער, פּאַרשמירטע פון די אָקאָפּעס, ענדיקט זיך, און עס קוקן זיי נאָך די סאַרקאַסטישע און כמעט בייזוויליקע פּנימער פון די פּאַרחושכטע, אונטערערדישע איינוווינער, וואָס טויכן אויף פון זייערע בלאָטיקע היילן.

דערווייל גייען פאַרביי שעהן, און דער אָוונט הייבט אָן גרוי מאַכן דעם הימל און טונקל מאַכן די זאַכן. דער אָוונט נעמט זיך אויסמישן מיטן בלינדן גורל, מיט דער פינסטערער און אומוויסנדיקער נשמה פון דער מחנה, וואָס איז דאָ באַגראָבן.

אין בין-השמשות הערט זיך אַ געקלאַפּעריי פון טריט. אַ באַוועגונג. באַלד מאַכט זיך דורכגאַנג אַ נייע אָפּטיילונג.

— אַפריקאַנער.

זיי גייען פאַרביי מיט זייערע אָפּגעברענטע, געלע אָדער ברוינע פּנימער, מיט שיטערע אָדער האַרטע און געקרויזלטע בערד; זייערע מאַנטלען זיינען גרין-געל, און אויף זייערע, מיט בלאָטע-באַשפּריצטע העלמען, זעט מען אַ האַלבע לבנה, אָנשטאָט אונדזער גראַנאַט-קאָקאַרדע. אין זייערע איינגעפלאַטשטע, אָדער גאָר קאַנטיקע און שאַרפע פּנימער, וואָס גלאַנצן, ווי קופּער, זען אויס די אויגן, ווי קיילעכלעך פון עלפן-ביין אָדער פון אָניקס. פון צייט צו צייט באַוועגט זיך אין דער רייע, איבערשטייגנדיק די אַנדערע, די

שוואַרצע מאַסקע פון אַ סענעגאַלישן שיסער. אונטער דער קאָמ־
פּאַניע פלאַטערט אַ קליין פענדל, מיט אַ גרינע האַנט אינדערמיט.

מען קוקט זיך צו צו זיי און מען שווייגט. זיי פאַרטשעפּעט
מען נישט. זיי אימפּאָנירן, מאַכן אָן אַפילו אַ ביסל אַ מורא.

דאָך זען אויס די דאָזיקע אַפריקאַנער פריילעך און גוט
אויפגעלייגט. זיי גייען נאַטירלעך אין דער ערשטער ליניע. דאָס
איז זייער אָרט, און זייער אָנקומען איז דער בעסטער סימן פון
אַ נאָענטן אָנגריף. זיי זיינען באַשאַפן צום שטורם־אָנגריף.

— זיי און דעם 75-קאַנאָן, זיי, הערסטו, האָבן מיר וואָס צו
פאַרדאַנקען! שטענדיק שיקט מען זיי די ערשטע פאָרויס, אין וויכ־
טיקע מאָמענטן, די מאַראָקאַנער דיוויזיע.

— זיי קאָנען זיך נישט צופּאַסן צו אונדז. זיי גייען צו
שנעל. אוממעגלעך זיי איינצוהאַלטן...

טייל זיינען ערנסט, צווישן די דאָזיקע בלאָנד־בראָנז־און
עבנהאָלץ־פאַרביקע טייוולאָנים. זייערע פּנימער זיינען באַומרויִקטע,
שטומע, ווי אַ נעץ, וואָס מען זעט. טייל לאַכן; זייער געלעכטער
הילכט, ווי דער אָפּקלאַנג פון אויסטערלעשע אינסטרומענטן פון
אַן עקזאָטישער מוזיק, און באַווייזט זייערע ציין.

מען דערציילט זיך די אייגנשאַפטן פון די שוואַרצע: זייער
פאַרביסנקייט באַם שטורמען, זייער שיכּרות אָנצוגרייפן מיט באַגנעטן,
זייער אַרט נישט רחמנות האָבן. מען חזרט כּסדר איבער די מעשׂות,
וואָס זיי אַליין דערציילן גערן, און אַלע כּמעט מיט די זעלבע ווער־
טער און מיט די זעלבע תּנועות: „קאַמ׳ראַד, קאַמ׳ראַד!" „ניין,
נישטאָ קאַמ׳ראַד!" און זיי מאַכן נאָך דערביי די באַוועגונג פון באַג־
נעט, וואָס מען טוט אַ שליידער אין דער אייבערשטער טייל בויך,
און מען ציט אים נאָכדעם אַרויס פון אונטן, זיך צוהעלפנדיק מיטן פוס.

אייגער פון זיי הערט, פאַרבייגייענדיק, וועגן וואָס מען רעדט
דאָ. ער קוקט אונדז אָן, לאַכט ברייט אין זיין באַהעלמטן טורבאַן

און חזרט איבער, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אויף ניין: „נישטאָ קאַמ-ראַד, נישטאָ קאַמראַד, קיינמאָל נישט! ס'קעפּל אַראָפּ!"

— זיי זיינען באמת גאָר פון אַן אַנדערער ראַסע, ווי מיר, מיט זייער הויט, ווי פּאַלאַטקע-לייוונט — זאָגט ביקעט, וועלכער איז אַליין אויך נישט קיין האָז. זיי קענען נישט פאַרטראָגן קיין רו. זיי, פאַר-שטייסטו מיך, לעבן-אויף בלויז אין דער מינוט, ווען דער אָפיציר שטעקט צוריק אַריין זיי זייגערל אין טאַש און זאָגט זיי: „פאָרווערטס, געגאַנגען!"

— אין תוך גענומען, זיינען דאָס אמתע זעלנער.

— מיר זיינען נישט קיין זעלנער, מיר. מיר זיינען מענטשן — זאָגט דער דיקער לאַמיז.

ס'איז שוין טונקל-שעה, און דאָך וואַרפט דאָס דאָזיקע אמתע און קלאָרע וואָרט, ווי אַ שיין אויף אַלע די, וואָס וואַרטן און וואַרטן שוין טעג און חדשים-לאַנג.

דאָס זיינען מענטשן, פשוטע מענטשן, איבערגעוואַלט אַרויס-געריסענע פון לעבן. און, ווי פשוטע מענטשן פון דער מאַסע אַרויס, זיינען זיי אומבאַוווסטזיניק, ווייניק באַגייסטערט, מיט באַגרענעצטע האָריזאָנטן, פול מיט געזונטן פאַרשטאַנד, וועלכער גייט צייטנווייז אַראָפּ פון גלייכן וועג. זיי לאָזן זיך פירן, און טון, וואָס מען הייסט זיי טון, טראָגן איבער לייכט עגמת-נפש און זיינען פעיק אַ לאַנגע צייט צו ליידן.

דאָס זיינען פשוטע מענטשן, וועלכע מ'האָט נאָך פשוטער גע-מאַכט, און, נויטווענדיקערהייט, האָבן זיך אויך באַ זיי בולטער אַנטוויקלט די פרימיטיווע אינסטינקטן: אינסטינקט פון זעלבסט-דערהאַלטונג, עגאָיזם, איינגעשפּאַרטע האָפענונגען תמיד לעבן צו בלייבן, פרייד צום עסן, טרינקען און שלאָפן.

צייטנווייז רייסט זיך אַרויס פון טיפן אָפּגרונט און פון דער

שטילקייט פון זייערע גרויסע מעגטשלעכע נשמות א מענטשלעכער איסגעשריי, אַ טיפער שוידער.

ווען אַלץ ווערט שוין מטושטש און נישט צום אונטערשיידן, הערט זיך פון ערגעץ-ווו, פריער שוואַכלעך, דערנאָך גענטער און דייטלעכער אַ הילכיקער באַפעל:

— צווייטע האלב-סעקציע ! צונויפקומען !

מ׳שטעלט זיך אין דער ריי. באַלד דערויף — באַפעל.

— אַכטונג ! — זאָגט דער קאַפּראַל.

מ׳רירט פון אָרט. פאַר דער ווערקצייג-שאָפע שטעלט מען זיך אָפּ, מ׳צעגייט זיך. יעדער באַקומט אַ רידעליקל אָדער העקל. אַן אונטער אָפיציר דערלאַנגט אין דער פינסטער די מכשירים-הענטלעך:

— איר, אַ רידעל — נאַ, אַנטלויף. איר אויך אַ רידעל, איר אַ העקל. אַן עק, גיכער, אָפּגעצויגן.

מ׳גייט דורך אַ קאָרידאָר-גרובן פערפענדיקולער צו דער אָקאָפּע; מ׳גייט גלייך פאָרויס, צו דער באַוועגלעכער, לעבעדיקער און שרעקלעכער גרענעץ פון אַצינד.

אין דער הימל-גרויקייט, אין גרויסע אַראָפּשטייגנדיקע קרייזן, הערט מען דאָס מעכטיקע אָפּגעהאַקטע זשומען פון אַ פלי-אַפּאַראַט, וועלכן מ׳זעט נישט, אָבער וועלכער פילט אָן מיט זיין ברומען דעם גאַנצן חלל. פאַר אונדז, אויף רעכטס, אויף לינקס, אומעטום, שפייען אויס דונער-קראַכן אין טונקל-בלויען הימל אריין ברייטע קורצע בליצן.

III.

## דער אָפּגאַנג.

דער גרויל־עכער באַגינען שלאָגט זיך אָפּ קוים, קוים אויפן אומפּאַרביקן, נאָך טונקעלן לאַנדשאַפט. צווישן דעם משופּעדיקן וועג אויף רעיִטס, וואָס שיילט זיך אַרויס פון דער פינסטערניש, און דעם טונקעלן נעפּל פון אַלעי־וואַלד — ווו מען הערט, נישט זעענדיק אים, אַן אַרטילעריע־טרען זיך פאַרטיק־מאַכן אין וועג אַריין און פון אָרט רירן — צעשפּרייט זיך אַ פעלד. מיר, פון 6־טן באַטאַליאָן, זייַען אָנגעקומען אַהער סוף נאַכט. אונדזערע ביקסן האָבן מיר אין דריי־געשטעלן אייַנגעשטעלט, און, אַצינד, שטייען מיר אַלע מיט די קעפּ אויסגעדרייט צום וועג, וואָס פירט ווייט אַראָפּ; אינדערמיט פון אַ רונדיקן פּלאַץ, אַ שוואַך באַלויכטענעם, די פיס אין טוי און אין בלאָטע, שטייען מיר אַזוי ווי טונקל־בלויע שאָטנהאַפטע גרופּקעלעך, אָדער ווי איינזאַמע געשפּענסטער. מיר וואַרטן אויף דעם איבעריקן טייל פון פּאָלק: אויפן 5־טן באַטאַליאָן, וועלכער איז געווען אין דער ערשטער ליניע און שפּעטער פון אונדז פאַרלאָזט די אָקאָפּעס...

אַ ליאַרם...

— אָט זייַנען זיי

אַ לאַנגע אומקלאָרע מאַסע באַווייזט זיך אויף מערב־זייט און טוליכט אויף פון דער נאַכט אַרויס אויפן שוואַך־באַלויכטענעם וועג. ענדלעך! פאַרענדיקט איז די דאָזיקע פאַרשאָלטענע אויס־

לייזונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נעכטן זעקס אָוונט און האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט; און אַצינד האָט דער לעצטער מענטש פאַרלאָזט דעם לעצטן קאָרידאָר-גרובן.

דער אויפהאַלט אין די אָקאָפּעס איז דאָס מאָל געווען אַ שרעקלעכער. די אַכצנטע קאָמפּאַניע איז געשטאַנען פון פּאָרנט. זי איז שרעקלעך באַשעדיקט געוואָרן: אַכצן געהרגעטע און אַן ערך פופציק פאַרוווּנדעטע, איין אומגעקומענער אויף דריי אין משך פון פיר טעג; און דאָס אָן אַן אָנגריף, בלויז דורך באַשיסונג.

מען ווייסט דאָס און, בעת דער צעשעדיקטער באַטאַליאָן קומט אָן דאָרט אונטן, גייען מיר פאַרביי איינער פאַרן צווייטן, טאָפּטשענדיק אין דעם פעלד-שליאַם, און ווען מען דערקענט זיך, בייגט מען זיך צו איינער צום צווייטן:

— ווייסט, די אַכצנטע!...

זאָגנדיק דאָס, טראַכט מען זיך: „אויב דאָס גייט ווייטער אַזוי, וואָס וועט מיט אונדז ווערן? וואָס וועט זיין מיט מיר?...“

די זיבעצנטע, די ניינצנטע און די צוואַנציקסטע קומען איינער נאָך דער אַנדערער און שטעלן איין זייערע ביקסן.

— אָט איז די אַכצנטע!

זי קומט אָן נאָך אַלע אַנדערע: זייענדיק אין דער לעצטער אָקאָפּע, איז זי געוואָרן די לעצטע אויפגעלייזט.

דער טאָג האָט זיך אַ ביסל דורכגעריסן און באַגיסט אַלץ מיט אַ מאַט ליכט. מען דערקענט אויפן וועג, איינזאַם, אין דער שפּיץ פון זיין אָפּטיילונג, דעם קאַפּיטאַן פון דער קאָמפּאַניע. ער גייט שווער, אָנלענענדיק זיך אויף אַ שטעקן, צוליב אַן אַלטער ווונד באַ דער מאַרנע, וואָס דער רעוומאַטיזם לאָזט זי נישט צו רו און אויך צוליב עפּעס אַן אַנדערע ווייטיק. ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, וואָס איז אונטערן באַשליק; ער זעט אויס, ווי ער וואָלט באַגלייטן

נאָך אַ לוויה; און מ׳זעט, אַז ער טראַכט וועגן עפּעס און אַז ער גייט באמת נאָך אַ לוויה.

אָט קומט די קאָמפּאַניע.

זי באַווייזט זיך, שטאַרק אין אומאָרדנונג. מיטאַמאָל ווערט אונדז ס׳האַרץ פאַרקלעמט. באַ דער דעפּילאַדע פון באַטאַליאָן, איז די קאָמפּאַניע מיט אַ שפּאַר ביסל קירצער, ווי די דריי אַנדערע.

כ׳גיי אַרויף אויפן וועג, און גיי אַנטקייגן די מענטשן פון דער אַכצנטער קאָמפּאַניע, וואָס באַווייזט זיך. די אוניפאָרמען פון די דאָזיקע ניצול-געוואָרענע, זיינען אַלע גלייך געל פון דער ערד; ס׳קען זיך דאַכטן, אַז זיי זיינען אָנגעטון אין קאַקי. דאָס טוך איז איינגעזאַפּט שטייף פון דער אַקער-בלאָטע, וואָס איז פאַרטריקנט געוואָרן; די פּאָלעס פון זייערע מאַנטלען זיינען, ווי ברעטלעך, וואָס קלאַפּערן אויף דער געלער קאָרע, וואָס באַדעקט זייערע קניען. די פּנימער זיינען אויסגעמאַטערטע, ווי מיט קוילן אויסגעשמירטע, די אויגן גרויסע און פיבערדיקע. שטויב און שמוץ פאַרמערן נאָך די צאָל קנייטשן אויפן פּנים.

צווישן די דאָזיקע זעלנער, וואָס קומען צוריק פון די שרעקלעכע אונטער-ערד-היילן, איז אַ געפּילדער ביז צום טויב ווערן. זיי רעדן אַלע מיטאַמאָל זייער הויך און מיט שטאַרקע באַוועגונגען, זיי לאַכן און זינגען.

און עמעץ, וואָס קוקט זיי אָן, וואָלט געקענט מיינען, אַז דאָ האָט ער פאַר זיך אַ בגילופנדיקע, יום-טובדיקע חברה, וואָס צעשיט זיך אויפן וועג.

אָט איז די צווייטע סעקציע, מיט איר לאַנגן אונטערלייטנאַנט; זיין מאַנטל איז פאַרקנעפּלט און איינגעצויגן אַרום זיין שטייפן קערפּער, ווי אַן איינגעלייגטער רעגנשירם. איך גיי נאָך, און דערשלאָג מיך, שטופּנדיק מיט די אָרעמס, ביז מאַרשאַלס ראָטע; זיין ראָטע האָט צום מינדסטן געליטן: פון עלף חברים, וואָס

האָבן זיך אין משך פון אַנדערטהאַלבן יאָר נישט צעשיידט, זיינען געבליבן בלויז דריי מענטשן מיטן קאַפּראַל מאַרשאַל.

ער דערזעט מיך. ער לאָזט אַרויס אַ פריילעכן אויסגעשריי און לאַכט האַרציק; ער לאָזט אָפּ דעם פּאַס פון זיין ביקס און שטעקט מיר אויס די האַנט; אויף דער צווייטער האַנט הענגט זיין שטעקן צום מעסטן די גרובנס.

— העי, גוטער ברודער, וואָס מאַכט מען עפּעס? וואָס הערט זיך עפּעס ביי דיר?

כ'דריי אַוועק דעם קאָפּ, און כמעט שטילערהייט:

— אַ כלל, ליבער פריינט, נישט פריילעכן געווען די מעשה...

ער ווערט פלוצלינג פאַרוואָלקנט, זיין פּנים ווערט ערנסט.

— יאָ, יאָ. אַ ביטערניש. דאָס מאָל איז געווען שרעקלעך... באַרביע איז געהרגעט געוואָרן.

— מ'זאָגט אַזוי... באַרביע!

— שבת, עלף אַ זייגער אָוונט. דער אייבערשטער טייל פון די פּלייצעס איז אים אָפּגעריסן געוואָרן דורך אַ גראַנאַט — דערציילט מאַרשאַל — אָפּגעשניטן ווי מיט אַ ראַזיר־מעסער. בעסן האָט אַ גראַנאַט־שפּליטער דורכגעלעכערט דעם בויך און דעם מאָגן. באַרטעלעמי און באָבעקס זיינען געטראָפן געוואָרן אין קאָפּ און אין האַלדז. די גאַנצע נאַכט האָט מען פאַרבראַנגט אין איין גאַלאָפּירן אַהין־און־צוריק אין דער אָקאָפּע, כדי אויסצומיידן דעם קוילן־האָגל. דער קליינער גאָדפּרואַי — קענסט אים דאָך? — דעם מיטלסטן טייל קערפּער אַרויסגעריסן; דאָס בלוט איז פון אים אָפּגערינען אויפן אָרט אין איין רגע, ווי פון אַן איבערגעדרייטן עמער: אַזוי קליין, ווי ער איז געווען, איז גאָרנישט צו פאַרשטיין פון וואַנען ס'דערנעמט זיך צו אים אַזוי פיל בלוט; ער האָט אָנגעמאַכט אַ טייך כּמעט מינדעסטנס פופציק מעטער אין דער אָקאָפּע. אַ גראַנאַט־שפּליטער האָט גוגאַרדן אַראָפּגענומען ביידע פיס. ווען מען האָט אים אויס־

געטריבן, איז ער נאָך נישט געווען אינגאַנצן טויט. דאָס איז געווען אויף אַ האַרכפּאָסטן. איך בין צוזאַמען מיט זיי געווען אויף דער וואַך. נאָר ווען דער גראַנאַט איז אַריינגעפאַלן, בין איך פּונקט געגאַנגען אין אָקאָפּע אַריין זיך פרעגן, ווי שפּעט עס איז. איך האָב געפונען מיין ביקס, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט, צעבויגן, ווי מיט דער האַנט, די רער צעדרייט, ווי אַ טראָפּן-ציזער, און דער האַלץ-טייל צעריבן אויף זעגעכץ. עס האָט זיך געפילט אַ ריח פון פריש בלוט, אַז עס האָט אַזש צום האַרץ צוגעשלאָגן.

— און מאַנדעגען אויך, נישט אמת?...

— אים ערשט צומאָרגנס אינדערפרי, ס׳הייסט נעכטן, אין אַ זיכער-הייל, וואָס אַ גראַנאַט האָט חרוב געמאַכט. ער איז געלעגען, און דער ברוסט-קאַסטן איז אים צעקוועטשט געוואָרן. האָסט געהערט פון פראַנקאָן, וואָס איז געווען לעבן מאַנדעגען? די איינגעפאַלענע הייל האָט אים צעבראָכן דעם רוקנביין; ער האָט נאָך גערעדט נאָכדעם, ווי מען האָט אים אָפּערגעשלעפּט און אַנידערגעזעצט אויף דער ערד; „איך גיי שטאַרבן“, האָט ער געזאָגט, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ אויף אַ זייט, און ער איז געשטאָרבן. וויזשיל איז אויך געווען מיט זיי; אַזוי, אויפן קערפּער האָט אים גאָרנישט געשאַדט, נאָר זיין קאָפּ איז אינגאַנצן צעפּלאַטשט געוואָרן, צעפּלאַטשט, ווי אַ מצה, און אומגעהייער גרויס געוואָרן: אָט אַזוי. ווי ער איז אַזוי געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד, שוואַרץ און פאַרמלאָזן געמאַכט, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דאָס איז זיין שאָטן, דער שאָטן, וואָס שלעפּט זיך אונדז נאָך אויף דער ערד, ווען מען גייט אַמאָל בנאַכט מיט אַ לאַמטער.

— ווי שיל, וואָס איז געווען פון 13-טן יאָר, אַ קינד נאָך! און מאַנדעגען און פראַנקאָ, אַזעלכע וווילע יונגען, נישט קוקנדיק אויף זייערע בענדלעך!... מיט נאָך אַ פּאָר פיינע, גוטע חברים היינציקער, מיין ליבער מאַרשאַל.

— יאָ — זאָגט מאַרשאַל.

אָבער ער ווערט אַרומגערינגלט פון אַ האָרדע חברים זײַנע, װאָס ציִען אים פון אַלע זײַטן און שטעלן פראַגן. ער װערט זיך, ענטפערט אויף זייערע סאַרקאַזמען, און אַלץ שטופּט זיך און לאַכט.

איך באַטראַכט יעדעס פּנים באַזונדער; אַלע זײַנען זיי פריילעכע. און דורך די מידע קנייטשן, דורך דעם פאַרבאַקענעם ערדשטויב שײַנט אַרויס דער טריומף.

װאָס איז דאָס! װאָלטן זיי געקענט, בשעת זייער אויפהאַלט אין דער ערשטער ליניע װײַן טרינקען, װאָלט איך געזאָגט: „זיי זײַנען אַלע שיכּורים".

איך שטעל מיך אָפּ בײַ איינעם פון די גיצל-געוואָרענע, ער זינגט זיך אונטער אַ לידל צום טאַקט, װי דער הוזאַר פון פאָלקסליד. עס איז װאַנדערבאָרן, דער פּויקער.

— נו, װאָס איז, װאַנדערבאָרן, זעסט מיר עפּעס אויס מלאשמחה!

װאַנדערבאָרן געװײנטלעך אַ שטילער, שרייט צו מיר:

— דאָס מאָל איז נאָך נישט באַשערט געװען, זעסט: מ'לעבט נאָך דערווײַל!

און מיט אַ ברייטן זשעסט פון אַ משוגענעם, גיט ער מיר אַ קלאַפּ איבערן אַקסל.

איך פאַרשטיי...

איבער די דאָזיקע מענטשן זײַנען, בײַם אַרויסקומען פון גיהנום אַ חוץ אַלעם גליקלעך, איז עס דערפאַר טאַקע, װײַל זיי זײַנען פון דאָרט אַרויסגעקומען. זיי קומען צוריק, זיי זײַנען געראַטעוועט. דער טויט, װאָס איז שוין געשטאַנען פאַר די אויגן, האָט זיי נאָך איין מאָל אויסגעמיטן. לויט דער דינסט-ריי קומט אויס יעדער קאָמפּאַניע צו זײַן אין דער פאָדערשטער ליניע יעדע זעקס װאָכן! זעקס

זאָגן! די זעלנער אין מלחמה האָבן אין דער באַציִונג צו גרויסע און קליינע געשעענישן אַ קינדערישע פילאָזאָפיע: זיי קוקן קיינמאָל נישט ווייט, נישט אַרום זיך, נישט פאַר זיך. זייער טראַכטן גייט שמעט פון טאָג־אויף־טאָג. היינט איז יעדער פון זיי זיכער צו לעבן נאָך אַ שטיקל צייט.

דערפאַר טאַקע איז נישט קוקנדיק אויף דער מידעקייט, וואָס דערדריקט זיי, אויף דער שרעקלעכער שחיטה, וואָס זיי זיינען נאָך מיט איר פריש בלוט באַשפריצט, אויף דעם, וואָס זייערע ברידער זיינען נאָר־וואָס פון צווישן זיי אַרויסגעריסן געוואָרן, אויף דעם אַלעמען איז, קענען זייער אייגענעם ווילן, יעדן יום־טובדיק אויסן האַרץ, ווייל ער איז לאַבן געבליבן. יעדער בעניסט פון אומעגדי־לעבן גליק פון דאָזיין.

IV.

# וואָלפּאַט און פּויַאַד.

קומענדיק אויף דער קוואַרטיר, טוט איינער אַ געשריי:

— אָבער וווּ איז וואָלפּאַט?

— און פּויַאַד וווּ איז ערגעץ.

זיי זיינען געפּאַדערט און מיטגענומען געוואָרן אין דער ערשטער ליניע דורכן 5-טן באַטאַליאָן. מ'האָט זיי געזוכט ווידער טרעפן אויף דער קוואַרטיר. נישטאָ. צוויי מאַן פון דער ראָטע פאַרלוירן!

— צו אַלדע שוואַרצע יאָר! ניי באַרג אַרויס מענטשן — מאַכט געוואַלטן דער סערזשאַנט.

ווען מ'דערציילט די מעשה דעם קאַפּיטאַן, וואַרפט ער זיך, שעלט און זאָגט:

— די מענטשן מוז איך האָבן. די רגע זיי אויפזוכן. געגאַנגען!

פאַרפאַדעטן און מיך האָט דער קאַפּראַל בערטראַן אַרויסגערופן פון דער סטאַדאָלע, ווו מיר זיינען שוין געלעגן אויסגעצויגן און בעגרייט זיך כאַפּן אַ דרימל.

— מ'מוז אויפזוכן וואָלפּאַטן און פּויַאַדן.

מיר האָבן זיך באַלד געשטעלט אויף די פיס און געלאָזט זיך אין וועג אַריין מיט אַן אומרויקן ציטער. אונדזערע ביידע חברים זיינען מיטגענומען און פאַרשלעפּט געוואָרן דורכן 5-טן, צו-

זאמען מיט דער טרויעריקער אויפלייזונג. ווער ווייסט ווו זיי זיי-
גען ערגעץ, און וואָס עס איז מיט זיי געוואָרן!

... מיר גייען ווידער באַרג-אַרויף. מיר מאַכן דעם זעלבן וועג
אין קעגנגעזעצטער ריכטונג, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט פון באַגינען
אָן און אַ גאַנצע נאַכט. כאָטש מיר זייַנען אָן באַגאַזש — מיר האָבן
בלויז די ביקס און די אויסריסטונג — דאָך פילן מיר זיך מיד, שלע-
פעריק, אָפּהענטיק אינם טרויעריקן פעלד, אונטערן פאַרנעפּלטן
הימל. באַלד הייבט אָן פאַרפּאַדעט צו סאַפּען. אין אָנהייב האָט ער
גערעדט עפּעס, דערנאָך איז ער פון מידעקייט אַנטשוויגן געוואָרן.
ער איז אַ מוטיקער, אָבער אַ שוואַכלעכער; אין משך פון זיין פּאָ-
ריקן לעבן, האָט ער זיך לגמרי נישט געלערנט באַניצן זיך מיט זיי-
נע פיס: נאָר פון יונגלווייז אָן האָט ער כסדר געטינטלט מיט די
פעדער אין אַ מאַגיסטראַט-ביוראָ, ווו ער איז געזעסן צווישן אויתן
און אַ שענקל מיט אַלטע פאַרשטויבטע אַקטן-פּאַפּירן.

אין מאָמענט, ווען מיר קומען אַרויס פון וואַלד און מיר לאָזן
זיך אַריין, גליטשנדיק זיך און טאָפּטשענדיק אין בלאָטע, אין דער
געגנט פון די פאַרביגדונגס-גרובן, באַווייזן זיך פאַר אונדז צווי-
דיגע שאָטנס, וואָס רוקן זיך פאָרויס. ס׳דערנענטערן זיך צווי זעל-
נער: מען דערקענט די רונדיקע פאָרם פון זייער געפּעק און די
ליניע פון זייערע ביקסן. דער צווילינג-שאָטן ווערט וואָס אַמאָל
דייטלעכער.

— דאָס זייַנען זיי!

איינער פון די שאָטנס האָט אַ גרויסן ווייסן קאָפּ, אַ באַנדאַ-
זשירטן.

— איינער איז פאַרוווּנדעט! ס׳איז וואָלפּאַט!

מיר לויפן זיי אַנטקעגן. אונדזערע זוילן מאַכן אָן אַ גערויש,
ווי אַ שוואָם, פאַרזינקענדיק און אַרויסשלעפּנדיק זיך פון דער בלאָטע,
אויך די קוילן טרייסלען זיך און קלימפּערן אין די פּאַטראָן-טאַשן.

ווען מיר זיינען שוין נישט ווייט, שטעלן זיי זיך אָפּ און וואַרטן אויף אונדז.

— שוין צייט, קיין עין־הרע? שרייט וואָלפּאַט.

— זאָג נאָר, ביסט פאַרווונדעט?

— וואָס? — פרעגט ער.

דער גראָבער באַנדאַזש, וואָס וויקלט אַרום זיין קאָפּ, מאַכט אים טויב. מען מוז הויך שרייען ביז מען דערגרייכט צו זיין שמיעה. מיר דערנענטערן זיך צו אים און מיר שרייען. דאַמאָלס ענטפערט ער:

— ס'איז גאָרנישט... מיר קערן זיך אום אַצינד פון לאָך, ווו דער 5־טער באַטאַליאָן האָט אונדז פאַרשטעקט דאָנערשטיק.

— די גאַנצע צייט זענט איר דאָרט געווען? — געוואָלטעוועט פאַרפּאַדעט, וועלכנס שפּיציקע, כמעט פרויען־שטימע עס דרינגט דורך דאָס קאַפּל, וואָס פאַרשטעלט וואָלפּאַטס אויערן...

— יאָ, אוודאי האָט מען דאָרט געקלעפּט, אַ שווערע מגפה אויף זיי! מיינסט אפשר, אַז פליגל האָבן מיר און קענען פליען, אָדער מיר וועלן מאַכן פיס אָן אַ באַזעל!

ביידע פאָלן פון די פיס און לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער ערד. וואָלפּאַטס קאָפּ, פאַרוויקלט אין ליוונט, מיט אַ גראָבן קניפּ אויפן שפּיץ, זעט אויס, ווי אַ פּאַק ברודיקע וועש, פון וועלכן עס קוקט אַרויס אַ געלבלעך־שוואַרצער פלעק — דאָס פּנים.

— אָרימע יאַטן, מ'האָט פאַרגעסן אָן אייך?

— שוין איינמאָל אַ ביסל פאַרגעסן! — שרייט פּוּיאַד. — פיר טעג מיט פיר נעכט אין אַ גראַנאַט־לאָך, און עס האָגלט מיט קוילן פון אַלע זייטן, און דערצו, שטינקט נאָך דאָרט מיט טנוף.

— זאָגסט דאָס — זאָגט וואָלפּאַט. נישט קיין געוויינטלעכער האָרכפּאָסטן איז דאָס געווען, ווו דו גייסט — און מ'לייזט דיך רעגולער אויף. ס'איז געווען אַ גראַנאַט־לאָך, וואָס איז ענלעך צו אַן אַנדער גראַנאַט־לאָך, נישט מער נישט ווייניקער. דאָנערשטיק זאָגט

אײן אונדז: „דאָס פֿאַרשעקט אײַך און שיסט אָן אויפֿהער", זאָגט פֿון אונדז. צוזאַמענגנס. האָט עפּעס יאָ אײנער א פֿאַרבינדונגס-פּאָסטן פֿון 15-טן באַטאַליאָן די נאָז אַרײַנגעשטעקט: „וואָס טוט איר דאָ האָט?" — „וואָס? מיר שיסן; מ'האָט אונדז געהייסן שיסן — שיסט מען, אַז מ'האָט געהייסן. און אויב מ'האָט געהייסן, מסתמא דאַרף אַזוי זײַן; מיר וואַרטן מ'זאָל אונדז הייסן טון עפּעס אַנדערש, ווי שיסן". דער פֿאַרשוין האָט אָפּגעצויגן; ער האָט נישט אויסגעזען, ווי קיין איבעריקער העלד, און צו א קניידל האָט ער נישט שטאַרק חשק געהאַט. „דער זייגער איז 22", האָט ער בלויז געזאָגט.

— מיר האָבן געהאַט — זאָגט פֿויאַד — פֿאַר אונדז ביידע א שוואַרץ ברויט און א קובעלעקל ווײַן, וואָס מיר האָבן געקריגן פֿון דער 18-טער, ווען מען האָט אונדז דאָרט באַזעצט, און א פּאָר קעסטל קוילן, ברודערקע. האָט מען די קוילן אויסגעקנאַלט און די משקה אויסגעזופּט. צוליב פֿאָרזיכטיקייט האָט מען זיך געלאָזט א פּאָר קוילן, א כזית לעקעך; ווײַן אָבער — גאָרנישט.

— מ'האָט שלעכט געטון — זאָגט וואָלפּאַט — ווײַל עס דורשט זיך. זאָגט נאָר, יאָלדן, אפֿשר פֿאַרוואַלגערט זיך עפּעס צו באַנעצן די קעל?

— כ'האָב נאָך א טראָפּן ווײַן — זאָגט פֿאַרפֿאַדעט.

— גיב אים אַהער — זאָגט פֿויאַד, אָנווײַזנדיק אויף וואָלפּאַטן. — גיב אים, ער איז דאָך אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. איך, איך בין בלויז דורשטיק.

וואָלפּאַט האָט געציטערט, און פֿון דעם אומגעהײַערן פּאַס שמאַטעס אַרויס, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף זײַנע אַקסלען, האָבן אַרויסגעפּיבערט זײַנע קליינע אונטערגעהאַקטע אויגן.

— ס'איז גוט — זאָגט ער, טרינקענדיק.

— אַ! און דערנאָכדעם — זאָגט ער ווײַטער, אויסגיסנדיק, ווי עס [illegible] אַדערט די העפֿלעכקייט, דעם לעצטן טראָפּן ווײַן, וואָס

אין איבערגעבליבן פון פאַרפאַדעטס פלעשל — האָבן מיר איינגעקלעמט צוויי דייטשן. זיי זיינען געקראָכן איבערן פעלד אַן, ווי אַ בלינד פערד, גלייך אַריינגעפאַלן אין אונדזער לאָך. ווי די קרעטן אין אַן אויפגעשטעלטער קליאַטקע, די מחילה-קעפּ. מיר האָבן זיי באַלד געבונדן. אָט אַזוי. אַז מיר האָבן געשאָסן זעקס און דרייסיק שעה דורכאַנאַנד, האָט מען דאָך מער נישט געהאַט קיין אַמוניציע. האָבן מיר אָנגעפילט מיט קוילן די מאַגאַזינען פון אונדזערע קאַנגע-שפּריצערס און געוואָרפן מיט אונדזערע העקל-דייטשן. דער פאַרבינדונגס-פאַרשוין האָט פאַרגעסן צו זאָגן דאָרט, אַז מיר זיינען דאָ. איר, די זעקסטע, האָט פאַרגעסן אונדז צוריקצופאָדערן, און די אַכטצנטע האָט אונדז אויך פאַרגעסן. און אַזוי, ווי מיר האָבן זיך נישט געפונען אויף קיין געוויינטלעכן האָרך-פאָסטן, וווּ די אויפלייזונג גייט צו רעגולער, ווי אין דער אַדמיניסטראַציע, מיין איך שוין, אַז עס איז גוט צו בלייבן דאָ אַזוי ביז דאָס גאַנצע פאָלק וועט צוריקגיין. ביז צום סוף האָבן אונדז באַמערקט די ביינערקלויבער פון 204-טן, וואָס זיינען געקומען אויפן פעלד בודק זיין, צי עס איז נישטאָ עפּעס פאַרוואונדעטע, און האָבן וועגן אונדז צו וויסן געטון דאַמאָלס ערשט קריגן מיר אַ באַפעל צו הולכן, און טאַקע שוין באַלד, זאָגט מען אונדז. מיר האָבן זיך, ווי עס איז, פאַרקנעפּלט און געלאַכט פון דעם „שוין באַלד“. מיר האָבן אויפגעבונדן די פיס פון די דייטשן, מיטגענומען זיי, איבערגעגעבן זיי דעם 204-טן און אַצינד זיינען מיר דאָ.

— אויפן וועג האָבן מיר אויך אויפגעכאַפּט אַ סערזשאַנט, וואָס איז זיך געזעסן אין אַ לאָך און מורא געהאַט אַרויסצוגיין; עפּעס אַ געהירן-דערשיטערונג האָט ער געהאַט. מיר האָבן אים געמאַכט אַ מי-שברך; דאָס האָט אים אַ ביסל אויפגעטרייסלט, און ער האָט אונדז געדאַנקט; סערזשאַנט סאַסערדאָט הייסט ער.

— אָבער זאָג נאָר, גרויסער ברודער, דיין וווּנד!

—ביידע אויערן. אַ קויל־שאַרבל — אָבער אַזוי, אַ געווי־טער — איז איבער מיר געפּלאַצט. דער קאָפּ איז מיר אַדורך צווישן די שפּליטער, אָבער אַזוי הערסטו, אויף אַ האָר. גאָרנישט, בלויז די אויערן־לעפּעלעך אָפּגעזענגט.

— וואָלסט אַ קוק געטון — זאָגט פּואַד, — ווי די ביידע אויערן הענגען נאָך, אַ ברעכן גייט זיך אָן. מ'האָט געהאַט אונדזע־רע צוויי פּעקלעך באַנדאַזשן, און מיט אַ דריטן האָבן אונדז מכבד געווען די נשמה־כאַפּערס. צוזאַמען, הייסט עס, האָט ער זיך אַרומ־געוויקלט די קאַטאַרינקע מיט דריי באַנדאַזשן.

— ניטס אַהער אייערע ריפּטשעכעס, מ'גייט אַ היים.

פאַרפּאַדעט מיט מיר, האָבן זיך איינגעטיילט מיט וואָלפּאַטס געפּעק. פּואַד, כאָטש ער גייט אויס פאַר אַ טרונק, אַזש שוואַרץ פון דאָרשט, האָט זיך איינגעשפּאַרט און וויל באַין אופן נישט געבן צו טראָגן זיין געווער און לאַדונג.

און מיר שלעפּן זיך קוים, קוים. ס'איז שטענדיק אַ פאַרגע־ניגן נישט צו גיין אין דער ריי; דאָס פּאַסירט אַזוי זעלטן, אַז מ'וווּנדערט זיך אַזש און ס'איז מחיהדיק. עפּעס אַ פריי ווינטל מאַכט אונדז אַלע פיר פריילעך. מ'גייט זיך איבערן פעלד, ווי אויף אַ שפּאַציר.

— מ'גייט שפּאַצירן — זאָגט וואָלפּאַט שטאָלץ.

ווען מיר קומען צו צום אויסבייג פון הויכן וועג, פאַרוויגט ער זיך אין ראָזע געדאַנקען:

— נאָך אַלעמען וועל איך דיר זאָגן, איז עס אַ ווילע ווונד. מ'וועט מיך שיקן, אָן אַ ספק.

די אויגן זיינע ווינקן און טאַנצן אין דעם אומגעהייערן ווייסן קנויל. האָט שאָקלט זיך אויף זיינע אַקסלען. די קנויל איז רויטלעך אויף ביידע זייטן, אויפן אָרט פון די אויערן.

פון אויגן, וווּ עס ליגט דאָס דערפל, הערט מען שלאָגן צען גלאָקן-קלאַנגען.

— עס אַרט מיך, ווי דעם קאָטער, דער זייגער — זאָגט וואַלפּאַט. די צייט, וואָס גייט פאַרביי, גייט מיך גאָרנישט אָן מער.

ער ווערט באַריידעוודיק. אַ ביסל פיבער לייגט אים און פּאַסט-צו זיין געשפּרעך צום ריטם פון די פּאַמעלעכע טריט, פון וועלכע ער איז שוין אויך פאַרמאַטערט.

— מען וועט מיר אָן אַ צווייפל אָנהענגען אַ רויט פּאַפּירל אויפן מאַנטל און מען וועט מיך אָפּשיקן צום טיל. מיך וועט פירן, גאַנץ זיכער, עפּעס אַ ווילער יאַט, וואָס וועט מיר זאָגן: „דאָ אַרי-מער, דערנאָך דאָרט פאַרקערוועַן... נאָ!... מיין אָרימער פריינט.“ דערנאָך דער אַמבולאַנס-וואָגן, דערנאָך אַ סאַניטאַר-צוג מיטן רויטן קרייץ, וואָס צערטלען דיך דעם גאַנצן וועג, אַזוי ווי זיי האָבן עס געטון מיט קראַפּעלעט זשיל, דערנאָך דאָס שפּיטאָל אין לאַנד. בעטן מיט ווייסע ליילעכער, אַ וואַרעמער אויוון, צווישן מענטשן, ספּעציעלע באַדינער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דיר, און דו שקסט זיך צו צו זיי, שטעק-לאַטשן קריגסטו, גוטער ברודער, און אַ נאַכט-טישל. מעבל! און אין די גרויסע שפּיטעלער, שוין איינמאָל אַ לעבן, וואָס נוגע דער אַכילה! איך וועל דאָרט רייבן, רייבן אַ סעודה, מאַכן זיך בעדער; איך וועל געניסן פון אַלץ, וואָס איך וועל נאָר קענען. און נאַשוואַרג — וועסט דיך נישט דאַרפן פריִער אַרומשלאָגן מיט די אַנדערע, כדי עפּעס צו געניסן, וועסט דיר נישט דאַרפן שלאָגן קאָפּ-אָן-וואַנט ביז בלוט. אויף דער קאָלדרע וועל איך מיר אַרויסלייגן מיינע ביידע הענט, קיין פינגער אין קאָלט וואַסער טו איך נישט מיט זיי, ווי אַ לוקסוס-אַרטיקל ליגן זיי — וואָס רעד איך! ווי שפּיל-זאַכן — און אונטער דער קאָלדרע האָסטו אַ פּאָר קאָכעדיקע פיס פון אויבן ביז אַראָפּ, און האַלטסט זיי צעשפּרייט, ווי צוויי פיילכען-שטענגלעך.

וואָלפּאַט שטעלט זיך אָפּ, באַזוכט זיך און ציט אַרויס פֿון קעשענע, צוזאַמען מיט זיין באַרימט שערל פֿון סואַסאָן, עפּעס אַ זאַך, וואָס ער ווייזט מיר:

— טו נאָר אַ קוק, האָסט שוין געזען?

עס איז די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון זיין ווייב און צוויי יונגלעך. ער האָט מיר שוין דאָס וויפֿיל מאָל געוויזן. איך טו אַ שאָקל צו מיטן קאָפּ.

— כ'וועל קריגן אַן אורלויב — זאָגט וואָלפּאַט — און אין דער צייט, וואָס מיינע אויערן וועלן צוריק צוּוואַקסן, וועט מיין ווייב מיט די קינדער מיך אָנקוקן, און איך וועל זיי אָנקוקן, און בשעת זיי וועלן צוריק אָנוואַקסן, ווי די שאַלאָטן, וועט די מלחמה זיך גיין איר וועגס... די רוסן... ווער קען וויסן!...

ער האָט זיך אַזוי לאַנג פֿאַרוויגט אין זיין גליקלעכער פּלאַפּלעריי, האָט געטראַכט אויפֿן קול, שוין גאָר אָפּגעזונדערט פֿון אונדז אין זיין יום־טובֿדיקער שטימונג.

— באַנדיט! — האָט אים אַ געשריי געטון פֿויאַד. — האָסט אַ שוואַרץ גליק, ממזר איינער!

ווי קען מען אים טאַקע נישט מקנא זיין? אָט וועט ער אַוועק אויף אַ חודש, צוויי, אָדער דריי, און אין משך פֿון דער צייט, אָנשטאָט צו זיין פֿאַריאָגט, פֿאַרפּלאָגט און איינגעשטעלט מיטן לעבן, וועט ער זיך גאָר פֿאַרוואַנדלען אין אַ רענטיער!

— אין אָנהייב — זאָגט פֿאַרפֿאַדעט — האָב איך געהאַלטן פֿאַר נאַריש, ווען כ'האָב געהערט איינער ווינשט זיך עפּעס „אַן אָרנטלעכע וווּנד". פֿונ'עסטוועגן, אַצינד. וואָס מ'זאָל נישט זאָגן, אַצינד פֿאַרשטיי איך, אַז דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס אַן אָרימער זעלנער, אויב ער איז נישט משוגע, האָט זיך צו ווינטשן.

* * *

מען איז צוגעקומען צום דאָרף. מיר זיינען אַרומגעגאַנגען דעם וואַלד.

פלוצלינג האָט זיך באַם וואַלד־ראַנד, קעגנאיבער דעם ליכט באַוויזן אַ פרויען־געשטאַלט. אַ שטראַלן־נעץ האָט זיך אָפּגעטיילט פון־דער ליכטיקייט. באַם זוים פון וואַלד, ווו די ביימער אין הינטערגרונד היבן זיך אָפּגעשלאָגן, ווי פּיאַלעטע שטרייפן, איז זי געשטאַנען אַ גלייכע, אַ שלאַנקע, מיט אַ בלאָנד־לייכטנדיקן קאָפּ; אויף איר בלייכן פּנים האָט מען געזען צוויי נאַכט־שווארצע פלעקן פון אַ פּאָר גרויסע אויגן. דאָס דאָזיקע לייכטנדיקע באַשעפעניש האָט אונדז אָנגעקוקט ציטערנדיק אויף די פיס. פלוצלינג אָבער איז זי, ווי אַ פּאַקל פאַרפאַלן געוואָרן אין דער טיפעניש פון וואַלד.

דאָס דאָזיקע דערשיינען און פאַרשווינדן האָט אויף וואָלפּאַטן געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם פאָדעם פון זיין געשפרעך:

— אָן אינד איז די דאָזיקע פרוי!

— ניין — זאָגט פויאַד, וועלכער האָט שלעכט געהערט — איידאָקסיע רופט מען זי. כ'קען זי, ווייל כ'האָב זי שוין צמאָל געזען. אַן אַנטרונענע. כ'ווייס נישט פון וואַנען זי שטאַמט, כ'ווייס נאָר, אַז זי וווינט באַ עפּעס אַ פאַמיליע אין גאַמבלין.

— זי איז מאָגער און שיין — קאָנסטאַטירט וואָלפּאַט — כ'לעבן, ז'איז ווערט אַן עברה'לע... אַ געשמאַקער ביסן, אַ צימעסל... האָסט געזען. אַ פּאָר אויגן!

— זי איז מאָדנע — זאָגט פויאַד — זי קען זיך נישט האַלטן אויף איין אָרט. אָט זעסטו זי דאָ, דאָרט, מיטן קאָפּ בלאָנדע האָר, און בלד — נישטאָ! קיין זכר איז נישט געבליבן, און דו ווייסט, אַז עס איז קיין געפאַר פאַר אונדז נישטאָ. טיילמאָל שלעפּט זי זיך אַזוי אַרום אין דער ערשטער ליניע. מ'האָט זי געזען שווימען אויפן פעלד פון די אָקאָפּעס. זי איז מאָדנע.

— נאַדיר, אָט האָסטו זי ווידער, די דערשיינונג! זי האָט אונדז אויפן אויג. וואָס, זי אינטערעסירט זיך טאַקע מיט אונדז?

איר סילועט, געצייכנט אין לייכטנדיקע שטריכן, האָט אין איצטיקן מאָמענט באַשיינט דעם צווייטן עק פון וואַלד־ראַנד.

— איך, הערסטו, דאַרף ווייבער אויף כפּרות — דערקלערט וואָלפּאַס, וואָס ווערט ווידער אײַנגאַנצן באַהערשט פון געדאַנק מכּוח זיין אורלויב.

— אַלנפאַלס איז דאָ איינער אין דער ראָטע, וואָס קריגט פאַר איר די זיבעטע נכפּה. נאַ, מ'רעדט פון וואָלף...

— דערזעט מען זיין ווײַנדל...

— נאָך נישט, אָבער כּמעט... זע!

רעכטס פון אונדז, צווישן די קוסאַקעס, האָט זיך גענומען אויספּיקן און באַווייזן די נאָז פון לאַמיז, ווי עפּעס א רויט חיה־לע..!. ער איז נאָכגעגאַנגען די שפּורן פון דער פרוי. ער האָט די דערשנאַפּט, געבליבן שטיין אַ ווײַלע און, צוגעצויגן, זיך געלאָזט נאָך איר. אָבער לויפנדיק נאָך איר, האָט ער זיך אויף אונדז אָנגעשטויסן.

דערקענענדיק וואָלפּאַטן און פּויאַדן, האָט דער דיקער לאַמיז אַרויסגעלאָזט אַ פרייד־געשריי. אין איצטיקן מאָמענט האָט ער פון מער נישט געקלערט, ווי נאָר צו פאַרכאַפּן אונדזערע רוקן־זעק, ברויט־זעק און ביקסן.

— גיטס מיר דאָס אַלץ! איך בין אויסגערוט! אָן עק, אהער!

אַלץ האָט ער געוואָלט טראָגן. פאַרפאַדעט מיט מיר האָבן מיט פאַרגעניגן אָפּגעטרעטן וואָלפּאַטס משא און פּויאַד, שוין אָן כּוחות, האָט ענדלעך מסכּים געווען אַוועקצוגעבן זיינע טאָרבעס און די ביקס.

לאַמיז איז געוואָרן אַ באַוועגלעכער טורעם. ער איז פאַרשווּנדן געוואָרן אונטער דער אומגעהייערער און שווערער משא אין, אין צווייען געבויגן, האָט ער זיך בעשלעפּט מיט קליינטשיקע טריט.

מען האָט אָבער באַשיינפּערלעך געזען, אַז ער ווערט באַהערשט פון עפּעס אַן אידעע־פיקס און האָט כּסדר געוואָרפן בליק

אויף די זייטן. ער האָט געזוכט די פרוי, וועלכע ער איז נאָכגעלאָפן.

יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, כּדי בעסער אונטערצובינדן אַ פּעקל, צו כאַפּן אָטעם, אָדער אָפּצווישן די גרויסע טראָפּנס שווייס, האָט ער זיך בגנבה אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און געפּאָרשט דעם וואַלד־ראַנד. ער האָט זי נישט געזען מער.

איך האָב זי נאָך יאָ געזען... און דאָס מאָל האָב איך גע־האַט דעם איינדרוק, אַז זי האָט עפּעס געהאַט צו איינעם פון אונדז.

דאָרט אונטן, אויף לינקס, האָט זי האַלב אויפגעטויכט אין גרינעם שאָטן פון הינטער־וואַלד. אָנהאַלטנדיק זיך מיט איין האַנט אָן אַ צווייג, האָט זי זיך אָפּערגעבויגן און געוויזן אירע נאַכט־שוואַרצע אויגן און איר בלייך געזיכט, וואָס האָט אויסגעזען העל־באַלויכטן פון איין זייט, ווי באַדעקט מיט אַ האַלבע לבנה. זי האָט געשמייכלט.

נאָכגייענדיק דער ריכטונג פון בליק, וואָס האָט זיך אַזוי אי־בערגעגעבן, האָב איך באַמערקט, אַ ביסל הינטער אונדז, פּאַרפּאַדעטן, וועלכער האָט אויך געשמייכלט.

דערנאָך איז זי נעלם געוואָרן אינם שאָטן פון געבלעטער, און פּאַרפּאַדעט האָט איר נאָכגעשמייכלט...

אַזוי אַרום איז מיר אַנטפּלעקט געוואָרן די פאַרשטענדיקונג צווישן דער דאָזיקער שלאַנקער, אײדעלער ציגיינערן, וואָס איז נישט ענ־לעך צו קיינעם, און פּאַרפּאַדעטן, וועלכער האָט זיך צווישן אונדז אַלעמען אויסגעצייכנט מיט זיין פיינקייט, און ציטערדיקער בויג־זאַמקייט, ווי בעז. קלאָר...

...לאָמיר דאָס גאָרנישט געזען, פאַרשטעלט און שווער באַ־לאָדנט מיט דער משא, וואָס ער האָט צוגענומען באַ פּאַרפּאַדעטן און באַ מיר, אויפמערקזאַם היטנדיק זיך איינצוהאַלטן דאָס גלייכגע־וויכט און צו קוקן אויפן צרט, ווו ער שטעלט אַנידער זיינע באַ־שוועדטע פיס. —

ער זעט דאָך אויס אומגליקלעך. ער קרעכצט; עס שטיקט אים עפּעס א געדיכטע שווערע זאַרג. אינם הייזעריקן סאָפּען פון זיין ברוסט, הער איך, דאַכט זיך, קלאַפּן און מורמלען זיין האַרץ. באַטראַכטנדיק אַזוי וואָלפּאַטן, פאַרוויקלט אין באַנדאַזשן, און דעם דיקן, מעכטיקן בלוט-אָנגעזאַפּטן מאַנספּערשוין, וועלכער שלעפּט אין זיך דעם אייביקן, טיפן דראַנג — וואָס נאָר ער אליין איז אומשטאַנד צו מעסטן זיין טיפקייט — קום איך צום אויספיר, אַז דער מער פאַרוווּנדעטער איז נישט דער, וואָס מ'מיינט.

ענדלעך לאָזן מיר זיך אַראָפּ אין דאָרף אריין.

— מ'עט עפּעס טרינקען — זאָגט פּוּאַד.

— כ'על קריגן אורלויב — זאָגט וואָלפּאַט.

לאַמיז קרעכצט:

— מעהע... מעהע...

די חברים קומען אָנצולויפן מיט אַ געפּילדער און זאַמלען זיך צונויף אויפן קליינעם פּלאַץ, וווּ ס'שטייט די קירך מיט איר צוויי טורמען. זי איז פון פאָרנט אַזוי שטאַרק צעשעדיקט דורך אַ גראַנאַט, אַז ס'איז אַן אימה זי אָנצוקוקן.

## V.

# דער אָפּדאַך.

דער בלייכער וועג, וואָס גייט באַרג-אַרויף דורכן נאַכטיקן וואַלד, איז פאַרלייגט און אָנגעשטאָפּט מיט אויסטערלעשע שאָטנס. עס דאַכט זיך, ווי דורך אַ כשוף איז דער וואַלד אַרויס פון זיינע גרענעצן און שפּאַנט דאָרט אַרום אין דער געדיכטער פינסטערניש. דאָס פאָלק גייט דאָרט, זוכנדיק פאַר זיך אַ נייע דירה.

די שווערפעליקע שאָטן-שורות, הויך און ברייט באַלאָדנט, שטויסן זיך בלינדערהייט איינס דאָס אַנדערע: יעדע כוואַליע, געשטופט דורך דער הינטערשטער, פאַלט אַרויף אויף איר פאָדערשטער. בא די זייטן באַוועגן זיך, אָפּגעזונדערט, די שלאַנקערע געשטאַלטן פון די אָפיצירן. אַ טעמפּ געפילדער, וואָס באַשטייט פון אַ געמיש פון אויסגעשרייען, שטיקלעך געשפּרעכן, באַפעלן, אונטערהויסטן און געזאַנגען, שטייגט אויף איבער דעם דאָזיקן געדיכטן געדרענג, וואָס איז איינגעקוועטשט צווישן די באַרג-אָפּהאַנגען. דער דאָזיקער ליאַרעם פון קולות איז באַגלייט מיט אַ טופּן פון די פיס, אַ געקלימפּער פון די באַגנעטן-שיידן, פעלד-פלאַשן און מעטאַלענע קאַנען, מיט אַ סקריפּן און געקלעפּער פון זעכציק אַרטילעריע- און אַבאָז-וועגן, וואָס פאָרן נאָך די צוויי באַטאַליאָנען. די מחנה, וואָס ציט און פאַרשפּרייט זיך איבער דעם אַרויפשטייגנדיקן וועג, איז אַזוי געוואַלטיק, אַז, אַ חוץ דעם אומענדלעכן קופּאָל פון דער

נאכט, וואָס שפרייט זיך אויס איבער אונדזערע קעפּ, שווימט מען אין דעם ספּעציפישן ריח פון אַ לייבן-שטייג.

אין דער רייע גופא זעט מען גאָרנישט: טיילמאָל, ווען מען מוז שוין צוליב דעם אוויר אויפהייבן די נאָז אין דער הייך, מוז מען דערקענען דאָס בלעך פון אַ קעסעלע, דאָס בלוילעכע שטאָל פון אַ העלם, דאָס שוואַרצע שטאָל פון אַ ביקסן-רער. טיילמאָל, אין דער בלענדנדיקער פונקען-שיין, וואָס שפּריצט פון אַ צינד-שטיין, אָדער באַם רויטן פלאַם אַרום דעם דינענקן העלצל פון אַ שוועבעלע, באַמערקט מען איבער די נאָנטע באַלויכטענע בולטע טיילן פון העמט און פנימער, סילועטן פון נישט-רעגולערע אַקסלען-קופּעס, וואָס פאַרענדיקן זיך מיט אַ העלם און פאַליען זיך, ווי ווען אין דער קאָמפּאַקטער פינסטערניש. באַלד ווערט ווידער אַלץ פאַרלאָשן און, בשעת די פיס שטעלן טריט, איז דער בליק פון יעדן פוס-גייער אומאויפהערלעך געווענדט צו יענעם אָרט, וווּ אים דאַכט זיך, ער זעט נאָך דעם רוקן פון דעם, וואָס גייט פאַר אים.

נאָך מערערע מאַרש-פּויזעס, בשעת וועלכע מען פאַלט אוממעכטיק אויפן רוקן-זאַק, צופּיסנס די ביקסן-פּיראַמידן — מען שטעלט זיי אויף אויפן צייכן פון אַ סיגנאַל-פייף, מיט אַ פיבערהאַפטיקער גיכקייט און אַ פאַרצווייפלטער לאַנגזאַמקייט, צוליב דער פעך-שוואַרצער, שטאָק-פינסטערער נאַכט — באַווייזט זיך ענדלעך אַ סימן פון באַגינען, וועלכער צעגייט זיך און באַהערשט דעם חלל. אומבאַמערקטערהייט צעפאַלן זיך די שאָטן-ווענט. און ווידעראַמאָל קוקן מיר זיך צו צום דערהויבענעם בילד פון טאָגן איבער דער מחנה אייביקע וואַנדערער, וואָס מיר זיינען.

ענדלעך קומען מיר אַרויס פון דער דאָזיקער וואַנדער-נאַכט. עס קומט אונדז פאָר ווי מיר וואָלטן געוואַנדערט דורך קאָנצענטרעלע ציקלען פון שאָטנס, האַלב-שאָטנס און צום סוף פון שיטער

ליכט. די פיס זיינען שטייף, ווי די העלצער, דער רוקן איז גע-
לעמט און די פלייצעס אָפּגענומען. די פנימער בלייבן ווייטער גרוי
און שוואַרץ: עס דאַכט זיך, מען קען זיך נישט אַרויסרייסן פון דער
נאַכט; בכלל זיינען מיר נישט מער בכּוח פון איר אײנגאַנצן זיך
אַרויסצורייסן.

די גרויסע רעגולערע סטאַדע גייט דאָסמאָל אויף אַ נייער
קוואַרטיר זיך אויסרוען. ווי וועט אויסזען דאָס אָרט, וווּ מיר וועלן
וווינען אַכט טעג? עס הייסט, דאַכט זיך (אָבער קיינער ווייסט נישט
אויף זיכער), גאַשען-ל׳אַבע. מ׳דערציילט עפּעס גאַנצע ניסים:

— ס׳זאָל זיין דאָרט, ווי אונטער דער מאַמעס פאַרטוך!

אין דער פרימאָרגן-גרויקייט הייבט מען אָן ביסלעכווייז דער-
קענען די חברים אין דער ריי. די פאָרמען און שטריכן ווערן דייט-
לעכער. מ׳ווייסט שוין וועמען ס׳געהערט אַן אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ, אַ
מויל, וואָס גענעצט; ס׳הייבן זיך אָן פירן הויכע געשפּרעכן:

— אַזאַ מין דירה איז נאָך קיינמאָל נישט געווען. די בריי-
גאַדע איז דאָרט דאָ. דער קריגס-ראַט. וואָס דו ווילסט נאָר, קריגסט
אין געוועלב.

— אויב די בריגאַדע איז דאָרט, איז מען אין אָרדנונג.

— ווי מיינסטו, מ׳וועט נאָך געפינען אַ טיש צום עסן פאַר
אונדזער ראָטע?

— אַלץ וואָס דו ווילסט, זאָגט מען דיר!

עפּעס אַ שלעכטער נביא שאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווי ס׳וועט אויסזען די נייע קוואַרטיר, וווּ מ׳איז נאָך קיינ-
מאָל נישט געווען, דאָס קען איך נישט זאָגן. איינס ווייס איך אָבער:
די וועט זיין גלייך צו אַלע אַנדערע.

אָבער קיינער גלייבט עס נישט און, נאָך דעם רוישיקן פי-
בער פון דער נאַכט, דאַכט זיך אַלעמען, אַז מען דערנענטערט זיך
צו עפּעס אַ געבענטשט לאַנד, בשעת מיר גייען אַזוי אין דער גע-

גרוירענער מאָרגן-לופט צו מזרח-זייט צו, צום נייעם דערפל, וואָס זאָל אונדז ברענגען די ישועה.

* *

*

מיטן טאָג קומען מיר אָן צופיסנס פון אַ בערגל, ווו עס באַווייזן זיך הייזער, וואָס דרימלען נאָך און זיינען איינגעהילט אין אַ גרוילעכן נעפל.

— דאָ איז עס!

אוף! אַכט און צוואַנציק קילאָמעטער דורכגעמאַכט אין משך פון דער נאַכט...

אָבער, וואָס איז ווידער?... מען שטעלט זיך נישט אָפּ. מען גייט פאַרביי די הייזער, וואָס פאַרשטעקן זיך ווידער אײנס נאָך ס׳אַנדערע אונטער זייער אומפאָרמיקן נעפל, אונטער זייערע סודות-פולע תכריכים.

— דאַכט זיך, מען האָט נאָך אַ שפּאַר שטיקל וועג, דאָרט אונטן איז עס, דאָרט!

מען גייט אויטאָמאַטיש, די אברים זיינען אָנגעגאָסן מיט עפּעס אַ מין פאַרשטיינערטער מאַטקייט; די געלענקען ברעכן און סקריפּען.

דער טאָג פאַרשפעטיקט זיך. אַ נעפל-טוך באַדעקט די ערד. עס איז אַזאַ שניידיקע קעלט, אַז בשעת די מאַרש-פויזעס זעצן זיך די מענטשן נישט אַנידער, כאָטש מיר זיינען מיד צעבראָכן, און שפּאַנען אַהין-און-צוריק, ווי געשפּענסטער אין דער אומדורכזיכטיקער פייכטקייט. אַ שאַרפער ווינטערדיקער ווינט פאַטשט אין פּנים און טראָגט אַוועק און צעטרייבט די ווערטער, די זיפצן.

ענדלעך לעכערט די זון אַדורך די דאַזיקע פאַרע, וואָס צעשפּרייט זיך איבער אונדז, מאַכט נאַס און זאַפּט זיך איין אין אונדז. עס איז עפּעס, ווי אַ פעטנהאַפטיקער, ליכטיקער טיול וואָלט זיך אויפגעעפנט אינמיטן די ערדישע וואָלקנס.

דאָס פאָלק ציט זיך פונאַנדער, וואַכט ערשט אויף אויף אַן אמת און הייבט אויף פאַמעלעך די אויגן צום ערשטן באַגילדעטן זילבער-שטראַל.

דערנאָך, גאָר גיך, נעמט די זון בריִען, און דאַמאָלס ווערט זייער הייס.

מען עטעמט קוים אין די רייען, מען שוויצט און מען איז נאָך בייזער ווי פריִער, בשעת מען האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן און דער נעפּל האָט אונדז מיט זיין פייכטער שוואָם נאָס געמאַכט דאָס פּנים און די הענט.

די געגנט, וואָס מיר גייען פאַרביי אין דעם טרוקענעם פרימאָרגן, איז אַ קרייד-געגנט.

— זיי ברוקירן דעם שאָסיי מיט קאַלך-שטיינער, די געמיינע חברה-לייט.

דער שטויב פאַלט אין די אויגן, און מען זעט נישט. אַ לאַנ-גער טרוקענער נעפּל פון קאַלך-שטויב ציט זיך איבערן גאַנצן וועג און זעצט זיך אָן אויף אונדז.

די פּנימער רויטלען זיך, פאַלירן זיך און גלאַנצן. טייל פולבלוטיקע פּנימער זיינען, ווי אויסגעשמירט מיט וואַזעלינע; באַקן און שטערנס ווערן איבערגעצויגן מיט אַ גרויען שיכט, וואָס קלעבט זיך צו און שיילט זיך. די פיס פאַרלירן זייער מוטשטשדיקע פאָרם פון פיס און זען אויס, ווי איינגעטונקען אין אַ ליים-קאַרטע. דער רוקנזאַק, די ביקס זיינען ווייס געפּודערט, און אונדזער לאַנגע מתנה לאָזט איבער אויף רעכטס און אויף לינקס בײַ די ראַנד-גראָזן מילך-ווייסע סימנים.

און טאָמער איז ווינציק:

— אויף רעכטס! אַן אַבאָז!

פאַרקערועט מען אויף רעכטס; אַ יאָגעניש, אַ געדראַנג.

אַן אָפּטיילונג קליינע וועגעלעך — אַ לאַנגע קייט פון אומ-

געהייערע קוואדראטנע מעטעאָר-שטיינער, וואָס קייקלען זיך מיט אַ שרעקלעכן טאַראַראַם — פאַרן און אויפֿן שאָסיי. אַ שלאַק זאָל זיי! דער ווייסער פּודער-טעפּיך, וואָס ליגט אויף דער ערד, ווי אַ וואַטע, ווערט דורך זיי מיטגעריסן, צעשאָטן און פֿאַלט אויף אונדזערע אַקסלען!

אָט זײַנען מיר אײַנגעוויקלט אין אַ העל-גרויען שלייער, און אויף אונדזערע פּנימער זיצן מעלעקע מאַסקעס, וואָס פֿאַרדיקן זיך אַרום די ברעמען, אַרום דער באָרד און וואָנסעס און אין די ראָון פֿון די רינצלען. מיר זען אויס צו זײַן אין דער זעלבער צײַט מיר אַליין — און אויסטערלישע זקנים.

— אויף דער עלטער וועלן מיר האָבן אָט אַזאַ מיאוסע צורה — זאָגט טיכערט.

— דו שפּײַסט ווייס — קאָנסטאַטירט ביקערט.

ווען מיר שטעלן זיך אָפּ, דאַכט זיך, מען האָט פֿאַר זיך לאַנגע שורות גיפּסענע סטאַטועס, פֿון וועלכע עס זען זיך אַרויס שמוציקע רעשטלעך פֿון מענטשלעכע באַשעפֿענישן.

מען לאָזט זיך ווידער אין וועג. מען שווייגט, מען פּײַניקט זיך, יעדער טריט איז אַן אָפּקומעניש. אויף די פּנימער שנײַדן זיך גרימאַסן, וואָס ווערן געשטאַנען און פֿאַרשטאַרט אונטער דעם בלײַכן שטויב-הייטל. די אומאויפֿהערלעכע אָנשטרענגונג קאָרטשעט אונדז צונויף און פּילט אונדז אָן מיט אַ פֿינסטערער מידעקייט און עקל.

ענדלעך דערזעט מען דעם לאַנג-געגאַרטן אָאַזיס: איבער אַ בערגל, אויף אַ צווייט העכער בערגל, קוקן אַרויס גרויע דעכער פֿון צווישן פֿרישע, גרינע שאָטאַט-בלעטער.

דאָרט איז דאָס דאָרף; אונדזער בליק נעמט עס אַרום: אָבער מען איז נאָך נישט דאָרט. אַ לאַנגע צײַט דאַכט זיך, עס דערווײַטערט זיך פֿון אונדז, בשעת דער פֿאָלק דערנענטערט זיך גאָר.

סוף-כל-סוף, פונקט צוועלף באַטאָג, קומט מען אָן צו דער דאָזיקער קוואַרטיר, וואָס איז אונדז שוין פאַרגעקומען כּמעט אומוואַרשיינלעך און לעגענדאַריש.

טריט בײַ טריט, מיט די ביקסן אויפן אָרעם, שטראָמט אַרײַן דאָס פאָלק און פאַרפּלייצט ביז די ברעגעס די גאַס פון גאַשען-ל'אבע. דער גרעסטער טייל דערפון אין פּאַ-דע-קאַלע באַשטייען בלויז פון איין איינציקע גאַס. אָבער וואָס פאַר אַ גאַס! אָפּטמאָל האַלט זי אַ פּאַר קילאָמעטער די לענג. באַם געמיינדע-אַמט צעצווייגט זיך דאָ די איינציקע לאַנגע גאַס גאָפּל-מעסיק אין צוויי אַנדערע גאַסן; דאָס אָרט שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסע Y, אומרעגעלמעסיק באַזוימט מיט נידעריקע פראָנט-הייזלעך.

די ציקליסטן, אָפיצירן, אָרדענאַנסן טיילן זיך אָפּ פון לאַנגן באַוועגלעכן בלאָק. דערנאָך, וואָס ווײַטער מען רוקט זיך פאָרויס, ווערן די מענטשן פאַרשווינדן, גרופּנווײַז, אין די טויערן פון די שייערן. — די וווינהייזער, וואָס זײַנען נאָך פריי, זײַנען רעזערווירט פאַר אָפיצירן און ביוראָס... אונדזער אָפּטיילונג ווערט צום ערשט געפירט ביז צום עק דאָרף, דערנאָך — צוליב אַ מיספאַרשטענדעניש פון דעם קוואַרטיר-מייסטער — צום אַנדערן עק, פון וואַנען מיר זײַנען אָנגעקומען.

דאָס דאָזיקע וואַנדלען אַהין און צוריק פאַרנעמט צײַט, און די ראָטע, וואָס ווערט אַזוי געשלעפּט פון צפון צו דרום און פון דרום צו צפון, איז שרעקלעך פאַרמאַטערט און דענערווירט צוליבן בחנמדיקן גיין, און ווײַזט אַרויס אַ פּיבערהאַפטיק אומגעדולד. עס איז פאַר אונדז אומבאַדינגט וויכטיק מיר זאָלן זיך ווי צום פריסטן אײַנאָרדענען און פריי ווערן, כּדי מען זאָל קענען פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן, מיט וועלכן מיר טראָגן זיך אַרום שוין אַ לאַנגע צײַט: געפינען און אָפּדינגען בײַ עמעץ אַן אײַנוווינער אַ שטיקל אָרט מיט אַ טיש, ווי די ראָטע זאָל זיך קענען אַוועקזעצן בײַם עסן. מען

האָט אַ סך גערעדט וועגן דעם דאָזיקן ענין און די גוטע מעלות דערפון. מען איז געקומען צו אַ הסכם, מען האָט זיך צונויפגעלייגט און באַשלאָסן דאָס היינטיקע מאָל זיך דערלויבן אַזאַ איבערפלי־סיקע הוצאה.

צי וועט עס אָבער מעגלעך זיין? אַ סך לאָקאַלן זיינען שוין צעכאַפּט. מיר זיינען נישט די איינציקע, וואָס קומען אַהער מיט אַזאַ טרוים וועגן קאָמפאָרט, און עס וועט זיך מאַכן אַ יאָגעניש נאָך אַ טיש... דריי קאָמפּאַניעס קומען נאָך אונדזערע, אָבער פיר זיינען פריִער געקומען, און חוץ דעם, איז נאָך דאָ דאָס אָפּי־ציִעלע קלאַפּערגעצייג פון סאַניטאַרן, שרייבער, קאָנדוקטאָרן, אָרדי־נאַנסן און אַנדערע, די אָפיציִעלע זופּן־טעפּ פון די אונטעראָפיצירן, בריגאַדע־קאָמאַנדעס און ווי נאָך דאָרט זיי הייסן... די דאָזיקע אַלע לייט זיינען וויכטיקערע מאַכערס, ווי פשוטע זעלנער פון דער קאָמפּאַניע, האָבן מער מיטלען און אַ גרעסערע באַוועגונגס־פרייהייט און קענען זיך פריִער אַן עצה געבן. און שוין אַצינד, ווען מיר מאַרשירן נאָך אין פירן צום שייער, וואָס איז באַשטימט פאַר אונדז, באַווייזן זיך אויף די צעראַבירטע שוועלן די, וואָס עס איז זיי געלונגען, און זיי פאַרנעמען זיך מיט בעל־הבתישקייט.

טיכערט אימיטירט דאָס בלעקערן און מעקן פון בהמות:

— אָט איז די קו־שטאַל!

אַ גענוג גרוימער שייער. דאָס געשניטענע שטרוי, וואָס באַם אַרויפטרעטן, הייבט זיך אויף דערפון אַ שטויב־וואָלקן, שפירט מען מיט בית־הכסא. עס איז אָבער אַ כמעט געשלאָסענער רוים. מען פאַרנעמט אָרט — מען שנאָלט פון זיך אָפּ.

די, וואָס האָבן ווידעראַמאָל געחלומט וועגן עפּעס אַ באַזונדער גן־עדן, האָבן ווידעראַמאָל אַן אַנטוישונג.

— זאָג נאָר, ס'האָט מיר פּונקט אַזאַ טעם, ווי ערגעץ אַנדערש.

— אומעטום איין טייוול.

— וואָס דען, האָב עס אַכט און אַכציק.

— פאַרשטייט זיך.

עס איז אָבער נישט קיין תכלית צו פאַרלירן די צייט מיטן רעדן. מען מוז זיך עפּעס אַ ריר טון, און די אַנדערע איבעריאָגן מיטן דע-צוג מוז עס גיין, אויף דער גאַנצער פאַרע און מיט דער גרעסטער גיכקייט. מען יאָגט זיך. נישט קוקנדיק, וואָס דער רוקן ברעכט און די פיס רייסן, שטרענגט מען אָן די לעצטע כּוחות בּאַ דעם, פון וואָס עס איז אָפּהענגיק דער ווילשטאַנד פון אַ וואָך צייט.

די ראָטע צעטיילט זיך אין צוויי פּאַטראָלן, וואָס לאָזן זיך אַרויס כּהרף-עין, איינער אויף רעכטס, איינער אויף לינקס, אין גאַס אַריין, וואָס איז שוין פאַרפלייצט מיט פאַרהאַוועטע זעלנער, וואָס האַלטן אין איין זוכן — און אַלע גרופּקעלעך קוקן זיך נאָך, און אויף זיך אַכטונק... און איילן זיך. טיילמאָל, ווען מען טרעפט זיך צונויף, צעווערטלט מען זיך און מען צעקיילט זיך אַ ביסל.

— לאָמיר שוין פון דאָרט אונטן אָנהייבן, אַ נישט בלייבן מיר אויף דער פליישׂ-באַנק...

כ'האָב דעם איינדרוק פון אַ מין פאַרצווייפלטן קאַמף צווישן אַלע זעלנער אין די גאַסן פון דעם נאָר-וואָס פאַרנומענעם דאָרף.

— פאַר אונדז — זאָגט מאַרטעראָ — מלחמה, — הייסט אַן אייביקער קאַמף און שלאַכט, שטענדיק, אָן אַ סוף.

מ'קלאַפּט פון טיר צו טיר, מ'שטעלט זיך פאַר נישט דרייסט, מ'בעט זיך איין, ווי אַ פאַרלעגענע סחורה. איינער פון אונדז זאָגט:

— אפשר איז דאָ בּאַ אייך, מאַדאַם, אַ שטיקל אָרט פאַר זעלנער? מ'וועט באַצאָלן.

— ביין, אַזוי ווי כ'האָב שוין אָפּיצירן — אָדער: אונטער-אָפיצירן — אָדער גאָר: כ'האָב שוין דאָ די קיך פון די מוזיקאַנטן,

פון די סעקרעטאַרן, פון דער פאָסט, פון די הערן פון לאַזאַרעט, א. א. וו.

שלימזל איבער שלימזל. כסדר פאַרמאַכט מען צוריק אַלע טירן, וואָס מ'האָט אויפגעעפנט, און מ'קוקט זיך אָן, פון דער אַנדערער זייט שוועל, מיט אַלץ אַ קלענערן סכום האָפנונג אין בליק.

— גאָט מיין איינציקער! ווען זעט זען, אַז מיר וועלן גאָרנישט געפינען — מורמלט באַרק. — שוין צו פיל כאָלערעס האָבן זיך פאַר אונדז אויסגעמלאָכנט. אַ פראַנצעוואָטע באַנדע דאָס איז!

די מענגע וואַקסט פון אַלע זייטן. די דריי גאַסן ווערן וואָס אַמאָל פולער, לויטן פרינציפּ פון קאָמוניקירנדיקע רערן, און זייבען שוואַרץ פון מענטשן. מען באַגעגנט די אָרטיקע איינוווינער: אַלטע לייט, אָדער פאַרקריפּלטע מענטשן, מיט אַ פאַרקרומטן גאַנג, אָדער פאַרזעעניש, אָדער אויך יונגעלייט, איבער וועלכע ס'הענגט דער סוד פון פאַרבאָרגענע קראַנקהייטן, אָדער פון האַליטישע באַציִונגען. אין קליידער — אַלטע ווייבער און אַ סך יונגע מיידלעך, פעטלייביקע, מיט פליישיקע באַקן און וועלכע וואַקלען זיך אין גאַנג, ווי ווייסע גענדז.

מיטאַמאָל דערשיינט פאַר מיר, אין אַ הינטערגעסל צווישן צוויי הייזער, אַ פלוצלינקע זעונג: דורך אַ שאָטן-שפּאַלט איז פאַר ביי געגאַנגען אַ פרויען-געשטאַלט. . .

דאָס איז איידאָקסיע! איידאָקסיע, די אינדין-פרוי, וועלכע לאַמיז האָט דאָרט אין פעלד נאָכגעיאָגט, ווי אַ פאַון, און וועלכע האָט זיך מיר, אין דעם אינדערפרי, בשעת מען האָט געפּראַוועט דעם פאַרווונדעטן וואָלפּאַטן און פּיזאַדן, באַוויזן, איבערגעבויגן איבערן וואַלד-ראַנד און פאַרבונדן מיט פאַרפּאַדעטן דורך אַ געמיינזאַמען שמייכל.

זי דאָס האָב איך גאָר־וואָס דערזען אין דעם הינטערגעסל, אַזוי ווי אַ זונען־שטראַל. דערנאָך איז זי גלײך געוואָרן הינטער אַ מויער־וואַנט. דאָס אָרט איז ווידער פאַרדעקט געוואָרן מיט שאָטנס... זי, שוין דאָ! נישט אַנדערש, זי איז נאָכגעגאַנגען אין דעם דאָזיקן לאַנגן, פײַנלעכן וואַנדער־וועג! עס האָט זי געצויגן...

איבעריקנס, זי זעט אויס, ווי עס וואָלט זי געצויגן: ווי גײך איך זאָל נישט האָבן אויפגעכאַפּט איר געזיכט מיט דער העלער האָר־באַקרײַנונג, האָב איך עס דאָך געזען ערנסט, טרוימעריש און פאַרטראַכט...

לאַמיז, וועלכער איז מיר נאָכגעקראָכן יעדן טריט, האָט גאָר־נישט געזען. איך דערצייל אים גאָרנישט וועגן דעם. ער וועט אויך געניג באַצײַטנס באַמערקן די אָנוועזנדיקייט פונם דאָזיקן רײַצנדיקן פּלאַם, צו וועלכן עס רײַסט זיך זײַן גאַנץ וועזן, און וועלכעס מײַדט אים אויס, ווי אַן אירליכט. דערווײַל, קודם־כּל, זײַנען מיר פאַרנומען. דאָס געלעכצטע ווינקעלע מוז אומבאַדינגט דערגרייכט ווערן. מיט אַ פאַרצווייפלטער ענערגיע האָט מען זיך ווידער געוואָרפן אויף דער יאַגד. באַרק רײַסט אונדז מיט. ער האָט זיך גענומען די זאַך צום האַרץ. ער איז פאַרכאַפּט אינגאַנצן, און מען זעט, ווי עס ציטערט זײַן גזשיווע, וואָס איז באַפּודערט מיט שטויב. ער פירט אונדז, מיט דער נאָז אין דער לופטן, אויסשפּירנדיק עפּעס. ער לייגט אונדז פאָר צו מאַכן אַ פּרווו אין יענער געלער טיר דאָרט, וואָס מען זעט. פאָרווערטס!

לעבן דער געלער טיר טרעפט מען אַן אײַנגעהויקערט געשטאַלט: ס׳איז בלער. ער האַלט זײַן פוס אויף אַ ראַנד־שטיין, און מיט אַ מעסערל קראַצט ער אָפּ פון זײַן ווײַסן שיך דעם גיפּס־שיכט... ער זעט אויס, ווי אַ סקולפּטאָר.

— האָסט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזוינע ווײַסע פיס — רייצט זיך באַרק.

— געלעכטער אָן א זייט — זאָגט בלער — ווייסט נישט אַמאָל ווו ער איז ערגעץ, דער דאָזיקער וואָגן?

ער טייטשט אויס:

— כ׳מוז דורכויס אויפזיכן דעם דענטיסטן־וואָגן; איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסברוקירן ס׳מויל און אַרויסרייסן די אַלטע דאָמינעס, וואָס זיינען מיר נאָך איבערגעבליבן. יאָ, דאַכט זיך, אַז דאָ ערגעץ געפינט ער זיך, דער דאָזיקער מאָרדע־וואָגן.

ער מאַכט צו ס׳מעסערל, לייגט עס אין קעשענע און גייט אַוועק לענגויס די וואַנט, פאַרטיפט אין ווידערגעבורט פון זיינע קינבאַקן.

און ווידעראַמאָל הייבן מיר אָן מיט אונדזער בעטלער־לשון:

— גוט מאָרגן, מאַדאַם, וועט זיך נישט באַ אייך געפינען אַ קליין ווינקעלע צום עסן? מ׳עט באַצאָלן, פאַרשטייט זיך, מ׳עט באַצאָלן.

— ניין...

אין דער אקוואַריום־באַלייכטונג פון נידעריקן פענסטער, הייבט אויף עפעס אַ מאַנספערשוין זיין מערקווירדיק פלאַטשיק פּנים, וואָס איז דורכגעשטריפט מיט פּאַראַלעלע רינצלען און ענלעך צו אַן אַלט באַשריבן צעטל:

— האָסט דאָך די הונט־שטאַל.

— אין דער הונט־שטאַל איז דאָך קיין אָרט נישטאָ, דאָרטן איז דאָך אַציינד אַ וועש...

באַרק כאַפּט עס אָבער באַלד אויף:

— אפשר וועט עס אָנגיין. מ׳קען אַ קוק טון?

— מ׳וואַשט דאָך דאָרט — מורמלט די פרוי, ווייטער אויסקערנדיק די שטוב.

— איר מעגט וויסן — זאָגט באַרק מיט אַ שמייכל, מעשה אָרנטלעכער מענטש — מיר זיינען נישט פון דעם מין מענטשן, וואָס

שיכורן זיך אָן און טון אָפּ נאַרישקייטן. מ׳וואָלט אַ קוק געטאָן אפשר, האַ?

י פרוי האָט אָוועקגעלייגט דעם בעזעם. זי איז מאָגער און פלאַך. די בלוזקע הענגט איר אויף די אַקסלען, ווי אויף אַ קליידער־הענגער. איר פּנים איז אָן אַן אויסדרוק, פאַרשטאַרט, ווי אַ טאָוול. זי קוקט אונדז אָן, שלאָגט זיך מיט דער דעה, נאָכדעם פירט זי אונדז אָן חשק אין עפּעס אַ פינסטערן רוים, וואָס שטייט אַזוי אויף דער ערד און איז פאַרלייגט מיט ברודיקע וועש.

— ס׳איז פיין — טוט אַ געשריי לאַמיז מיטן גאַנצן האַרץ.

— ס׳האָט אַ חן, דאָס דאָזיקע קליינע מיידעלע! — זאָגט באַרק און קלאַפּט איבערן רונדיקן בעקל, וואָס זעט אויס ווי אַ געפּאַרבטער קאַוטשוק, פון אַ קליין מיידל, וואָס באַטראַכט אונדז, מיטן פאַרשמירטן געזל פאַריסן אין האַלב־שאָטן. — אייערס איז עס, מאַדאַם?

— און דערביי? רייזיקירט צו פרעגן מאַרטעראַ, באַמערקנדיק אַ פּיצעלע, גרויס ווי אַ קערנדל, מיט בעקלעך אָנגעדראָלענע, ווי אַ בלאָז און אויסגעשמירטע מיט קאָנפיטור, צו וועלכן עס קלעבן זיך צו די לופט־שווימלעך.

און מאַרטעראָ טוט נישט־דרייסט אַ גלעט דאָס דאָזיקע פאַרשמירטע און קלעפּיקע פּנימל.

די פרוי באַוויליקט נישט צו ענטפערן.

שטייען מיר אַזוי נישט אַהין, נישט אַהער, און מען לאַכט ווי בעטלער, וואָס האָבן נאָך נישט דאָס זייעריקע באַקומען.

— זי זאָל נאָר באַשטיין, דער אַלטער שלימפּער. — רוימט מיר אין אויער אַריין לאַמיז; עס גלוסט זיך אים, אָבער ער קען זיך נישט צוגלייבן. — דאָ איז דאָך גרויסאַרטיק און, ווייסט דאָך, ער־בעך אַנדערש איז שוין פאַרכאַפּט!

— קיין טיש איז נישטאָ! — זאָגט ענדלעך די פרוי.

מאַכט אייך נישט קיין זאָרג צוליב דעם טיש! — רופט אויס

באַרק. אָט, זעט, דאָ אין ווינקל ליגט אַן אַלטע טיר. ס'וועט שוין זיין דערפון אַ טיש.

— איר וועט דאָך מיר נישט אַרומשלעפן און אַרומוואַרפן אַלע מיינע זאַכן! — ענטפערט די פלאַטשיקע פרוי. זי געטרויט אונדז שוין נישט, און מ'זעט בפירוש, ווי זי באַדויערט פאַרוואָס זי האָט באַלד תחילת אונדז נישט געהייסן מוחל זיין.

— האָט נישט מורא, זאָג איך איר. וואַרט, איר וועט זען. העי, לאַמיז, מיין טייערער אוצר, נעם באַר אָן!

מ'לייגט די אַלטע טיר אויף צוויי פעסער, צו וואָס די פאַר־שווינטע קוקט זיך צו מיט אומצופרידנקייט.

— אַ ביסל ריינמאַכן — זאָג איך — און ס'וועט זיין טוב.

— יאָ, יאָ, מאַמעשי, אַ גוטן פאַר דעריבער מיט אַ בעזעם, וועט עס שוין אָנגיין פאַר אַ טישטוך.

זי ווייסט אַליין נישט וואָס צו זאָגן; זי קוקט אונדז אָן מיט שנאה.

— ס'איז נישטאָ מער ווי צוויי בענקלעך, און וויפיל זענט איר?

— אַ טוץ, אַן ערך.

— אַ טוץ, יעזוס מאַריאַ!

— וואָס קען דאָס שאָדן, ס'וועט שוין גוט זיין, דער עיקר, אַז מ'האָט באַר אַ ברעט: אַ באַנק — ווי געפונען! נישט אמת, לאַמיז?

— 'שטייט זיך! — זאָגט לאַמיז.

— דאָס דאָזיקע ברעט — זאָגט די פרוי — האָב איך נישט קיין חשק צו געבן. זעלנער, וואָס זיינען דאָ געווען פאַר אייך, האָבן עס שוין געוואָלט צונעמען.

— אָבער מיר, מיר זיינען דאָך נישט קיין גנבים — דער־קלערט לאַמיז געלאַסן, כדי נישט צו דערצערענען דאָס דאָזיקע באַשע־פעניש, וואָס אין איר האַנט ליגט אונדזער גורל.

— כ'זאָג עס נישט, אָבער צ'ווייסט דאָך, די זעלנער, זיי מאַכן אַלץ חרוב. אַלץ הייסט אַן אומגליק די דאָזיקע מלחמה!

— אַ כלל, וויפל וועט עס קאָסטן; אָפּנוץ־געלט פאַרן טיש און אויך פאַר עפּעס אָנווארעמען אויף דער קיך?

— צוואַנציק סו אַ טאָג — זאָגט פּאַמעלעך די בעל־הביתטע, מיט אַ ווידערווילן, ווי מ'וואָלט פון איר איבערגעוואָלט אויסגע־פּרעסט די דאָזיקע סומע.

— טייער — זאָגט לאַמיז.

— די אַנדערע, וואָס זיינען דאָ געווען, האָבן אויך אַזוי געצאָלט, און ס'זיינען געווען גאַנץ אָרנטלעכע מענטשן. יענע הערן, און מ'האָט עפּעס געגעסן פון זייער עסן אויך. מ'ווייסט גוט, אַז בײַ זעלנער איז עס נישט קיין שווערע מעשה. אויב פאַר אייך איז עס צו טייער, האָב איך נישט קיין זאָרג צו קריגן אַנדערע בעלנים אויף אַזאַ צימער, מיט אַ טיש, מיט אַ קיך־אויוון, און נישט קיין צוועלף מאָן. ס'וועלן צו יעדער צייט קומען אַנדערע און וועלן נאָך טייע־רער באַצאָלן, אויב כ'וואָלט נאָר געוואָלט. צוועלף!...

— כ'זאָג „צו טייער", אָבער דאָך וועט מען פאַרטיק ווערן — זאָגט געשווינד לאַמיז. — האַ, ווי מיינט איר דאָרט?

אויף דער דאָזיקער קלאָרער פראַגע, זיינען מיר מסכים.

— כ'וואָלט עפּעס־עפּעס געטרינקען — מאַכט לאַמיז. — אפשר האָט איר ווײַן צום פאַרקויפן?

— ניין, זאָגט די פרוי.

באַלד גיט זי צו — ציטערנדיק פאַר כעס:

— פאַרשטייט איר מיך, טאָמער האָלט עמעצער ווײַן, נייט אים די מיליטער־מאַכט צו פאַרקויפן צו פופצען סו. פופצען סו! אַלץ הייסט אַן אומגליק, די דאָזיקע פאַרשאָלטענע מלחמה, מ'דער־לייגט נאָך צו פופצען סו. און דעריבער פאַרקויף איך נישט קיין ווײַן. פאַר זיך אַליין האָב איך אַ ביסל ווײַן. נו, יאָ, כ'זאָג עס

נישט, כ׳מיין אמאָל אַזוי אויס געפעליקייט, לאָזט מען אָפּ אַ קאָפּ פּאַר באַקאַנטע, אַזוי אַ מענטש, וואָס קען זיך דערויף; אָבער איר פאַרשטייט דאָך אַליין, נישט פאַר פופציג סו.

לאַמיז געהערט צו דעם טייל מענטשן, וואָס קענען זיך טאַקע דערויף. ער כאַפּט זיך צו זיין פעלד-פלאַש, וואָס הענגט אים געוויינטלעך באַ דער זייט.

— גיט מיר אַ ליטער. וויפיל וועט׳ס קאָסטן?

— כ׳רעכן אייך צוויי און צוואַנציק סו, אַזוי ווי ס׳קאָסט מיך אַליין. אָבער זייט וויסן, — דאָס טו איך בלויז אייך, די דאָזיקע געפעליקייט, ווייל איר זענט זעלנער.

באַרק, וואָס פלאַצט שיער פאַר אומגעדולד, ברומט עפּעס פאַר זיך. די פרוי וואַרפט אים צו אַ גיפטיקן בליק, און איז שוין גרייט לאַמיזן אָפּצוגעבן דאָס פלעשל.

לאַמיז אָבער, וואָס האָט זיך שוין איינמאָל פאַרנומען צו טרינקען וויין, און קריגט רויטלעכע באַקן, אַזוי ווי די משקה וואָלט שוין דאָרט אַרויסגעזעצט, זאָגט אויף גיך:

— שרעקט אייך נישט, מאַמעשי, ס׳בלייבט צווישן אונדז. מ׳וועט אייך נישט פאַראַטן.

זי אָבער, אומבאַוועגלעך און זויער, גיסט אויס איר ביטער האַרץ קעגן וויין-טאַריף. און לאַמיז, באַהערשט פון זיין תאווה, דערפירט זיין דערנידערונג און די קאַפּיטולאַציע פון זיין געוויסן, אַזש ביז צום זאָגן איר:

— נו, וואָס קען מען זיך העלפן, מאַדאַם, דאָס איז מיליטעריש! פרוווט עס צומאָל נישט פאַרשטיין.

זי פירט אונדז אין קעלער. דריי גרויסע פעסער פילן אָן דאָס דאָזיקע ווינקל מיט זייערע אימפּאָזאַנטע בייכער.

— דאָס איז אייער קליינער פערזענלעכער זאַפּאַס?

— די אַלטע קען די מלאכה — מורמלט באַרק.

די אַלטע דרייט זיך אויס מיט אַ גאַליק פּנים.

— וואָס וואָלט איר געוואָלט, מ׳זאָל בדלות ווערן אין דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער מלחמה! מ׳דערלייגט שוין אַזוי אויך גע-נוג געלט צו דעם

— צו וואָס? — פרעגט באַרק.

— מ׳זעט שוין, אַז איר ריזיקירט נישט אייער געלט, זעט מען.

— ניין, מיר ריזיקירן בלויז אונדזער הויט.

מען מישט זיך אַריין. מיר זיינען אומרויִק פאַר די געפער-לעכע פאָלגן, וואָס דאָס דאָזיקע צעווערטלען זיך קען האָבן פאַר אונדזער עסק. דערווייל טוט עמעץ אַ שאָקל די קעלער-טיר, און אַ מענער-שטימע שרייט אַריין:

— העי, פאַלמיר!

די אַלטע גייט אַרויס זיך וואַקלענדיק, און לאָזט צוליב פאַר-זיכטיקייט אָפן די טיר.

— ס׳וועט גיין ס׳עסק! ס׳אי פאַרטיק! — זאָגט אונדז לאַמיז.

— דאָס הייסט געמיינע ברואים — וואָרטשעט באַרק, וואָס קען נישט פאַרטראָגן אַזאַ אויפנאַמע.

— ס׳איז אַ חרפּה און אַ בושה — זאָגט מאַרטעראַ.

— מ׳קען מיינען, ס׳טרעפט זיך דיר ס׳ערשטע מאָל!

— און דו, לעקיש, — בייזערט זיך באַרק — זאָגסט נאָך אַריין, ווי אַ נעבעכל, צוליבן טראָפּן ווייַן: „וואָס קען מען זיך העלפן, ס׳איז מיליטעריש!” ניין, גוטער ברודער, מ׳קען נישט זאָגן זאָלסט שטאַרק האַלטן פון זיך!

— וואָס האָב איך געזאָלט עפּעס אַנדערש זאָגן? אָדער, מ׳האָט אפשר געדאַרפט זיך געזעגענען מיטן טיש און מיט דער משקה? די וואָלט זיך אפילו געהייסן צאָלן פערציק סו פאַרן ווייַן, וואָלט

מען אויך גענומען, אפשר נישט? מעגסט זיך שעצן גליקלעך אזוי־אויך. כ׳בין מיך מודה ומתודה, אז כ׳האָב מיך אַזוי אויך געשראָקן, אַז די אַלטע וועט נישט צוקלאַפּן.

— כ׳חייס גאַנץ גוט, אַז אומעטום און איבעראַל איז אַלץ די־זעלבע געשיכטע, אָבער, אַלץ איינס...

— דער ציווילער, אָ יאָ, ער כאַפּט שוין אריין אַ פּעטן ביסן. אַהאָ! פּאַרפּאַלן, ס׳מוזן דאָך זיין אַזוינע, וואָס זאָלן דערביי מאַכן די קאָפּעקע. אַלע קענען זיך דאָך נישט לאָזן אויסהרגענען!

— אַ! די גרויסמוטיקע באַפעלקערונג פון מזרח

— נו, און די גרויסמוטיקע באַפעלקערונג פון צפון!

— ... וואָס נעמען אונדז אויף מיט אָפענע אָרעמס!...

— מיט שטייפע הענט, דאָס יאָ...

— איך זאָג דיר — חזרט איבער מאַרטערא — אַ חרפה איז עס, אַ געמיינהייט.

— מאַך שוין צו ס׳מויל! אָט קומט זי, די קליאַטשע.

מען האָט אָפּגעטרעטן אויף דער קוואַרטיר, כדי צו דערציילן, אַז דאָס עסק איז אונדז געלונגען, נאָכדעם איז מען געגאַנגען איינקויפן. ווען מיר זיינען צוריק געקומען אין אונדזער נייעם עס־צימער אריין, האָט מען זיך גענומען צוגרייטן דאָס מיטאָג. באַרק איז געגאַנגען צו דער פּראָוויאַנט־אָפּטיילונג, און עס איז אים געלונגען, אַדאַנק זיינע פערזענלעכע באַציונגען מיטן שעף, וועלכער איז אין פּרינציפּ געווען אַ קעגנער פון אַזאַ צעברעקלטער פּאַרטיילונג, דאָך צו באַקומען דירעקט די פּאָרציע קאַרטאָפל און פלייש, וויפיל עס האָט אויסגעמאַכט פאַר די פופצען מאַן פון אונדזער אָפּטיילונג.

ער האָט אויך פּעטס — אַ קליין פּעקל פאַר פערצן סו — מע וועט פּרעגלען קאַרטאָפל. ער האָט אויך געשאַפט פיר שאַכט־לען קאָנסערווירטע אַרבעס, דאָס שאַכטל קאַלב־פלייש, קאָנסערוו

מיט זשעלעצע פֿון מענין אַנדרעע וועט דינען פֿאַר אַ פֿאַר-שפּיין.

— ס׳וועט זײַן גאַרנישט געפּאַנפּעט, דאָס אַלץ! — זאָגט אַנטציקט לאַמיז.

* * *

מיר האָבן באַטראַכט די קיך. באַרק, אַ גליקלעכער, האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם אײַזערנעם אײַוועלע, וואָס זײַן וואַרעמער און עטעמדיקער קערפּער האָט פֿאַרנומען אַ גאַנץ ווינקל פֿון צימער.

— בגנבה האָב איך צוגעלייגט נאָך אַ הינדל צו דער זופּ — זאָגט ער מיר שטיל.

ער האָט אונטערגעהויבן דאָס שטערצל פֿון קעסעלע.

— דאָס פֿייער איז נישט זייער שטאַרק. שוין אַ האַלבע שעה איז, ווי כ׳האָב אַרײַנגעלייגט ס׳פֿלייש, און דאָס וואַסער איז נאָך קלאָר.

אין אַ ווײַלע אַרום הערט מען שוין, ווי ער האָט עפּעס צו טון מיט דער בעל-הביתטע. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן נאָך אַ קעסעלע: עס וועט שוין פֿאַר איר נישט בלייבן קיין שטיקל אָרט אויף דער קיך; מען האָט דאָך איר געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט מער ווי איין טאָפּ; און זי האָט עס געגלייבט; ווען זי וואָלט געווּסט, אַז מען וועט איר מאַכן אַזעלכע שוועריקייטן, וואָלט זי אינגאַנצן דאָס דאָזיקע צימער נישט פֿאַרדינגען. באַרק ענטפֿערט איר עפּעס, וויצלט זיך, און מיט אַ געלעכטערל גיט זיך אים איין צו באַרויִקן דאָס דאָזיקע פֿאַרזעעניש.

באַלד קומען די איבעריקע, איינער נאָכן אַנדערן. זיי ווינקען מיט די אויגן, רייבן זיך די הענט, פֿול מיט זאַפֿטיקע חלומות, ווי פֿאַרבעטענע געסט אויף אַ חתונה-מאָל.

קומענדיק פֿון ליכטיקן דרויסן אין דאָזיקן פֿינסטערן פּיר-בק

אריין, בלייבן זיי אַ ווײַלע שטיין פאַרלוירן, זען גאָרנישט, חי די פּאַוועס.

— נישט איבעריק ליכטיק — זאָגט מעניל דזשאָזעף.

— וואָס נאָך פעלט דיר, וואָס, טייערער אוצר
אַלע איבעריקע שרייען צוזאַמען.

— ווי באַם טאַטן אין ווייַנגאָרטן!

און מען זעט אין דער האַלב-פינסטערניש פון קעלער, ווי קעפּ שאָקלען אויף יאָ.

אָן אינצידענט: פאַרפאַדעט האָט זיך נישט פּאָרזיכטיקערהייט אַ רייב געטון אָן דער ווייכער און שמוציקער וואַנט, און אויף די פּלייצעס האָט זיך אים אַראָפּגענומען אַזאַ ברייטער און שוואַרצער פלעק, אַז מען דערקענט אים אַזש דאָ. פאַרפאַדעט, וואָס האַלט זיך זייער ריין אויסערלעך, מורמלט עפּעס, און כּדי זיך נישט אָנצו-רירן נאָכאַמאָל אָן דער וואַנט, רוקט ער אָפּ דעם טיש און לאָזט טאַלן זיין לעפל אויף דער ערד. ער בייגט זיך אַראָפּ און טאַפּט אויף דער נישט-געהובלעוועטער פּאָדלעגע, ווו ס'האָט זיך, אין משך פון יאָרן, רויק אָנגעזאַמלט שטויב און שפּינוועבס. געפינט ער שוין זיין לעפל, איז ער שוואַרץ, ווי אַ קויל, און באַהאָנגען מיט פּלי-טערלעך. קלאָר, דאָ לאָזן פאַלן עפּעס אַ זאַך אויף דער ערד, איז אָן אומגליק. מ'מוז דאָ לעבן גאַנץ פּאָרזיכטיק, הייסט עס.

לאַמין לייגט אַוועק זיין האַנט, וואָס איז פעט ווי אַ שטיק חזיר צווישן צוויי טישטעכלעך.

— אָן עק, צום טיש!

מ'עסט. צו עסן איז דאָ אַ סך און ס'שמעקט גוט. דאָס גע-רויש פון די געשפּרעכן מישט זיך צונויף מיטן געקלימפּער פון די טעלער, וואָס לערן זיך אויס, און מיטן שמאָטשקען פון די ליפּן. און בשעת מען געניסט פון דעם תענוג, צו עסן זיצעדיקערהייט, זופּט זיך דורך דורכן קעלער-פענסטערל אַ שנירל ליכט און נעמט

צרום מיט אַ שטויביקער דעמערונג-שיין אַ פּאַס פון רוים און דעם פיר-עק פון טיש, באַגיסט מיט אַ שימער אַ לעפל-גאָפּל, אַ דאַשעק, צינדט אָן אַן אויג. איך באַטראַכט פון אַ זייט די דאָזיקע טרויערי-קע שמחה, ווו די פריילעכקייט פאַרפלייצט אַלץ.

ביקעט דערציילט מיט וואָסערע מי און מאַטערניש אים איז אָנגעקומען צו פּאַקן אַ וועשיק, וואָס זאָל אים טאָן די טובה און וואַשן זיין וועש, אָבער „זי האָט זיך אַ זינג געטון, די אויגן זיינען אויס-בערגעגאַנגען!" טילאַק שילדערט די רייע פּאַרן געוועלבל: מ'טאָר נישט אַריינגיין; אין דרויסן איז מען אַרומגעצוימט, ווי אַ סטאַדע שעפּסן.

און כאָטש דו שטייסט אין דרויסן, אויב עס געפעלט דיר עפּעס נישט און עפּנסט ס'מיילעכל, פאַריאָגט מען דיך באַלד.

וואָס נאָך הערט זיך עפּעס? אין ראַפּאָרט ווערן אַרויסגעגעבן שטרענגע פאַראָרדנונגען קעגן פלינדערן די איינוווינער, און עס איז שוין דאָ אַ צעטל פון די באַשטראָפטע. וואָלפּאַט איז געוואָרן צוריק-געשיקט. — די פון 36-טן יאָר וועלן גיין אין טיל; פּעפּער געהערט אויך צו זיי.

באַרק, ווען ער דערלאַנגט די געפּרעגלטע קאַרטאָפל, דער-ציילט, אַז אונדזער בעל-הביתטע האָט זעלנער צום טיש: סאַניטאַרן פון דער מיטראַליעזן-אָפּטיילונג.

— זיי האָבן געמיינט, זיי וועלן כאַפּן ס'בעסטע, אָבער מיר האָבן זיי אויסגעכאַפּט — זאָגט פּויאַד מיט איבערצייגונג, פאַרשטעקנ-דיק זיך ערגעץ אין שאָטן פונם דאָזיקן ענגן און שמוציקן לאָקאַל — ווו מ'איז פונקט אַזוי ענג צונויפגעפּרעסט, ווי אין זיכער-גרובן (אָבער ווען וועט אייגפאַלן צו מאַכן דעם פאַרגלייך?).

— איר ווייסט — זאָגט פּעפּין — די חברה-לייט פון דער פּ-טער האָבן געהאַט אַן אָנרייס! עפּעס אַן אַלטעטשקע האָט זיי גע-געבן סטאַנציע איינגאַנצן בחנם, ווייל איר אַלטער, וואָס איז שוין

פופציק יאָר אין זיין רו, איז אויך אין זיין צייט געווען אַ וואָלטיזשער. זי האָט זיי, דאַכט זיך, אפילו געגעבן, בחנם, אַ רינדערנעם רוקן, וואָס זיי האָבן שוין צעהאַקט און איינגעפעפערט.

— אומעטום זיינען דאָ גוטע מענטשן. אָבער די חברה פון ביינטן האָבן געהאַט אַ בייז מזל פונקט אַזוי אַריינצופאַלן אין פינטל — פון גאַנצן דאָרף — — גראָד דאָרט, ווו ס'וויינען גוטע מענטשן!

פאַלמיר ברענגט די קאַווע, וואָס ס'קומט אונדז צו געבן. זי לעבט זיך איין מיט אונדז, הערט זיך צו צו אונדזער געשפּרעך און שטעלט אונדז אַפילו פראַגן אין אַ הויכמוטיקן טאָן:

— פאַרוואָס רופט איר דעם אַדיוטאַנט: דער זאַפּטיקער?

באַרק ענטפערט האַלב-איראָניש:

— פון תמיד אָן איז עס אַזוי.

ווען מ'איז אַוועק, זאָגט מען מבינות אויף דער קאַווע:

— רעדסט נאָך וועגן דער דורכזיכטיקייט! מ'זעט ממש דעם צוקער שפּאַצירן אויפן גרונט פון גלאָז.

— דאָס פאַרקויפט זי צו צען סו.

— פילטרירט וואַסער איז עס.

די טיר לענט זיך אויף און לאָזט אַריין אַ ווייסן ליכט-פּאַס; אַ פנימל פון אַ בלייך יונגל באַווייזט זיך דאָרט. מ'רופט אים צו, ווי אַ קליין קעצל, און מ'גיט אים אַ שטיקל שאָקאָלאַד.

— איך הייס שאַרלאָ — פּלאַפּלט דאָס קינד. מיר וווינען אַנטקעגנאיבער. באַ אונדז איז אויך דאָ זעלנער. שטענדיק איז דאָ באַ אונדז. מ'פאַרקויפט זיי אַלץ, וואָס זיי ווילן. טיילמאָל אָבער זיינען זיי שיכּור.

— זאָג נאָר, קליינער, קום נאָר אַהער — זאָגט קאָקאָן און נעמט דעם קליינעם צווישן די קניען. — הער נאָר גוט: אמת, דייַן טאַטע זאָגט: „די מלחמה זאָל נאָר לאַנג דויערן", העין?

— אַוודאי — ענטפערט דאָס קינד און שאָקלט מיטן קאָפּ —

ווייל מ׳עט רייך ווערן. ער האָט ג׳זאָגט, אַז כּוף מאַי וועט ער האָבן פאַרדינט פופציק טויזנט פראַנק.

— פופציק טויזנט פראַנק! ס׳איז נישט אמת!

— יאָ, יאָ! — טופּעט דער קלײנער. — ער האָט אַזוי געזאָגט דער מאַמען. דער טאַטע וואָלט געוואָלט ס׳זאָל שטענדיק זיין אַזוי. די מאַמע אָבער, טײלמאָל, ווייסט אַליין נישט, ווייל מיין ברודער אַדאָלף איז אויפן פראָנט. אָבער מיר וועלן שוין מאַכן ער זאָל זיין אויפן טיל, און דאַמאָלס קאָן די מלחמה שוין ווייטער זיין.

הויכע געשרייען, וואָס טראָגן זיך פון דער וווינונג פון אונדזערע בעלי־בתּים, רייסן איבער דעם קלײנעמס רייד. דער באַוועגלעכער ביקעט גייט געוויר ווערן.

— ס׳איז גאָרנישט — זאָגט ער, ווען ער קומט צוריק. — דער אַלטער וואַשט זיך צו זיין ווייבעליעכע, ווייל זי טויג צו גאָרנישט, זאָגט ער. בכן, זי גיסט אַריין דעם זענפט אין אַ ווײן־גלעזל, און אַזוינס, זאָגט ער, איז נאָך נישט דערהערט געוואָרן.

מ׳שטייט אויף פון טיש און מען פאַרלאָזט אונדזער קעלער־לאָך, ווו ס׳טראָגט זיך אַ שווערער ריח פון פייקעס, ווײן און קאַווע. ווי נאָר מיר טרעטן אַריבער די שוועל, טוט אונדז אַ שמייס אין פּנים אַ געדיכטע היץ, דורכגעזאַפּט מיט אַ שמאַלץ־געשמאַק, וואָס טראָגט זיך פון קיך, יעדעס מאָל, ווען מ׳עפנט דאָרט די טיר.

מיר גייען פאַרביי צווישן מחנות פליגן, וואָס באַקלעבן די ווענט, ווי שוואַרצע שיכטן, און צעלאָזן זיך אין דער לופטן מיט אַ זשומען, ווען מיר קומען צו.

— ס׳וועט זיין אַזוי, ווי פאַראַיאָרן!... פון דרויסן פליגן און אינעווייניק לייז...

— און מ׳קראָבן נאָך מער אינעווייניק.

אין אַ ווינקל פון דאָזיקן שמוציקן קלײנעם הייזל, וואָס איז

פאַרשאָטן מיט אַלטוואַרג, מיט שטויביקע רעשטלעך פון פאַרגאַנגענע צייטן, פול מיט אַש נאָך לאַנג-שוין אויסגעלאָשענע זונען, צווישן מעל און בעל-הבתישקייט, קריכט עפּעס. אַ לעבעדיק באַשעפעניש: אַן אַלט מענטשל, מיט אַ לאַנגן אָפּגעשיילטן האַלדז — אָפּגעהיבלעוועט און רויטלעך, וואָס דערמאָנט אָן האַלדז פון אַן עוף מיט אויסגעקראָכענע פעדערן פון עפּעס אַ קראַנקהייט. זיין פּראָפיל האָט טאַקע אין זיך עפּעס הינעשעס: אַ לאַנגע נאָז און אָן אַ גאָמבע; זיינע איינגעפאַלענע באַקן זיינען אויסגעבעט מיט גרויע האָר-קישעלעך און אַ פּאָר דיקע, רונדיקע און האָריקע אויגנלעדלעך עפענען זיך און מאַכן זיך צו, אַזוי ווי דעקלעך, איבערן אָפּגעבליאַקעוועטן גלאָז פון זיינע אויגן.

באַרק האָט אים שוין באַטראַכט:

— טו נאָר אַ קוק: ער זוכט אַן אוצר. ער זאָגט, אַז ס'איז דאָ ערגעץ אַן אוצר אין דער דאָזיקער נהלה, ווו ער איז דער שומר. וואַרט, אומגערעכט וועסטו אים זען קריכן אויף אַלע פיר, און ער וועט פּיקן זיין שטיקל קעז און צעשאַרן עס אין אַלע ווינקעלעך: נאַ, טו אַ קוק.

דער אַלטער האָט מיטן שטעקן עפּעס געטאַפּט און געזוכט. ער האָט געקלאַפּט אונטן באַ די ווענט און איבער די קאַכלעס פון דער פּאָדלאָגע. דערביי איז ער געוואָרן געשטופּט און געשטויסן פון די פאַרבייגייענדיקע הויז-איינוווינער, דורך סתם געקומענע, דורך פּאַלמירס בעזעם. זי האָט אים געלאָזט געמאַכט און געטראַכט אוודאי בשעת מעשה, אַז אויסניצן דאָס אַלגעמיינע אומגליק, איז באַשטימט אַ בעסערער אוצר, איידער דאָרט די אומזיכערע שקאַטולן.

צוויי אַלטע ווייבער זיינען געשטאַנען אין פענסטער און זיך פאַרטרוילעך שטיל געסודעט לעבן אַן אַלטע מאַפּע פון רוסלאַנד, באַלייגט מיט פליגן.

— יאָ, אָבער מיטן ווײַן — שושקעט אײַנע — מוז מען שטאַרק פאָרזיכטיק זײַן. אויב איר האָט נישט קײן לײַכטע האַנט, וועט זיך אײַך נישט אויסמעסטן קײן זעכצען גלעזער פון אַ פלאַש, און איר האָט אַ קאַרגן ריוח. כ׳מײן נישט, אַז מען דערלײַגט דערצו פון דער אײגענער קעשענע, אָבער קײן ריוח וועט נישט בלײַבן. כּדי ס׳זאָל דערצו נישט קומען, וואָלטן די פאַרקויפער זיך געדאַרפט פאַרשטענדיקן צווישן זיך, דאָס איז אָבער אַ שווער שטיקל אַרבעט, כאָטש ס׳וואָלט אַלעמען גענוצט!

אין דרויסן סמאַליעט די זון און עס ראַיעט פון פליגן. נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק איז כמעט גאָרנישט געווען; אַצינד האָבן זײ זיך אַזוי פאַרמערט, אַז אין יעדן ווינקל הערט מען דאָס זשו־מען פון די קלײנע אומצעליקע מאַטאָרן. איך גײ אַרויס צוזאַמען מיט לאַמיזן. מען גײט אַזוי אַ ביסל. הײַנט איז אַ פולשטענדיקער רו־טאָג, צוליב דעם מאַרש פון דער גאַנצער נאַכט. מען וואָלט געקענט גײן שלאָפן, אָבער מיר ווילן בעסער געניסן פון דער פרײַער צײַט און שפּאַצירן אויף דער פרײַ: מאָרגן שפּאַנט מען אונדז ווידער אײַן אין איבונגען און אין דינסט־אַרבעט...

עס זײַנען נאָך דאָ אומגליקלעכערע פון אונדז, וואָס שוין הײַנט מוזן זײ שווער אַרבעטן.

לאַמיז זאָגט קאָרוויסאַרטן, ער זאָל מיט אונדז מיטגײן. דער לעצטער אָבער פאַרדרײט זײַן קײַלעכדיקע נאָז, וואָס זיצט אים, ווי אַ קאָרק, אין דער ברײט פון זײַן לענגלעכן פּנים.

— כ׳קען נישט. כ׳שטײ הײַנט מיטן טײטל!

דערווײַל ווײַזט ער אונדז אויפן בעזעם מיט דער לאָפּעטע, מיט וועלכע ער דערפילט, לענגאויס די ווענט אין דער אומגעזוני־טער לופט, זײַן אַמט פון אויסקערער און מיסט־רײניקער.

מיר גײען מיט פולע טריט. דער נאָכמיטאָג ליגט שווער איבערן פאַרשלאָפענעם פעלד און דריקט אונדזערע מאָגנס, וואָס

זיינען פול אָנגעשטאָפּט מיט נאַרונג. זעלטן ווען רעדט מען אַרויס אַ וואָרט.

נישט ווייט הערט מען עפּעס געשרייען: באַרק רייסט זיך אַרום מיט אַ מענאַזשעריע ווייבער... צו די סצענע קוקט זיך צו עפּעס אַ בלייך מיידל, מיט פלאַקסענע האָר, פאַרקעמטע אויף הינטן און פאַרענדיקט מיט אַ צעפּל, ווי אַ פּענדזעל, און מיט היץ-קרײַצלעך אַרום מויל. ס׳קוקן זיך צו צו דער דאָזיקער סצענע אויך אַ פּאָר ווייבער, וואָס זיצן פאַר דער טיר אַ ביסל אין שאָטן און פּאָרען זיך אַרום עפּעס אַ לאַנגווייליקער וועש-אַרבעט.

זעקס מאַן גייען פאַרביי מיט אַן אונטעראָפיציר פון פּאָרנט. זיי זיינען באַלאָדנט מיט פּעק נייע מאַנטלען און שוכוואַרג.

לאַמיז באַטראַכט זיינע צעקרימטע, צעפליקטע שיך:

— נישט אַנדערש, כ׳מוז האָבן אַ פּאָר נייע שיפלעך. בקרוב וועט מען מיר די קאָפּעטעס אָדורכזען... כ׳וועל דאָך נישט גיין באָרוועס, וואָס?

אַן אַעראָפּלאַן שנאָרכט. מ׳קוקט אים נאָך, מיטן פּנים אַרויף, דעם האַלדז פאַרריסן, מיט אויגן פאַרלאָפענע מיט טרערן, צוליבן בלענדנדיקן זון-ליכט. ווען מיר לאָזן צוריק אַראָפּ די קעפּ, דער-קלערט מיר לאַמיז:

— די דאָזיקע מאַשינען וועלן קיינמאָל נישט זיין פּראַקטיש, קיינמאָל.

— ווי קענסטו גאָר אַזעלכעס זאָגן! ס׳האָט דאָך געמאַכט אַזאַ פאָרשריט אין אַזאַ קורצער צייט...

— אמת, אָבער ווייטער גייט עס נישט. כ׳וועט שוין קיינ-מאָל נישט זיין בעסער, קיינמאָל נישט.

דאָס מאָל שפּאַר איך מיך נישט קעגן דעם דאָזיקן האַרטן ווידערשטאַנד, וואָס די טעמפּקייט שטעלט, ווען ס׳לאָזט זיך נאָך, אַנטקעגן די צוזאָגן פון פּאָרשריט. כ׳לאָז מיין דיקן חבר באַ זיין

פאַרעקשנטער איינבילדונג, אַז די אויסערגעוויינטלעכע אָנשטרענגונג פון דער וויסנשאַפט און דער אינדוסטריע איז פּלוצלינג דאָ שטיין געבליבן.

איינמאָל מיר אָנגעהויבן אַרויסגעבן זיינע פאַרבאָרגענע געדאַנקען, טוט ער דאָס ווייטער, רוקט זיך צו גאַנץ צו מיר און זאָגט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ:

— ווייסט, אַז איידאָקסיע איז דאָ דאָ?

— טאַקע! — זאָג איך.

— יאָ, מיין ליבער. דו וועסט קיינמאָל גאָרנישט, דו, כ'האָב זי באַמערקט (און לאָמיר שמייכלט צו מיר גוטמוטיק). אַלזאָ, הערסטו: אויב זי איז געקומען, איז עס דאָך, ווייל עס אינטערעסירט זי עפּעס. וואָס — נישט? זי איז אונדז נאָכגעגאַנגען צוליב איינעם פון אונדז, אָן אַ ספק.

ווייטער זאָגט ער:

— גוטער ברודער, ווילסט כ'זאָל דיר עפּעס דערציילן? צוליב מיר איז זי אַהערגעקומען.

— פּעטערשי, ביסט זיכער?

— יאָ — לאָזט טעמפּ אַרויס דער מענטש-אָקס, — ראשית, געפעלט זי מיר. אויסער דעם, גוטער ברודער, שוין צוויי מאָל קומט זי מיר אין פּנים אַריין, אָבער גלייך אין פּנים, אַזוי ווי כ'גיי פאַרביי, פאַרשטייסטו מיך? וועסט מיר אפשר זאָגן, זי איז אַנטלאָפן; דאָס איז ווייל זי איז שעמעוודיק, און נאָך ווי...

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן גאַס און מיר געקוקט גלייך אין פּנים אַריין. זיין דיק פּנים, מיט דער פעט-גלאַנציקער נאָז און באַקן, איז געווען ערנסט. מיט זיין גראָבער רונדיקער האַנט האָט ער געגלעט זיין טונקל-געלע וואָנסע און זאָרגפעלטיק פאַרדרייט זי, נאָכדעם האָט ער מיר ווייטער אַנטפּלעקט זיין האַרץ:

כ'גיי אויס נאָך איר און, ווייסט, כ'וואָלט אפילו מיט איר חתונה

עהאַט. זי הייסט דאָקסיע אידימאַל. פריער האָב איך נישט געמיינט מיט איר חתונה צו האָבן. נאָר פון דער צייט אָן, ווי כ'ווייס איר פאַמיליען-נאָמען, קומט עס מיר גאָר אַנדערש פאָר, און כ'באַשטיי דערויף. אַ, איז זי שיין, דער טייוול זאָל עס נעמען, איז זי שיין! און נישט אַזוי ווייט, ווייל ז'איז שיין... אַ!...

דער גראָבער בחור איז צעגאַנגען פון סענטימענטאַליטעט און פון גערירטקייט, און דאָס אַלץ האָט ער מיר געוואָלט אויסדריקן אין ווערטער.

— הערסט, גוטצה ברודער!... טיילמאָל דאַרף מען מיך מיט אייזערנע צוואַנגען איינהאַלטן — האָט ער טעמפּ אַרויסגעזעצט, ווי מיט אַ האַמער. דאָס בלוט האָט אים אַ שאָס געטון אין נאַקן אַריין און פאַרגאָסן די באַקן — זי איז אַזוי שיין, זי איז... אַזוי שיין, זי איז... שיין און איך, איך בין... זי איז עפּעס אַזאַ אַנדערע — האָסט באַמערקט אַוודאי, האָסט דאָך ליב אַלץ צו באַמערקן. — זי איז אַ דאָרפס-מיידל, יאָ, אָבער, זי האָט עפּעס אין זיך אַ... כ'ווייס אַליין נישט וואָס, וואָס גייט נאָך איבער אַ פאַריזערין, איבער אַ פאַריזערין. שיק אָנגעטון, וואָס, ניין? זי... אַך, אַך..

ער האָט איינגעצויגן זיינע רויטלעכע ברעמען. ער וואָלט געוואָלט מיר אויסמאָלן די פּרעכטיקייט פון דעם, וואָס ער פילט. ער איז אָבער נישט באַוועסן די קונסט פון אויסדריקן זיך, און איז פאַרשוויגן געוואָרן. ער איז געבליבן איינזאַם מיט זיין שטימער עמאָציע, איינזאַם קעגן זיין אייגענעם ווילן.

... מיר זיינען געגאַנגען ווייטער איינער לעבן אַנדערן לענגאויס די הייזער. מ'האָט געזען זיך אויסשטעלן אין אַ רייע פאַר די טירן וועגעלעך, באַלאָדענע מיט פעסלעך. אין די פענסטער, וואָס גייען אין גאַס אַריין, זיינען געשטאַנען פילפאַרביקע שורות פון קאָנסערוון-שאַכטלעך, בינטלעך ציינד-קנויטן, פון אַלעם, וואָס דער זעלנער איז געצווינגען צו קויפן. כמעט אַלע פּויערים זיינען גע-

וואָרן קאָלאָניאַל־הענדלער. ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז דער האַנדל אין דאָרף האָט זיך איינגעשטעלט; אַצינד אָבער בליט ער. יעדער איז געוואָרן אַ קרעמער, מיטגעריסן דורכן פיבער פון צאָלן, פאַרבלענדט דורך די גרויסע רווחים.

די גלאָקן האָבן אָנגעהויבן קלינגען. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ טרויער־צוג. ס׳איז געווען אַ לוויה פון אַ זעלנער. אויף אַ מיליטערישן הייוואָגן, געפירט דורך אַן אָבאָז־זעלנער, איז געלעגן אַ מתים־אָרון איינגעוויקלט אין אַ טריקאָלאָר־פאָן. ס׳זיינען נאָכגעגאַנגען אַ קופּקעלע זעלנער, אַן אַדיוטאַנט, אַ גייסטלעכער און אַ ציוויליסט.

— אַ טרויעריק לוויהלע מיט אַן אָפּגעשניטענעם עק! — זאָגט לאַמיז.

— דער לאַזאַרעט איז נישט ווייט פון דאַנען — מורמלט ער — און ס׳ווערט ליידיקער וואָס אַמאָל! אַ! די וואָס זיינען געשטאָרבן, זיינען גליקלעך. טיילמאָל בלויז, נישט שטענדיק... אַזוי, אַזוי!

מירזיינען פאַרבייגעגאַנגען די לעצטע הייזער. אין פעלד, הינטערן דאָרף, שטייט דער אָבאָז פון פאָלק און דער אַרטילעריעאָבאָז; די פעלד־קיכן מיט די וועגן, וואָס פאָרן זיי נאָך פון הינטן מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג פון מכשירים, די וועגן פון רויטן־קרייץ, די געפעק־וועגן, די פּראָוויאַנט־וועגן, די בריטשקע פון וואַכמייסטער.

אַרום דעם וואָגן־פּאַרק איז פול מיט פּאַלאַטקעס פאַר די קאָנדוקטאָרן און וואַכן. ווי־נישט־ווו שטייען פערד אויף דער בלויזער ערד און קוקן אין הימל־לאָך אַריין מיט זייערע גלעזערנע אויגן. פיר זעלנער פאַרזעצן פיס אויף אַ טיש. די קוזשניע אויפן פרייען פעלד רויכערט. די דאָזיקע זעלטענע און רוישיקע שטאָט אין מיטן צעאַקערטן פעלד, ווו די פּאַראַלעלע און קווערע ריידער־צייכנס מאַרקירן זיך אין דער היץ, איז שוין באַפרענזלט מיט מיסט פון אָפּפאַלעכצן.

באַם ראַנד פון לאַגער שטייט אַ גרויסער וואָגן אָפּגעפּאַרט אויף

ווייס, וואָס טיילט זיך אויס פון אַלע איבעריקע דורך זיין זויבערקייט און ריינקייט. ס'זעט אויס, ווי אויף אַ יאַריד — עפּעס אַ בעסערע בודע, ווו דער איינטריט קאָסט טייערער, ווי אין אַלע אַנדערע.

דאָס איז דער באַרימטער סטאָמאָטאָלאָגישער וואָגן, וועלכן בלער דאַרף אַזוי נייטיק.

בלער שטייט טאַקע דאָרט און באַטראַכט אים. ווארשיינלעך דרייט ער זיך אַרום אים שוין אַ לאַנגע צייט און לאָזט קיין אויג פון אים נישט אַראָפּ. דער דיוויזיע-סאַניטאַר סאַמבורעמעז קומט גראָד צוריק פון דאָרף; ער שטייגט אַרויף אויף דער הענגל-טרעפּ פון גע־פּאַרבטן האָלץ, וואָס פירט צו דער טיר פון וואָגן. אונטערן אָרעם האַלט ער אַ גרויס שאַכטל ביסקוויטן, אַ קיכן און אַ פלאַש שאַמפּאַניער:

בלער רופט אים:

— דע, דו פעסיער, דאָס דאָזיקעביידל איז פון די דענטיסטן?

— ס'שטייט דאָך אויפגעשריבן — ענטפערט סאַמרעמעז, אַ דיק, ריינלעך, אָפּראַזירט מענטשל, מיט אַ ווייסער שטייפער גאָמבע. אויב דו זעסט עס נישט, דאַרפסטו נישט גיין צום דענטיסט צורעכט מאַכן די מיל-שטיינער, נאָר צום וועטערינאַר זיך לאָזן אויספוצן די אויגן.

בלער איז נעענטער צוגעגאַנגען, און באַטראַכט די אינעווייניקסטע איינריכטונג.

— אַ צאַצקע — זאָגט ער.

ער רוקט זיך נעענטער צו, רוקט זיך אָפּ און איז זיך מישב, צי זאָל ער דעם דאָזיקן וואָגן אָנפאַרטרויען זיינע קינבאַקן. ענד־לעך אַנטשליסט ער זיך, שטעלט אַרויף אַ פוס אויף די טרעפּ, און פאַרשווינדט אין וואָגן אַריין.

* *
*

מיר שפּאַצירן ווייטער... מען פאַרקערעוועט אויף אַ שטעגל, ווו די הויכע קושאַקעס פון ביידע זייטן זיינען באַדעקט מיט שטויב.

דאָס געריוש ווערט שטילער. די ליכטיקייט בלאַנקט אומעטום, היצט און באַקט די וועג-פאַרטיפונגג, שפרייט דאָרט אויס אירע בלענדנדיקע און גליענדיקע ווייסקייטן, און ציטערט אין דער לויטערער הימל-בלויקייט.

באַם ערשטן אומוועג דערהערן מיר אַ שוואַכן סקריפּ פון לייכטע טריט, און באַלד באַגעגענען מיר זיך פנים-צו-פנים מיט איידאַקסיען!

לאַמיז לאָזט אַרויס אַ טעמפּן אויסגעשריי. אפשר גלייבט ער אַמאָל, אַז זי האָט אים געזוכט, זעט אין דעם אַ מתנה פון הימל...

ער גייט צו איר מיט זיין גאַנצער געוויכטיקער מאַסע.

זי קוקט אויף אים, בלייבט שטיין, באַקראַנצט מיט ווילדע רויזן. איר אויסטערליש מאָגער און בלייך פנים ווערט אומרויִק אירע איינגעלעדלעך ציטערן איבער אירע פּרעכטיקע אויגן. איר קאָפּ איז אָפּגעדעקט; איר לייוונטענער גאָרסעט איז אויסגעשניטן באַם האַלדז און אַנטפּלעקט איר ראָזלעך לייב. אַזוי פון דער גאַנץ, איז זי באמת רייצנדיק, די דאָזיקע גאָלד-באַקראַנצטע פרוי, אָפּגעגאָסן מיט זונליכט. די לבנה-ווייסקייט פון איר הויט רעגט און איבעראַשט דעם בליק. אירע אויגן פינקלען; אויך אירע ציין שימערן אין דער לעבעדיקער ווונד פון איר האַלב-אָפענעם מויל, רויט ווי האַרץ-בלוט.

— איך... הערט איר... כ'וויל אייך זאָגן — סאָפּעט לאַמיז. — איר געפעלט מיר אַזוי שטאַרק...

ער שטרעקט אויס זיין אָרעם צו דער טייערער אומבאַוועגלעכער דערשיינונג.

זי טוט אַ שפּרונג אָפּ און ענטפערט אים:

— לאָזט מיך געמאַכט, איר עקלט מיך!

זיין פעטע האַנט וואַרפט זיך אויף איינע פון די קליינע הענטלעך. זי וויל זיך צוריקציִען, און רייסט זיך מיט אַלע כוחות, כדי

זיך צו באַפרייען. אירע גאָלד־בלאָנדע האָר צעלאָזן זיך און ווייען, ווי פלאַמען. ער ציט זי צו זיך. ער שטרעקט אויס זיין האַלדז, און זיינע ליפּן רייסן זיך צו איר. ער וויל זי קושן. מיט זיין גאַנצער קראַפט, מיט זיין גאַנצן וועזן וויל ער עס. ער וועט שטאַרבן, אַבי זי אָנויירן מיטן מויל.

אָבער זי ווערט זיך, און לאָזט אַרויס אַ פאַרשטיקט געשריי; איר האַלדז צוקט, איר שיין פנים ווערט העסלעך פון שנאה.

איך דערנענטער מיך און לייג אַרויף מיין האַנט אויפן אַקסל פון מיין חבר, אָבער מיין אַריינמישן זיך איז איבעריק: ער טרעט אָפּ און מורמלט אַ באַזיגטער.

— זענט איר נישט קראַנק אַמאָל! — שרייט צו אים איידאָקסיע.

— ניין!... — קרעכצט דער אומגליקלעכער, צעטומלט, דער־דריקט, אַנטוישט.

— איר זאָלט נישט וואַגן, איר הערט! — זאָגט זי.

און זי גייט אַוועק, פאַרקייכט אינגאַנצן. און ער זעט אפילו נישט, אַז זי גייט אַוועק: ער בלייבט שטיין מיט אַראָפּגעהאָנגענע הענט, מיט אַן אָפן מויל פאַרן אָרט, וווּ זי איז געשטאַנען; דורך איר אויפגעוועקט, פייניקט אים זיין לייב, און ער בלייבט אָן לשון.

איך שלעפּ אים מיט. ער גייט מיר נאָך שטום, צערודערט, טאַפּנדיק פאַרמאַטערט, ווי ער וואָלט אַ לאַנגע צייט געשלאָפן.

ער לאָזט אַראָפּ זיין אומגעהייערן קאָפּ. אין דער אומדער־באַרמדיקער קלאָרקייט פון אייביקן פרילינג זעט ער אויס ווי אַן אָרימער ציקלאָפּ, וואָס האָט זיך אַרומגעשלעפּט אויף די אוראַלטע ברעגעס פון סיציליע, דערנידעריקט און באַצווינגען דורך דער לייכטנ־דיקער קראַפט פון אַ קינד, ווי אַ ריזן־שפּילעכל אין די אוראַלטע צייטן.

דער וואַנדערנדיקער וויין־הענדלער, אונטערשטופּנדיק זיין האַנטוועגעלע, באַלאָדנט מיט אַ בייכיקן פאַס, האָט פאַרקויפט אַ פּאָר

די וואַכן. ער האָט אַ געל-פּלאַטשיק פּנים, ווי אַ קאָמאָמבער-קעז, שיטערע, לייכטע האָר, צונויפגעדרייטע און שטויביקע צעפּלעך, און זעט אויס אַזוי מאָגער אין זיינע פלאַטערנדיקע הויזן, אז ס'דאַכט, די פיס זיינען מיט שטריקלעך צוגעבונדן צום קערפּער. באַם אויס-בייג פון וועג ווערט ער פאַרשווינדן.

די נישט באַשעפּטיקטע וואַך-זעלנער שטייען באַם עק דאָרף אונטער דעם פליגל פון בלעך-טאָוול, דעם דאָרף-שילדל, וואָס שאָקלט זיך און סקריפּעט. זיי פאַרפירן צווישן זיך אַ געשפּרעך וועגן דעם דאָזיקן וואַנדערנדיקן מאַנעקין.

— ער האָט אַן עקלהאַפטן פּרצוף — זאָגט ביגאַרנאָט. — און ווייסט וואָס נאָך, כ'וועל דיר זאָגן? מ'וואָלט נישט געדאַרפט לאָזן אַזוי פיל ציווילע זיך אַרומדרייען אויפן פראָנט, דערהויפּט אַזעלכע לצים, וואָס קומען פון דער גאַנצער וועלט.

— העדסט פון וועג, לייזעלע, — ענטפערט קאָקנעט.

— וואָס מישסטו דיך אַריין, פאַרשימלטע כאַלעווע — זאָגט ווייטער ביגראָנאָט. — מ'קען זיך קיינמאָל נישט אויסהיטן. מן-הסתם ווייס איך, וואָס כ'רעד, אַז כ'רעד.

— ווייסט — זאָגט קאָנאַרד — פעפער קריגט אורלויב

— די נקבות דאָ — מורמלט לאַ מאַלפּט — זיינען העסלעך, ס'גייט זיך אָן אַ ברעכן.

די איבעריקע וואַך-זעלנער קוקן אין דער הייך און באַטראַכטן צוויי פייגעלעכע פלי-מאַשינען, וואָס ווירבלען און מאַכן רעדער אין דער לופטן. אַרום די דאָזיקע קינסטלעכע און שטייפע פייגל, וואָס אָפּהענגיק פון די ליכט-שטראַלן, באַווייזן זיי זיך אין דער לופטן טיילמאָל שוואַרץ, ווי די ראָבן, טיילמאָל ווייס, ווי די מעווען — פּלאַצן אומצעליקע שאַפּנעלן, באַשפּריצן דעם בלויען

הימל און שווימען, ווי שניי פליטערלעך איבערן לויטערן פאָן.

*   *

*

מיר גייען צוריק. צוויי שפּאַצירנדיקע קומען אונדז אַנטקעגן. דאָס זיינען קאַראַסוס און שעזיע.

זיי דערציילן אונדז, אַז פּעפּער, דער קוכער, ווערט אָפּגע־שיקט צום טייל אין אַ לאַנדשטורם פּאָלק, אַ דאַנק דעם דאָל־ביעז-געזעץ.

— בלער ווערט האָבן ווו זיך אַריינצושטופּן — זאָגט קאַראַסוס, וואָס האָט אין מיטן פּנים אַ מאָדנע גרויסע נאָז, וואָס פּאַסט אים גאָרנישט.

אין דאָרף באַגעגענען מיר קופּקעלעך פּאַרבייגייענדיקע זעל־נער אָדער פּאָרלעך, וואָס שמועסן צווישן זיך. טייל קומען זיך צו־נויף, גייען זיך ווידער פונאַנדער, דערנאָך, כאַפּנדיק אַ שמועס, קומט מען זיך ווידער צונויף — ווי דורך אַ מאַגנעט: קעגנזייטיק אָפּגע־שטויסן און צוגעצויגן.

אַ צוזאַמענלויף: אין דערמיט פּאַליען זיך ווייסע פּאַפּיר-בלעטער עס איז אַ צייטונגס-פּאַרקויפער; צייטונגען פּאַר איין סו פּאַרקויפט ער צו צוויי סו. פּוזאַד בלייבט שטיין אין מיטן וועג, מאָגער ווי אַ האָזן-פּיסל. באַ אַ ווינקל פון אַ הויז באַווייזט זיך פּאַראַדיז, וואָס זיין פּנים גלאַנצט אויף דער זון, ווי שינקע.

צו אונדז קומט ביקעט אין אַרבעטס-אוניפאָרם: אַ קורץ רעקל און אַ קאַפּטער. ער לעקט זיך די ליפּן.

כ'האָב באַגעגנט חברה, האָט מען אַ זופּ געטון. מאָרגן, פאַר־שטייסטו מיך, מוז מען זיך ווידער קראַצן. ס'ביסל בגדים מוז מען ריין מאַכן און ס'שיסערל. בלויז מיין מאַנטל ברענגען אין אָרדנונג, אין — פאָלג מיך אַ גאַנג! ס'איז שוין קיין מאַנטל נישט מער, ס'איז עפּעס אַ מין אונטערשלאַק פון אַ פּאַנצער.

מאָנטרעאַל, וואָס אַרבעט אין קאָנצעלאַריע, קומט אָן פּלוצלינג און רופט ביקעטן:

— הײַ, שײַסער! אַ בריוו. שוין אַ שעה צײַט זוך איך דיך אַרום! קײנמאָל ביסטו נישטאָ, פליקער!

— כ'קען דאָך נישט זײַן אומעטום, שטיק פלײש! גיב אַהער.

ער באַטראַכט דעם בריוו, וועגט אים אין דער האַנט און זאָגט, אויפרײַסנדיק דעם קאָנווערט:

— פון מײַן אַלטער.

מ'גײט פּאַמעלעכער. ער לײענט, זיך טײַטלענדיק מיטן פינגער די שורות, שאָקלט צו מיטן קאָפּ, ווי איבערצײַגט, און מאַכט מיט די ליפּן, ווי באַם דאַווענען.

וואָס נענטער צום דאָרף, אַלץ מער מענטשן. מען סאַלוטירט דעם קאָמענדאַנט און דעם פעלד־פּרעדיקער. וואָס גײט אים באַ דער זײַט, ווי אַ שפּאַציר־דאַמע. פּיזשאָן געגאַן, דער יונגער עסקיטענער, קלאָדאָר שטעלן אונדז אָפּ, פרעגן עפּעס. לאַמיז איז טויב און בלינד, און קוים וואָס ער גײט.

ביזואַרק, שאַבריאָן, ראָקעט קומען אָן מיט אַ געפילדער, האָבן אַ וויכטיק נײַעס:

— ווײסט, פּעפּער גײט אויפן טיל.

— מאָדנע, ווי מענטשן נאַרן זיך! — זאָגט ביקעט, אויפהײבנדיק די נאָז פון בריוו. — די אַלטע קלערט איבער וועגן מיר!

ער ווײַזט מיר אַ שטעל פון זײַן מוטערס שרײַבן: „ווען וועסט דערהאַלטן מײַן בריוו — לײענט ער וואָרט באַ וואָרט — וועסטו ליגן אוודאי ערגעץ אין בלאָטע און פרירן, וועסט דיך קוועלן, וועסט גאָרנישט האָבן, מײַן אָרימער אײַזשען...“

ער לאַכט:

— שוין צען טעג, ווי זי האָט מיר דאָס געשריבן. זי ווײסט דאָך גאָרנישט, וואָס עס טוט זיך! מ'פרירט נישט, ווײַל ס'איז דאָך

אַ שיין וועטער פון היינט איינדערפרי אָן. מ׳איז נישט אומגליקלעך־ ווייל מ׳האָט אַ שטוב, ווו צו אַכלען. מ׳האָט געכאַפּט אַ ביסל צרות, אָבער אַצינד איז דאָך גוט.

מיר קומען צוריק אין דער הונט־שטאַל, ווו מיר זייגען די לאַקאַטאָרן, און מ׳פאַרטראַכט זיך וועגן לעצטן זאַץ. זיין רירנדיקע פּשטות מאַכט אויף מיר אַן איינדרוק און אַנטפּלעקט מיר אַ נשמה, גאַנצע מחנות נשמות, ווייל די זון האָט זיך באַוויזן, ווייל מ׳האָט דערפילט אַ שטראַל און עפּעס אַ שיין פון באַקוועמלעכקייט — עקזיסטירט שוין נישט מער דער ליידנפולער עבר און די שרעק־לעכע צוקונפט עקזיסטירט אויך נישט מער... „אַצינד איז דאָך גוט״, און אַלץ איז פאַרביי.

ביקעט זעצט זיך צום טיש, ווי אַ פּריץ, כדי צו שרייבן ענט־פער. ער שפּרייט אויס זאָרגפעלטיק און איז בודק דאָס פּאַפּיר, די טינט, די פעדער. דערנאָך צעציט ער רעגלמעסיק, מיט אַ שמייכל, זיין ייקע האַנטשריפט לעבנגויס דעם קליינעם פּאַפּיר־זייטל.

— וואָלסט געלאַכט — זאָגט ער צו מיר — ווען וואָלסט גע־ווּסט, וואָס כ׳שרייב דאָ מיין אַלטער.

ער לייענט איבער זיין בריוו, שפּילט זיך מיט אים און לאַכט צופרידן.

VI.

# געוווינהייטן

מיר זיצן אין אונטער-הויף.

די גרויסע הון, ווייס ווי אַ סמעטענע-קעז, זיצט אויף איי׳ער אין אַ קויש לעבן דער חזיר-שטאַל, אין וועלכן דער איינגעשלאָסענער לאָקאַטאָר נישטערט אין דער ערד. די שוואַרצע הון אָבער שפּאַצירט זיך אַרום. זי שטרעקט אויס און ציט איין, מיט הפסקות, איר עלאַסטישן האַלדז און שפּרייזט מיט ברייטע געמאָסטענע טריט. מען זעט איר פּראָפיל, ווי ס׳בלינצלט אַ גאָלד-פּליטערל, און איר קוואָקען, דאַכט זיך, קומט אַרויס פון אַ מעטאַלענער שפּרונג-פעדער. זי גייט שטראַלנדיק מיטן שוואַרצן, גלאַנציקן אָפּשיין פון אירע פעדערן, ווי די גלאַטע האָר פון אַ ציגיינערין, און באַם גיין, באַוועגט זי אַרום זיך די שלעפּ פון אירע הינדעלעך.

די דאָזיקע לייכטע, געלע קיילעכלעך, וועלכע דער אינסטינקט שטופּט און יאָגט צוזאַמען, לויפן איר נאָך מיט קורצע, שנעלע שפּרונג-טריט און פּיקן. די שלעפּע ווערט ערגעץ פאַרטשעפּעט: צוויי הינדלעך פון דער גאַנצער עדה בלייבן שטיין אומבאַוועגלעך און פאַרטראַכט און לייגן נישט קיין אַכט אויף דער מוטערס רופּנדיק קוואָקען.

— אַ שלעכטער סימן — זאָגט פּאַראַדיז. — אַ הינדל, וואָס איז פאַרטראַכט, איז קראַנק

און פּאַראַדיז נעמט אַראָפּ און לייגט ווידער איבער איין פּיס איבערן צווייטן.

אויף אַ באַנק אין אַ זייט ציט אויס וואָלפּאַט זייגע פיס, לאָזט אַרויס אַ לאַנגן געגעץ, וועלכן ער צעציט נאָך מיט אַ כּיוון, און נעמט ווידער זיך צוקוקן; ווייל, צווישן אַלע זעלנער, האָט ער שטאַרק ליב צו אָפּסערווירן עופות, ווי זיי איילן זיך אין משך פון זייער קורץ לעבן וואָס מער אַראָפּצושלינגען.

קוקט מען זיך אַזוי צו אַלע איינעם, צו דעם אַלטן אויסגע־קראָכענעם האָן, שוין שטאַרק אָפּגעניצטן, וואָס דורך די אויסגעצופּטע אונטער־פעדערן זעט זיך אַרויס די באַקעטע קאַטשוקענע פול־קע, וואָס איז ענלעך צו אַ טונקעלן געפּרעגלטן קאָטלעט. ער גייט צו צו דער ווייסער הון אויף די אייער, וואָס טיילמאָל דרייט זי אויס דעם קאָפּ מיט אַ טרוקענעם „ניין“, אַרויסלאָזנדיק דערביי אַן איינגעהאַלטן שנאָרכן, און טיילמאָל קוקט זי אים נאָך מיט די קליי־נע בלוי־עמאַלירטע ציפּערבלעטלעך פון אירע אויגן.

— אַ מחיה דאָ, — זאָגט באַרק.

— קוק נאָר אָן די קליינע קאַטשקעלעך — ענטפערט וואָל־פּאַט, — ווי זיי קייקלען זיך.

ס׳ציט פאַרביי אַ שורה יונגעטשקע קאַטשקעלעך — כּמעט נאָך אייער מיט פּיסלעך — און דער גרויסער קאָפּ שלעפּט נאָך זיך זייער שנעל דאָס נעבעכדיקע, הינקענדיקע קערפּערל אויפן האַלדז־שנירל. פון זיין ווינקל אַרויס קוקט זיי נאָך דער גרוי־סער הונט, מיט זיינע טיף־שוואַרצע, ערלעכע אויגן, וווּ די זון, וואָס פאַלט אויף אים פאַסנווייז, צינדט אָן אַ העל־רויט רעדל.

אויף יענער זייט פון דאָזיקן פויערישן הויף זעט מען, דורך אָן עפענונג אין דער נידעריקער וואַנט, אַן אויבס־גאָרטן. זיין גרי־נער פילץ, אַ פייכטער און געדיכטער, באַדעקט די ערד. דערלעבן אַ גרין לייזלעך באַצירט מיט בלומען, טייל ווייסע, ווי סטאַטועס, אַנדערע גלאַנצן ווי אַטלאַס און זייגען פילפאַרביק, ווי קראַוואַט־קניפּן. ווייטער אַ ביסל ציט זיך אַ לאַנקע, ווו דער שאָטן פון די

טאָפּאָלן שפּרייט אויס טונקל-גרינע און גאָלד-גרינע פּאסן. נאָך ווייטער — א הויף, פירעקעכדיק האָפּן-פּעלד, לעבן וועלכן ס'ציִען זיך אויף דער ערד שורות קרויט-בייטן. אין דער זוניקער לופט און אויף דער זוניקער ערד אַרבּעטן בינען אונטער אַ מוזיק, אַזוי ווי ס'פּאַרלאַנגט עס די פּאָעזיע, אויף די גריל זינגט — נישט ווי ס'זאָגט זיך אין די פּאַבּעלן — אָן באַשיידנקייט, און זי אַליין מאַכט פול דעם גאַנצן רוים.

פון שפּיץ פון אַ טאָפּאָל לאָזט זיך אַראָפּ אַ סראָקע האַלבּ-ווייס, האַלבּ-שוואַרץ, און ווירבּלט אין דער לופטן, ווי אַ שטיק האַלבּ-פּאַרברענט צייטונגס-פּאַפּיר:

די זעלנער צעלייגן זיך געמיטלעך אויף אַ שטיין-באַנק, די אויגן האַלבּ-געשלאָסן, און גיבּן זיך איבּער דעם זון-ליכט, וואָס דערהיצט די לופט פון דאָזיקן געראַומען הויף, ווי אין אַ שוויק-באָד.

— אָט זיצן מיר שוין דאָ דעם זיבּעטען טאָג! און מ'האָט געמיינט, היינט-מאָרגן גייען מיר!

— מ'קען נישט וויסן! — זאָגט פּאַראַדיז, און שאָקלט צו מיטן קאָפּ, און קנאַקט מיט דער צונג.

דורך אַן אָפן טירל זעט מען אויפן וועג שפּאַצירן קופּקעלעך זעלנער, מיט דער נאָז אין דער לופטן, זיך אָנזעטנדיק מיט זון; איינער אַליין, אין מיטן גאַס, וויגט זיך טעלעריר מיט זיין צייטיקן בויך, וועמענס בעל-הבית ער איז; ער שלעפּט זיך אויף זיינע פיס, וואָס זיינען אויסגעבויגן, ווי צוויי קלאַמערן, און שפּייט אַרום זיך בריוות און אַ סך.

— מ'האָט געמיינט, מ'עט דאָ זיין פּונקט אַזוי אויף צרות, ווי אין אַנדערע לאַגערן. דאָסמאָל איז עס אָבּער די אמתדיקע מנוחה, סיי לויט דער צייט, וואָס מ'ר האַלטן זיך שוין דאָ אויף און סיי לויטן אָרט גופא.

— נישטאָ קיין צופיל איבונגען, אויך נישט קיין איבעריקע אַרבעט.

— און אין דער איבעריקער צייט קענסטו זיך דאָ אויסרוען.

דער אַלטער פּאַרשוין, וואָס ליגט אַן עק באַנק, און וועל־כער איז נישט עמעץ אַנדערש, ווי דער זיידע מיטן אוצר, וואָס מ׳האָט אים באַמערקט באַלד דעם ערשטן טאָג באַם אָנקומען — רוקט זיך צו און הייבט אויף דעם פינגער.

— ווען כ׳בין יונג געווען, האָב איך געהאַט אַן אָנזען בא פרויען — באַשטעטיקט ער מיטן גרויסן פינגער. אַ נישקשהדיק ביסל מיידלעך דורכגעלופּטערט!

— אַזוי! — זאָגן מיר צעשטרייט, ווייל אונדזער אויפמערק־זאַמקייט ווערט אָפּגעצויגן פון דעם אַלטנס פּלאַפּלעריי, דורך דעם אינטערעסאַנטן געראויש פון אַ וואָגן, וואָס האָט זיך שווער־באַלאָדנט פאַרבייגעשלעפּט.

— אַצינד — זאָגט ווייטער דער אַלטער — קלער איך בלויז וועגן געלט.

— אהאַ, דאָס איז, זיידעשי, דער אוצר, וועלכן איר זוכט.

— אוודאי — זאָגט דער אַלטער פויער.

ער האָט דערפילט דעם אומצוטרוי אַרום זיך.

טוט ער זיך אַ קלאַפּ אין ביי‌ניקן שאַרבן אַריין מיטן ציי־פינגער און טייטלט מיט אים אין דער ריכטונג פון הויז.

— קוקט אַן דאָס באַשעפעניש — זאָגט ער, אָנווייזנדיק אויף אַ שוואַרץ ווערמל, וואָס איז געלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע — וואָס זאָגט עס? עס זאָגט: — כ׳בין די שפּין, וואָס שפּינט דעם פאָדעם פון דער הייליקער יונג־פרוי.

און דער אַלטיטשקער האָט צוגעגעבן:

— כ׳ען דאַרף קיינמאָל נישט אורטיילן דאָס, וואָס מען טוט, ווייל מ׳קען נישט וויסן, וואָס ס׳וועט דערפון אַרויסקומען.

— אמת — ענטפערט העפלעך פּאַראַדיז.

— ער איז קאָמיש — זופּט מעגיל אַנ־רע אַרויס צווישן די־ציין, זוכנדיק דערביי זיין טאַשן-שפּיגעלע, כדי זיך צו באַטראַכטן, ווי שענער ער זעט אויס באַם שייגעם וועטער.

— ער איז משוגע — מורמלט באַרק, זעלבסטצופרידן.

— מ׳עט גיין — זאָגט דער אַלטער, וואָס פילט זיך נישט גוט און קען נישט מער איינזיצן.

ער איז אויפגעשטאַנען, כדי ווידער צו גיין זוכן זיין אוצר. ער איז אַריין אין הויז, אָן וועלכן מיר האָבן זיך אָנגעלעגט מיטן רוקן. די טיר איז געבליבן אַ ביסל אָפן, און מען האָט באַמערקט אין שטוב לעבן דעם ריזיקן קאַמין אַ קליין מיידעלע, וואָס האָט זיך אַזוי ערנסט געשפּילט מיט אַ ליאַלקע, אַז וואָלפּאַט האָט זיך דעריבער פאַרטראַכט און געזאָגט:

— זי האָט רעכט.

אַ קינדער-שפּיל איז גאָר אַן ערנסטע באַשעפטיקונג. בלויז די דערוואַקסענע שפּילן זיך.

נאָכדעם, ווי מען האָט שוין געזען פאַרבייגיין די שפּאַציר-גייער און די בהמות, קוקט מען סתם, ווי די צייט גייט אַוועק, מען קוקט אויף אַלץ.

מען זעט דאָס לעבן פון זאַכן, מיר ווינען-באַ דאָס לעבן פון דער נאַטור, ווי עס איז אויסגעמישט מיטן הימל, מיטן קלימאַט, באַפאַרבט דורך די יאָרצייטן. מיר זיינען צוגעבונדן צום דאָזיקן שטיקל לאַנד, וווּ דער צופאַל האָט אונדז פאַרוואָרפן. אין משך פון אונדזער איי־יקן וואַנדערן, זיינען מיר דאָ לענגער ווי אומעטום און רויקער, און די דאָזיקע דערנענטערונג מאַכט אונדז עמפּינדלעך פאַר איר קלענסטער אייגנשאַפט. שוין איז סעפּטעמבער — דער צוזאַמגאַנג פון אויגוסט און ערב אָקטאָבער — און דעריבער איז ער דער רירנדיקסטער חודש. אין זיינע זוניקע טעג צעשפּריי־

ער שוין צאַרטע, לייכטע אָנזאָגן. שוין פילט מען מיט די טויטע, פאַרוועלקטע בלעטער, וואָס שפּריגען אויף די פלאַכע שטיינער, די ווראָבלעס.

...באמת טאַקע, מיר האָבן זיך איינגעלעבט, צוגעוווינט צום דאָזיקן שטיקל לאַנד. אַזוי פיל מאָל איבערגעפלאַנצט, האָבן מיר זיך דאָ איינגעפלאַנצט, איינגעוואַקסן, און מיר גלייבן נישט נאָר אין שיידן זיך, אין אַוועקגיין, אַפילו ווען מיר רעדן דערפון.

— די עלפטע דיוויזיע איז דאָך אויך געבליבן אַנדערט־האַלבן חדשים אויף אָפּרו — זאָגט וואָלפּאַט.

— און דער 375־טער ניין וואָכן! — זאָגט באַרק פעסט בײַ זיך.

— איך מיין, אַז ווינציקסטנס, וועלן מיר אויך דאָ אַזוי לאַנג זיין, ווינציקסטנס, זאָג איך.

— אפשר וועלן מיר דאָ זיין ביזן סוף מלחמה...

באַרק ווערט גערירט און גלייבט עס שוין כמעט:

— סוף־כל־סוף מוז זי זיך דאָך אַמאָל ענדיקן, וואָס נישט?

— סוף־כל־סוף!... — זאָגן נאָך די אַנדערע.

— באַשטימט, מ'קען קיינמאָל נישט וויסן — זאָגט פּאַראַדיז.

ער זאָגט דאָס נישט־זיכער, אָן גרויסער איבערצייגונג. פונדעסטוועגן איז עס אַ מיינונג, קעגן וועלכער מען קען גאָרנישט האָבן. מען חזרט זי איבער שטילערהייט, מען פאַרוויגט זיך מיט איר, ווי מיט אַן אַלט לידל.

*

*

מיט אַ ווײַלע צוריק איז פּאַרפּאַדעט צו אונדז צוגעקומען. ער האָט זיך לעבן אונדז אַוועקגעשטעלט, אַ ביסל פונדערווייטנס, דערנאָך זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן איבערגעדרייטן עמער, אונטערשפּאַרנדיק די גאָמבע מיט די פויסטן.

דער דאָ איז אַ סך גליקלעכער פאַר אונדז, מען ווייסט עס

גאַנץ גוט, אויך ער ווייסט עס. אויפהייבנ יך דעם קאָפּ. האָט ער פּטור נאָכגעקוקט, מיטן זעלבן ווייטן בליק, צוערשט דעם אַלטן, וואָס איז געגאַנגען זוכן זיין אוצר, דערנאָך אונדז, ווי מיר רעדן, אַז מען וועט מיר פון דאַנען נישט אַוועקגיין! איבער אונדזער צאַרטן און סענטימענטאַלן קאַמעראַד לייכט אַ מין עגאָיסטישער גלאַנץ, וואָס מאַכט אים עפּעס פאַר אַ באַזונדער וועזן, באַגלײט אים און זונדערט אים אָפּ פון אונדז, קעגן זיין אייגענעם ווילן, גלייך ווי גאָלדענע פראַנדזן וואָלטן אויף אים פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

זיין אידיליע מיט איידאָקסיען וועבט זיך דאָ ווייטער מיר האָבן באַוויזן דערצו, און איינמאָל אפילו האָט מען גערעדט דערפון.

זי געפינט זיך נישט ווייט פון דאַנען, און זיי זייען זיך גאָר נאָנט איינער מיטן צווייטן... צי האָב איך זי דען נישט באַגעגנט נעכטן אין אָוונט לעבן פּרעסביטער-הויז. אירע קאָפּ-האָר האַלב פאַרלאָשן דורך אַ שאַל! מען האָט דערקענט, אַז זי איילט אויף אַ ראַנדעוו; צי האָב איך זי נישט געזען, ווי זי יאָגט זיך, לענגויס דער וואַנט, דעם קאָפּ פאָרויס און מיט אַ שמייכל שוין אויף די ליפּן?... ווען אַפילו עס איז דערגאַנגען צווישן זיי בלויז צו צוזאָגן און פאַרזיכערונגען, איז זי דאָך אויך זיינע, און ער איז דאָך דער מאַן, וואָס וועט זי האַלטן אין זיינע אָרעמס.

און ער וועט אונדז פאַרלאָזן. ער ווערט אָפּגעקאָמאַנדירט אויפן טיל, צום בריגאַדע-שטאַב, וווּ מען דאַרף האָבן אַ ביסל אַ שוואַכלעכן, וואָס קען שרייבן אויף אַ מאַשין. דאָס איז שוין אָפיציעל. שוואַרץ אויף ווייס. ער איז געראַטעוועט: די טונקעלע צוקונפט, וועלכער מיר אַלע וואַגן נישט אין פּנים אַריינצוקוקן, איז פאַר אים קלאָר און דייטלעך.

ער קוקט צו אַן אָפן פענסטער פון עפּעס אַ צימער ווי אַ שוואַרץ לאָך; דער שאָטן פון צימער ערגערט אים: ער האָפּט ער לעבט צוויפאַכיק. ער איז גליקלעך; ווייל דאָס גאַנצע גליק, וואָס איז נאָך

נישט ווירקלעך, איז טאַקע דאָס איינציקע ווירקלעכע גליק אויף דער ערד.

ווערט טאַקע געבוירן אַרום אים אַ שטיל קנאה-געפיל.

— מען קען נישט וויסן! — מורמלט פּאַראַדיז אויפסניי, אָבער נישט מיט מער איבערצייגונג, ווי אַן אנדערט מאָל, ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע גרענעצלאָזע ווערטער אין דער דחקות און אומבאַקוועמלעכקייט, ווו מיר האָבן געלעבט.

VII.

## פאַרלאָדונג.

צומאָרגנס נעמט באַרק דאָס וואָרט און זאָגט:

— כ׳וועל דיר געבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס גייט. עס זיינען פאַרהאַן גע...

אַ שטאַרקער פייף האָט איבערגעריסן זיין דערקלערונג, פלוצלינג, אין מיטן וואָרט.

מיר זיינען געווען אין אַ וואָקזאַל, אויפן פּעראָן. אַן אַליאַרם האָט אונדז אין מיטן דער נאַכט אַרויסגעריסן פון שלאָף און פון דאָרף, און מיר האָבן מאַרשירט ביז אַהער. דער אָפּרו איז געענדיקט; מ׳האָט געביטן דעם אָנשניט, מ׳האָט אונדז איבערגעוואָרפן אויף אַן אַנדער אָרט. אין דער פינסטערניש האָבן מיר פאַרלאָזט גאָשען, נישט געזען קיין זאַכן, קיין מענטשן, מיט קיינעם זיך נישט געזעגנט, נישט מיטגענומען מיט זיך קיין לעצטע דערינערונג.

...אַ לאָקאָמאָטיוו האָט מאַנעווּרירט הארט לעבן אונדז, און האָט זיך געריסן אויף דער גאַנצער קעל. כ׳האָב געקוקט אויף באַרקס מויל, וואָס איז פאַרשטאָפּט געוואָרן דורכן געשריי פון דער דאַזיקער שכנטע, וואָס לאָזט אַרויס ווי אַ זידלעריי; און כ׳האָב זיך צוגעקוקט, ווי ס׳פאַרקרימען זיך אויך אונדזערע פּנימער, מאַכטלאָז און פאַרטויבט. אַלע זיינען מיר געווען אין העלמען, פאַרשנאַלט אַרום פּנים מיט שטורעם-פּאַסן — ווייל מיר האָבן געהאַט וואַכדינסט אויפן דאַזיקן וואָקזאַל.

— אַ מיתה משונה! — פּילט באַרק מיט כּעס אַנטקעגן דעם רויכיקן פּייף.

אָבער די שרעקלעכע מאַשין שליידערט אים, ווי קיינמאָל גאָרנישט, אַלמעכטיק זיינע ווערטער צוריק אין האַלדז אַריין. ווען זי בלייבט שטיל, און דער עכאָ הילכט אונדז נאָך אין די אויערן, איז דער פאָדעם פון געשפּרעך געווען אַנטגילטיק איבערגעריסן און באַרק באַנוגנט זיך צו פאַרענדיקן קורץ:

— יאָ.

מיר נעמען זיך אַרומקוקן.

מיר זיינען געווען פאַרוואָרפן אין עפּעס אַ העק אַ שטאָט.

אומענדלעכע רייען וואַגאָנען, פון פערציק ביז זעכציק וואַגאָנען אין אַ צוג, האָבן אויסגעזען, ווי לאַנגע שורות נידעריקע און איינפאָרמיקע הייזלעך, מרה-שחורהדיקע, פינצטער-געטיילטע דורך שמאָלע געסלעך. פאַר אונדז, לענגאויס דעם מבול באַוועגלעכע הייזער, ציט זיך די הויפּט-ליניע: אַ גרענעצלאָזע גאַס, וואָס אירע שינעס, פון איין זייט און פון דער צווייטער, ווערן פאַרשלינגען אין דער ווייטנס. צוגן-טיילן און גאַנצע צוגן לויפן פאַרביי אין האָריזאָנטאַלע קאַנאַלן, שטעלן זיך אָפּ און לויפן ווידער. פון אַלע זייטן הערט זיך דאָס רעגלמעסיקע קלאַפּן פון די רעדער אָן דעם געפּאַנצערטן באָדן, דאָס קוויטשיקע פייפן, דאָס קלינגען פון די סיגנאַל-גלאָקן, דעם מעטאַלענעם און פולן אָפּקלאַנג פון די קוביסע קאַסטנס, וואָס שטויסן זיך אָן אָן זייערע שטאָלענע טאַצן מיט אַ קייטן-געקלימפּער, וואָס לויפט דורך אַלע גלידער פון לאַנגן צוג. אין פאַרטער פון דער מיטלסטער וואָקזאַל-געביידע, וואָס איז ענלעך צו אַ מאַגיסטראַט, טרילען שנעל די טעלעגראַפן און טעלעפאָן-גלעקלעך, אָפּטמאָל צונויפגעמישט מיט אָפּגעריסענע שטימען. אַרום איף דעם קוילן-שוואַרצן באָדן, שטייען: סחורה-שאָפּעס, נידעריקע מאַגאַזינען, וווּ דורך די אָפענע טויערן זעט זיך אַרויס דער אַנגע-

אָנגעפּאַקטער אײַנעהײניק, די בײדלעך פֿון די װעקסלער, די װעקסל-האַלטערס, די װאַסער-זײַלן, דורכזיכטיקע געבײדעס פֿון אײַזן-שטאַנגען, װאָס זײַערע דראָטן לינירן דעם הימל, װי נאָטן-פּאַפּיר; װוּנישט-װוּ סיגנאַל-שײַבן און צװײ דאַמף-הײב-מאַשינען, װאָס שטײגן אין די װאָלקן איבער דער דאָזיקער טריבער און פּלאַכער שטאָט און זען אױס, װי קירכן-טורעמס.

װײַטער אַרױפֿצו, אױף פֿרײַע פּלעצער, אין װײַטן שטח, אַרום דעם לאַבירינט פֿון פּעראָנען און געבײדעס, ציִען זיך מיליטער-װעגן און לאַסט-אױטאָס און לאַנגע שורות פֿערד — װײַט, װײַט, װוּ עס דערגרײכט נאָר דאָס אױג.

— קוק נאָר אָן דאָס עסק דאָ!

— אַ גאַנצער קאַרפּיס װערט געלאָדנט הײַנט אָונט!

— נאָ, אָט קומען זײ אָן

אַ שטױב-װאָלקן, װאָס האָט פֿאַרדעקט אַ רױשיק קײַקלען פֿון רעדער און אַ טופּען פֿון פֿערד-קאָפּיטעס, האָט זיך דערנענטערט אױפֿן װעג צום װאָקזאַל, דורך דער נעץ פֿון געבײדעס, און כּסדר געװאַקסן.

— האַרמאַטן זײַנען שױן אױף פֿאַרלאָדנט.

אױף פּלאַכע פּלאַטפֿאָרם-װאַגאָנען, צװישן צװײ לאַנגע שורות פּיראַמידן פֿון קאַסטענעס, האָט מען טאַקע געזען פֿון װײַטנס די רעדער-פּראָפּילן און די לאַנגע האַרמאַטן-רערן, די אַמוניציע-קעסטלעך, די האַרמאַטן און רעדער זײַנען געװען בונט באַשטרײַפֿט אױף געל, ברױן און גרין.

— זײ זײַנען אָפּגעשמירט. דאָרט װײַטער זײַנען דאָ געפֿאַרבטע פֿערד. נאַ, זע נאָר, דער דאָרט, מיט די גראָבע פֿיס װי ער װאָלט געגאַנגען אין הױזן — ער איז פֿריִער געװען װײַס, האָבן זײ אים אָפּגעמאַליעװעט מיט אַן אַנדערע פֿאַרב.

דאָס פֿערד, װעגן װעלכן עס גײט, איז געשטאַנען אַ ביסל אין

אַ זייט פון די איבעריקע, ווי עס וואָלט נישט קיין צוטרוי געהאַט, און געהאַט אַ בפירוש פאַלשע גרוילער־געלבלעכע קאָליר.

— אַ רחמנות אויף דער בהמה — זאָגט טילאַק.

— תלינים דאָס זיינען — זאָגט פאַראַדיז. לאָ־די זיי לאָזן זיי אויסקוילן, פאַרפּאַטשקען זיי זיי באַך.

— וואָס ווילסטו, ס'איז דאָך פאַר זייער טובה וועגן.

— אַוודאי, מיט אונדז איז מען אויך אויסן נאָר אונדזער טובה!

אַרום אָוונט קומען אָן זעלנער, פון אַלע זייטן האָבן זיי געשטראָמט צום וואָקזאַל. פון פאָרנט. פאַר די רייען, האָט מען געזען פאַרביילויפן אָפיצירן מיט אַ געקלימפּער. די מענטשן־פאַרפּליי־צונג איז געוואָרן אָפּגעצוימט לענגויס די ראַמפּעס, אָדער אין אָפּגעגרענעצטע פיר־עקן, ווו נאָר ס'איז געווען אַן אָרט. די זעלנער האָבן צעגויפגעשטעלט די ביקסן, אָפּגעלייגט די רוקן־זעק און, נישט האָבנדיק דאָס רעכט דאָס אָרט צו פאַרלאָזן, האָבן זיי געוואַרט איינער לעבן צווייטן פאַרהילט אין בין־השמשות.

וואָס טונקעלער ס'איז געוואָרן, זיינען אַלץ אָנגעקומען אומ־אויפהערלעך נייע מחנות. צוגלייך מיטן מיליטער זיינען אויך אָנגעפאָרן אויטאָמאָבילן. באַלד האָט זיך געמאַכט אַן אומאויפהעלעכער געטומל: לוקסוס־אויטאָמאָבילן צווישן אַן ענדלאָזן ים פון קליינע, גרעסערע און גרויסע לאַסט־אויטאָס. דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעשטעלט, איבערגערוקט און צונויפגעזאַמלט אויף די אָנגעוויזענע ערטער. אַ ברייט גערודער פון פאַרשידנאַרטיקע קולות און קלאַנגען האָט זיך אויפגעהויבן איבער דעם דאָזיקן ים פון מענטשן און וועגן, זיך דערשלאָגן צו די ברעגעס פון וואָקזאַל און אָנגעהויבן טיילווייז איבעווייניק אַריינדרינגען.

— דאָס איז נאָך גאָרנישט — זאָגט קאָקאָן, דער סטאַטיסטיק־מענטש. — בלויז אין קאָרפּוס־שטאַב זיינען דאָ דרייסיק אָפּי־

צירן-אויטאָס. און טרעף וויפל צוגן צו פופציק וואַגאָנען מען דאַרף צו האָבן, כדי צו פאַרלאָדן אַ גאַנצן קאָרפּוס — מענטשן און זאַכן — חוץ, פאַרשטייט זיך, די אויטאָמאָבילן און וועגן, וואָס וועלן אַליין צופאָרן צום נייעם אָפּשניט? בקיצור בּרעכסטו דיר דעם מוח, טייערער אוצר. בּיינציק שטיק דאַרף מען.

— אַ פייער זוכט זיי! און ס'זיינען דאָ דריי און דרייסיק קאָרפּוסן?!

— ניין און דרייסיק, סמאָלע-קאָפּ!

די באַוועגונג ווערט שטאַרקער. דער וואָקזאַל ווערט פול, איבערפולט. ווי ווייט נאָר ס'אויג קען דערזען אַ פאָרם אָדער אַ שיין פון אַ פאָרם, איז אַ תוהו-ובוהו, אַ געלויפעריי און געווימל, ווי אַ פּאַניק. די גאַנצע היעראַרכיע פון אָפיצירן דרייט זיך אַהין-און-אַהער, גייט פאַרביי און ווידער פאַרביי, ווי מעטעאָרן און, מאַכנדיק מיט די אָרעמס, ווי עס גלאַנצן זייערע גאַלאָנען, גיבן זיי כסדר באַפעלן און קאָנטר-באַפעלן, וועלכע די אָרדינאַנסן אָדער ציקליסטן ברענגען ווייטער, זיך דורכדריקנדיק צווישן דער מאַסע: טייל לאַנגזאַם, טייל גליטשן זיך שנעל אַדורך, ווי פיש אין וואַסער.

אָט האָט שוין אָנגערוקט דער אָוונט. די פלעקן פון די זעלנער-אוניפאָרמען, וואָס שטייען גרופּקעלעכווייז אַרום די ביקסן-געשטעלן ווערן אומקלאָר און איינס מיט דער ערד, זייער קעגנוואַרט ווערט אַנטדעקט בלויז דורך די פייערלעך פון זייערע פּייקעס און פּאַפּיראָסן. אין געוויסע שטעלן, לענגויס די גרופּקעלעך, ציט זיך אַ נישט-איבערגעריסענע ריי פון קליינע לייכטנדיקע פינטעלעך, וואָס שימערירן אין דער פינסטערניש, ווי אַ גירלאַנדע פון אַן אילומינירטער גאַס.

איבערן דאָזיקן אומרויקן, מטושטשדיקן שטח מאַכט אַן דער דאָזיקער מישמאַש פון קולות אַ געבערום פון אַ ים, וואָס צעשלאָגט זיך אָן די ברעגעס; און איבערן דאָזיקן גרעגעצלאָזן מורמל שניידן

זיך אויס באַפּעלן, געשרייען, אויסרופן, אַ גערודער פון פאַרלאָדן און אויסלאָרן, אַ האַמער־געקלאַפּערײ, וואָס שלאָגט זיך טעמפּ אָפּ אין דער טונקלקייט און מישט זיך אויס מיטן זי[illegible]ן פון די קעסלען.

אין דעם אומגעהייערן פינסטערן רוים, פול מיט מענטשן און זאַכן, נעמען אויפשיינען אומעטום ליכטלעך.

דאָס זיינען די עלעקטרישע לאַמטערלעך פון די אָפּיצירן און אָפּטיילונג־אָנפירער, אויך די אַצעטילין־לעמפּלעך פון די ציק־ליסטן, וואָס מאַכן זיגזאַגן, ווי נישט ווו, באַווייזנדיק אַמאָל [illegible] בלענדנדיק ווייס פינטעלע, אַמאָל אַ מאַטן ליכט־פלעק.

אַן אַצעטילין־לאַמטער האָט פּלוצלינג אויפגעשיינט און צע־שפּרייט אַ בלענדנדיקן ליכט־סנאָפּ. אַנדערע לאַמטערן לעכערן דורך און צערייסן דעם גרויען רוים.

דער וואָקזאַל באַקומט דאַמאָלס אַ פאַנטאַסטישן אויסזען. אומקלאָרע פאָרמען טויכן אויף און לייגן זיך אויף דער שוואַרצער הימל־בלויקייט. שאָטן־בערגלעך טורמען זיך, גרויסע ווי רוינען פון אַ שטאָט. מען דערקענט דעם אָנהייב פון די אומצאָליקע שורות זאַכן, וואָס פאַרלירן זיך אין דער נאַכט. מען אַנט טיפע מאַסן, וואָס זייערע פאָדערשטע בולטקייטן לייכטן אַרויס פון אַן אומבאַקאַנטן אָפּגרונט.

לינקס פון אונדז קומען אָן כסדר קאַוואַלעריע און אינ־פאַנטעריע־אָפּטיילונגען, ווי אַ מבול־שטראָם. קולות פון אַלע זייטן פאַרברייטערן זיך, ווי אַ נעפּל. עטלעכע רייען אַנטפּלעקן זיך אין אַ העלן ליכט־פּאַס, אָדער אין אַ רויטן שיין, און מ׳הערט זיך איין אין די לאַנגע רויש־כוואַליעס, וואָס קומען פון דאָרט.

אין באַוועגלעכן און רויכיקן ליכט פון פאַקעלן דערקענט מען גרויע מאַסן און שוואַרצע פּיסקעס; דאָס פאַרלאָדענע אַבאָז־זעל־נער פערד אין די וואַגאָנען, מיט דער הילף [illegible] [illegible] ברעטער. געשרייען, [illegible], וידלערייען, [illegible]

אַ געשלעג, אַן אַפּקלאַנג פֿון פֿערדישע קאָפּעטעס אָן די וואַגאָנען־טירן און אַ בייז שעלטן זיך פֿון אָבאָז־זעלנער אַנטקעגן דער איינגעשפּאַרטער בהמה.

דערלעבן פֿירט מען איבער װעגן אויף משא־וואַגאָנעס. אַ מענטשן־געווימל שטייט אַרום אַ קופּע פֿוראַזש. אַ צעשטויבטע מחנה וואַרפֿט זיך אויף די אומגעהייערע באַלן־שיכטן.

— שוין דריי שעה שטייסטו אַזוי אויף דיינע שטאַלצן — זיפֿצט פּאַראַדיז.

— און דו דאָרט, ווער איז דאָס אַזעלכעס?

אויף די ליכט־באַגאָסענע ערטער האָבן זיך באַוויזן און פֿאַרשוונדן הייפֿלעך געשפּענסטער, מיט אויסטערלישע אינסטרומענטן אין די הענט און אַרומגערינגלטע מיט גלאָווערעמלעך.

— דאָס איז די שיין־וואַרפֿער־אָפּטיילונג — זאָגט קאָקאָן.

— ס׳פּלאָנטערט זיך דיר אין קאָפּ, ליבער פֿריינט. וואָס חלומט זיך דיר שוין ווידער?

— פֿיר דיוויזיעס זיינען אַצינד דאָ אין אַ קאָרפּוס — ענטפֿערט קאָקאָן. — דאָס בייט זיך: טייל מאָל זיינען דאָ דריי, טייל מאָל פֿינף. אין איצטיקן מאָמענט זיינען דאָ פֿיר. און איטלעכע דיוויזיע — זאָגט ווייטער דער צאָלן־מענטש, וואָס אונדזער ראָטע האָט דאָס גליק צו באַזיצן — ציילט בײַ אונדז דריי אינפֿאַנטעריע־פּאָלקן, צוויי פֿיסיעגער־באַטאַליאָנען, איין רעזערוו־אינפֿ.־פּאָלק — נישט אַריינרעכענענדיק די ספּעציעלע פּאָלקן: ווי אַרטילעריע, סאַפּיאָרן, אָבאָז א. אַ. וו. אויך נישט רעכענענדיק דעם דיוויזיע־שטאַב און אַנדערע דינסט־צווייגן וואָס זיינען אין ערגעץ נישט איינגעקערפּערט, נאָר דירעקט צוגעטיילט צו דער דיוויזיע. איין ליניען־פּאָלק פֿון דריי באַטאַליאָנען פֿאַרנעמט פֿיר צוגן: איינער פֿאַרן שטאַב, מיטראַליעזן־קאָמפּאַניע און אָרגאַניזאַן־קאָמפּאַניע און איין צוג פֿאַר יעדן פֿון די דריי באַטאַליאָנען. דאָס גאַנצע מיליטער ווערט נאָך דאָ נישט פֿאַרלאָדנט: די פֿאַר־

לאָדונג-שטעלן ציִען זיך לענגויס דער באַן-ליניע לויטן אָרט, וו מען לאַגערט און לויט דער צייט פון אויפלייזונג.

— כ׳בין מיד — זאָגט טילאַק — מ׳עסט נישט אַזעלכע נאַרהאַפטיקע מאכלים, פאַרשטייסטו מיך. מ׳האַלט זיך נאָר אויף די פיס, ווייל מ׳איז שוין צוגעוויינט, אָבער מ׳האָט שוין באמת נישט קיין כּוח און נישט קיין חשק.

— כ׳האָב מיך אינפאָרמירט — זאָגט ווייטער קאָקאָן. — דאָס מיליטער, דאָס אַמתדיקע מיליטער, וועט אַצינד פאַרלאָדנט ווערן אינמיטן דער נאַכט. זיי קומען ערשט זיך צונויף אין די אַרומיקע דערפלעך אויף אַ שטח פון צען קילאָמעטער. צום ערשט פאָרן אָפּ די הילפס-דינסט-אָפּטיילונגען פון קאָרפּוס און אַלץ, וואָס איז נישט איינגעקערפּערט אין דער דיוויזיע — דערקלערט העפלעך קאָקאָן — ד. ה. די, וואָס זיינען דירעקט צוגעטיילט צום קאָרפּוס.

און צווישן די הילפס-דינסט-אָפּטיילונגען זעסטו נאָך נישט קיין לופט-שיף, נישט קיין פליִער-אָפּטיילונג: ס׳איז אַ צו גרויס ווירטשאַפט, און זיי פליִען אַליין פאַר זיך מיט זייער פערסאָנאַל, קאָנצעלאַריעס, לאַזאַרעטן. דאָס יעגער-פאָלק איז אויך דירעקט אָפּהענגיק פון קאָרפּוס.

— ס׳איז דאָך נישטאָ קיין יעגער-פאָלקן — זאָגט באַרק, נישט באַקלערנדיק זיך, — בלויז באַטאַליאָנען. מע זאָגט דאָך טאַקע: אַזאַ-און אַזאַ יעגער-באַטאַליאָן.

אין שאָטן זעט מען, ווי קאָקאָן קוועטשט מיט זיינע שוואַרצע אַקסלען, און זיינע ברילן לאָזן דורך אַ פאַראַכטלעכן בליק.

— טאַקע, אַזוי האָסטו געזען, דו ליימענער גולם? אויב אַזוי, זאָלסטו טאַקע וויסן, אַז ביסט יאָ אַזאַ חכם, אַז יעגער אויף פערד און יעגער צו פיס זיינען גאָר צוויי באַזונדערע זאַכן.

— בנאמנות! — זאָגט באַרק — כ׳האָב גאָר פאַרגעסן אָן

— און דאָס איז נאָך נישט אַלץ! — מאַכט קאָקאָן. — דיי־רעקט צום קאָרפּוס איז אויך צוגעטיילט די קאָרפּוס־אַרטילעריע, ד. ה., די צענטראַלע אַרטילעריע, חוץ דער פון דער דיוויזיע, זי באַשטייט פון: שווערער אַרטילעריע, פעלד־אַרטילעריע, אַרטילעריע־פּאַרק, אויטאָמאָביל־האַרמאַטן, קעגן־עראָפּלאַנען, באַטעריעט און זי נאָך דאָרט זיי הייסן! דערנאָך האָסטו די סאַפּיאָרן, דאָס מי־ליטער־געריכט, מיט זיין רייטער־און פּ־ס־פּאָליציי, די סאַניטאַרן און וועטערינאַרן־אָפּטיילונגען, אַ סקאַדראָן געפּעק־אַבאָז, אַ רעזערוו־פּאָלק צום וואַכן־דינסט און אַרבעטן באַ דער גענעראַל־קוואַרטיר, די אינטענדאַנטור מיטן גאַנצן צוגעהעריקן פּערסאָנאַל.

דערנאָך האָסטו סטאַדעס בהמות, רעמאָנט לאַגערן א. אַ. וו.; די אויטאָמאָביל־אָפּטיילונג — דאָס איז ערשט אַ גאַנץ עסק פאַר זיך, וואָס איך וואָלט דיר געקענט רעדן דערפון אַ שעה צייט, ווען כ׳וויל נאָר — דער צאָלמייסטער, וואָס פירט מיט זיך די קאַסע און די פּאָסט, דאָס קריגס־געריכט, די טעלעגראַפיסטן און די גאַנ־צע עלעקטראָ־טעכנישע אָפּטיילונג. דאָס אַלץ האָט זיך זיינע דירעק־טאָרן, קאָמענדאַנטן, אָפּטיילונגען און אונטער־אָפּטיילונגען, און דאָרט שווימט און גריבלט פון שרייבערלעך, וואַכן, אָרדינאַנסן און אַלעם איבעריקן צום רימל. היינט קענסטו דיר שוין פאָרשטעלן, וואָס עס מוז אַלץ האָבן אויפן קאָפּ דער גענעראַל־קאָמענדאַט פון אַ קאָרפּוס.

אין דעם אויגנבליק זיינען מיר געוואָרן אַרומגערינגלט דורך אַ גרופּע טרעגער־זעלנער, וואָס חוץ זייער אויסריסטונג, האָבן זיי נאָך געטראָגן אויף זיך קעסטלעך און פּעקלעך, איינגעוויקלטע אין פּאַפּיר, קוים, קוים געשלעפּט זיך דערמיט און אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד מיט אַ שווערן: אוף!

— דאָס זיינען די סעקרעטאַרן פון גענעראַל־שטאַב. זיי בילדן אַ באַשטאַנד־טייל פון דער הויפּט־קוואַרטיר, ד. ה., עפּעס אַזוינס, ווי די סוויטע פון גענעראַל. ווען זיי ציען זיך איבער,

שלעפן זיי מיט מיט זיך זייערע אַרכיוון־פּעק, טישן, רעגיסטער־טעקעס און דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג, וואָס זיי דאַרפן צום שרייבן. נאַ, זעסט, אָט דאָס, וואָס די צוויי חברה־לייט — דער אַלטער ביין מיטן יונגן שניעק — שלעפן מיט די ביקסן אין די הענט, דאָס איז אַ שרייב־מאַשין. דריי ביוראָס האָבן זיי, און אַ חוץ דעם, איז נאָך דאָ די קוריערן־אָפּטיילונג, די קאַנצעלאַריע, די טאָפּאָגראַפישע סעקציע באַם קאָרפּוס, וואָס פאַרטיילט לאַנד־קאַרטן די דיוויזיעס און מאַכט צייכנונגען און פּלענער לויט די אָנגאַבן פון די פּליער, באַאָבאַכטער און געפאַנגענע.

די אָפיצירן פון אַלע ביוראָס, אונטער דער לייטונג פון אַ שעף און אַ וויצע־שעף — צוויי פּאָלקאָווניקעס — בילדן דעם הויפּט־שטאַב פון קאָרפּוס. אָבער דער אייגנטלעכער הויפּט־שטאַב, צו וועלכן ס'געהערן אויך די אָרדענאַנסן, די קוכערס, די מאַגאַזינערן, די אַרבעטער, די עלעקטראָ־טעכניקער, די זשאַנדאַרמען און „די עסקאָרט־רייטער, ווערט אָנגעפירט דורך אַ קאָמענדאַנט".

אין דעם מאָמענט האָבן מיר אַלע מיטאַמאָל געקריגן אַ שטאַרקן שטויס.

— העי, פּאַרזיכטיק! אָן אַ זייט! — שרייט, זיך אַנטשולדיקנדיק אויף אַזאַ אופן, אַ מענטש, וואָס שטופּט אונטער מיט דער הילף פון נאָך אַנדערע אַ וואָגן צו די וואַגאָנעס צו.

די אַרבעט איז אַ שווערע. דער באָדן איז משופּעדיק, און ווי נאָר מען הערט אויף אַ רגע אונטערצושפּאַרן דעם וואָגן און אים אָנצוכאַפּן באַ די רעדער, קייקלט ער זיך צוריק. די פאַרחושכטע מענטשן דריקן זיך צו אים, ווי אַרום עפּעס אַ פאַרזעעניש, און קריצן מיט די ציין, און שעלטן אין דער פינסטערניש אַריין.

בארק, זיך רייבנדיק די לענדן, ווענדט זיך צו איינעם פון די פאַרה-רעוועטע אַרבעטער:

— מייגסט אַמאָל פאַרטיק צו ווערן, אַלטער גאַנער?

דער טייוול זאָל עס נעמען! — בילט דער זעלבער איגנאַנצן אַריינגעטון אין זיין אַרבעט. — טוט אַכטונג אויפן דאָזיקן שטיין! איר וועט מיר נאָך די גלידערים צעטרייבערן!

אין אַ פלוצלינגער באַוועגונג טוט ער ווידער אַ שטויס באַרקן און, דאָס מאָל, גייט ער אַרויס אויף אים מיט לשון:

— וואָס סנאָוועסטו דיך דאָ, ווי אַ פּאַרך אויפן יאַריד!

— ניין, כ'מיין אין אמתן, ביסט נישט שיכּור אַמאָל? — ענטפערט אים באַרק. — וואָס כ'סנאָווע מיך דאָ! דאָס געפעלט מיר, אויף מיין וואָרט! זאָג נאָר, דו לויזיקער נפש, קענסט עס מיר אפשר איבערגעבן שריפטלעך!

— אין אַ זייט! — הילכט אויף אַ נייע שטימע, וואָס פירט אַ ביסל מענטשן אין צווייען געבויגן אונטער דער לאַסט פון אַנדערע שווערע משאות...

אין ערגעץ קען מען נישט איינשטיין אויפן אָרט. אומעטום שטייט מען יענעם אין וועג. מ'גייט פאָרויס, מען צעגייט זיך, מען שטופּט זיך צוריק אין דעם דאָזיקן געדראַנג.

— און כ'וועל דיר זאָגן נאָך מער — זאָגט ווייטער קאָקאָן, מיט אַ גלייכגילטיקייט פון אַ געלערנטן — עס זיינען פאַרהאַן דיוויזיעס, וואָס יעדע באַזונדער איז אָרגאַניזירט כּמעט ווי אַ קאָרפּוס...

— יאָ, מען ווייסט, האַק נישט אין קאָפּ אַריין!

— ער מאַכט דאָס אָן אַ געשריי אַ ביסל, די שקאַפּע, און איר שטעלעכל אויף רעדלעך — באַמערקט פּאַראַדיז. — ס'איז אַוודאי אַ שוויגער עמעצענס.

— וועטסטו דיך מיט מיר, אַז דאָס איז דעם מאַיאָרס פערדל, וועגן וועלכן דער וועטערינאַר פלעגט זאָגן, אַז ס'איז אַ קאַלב, וואָס אָט אָט ווערט דערפון אַ קו.

— פונדעסטוועגן איז דאָס אַלץ פיין אָרגאַניזירט, נישטאָ וואָס צו רעדן! — באַוווּנדערט לאַמיז, וואָס אין דער רגע איז ער

געוואָרן צוריקגעשטויסן דורך אַ באַנדע אַרטילעריסטן, באַלאָדנטע מיט קעסטלעך.

— דאָס איז אמת — איז איינשטימיק מאַרטעראָ, — כדי אָנ־צופירן דאָ מיטן גאַנצן עסק, מוז מען האָבן אַ קעפּל און נישט זיין אַבי־ווער... אַ, וואַרפן זאָל עס דיך, נעם די אויגן אין דער האַנט אַריין און קוק ווי די גייסט, די פערדישער קאָפּ איינער!

דאָס איז שוין איינמאָל אָן איבערציִען זיך! ווען כ׳האָב מיך מיט מיין פאַמיליע איינגעאָרדנט אין מאַרקוסיס, איז געווען אַ קלע־נערער טאַראַראַם. איך בין נישט אַזאַ אַרומרודערער, דאָס איז אויך אמת.

מען שווייגט אַ ווײַלע, דאַן הערט מען ווידער, ווי קאָקאָן זאָגט:

— כדי צו זען די גאַנצע פראַנצויזישע אַרמײ, וואָס האַלט דעם פראָנט — איך רעד נישט פון די, וואָס געפינען זיך אין טיל, ווו ס׳איז דאָ צוויי מאָל אַזוי פיל, אויך נישט פון אַזעלכע אָפּטיילונגען, ווי די באַוועגלעכע לאַזאַרעטן למשל, וועלכע האָבן אָפּגעקאָסט ניין מיליאָן און וואָס קענען דיר איבערפירן 7000 קראַנקע איבערן טאָג, — כדי צו זען, זאָג איך, בלויז די פראָנט־אַרמײ פאַרבייפאָרן אין צוגן צו זעכציק וואַגאָנען, וואָס וועלן גיין איינער נאָכן אַנדערן יעדעס פערטל שעה, מוז געדויערן פערציק טעג און פערציק נעכט.

— אָהאָ! — מאַכן אַלע.

נאָר דאָס שטייגט שוין איבער זייער פאָרשטעלונגס־קראַפט; זיי האָבן נישט קיין אינטערעס און שפּירן אָן עקל צו די גרויס־קייט פון די דאָזיקע ציפערן. זיי גענעצן אַזש ביז טרערן און קוקן דורכן דאָזיקן מיש־מאַש פון לופּעניש, געשרייען, רויך, געברום, ליכט־גלאַנץ און בליצן — ווייט, ווייט צו אַ פלאַקערדיקן האָריזאָנט־ברעג, ווו ס׳ציט פאַרביי דער שרעקלעכער שטריך פון אַ פאַנצער־צוג.

## VIII.

# אויף אורלויב.

איידער ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, צווישן די פעלדער, וואָס פירן צו די אָקאָפּעס, האָט זיך עזדאָר אַוועקגעזעצט לעבן אַ ברונעם אויפן שאָסיי. אַרומגענומען איין קני מיט ביידע הענט, אויסגעשטרעקט דאָס בלייכע פּנימל — ווי אונטער דער נאָז זײַנען נאָך נישט געווען קיין וואָנסעס, בלויז אַ קליין פלאָך האָר-פּענדזעלעקל אין יעדן מויל-ווינקל — האָט ער זיך אונטערגעפּייפּט און געגעגנעצט ביז טרערן אין פרימאָרגן אַריין.

אַ זעלנער — פון אַבאָז, וואָס שטייט באַם וואַלד-ראַנד, וווּ ס'ציט זיך אַ שורה וועגן און פערד, וואָס זען אויס, ווי אַ ציגיינער-לאַגער — איז אָנגעקומען מיט צוויי לייוונטענע עמערס, צוגעצויגן וואַרשיינלעך דורך דער ברונעם. באַ יעדן טריט זײַנען די עמערס אונטערגעשפּרונגען אויפן עק פון יעדן אָרעם. ער איז שטיין געבליבן פאַרן דאָזיקן אומבאַוואָפנטן אינפאַנטעריסט, וואָס האָט געהאַט אַ געשוואָלענעם רוקן-זאַק און איז געווען שלעפעריק.

— אַן אורלויבניק?

— יאָ — זאָגט עזדאָר — כ'קום אַצינד צוריק.

— אויב אַזוי — זאָגט דער זעלנער, גייענדיק ווייטער — איז דיך נישטאָ וואָס צו באַדויערן, ווען שלעפסט מיט דײַנע זעקטעג אורלויב אין בייטל.

גלייכצייטיק קומט אָן פון וועג אַ גרופּע פון פיר מענטשן.

זיי גייען מיט שווערע טריט און בעלאַסן. פון דער בלאַטע זײַנען זייערע שיך אומגעהייער גרויס און זען אויס ווי קאַריקאַטורן פון שיך. ווי איין מאַן בלייבן זיי שטיין, ווען זיי באַמערקן עידאַרס פּראָפיל.

— ס'איז עידאַר! העי, עידאַר! דו אַלטע נוס, ביסט, הייסט עס שוין דאָ צוריק! — שרייען זיי אַלע, זיך לאָזנדיק צו איר מיט אויסגעשטרעקטע הענט, וואָס זײַנען אויך אַזוי גראָב, ווי זיי וואָלטן געטראָגן ברוינע וואָלענע הענטשקעס.

— גוט מאָרגן, קינדערלעך — זאָגט עידאַ.

— האָסט עפּעס גוט אַריינגעשאָסן? וואָס דערציילסטו עפּעס גוטס, טייערער אוצר? וואָס מאַכט מען?

— אַזוי — ענטפערט עידאַר — נישקשה.

— מיר האָבן אַצינד אַרויסגעגעבן ווייַן. זיך אָרנטלעך אָנגעאַרבעט. גייען מיר צוזאַמען, וואָס?

זיי זײַנען געגאַנגען באַרג-אַראָפּ דעם שמאָלן וועגל, אייגער נאָכן צווייטן, און געלאָזט זיך נאָכדעם געאָרמטערהייט איבערן פעלד וואָס איז געווען באַדעקט מיט ווייסן זאַמדיקן ליים, וווּ דער גאַנג האָט אָנגעמאַכט אַ געריש פון טייג, וואָס מען קנעט אין אַ מילטער.

— אויב אַזוי, האָסטו דאָך געזען דײַן ווייבל, דײַן קליינע מאַריעט; דיר איז דאָך מער גאָרנישט אין קאָפּ געלעגן ווי נאָר זי, און האָסט דאָך גאָרנישט נ'שנאַבל אויפגעמאַכט, זאָלסט נישט באַלד אָנשרויפן וועגן איר אַ גאַנצן באַרג!

עידאַרס בלייכלעך פּנים האָט זיך אָנגעצויגן

— מײַן פרוי? אוודאי האָב איך זי געזען, אָבער בלויז איין מאָל! אַנדערש איז נישט מעגלעך געווען. נישטאָ קיין מזל, יאָ, אַזוי איז עס.

— וואָס הייסט?

— וואָס הייסט! ווייסט דאָך, אַז מיר וווינען אין ווילערס־ל׳אַבע, אַ דערפל פון פיר הייזער, נישט מער און נישט ווינציקער, באַם ראַנד פון וועג. איינס פון די דאָזיקע הייזער איז אַנדזער אכ־סניה, וואָס זי האַלט, אָדער בעסער געזאָגט, וואָס זי האַלט אויף דאָס ביי פון דער צייט אָן, וואָס די גראַנאַטן האָבן אויפגעהערט דאָרט זיך שיטן.

אַ כּלל, ווען זי איז געוויר געוואָרן, אַז כ׳קריג אורלויב, האָט זי זיך גענומען באַמיִען צו קריגן אַ פּאַסיר־שיין קיין מאָן־סען־עלוּאַ, וווּ ס׳וווינען מיינע אַלטע און וווּאַהין ס׳איז געווען אויסגעשטעלט מיין אורלויב־שיין. פאַרשטייסט דאָס עסק?

און אַזוי ווי מיין ווייבל, פאַרשטייסטו מיך, איז אַ מענטש מיט אַ קאָפּ אויפן קאַרק, האָט זי באַשטעלט איר פּאַסיר־שיין אַ סך פריִער פאַר דער צייט, ווען כ׳האָב געזאָלט באַקומען מיין אורלויב. און דאָך איז מיין אורלויב פריִער אָנגעקומען, איידער זי האָט אַרויס־געקריגן איר פּאַפּירל. פונדעסטוועגן בין איך אַרויסגעפאָרן: דו ווייסט דאָך, אַז אין דער קאָמפּאַניע טאָר מען נישט פאַרביילאָזן די געלעגנהייט. בין איך, אַלזאָ, געבליבן בײַ מיינע אַלטע אין דער היים און געוואַרט. כ׳לעב אַפילו מיט מיינע אַלטע זייער גוט, אָבער דאָך איז מיר געווען זויער אין מויל. זיי ווידער, זיי זיינען געווען צופרידן, וואָס זיי זען מיך, און אומצופרידן דערפון, וואָס כ׳לאַנג־ווייליק מיך אין זייער געזעלשאַפט. אָבער וואָס האָט מען געקענט מאַכן? סוף דעם זעקסטן טאָג — ערב דעם לעצטן טאָג פון מיין אורלויב — קומט אָנצופאָרן אַ יונגערמאַן אויף אַ רייט־וועגעלע — דער יונגער פלאָרענס — און ברענגט מיר אַ בריוו פון מאַריעטן, אַז זי האָט נאָך נישט באַקומען איר פּאַסיר־שיין...

— אַן אומגליק זאָל זיי טרעפן! — רופן אויס אַ פּאָר.

—... איינס איז מיר געבליבן — זאָגט ווייטער עידאָר — צו בעטן באַם בירגערמייסטער פון מאָן־פּענט־עלוּאַ, ער זאָל פועלן

בא די מיליטער-האַהייטן, מע זאָל מיר דערלויבן זיך איבערצולויפן גאַלאָפּ קיין ווילִיאַס, כּדי זיך צו זען מיט איר.

— דאָס האָסטו געדאַרפט מאַכן דעם ערשטן טאָג און נישט דעם זעקסטן!

— אמת, אָבער כ'האָב מורא געהאַט כ'זאָל זיך מיט איר נישט קרייצן אויפן וועג, שוין זי נישט זען מער, פאַרשטייסטו מיך; פון דער מינוט, וואָס כ'בין אָנגעקומען, האָב איך אויף איר כּסדר געוואַרט, און יעדע רגע האָב איך געמיינט — אָט, אָט עפנט זיך מיט איר די טיר. כ'האָב געטון אַזוי, ווי זי האָט מיך געהייסן.

— אָבער די אונטערשטע שורה, האָסטו זי געזען?

— בלויז איין טאָג, אָדער בעסער: איין נאַכט — ענטפערט עידאַר.

— ס'איז גענוג! — שרייט ווילעריש לאַמיז.

— נאָך וויִ! — שטיצט אונטער פאַראַדיז. — אין איין נאַכט, אַזאַ בחור ווי דו — דאָס קען עפּעס אויפטון, אַהאַ, און נאָך מיט אַן עודף!

— זע נאָר, טאַקע ווי ס'פּנים ליגט אים אין דר'ערד! פרעגסט דיך, צי ער האָט זיך אָפּגענומען פאַר אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר! מיינער קען ס'עסק!

עידאַר האָט אַראָפּגעלאָזט זיין ערנסט בלייך פּנים אונטערן מבול פון די דאָזיקע צווייַדייטיקע אָנצוהערענישן.

— אפשר וועט איר אַ מינוט פאַרשטומט ווערן

— נו, נו, דערצייל ווייטער.

— נישטאָ וואָס צו דערציילן — זאָגט עידאַר.

— זאָגסטו, הייסט עס, אַז ס'איז ניט געווען נישט מיט אַלעם בא דיין אַלטע?

— יאָ! זיי האָבן זיך אַפילו באַמיט צו פאַרבייטן מיר מאַ־ריעטן מיט גרויסע פריטשן שינקען, מיט פלוימען-בראַנפן, מיט

פאַריכטן מיין וועש און נאָך אַזוינע צערטלעכקייטן... (כ'האָב אפילו באַמערקט, אַז זיי האָבן זיך איינגעהאַלטן נישט אַרומצוקריגן זיך, ווי געוויינטלעך), אָבער ס'איז דאָך אַלץ נישט דאָס; און כסדר האָב האָב איך געקוקט אויף דער טיר, צו ס'וועט נישט אַמאָל פון איר אַ פרוי. בין איך אַלזאָ געווען באַם בירגערמייסטער, און געכטן אַרום צוויי באַטאָג זיך געלאָזט אין וועג אַריין — אייגנטלעך קען איך זאָגן פירצען אַ זייגער, וואָרום פון אייערנעכטן אָן האָב איך שוין געציילט די שעהן! סך-הכּל, איז מיר געבליבן פונקט נאָך איין נאַכט אורלויב.

כ'בין געפאָרן מיט דער קליינבאַן, וואָס קורסירט נאָך ער־טערוויַיז. כ'האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענסטערל פון וואַגאָן, האָב איך אין פאַרנאַכטיקן נעפּל, האַלב יאָ דערקענט, האַלב נישט דער־קענט די געגענט. ווען-נישט-ווען האָב איך עפּעס מיטאַמאָל דער־פילט, אַז עפּעס איז עס יאָ דאָס, ס'דערמאַנט זיך מיר. און די געגנט נעמט עפּעס מיט מיר רעדן, דערנאָך ווידער גאָרנישט. ענדלעך איז מען אַראָפּגעשטיגן און, ס'האָט פונקט צוגעפּעלט צום רימל, האָט מען נאָך געמוזט גיין צופוס ביז צו דער לעצטער סטאַציע.

הערסטו, נאָך קיינמאָל האָב איך נאָך נישט געהאַט אַזאַ היג־טיש וועטער: ס'האָט שוין גערעגנט פון זעקס טעג אָן; זעקס טעג דורכאַנאַנד האָט דער הימל געשווענקט און געשווענקט די ערד. די ערד איז צעיוירן געוואָרן, צעקראָכן, פאַרגאָסן אַלטע לעכער און אָנגעמאַכט נייע.

— דאָ אויך, ערשט היינט איגדערפרי האָט אויפגעהערט רע־גענען.

— איך האָב שוין אַזאַ שוואַרץ מזל. אומעטום זייגען די טייכלעך פול איבער די ברעגעס, פאַרפּלייצט די פעלדער אַזוי ווי ליניען איבערן פּאַפּיר; פון די בערגלעך איז גערונען פון אויבן

ביז אַרױף. אַ װינט האָט נאָך פּלוצלינג געגומען אונטערטרײבן דעם רעגן, װאָס האָט אונדז, װי אַ רעגן־װאָלקן, גענומען שמײסן אין די הענט, אין פּנים אַרײַן, אין האַלדז.

— אַלץ אײנס, אַז מיר זײַנען שױן יאָ צוגעקומען צו דער סטאַנציע, װאָלט שױן געמעגט קומען אײנער פֿון אײַזן ער זאָל מיך נײטן צוריק צו גײן!

— מײנסטו אָבער אפשר נישט, אַז װען איך קום שױן אין דאָרף אַרײַן, האָב איך נישט נאָך אַ פּאָר צו זיך: אַ פּאָר אױ־לױבני־קעס, װאָס האָבן געמוזט פֿאַרבײַגײן װילערס, כּדי צו גײן דאָרט, װו זײ דאַרפֿן. אױף אַזאַ אופֿן גײען מיר צוזאַמען... פֿינף חבֿרה־לײַט, װאָס אײנער קען נישט דעם צװײטן. כ׳האָב גאָרנישט דערקענט אַרום זיך, אָבער גאָרנישט. דאָרט איז נאָך מער צעשאָסן און חרובֿ, װי דאָ, דערצו נאָך אַזאַ גאָס רעגן, דערצו נאָך איז פֿינסטער

כ׳האָב אײַך שױן געזאָגט, אַז בלױז פֿיר הײַזער זײַנען געװען אין דעם ישובֿ. שטײען זײ אָבער װײַט אָפּגערוקט אײנס פֿון צװײטן. מיר קומען צו צום אָנהײב פֿון דער הײכקײט. כ׳האָב נישט ריכטיק געװוסט װו כ׳געפֿין מיך, מײַנע חבֿרים װײסן אױך נישט מער, כאָטש זײ קענען יאָ די געגנט, װײַל זײ שטאַמען פֿון דאַנען — און דאָ גײסט און גיסט, װי מיט ציבערס.

ס׳איז געװען אוממעגלעך נישט צו גײן גיך. הײבן מיר אָן לױפֿן. מיר גײען פֿאַרבײַ דער פֿערמע אַלע! — אַ מין שטײנערנער פֿאַנטאָם! — װו ס׳געפֿינט זיך דאָס ערשטע הױז. שטיקער װאַנט, די אָפּגעבראָכענע זײַלן, שטאַרן אַרױס פֿון װאַסער; דאָס הױז, פֿאַרשטײסטו מיך, איז אינגאַנצן פֿאַרגאָסן. די אַנדערע פֿערמע, אַ ביסל װײַטער, אױך פֿאַרפּלײצט, פֿאַרגאָסן.

אונדזער הױז איז דאָס דריטע. עס שטײט אױפֿן ראַנד פֿון װעג, העכער אַרױף אױף דער שפּיץ. מיר קלעטערן אַרױף אַנטקעגן רעגן, װאָס קלאַפּט אונדז אין פּנים אַרײַן און מאַכט אונדז אינגאַנצן

בלינד — די קאַלטע נאַסקייט פּאַטשט אין די אויגן אַריין! — און מיר גייען ווי אין אַ טיראַליערקע.

אונדזער הויז! איך לויף ווי אַ משוגענער, ווי אַ נעבער צו דער אַטאַקע. מאַריעט! כ'זע זי אין דער טיר אויפהייבן די הענט צום הימל, אונטער דעם שלייערהאַפטיקן אָוונט-רעגן — אַזאַ שטאַרקער רעגן, אַז ער שטופּט זי אַזש צוריק און דריקט זי צו צום ביישטידל פון דער טיר, ווי די הייליקע יונגפרוי אין איר נישע. איך לאָז מיך צו צו איר מיט אַ גאַלאָפּ, אָבער אין דער זעלבער צייט האָב איך אויך אין זין צו געבן אַ צייכן דער חברה, זיי זאָלן מיטגיין. מיר פאַלן אַריין אין הויז. מאַריעט לאַכט אַ ביסל און האָט טרערן אין די אויגן, ווען זי דערזעט מיך, און וואַרט שוין, מיר זאָלן זיין אַליין, כדי זיך רעכט אויסצוזוויינען און אויסלאַכן. איך זאָג מיינע חברה-לייט זיי זאָלן זיך אָוועקזעצן, ווער אויף אַ בענקל, ווער אויפן טיש.

— וווהין גייען די הערן, פרעגט מאַריעט. — מיר גייען קיין וואַוועל. — גאָט מיינער! — מאַכט זי — איר וועט נישט דערגיין אַהין. איר קענט דאָך נישט מאַכן דעם דאָזיקן מהלך באַנאַכט בא אַזאַ שלעכטן וועג, אין די בלאָטעס ביז צו די קני. ס'זאָל אייך נישט איינפאַלן אַפילו. — נו, גוט, וועלן מיר מאָרגן גיין; דערווייל גיין מיר זוכן וווּ איבערצונעכטיקן. — איך וועל גיין, מיט אייך, מאַך איך צו זיי, ביז צו דער פערמע „פּאַנדי". אָרט איז דאָרט פאַרהאַן גענוג, דאָס וועט נישט אויספעלן. דאָרט וועט איר איבערנעכטיקן און פאַרטאָגס זיך לאָזן אין וועג. — אָן עק, כאַפּן מיר זיך אַהינצו!

די דאָזיקע פערמע, דאָס לעצטע הויז אין ווילערס, געפינט זיך גאָר אין דער הייך; ס'איז אַ סברה, אַז עס איז נישט פאַרטרינקען אין וואַסער און אין בלאָטע.

גייט מען צוריק אַרויס. אַ פּרישע מפּלה! מיר זייַנען געווען דורכגעווייקט ביז גאָר, ס׳וואַסער גייט אַרייַן אין די זאָקן דורך די זוילן און דורך די מלבושים, מיר זייַנען פּיטש-נאַס, צום אויס-דריינגען, ביז איבער די קניִען. איידער מיר קומען אָן צום דאָזיקן „פּאַנדי״, באַגעגענען מיר עפּעס אַ שאָטן אין אַ גרויסן שוואַרצן מאַנטל מיט אַ פּאַקל. ער הייבט אויף זייַן פּאַקל, און מיר באַמערקן אַ גאָלדן בענדל אויפן אַרבל, דערנאָך אַ בייז פּנים.

— וואָס שלעפּט איר זיך דאָ? — זאָגט דער שאָטן, זיך אָפּרוקנדיק אַ ביסל, און לייגט אַוועק ביידע פויסטן אויף די לענדן. דער רעגן קלאַפּט דערווייל אויף זייַן קאַפּטער, ווי אַ האָגל.

— אורלויבניקעס קיין וואַוועל. זיי קענען נישט ווייטער גיין היינט אין אָוונט, ווילן זיי איבערנעכטיקן אין דער פערמע „פּאַנדי״.

— וואָס זאָגט איר? שלאָפן דאָ; זענט איר נישט שיכּור אַמאָל? דאָ איז דער פּאָליציי-פּאָסטן. איך בין דער דיזשורנע-אונטער-אָפיציר, און אין די געביידעס דאָרט זייַנען דאָ דייטשישע געפאַנ-גענע. און נאָך וועל איך אייַך זאָגן, — מאַכט ער — כ׳וואָלט געוואָלט איר זאָלט מיר נעלם ווערן פון דאַנען, און דאָס טאַקע אייִנס-צוויי. האָטס מיר אַ גוטן.

מאַכט מען אַ האַלבּ-קער אויף לינקס, און מיר לאָזן זיך צו-ריק אַראָפּ. דערבּיי פּאַלט מען פון די פיס, ווי מען וואָלט שיכּור געווען, מען גליטשט זיך אויס, מען סאָפּעט, מען שטויפּט אײנער דעם צווייטן, מען באַשפּריצט זיך מיט בלאָטע. אײנער פון דער חברה שרייט צו מיר דורכן רעגן און ווינט: „מע וועט דיך בלויז צופירן ביז דער שטוב; מיר האָבן דאָך נישט וווּ צו זייַן, וועלן מיר גאָרנישט פאַרזוימען״.

— וווּ וועט איר שלאָפן? — מ׳עט שוין האָבן וווּ, האָב נישט קיין זאָרג, פאַר די פּאָר שעה, וואָס מיר האָבן דאָ צו זייַן. — מ׳עט האָבן, מ׳עט האָבן. — ס׳זאָגט זיך גאָר אַזוי — מאַך איך... ביז וואָס-ווען,

קומטס אַריין דערווייל. — אויף אַ ווײַלע בלויז, זאָגן מיר זיך נישט אָפּ. — און מאַריעט זעט אונדז נאָכאַמאָל, ווי מיר קומען אַריין איינער נאָכן אַנדערן, אַלע פינף, דורכגעווייקט ביז צו די העמדער.

זיינען מיר דאָ, הייסט עס, דרייען זיך אַהין־און־אַהער אין דעם קליינעם שטיבל, דאָס איינציקע אין גאַנצן הויז — ווייל מיר וווינען דאָך נישט אין קיין פּאַלאַץ.

— הערט, מאַדאַם, — פרעגט איינער פון זיי — איז נישטאָ אַמאָל דאָ אַ קעלער?

— ס'איז דאָ אינם וואַסער — ענטפערט מאַריעט: — מע זעט נישט אַרויס די לעצטע טרעפּ פון גאָרן, און ס'זיינען דאָ צוויי טרעפּ.

— טויג עס אויף צרות, — מאַכט איינער — ווייל כ'זע, אַז אפילו אַ שטיקל בוידעם איז אויך נישטאָ...

אין אַ ווײַלע אַרום שטייט ער אויף:

— האָטס מיר אַ גוטע נאַכט — זאָגט ער — מ'עט גיין.

— וואָס? אין אַזאַ וועטער!

— וואָס מיינסטו — מאַכט איינער — מיר וועלן דיר שטערן צו בלייבן אַליין מיט דיין פרוי!

— אָבער, בּאַ אַזאַ...

— נישטאָ קיין אָבער. אַצינד איז ניין אַ זייגער אָוונט, אין פאַרטאָג וועסטו דאָך אַנטלויפן אַן עק. אַ גוטע נאַכט. הער, זאָגטס נאָר דאָרט, איר קלערט אַמאָל צו גיין?

— פאַרשטייט זיך — ענטפערן די איבעריקע — אַ גוטע נאַכט, מיינע דאַמען און הערן.

זיי גייען צו צו דער טיר און מאַכן זי אויף. איך מיט מאַריעטן קוקן מיר זיך אָן ביידע. מיר רירן זיך נישט פון אָרט. דערנאָך קוקן מיר זיך ווידער אָן, און מיר שפּרינגען זיי נאָך. איך כאַפּ איינעם בּאַ דער פּאָלע פון מאַנטל, זי בּאַם פּאַסעק, וואָס איז אַלץ נאָך צום אויסדרינגען.

— בשום אופן נישט. מ׳עט אייך נישט לאָזן גיין. דאָס וועט נישט זיין.

— אָבער...

— נישטאָ קיין אָבער — ענטפער איך, בשעת זי פאַריגלט די טיר.

— נו, און וואָס ווייטער? — פרעגט לאַמיז.

— ווייטער? גאָרנישט — ענטפערט עידאַר. — מיר זיינען זיך אַזוי געזעסן, ווי אָרנטלעכע קינדער — אַ גאַנצע נאַכט. געזעסן פאַרשטעקט אין די ווינקעלעך און געגענעצט, ווי אויף אַ משמר באַ אַ טויטן. תחילת האָט מען נאָך געכאַפּט אַ שמועסל. פון צייט-צו-צייט מאַכט איינער: „ס׳רעגנט נאָך?" — און געגאַנגען אַ קוק טון, און צוריקגעקומען: „ס׳רעגנט". איבעריקנס, מען האָט דאָך געהערט. איינער אַ דיקער צווישן זיי, מיט אַ פּאָר וואָנסעס פון אַ בולגאַר, האָט זיך כסדר געווערט קעגן שלאָף, ווי אַ ווילדער. טיילמאָל האָבן איינער, אָדער צוויי געכאַפּט אַ דרעמל, כסדר אָבער איז געווען איינער, וואָס האָט געגענעצט און, פון העפלעכקייט וועגן, אויפגעריסן ס׳אויג, זיך פונאַנדערגעצויגן אַ ביסל, אָדער זיך האַלב-אויפגעשטעלט, כדי זיך בעסער אָוועקצוזעצן.

מאַריעט און איך, מיר ביידע, זיינען נישט געשלאָפן. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן, געקוקט אויף די איבעריקע, וואָס האָבן אויף אונדז געקוקט — און גאָרנישט.

ווען דער פרימאָרגן האָט אַ ביסל אויסגעווישט ס׳פענסטער, האָב איך מיך אויפגעהויבן אַ קוק טון, וואָס ס׳הערט זיך אין דרויסן. דער רעגן האָט לגמרי נישט נאָכגעלאָזט. אין צימער האָב איך געזען די ברוינע געשטאַלטן זיך רירן אַביסל און הויך אָפּעטעמען. מאַריעט האָט געהאַט רויטע אויגן פון קוקן אויף מיר אַ גאַנצע נאַכט. צווישן איר און מיר האָט עפּעס אַ זעלנער, ציטערנדיק פאַר קעלט אָנגעשטופּט זיין פּייקע.

מ'ע קלאַפּט אין דער שויב. כ'מאַך אויף. עפּעס אַ נפש אין אַ הע"ס. וואָס טריפט אינגאַנצן, ווי אַהערגעיאָגט דורכן שרעקלעכן ווינט, וואָס פייפט און רייסט זיך אַריין אין פענסטער, באַווייזט זיך און פרעגט:

— העי דאָרט, צי קען מען קריגן קאַווע?

— באַלד, באַלד, מע גייט שוין! — שרייט מאַריעט.

זי הייבט זיך אויף פון דער שטול מיט פאַרשטאַרטע אבריוו, רעדט קיין וואָרט נישט, כאַפּט אַ בליק אין שטיקל שפּיגל, מאַכט זיך אַ ביסל צורעכט די האָר, און די דאָזיקע פרוי זאָגט, ווי קיינמאָל גאָרנישט:

— כ'וועל מאַכן קאַווע פאַר אַלע.

ווען מ'האָט אויסגעטרונקען די קאַווע, האָבן מיר אַלע שוין גע- מוזט אַוועקגיין. איבעריקנס, זיינען שוין אַלע מינוט אָנגעקומען קונים.

— העי, מאַמעשי! — האָבן זיי געשריגן, אַריינשטעקנדיק די נאָז דורכן האַלב-אָפענעם פענסטער — מ'עט קריגן אַ ביסל גע- טראַנק! פיר! „און נאָך צוויי" — הערט זיך פון הינטן אַן אַנדער קול.

זיי גייען צו צו מאַריעטן, כדי זיך מיט איר צו געזעגענען. זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז די נאַכט זיינען זיי דאָ געווען אַן אַן ערך איבעריקע; כ'האָב אָבער געזען, אַז זיי ווייסן אַליין נישט, צי ס'פּאַסט וועגן דעם עסק צו רעדן, אָדער צו מאַכן גאָר אַ שווייג.

דער דיקער מאַקעדאָניער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח:

— מ'האָט אייך גוט ג'קאָפּ פאַרדרייט, העך, מאַדאַמעלע?

מיין פאַרשוין האָט דאָס געזאָגט, כדי צו ווייזן, אַז ער איז גוט דערצויגן, דער לץ.

מאַריעט דאַנקט אים, און שטרעקט אים אויס די האַנט.

— גאָרישקייטן. ווילט אייך גוט אויפן אורלויב!

און איך טו זי אַזוי פּעסט אַ נעם אַרום און כ'קוש זי, ווי לאַנג די צייט דערלויבט מיר, אפשר אַ האַלבע מינוט... צופרידן בין איך נישט שטאַרק געווען — גאָט איז מיין עדות, ס'נישט גע-

וּוען צוליב וואָס! — און דאָך יאָ צופרידן, צוליב דעם, וואָס מאַ־ריעט האָט נישט פאַרטריבן די חברה, ווי די הינט. און כ׳האָב אויך געפילט, אַז זי האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ בראַוון מענטש, ווייל איך האָב עס נישט געטון.

— ס׳איז אָבער נאָך נישט אַלץ — זאָגט איינער פון די אורלויבניקעס, אויפהייבנדיק אַ פאַלע פון זיין מאַנטל, און שטעקט אַריין די האַנט אין דער הויזן־טאַש. — ס׳איז נאָך נישט אַלץ. וויפיל קומען מיר אייך פאַר דער קאַווע?

— גאָרנישט. איר האָט די נאַכט פאַרברענגט אונטער מיין דאַך, איר זענט אַלזאָ מיינע געסט.

— ניין, מאַדאַם, דאָס גייט נישט!...

און דאָ הייבט זיך אָן אַ סדרה פון אַנטשולדיקונג און קעגנזייטיקע העפלעכקייטן! גוטער ברודער, מעגסט זאָגן, וואָס דו ווילסט, מען איז נישט מער, ווי אַן עלנדע באַנדע קבצנים, אָבער איך האָב אָנגעקוואָלן פון דער דאָזיקער קליינער סצענע פון ליבלעכקייטן.

— אַן עק, אויפגעשפּילט, גייען מיר, העין?

און זיי גייען אַוועק איינער נאָכן אַנדערן. איך בלייב צום לעצט.

עפּעס אַ נייער גאַסט נעמט ווידער קלאַפּן אין די שויבן: ווידער רוקט איינער אַריין די נאָז נאָך אַ טרינק קאַווע. מאַריעט, דורך דער אָפענער טיר, בייגט זיך אַרויס צו אים און שרייט:

— איין סעקונדע!

דערנאָך גיט זי מיר אין דער האַנט אַריין אַ פּעקל, וואָס זי האָט געהאַט אָנגעגרייט.

— כ׳האָב געקויפט אַ שינקע. ס׳האָט געזאָלט זיין אויף נאַכטעסן פאַר אונדז ביידע, צוזאַמען מיט אַ ליטער פלאַש וויין. ווען איך האָב דערזען, אַז איר זענט פינף, האָב איך, אויף מיין וואָרט, נישט געהאַט קיין חשק אַזוי עס צו פאַרטיילן, און אַצינד אַוודאי און

אדוואי נישט. דאָ האָסטו די שינקע, ס׳ברויט, דעם וויין. כ׳גיב עס דיר, זאָלסט עס אַליין זויפעסן, מיין מאַנעלע. זיי האָט מען שוין גענוג געגעבן! — האָט זי געזאָגט.

— אָרימע מאַריעט — זיפצט עדאָר. — ס׳איז שוין געווען פופצען חדשים, ווי כ׳האָב זי נישט געזען. און ווען וועל איך זי ווידער זען! וועל איך זי נאָך איבערהויפט זען אַמאָל?

ס׳איז גאַנץ אָרנטלעך פון איר זייט, אַזאַ איינפאַל. ז׳האָט מיר אַלץ אַריינגעשטופט אין ברויט-זאַק...

ער עפנט אויף זיין ברויט-זאַק פון גראָבער לייוונט.

— נאַטס, טוטס אַ קוק; אָט איז די שינקע, דאָס פלעשל, און אָט איז דאָס ברייטל. אויב ס׳איז שוין יאָ אַזוי, ווייסט איר וואָס מיר וועלן מיט דעם טון? מיר וועלן זיך דערמיט צעטיילן! נו, חברים יאָטן, וואָס זאָגט איר דערצו?

IX.

# דער גרויסער כעס.

ווען ער איז נאָך צוויי חדשים אָפּוועזנהייט אַן אויסגעהייל־טער צוריקגעקומען פון אורלויב, האָט מען אים אַרומגערינגלט. ער איז אָבער געווען אין זיך פאַרשלאָסן, אַ שווייגנדיקער, און זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל.

— וואָס מאַכט מען עפּעס! וואָלפּאַט, רעדסט גאָרניטש? דאָס איז אַלץ, וואָס האָסט צו דערציילן?

— דערצייל־זשע, אַלטער ביין, ווי ס׳האָט זיך דיר געלעבט אין שפּיטאָל און אויף אורלויב פון דער צייט אָן, וואָס ביסט אַוועק מיט דיינע באַנדאַזשן, מיט דיין איינגעפּעקלטער מאָרדע. דאַכט זיך, האָסט זיך ערגעץ געוואַלגערט אין אַ ביוראָ. רעדט שוין אַרויס אַ וואָרט, צו אַלדע שוואַרצע יאָר!

— כ׳וויל מער גאָרנישט רעדן פון מיין הירייש לעבן — זאָגט צנדלעך וואָלפּאַט.

— וואָס זאָגסטו? וואָס אַזוינס האָט ער געזאָגט?

— אַן עקל נעמט מיך אָן, דאָס זאָג איך! די מענטשן, אַ ברעכן ביייט מיך אָן פאַר זיי, צען מאָל אַ ברעכן, קענסט עס אַלעמען זאָגן.

— וואָס האָבן זיי דיר געטון?

— בהמות זיינען זיי אַלע — זאָגט וואָלפּאַט.

און אַזוי איז ער געשטאַנען, ווי פריער, מיט זיין אַמאָליקן קאָפּ, מיט צוגעוואַקסענע אויערן, מיט בעקלעך, ווי בא אַ טאַטער, אַן

איינגעשפּאַרטער, אין דער מיט פֿון אַ רעדל, וואָס איז געשטאַנען נייגעריק אַרום אים. מען האָט געפֿילט, ווי עס קאָכט אין אים די עמפּערונג און פֿאַרביטערונג און ווייל זיך איבערגעוואַלט אַרויסרייסן פֿון זיין מויל, וואָס איז פֿאַרשלאָסן אין אַ ווידערווייליק שווייגן.

ענדלעך האָבן זיך די ווערטער גענומען אַרויסשפּאַרן. ער האָט זיך אויסגעדרייט — צו דער זייט פֿון טיל — און געדראָט מיט דער פֿויסט דעם אומענדלעכן רוים.

— שוין צופֿיל דאָרט — האָט ער אַרויסגעצישעט צווישן זיינע גרויע ציין — שוין צופֿיל!

און ס'האָט זיך געדאַכט, ווי ער וואָלט דראָען און צוריקשטופּן אַ וואַקסנדיקע מחנה געשפּענסטער.

אַ ביסל שפּעטער האָט מען אים אויף דאָס ניי גענומען אויספֿרעגן. מ'האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז זיין פֿאַרביטערונג וועט נישט לאַנג קענען בלייבן אינעווייניק פֿאַרשלאָסן, און אַז בײַ דער ערשטער געלעגנהייט, וועט דאָס פֿורכטבאַרע שווייגן אויפֿפּלאַצן.

מיר האָבן זיך געפֿונען אין טיפֿן דורכגאַנגס-גרובן, הינטערן פֿראָנט, ווו מיר האָבן זיך, נאָך אַ גאַנצן אינדערפֿרי שאַנץ-אַרבעטן, צונויפֿגעזאַמלט איבערבייסן. ס'האָט געגאָסן אַ שלאַקס-רעגן; מיר זיינען געווען דורכגענעצט, דערדריקט און דערטרונקען דורכן דאַזיקן מבול. מ'האָט געגעסן שטייענדיקערהייט איינער לעבן אַנדערן, אָן אָן אָפּדאַך, אונטערן פֿרייען צעווייקטן הימל. מ'האָט געמוזט אויפֿטון פֿלע-מיני תחבולות, כדי צו באַשיצן דאָס קאָנסערווירטע פֿלייש און דאָס ברויט פֿון גאָס-רעגן, וואָס האָט געשטראָמט פֿון אַלע זייטן, און מ'האָט געגעסן, באַהאַלטנדיק, ווי ווייט מעגלעך, די הענט און דאָס פּנים אונטערן קאַפּטער. דאָס וואַסער האָט געקלאַפּט, ווי אַ האָגל, אונטערגעשפּרונגען און געראָנען איבער די ווייכע קליידער אונדזערע פֿון לייוונט אָדער פֿון טוך און דורכגעדרונגען, טיילמאָל האַסטיק, טיילמאָל בגנבה, ביז אונדזער לייב און אונדזער עסנוואַרג.

די פיס זייבען וואָס אַמאָל מער פאַרזונקען, טיפער זיך איינגע־וואָרצלט אין טייכל, וואָס איז געפלאָסן אויפן באָדן פון אונדזער ליימיקן גרובן.

טייל פנימער האָבן געלאַכט מיט טריפנדיקע וואָנסעס, אַנדע־רע האָבן געמאַכט אַ זויערע מינע באַם אַריינבייס; אין שוואָמיקן ברויט און דורכגעווייקטן פלייש אַריין, און צוליב די רעגנס־טראָפּן, וואָס האָבן באַשפריצט זייער הויט פון אַלע זייטן בײַ דער מינדס־טער באַוועגונג פון זייער דיקן, קויטיקן אויבערמאַנטל.

באַרק, וואָס האָט צוגעדריקט זיין פעלדפלאַש צום האַרץ, האָט געשריגן צו וואָלפּאַטן:

— זאָגסטו, הייסט עס, אַז לויטער בהמות האָסטו געזען דאָרט, פון וואַנען דו קומסט?

— למשל? — שרייט בלער, בשעת אַ שטאַרקער רעגנווינט האָט אַ זעץ געטון און צעשיט און צעשטויבט די ווערטער. — וואָס פאַר אַ מיני בהמות האָסטו דאָס געזען?

— ס'אי דאָ... — האָט אָנגעהויבן וואָלפּאַט — און ווידער־אַרום... ס'אי דאָ איבערגענוג, צום טייוול! ס'אי דאָ...

ער האָט געפּרוווט אַרויסזאָגן, וואָס אַזעלכעס ס'איז דאָ. ער האָט אָבער כסדר איבערגעחזרט: „ס'אי דאָ גענוג"; ס'האָט אים געשטיקט, ער האָט שווער געאָטעמט, און ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ צעיוירענעם ביסן ברויט און גלייכצייטיק אויך אַראָפּגעשלונגען און זיך געשטיקט מיטן צערודערטן בינטל פון זיינע ערינערונגען.

— מיינסט אפשר די אַלע קהילה־גראָבלער, וואָס פּלאָנטערן זיך אַרום?

— אַלץ הייסט געפּלאָנטערט!

ער האָט אַ שליידער געטון איבערן וואָל זיין רעשטל פלייש, און דער דאָזיקער אויסגעשריי, דער דאָזיקער קרעכץ, האָט זיך

מיט אַן אימפּעט אַרויסגעריסן פֿון זײַן מויל, ווי פֿון אונטער אַ זיכערהייט-קלאַפּע.

— דו נעם דיר נישט צום האַרץ די דאָזיקע קהילה-גראַבלער. די אַלטער כּערידניק — עצהט אים באַרק אין אַ שפּאַסיקן טאָן, אָבער נישט אינגאַנצן אָן גאַל. — וואָס וועט דיר דערפֿון אַרויסקומען?

פֿאַרשטעקט און אײַנגעקורטשעט אונטערן געקנייטשטן און נאָכגעביקן דאַך פֿון זײַן צעראַטן קאַפּטערל, וועלכעס דאָס וואַסער האָט באַצויגן מיט אַ גלאַנציקן שיכט, און אויסשטרעקנדיק זײַן ליידיק פֿלעשל אונטערן רעגן אַרונטער, כּדי עס אויסצושווענקען, האָט וואָלפּאַט געוואָרטשעט:

— כ׳בין דאָך נאָך נישט אינגאַנצן משוגע, און כ׳ווייס גאַנץ גוט, מען דאַרף האָבן די פּאַסאַזשירן דאָרט אויפֿן טיל. אַז מען דאַרף דאָרט צו האָבן די שוויצער — מסכּים .. אָבער ס׳איז שוין דאָ צופֿיל און די צופּעליקע זײַנען תּמיד די זעלבע און נישט די ריכטיקע, פֿאַרשטייסט!

נאָך דער דאָזיקער דערקלערונג האָט ער זיך געפֿילט אַ ביסל לײַכטער. זי האָט אַרײַנגעבראַכט אַ שטראַל ליכט אין פֿינסטערן מיש-מאַש פֿון כּעס און שנאה, וואָס ער האָט צו אונדז מיטגעבראַכט. וואָלפּאַט האָט גענומען רעדן אָפּגעהאַקט, דורך די געדיכטע הויפֿנס רעגן:

— באַלד אויף דער ערשטער סטאַציע, וווּ מען האָט מיך אָפּגעשיקט מיט אַ שלעפּ-צוג, האָב איך באַלד געזען און געזען די דאָזיקע טערכענער. און באַלד האָבן זיי אויף מיר גענומען מאַכן אַ שלעכטן אײַנדרוק. אַלערליי אָפּטיילונגען און אונטער-אָפּטיילונגען, דירעקציעס, צענטראַלעס, ביוראָס, גרופּן. אין דער ערשטער צײַט, וואָס געפֿינסט זיך דאָרט. איז אַלע חבֿרה-לײַט, וואָס באַלעגנס דאָרט, איז עס אַלץ באַזונדערע אָפּטיילונגען, מיט גאַנץ באַזונדערע נעמען. קענסט פֿון זיינען אַראָפּ. הערסט, דאָס זאָג איך דיר, דער

וואָס האָט אויסגעקלערט די אַלע נעמען פון די אַלע אַמטן, דער דאָט געהאַט אַ שטאַרקן קאָפּ!

ווונדערסט דו דיך נאָך, אַז כ׳האָב מיר מיט זיי דעם מאָגן פאַרדאָרבן? זיי קריכן מיר שוין פון האַלדז אַרויס, און ווען כ׳גיי עפּעס טון, מוז איך, קעגן מיין ווילן, פון זיי טראַכטן!

— אָ, גוטער ברודער! —איז אונדזער גאַסט ווייטער מעלה-גרה — די אַלע ש׳לאַטן-שמשים, טעלער-לעקערס, וואָס פלאָנטערן זיך און טאַנצן דאָרט אַרום, אויסגעפּוצטע אין היטעלעך און אַפּי-צירן-מלבושים, אין שיינע געשנורעוועטע שיכלעך — בכלל, קוקט זיי ס׳בייז פון די אויגן אַרויס — דאָס עסט איידעלע מאכלים, און ווען ס׳פאַרגלוסט זיך זיי נאָר, באַנעצט מען זיך דעם גומע, וואַשן זיך גיכער צוויי מאָל, איידער איין מאָל, גייען זיך אין קירכע, הערן נישט אויף צו רייכערן, און אין אָוונט קריכט דאָס אונטער די פעדערן אַרונטער און לייענט זיך אַ צייטונג, און די לצים וועלן דערנאָך זאָגן: „כ׳בין געווען אויף דער מלחמה”.

איין זאַך איבערהויפּט איז וואָלפּאַטן געווען אויפפאַלנד און האָט זיך כסדר אַרויסגעריסן פון ווירוואַר פון זיינע איינדריקן:

— די דאָזיקע אַלע זעלבער שלעפּן נישט מיט זיך זייער שיסל-טעפּל און עסן נישט אויף דער קני. זיי ווילן בעסער זיך באַקוועם איינאָרדנען באַ עפּעס אַ גויה אין דאָרף, זיצן זיך באַ אַ טיש עקס-טרע פאַר זיי, ווו זיי פרעסן זיך בנעימות, און די בעל-הביתטע האַלט אין קרעדענץ זייער גאַנץ געפּעס, זייערע קאָנסערוון-שאַכטלען און דעם גאַנצן פרעס-באַרדעל, מיט איין וואָרט, דאָס האָט דאָרט דעם גאַנצן שווילטאָג פון רייכקייט און פרידנצייט אין פאַר-פלוכטן טיל!

וואָלפּאַטס שכן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אונטער דעם גאַנ-רעגן, וואָס איז געפאַלן פון הימל, און זאָגט:

— איז טאַקע אַלץ בעסער פאַר זיי.

— כ׳בין נאָך נישט אינגאַנצן משוגע... — הייבט ווידער אָן וואָלפּאַט.

— מעגלעך ; אָבער ביסט נישט קאָנסעקווענט.

וואָלפּאַט האָט זיך געפילט באַליידיקט פון די ווערטער ; ס׳האָט אים אונטערגעהויבן, מיט כעס האָט ער אַ הייב אויף געטון דעם קאָפּ, און דער רעגן, ווי לויערנדיק אויף אים, האָט אים אַ פּליאַסק געגעבן אין פּנים אַריין.

— וואָס, נישט קאָנסעקווענט ! דאָס געפעלט מיר ! אַזאַ נבלה !

— יאָ, יאָ, הער לעבן — זאָגט ווייטער דער שכן. — כ׳זאָג, אַז דו קאָכסט דיך און דאָך וואָלסטו שטאַרק געוואָלט זיין אויף זייער אָרט, ווי שטאַרק דו קאָכסט דיך.

— גאַנץ זיכער, אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ ראיה, דו מחילה-קאָפּ אײנער ? ראשית, מיר האָבן שוין אַמאָל איבערגעלעבט אַ געפאַר און ס׳וואָלט שוין פאַר אונדז צייט געווען דאָרט זיין. אָבער דאָרט זיינען שטענדיק אײנע און די זעלבע, זאָג איך דיר, און האָסט דאָרט געזונטע יונגען, ווי די אָקסן, פעסטע, ווי אטלעטן. און שוין צופיל איז דאָ דאָרט. זעסט, כ׳זאָג כסדר „צופיל”, ווייל אַזוי איז עס.

— צופיל ! וואָס ווייסטו, דו אַ פּשוטער בשר-ודאָס ? די אַלע אַמטן, ווייסט דען, וואָס דאָס איז אַזוינס ?

— כ׳ווייס טאַקע נישט — זאָגט וואָלפּאַט — אָבער כ׳זאָג...

— מיינסט טאַקע, ס׳איז אַ לייכט עסק צו לאָזן אין גאַנג די גאַנצע מאַשינעריע פון דער אַרמיי ?

— כ׳פייף דערויף, אָבער...

— אָבער וואָלסט געוואָלט דו זאָלסט עס דאָרט זיין, אמת ? — האָט זיך געווייצלט דער אומגעזעצענער שכן, וועלכער האָט, טיף פאַר-שטעקט אונטער זיין קאַפּטערל, אונטערן מבול פון הימל, באַהאַלטן

די גלייכגילטיקייט פון אַן אומרחמנותדיקן פאַרלאַנג וואָלפאַטן אויפֿצורייצן.

— איך קען מיך נישט קערווען — זאָגט דער לעצטער פשוט.

— ס׳זייַנען פאַרהאַן אַנדערע, וואָס קענען עס פאַר דיינעטוועגן —, דערהערט זיך באַרקס איבער־קולעכל. איך האָב איינעם בעקענט...

— איך ווייט אויך פון אַזעלכן! — האָט וואָלפאַט פאַרצווייפלט אַרויסגעזעצט אין שטורעם אַריין. — גראָד נישט ווייט פון פראָנט, כ׳געדענק נישט וו, געפינט זיך אַ לאַזאַרעט און אַן אונטער־אינטענדאַנטור, דאָרט האָב איך געטראָפן אַזאַ העכט.

אַ ווינט האָט זיך פאַרבייגעריסן און אויסגעבריומט אַ פראַגע:

— וואָס איז דאָס?

אין דעם מאָמענט איז אַ ביסל שטילער געוואָרן, און דאָס שלעכטע וועטער האָט דערלאָזט ווי־נישט־איז וואָלפאַטן קומען צום וואָרט:

ער האָט מיך אַרומגעפירט איבער אַלע ווינקעלעך פון דעפאָ, ווי איבער אַ יאַ־יד, און אויף אים אַליין איז אויך געווען צו קוקן, ווי אויף אַ בייז וווּנדער. ער האָט מיך געפירט איבער די קולואַרן, איבער די זאַלן פון די הייזער אָדער צוגאָב־באַראַקן: טיילמאָל האָט ער מיר אויפגעמאַכט, אָדער בלויז געוויזן אַ טיר מיט אַן אויפשריפט איבער איר: „טו נאָר דאָ אַ קוק, און דאָרט זע נאָר!“ מיר האָבן צוזאַמען אַלץ באַזוכט, אָבער ער איז נישט צוריק, אַזוי ווי איך, אין די אָקאָפּעס: קענסט זיין רויק. ער קומט אויך נישט פון דאָרטן, קענסט זיין זיכער. ווען כ׳האָב דעם דאָזיקן ס׳ערשטע מאָל דערזען, האָט ער זיך גאַנץ געלאַסן שפּאַצירט איבערן הויף. „דאָס איז די געוויינטלעכע דינסט“, מאַכט ער צו מיר. מיר האָבן זיך אַ ביסל צעשמועסט. צומאָרגנס איז ער שוין מיינער אַן אָרדינאַנס. אַזוי־ערגאַץ זיך אַרויסצודרייען פון אָקאָפּן, ווייל מיינער פאַר

שטייסטו מיך, איז שוין זינט אָנהייב מלחמה אָן פאַרשריבן צום פראָנט.

בײַ דער שוועל פון דער טיר, ווי ער האָט זיך איטלעכן אָוונט אויסגעבעט אַ ווייך געלעגער, האָט ער געפּוצט די שטיוול פון זיין זייד-מאַלפּע: אַ פּאָר געלע שטיוול צום שפּיגלען זיך. ר׳האָט זיי באַצויגן מיט פּאַסטע און זיי באַגילדט, זאָג איך דיר. כ׳בין אַ רגע שטיין געבליבן. האָט מיר מיינער דערציילט זיין געשיכטע. אָבער פון דעם גאַנצן געבריי געדענק איך פּונקט אַזוי פיל, ווי די געשיכטע פון פראַנקרייך, וואָס כ׳האָב געלערנט אין שול. קיינמאָל, הערסטו, איז ער נאָך נישט געווען אויפן פראָנט, כאָטש ער געהערט צום דריטן יאָרגאַנג און איז, הערסטו, אַ פעסטער יונג. געפאָרן, מאַטערניש, די אַלע מלחמה-אויסשטייעניש — דאָס איז נישט פאַר זיינעטוועגן, דאָס איז גוט פאַר אַנדערע. ער האָט געוווּסט, אַז טאָמער כאַפּט אים דער פראָנט איינמאָל אַריין צו זיך, וועט ער אים שוין מער נישט אַרויסלאָזן, איז ער טאַקע געקראָכן פון דער הויט, כדי צו בלייבן אויפן אָרט. מ׳האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען, כדי אים צו כאַפּן אויף דער וועגטקע, אָבער דאָס אַלץ האָט זיך נישט איינגעגעב. ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון די לאַפּעס פון אַלע מיני קאַפּיטאַנען, מאַיאָרן און פּאָלקאָווניקעס, וועלכע האָבן זיך געהאַט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויף אים פאַרנומען. ער האָט מיר דאָס דערציילט. וואָס פלעגט ער מאַכן? ער זעצט זיך אַוועק אויפן אונטערשטן חלק און קוקט תמעוואַטע סתם אין דער וועלט אַריין. מיינער דרייט זיך צונויף, ווי אַ וואָרשטל, און ליגט אַזוי, ווי אַ פעקל ברודיק גרעט. „כ׳פיל עפּעס אַן אַלגעמיינע אָפּשוואַכונג" — קרעכצט ער אַרויס. מ׳האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי דעם לץ אָנצוטאַפּן, און נאָך אַ געוויסער צייט, האָט מען אים געלאָזט געמאַכט, ביז אַלעמען איז נמאס געוואָרן. אָט אַזוי פלעגט ער מאַכן. אַלעמאָל מאַכט ער דאָס אויף אַן אַנדערן אופן, פאַרשטייסטו מיך, לויט די אומשטענדן. אַמאָל טוט אים גאָר וויי אַ פוס, וואָס איז געזונט, ווי אַ

קלאָץ. חוץ דעם, האָט ער זיך געקענט קערווען, געוווסט אַלע קונצן און דרכים. הערסט א דריי־קעפּל, וואָס קען אַלעמען פאַרדרייען! שטילער־הייט, ווי אַ מייזל, פלעגט ער זיך אַריינריקן צווישן אַן אָפּטיילונג, ווו מען איז זיכער מיט די ביינער, און בלייבט דאָרט זיצן, קיינעם נישט אויף די אויגן, און אפילו אַנגעלייגט אַ סך מי, אַז חברה זאָל זיך אָן אים נישט קענען באַגיין. מיינער שטייט אויף דריי אַ זייגער פאַרטאָג און גרייט צו קאַווע, לויפט נאָך וואַסער, בשעת די אַנדערע רייבן אַ סעודה; בכלל, אומעטום, ווי מיינער דרייט זיך נאָר אַריין, ווערט ער באַלד אַן אייגענער, מיין נעבעכדיקער פאַרשוין, דער חזיר־ווייבדל! ר׳האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַבי נישט יענץ! ער איז מיר פאָרגעקומען, ווי איינער, וואָס לייגט אוועק אַזוי פיל כוח און שוויס צו פאַבריצירן אַ פאַלשן פופציק־פראַנק־שטיק, וואָס באַ אַן ערלעכער מלאכה וואָלט ער דערביי פאַרדינט הונדערט.

אָבער איינס: מיינער וועט שוין אַרויס מיט די ביינער. אויפן פראָנט וואָלט ער געוואָרן מיטגעריסן מיטן גאַנצן הו־האַ, אָבער אַזוי נאָר איז ער נישט. ער לאַכט אין די פויסטן אַריין פון די, וואָס נעמען זיך צום האַרץ אויף אונדזער ערד, און וועט נאָך מער לאַכן פון זיי, ווען זיי וועלן ליגן אין דר׳ערד. און ווען אַלע וועלן זיך אויפהערן צו קוילן, וועט ער אויך אַהיימגיין. ער וועט זאָגן צו זיינע פריינט און באַקאַנטע: „אָט בין איך דאָ גאַנץ און געזונט", און זיינע פריינט וועלן זיין צופרידן, ווייל סך־הכל איז ער אַ ווילער יאַט, מיט אַ פיינער באַנעמונג, אַזוי גרויס חזיר־קאָפּ, ווי ער איז, און — אַזוי גרויס נאַר, ווי ער איז — דאָך קריגסטו ליב דעם דאָזיקן יאַלד מיט סטענגעס.

און מיין נישט אַמאָל, אַז דאָס איז דער איינציקער גאַסט פון דעם מין: האָסט די חיות גאַנצע מחנות אין יעדן דעפּאָ, און דאָס דרייט זיך און פּלאָנטערט זיך, דער טייוול ווייסט ווי אַזוי און ס׳ירדט בשום אופן נישט פון אָרט: „כ׳גיי נישט" — און פּטור.

און די גייען טאַקע נישט, און קיינער אין דער וועלט וועט זיי דיר נישט דערשטופּן ביז צום פראָנט.

— דאָס אַלץ איז נישט קיין נייעס — זאָגט באַרק — מיר וויסן עס, מיר ווייסן.

— קאַנצעליאַריעס זיינען דאָ! — זאָגט ווייטער וואָלפּאַט אין ברען פון זיין דערציילן. — גאַנצע הייזער, גאַסן, גאַנצע קוואַר-טאַלן. איך האָב בלויז געזען אַ קליין ווינקל פון טייל, איין פּונקט בלויז, און עס שטעקט מיר שוין אָט וווּ. ניין, כ'וואָלט קיינמאָל נישט געקענט גלייבן, אַז אין מלחמה-צייט זאָלן זיין אַזוי פיל בענקלעך-קוועטשער...

פון דער ריי האָט זיך אַרויסגערוקט אַ האַנט און געטאַפּט אין דער לופטן.

— די יויך האָט אויפגעהערט צו רינען...

— ט'מען טאַקע באַלד גיין. עסט זען...

ווירקלעך, מ'האָט אויסגערופן:

מאַרש!

דער מבול האָט אויפגעהערט. מיר זיינען געגאַנגען אין אַ לאַנגע שורה דורך דער שמאָלער קאַלוזשע, וואָס האָט זיך אָפּגע-שטעלט אויפן גרונט פון גרובן, און וווּ עס זיינען מיט אַ ווייל-פריער, נאָך אַריינגעפאַלן דיקע רעגן-טראָפּנס.

אין געטומל פון אָפּמאַרש און אין גערויש פון טריט און וואַסער, האָט זיך ווידער דערהערט וואָלפּאַטס קול.

כ'האָב עס געהערט, זיך צוקוקנדיק צו עפּעס אַ נעבעכדיקן דורכגעווייקטן מאַנטל, וואָס האָט זיך מיר באַוועגט פאַר די אויגן.

דאָס מאָל האָט וואָלפּאַט אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ אויף די זשאַנדאַרמען.

— וואָס מער דו דרייסט זיך אויס מיטן רוקן צום פראָנט, אַלץ מער וואַרפן זיי זיך דיר אין די אויגן.

— זיי האָבן נישט דאָס זעלבע שלאַכט-פעלד, וואָס מיר.

טילאַק האָט געהאַט צו זיי אַן אַלטע שנאה.

— וואָלסט געמעגט זען — זאָגט ער — ווי אין לאַגער לאָזן זיך די חברה־לייט פאָרויס, כדי זיך אויפצוזוכן די בעסטע סטאַנציע און ס'בעסטע עסן. און דערנאָך, ווען זיי האָבן זיך שוין אָפּגעפּאַר־טיקט מיט דער מאָגן־זאָרג, נעמען זיי זיך צו דער היימישער אַרבעט. קענסט זיי זען, ווי זיי לויערן פאַר דער טיר פון יעדן דאָרפס־הייזל, אפשר פּאַקן זיי אַמאָל אַרויסגיין פון דאָרט אַ בגילופנדיקן זעלנער, וואָס וואַקלט זיך אַ ביסל אויף רעכטס און אויף לינקס און באַלעקט זיך די וואָנסעס.

— ס'איז דאָ עפּעס רעכטס אויך: כ'קען איינעם פון מיין געגנט, פון קאָט-ד'אָר, פון וואַנען כ'שטאַם אַרויס.

— שווייג שוין בעסער — האַקט אים איבער טילאַק געבי־טעריש. — איינער איז ווערט דעם צווייטן. נישטאָ עפּעס רעכטס צווישן זיי.

— יאָ, זיי זיינען גליקלעך — זאָגט וואָלפּאַט. — אָבער מיינסט אפשר, אַז זיי זיינען צופרידן? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן... זיי באַקלאָגן זיך נאָך.

באַלד פאַרטייטשט ער:

— כ'קען איינעם, וואָס האָט זיך באַקלאָגט. עס איז אים נמאס ומאוס געוואָרן די טעאָריע: „ס'האָט נישט קיין צוועק צו קנעלן די טעאָריע — האָט ער געזאָגט — יעדע רגע האָסטו אַ נייע. בעם, למשל, ס'מיליטער-געריכט; לערנסט דיך אויס דאָס וויכטיקסטע קאַ־פּיטל, דערנאָך ווערט גאָר עפּעס אַנדערש. אַ, ווען וועט שוין אַמאָל די דאָזיקע מלחמה אַ סוף נעמען?" — האָט ער געזאָגט.

— די מענטשן טון דאָס, וואָס מ'הייסט זיי טון — זאָגט פון אַ זייט עודאָר.

— אַוודאי! אייגנטלעך איז עס גאָר נישט זייער שולד. פונ־

דערסטוועגן קען מען זאָגן, אַז די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע זעלנער, מיט פּענסיע און אָפּצייכנונגען — מיר זיינען דאָך נאָר פּשוטע ציוויליסטן — האָבן אַן אייגנאַרטיקן אופן מיטצומאַכן די מלחמה.

דאָס דערמאַנט מיך איינעם אַ וואַלד־וועכטער, וועלכן כ'האָב אויך דאָרט דערקענט — זאָגט וואָלפאַט, — וואָס האָט כּסדר פּאַרדרייט מיט דער נאָז צוליב די אַרבעטן, וואָס מ'האָט אים אָנגעוואָרפן באַם מיליטער. „ס'איז אַ געמיינהייט — מאַכט ער צו מיר, — וואָס מען לאַכט פון אונדז. מיר זיינען דאָך אַלטע אונטעראָפיצירן, זעלנער, וואָס האָבן הינטער זיך ווינציקסטנס פיר יאָר דינסט. מע גיט אונדז טאַקע, אמת, אַ הויכן לוין, אָבער וואָס קומט דערויס? מיר זיינען אָנגעשטעלטע! אָבער מען דערנידעריקט אונדז. אין דער הויפּטקוואַרטיר מוזן מיר אויסקערן די אָפּפאַלעכצער. די ציוויליסטן קוקן זיך צו, ווי מע באַהאַנדלט אונדז און פאַרלירן יעדע אַכטונג צו אונדז. און טאָמער מאַכסטו אַ קרומע מינע, גוט מען דיר באַלד אָנצוהערן, אַז מע וועט דיך שיקן אין די אָקאָפּעס, ווי דעם ערשטן בעסטן אינפאַנטעריסט, וואָס דאָס ווערט אָן אונדזער פּרעסטיזש! ווען מיר וועלן זיך אומקערן אַהיים אַלס וואַלד־וועכטער נאָך דער מלחמה — אויב מע וועט זיך בכלל אומקערן פון דער מלחמה — וועלן לייט פון שטעטל אָדער פון וואַלד זאָגן: אַהאַ, איר זענט דאָס געווען אַ גאַסנקערער אין X...?” כּדי צו דערהייבן צוריק אונדזער כּבוד, וואָס איז פאַרשוועכט געוואָרן דורך אומגערעכטיקייט און אומדאַנקבאַרקייט פון די מענטשן, ווייס איך גאַנץ גוט — האָט ער געזאָגט — וועט מען כּסדר מוזן מאַכן פּראָטאָקאָלן און פּראָטאָקאָלן, און נישט סתם פּראָטאָקאָלן, נאָר אַפילו קעגן די רייכע און מעכטיקע! — האָט ער געזאָגט.

— איך — זאָגט לאַמיז — איך האָב געזען אַן אויפריכטיקן זשאַנדאַרם. בכלל — האָט ער געזאָגט — איז דער זשאַנדאַרם אַן ערנטלעך מענטשל. אומעטום זיינען אָבער דאָ געמיינע פאַרשוי-

נען, וואָס, נישט? אויפן בעל־הבתישן מענטש וואַרפט אָן דער זשאַנדאַרם אַ פּחד, דאָס איז אַ פֿאַקט — האָט ער געזאָגט — און, כ׳מוז טאַקע מודה זיין, אַז טייל מיסברויכן טאַקע דאָס און — מערסטנטיילס איז עס דאָס פּסולת פֿון דער זשאַנדאַמעריע — זיי הייסן זיך מכבד זיין מיט אַ גלעזל. ווען איך בין אַזוי שעף, אָדער וואַכמייסטער, וואָלט איך זיי שוין גענומען אין דער קלעם, און נישט אַ ביסל — מאַכט ער — ווייל די עפנטלעכע מיינונג — מאַכט ער ווייטער — וואַרפט אַרויף באַלד דעם חטא פֿון איין איינציקן זשאַנדאַרם אויפן גאַנצן פאַך אונדזערן.

— איך — זאָגט פּאַראַדיז — האָב געהאַט דעם ערגסטן טאָג אין מיין לעבן, ווען כ׳האָב איינמאָל סאַלוטירט אַ זשאַנדאַרם, אָננעמענדיק אים פאַר אַן אונטער־לייטנאַנט, צוליב זיינע ווייסע אַקסל־בענדער. צום גליק (איך זאָג עס נישט, כדי זיך צו טרייסטן, נאָר ווייל עס איז אפשר טאַקע דער אמת), צום גליק, דאַכט זיך מיר, האָט ער מיך נישט געזען.

אַ שווייגן.

— יאָ, אַזוי איז עס — מורמלען עטלעכע. — אָבער וואָס קען מען זיך העלפֿן? מען דאַרף זיך נישט נעמען צום האַרצן.

* *
*

אַ ביסל שפּעטער, ווען מיר זיינען געזעסן לענגאויס אַ וואַנט, אָנגעלענט אָן די שטיינער, מיט די פֿיס פעסט פאַרגראָבן אין דער ערד, האָט וואָלפּאַט ווייטער גענומען אויספּאַקן זיין פּעקל דערינערונגען.

— כ׳קום אַריין אין אַ זאַל, וואָס דאָרט איז געווען עפּעס אַ בירזאָ פֿון דעפּאָ, די ביכפירונג, שיינט מיר. ס׳האָט דאָרט געווימלט פֿון טישן. אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, ווי אויף אַ טאַרג. אַ מבול פֿון

ווערטער. לעגגייס די ווענט, פון יעדער זייט און אין דערמיט, זייַנען פאַרשוויגען, יעדער לעבן זיין קרעמל, ווי הענדלער פון אַלט פּאַפּיר. כ'האָב געהאַט אָנגעגעבן אַ ביטע מע זאָל מיך צוריקשיקן אין מיין פּאָלק אַריין, און מ'האָט געזאָגט: „טו דיר אַליין אַן עצה און באַמי דיך אַליין וועגן דעם". וועגד איך מיך צו עפּעס אַ סערזשאַנט, אַ פּראַנצעוואַטע בחור, פריש־צאַפּלדיק, מיט אַ גאָלדענער פּענסנע, זוי צום פּוץ. ער איז נאָך געווען זייער אַ יונגעטשקער, נאָר זייענדיק אַ פרייוויליקער, האָט ער געהאַט דאָס רעכט בישט צו גיין אויף פראָנט. „סערזשאַנט", זאָג איך צו אים. אָבער ער הערט מיך אַפילו נישט, ווייל ער האָט גראָד אָנגעסליקט עפּעס איינעם אַ שרייבערל: „ס'איז דאָך נישט אויסצוהאַלטן מיט אייך, מיין פריינט — האָט ער געזאָגט: — שוין צוואַנציק מאָל האָב איך אייך געזאָגט, אַז איינס מוז מען אויספילן צום דערליידיקן דעם עסקאַדראָן־שעף, דעם אויבער־ריכטער פון קאָרפּוס, און איינס אַלס מעלדונג, אָן אונטערשריפט, פאַרן מיליטער־געריכט אין אַמיען און פאַר די וויכטיקסטע צענטרן פון ראַיאָן, פון וועלכע איר האָט אַ רשימה — פאַרשטייט זיך, אויפן אַדרעס פון ראַיאָנעם געגעראַל־קאָמענדאַנט. ס'איז דאָך אַזוי איינפאַכיק" — זאָגט ער צו אים.

טרעט איך צוריק אויף דריי טריט און וואַרט ביז ער וועט זיך אָפּפאַרטיקן מיט דער לעקציע. אין פינף מינוט אַרום גיי איך ווידער צו צום סערזשאַנט. מאַכט ער צו מיר: „מיין פריינט, כ'האָב נישט קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט אייך, כ'האָב גענוג אַנדערע זאַכן אויפן קאָפּ". און אין אמתן, ער האָט זיך צוועקגעזעצט אַ צעטערנצלטער פאַר זיין שרייבמאַשין, דער חמור־קאָפּ, ווייל ער האָט פאַרגעסן — זאָגט ער — אָנצודריקן אויף דעם קלאַוויש פון די גרויסע בוכשטאַבן, און אָנשטאָט אונטערצושטרייכן דעם איבערשריפט פון זייטל, איז בא אים אַרויסגעקומען, בלויז 8 אונטער דער ליניע. דאָ האָט ער שוין גאָרנישט געהערט און בסדר געגעבן אין

טאשן אריין די אמעריקאנער, ווייל זיין שרייבמאשין האט פון זיי
געשטאמט.
דערנאך האט ער זיך גענומען וואשן צו עפעס אן אנדערן
יאלד, ווייל אין דער רשימה פון דער קארטן-פארטיילונג — זאגט
ער — האט מען נישט אריינגעשטעלט די אפראוויזאציע-אפטיילונג,
די סטאדע בהמות און די אדמיניסטראטיווע אפטיילונג פון דער
328-טער אינפ.-דיוויזיע.
אין א זייט האט זיך איינער פארעקשנט און דווקא געוואלט
אפציען פון העקטאגראף מער עקזעמפלארן, ווי ס'לאזט זיך, און
ער האט געשוויצט און געהארעוועט, און ס'איז בא אים ארויסגעקו-
מען שטיקלעך שמות, וואס קיינער האט נישט געקענט איבער-
לייענען. אנדערע ווידער האבן געשמועסט צווישן זיך: „ווו זיינען
די פאריזער פעקלעך?" פרעגט זיך אן עלעגאנטער הער. חוץ דעם,
רופן זיי נישט די זאכן מיטן אמתדיקן נאמען: „זאגט מיר, זייט
אזוי גוט, וואסערע עלעמענטן זיינען איינגעקוואטירט אין X...
— עלעמענטן? — וואס איז דאס פאר א לשון? — זאגט וואלפאט.
באם עק פון גרויסן טיש, ווו ס'זיינען געזעסן די חברה-לייט,
וואס כ'דערצייל אייך, צו וועלכע כ'בין צוגעגאנגען און ווו, אויבנאן
פאר א פאק פאפירן עס האט זיך געהיצט דער סערזשאנט און גע-
געבן באפעלן (ער וואלט כ'לעבן געמאכט בעסער א ביסל ארדנונג),
אין געזעסן עפעס א נפשל, וואס האט בכלל גארנישט געטון, און
געפויקט מיט די פינגער אויפן לעש-פאפיר. דער פארשוין האט גע-
האט פאר אן ארבעט אויסצושרייבן אורלויבן, און אזוי ווי דער
גרייסער אנגריף האט זיך געהאט אנגעהויבן, און די אורלויבן זיינען
געווארן אפגעשטעלט, האט ער נישט געהאט וואס צו טון: „פיין
האט ער פאסמאקעוועט.
און דאס איז ערשט איין טישל אין איין זאל, אין איין שטאט,
אין איין דעפאָ. כ'האב געזען נאך און נאך, וואס אמאל מער

כ׳געדענק אַליין נישט וויפיל, מע קען משוגע ווערן, זאָג איך אייך:

— זיי האָבן געהאַט עפּעס אָפּצייכנונגען אויך?

— דאָרט נישט קיין סך, אָבער אין די אַמטן, אין דער צווייטער ליניע, דאָרט האָבן זיי אַלע: דאָרט געפינסטו גאַנצע קאָלעקציעס, גאַנצע מענאַזשעריעס מיט אָפּצייכנונגען.

— דאָס שענסטע, וואָס כ׳האָב געזען, אַז מ׳רעדט שוין יאָ פון אָפּצייכנונגען, — זאָגט טילאַק — איז געווען אַן אויטאָמאָביל־שאָפער, איינגעצן אָנגעטון אין אַ מין אַטלאַס־שטאָף, מיט שפּאָגל־נייע אָפּצייכנונגען און אין ענגלישן אָפיציר־לעדער, און סך־הכל איז ער געווען אַ זעלנער פון צווייטן קלאַס. איז ער זיך אַזוי געזעסן מיטן פינגער אויף דער באַק, מיטן עלנבויגן אָנגעלענט אויפן דאָזיקן הערלעכן וואָגן, מיט שפּיגלען אַרום, ווו ער איז בלויז געווען דער באַדינער. וואָלסט פאַרכאַפּט געוואָרן. ט׳זיך אויסגעפּוצט די פּיסלעך, אָבער אַזוי, שיק.

איינגאַנצן אַזוי ווי דאָס זעלנערל, וואָס זעסט אויסגעמאָלט אין די פרויען־זשורנאַלן, אין די קליינע געמבזרטע זשורנאַלן.

איטלעכער האָט זיך זיין דערינערונג, זיין אייגענע ליגנט איך דער אַזוי פיל מאָל איבערגעקייעטער טעמע פון די „אויסדרייער", און אַלע בעמען אויסגיסן זייער שווער האַרץ, און ריידן איניינעם. דאָס נעפּילדער בעמט אונדז אַרום צופּיסנס דער קאָלטער וואַנט, ווו מיר זיצן איינגעקאָרטשעט, ווו פעקלעך; פאַר אונדז ציט זיך אַ קויטיק, אויסגעטרעטן, גרוי פעלד, און אָפּגעשווענקט דורכן רעגן.

— ... דער האָט זיך זיינע מלבושים באַשטעלט באַם נאָדל־שטעכער, אָנשטאָט צו קריגן פון מיליטער־מאַגאַזין.

— ... צום ערשט איז ער אַ פּלאָקן באַ דער וועג־דינסט, דער־נאָך אין בעקעריי, שפּעטער ציקליסט באַם פּראָוויאַנט־אַמט פון דער XI־טער גרופּע.

— ...יעדן אינדערפרי האָט ער אָפּצוטראָגן אַ פּעקל בריוו אין אינטענדאַנטור, אין שיס-ביוראָ, אין בריק-אָפּטיילונג, און אין אָוונט — צו דער דיוויזיע-אַרטילעריע און פעלד-אַרטילעריע, און שוין.

— ...ווען כ׳בין צוריקגעפאָרן פון אורלויב — דערציילט מיר דער דאָזיקער אָרדינאַנס — האָבן אונדז די ווייבער צוגערופן אויף אַלע באַן-איבערגאַנגען.

— זיי האָבן אייך געהאַלטן פאַר זעלנער — מאַך איך צו אים...

— ...אַזוי — זאָג איך — זענט איר, הייסט עס, אויך איינגעצויגן! — זאָג איך. — פאַרשטייט זיך — מאַכט ער צו מיר — איך האָב דאָך געמאַכט אין אַמעריקע אַ רעפּעראַטן-טורנע, מיט אַ מיסיע פון מיניסטער. דאָס הייסט אפשר באַ אייך נישט דינען? איבעריקנס, מיין פריינט — מאַכט ער צו מיר — צאָל איך נישט קיין דירה-געלט, בין איך דאָך, הייסט עס, אַ מאָבליזירטער.

— און איך...

— צום סוף — האָט אויסגעשריגן וואָלפּאַט, וואָס מיט זיין אויטאָריטעט פון אַ נאָר-וואָס צוריקגעקומענעם האָט ער אַלע שטיל געמאַכט — צום סוף האָב איך מיט איין שאָס געזען די גאַנצע באַנדע באַם פרעסן. צוויי טעג דורכאַנאַנד בין איך געווען געהילף-קוכער אין עפּעס אַ גרופּע, ווייל מ׳האָט דאָך מיך נישט געקענט לאָזן ליידיקגיין, בשעת כ׳האָב געוואַרט אויף אַן ענטפער, און דער ענטפער האָט זיך גאָרנישט געאיילט צו קומען, ווייל כ׳האָב צוגעלייגט אַ צווייטע ביטע און נאָך אַ ביטע, און דאָס אַלץ וואַנדערט אַזוי אַהין און צוריק און ליגט זיך אויס אין יעדער ביוראָ.

בקיצור, כ׳בין געווען טאָפּ מייסטער אויף דער דאָזיקער חתונה. איינמאָל האָב איך דערלאַנגט ס׳עסן, ווייל דער הויפּט-קוכער איז נאָר-וואָס געווען צוריקגעקומען פון זיין פירטן מאָל אורלויב, און איז געווען מיד. יעדעס מאָל, אַלזאָ, ווען כ׳בין אַריין אין

עס-צימער, וואָס האָט זיך געפונען אין דער פּרעפעקטור, האָב איך געזען און געהערט די דאָזיקע חברה־לייט, און דאָס וואַרעמע, ליכטיקע גערויש איז געפּלאַצט גלייך אין פּרעסער אַריין. — בלויז הילפסדינסט-פליכטיקע זיינען דאָרט געווען, דאָך ווי-נישט-ווי — אַ שפּאָרע צאָל פעלד-דינסט-פעיקע: מערסטנטיילס אַלטע ביינער, אָבער אויך אַ פּאָר יונגע.

כ׳האָב געמוזט פשוט קייכן, ווען איינער פון די לאַפּסעהדראַקעס האָט געזאָגט: „מע מוז פאַרמאַכן די לאָדן, וועט זיין פאָרזיכטיקער". הערסט, מיר האָבן זיך געפונען אויף אַ מהלך פון אפשר צוויי הונדערט קילאָמעטער פון דער פייער-ליניע, נאָר דער דאָזיקער פראַנצעוואַטער נפש האָט געוואָלט עמעצן איינרעדן, אַז עס איז דאָ אַ געפאַר מען זאָל נישט באָמבאַרדירן פון אַעראָפּלאַנען.

— אָט האָב איך אַ שוועסטערקינד — זאָגט טיכלואַר, זוכנדיק אין די קעשענעס — שרייבט ער מיר... — נאַדיר, אָט וואָס ער שרייבט: „טייערער אַדאָלף, אָט בין איך שוין אַנטגילטיק איינגעפונדעוועט אין פּאַריז, צוגעטיילט צום קעסטל № 60, און בשעת דו ביסט דיר דאָרט ערגעץ, בלייב איך אין דער הויפּטשטאָט, אויסגעשטעלט פאַר „טויבן" און צעפּעליגען!".

— כאַ, כאַ! הי, הי!

דער דאָזיקער זאַץ צעשפּרייט אַ זיסע פרייד, און מען פאַרדייעט אים, ווי אַ נאַשערײ.

— דערנאָך — זאָגט ווייטער וואָלפּאַז — האָב איך נאָך מער געלאַכט בײַ דער סעודה פון די דאָזיקע העלדן. ס׳מיטאָג איז געווען נישקשהדיק: פיש, ס׳איז גראָד געווען פרייטיק; אָבער צוגעגרייט, ווי „סאָל מאַרגעריט" און ווייס איך וואָס נאָך? אָבער אַ גערעדעכץ איז דאָרט געגאַנגען...

— זיי רופן דאָס „באַיאָנעט ראַזאַלי", אמת?

— יאָ, די לייכטע קעפּ. נאָר בשעתן מיטאָג, רעדן די הערן דערהויפּט וועגן זיך גופא. איטלעכער, ווילנדיק זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַרוואָס ער איז דאָ און נישט ערגעץ אַנדערש, האָט עפּעס גערעדט; גערעדט האָט מען וועגן קלאָץ, בווידעם, עסנדיק דערביי, ווי מענטשן-פֿרעסער, אָבער סוף-כּל-סוף האָט מען דאָס געמיינט: „איך בין קראַנק, אָפּגעשוואַכט בין איך, אַ חורבה בין איך; איך, איך בין תּמעוואַטע. זיי האָבן אין זיך אויסגעזוכט כּלע-מיני קראַנקהייטן, און אויסגעבייטלט זיי איינער דעם צווייטן: „כ'האָב געוואָלט גיין אין מלחמה, אָבער כ'האָב די קילע, צוויי קילעס, דריי קילעס. אָ! ניין, אַזאַ מין מענה-לשון! „די צירקולאַרן, אין וועלכע ס'זאָגט זיך, אַז אַלע מעגן גיין אויפֿן פֿראָנט — דערקלערט איין לץ — זיינען פּונקט דאָס זעלבע, וואָס אַ טעאַטער-שפּיל; ס'איז שטענדיק דאָ — זאָגט ער — אַ לעצטער אַקט, וואָס ברענגט שוין אַריין אָרדנונג אין גאַנצן מיש-מאַש. דער דאָזיקער דריטער אַקט איז דער פּאַראַגראַף: „...אַחוץ ווען אַ דינסט-נויטווענדיקייט דערלאָזט דאָס נישט...” איינער פֿון זיי דערציילט אַזאַ מעשה: „כ'האָב געהאַט דריי פּריינט, פֿון וועלכע כ'האָב געהאַט אַמאָל אַ שטיקל טובה; כ'האָב מיך געוואָלט ווענדן צו זיי, איז אָבער איינער נאָכן צווייטן אומגעקומען, נאָך איידער כ'האָב אָפּגעגעבן מיין ביטע. דאָס הייסט — זאָגט ער — שלימ-מזל!”. אַן אַנדערער ווידער דערציילט אַן אַנדערן, אַז ער אַליין האָט שוין געהאַט שטאַרק חשק צו גיין אויפֿן פֿראָנט, נאָר דער באַטאַליאָן-דאָקטאָר האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און מיט געוואַלט אים איינגעהאַלטן ער זאָל בלייבן אין הילפֿס-דינסט. אַלזאָ — זאָגט ער — האָב איך רעזיגנירט. איבעריקנס, וועל איך מער נוצן ברענגען דעם פֿאָטערלאַנד, אָפּגעבנדיק אים מיין אינטעליגענץ, ווי כ'וואָלט געטראָגן דעם רוקנזאַק”. און איינער פֿון דער זייט רופֿט זיך אָן: „יאָ”, מיט זיין אויסגעצקראָכענעם שאַרבן. אוודאי איז ער באַשטאַנען צו זיין אין באָרדאָ אין מאָמענט, ווען די דייטשן האָבן

זיך דערנענטערט צו פּאַריז, און באָרדאָ איז דאַמאָלס געווען אין דער מאָדע, אָבער דערנאָך האָט ער זיך גאַנץ געשמאַק אומגעקערט קיין פּאַריז, און דאַמאָלס האָט ער אומגעפער אַזוי געזאָגט: „איך בין נוצלעך פראַנקרייך מיט מיין טאַלענט, און איך מוז אים אומבאַדינגט אָפּהיטן פאַר פראַנקרייכס וועגן".

דערנאָך האָבן זיי גענומען רעדן פון אַנדערע, וואָס זיינען דאָרט נישט געווען: פון קאָמענדאַנט, וואָס ווערט וואָס אַמאָל אומדערטרעגלעכער, און אויפגעוויזן דערביי, אַז וואָס נאַרישער ער ווערט, אַלץ שטרענגער ווערט ער; פון עפּעס אַ גענעראַל, וואָס פּלעגט מאַכן אומגערעכטע רעוויזיעס, מיטן צוועק צו פּאַקן די ארויסדרייער, און וועלכער ליגט שוין זינט אַכט טעג קראַנק אין בעט. „ער וועט געוויס שטאַרבן; זיין צושטאַנד לאָזט נישט מער די מינדעסטע אומרויקייט" — האָבן זיי געזאָגט, רויכערנדיק פּאַפּיראָסן, וואָס קומען פון די היגע מקומות און דעפּאָ פאַר די פראָנט-זעלנער. ווייסט — דערציילט איינער — דער קליינינקער פּראַזי, וואָס איז אַזאַ געצאַצקעט מענטשעלע, אַזאַ מלאכל, ער האָט ענדלעך געפונען אַ זיכער אָרט, ווו ער וועט שוין פאַרבלייבן: מ'האָט געדאַרפט אַ קייטער אין שעכט-הויז, און ער האָט זיך דאָרט אַריינגעקוועטשט דורך פּראָטעקציע, כאָטש ער איז סטודענט פון רעכט און איז אַ שרייבער באַ אַ נאָטאַריוס. און פלאַנדירנס זון איז געלונגען צו ווערן אַ שאָפיי-אַרבעטער. — ער, אַ שאָסיי-אַרבעטער? גלייבסט, אַז מ'וועט אים דאָרט לאָזן? — גאַנץ געוויס — ענטפערט איינער פון די חמולים, — באַם שאָסיי, דאָס איז אויף אַ לענגערע צייט...

— דאָס הייסט אַ רעשטל בהמות — זאָגט ביין מאַרטעראָ.

— און אַלע האָבן זיי מקנא געווען, כ'ווייס נישט צוליב וואָס, עפּעס איינעם מיטן נאָמען בורען: „פריער האָט ער געמאַכט אַ לעבן אויפן פּאַריזער גרויסן שטייגער: געפרישטיקט און געמיטאָגט אין שפּאָט, געמאַכט אַכציק וויזיטן איבערן טאָג. אריומגעפּליאַדערט אין

די סאָלאָנען פון פייף-אָקלאָק ביז באַגינען, געווען אומדערמידלעך צו פירן קאָטיליאָנען, אָרגאַניזירן בעלער, אַראָפּשלינגען טעאַטער-שטיקער, שוין אָפּגערעדט פון אויטאָ-פאָרן, און דאָס אַלץ מיט שאַמ-פּאַניער. נאָר אָט ברעכט אויס די מלחמה. דאָ איז שוין אונדזער אָרים בחורל נישט פעיק אין אָוונט צו וואַכן אין אַ שיס-לאָך און איבערצושניידן דראָט-פאַרצוימונגען. ער מוז במנוחה זיצן אין דער וואַרעם. בכלל, ווי קומט דאָס, ער, אַ פּאַריזער, זאָל זיין אויף פראָ-ווינץ, און פטרן זיין צייט אין די אָקאָפּעס? אויסגעשלאָסן! „איך, פאַרשטייט איר — מאַכט איינער פון די יאָלדן — איך בין שוין זיבן און דרייסיק יאָר אַלט און ס'איז די רעכטע צייט כ'זאָל מיך פלעגן!“ און בשעת דער פאַרשוין האָט דאָס געזאָגט, האָב איך מיך דער-מאָנט אָן דימאָן, דעם יאַגד-וועכטער, וואָס איז אַלט געווען צוויי און פערציק יאָר און וועלכער איז צעריבן געוואָרן אויף דער הייך 123 אַזוי נאָענט פון מיר, אַז נאָכדעם ווי אַ קוילן-האָגל האָט דורכגעלע-כערט זיין קאָפּ, האָט מיין גאַנצער קערפּער אַ צאַפּל געטון צוליב דעם טרייסל פון זיינעם.

— און ווי האָבן זיי זיך צו דיר פאַרהאַלטן, די האָזן?

— זיי האָבן פון מיר חוזק געמאַכט, אָבער נישט צופיל אַרויס-געוויזן! בלויז פון צייט צו צייט, אַז זיי האָבן זיך שוין נישט גע-קענט מער איינהאַלטן. זיי האָבן אויף מיר געקוקט פון אַ זייט, און דערהויפּט אַכטונג געטון מיך נישט אָנצורירן באַם פאַרבייגיין, וויייל כ'בין נאָך געווען שמוציק פון דער מלחמה.

מיך האָט געעקלט אַ ביסל זיך צו געפינען צווישן אַזאַ חברה האָזענע נשמות, אָבער כ'האָב מיר געטראַכט: „לאָז געמאַך, פירמין, ס'איז צייטווייליק“, איינמאָל האָב איך מיך שיער אויף איינעם אָנ-געזעצט, דאָס איז געווען ווען ער האָט געזאָגט: „שפּעטער, ווען מיר געלן צוריקקומען, אויב כ'[illegible] צוריקקומען“. — דאָס

איז שוין צופיל! ער האָט נישט געהאט דאָס רעכט אַזוי צו רעדן, אַזעלכע ווערטער, כּדי זיי צו נעמען אין מויל אַריין, מוז מען פאַר-דינען דערויף; ס'איז ווי אַן אויסצייכנונג. פאַר מיינעטוועגן, קען זיך עמעץ קערווען, אָבער נישט מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ מענטש וואָס שטעלט זיך איין ס'לעבן, ווען מ'האָט געמאַכט פליטה נאָך איי-דער מ'איז אַרויסגעגאַנגען. און דו הערסט זיי אויך דערציילן מעשיות וועגן שלאַכטן, ווייל זיי האָבן דערין אַ ידיעה בעסער פון דיר, זיי ווייסן פון אַלע קונצן, ווי אַזוי ס'פירט זיך אַ מלחמה, און שפּעטער, ווען וועסט אַהיימקומען, אויב וועסט בכלל אַהיימקומען, וועסטו דאָס זיין דער נאַר צווישן דער דאָזיקער מחנה בלאַגערס, מיט דיין ביסל אמת.

אַ! גוטער ברודער, יענער אָוונט דאָרט, די קעפּ אין אַ רויך פון ליכטיקייטן, דאָס מאַכן זיך פאַר עפּעס רעכטס פון די דאָזיקע מענטשן, וואָס געניסן כּסדר פון לעבן און פרידן! עמעץ וואָלט גע-קענט מיינען, — ס'איז דאָ אַזעלכע, ס'איז דאָ... ס'איז דאָ נאָך הונ-דערטער טויזנטער — האָט ענדלעך וואָלפאַט פאַרענדיקט, און ס'האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן

אָבער די מענטשן, וואָס האָבן געצאָלט מיט זייער קראַפט און זייער לעבן פאַר דער זיכערקייט פון אַנדערע, האָבן זיך גע-ווייגלט מיט דעם כּעס, וואָס האָט אים געשטיקט, אים פאַרשטופּט אין זיין ווינקל און דאָרט אים פאַרפלייצט מיט די געשפּענסטער פון די אָפּטריניקעס.

— אַ גליק, וואָס ער רעדט נאָך גאָרנישט פון די פאַבריק-אַרבעטער, וואָס זייער לערן-טערמין איז פאַרגעקומען בשעת מלחמה, און אויך פון די אַלע, וואָס זיינען געבליבן בײַ זיך אינדערהיים אונ-טער פאַרשידענע אויסריידן, מכּוח נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, און קיין האָר פון קאָפּ וועט זיי נישט פעלן! — האָט געמורמלט טיכערט. —

ער וואָלט דיר אַזוי געבריײַעט און געברייעט אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך.

— דו זאָגסט, אַז ס'זײַנען דאָ הונדערטער טויזנטער, דו, פליגן-דאָקטאָר — רייצט זיך באַרק, — אַלזאָ, אין 1914, דו הערסט? האָט מילעראַנד, דער קריגס-מיניסטער, געזאָגט צו די דעפּוטאַטן: „נישטאָ בײַ אונדז קיין אַרויסדרייער".

— מילעראַנד, — וואָרטשעט וואָלפּאַט — דעם מאַן קען איך נישט, אָבער, גוטער-ברודער, אויב ער האָט דאָס געזאָגט, איז ער באמת אַ געמיינער יונג!

* *

*

— גוטער ברודער, זאָלן אַנדערע מאַכן, וואָס זייער האַרץ גלוסט זיך בײַ זיך אין לאַנד, אָבער בײַ אונדז, אַפילו בלויז אין איין פראָנט-פּאָלק, זײַנען אויך דאָ מעגלעכקייטן פאַר אויסדרייען זיך, זײַנען אויך דאָ אומגלייכקייטן.

— שטענדיק — זאָגט בערטראַנד — קען עס הייסן, אַז דו דרייסט זיך אַרויס פון עמעצן.

— דאָס איז אמת: ווי דאָרט זאָלסט נישט הייסן, וועסטו שטענדיק געפינען אַזעלכע, שטענדיק, וואָס זײַנען קנאַפּער געמיין און נאָך געמיינער, ווי דו.

— בײַ אונדז זײַנען אַלע די, וואָס ליגן נישט אין די אָקאָפּעס, אָדער די, וואָס זײַנען קיינמאָל נישט אין דער ערשטער ליניע, אָדער אַפילו די, וואָס קומען דאָרט נאָר פון צייט-צו-צייט, אַלע זײַנען אין אַ געוויסער מאָס „אַרויסדרייער", און ווען מען זאָל געבן אויסצייכנונגען בלויז די אמתדיקע קעמפער, וואָלסטו געזען, ווי גרויס ס'איז די מחנה, וואָס קערוועט זיך אַרויס.

— אין יעדן צווייַ-באַטאַליאָנען-פּאָלק זײַנען דאָ צוויי-הונדערט פופציק נאָכשלעפּער — זאָגט קאָקאָן.

— אויך די אָרדינאַנסן, און אין אַ געווירן מאָמענט אַפילו די באַדינער פון די אַדיוטאַנטן.

— די טעפּ-מייסטערס און די אונטער-קוכערס.

— די פעלדפּעבעלס און אָפט אויך די קוואַרטיר-מייסטערס.

— די קאַפּראַלן און זעלנער פון דער פּראָוויאַנט-סעקציע.

— אַ פּאָר ביורא-פּלאַקנס און די פּאָן-וואַך.

— די וואַכמייסטערס.

— די פורמאַנעס, די אַרבעטער און די גאַנצע סעקציע, מיט אַלע אונטעראָפיצירן און אָפיצירן און אַפילו די סאַפּיאָרן.

— די ציקליסטן.

— נישט אַלע.

— כמעט די גאַנצע סאַניטאַר-דינסט.

— די טרעגער נישט, פאַרשטייט זיך, ווייל לאַ-די וואָס זיי טון אַ פאַרשאָלטענע אַרבעט, שלאָפן זיי נאָך צוזאַמען מיט דער קאָמפּאַניע, און אין פאַל פון אַן אָנגריף, שיסן זיי מיט דער טראַגע אויף די פּלייצעס, דערפאַר די קראַנקן-וועכטער.

— דאָס זיינען כמעט אַלע גלחים, דערהויפּט אין טיל, ווייל, פאַרשטייסטו מיך, איך האָב נאָך גאַנץ ווינציק געזען גלחים מיט אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע, און דו?

— איך אויך נישט, יאָ, אין די צייטונגען, אָבער נישט דאָ.

— ס'איז יאָ עפּעס דאָ אַביסל, דאַכט זיך.

— אַזוי!

— אַלץ איינס! דער פּראָסטער זעלנער, דער פוסגייער, ער האָט שוין איינמאָל צו זינגען און צו זאָגן אין דער מלחמה.

— ס'זיינען אויך דאָ אַנדערע, וואָס זיינען איינגעשטעלט שיטן לעבן. נישט דווקא מיר אַליין!

— אוודאי! — זאָגט ביטער טילאַק — כמעט נאָר מירן אַליין!

* * *

— ווּעסט מיר זאָגן אפשר — כ׳ווייס באַשטימט, אַז גייסט מיר דאָס זאָגן, — אַז די אויטאָמאָבּיליסטן און די שווערע אַרטי־לעריע האָבן געשטאָפּט אַ וואַנט באַ ווערדען. אמת טאַקע, אָבער אין פאַרגלייך מיט אונדז, איז עס דאָך אַ קינדערשפּיל. מיר, מיר זיי־נען יעדן טאָג איינגעשטעלט מיטן לעבן, אַזוי ווי זיי זיינען עס גע־ווען איין מאָל (חוץ דעם האָבן מיר נאָך די קוילן און גראַנאַטן, וואָס זיי ווייסן גאָרנישט דערפון). די שווערע אַרטילעריע, זיי האָבן געהאָדעוועט קראָליקעס לעבן זייערע זיכער־היילן, און האָבן גע־פרעגלט אָמלעטן אין משך פון אכצען חדשים. אָט מיר זיינען באמת־דיק אין געפאַר; די, וואָס זיינען אין געפאַר בלויז טיילווייז, אָדער איינמאָל, די ווייסן נישט וואָס דאָס איז. וואָרים אויב נישט אַזוי, זיינען דאָך אַלע איינגעשטעלט: ס׳איז עס אויך דאָס קינדער־מיידל, וואָס שפּאַצירט אַרום אין די פּאַריזער גאַסן, ווייל ס׳זיינען דאָך דאָ די „טויבן" און צעפּעלינען, ווי ס׳האָט געזאָגט די דאָזיקע בהמה, וועגן וועלכן וואָלפּאַט האָט נאָר־וואָס דערציילט.

— באַ דער ערשטער דאַרדאַנעלן־עקספּעדיציע איז אַן אָפּ־טייקער פאַרוואונדעט געוואָרן דורך אַ גראַנאַט־שפּליטער. גלייבסט נישט? און דאָך איז עס אמת, אַן אָפיציר מיט גרינע קאַנטן, פאַרוואונדעט!

— ס׳אַ צופאַל, ווי כ׳האָב עס געשריבן צו מאַנגוסטן וואָס איז געבליבן אויף אַן איבערפליסיק פערד אין דער סעקציע. ער איז אויך פאַרוואונדעט געוואָרן, אָבער דורך אַ לאַסט־וואָגן.

— נו, יאָ, אַזוי איז עס. איבעריקנס, קען דאָך אַ באָמבע אַראָפּרייסן אויף אַ בולוואַר אין פּאַריז אָדער באָרדאָ אויך.

— אָ־יאָ. און דאַמאָלס איז גאַנץ לייכט צו זאָגן: „מע קען נישט מאַכן קיין חילוק צווישן געפאַרן!” וואַרט אַ ווײַלע, זינט אָנהייב מלחמה זײַנען דאָ, דאַכט זיך, עטלעכע, וואָס זײַנען געהרגעט געוואָרן דורך אַן אומגליקלעכן צופאַל: צווישן אונדז ווידער זײַנען דאָ נאָר עטלעכע, וואָס זײַנען לעבן געבליבן דורך אַ גליקלעכן צופאַל. און דאָס איז נישט דאָס זעלבע, דאָס, ווײַל איינמאָל טויט, איז עס אויף לאַנגע יאָרן.

— יאָ־אָ־אָ — זאָגט טיכערט — אָבער סוף־כּל־סוף הייבט איר שוין אָן נודען מיט אײַערע מעשׂיות וועגן די „אַרויסדרייער”. אויב איר קענט דערצו גאָרנישט העלפן, מאַכט מען איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ קנייטש, און פּטור. דאָס דערמאַנט מיך דעם אַלטן פעלד־היטער פון שערעי, ווו מיר זײַנען געווען דעם לעצטן חודש. ער איז געגאַנגען איבער די שטאָט־גאַסן און כּסדר נאָכגעקוקט און נאָכגעמעקט יעדן ציוויליִן אין מיליטער־עלטער, און נאָכגעשפּירט די פאַרבײַגייער, ווי אַ דאָג. מײַנסטו נישט, טרעפט ער איינמאָל אָן אויף אַ פעסטער נקבֿה מיט וואָנסעס, און ער זעט נישט מער פאַר זיך ווי נאָר די וואָנסעס, און ער נעמט יאַדען: „הער נאָר, קענסט נישט גיין אויפן פראָנט?”.

— איך — זאָגט פעפין — איך נעם מיר נישט צום האַרץ די „אַרויסדרייער” אָדער די „האַלב־אַרויסדרייער”, ווײַל עס איז אַ בחנמדיקע מי; אָבער דער טײַוול נעמט מיך, ווען זיי בעמען זיך באַרימען. איך זאָג אַזוי, ווי וואָלפאַט: זיי באַהאַלטן זיך, גוט, ס׳איז מענטשלעכע זאַך, אָבער זאָלן זיי שפּעטער נישט קומען דערציילן אַ מעשׂה: „כ׳בין געווען אין מלחמה”. אָט נעם, למשל, די פרײַווילִיקע.

— ס׳געפינט זיך וואָסערע פרײַוויליקע. פאַר די, וואָס האָבן זיך געמאָלדן פרײַוויליק, אָן שום באַדינגונגען, צו דער אינפאַנטע־

דיע, פאַר די נעם דאָס היטל אַראָפּ פונקט ווי פאַר די געהר־געטע; אָבער די, וואָס דינען אין די פאַרשידענע אַמטן, אָדער אין די ספּעציעלע אָפּטיילונגען, אַפילו אין דער שווערער אַרטילעריע, די אָט ווירקן מיר אויף די נערוון. מ׳קען זיי, די חברה־לייט! זיי זעלן דאָס נעמען פראַנטעוועז אין זייער עלעגאַנט ווערטל: „כ׳בין געגאַנגען פרייוויליק אין מלחמה. — אַ! ווי פיין דאָס איז פון אייער זייט; איר האָט, פון אייגענעם גוטן ווילן אויסגעשטעלט אייער לייב פאַר דער קויל! — נו, יאָ מאַדאַם מאַרקיזע, איך בין שוין אַזעלכער״. — אַט, אַזאַ נבלה!

איך קען אַזאַ הער, וואָס האָט זיך געמאָלדן פרייוויליק אין אַ פלי־ער־אָפּטיילונג. ער האָט געטראָגן אַ שיינעם אוניפאָרם; ער וואָלט כ׳לעבן בעסער געטון, ווען ער אַנגאַזשירט זיך אין דער קאָמישער אָפּערע.

— יאָ, נאָר אַלץ די זעלבע געשיכטע. ער וואָלט דאָך נישט געקענט שפּעטער זאָגן אין די סאַלאָנען: זעט, אָט בין איך: באַ־טראַכט נאָר מיין פרייוויליק פּרצוף!

— וואָס האָב איך געזאָגט: „ער וואָלט זיך ליבער״. ער וואָלט אַ סך בעסער געטון, דאָס יאָ. אַזוי וואָלט ער פשוט געמאַכט לאַכן אַנדערע, אָנשטאָט צו לאַכן מיט גרינע ווערים.

— דאָס זיינען אַלץ די גרויסע פּריצים פון די הויכע פענסטער. פּריש פון דער נאָדל, אויסגעפּוצט און באַהאָנגען מיט אַלערליי אויס־צייכנונגען, אָבער אין פייער אַריין גייט דאָס נישט.

— ווען ס׳זאָלן זיין בלויז אַזעלכע פאַרשוינען, וואָלטן די דייטשן שוין געווען אין בעריאָן.

— ווען ס׳איז מלחמה מוז מען איינשטעלן די הויט, וואָס נישט, קאַפּראַל?

— יאָ — זאָגט בערטראַנד — ס׳זיינען פאַראַן מאָמענטן, ווען פליכט און געפאַר איז איינס און דאָס זעלבע, ווען דאָס לאַנד

די גערעכטיקייט אין די פרייהייט איז אין געפאר, וועסטו זיי נישט פארטיידיקן, זיך באהאלטנדיק ערגעץ. מלחמה, אין קעגנטייל, הייסט טויט-געפאר און אפפערן ס'לעבן פאר אלעמען גלייך, פאר אלע-מען: קיינער איז נישט הייליק. מוז מען דאס טון פשוט, אויפ-ריכטיק, ביזן סוף, און נישט מאכן דעם אנשטעל, ווי מע וואלט עפעס געטון אין א פאנטאזיע-אוניפארם. די דינסט אין טיל, וואס איז בויטוועגדיק, מוז ווערן אויטאמאטיש אויסגעפירט דורך די באמת שוואכע און אלטע.

— זעסטו, ס'זייגען דא שוין צופיל רייכע מענטשן, מיט גרוי-סער פראטעקציע, וואס האבן געשריגן: „לאמיר ראטעווען פראנק-רייך! — און לאמיר אנהייבן פון אפראטעווען זיך אליין!" באם אויסברוך פון דער מלחמה האט זיך געמאכט א גרויסע פליטה-בא-וועגונג, אן אנטלויפעניש — דאס איז געווען. די שטארקערע איז עס געלונגען. פון מיין קליינעם ווינקל ארויס האב איך מיך צוגע-קוקט און באמערקט, אז דאס זיינען גראד געווען די, וועלכע האבן פריער זיך אמשטארקסטן געריסן די קעל איבער פאטריאטיזם... יעדנפאלס, ווי מ'האט עס דא נאר-וואס געזאגט, איז עס די גרעסטע געמיינהייט זיך פריער צו באהאלטן אויף א זיכער ארט און דער-נאך איינצורעדן דער וועלט, אז מ'האט ס'לעבן ריזיקירט. ווייל די, וואס ריזיקירן אין אמתן, זאג איך דיר נאכאמאל, די פארדינען דעם זעלבן כבוד, וואס די געפאלענע.

— און וואס ווייטער? ס'איז שטענדיק אזוי געווען. ניין, ליבער פריינט, וועסט נישט איבערמאכן א וועלט מענטשן.

— נישטא וואס צו מאכן, האבן תערומות, באקלאגן זיך? אז מע רעדט שוין טאקע וועגן באקלאגן זיך, האסטו געקענט מארגולינען?

— מארגולין, אזא ווילער יונגערמאן פון אונדזער געגנט, וועלבן מ'האט געלאזט אויסגיין ווי א ליכט אין קראסיע, מיינענ-דיק, אז ער איז שוין טויט?

— יאָ, ער האָט זיך געהאַט געזאָלט באַקלאָגן. יעדן טאָג האָט ער גערעדט מכּוח אָנגעבן אַ רעקלאַמאַציע וועגן די אַלע זיבן זאַכן צום קאַפּיטאַן, צום קאָמענדאַנט, און פֿאָדערן, ס'זאָל ווערן איינגעפירט, אַז יעדער איינציקער זאָל גיין לויט דער ריי נאָך אין די אָקאָפּעס אַריין. נאָך יעדן עסן הערסטו אים זאָגן: „איך וועל עס אים זאָגן, אַזוי זיכער, ווי דו זעסט דאָ ס'קוואַרטירל ווײַן". אין אַ ווײַלע שפּעטער: „אויב כ'זאָג עס אים נישט, הייסט עס, אַז דאָ איז גאָר קיינמאָל נישט געשטאַנען קיין קוואַרטירל ווײַן". און טאָמער ענטפערסטו עפּעס דערויף, זאָגט ער דיר ווידער: „קוק, צי איז דאָס אַ קוואַרטירל ווײַן? וועסטו זען טאַקע צי כ'וועל אים נישט זאָגן!" און וואָס איז געווען דער סוף? ער האָט קיינמאָל גאָרנישט געזאָגט. וועסט מיר אפשר זאָגן: „ער איז געהרגעט געוואָרן" — אמת טאַקע, אָבער פֿאַרדעם האָט ער געהאַט איבערגענוג צײַט דאָס צו טון צוויי טויזנט מאָל, ווען ער וואָלט נאָר געוואַגט.

— דאָס אַלץ קריכט מיר שוין פֿון האַלדז אַרויס — זאָגט ביין בלער, אַ פֿאַרוואָלקנטער מיט פֿינקלדיקע אויגן פֿאַר כּעס.

— מיר דאָ, מיר האָבן גאָרנישט געזען, מע קען דאָ בכלל גאָרנישט זען. אָבער ווען מיר וואָלטן אַזוי געזען!

גוטער ברודער, — רופֿט זיך אָן וואָלפּאַט — הער די צו מיט קאָפּ, וואָס כ'וועל דיר זאָגן: כּדי אָפּצורייניקן די דעפּאָס, אָבער אַלע, וואָלסטו געמוזט דורך זיי אַדורכלאָזן די סענע, די גאַראָנע, דעם ריין און די לאָרע. פֿאַרלייפֿיק אָבער לעבן זיי אַלע דאָרט אינעווייניק, און לעבן אַפֿילו גאַנץ גוט, און זיך גאַנץ רויִק שלאָפֿן יעדע נאַכט, יעדע נאַכט!

דער זעלנער איז אַנטשוויגן געוואָרן. פֿונדערהייטנס, האָט ער געזען יענע נאַכט, וואָס ער וועט פֿאַרברענגען, אַן איינגעהויקערטער, אַ [illegible]ערער, ציטערנדיק פֿון געשפּאַנטער אויפֿמערקזאַמקייט, אין

דער טיפעניש פון זיין האַרצלאָך. וואָס זיין צעפרעסטער ראַנד אַנטפּלעקט זיך יעדעס מאָל, ווען אַ האַרמאַטן-שאָס שלײַדערט אַ פייער-קויל אין הימל אַרײַן.

קאָקאָן זאָגט מיט ביטערקייט.

— דאָס אַלץ מאַכט נישט קיין חשק צו שטאַרבן.

— אָבער — מישט זיך אַרײַן אײנער קאַלטבלוטיק — אָבער יאָ. . דאַרפסט דאָך נישט איבערטרײַבן, ווי אַ מאַרענירטער הערינג.

X.

# אַרנאָוואַל.

דיער בין-השמשות האָט זיך דערנענטערט פון דער זייט פון דאָרף. אַ זאַנפט ווינטל, זאַנפט ווי אַ געשפרעך, האָט אים באַגלייט.

און די הייזער, וואָס האָבן זיך געצויגן לענגאויס דעם דאָריקן דאָרפישן וועג — אַ לאַנגער שאָסיי, וואָס איז ערטערווייז געווען באַדעקט מיט הייזלעך, ווי אַ ברייטע גאַס — און די שטובן, וואָס זייערע בלייכע פענסטער האָבן אין זיך נישט איינגעזאַפט מער די ליכטיקייט פון דרויסן, האָבן זיך באַלויכטן מיט לאָמפן און ליכט, די פינסטערניש האָט פון זיי אָפגעטרעטן און זיך איבערגעטראָגן ערגעץ אַנדערש, און מען האָט געזען, ווי ליכט און שאָטן בייטן זיך כסדר מיט די ערטער.

באַם ראַנד פון דערפל, נענטער צו די פעלדער, האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אומבאַוואָפנטע זעלנער און געקוקט סתם אין דער וועלט אַריין. דער טאָג איז אונדז רויִק אַדורך. מיר האָבן גענאָסן פון דער דאָזיקער אומקלאָרער זאָרגלאָזיקייט, פון וועלכער מען פילט ערשט דעם גאַנצן תענוג, ווען מען איז באמת מיד. עס איז געווען אַ שיין וועטער; דער אָפרו האָט זיך נאָר-וואָס אָנגעהויבן, און מען האָט געטרוימט. דער אָוונט, האָט געמאַכט ערנסטער די פנימער, איידער ער האָט זיי פאַרהילט אין שאָטנס, און אויף די שטערנס האָט זיך אָפגעשפיגלט די דערהאַבנקייט פון אַלע זאַכן.

דער סערזשאַנט שילהאַרד איז צו מיר צוגעקומען און געגו־פען מיך אונטערן אָרעם. ער האָט מיך מיטגעצויגן.

— קום, זאָגט ער צו מיר, כ׳וועל דיר עפּעס ווייזן.

באַם אַרויסגאַנג פון דאָרף זיינען געשטאַנען שורות שטילע פּיי־ער, וועלכע מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען. פון צייט צו צייט האָבן די לאַנגע צווייגן, אונטער דער ווירקונג פון ווינטל, זיך אַנטשלאָסן אויף אַ פאַמעלעכן מאַיעסטעטישן נייג.

שילהאַרד איז געגאַנגען פאָרויס. ער האָט מיך געפירט איבער אַ געדרייטן, אויסגעקרימטן הייל־וועג. יעדע זייט איז געווען באַ־זעצט מיט נידעריקע ביימלעך, וואָס זייערע שפּיצן האָבן זיך ענג צו־זאַמענגעפלאָכטן. אַזוי זיינען מיר געגאַנגען אַ קורצע ווילע אַרומ־געריגנלט מיט צאַרטן גרינס. אַ לעצטער ליכט־שטראַל, וואָס איז אין דער קרום געפאַלן אויפן וועג, האָט צעשפּרייט אין דעם געבלעטער העלע, געלע פלעקעלעך, רונדיקע, ווי גאָלדענע מטבעות.

— ס׳איז שוין דאָ — האָב איך געזאָגט.

ער האָט גאָרנישט געענטפערט, געקוקט אין אַ זייט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— דאָ מוז עס זיין.

מיט אַ קורצן באַרג־אַראָפּיקן וועג זיינען מיר אַריין אין אַ פעלד, אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן פּיר־עק פון הויכע ביימער און דורכגעזאַפּט מיט אַ ריח פון געשניטענעם היי.

— זע נאָר! — האָב איך געזאָגט, באַטראַכטנדיק דעם באָדן, — די ערד איז דאָ איינגעבוגן אויסגעטרעטן. דאָ איז עפּעס געווען אַ צערעמאָניע.

— קום — זאָגט צו מיר שילהאַרד.

ער האָט מיך געפירט איבער אַ שטיקל פעלד, נישט ווייט פון אַריינגאַנג. דאָרט זיינען געשטאַנען זעלנער און גערעדט צווישן

זיך אין דער שטיל. מיין באַגלייטער האָט אויסגעשטרעקט ז׳י האַנט.

— דאָ איז עס — זאָגט ער.

— אַ גאָר נידעריק סלופעקל — קוים אַ מעטער די הייך...
איז פאַרזעצט געווען אין דער ערד אַ פּאָר טריט פון פלויט, וואָס איז אויף יענעם אָרט געמאַכט געווען פון יונגע ביימלעך.

— דאָ — זאָגט ער — האָט מען היינט אײנדערפרי דער־שאָסן דעם זעלנער פון 204־טן.

באַנאַכט האָט מען פאַרזעצט דעם סלופעק. דעם פאַרמשפטן האָט מען אַהערגעבערענגט פאַרטאָג, און די זעלנער פון זיין אייגע־נער ראָטע האָבן אים דערשאָסן. ער האָט געוואָלט מאַכן פליטה פון די אָקאָפּעס; בשעת דער אויפלייזונג איז ער געבליבן אונטערשטע־ליק, דערנאָך שטילערהייט צוריקגעקומען אין קאַדרע. קיין שום אַנדערן פאַרברעך האָט ער נישט געטון; מ׳האָט, נישט אַנדערש, געוואָלט געבן אַ ביישפיל, אַנדערע זאָלן וויסן און מורא האָבן.

מיר האָבן זיך דערנענטערט, אונטערצוהערן דעם שמועס פון די איבעריקע זעלנער.

— ניין, ס׳הייבט זיך נישט אָן — האָט געזאָגט איינער — ער איז נישט געווען קיין פאַרברעכער; ס׳איז נישט געווען איינער פון די האַרטע שטיינער, וואָס דו טרעפסט אַ מאָל. מיר זיינען צו־זאַמען בעגאַנגען דינען. ס׳איז געווען אַ געוויינטלעכער מענטש, אזוי ווי מיר, נישט מער נישט ווינציקער — האָט זיך נישט ליב געהאַט צו קוילן, ווייטער נישט. זינט אָנהייב מלחמה האָט ער זיך געפונען כסדר אין דער ערשטער ליניע, פאַרשטייסטו מיך, און קיינמאָל האָב איך אים נישט געטראָפן שיכור.

— האָסט נאָך נישט אַלץ געזאָגט: צו זיין אומגליק האָט ער געהאַט אַ שלעכטע פאַרגאַנגענהייט. אין צווייען האָבן זיי געמאַכט דאָס דאָזיקע שטיקל. דער צווייטער האָט געכאַפּט צוויי יאָר טור־

מע אָבער קאַזשאַרד*), צוליב דעם, וואָס ער איז שוין איינמאָל באַשטראָפט געוואָרן אין ציוויל, האָט נישט געגאָסן פון די מיל־דערנדיקע אומשטענדן. אין ציוויל האָט ער אַמאָל אָפּגעטון עפּעס אַ מעשה שיכּורערהייט.

— מע זעט נאָך אַביסל בלוט אויף דער ערד, ווען מע קוקט זיך צו — זאָגט איינער איינגעבויגענערהייט.

— ס'איז געווען מיט אַלע פּיטשעווקעס — זאָגט אַ צווייטער — די גאַנצע צערעמאָניע פון א, ביז ת, דער פּאָלקאָווניק אויפן פערד, דעגראַדאַציע; דערנאָך האָט מען אים צוגעבונדן צום דאָזיקן נידעריקן סלופּעקל, צום דאָזיקן דרענגל פאַר בהמות. ער האָט אַוודאי געמוזט אַנידערקניען, אָדער זיך זעצן אויף דער ערד בײַ אַזאַ קליין סלופּעקל.

— ס'איז גאָרנישט צום באַגרייפן — זאָגט אַ דריטער נאָך אַ שטילשווייגן — ווען נישט דאָס, וואָס דער סערזשאַנט זאָגט, אַז ס'זאָל דינען פאַר אַ ביישפּיל.

אויפן סלופּעקל זײַנען געווען אויסגעקריצט דורך די זעלנער אויפשריפטן און פּראָטעסטן. אַ רויער מלחמה־קרייץ, אויסגעשניטן פון האָלץ, איז געווען צוגעשלאָגן און געטראָגן אַן אויפשריפט: „קאַזשאַרדן, אַהיינגעטרעטן אין אויגוסט 1914, דאָס דאַנקבאַרע פראַנקרייך".

צוריקקומענדיק אויף דער קוואַרטיר, האָב איך געטראָפן וואָלפּאַטן, אַרומגערינגלט, רעדנדיק. ער האָט ווידער דערציילט עפּעס אַ נייע איבערלעבונג פון זײַן רייזע צווישן די גליקלעכע.

---

*) כ'האָב געענדערט דעם נאָמען פון זעלנער, דעסגלײַכן פּונקט דאָרף. ה. ב.

XI.

# דער הונט.

ס'איז געווען אַ שרעקלעך וועטער. וואַסער און ווינט האָבן אָנגעגריפן די פאַרבייגייער, דורכגעלעכערט, פאַרפלייצט און אויסגעהוילט די וועגן.

פון דער אַרבעט בין איך צוריקגעקומען אויף אונדזער קוואַרטיר, באַם עק דאָרף.

אין דעם געדיכטן רעגן האָט דאָס לאַנדשאַפט אויסגעזען שמוציק געל, דער הימל איינגאַנצן שוואַרץ, ווי באַדעקט מיט שיפער. דער גאָס־רעגן האָט געשמיסן די קאַלוזשעס ווי מיט ריטער. לענגאויס די ווענט האָבן געשלייכט געשטאַלטן, איינגעהויקערטע, פאַרשעמטע, טאָפּטשענדיק אין דער בלאָטע.

נישט קוקנדיק אויפן רעגן, שניידיקן ווינט און נידעריקער טעמפּעראַטור, האָט זיך דאָך אָנגעזאַמלט אַ שפּאַר ביסל מענטשן פאַר'ן טויער פון דער פערמע, וווּ מיר האָבן געהאַלטן סטאַנציע. די צענויפגעדריקטע מענטשן, איינער לעבן אַנדערן, האָבן פון ווייטנס אויסגעזען, ווי איין גרויסע רירעוודיקע שוואָם. די, וואָס האָבן אַריבערגעקוקט איבער די אַקסלען און צווישן די קעפּ פון די איבעריקע, האָבן אויפגעמאַכט אַ פּאָר אויגן און געזאָגט:

— אַן אייזערנעם כּוח האָט ער, דער יונג.

— אַז ער כאַפּט נישט אַצינד קיין ציטער, וועט ער שוין קיינמאָל קיין ציטער נישט כאַפּן.

דערנאָך זיינען זיך די נייגעריקע פונאַנדערגעגאַנגען, מיט רויטע נעז און דורכגענעצטע פנימער, אין פּאַטשנדיקן רעגן און בייסיקן ווינט און, אַראָפּלאָזנדיק צוריק די הענט, וואָס זיי האָבן דערשטוינט אויפגעהויבן צום הימל, האָבן זיי זיי אַריינגעשטעקט אין די קעשענעס.

אין דער מיט איז געבליבן שטיין, טריפנדיק פון רעגן, דער העלד פון דער דאָזיקער צונויפזאַמלונג: פויאַד, נאַקעט ביז אין דער העלפט, האָט ער זיך מיט אַ פאַרנעם געוואַשן דעם אייבערשטן טייל קערפּער.

מאָגער ווי אַ שרץ, וואָרפנדיק משוגע־ווילד מיט די לאַנגע אָרעמס, האָט ער זיך געזייפט און געריבן דעם קאָפּ, דעם האַלדז, די ברוסט אַזש ביז די קראַטן, ווו ס'האָבן אַרויסגעשטאַרט די ריפּן. די דאָזיקע ענערגישע אָפּעראַציע האָט אויסגעשפּרייט אויף זיינע טיף־איינגעפאַלענע באַקן אַ שוימיקע שניי־באָרד און אויפן שפּיץ שאַרבן אָנגעהויפט אַ שליאַמיקע וואַטע, ווו דער רעגן האָט דורכגעגעבערט קליינע לעכעלעך.

אָנשטאָט אַ וואַש־שיסל, האָט זיך דער פּאַציענט באַנוצט מיט דריי בלעכענע טעלערלעך, אָנגעפילטע מיט וואַסער. פון וואַנען ער האָט דאָס וואַסער גענומען, האָט מען נישט געקענט וויסן, ווייל קיין וואַסער איז אין דאָרף נישט געווען בנמצא. און אַזוי ווי אין דער דאָזיקער פאַרפלייצונג פון הימל און ערד איז נישט געווען קיין ריין שטיקל אָרט, ווו עפּעס אָפּצוקוליגן, האָט ער אַלעמאָל נאָכן באַנוצן אַריינגעשטעקט דאָס האַנטוך אין גאַרטל און דעם זייף געלייגט אין די הויזן־קעשענעס.

די, וואָס זיינען איבערגעבליבן, האָבן באַוווּנדערט די דאָזיקע עפּישע זשעסטיקולאַציע אינמיטן אַזאַ שרעקלעך וועטער, און איבערגעחזרט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— אַ מין ריינקייטס־קראַנקהייט האָט דער מענטש.

— ווייסט, מע זאָגט ער וועט קריגן אַ מעדאַל צוליב דעם עסק אין גראַנאַטן-לאָך מיט וואָלפאַטן.

— וואָס, צום טייוול, ער וועט זיי באַ קיינעם נישט האָבן צוגעגנבעט, זיינע ערן-אויסצייכנונגען!

נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין-וחשבון, האָט מען צונויפֿגעמישט דיביידע העלדנטאַטן, די געשיכטע מיט וואָלפאַטן און דאָס איצטיקע וואַשן זיך, און מ׳האָט אויף אים געקוקט, ווי אויפֿן העלד פון טאָג; און בשעת מעשה האָט ער געסאַפּעט, געבלאָזן, געשנאָרכט, געהוסט, געשפיגן, באַמיט זיך אָפּצוּווישן, אונטער דעם הימלישן דוש, דורך שנעלע האַסטיקע באַוועגונגען, דערנאָך האָט ער זיך ענדלעך אָנגעטון

* * *

נאָכן אָפּוואַשן זיך איז אים קאַלט.

ער דרייט זיך, טאַנצט אויפֿן אָרט און שטעלט זיך אַוועק און שטייט באַם אַריינגאַנג פון שייער, ווו מיר וווינען. דער פּראָסטיקער ווינט שנייט אויס פלעקן אויף דער הויט פון זיין לאַנגן, הוילן, אָפּגעברענטן פּנים, רופט אַרויס טרערן פון זיינע אויגן און צעשפּרייט זיי אויף זיינע באַקן, אַמאָל אָנגעגליטע דורכן מיסטראַל; איצט זיין נאָז ווייגט, און ס׳טריפט פון איר.

באַזיגט פון בייסיקן ווינט, וואָס קנייפּט אים די אויערן, נישט קוקנדיק אויף דער שאַל, וואָס ער האָט אַרומגעוויקלט אַרום קאָפּ און די געלע וויקלבענדער אַרום די האָגישע פיס, גייט ער אַריין אין שייער; גייט אָבער באַלד צוריק אַרויס, אויסשטעלנדיק אַ פּאָר גזלנישע אויגן און ברומענדיק: „פּיט דע מואַן" און „וואָלער" מיט דעם ספּעציפישן אַקצענט, ווי מע גאָרגלט עס אַרויס אויף אַ מהלך פון טויזנט קילאָמעטער, אין יענעם ערד-ווינקל, פון וואַנען די מלחמה האָט אים פאַרטריבן.

און ער בלייבט שטיין אין דרויסן און פילט זיך פרעמדער ווי שטענדיק אין דער דאָזיקער צפון-בעגנט. און דער ווינט קומט און גנבעט זיך אַריין אין אים. און קומט ווידער מיט פלוצלינקע באַוועגונגען, און טרייסלט, און פייניקט זיינע אָנפּליישיקע אברים, וואָס זיינען לייכט ווי אַ פייגל-שרעקער-געשטאַלט.

ער איז דאָך לגמרי בישט צום ווינען — צו אַלדע שוואַרצע יאָר! — דער דאָזיקער שייער, וועלכן מ'האָט אונדז איבערגעגעבן אויפן משך פון דער רו-צייט. די דאָזיקע סוכּה פאַלט איין, איז חושכדיק, טראָפּט פון אַלע זייטן און איז שמאָל ווי אַ ברונעם. אַ העלפט איז פאַרגאָסן — שטשאָרעס שווימען דאָרט אַרום — און די מענטשן זיינען צונויפגעקוועטשט אין דער צווייטער העלפט. די ווענט, וואָס זיינען געמאַכט פון ברעטלעך, געקלעבטע מיט געטרוקנטער בלאָטע, זיינען צעבראָכן, צעשפּאָלטן, אויפגעריסן אַרום און אַרום, און אינדערהייך פול מיט לעכער. אין דער נאַכט, ווען מ'איז אָנגעקומען, האָט מען געאַרבעט ביז אינדערפרי און וויבּישט-איז פאַרשטאָפּט די שפּאַלטן, צו וועלכע מ'האָט געקענט מיט דער האַנט דערגרייכן, אַריינשטופנדיק אַהין באַבלעטערטע צווייגן, גע-פלאָכטענע ריטלעך און ראָגאָזשעס. אָבער די לעכער אינדערהייך און אויפן דאַך זיינען כּסדר אָפן. בשעת דאָס טאָג-ליכט דרינגט אַריין גאַנץ קאַרגלעך, רייסט זיך, אין קעגנטייל, דער ווינט דורך אַלע זייטן, מיטן גאַנצן כּוח, און די גאַנצע ראָטע געפינט זיך אין אַ כּסדרדיקן צוג-ווינט.

און ווען מ'איז שוין איבעווייניק, מוז מען בלייבן שטיין אין דאָזיקן חושך, טאַפּן בלינדערהייט, קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן און קרעכצן.

פּוּיאַד, וועלכן דער אייז-קאַלטער ווינט האָט צוריק אַריינגע-יאָגט, באַדויערט וואָס ער האָט זיך געוואַשן. ס'שטעכט דער רוקן און די זייטן. ער וואָלט געוואָלט עפּעס טון, אָבער וואָס?

זיך זעצן? אוממעגלעך. ס׳איז צו שמוציק דאָ: די ערד און די פּאָדלאָגע זיינען אויסגעשמירט מיט בלאָטע, און דאָס שטרוי פון אונדזער געלעגער איז דורך און דורך פייכט פון וואַסער, וואָס רינט אַריין און פון אָפּווישן זיך די פיס. חוץ דעם, אויב מען זעצט זיך אַוועק, פרירט מען, און ווען מען ציט זיך אויס אויפן שטרוי, פילט זיך אַ מיסט-ריח און מען קען דערשטיקט ווערן פון אַמאָניאַק-אויס-דעמפּפונגען... פּויאַד באַנוגנט זיך דערמיט, וואָס ער באַטראַכט דאָס אָרט, ווו ער שטייט און גענעצנדיק דערביי, ווייט אויפרייסנ-דיק זיינע קינבאַקן, וואָס זען אויס נאָך לענגער, צוליב זיין ציגן-בערדל, ווו מען וואָלט געזען ווייסע האָר, ווען דאָס טאָג-ליכט זאָל ווירקלעך זיין ליכט.

— זאָלסט נישט מיינען — זאָגט מאַרטערא, — אַז אַנדערע חברה-לייט גייט בעסער פאַר אונדז. נאָכן עסן בין איך געווען באַ איינעם אַ באַקאַנטן פון דער עלפטער, אין דער פערמע לעבן לאַ-זאַרעט. אונטנאַרום מוז מען קריכן איבער אַ וואַנט, דערנאָך קלע-טערן מיר אויף אַ צו קורצער לייטער — שוין איינמאָל אַ שפּאַציר-גאַנג, זאָג איך דיר, באַמערקט מאַרטערא, וואָס האָט קורצע פיס-לעך — און ווען ביסט שוין צו מזל אין דער דאָזיקער בודע, אין דער דאָזיקער הינער-שטאַל, שטויסט מען דיך און מען שטופּט דיך אין אַלע זייטן, און איטלעכן שטייסטו אין וועג. דאָ שטעל זיך נישט, דאָ מעק זיך נישט. כ׳האָב אָפּגעצוינן פון דאָרט אויף דער גאַנצער פאַרע.

— ווען מ׳איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַכילה — זאָגט קאָקאָן — האָב איך געוואָלט גיין צום דאָרפס-ייִד און געוואָלט באַ אים אויספּאָמפּען עפּעס וואַרעמעס פאַר מזומנים. נעכטן האָט ער פאַרקויפט די שוואַרצע משקה, אָבער היינט אינדערפרי האָבן אים די שומרים מבקר-חולה געווען: דער פאַרשוין פלאַטערט איינגאַנצן און פאַרקלאַפּט די טיר אויפן שלאָס.

פויאַד האָט זיי געזען צוריקקומען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און איך אָוועקזעצן צופיסנס פון געלעגער.

לאָמיז פּרוווט ריי‏ניקן זיין ביקס. אָבער עס איז אוממעגלעך דאָ צו רייניקן די ביקס; אַפילו ווען מען זעצט זיך אַוועק בײַ דער טיר אויף דער ערד; אַפילו ווען מען פאַרבייגט די פייכטע, שטייף-פארפרוירענע געצעלט-דעק, וואָס הענגט איבער דער טיר, ווי אַ סטאַלאַקטיט — עס איז צו פינסטער.

— און פּרווו נאָר דאָ צו פאַרלירן אַ שרייפל. וועסט זיך אויפהענגען איידער וועסט עס געפינען; דערצו נאָך ווען די פינגער זיינען דיר שטייף פון קעלט.

— איך דאַרף מיר עפּעס פאַרנייען, אָבער,פאָלג מיך אַ גאַנג!

בלייבט נאָר איין אויסוועג: זיך אויסציען אויפן שטרוי; צוערשט מוז מען אָבער אַרומוויקלען דעם קאָפּ מיט אַ טאַשן-טיכל, אָדער האַנטוך, כדי זיך צו איזאָלירן פון דעם אַגרעסיוון געשטאַנק, וואָס עס לאָזט פון זיך אַרויס דאָס אויפגערודערטע שטרוי און — שלאָפן. פויאַד, וואָס האָט נישט היינט, נישט קיין וואָך, נישט קיין אַרבעט און איז בעל-הבית איבער זיין צייט, דעצידירט זיך דערויף. ער צינדט אָן אַ ליכט, כדי עפּעס אויסצוזוכן צווישן זיין בעל-הבתישקייט, וויקלט פונאַנדער זיין האַלדז-טוך, און דערביי זעט מען דאָס שאָטן-בילד פון זיין שווינדזיכטיקן געשטאַלט זיך איינבייגן און אויסציען.

— צו די קאַרטאָפל, קומט'ס אַריין, טייערע קינדערלעך — הילכט אונטער דער טיר די שטימע פון אַן איינגעהילטן געשטאַלט ס'איז דער סערזשאַנט העגריאַ. ער איז אַ גוטער ברודער און פּיפּיק, מיט די גוטע ריי‏עלעך און גוטמוטיקע גראָבע וויצלעך, האָט ער אויפן אויג זיינע אַלע לייט, קיינער זאָל זיך נישט אונטערנאַרן. אין דרויסן, אונטערן אומענדלעכן רעגן, קומט זיך צונויף אויפן דורכגעווייקטן וועג די צווייטע סעקציע; זייער אַדיוטאַנט האָט זיי

דעסגלייכן אַרויסגעיאָגט און געשיקט אויף אַרבעט. די ביידע סעק־ציעס מישן זיך צונויף. מע גייט מיטן וועג באַרג־אַרויף, מע קומט צו צום לייםיקן בערגל, וווּ ס׳רויכערט די פעלד־קיך.

— אַנ׳עק, קינדערלעך, לייגט צו אַ האַנט, ס׳וועט נישט לאַנג דויערן, ווען אַלע נעמט זיך צו דער מלאכה... אַ סוף; און דיר, וואָס געפעלט ווידער נישט וואָס? ס׳וועט דיר גאָרנישט העלפן.

אין צוואַנציק מינוט אַרום לויפט מען צוריק. אין שייער, צו וואָס מ׳זאָל זיך נישט צורירן און אָנטאַפּן, אַלץ איז דורכגענעצט, פייכט, שטייף־פאַרפרוירן; אַ שאַרפער ריח פון נאַסער חיה באַגלייט דעם מיסט־געשטאַנק, וואָס טראָגט זיך פון אונדזערע געלעגערס.

מיר זאַמלען זיך צונויף אַרום די בעלקעס, וואָס האַלטן אונטער דעם שייער, און אַרום די וואַסער־שנירלעך, וואָס רינען פון די לעכער אין דאַך — ווי דינע זיילעכלעך מיט בלאָטע־שפּריצן אַלס פּיעדעסטאַל.

— זיי גייען! — ווערט אַ געשריי.

צוויי געשטאַלטן, פּיטש־נאַסע און טריפנדיקע, באַווייזן זיך אין טיר: לאַמיז און באַרק. זיי זיינען געגאַנגען שאַפן אַן אייוועלע, און קו־מען צוריק פון דער דאָזיקער עקספּעדיציע אינגאַנצן אַנטוישט, פאַר־פינסטערט, אין כעס: „קיין זכר נישטאָ פון קיין אויוון. נישט קיין העלצל, נישט קיין שטיקל קויל, ווערסט אַפילו נ׳קאָפּ געבן“.

אוממעגלעך צו מאַכן פייער.

— אַ נעכטיקער טאָג. ס׳ט גאָרנישט אויפטון. אַז איך האָב נישט געפונען, וועט שוין קיינער גאָרנישט מאַכן — זאָגט באַרק מיט אַ שטאָלץ, וועלכן עס באַרעכטיקן הונדערטער העלדנטאַטן.

בלייבט מען שטיין אומבאַוועגלעך; פּאַמעלעך רוקט מען זיך איבער אויף אַן אַנדער אָרט, אויפן שטיקל שמאָלן שטח; מיר זיי־נען נידערגעשלאָגן פון אונדזער גרויסן עלנט.

— וועמענס איז די צייטונג?

— מיינע — זאָגט בעקיוו.

— וואָס שרייבט ער דאָרט? מע קען דאָך גאָרנישט לייענען אין אַזאַ חושך!

— זיי שרייבן דאָ, אַז אַצינד האָבן די זעלנער אַלץ, וואָס זיי באַדאַרפן, כדי ס'זאָל זיי זיין װאַרעם אין די אָקאָפּעס. אַלץ האָבן זיי, אי װאָלענע זאַכן, אי העמדער, אי אויװנס, אי האָלץ, אי קוילן ביז איבערן האַלדז. און אַזוי איז עס ביז אין די פאָדערש־טע ליניעס.

— אַ בייז לעבן אויף זיי! — שיסן אויס עטלעכע פון די אָרעמע געפאַנגענע אין שייער און דראָען מיט דער פויסט דעם לערן רוים אין דרויסן און דעם צייטונגס־פּאַפּיר.

פּואַד אָבער אינטערעסירט זיך נישט מיט דעם אַלעם, וואָס מען רעדט דאָ. ער האָט פאַרשטעקט אין שאָטן זיין לאַנג, בלויליך דאָן־קיכאָטיש געשטאַלט און אויסגעשטרעקט זיין טרוקענעם האַלדז, וואָס איז דורכגעצויגן מיט פידל־זייטן. אויף דר׳ערד ליגט עפּעס, וואָס ציט אים צו.

דאָס איז לאַברי, דער הונט פון אונדזער ראָטע.

לאַברי, האַלב־הויז־האַלב־שעפער־הונט. מיט אַן אָפּגעהאַקטן עק, ליגט צונויפגעדרייט אויף אַ קליין בעלעגערל פון שטרוי־אָפּ־פאַלעכץ.

ער קוקט אויף לאַברי און לאַברי אויף אים.

בעקיוו דערנענטערט זיך און זאָגט מיט זיין זינגעדיקן אַק־צענט פון דער געגנט פון ליל:

— ער פרעסט גאָרנישט. ער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען, דער הונט. הער, לאַברי, וואָס איז דיר? נאַ, נאַדיר ברויט. נאַדיר פליש. כאַפּ אַריין. ס'איז גוט. שלינג אַראָפּ... ער לאַנגווייליקט זיך, ער ליידט. אין אַ שיינעם פרימאָרגן טרעפסטו אים אַ געפּגרטן.

לאַברי איז נישט גליקלעך. דער זעלנער, װעלכן מען האָט אים אָנגעפאַרטרויט, איז שטרענג צו אים, באַגייט זיך מיט אים שלעכט

און זאָרגט זיך בכלל ווייניק וועגן אים. די חיה איז אַ גאַנצן טאָג צוגעבינדן. ס'איז איר קאַלט, ער פילט זיך שלעכט, איז אָפּגעלאָזט. ער לעבט נישט מיט זיין אייגן לעבן. פון צייט-צו-צייט דערוועקט זיך אין אים אַ האָפענונג, אַז ער וועט אַרויסגיין, בשעת ער זעט, ווי אַלץ הייבט זיך אָן אַרום אים צו באַוועגן. ער שטעלט זיך אויף, ציט זיך אויס און דרייט מיטן עק. אָבער דאָס איז בלויז אַן אילוזיע. און ער לייגט זיך צוריק און קוקט מיט אַ כיוון אָן אַ זייט פון זיין כּול שיסעלע.

ער לאַנגווייליקט זיך, דאָס לעבן איז אים נמאס. אַפילו ווען אַ קויל אָדער אַ גראַנאַט-שפּליטער, אויף וואָס ער איז גראָד אַזוי אויסגעשטעלט ווי מיר, וועט אים אויסמיידן, וועט ער אויך סוף כּל סוף דאָ אָוועקשטאַרבן.

פּוּ:אַד לייגט זיין דאַרע האַנט אויפן קאָפּ פון הונט; דער לעצטער קוקט אים ווידער אָן. זייערע ביידנס בליקן זיינען ענלעך, מיט דעם אונטערשייד, וואָס איינער קומט פון אויבן און איינער פון אונטן.

פּוּ:אַד האָט זיך סוף כּל סוף אַנידערגעזעצט — זאָל זיין וואָס עס וויל! — אין אַ ווינקל, די הענט פאַרבאָרגן אין די פאַלבן פון זיין מאַנטל, די פיס צוזאַמענגעלייגט, ווי אַן איינלייג-בעטל.

ער טרוימט, די אויגן פאַרבאָרגן ונטער די בלוילעכע אויגן-לעדער. ער זעט עפּעס. ס'איז איינער פון די מאָמענטן, ווען דאָס לאַנד, מיט וועלכן מ'איז צעשיידט, ווערט פון דערווייטנס אַזוי זיס און אייגן. דאָס דופטיקע, בונטע צפון-פראַנקרייך, די גאַסן פון סעט, ער זעט זיי אַזוי בולט, אַזוי נאָענט, אַז ער הערט אַזש דאָס בלומען-גערויש פון די שיפלעך אין קאַנאַל די-מידי, דאָס אויס-לאַדעוועון פון די דאָקן, און די דאָזיקע היימישע שטימען רופן אים דייטלעך.

דאָרט, אינדערהייד אויפן וועג, ווו ס'שמעקט אַזוי שטאַרק

מיט טימיאַן און נײַ־וועלק*), אַז דער דאָזיקער ריח לייגט זיך אַזש אויף דער צונג און האָט כמעט דעם טעם, ווי ס'וואָלט געווייעט מחיהדיק אַ וואַרעם, שמעקעדיק ווינטל, וואָס איז נישט מער ווי אַ פליגל־שלאָג פון די שטראַלן. אויפן באַרג סאַן־קלער בליט און גרינט זייער הייזל. פון דאָרט זעט מען, ווי דאָס טייכל טהאַו, וואָס איז פלאַש־גרין, פאַלט אַריין אין מיטללענדישן ים, וואָס איז הימל־בלוי, און טיילמאָל באַמערקט מען אויך, אויפן פאָן פון אײַנדיגאָבלויען הימל, דעם אָפגעהאַקטן פאַנטאָם פון די פירענעען.

דאָרט איז ער געבוירן געוואָרן, דאָרט אויפגעוואַקסן, גליקלעך, פריי. דאָרט, אויף דער גאָלד־רויטער ערד האָט ער זיך געשפּילט, און אַפילו זיך געשפּילט אין זעלנער, די ליידנשאַפט צו פאָכן מיטן הילצערנעם שווערדל האָט גערויטלט זײַנע קײַלעכדיקע באַקן, וואָס אַצינד זײַנען זיי אײַנגעפאַלן און ווי צעשראַמט... ער עפנט די אויגן, קוקט זיך אַרום, שאָקלט מיטן קאָפּ און באַדויערט יענע צייט, ווען ער האָט נאָך געהאַט אַ ריינע, באַגייסטערטע, זוניקע פאָרשטעלונג וועגן רום און מלחמה.

און ער לייגט ווידער די האַנט אויף די אויגן, כדי אויפצוהאַלטן די אינערלעכע זעונג.

אַצינד זעט ער עפּעס אַנדערש.

עס איז דאָרט אין דער הייך, אין דער זעלבער געגנט, ווו ער האָט זיך שפּעטער באַקענט מיט קלעמאַנס. דאָס ערשטע מאָל איז זי פאַרבײַגעגאַנגען אײַנגעטונקען אין זון. אין די אָרעמס האָט זי געהאַלטן אַ גאַרב שטרוי, און זי האָט דאַמאָלס אויסגעזען אַזוי בלאָנד, אַז דאָס שטרוי לעבן איר קאָפּ האָט אויסגעזען בראָנז־ברוין. דאָס צווייטע מאָל איז זי געגאַנגען מיט אַ פרײַנדין. ביידע זײַנען שטיין געבליבן און אים אָנגעקוקט. ער האָט געהערט ווי זיי סודען

*) אַזעלכע בלומען.

זיך און זיך אויסגעדרייט צו זיי. אַנטדעקט, זיינען ביידע מיידלעך אויך גיך אַנטלאָפן, רוישנדיק מיט די קליידלעך און לאַכנדיק ווי די קוראַ־פּאַטווּעס.

דאָרט האָבן זיי אויך געבויט זייער הויז. פון פאָרנט ציט זיך אַ ווייַן־שטאָק, וועלכן ער פלעגט, טראָגנדיק אַ שטרוי־הוט, אָן אונטער־שיד וועלכע צייט פון יאָר עס איז.

באַ דער גאָרטן־טיר שטייט אַ רויזן־שטאָק, וועלכן ער קען דורך און וועלכער באַנוצט זיך מיט זיינע דערנער בלויז אים איינצוהאַלטן אַ רגע, ווען ער גייט פאַרביי.

וועט ער אַמאָל זיך אומקערן דאָרט אַהין? אַך! צו וויי האָט ער אַריינגעקוקט אין דער פאַרגאַנגענהייט, ער זאָל פאַר זיך נישט זען דייטלעך די שרעקלעכע צוקונפט. ער טראַכט וועגן זיין פאָלק, וואָס ווערט געמעשרט באַ יעדער אויפלייזונג, וועגן די שווערע קלעפּ, וואָס מ׳האָט געליטן און מע וועט נאָך ליידן, אויך וועגן דער קראַנקהייט, און ווי דער מענטש ווערט אָפּגעניצט פון דעם אַלעמען...

ער שטייט אויף, ציט זיך אויס און פּרוּווט פאַרטרייבן די רעיונות וועגן דעם וואָס געווען און ס׳וועט זיין. ער פאַלט צוריק אַריין אין דערמיט פון געפּרוּווירענעם שאָטן, ווו ס׳ווייעט דער ווינט, אין דערמיט פון די אַרומיקע, פאַרמרה־שחורהטע מענטשן, וואָס וואַרטן אין דער טונקלהייט אויפן אָוונט; ער פאַלט צוריק אין דער קעגנוואַרט און ציטערט פון קעלט.

צווי טריט מיט זיינע לאַנגע פיס פירן אים צו אַ גרופּקע ווו, כדי זיך אַ ביסל צו צעשטרייען און טרייסטן, פאַרוואָרט מען שטי־לערהייט וועגן עסן.

— באַ אונדז — זאָגט איינער — מאַכט מען אומגעהייערע בּרויטן, קיילעכדיקע, גרויסע ווי די רעדער פון אַ וואָגן, ...

און דער זעלבער רייסט אויף מיט פרייד ברייט די אויגן, כּדי צו זען זיינע היימישע ברויטן.

— באַ אונדז — מישט זיך אַריין אַ דרומלענדער — דויערט אַ יום-טובֿדיקע סעודה אַזוי לאַנג, אַז דאָס ברויט, אין אָנהייב פריש, ווערט אַזש פאַרעלטערט.

— אַ מין וויין באַ אונדז, זאָג איך דיר... אַזוי מיינסטו, גאָרנישט, נאָר אויב, הערסטו, ער האָט נישט קיין פוצצען גראַד, אי מיין נאָמען נישט...

דאַמאָלס נעמט אויך פויאַד דערציילן וועגן רויט-וויין, וואָס איז אַזש וויאָלעט, און פאַרטראָגט אַזוי גוט דאָס מישן, ווי ער וואָלט באַשאַפן געווען דערצו.

— באַ אונדז — זאָגט איינער פון בעאַרן — איז דאָ דער „זשיראַנסאָן”, דער אמתע; נישט דער, וואָס מע פאַרקויפט דיר פאַר „זשיראַנסאָן” און ער שטאַמט גאָר פון פאַריז. איך קען גראַד איינעם פון די אייגנטימער.

— אַז ס'איז שוין צוריידט געקומען — זאָגט פויאַד — האָב איך אין דער היים מוסקאַט-וויינען פון אַלע מינים, פון אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן, וועסט מיינען האָסט פאַר דיר זייד-מוסטערן. קומסט צו מיר אויף אַ חודש צייט, קריגסטו יעדן טאָג עפּעס אַנדערש צו פאַרזוכן, טייערער אוצר.

— וועט מען שוין איינמאָל צולעבן! — זאָגט מיט דאַנקבאַרקייט דער זעלנער.

און פויאַד ווערט באַגייסטערט פון די דאָזיקע וויין-דערינערונגען, אין וועלכע ער פאַרטיפט זיך אינגאַנצן, און גלייכצייטיק דערמאָנען זיך אים די געשמאַקע קנאָבל-ריחות באַ זיין פאַמיליען-טיש. די אויסדעמפונגען פון יענעם רוי-וויין און לייכט-געפאַרבטן ליקערוויין פאַרשיכּורן אים אין דעם פאַמעלעכן, אומעטיקן ווינטשטורעם, וואָס פייפט אין שייער.

ער דערמאָנט זיך פּלוצלינג, אַז אין דאָרף, וווּ מיר לאַגערן אַצינד, וווינט אַ שענקער פון בעזיע. מאַניאַק האָט אים געזאָגט: „פּאַר־בלאָנדזשע אַמאָל צו מיר; ברודערקע, מ׳עט טרינקען אַ גלעזל דאָר־טיקן וויין! ס׳געפינט זיך נאָך בײַ מיר אַ פּאָר פלעשלעך, וועט מען טועם זיין״.

די דאָזיקע פּערספּעקטיוו, אַזוי אומגעריכט, פאַרבלענדט פּו־זאַדן. דורך זיין גאַנצן לאַנגן קערפּער לויפט דורך אַ פאַרגעניגן־שוידער, ווי איינער, וואָס וואָלט געפינען דעם ריכטיקן וועג... טרינקען דרומדיקן וויין, דערצו נאָך פון זיין ספּעציעלן דרום, און טרינקען מיטן פולן מויל... ווי גוט וועט זיין צו זען דאָס לעבן אין דער דאָזיקער פאַרב, ווען אַפילו בלויז איין טאָג! אַוודאי, ער מוז אַצינד האָבן אַ ביסל וויין, און טרויעמט וועגן מאַכן זיך בגילופנדיק.

ער פאַרלאָזט באַלד די חברים מיט דער דעה זיך צו זעצן בײַ איין טיש מיט מאַיאָרן.

אָבער בײַם אַרויסגאַנג — בײַם אַריינגאַנג — שטויסט ער זיך אָן מיטן קאַפּראַל בּרואַיע, וועלכער לויפט איבער דער גאַס ווי אַ צייטונגס־יונגל און שרייט אַריין אין יעדער טיר.

— צום ראַפּאָרט!

די קאָמפּאַניע קומט זיך צונויף און שטעלט זיך אויס אין אַ פיר־עק אויפן ליימיקן בערגל, וווּ די פעלד־קיך שפּייט אויס איר ריס אין רעגן אַריין.

— כ׳וועל גיין טרינקען נאָכן ראַפּאָרט — טראַכט זיך פּוזאַדע.

און ער הייבט אָן לייענען דעם ראַפּאָרט, אַ צעשטרייטער, אינגאַנצן פאַרטיפט אין זיין געדאַנק. אָבער ווי נישט אויפמערק־זאַם ער איז, הערט ער דאָך, ווי דער שעף לייענט: „אַבסאָלוט פאַר־בּאָטן אַרויסצוגיין פון לאַגער פאַר זיבעצן דעם זייגער און נאָך צוואַנציק דעם זייגער. און דער קאַפּיטאַן, נישט אַכטנדיק אויפן

ערומיקן געמורמל פון די זעלנער, ליגט נאָך צו אַ פירוש צום דאָריקן אויבערשטן באַפעל:

— דאָ געפינט זיך דער דיוויזיע-שטאַב. ווי לאַנג איר זענט דאָ, ווייזט אייך נישט אויף די אויגן, באַהאַלט אייך. אויב דער דיוויזיע-גענעראַל פּאַקט אייך אין גאַס, הייסט ער אייך גלייך געבן דינסט. ער וויל נישט זען קיין זעלנער. באַהאַלט אייך אַ גאַנצן טאָג אין אייערע קוואַרטירן. טוט אייך וואָס איר ווילט נאַר, מיטן תנאי, מ׳זאָל אייך נישט זען, קיינעם נישט!

און מען קערט זיך אום אין שייער.

* *
*

עס איז צוויי באַטאָג. ערשט אין דריי שעה אַרום, ווען עס וועט שוין זיין אינגאַנצן פינסטער, וועט מען קענען אַרויסגיין נישט באַשטראָפט צו ווערן.

שלאָפן דערווייל? פּויאַד איז נישט מער שלעפעריק: זיין האָפנונג אויף ווייַן האָט אים אויפגערודערט. אַ חוץ דעם, שלאָפט ער באַטאָג, וועט ער נישט קענען שלאָפן באַנאַכט. דאָס, ניין! ליגן אַ גאַנצע נאַכט מיט אָפענע אויגן איז ערגער ווי אַ בייזער חלום.

דערנאָך, אינסטינקטיוו, טון זיי די איינציק מעגלעכע זאַך אויף דעם אָרט: הייבן די פיס, שטייענדיק אויפן אָרט, כדי נישט פאַרשטאַרט און פאַרפרוירן צו ווערן.

און אָט נעמען זיי לויפן גאָר שנעל, אין דער לענג און ברייט, אין דאָזיקן ענגן לאָקאַל, וואָס מיט דריי שפריינז גייט מען איב דורך; מע דרייט זיך אין קרייז, מע פאַרטשעפעט זיך, מע שטויסט איינער דעם צווייטן, דעם פאָדערשטן קערפּער-טייל פאָרויסגעבויגן, די הענט אין די קעשענעס, און מע קלאַפּט מיט די זוילן אָן דער ערד. די דאָזיקע באַשעפענישן, וועלכע דער ווינט שניידט אַפילו אויף זייער שטרוי-געלעגער, זען אויס, ווי אַ מחנה אָרי-

מע שלעפער, פון שטאָט פאַרטריבענע, וואָס וואַרטן אונטערן ווינטערדיקן הימל, אַז עפּעס אַ טיר פון אַ פילאַנטראָפּישער אינסטיטוציע זאָל זיך פאַר זיי אויפמאַכן. אָבער פאַר זיי וועט זיך קיין טיר נישט אויפעפענען, אַ חוץ ערשט אין פיר טעג אַרום, ווען די רו-פויזע וועט זיך ענדיקן און זיי וועלן אָוונט-צייט צוריקגיין אין די אָקאָפּעס.

אייגער אַליין ליגט קאָקאָן איינגעקאָרטשעט אין אַ ווינקל. די ליין פרעסן זיין לייב, ער איז אָבער אָפּגעשוואַכט פון קעלט און פייכטקייט און האָט נישט דעם מוט איבערצוטון וועש, און אַזוי ליגט ער, אַ פאַרפינסטערטער, אומבאַוועגלעך און לאָזט זיך פרעסן...

וואָס נענטער ס'ווערט, טראָץ אַלעמען, פינף אַ זייגער, ווערט פויגאַד ביסלעכווייז ווידער באַרוישט פון זיין ווייַן-טרוים, און ער וואַכט מיטן דאָזיקן ליכט-שטראַל אין זיין נשמה.

— וויפל איז דער זייגער?... דריי-פירטל אויף פינף... פינף מינוט צו פינף... אוף!

ער איז אין דרויסן, אין דער שטאָק-פינסטערער נאַכט. מיט לאַנגע שפרייזן, אונטערשפרונגענדיק אין דער בלאָטע, איילט ער זיך צו מאַניאַקן אין שענק אַריין, צו זיין הויכמוטיקן ביטערן־אַגער לאַנדסמאַן. מיט גרויס מאַטערניש קומט אים אָן צו געפונען די טיר אינ'ם חושך און טינט-רעגן. אָט האָסטו דיר, פאַרשלאָסן! ער צינדט אָן אַ שוועבעלע און שיצט עס מיט זיין גרויסער מאָגערער האַנט ווי מיט אַן אַבאַזשור, און דערזעט איבער דער טיר דאָס פּאַטאַלע צעטל „פאַר מיליטער-לייט אַריינגאַנג פאַרבאָטן". מאַניאַק, וואָס האָט זיך אין עפּעס פאַרזינדיקט, איז פאַאורטיילט צו בלייבן אין דער טונקלהייט און אומעטיק!

און פויגאַד דרייט זיך אויס מיטן רוקן צו דער דאָזיקער אכסניה, וואָס איז געוואָרן די תפיסה פון איינזאַמע בעל-הבית. ער רעזיגנירט נישט פון זיין טרוים. ער וועט גיין ערגעץ אַנדערש.

זאָל זיין געוויינטלעכער וויין, און ער וועט באַצאָלן, און פּטור.

ער שטעקט די האַנט אין דער קעשענע אַריין, אָנצוטאַפּן דעם בייטל, ער איז דאָ.

ער דאַרף דאָרט האָבן זיבן און דרייסיק סו; ס'איז נישט קיין פּאַרמעגן, אָבער...

אָבער פּלוצלינג שפּרינגט ער אויף, און בלייבט מיטאַמאָל שטיין, און טוט זיך אַ זעץ אין שטערן. אויף זיין לאַנגן פּנים שניידט זיך אויס אַ שרעקלעכע גרימאַסע, וואָס איז פאַרשלייערט דורך דער נאַכט.

ניין, ער האָט נישט קיין זיבן און דרייסיק סו! אַ שוואַנץ ער איז! ער האָט דאָך גאָר פאַרגעסן דאָס שאַכטל סאַרדינען, וואָס ער האָט נעכטן געקויפט, אַזוי שרעקלעך אומבאַטעמט איז געווען די נעכטיקע פּאָרציע גרויסע מאַקאַראָנען, און אויך דאָס טרינקגעלד, וואָס ער האָט געגעבן די שוסטער פאַרן אונטערטשוועקעווען די זוילן.

אַן אומגליק! דרייצען סו האָט ער דאָך קוים!

כדי זיך נוקם צו זיין אַן זיין הינטיש לעבן און ווערן בגילופנדיק כדבעי, מוז ער דאָך מינדעסטנס האָבן אַנדערהאַלבן ליטער! אַ פגירה! אַ ליטער רויטוויין קאָסט דאָ איין און צוואַנציג סו! אַזוי פיל האָט ער ווייט נישט!

ער קוקט אַרום זיך אין דער פינסטערער נאַכט. ער זוכט עמעצן. אפשר מאַכט זיך עפּעס אַ גוטער ברודער, וואָס וועט באָרגן עפּעס געלט, אָדער וואָס וועט גאָר צאָלן פאַר אַ ליטער.

אָבער ווער, ווער? בעקיוו — ער האָט בלויז זיין טויף-טו-טער, וואָס שיקט אים איטלעכע צווייט וואָכן טאַבאַק און בריוו-פּאַפּיר. באַרק — ער וועט נישט וועלן. בלער — קאַרג, און וועט אים נישט פאַרשטיין. ביקעט אויך נישט, ער קוקט קרום אויף אים. אויך נישט פעפּין, וואָס אַליין שנאָרעט ער און צאָלט נישט אַפילו

הען ער פֿאַרבעס. אָ! ווען וואָלפֿאַט זאָל דאָ זיין!... מעגיל אַנדערש איז אפֿילו יאָ דאָ, אָבער ער איז אים שוין שולדיק אַ פּאָר רונדן קאַפּראַל בערטראַנד! צוליב עפּעס אַ באַמערקונג, האָט ער אים פּשוט געשיקט שלאָפֿן און פֿון דאַמאָלס אָן איז מען קידער־ווידער פֿאַרפֿאַדעט? אַמאָל אין אַ יובל רעדט ער מיטן... ניין, ער פֿילט אַליין, אַז ער קאָן דאָס נישט בעטן בײַ פֿאַרפֿאַדעטן. און איבעריקנס נאָך וואָס זיך גלאַט אָנכאַפּן אָן די הוילע ווענט, דער טייוול ווייסט, וווּ זיי ליגן ערגעץ אַצינד, די אַלע!?

פֿאַמעלעך קערט ער זיך אים צום שייער. דערנאָך דרייט ער זיך אויס אויטאָמאַטיש און פֿאַר זיך, סתם, מיט וואַקלדיקע שריט. דאָך וועט ער פּרוּוון. אפֿשר טרעפֿט ער באַקאַנטע בײַם טיש... ווען ער קומט צו צום מיטלסטן טייל פֿון דאָרף, איז שוין די ערד אײַנגאַנצן באַדעקט מיט נאַכט.

די באַלויכטענע טיר־און־פֿענסטער פֿון די שענקען וואַרפֿן אַ שײַן אויף דער בלאָטע. אין דער הויפּט־גאַס אויף יעדע צוואַנציק טריט איז דאָ אַ שענקל. מען זעט די שווער־ געשטאַלטן פֿון די זעלנער צום מײנסט גרופּקעכווייז, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער גאַס. ווען ס'פֿאָרט אָן אַן אויטאָ, רוקט מען זיך אָפּ אָן אַ זײַט, און מע לאָזט אים פֿאַרבײַ. געבלענדט דורך די פֿײַערן און באַשפּריצט מיט שמוציקן שליאַם, וואָס די רעדער שלײַדערן אַרויס אויף דער גאַנצער ברייט פֿון וועג.

די שענקען זײַנען פֿול געפּאַקט. דורך די פֿאַרלאָפֿענע שויבן זעט מען אַ קאָמפּאַקטע מענטשן־מאַסע, אין העלמען, אײַנגעהילט אין אַ חאַלקן.

פֿויאַד גייט אַרײַן אין ערשטן בעסטן. באַלד פֿון דער שוועל טוט אים אַ הויך אין פּנים אַרײַן די וואַרעמע פּאַרע, דער ווײַן־ריח און געטומעל, און ער פֿאַלט אַרײַן אין אַ צעגאַרטער שטי־

רונג. דער דאָזיקער אַרומבאַזעצטער טיש איז ווי אַ שטיק פאַרגאַנגענהייט אין דער קעגנוואַרט.

ער קוקט זיך אַרום פון איין טיש צום צווייטן, דריקט זיך דורך, שטערנדיק דערביי די געסט, און באַטראַכט אַלעמענס פּנימער אַ פאַרכאַפּט זאָל עס ווערן! קיין איין באַקאַנטער.

ערגעץ אַנדערש איז דאָס זעלבע. נישטאָ קיין מזל, בחנם שטרעקט ער אויס דעם האַלדז און זוכט מיט אַ פאַרצווייפלטן בליק אַ באַקאַנט פּנים אונטער די דאָזיקע אוניפאָרמען דאָ, וועלכע זיצן קאָפּקעלעכווייז, אָדער אין צווייען, און טרינקען און פּלוידערן, אָדער טיילמאָל אַליין, שרייבנדיק אַ בריוו. ער זעט אויס ווי אַ בעטלער, און קיינער לייגט נישט אויף אים קיין אַכט.

נישט געפינענדיק קיינעם, וואָס זאָל אים צו הילף קומען, דעצידירט ער זיך אויסצוגעבן כאָטש דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט אין קעשענע. ער דריקט זיך צו ביזן בופעט.

— אַ שאָפּן וויין, אָבער גוטן...

— וויסן?

— יאָ, יאָ!

— איר זענט פון דרום-לאַנד — זאָגט די בעל-הביתטע, געבנדיק אים אַ קליין פול פלעשל מיט אַ גלעזל, און נעמט צו בײַ אים צוועלף סו.

ער זעצט זיך אַהעק אין אַן עק פון אַ טישל, וואָס איז פאַרנומען דורך פיר געסט, פאַרטויענע בײַ אַ גלעזל וואַנילייע; ער גיסט אָן זיין גלאָז ביזן ראַנד, לערט עס אויס און פילט עס ווידער אָן.

— אַ, לחיים, צעברעך נישט ס'גלאָז! — פאָרט אים גלייך אין דער נאָז אַריין אַ פריש-אָנגעקומענער גאַסט. ער טראָגט אַ בלוזע, מיט קוילן פּאַריסטע, אַרבעטסבלוזע, אין דערמיט פון זיין בלייך פּנים טראָגט ער אַ געדיכטן פּאָס ברעמען און פון ביידע זייטן פון

זיין פיראַמידן-אַרטיקן קאָפּ אַ פּאָר האַלב-פּונטיקע אויערן. עס איז האַרליִנגו דער וואָפן-שמיד.

עס איז לגמרי נישט אַזאַ ערע צו זיצן איינער אַליין בײַ אַ גלעזל אין קעגנוואַרט פון אַ קאַמעראַד, וואָס ווייזט אַרויס סימנים פון דורשט. אָבער פוּאַד מאַכט זיך, ווי ער פאַרשטייט גאָרנישט די אָנגצוהערעניש פון דאָזיקן הער, וועלכער דרייט זיך פאַר אים מיט אַ ליבלעכן שמייכל. ער טוט שנעל אַ זופּ אויס דאָס גלאָז ווײַן. יענער דרייט זיך אויס מיטן רוקן, מורמלענדיק פאַר זיך אונטער דער נאָז: „נישט קיין גרויסער געבער, גיכער זולל-וסובאניקעס, די דאָזיקע דרומלענדער".

פוּאַד האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער גאָמבע אויף די פויסטן און פאַרגאַפּיעט זיך אויפן בופעט, וווּ די זעלבער דרייען זיך, שטופּן זיך און שטויסן, ווען עס קומט אויס פאַרבײַצוגיין.

דאָס גלעזל ווייס-ווײַן איז אַפילו נישקשהדיק געווען, אָבער וואָס קענען אויסמאַכן די פּאָר טראָפּן אין פוּאַדס מדבר? קוים געלאָשן דעם דורשט, און ער איז שוין ווידער דאָ.

דער זון פון דרום שטייט אויף, גייט אַרויס, מיט די צוויי גלאָז ווײַן אין מאָגן און איין סו אין בײַטל. ער האָט נאָך דעם מיט צו באַזוכן אַן אַנדערע שענק, דורכצונישטערן זי מיט די אויגן און אָוועקצוגיין, מורמלענדיק פאַר זיך אַ מין אַנטשולדיקונג: „היל-דעפּיט! קיינמאָל איז ער נישטאָ, דאָס שטיק פערד!"

דערנאָך קערט ער זיך אום אין קוואַרטיר. אין שייער האָט דאָס וואָיען פון ווינט און דאָס טראָפּן נישט אויפגעהערט. פוּאַד צינדט אָן זיין ליכטל און, בײַם שיין פון פייערל, וואָס צאַפּלט פאַרצווייפלט, ווי ס׳וואָלט וועלן אַוועקפליִען, זוכט ער אויף לאַבריִן.

ער קוקט אַנידער, מיטן ליכט אין דער האַנט, פאַר דער אָרעמער חיה, וואָס וועט אפשר נאָך פאַר אים שטאַרבן. לאַברי-

שלאָפֿט, אָבער שוואַכלעך, ווייל באַלד עפֿנט ער די אויגן און באַ-וועגט מיטן עק.

פֿויאַד גלעט אים, און זאָגט גאַנץ שטיל:

— גאָרנישט צו מאַכן, גאָרנישט...

מער וויל ער אין לאַבריס קעגנוואַרט גאָרנישט זאָגן, כּדי אים נישט צו באַטריבן; אָבער דער הונט שאָקלט צושטימענדיק מיטן קאָפּ, איידער ער פֿאַרמאַכט ווידער די אויגן.

מיט מיר שטייט פֿויאַד ווידער אויף. זיינע געלענקען זיינען אים פֿאַרשטייפֿט געוואָרן; ער גייט זיך לייגן. אַצינד האָט ער איין-איינציקע האָפֿנונג: שלאָפֿן — און זאָל פֿאַרגיין דער דאָזיקער וויס-טער טאָג, דער דאָזיקער טאָג פֿון גאָרנישט, וואָס נאָך אַ סך ענלע-כע צו אים וועט ער מוזן העלדנמוטיק איבערהאַלטן, איבערווינדן, ביז ס'וועט קומען דער לעצטער טאָג פֿון דער מלחמה אָדער פֿון זיין לעבן.

XII.

## דאָס זיילנטויער.

— ס׳איז נעפּלדיק, גייסט?

די פּראַגע שטעלט פּאָטערלאָ, אויסדר ייענדיק צו מיר זיין גוטן בלאָנדן קאָפּ, וועלכן די בלויע אויגן מאַכן כּמעט דורכזיכטיק.

פּאָטערלאָ איז אַ געבּירטיקער פון סושע, און זינט די יעגער האָבן צוריקגענומען סושע, האָט ער חשק צו זען דאָס דאָרף, ווי ער האָט געלעבּט גליקלעך, אַמאָל, נאָך זייענדיק אַ מענטש.

אַ געפּערלעכער שפּאַציר, נישט ווייל מיר זיינען ווייט; סושע איז אונטער דער נאָז. זינט זעקס חדשים לעבּן מיר און אַרבּעטן אין אָקאָפּעס און דורכגאַנג-גרובּן, וואָס ליגן אויף אַ קליינעם מרחק פון דאָרף. מען דאַרף נישט מער, ווי גלייך פון דאַנען אַרויפקלעטערן אויפן וועג, וואָס פירט קיין בּעטן, לענגויס פון וועלכן עס ציט זיך די אָקאָפּע, אונטער וועלכער ס׳שלענגלען זיך די קעמערלעך פון אונדזערע שוץ-לעכער — און נאָך אַ פיר-פינף-הונדערט מעטער בּאַרג-אַראָפּ איז שוין סושע. אָבּער די גאַנצע געגנט ווערט אומאויפהערלעך שרעקלעך בּאַשאָסן. פון דער צייט פון זייער ריקצוג, הערן נישט אויף די דייטשן אַהערצושיקן זייערע מעכטיקע גראַנאַטן, וואָס מאַכן אונדז אויפציטערן אין אונדזערע אונטער-ערדישע וווין-לעכער; דערבּיי זעט מען, איבּערן וועג-אָפּהאַנג, אַ מאָל דאָ, אַמאָל דאָרט הויכע גייזערס פון ערד און שטיין-בּרעקלעך און ווערטיקאַלע רויך-זיילן, הויכע, ווי קירכן-טורעמס. פאַרוואָס

באָמבאַרדירן זיי סון שעה? מען ווייסט נישט, ווייל ס'איז מער קיינער און גאָרנישט דאָ אין דאָרף, וואָס איז גענומען און ווידערגענומען געוואָרן, און וועלכעס מ'האָט איינער באַם אַנדערן פאַרביסן אַרויסגעריסן.

אָבער היינט אינדערפרי הילט אונדז איין דער געדיכטער נעפּל מער ווי שטענדיק און, אונטערן שוץ פון דעם גרויסן שלייער, וואָס דער הימל שפּרייט אויס אויף דר'ערד, קען מען ריזיקירן... יעדנפאַלס איז מען זיכער נישט געזען צו ווערן. דער נעפּל לאָזט נישט דורכזען קיין שפּעלטל פון גאַנצן שטח, אויף וועלכן ס'איז מסתמא אָנגעשטעלט דאָס גלאָז פון אַן אינסטרומענט ערגעץ אינדערהייך, איינגעוויקלט אין דער נעפּל-וואַטע; זיין לייכטע אומדורכזיכטיקע וואַנט שטעלט זיך ווי אַ מויער צווישן אונדזערע ליניעס און די באַאָבאַכטונגס-פּונקטן פון לענס און אַנגרעס, ווו דער פיינט לויערט אויף אונדז.

— געמאַכט! — זאָג איך צו פּאַטערלאָ.

דער אַדיוטאַנט באַרט, ווען מיר גיבן עס אים צו וויסן, שאָקלט אַרויף און אַראָפּ מיטן קאָפּ און פאַרמאַכט דערביי די אויגן אַלס צייכן, אַז ער וועט קוקן דורך די פינגער.

מיר קריכן אַרויס פון דער אָקאָפּע, און אָט שטייען מיר ביידע אויפן וועג, וואָס פירט קיין בעטון.

ס'ערשטע מאָל איז עס, ווי כ'גיי אויף דעם וועג באַטאָג. מיר האָבן אים שטענדיק געזען, נאָר פון זייער וויט, דעם דאָזיקן שרעקלעכן וועג, איבער וועלכן עס איז אונדז אָפטמאָל אויסגעקומען צו לויפן אָדער שפּרינגענדיק איבערצוגיין אין דער פינסטערניש, איינגעקאָרטשעט, אונטערן פייפן פון גראַנאַטן.

— נו, אַלטער ביין, רירסט דיך?

קוים אָבער האָבן מיר געמאַכט אַ פּאָר טריט, איז פּאַטערלאָ געבליבן שטיין אין מיטן וועג, ווו עס האָבן זיך געצויגן לאַנגע נעפּל-

פעדים, ווי באַנוול-דרימען, האָט האַלב געעפנט זיין שאַרלעך-רויט מויל און ברייט אויפגעריסן זיינע האַריזאָנט-בלויע אויגן.

— אַ, לאַ, לאַ! אַ, לאַ, לאַ!... מורמלט ער.

ווען איך דריי מיך אויס צו אים, ווייזט ער מיר אָן אויפן וועג און זאָגט צו מיר, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

דאָס איז ער. גאָט מיינער, ווען ווער עמען וועט איינפאַלן, אַז דאָ איז עס!... דאָס אָרט, וווּ מיר זיינען אצינד, קען איך דאָך ווי מיי-נע צען פינגער, מיט פארמאַכטע אויגן וועל איך דאָ גיין. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, ס'איז שרעקלעך, ווען מע קוקט זיך צו אַצינד. אַ הערלעכער וועג געווען, פון ביידע זייטן אויסגעזעצט מיט הויכע ביימער...

און אַצינד ווי זעט דאָ אויס? טו נאָר אַ קוק, עפּעס אַ לאַנ-גער פּגר, טרויעריק, טרויעריק... קוק נאָר אָן די ביידע אָקאָפּעס פון יעדער זייט אין דער גאַנצער לענג אויפגעריסן, די צעאַקערטע ברוק פול מיט גראַנאַטן-לעכער, די אויסגעוואָרצלטע ביימער, צע-זעגטע, פאַרברענטע, אין שייטלען צעשפּליטערטע, צעוואָרפענע אויף אַלע זייטן, פון קוילן דורכגעלעכערטע — נאַ, זע נאָר, ווי אַ זיפּ זעט עס אויס! טאַטע פאָטער, קענסט דיר גאָרנישט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ חורבן דאָ איז.

און ער גייט ווייטער, אָפּשטעלנדיק זיך אויף יעדן טריט מיט אַ שרעקלעכער איבעראַשונג.

דער וועג זעט אויס באמת פאַנטאַסטיש, דער וועג, וואָס פון ביידע זייטן זיינע האָבן צוויי אַרמייען געלויערט אויף זיך און קראַמפּ-האַפט זיך פעסטגעהאַלטן, און אויסגעמישט זייערע קלעפּ אין משך פון אַנדערטהאַלבן יאָר. עס איז אַ לאַנגער וויסטער וועג, וווּ קוילן יאָגן איינער די אַנדערע און לאַנגע שורות גראַנאַטן שניידן אים דורך, אַקערן דורך, רודערן אויף און באַדעקן אים מיט ערד פון די פעלדער, הוילן אים אויס און דרייען אים איבער ביז צו די ביינער.

ער זעט אויס אַ פֿאַרשאָלטענער שטעג, אָן אַ קאָליר, צעפּליקט, צעשינדן און אַלט, גראַנדיעז אין זײַן שוידערלעכקייט.

— ווען דו וואָלסט אים אַמאָל געזען! — זאָגט פּאַטערלאָ — ווי ריין און גלאַטיק ער איז געווען. אַלערליי ביימער האָסטו דאָ געהאַט, אַלערליי בלעטער, אַלערליי פֿאַרבן, ווי זומער־פֿייגעלעך. און שטענדיק האָסטו דאָ עמעצן געטראָפֿן אַ גוטמאָרגן צו זאָגן: אַן אַלטע פֿרוי, וואָס וואַקלט זיך צווישן צוויי קוישן, אָדער סתּם מענטשן, וואָס האָבן צווישן זיך הויך גערעדט, אויף אַ פּירל, אין בלוזעס, אָנגעבלאָזענע פֿון ווינט, ווי באַלאָנען. אַך, ווי גליקלעך ס'האָט זיך דאָ אַמאָל געלעבט!

ער לאָזט זיך אַראָפּ צו די ברעגעס פֿון נעפּלדיקן טײַך, וואָס פֿליסט אין דער פֿאַרטיפֿונג פֿון וועג ביז צו די שוץ־וואַלן. ער בייגט זיך אײַן און בלײַבט שטיין לעבן עפּעס אַ מטושטשדיק, בייכיק אָרט, וווּ ס'שניידן זיך אויס קרייצן: עס זײַנען קבֿרים, אויסגעסדרטע אין דער נעפּלדיקער וואַנט, אָפּגערוקט אַביסל איינער פֿון אַנדערן, ווי אַ קרייצוועג אין אַ קירכע.

איך רוף אים. מ'וועט דאָך קיינמאָל נישט צו קיין ענדע קומען מיט אַזעלכע לוויה־טריט. אַ סוף!

מיר קומען צו אַן אָרט, וווּ דער באָדן לאָזט זיך אַראָפּ. צוערשט קום איך, און פּאַטערלאָ, באַשווערט פֿון דעם מיש־מאַש געדאַנקען, שלעפּט זיך נאָך מיר, בחנם זיך מיִענדיק זיך דורכצוּוואַרפֿן מיט זײַנע בליקן מיטן אַרומיקן. דאָ גייט דער וועג באַרג־אַראָפּ, און עפּעס אַ הייכקייט פֿאַרשטעלט אים פֿון צפֿון־זײַט. אין דער דאָזיקער געשיצטער געגנט איז דאָ אַ ביסל אַ פּאַרקער.

אויף דעם צעשוווּמענעם, שמוציקן, קראַנקן באָדן, וווּ פֿאַרניריקנט גראָז איז פֿאַרזונקען אין אַ שוואַרץ שמירעכץ, ליגן שורות ישע. מען האָט זיי געבּרענגט אַהער בײַנאַכט, בשעת מ'האָט אָפּגערייניקט דעם פּלאַץ אָדער די אָקאָפּעס. זיי וואַרטן — טייל

שוין גאָר לאַנג — מ׳זאָל זיי באַנאַכט איבערפירן צו די בית-עולמס הינטערן פּראָנט.

שטילערהייט גייען מיר צו. זיי ליגן האַרט איינער לעבן אַנדערן; בּאַ יעדן איז פאַרשטאַרט געבליבן דער לעצטער גסיסה-קראַמף פון די הענט אָדער פּיס. טייל האָבן האַלב-פאַרשימלטע פּנימער, די הויט פאַראָסטעט, געל, מיט שוואַרצע פינטעלעך. אַ סך האָבן אינגאַנצן שוואַרצע פּנימער, ווי מיט סמאָלע אויסגעשמירטע, אומגעהייערע, אָנגעדראָלענע ליפּן, נעגער-קעפּ, אָנגעבלאָזזענע ווי אַ מיעך. צווישן צוויי קערפּערס שטאַרט אַרויס, אומבאַשטימט וועלכן פון זיי זי געהערט, אַן אָפּגעהאַקטע האַנט, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַ קנויל פּעדעמלעך.

אַנדערע ווידער זען אויס ווי אומפאָרמיקע, שמוציקע מאַסקעס, פון וואַנען ס׳שטאַרן אַרויס צעשוווּמענע געגנשטאַנדן פון דער אויס-ריסטונג און שטיקלעך ביינער. אַ ביסל ווייטער ליגט אַ טויטער אַזוי שרעקלעך צעקאַליעטשעט, אַז מ׳האָט אים געמוזט אַרומפלעכטן מיט דראָט און אָנבינדן ביידע עקן אָן אַ שטעקן, כדי אים נישט צו פאַרלירן אין מיטן וועג. אַזוי האָט מען אים געטראָגן, ווי אַ באַלם, אין דעם מעטאַלענעם האַמאַק און אַזוי האָט מען אים אַוועק-געלייגט. מען דערקענט נישט, נישט קיין אויבערשטן, נישט קיין אונטערשטן קערפּער-טייל; אין דעם הויפן, וואָס ער שטעלט פאָר מיט זיך, דערקענט מען בלויז אַן אָפּגעריסענע הויזן-קעשענע. מ׳זעט עפּעס אַ שרץ, וואָס גייט אַרויס און קריכט אין איר צוריק אַריין.

אַרום פלאַטערן בריוו, וועלכע זיינען אַרויסגעפאַלן פון זייערע טאַשן אָדער פּאַטראָנטאַשן, בשעת מ׳האָט די מתים דאָ אַנידערגע-לייגט. אויף איינעם פון די דאָזיקע אינגאַנצן ווייסע שטיקלעך פּאַ-פּיר, וואָס פלאַטערן אַרום אין ווינט און בלייבן קלעבן אין דער בלאָטע, לייען איך, זיך איינבייגנדיק אַ ביסל, אַ זאַץ: „ליבער הענרי, וואָסער שיין וועטער עס איז צו דיין געבורטס-טאָג!“. דער זעלנער

ליגט אויפן בויך; די לענדן זיינען בא אים געשפּאָלטן פון אייז העלפט ביז דער צווייטער דורך א טיפן ריס. דער קאָפּ איז האלב נאָך הינטן אויסגעדרייט; מע זעט אַן אויסגעהוילט אויג, און אויף דער שלייף, באַק און האַלדז איז אויסגעוואַקסן אַ מין גרינער מעך.

אַ פּאַרעיפּושטע לופט טראָגט זיך צוזאַמען מיטן ווינט אַרום די מתים און דעם ביסל זאַכן, וואָס ליגן אין זייער שכנות: פּאַ־לאַטקע־לייוונטער אָדער מלבושים פון עפּעס צעקראַכענע שטאָפן, דורכן פּאַרטריקנטן בלוט שטייף געוואָרענע און פאַרקוילטע פון שאַסבראַנד, פּאַרהאַרטעוועטע, ערדיקע און שוין פּאַרפוילטע; אויף דעם שויבלט אין גריבלט אַ לעבעדיקער שיכט. ס׳ווערט אונדז נישט גוט. מיר קוקן זיך אָן, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, און מיר וואַגן נישט אָפּן אַרויסצוזאָגן, אַז דאָ איז אַ שלעכטער ריח. פּונדעסטוועגן גייען מיר אַוועק גאָר פּאַמעלעך.

ס׳נעמען פּינטלען אין נעפּל איינגעבויגענע רוקנס פון מענטשן, וואָס זיינען באַהאַפטן צווישן זיך דורך עפּעס אַ משא, וואָס זיי טראָגן. צוויי טרעגער פון לאַנדוועער טראָגן אהער אַ פרישן מת. קרעכצנדיק קומען זיי אָן מיט זייערע אַלטע אָפּגעצערטע, פאַרשוויצטע קעפּ, מיט אויסגעקרימטע, פון אָנשטרענגונג, פּנימער. טראָגן אין צווייען אַ טויטן דורך די לויפגרובנס אין אַזאַ בלאָטע — דאָס איז אַן איבערמענטשלעכע אַרבעט.

זיי לייגן אָפּ דעם טויטן. ער איז נאָך ביי אָנגעטון.

— ס׳איז גאָרנישט לאַנג, איז ער נאָך געשטאַנען אויף די פיס — זאָגט איינער פון די טרעגער. — מיט צוויי שעה צוריק האָט ער געכאַפּט אַ קויל אין קאָפּ אַריין; ס׳האָט זיך אים פאַר־גלוסט גיין זוכן אויפן פעלד אַ פרייסישע ביקס: מיטוואָך האָט ער געזאָלט פאָרן אויף אורלויב, און ער האָט געוואָלט אהיימנעמען איינע. אַ מערזשאַנט פון 405־טן, יאָרגאַנג 14. דערצו נאָך אַ וואוילער בחור.

ער ווייזט אים אונדז: ער הייבט אונטער ס׳טאַשנטיכל, וואָס פאַרדעקט זיין פנים; ער איז נאָך גאָר יונג און זעט אויס ווי ער וואָלט געשלאָפן; נאָר דער אויגנאַפּל איז פאַרדרייט, די באַק וואַקס־פאַרביק און אַ רויטלעך וואַסער באַנעצט אים די נאָזלעכער, דאָס מויל און די אויגן.

דער דאָזיקער קערפּער, וואָס ברענגט אַריין אַ ריינעם טאָן אין דער דאָזיקער שחיטה־שטאָט, וואָס בייגט נאָך אָפּ בויגזאַם דעם קאָפּ אָן אַ זייט, ווען מען רירט אים אָן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט מאַכן באַקוועמער, גיט די קינדערישע אילוזיע פון אַ ווייניקער־טויטן, ווי די אַנדערע. ווייניקער דעפאָרמירט קומט ער פאַר פּאַטעטישער, נעב־טער, און מער אָנצי׳ענדיק פאַר דעם, וואָס קוקט אים אָן. און ווען מיר וואָלטן בכלל עפּעס געזאָגט אין קעגנוואַרט פון דער דאָזיקער קופּע פאַרלאָשענע לעבנס, וואָלט עס זיין בלויז: „אָרים יונגל״.

מיר גייען צוריק אַרויף אויפן וועג, וואָס פון דעם אָרט פירט ער שוין גלייך אַראָפּ צו סושע. דער דאָזיקער וועג אונטער אונדזע־רע טריט און די ווייטקייטן פון נעפּל, זעט אויס ווי אַ יאַמערטאָל. גאַנצע חמרים פון ברעקלעך, שטיקלעך און אָפּפאַלעכצער וואַל־גערן זיך אויפן צעריבענעם ברוק ביז אויף די בלאָטיקע ראַנדן און פאַרלייגן דעם וועג. דיביימער ליגן אויסגעצויגן אויף דר׳ערד, אָדער זיינען פאַרשוונדן, אויסגעריסענע, צעשפּליטערטע. די פּלאַכן פון ביידע זייטן זיינען דורך גראַנאַטן צעריבן אָדער אויסגעריסן. לענגויס דעם שאָסיי, פון ביידע זייטן אָדער פון איינער, שטייען בלויז די קרייצן אויף די קברים; ווייטער זעט מען נאָר די אָקאָ־פּעס, שוין צוואַנציק מאָל פאַרשאָטענע און אויפגעגראָבענע לעכער, דורכגאַנגען צווישן לעכער, צונויפגעפּלאָכטענע צוויינן און זומ־פּיקע ערטער.

וואָס ווייטער מיר גיין, אַלץ מער איז אַלץ איבערגעקערט, גרויזאַם, פול מיט פאַרפוילטקייט, אַלץ שרעקלעכער דער קאַטאַק־

ליזם. מיר גייען אויף אַ ברוק פון גראַנאַטן-שפּליטערן. אויף יעדן
טריט שטויסט מען זיך אָן אָן זיי; מען פאַרטשעפּעט זיך ווי אָן נעצן,
מען שטרויכלט זיך כסדר איבער צעבראָכענע ביקסן-טיילן, שערבע-
לעך פון קיך-געשיר, קאַנען, איזוועלעך, ביי-מאַשינען, צווישן קנוילן
עלעקטרישע דראָטן, דייטשישע און פראַנצויזישע אויסריסטונגען,
באַדעקטע מיט אַ שאָלעכץ פון טרוקענער בלאָטע, צווייפלהאַפטיקע
שטיקער פון מלבושים, אָן וועלכע ס'קלעבט אַ רויט-ברוינע קיט-
מאַסע. דערצו מוז מען נאָך אַכטונג געבן אויף די נישט-אויפגע-
ריסענע גראַנאַטן, וואָס אומעטום שטעקן זיי אַרויס זייערע שפּיצן,
אָדער באַווייזן די קאַפּסעלן, אָדער ליגן אויף אַ זייט, רויט, בלוי
אָדער שוואַרץ-ברוין באַפאַרבט.

— דאָס איז אַן אַלטע דייטשישע אָקאָפּע, וועלכע זיי האָבן
ענדלעך אָפּגעגעבן...

שטעלנווייז איז זי פאַרשטאָפּט; ווו-נישט-ווו צעלעכערט דורך
שראַפּנעלן. די ערד-זעק צעריסן, אויפגעטרענט, צעשיט, אויסגעליי-
דיקט, צעשטויבט פון ווינט. די שטיץ-באַלקן זיינען צעשמעטערט
און שטאַרן אַרויס אין אַלע זייטן. די זיכער-היילן זיינען ביזן ראַנד
אָנגעפּילט מיטערד און מיט גאָט ווייס וואָס נאָך אַלץ. ס'זעט אויס,
ווי אַן איינגעפאַלן, אָפּגעריסן, זומפּיק און האַלב-אויסגעטריקנט בע-
לעגער פון אַ טייך, וואָס איז פון וואַסער און מענטשן פאַרלאָזט געוואָרן.
אויף איין אָרט איז די אָקאָפּע ממש אָפּגעווישט דורך אַ האַרמאַט;
דער אויסגעגלייכטער גרובן איז דאָ נישט מער ווי אַ פעלד מיט
פרישער ערד, וואָס באַשטייט פון סימעטרישע, אין דער לענג
און ברייט, איינס לעבן ס'אַנדערע ליגנדיקע, לעכער.

איך ווייז אָן פאַטערלאָן אויפן דאָזיקן אויסערגעוויינטלעכן
פעלד, איבער וועלכן, דאַכט זיך, ס'איז דורכגעגאַנגען אַ ריזיק
אַקעראייזן.

ער אָבער איז אין טיפסטן פון זיין לייב דורכגעדריגגען מיט דער ענדערונג פון לאַנדשאַפט.

* *
*

פלוצלינג, ווי פון אַ חלום אויפגעוואַכט, אַ געפּלעפטער, ווייזט ער מיר אָן מיטן פינגער אויף אַן אָרט פון פלאַכלאַנד.

— דער „קאַבאַרעט רוזש!"

ס'איז אַ גלאַט פעלד באַדעקט מיט צעבראָכענע ציגל.

און דאָס, וואָס איז אַזעלכעס?

אַ וועגשטיין? ניין, ס'איז נישט קיין וועגשטיין. ס'איז אַ קאָפּ. אַ שוואַרצער, גלאַנציקער, זון-פאַרברענטער קאָפּ. דאָס מויל איז איינגאַנצן פאַרקרימט, און מען זעט אַ וואָנסע, וואָס שטאַרט פון יענער זייט: אַ גרויסער פאַרקוילטער קאַצן-קאָפּ. דער גוף — אַ דייטש — איז פון אונטן באַגראָבן שטייעדיקערהייט.

און דאָס?

אַ מאָראַדיקער צוזאַמענשטעל: אינגאַנצן אַ ווייסער שאַרבן, דערנאָך, צוויי מעטער פון שאַרבן, אַ פּאָר שטיוול, און, צווישן ביידע, אַ הויפן פון צעפליקטע שטיקלעך לעדער און מיט ברוינער בלאָטע צונויפגעקלעבטע שמאַטעס.

— קום. דער נעפּל איז שוואַכער. גיכער.

הונדערט מעטער פאַר אונדז, אין די מער דורכזיכטיקע נעפּלווענט, וואָס באַוועגן זיך צוזאַמען מיט אונדז און פאַרהילן אונדז וואָס אַמאָל קנאַפּער, פייפט און פּלאַצט אַ גראַנאַט... ער איז געפאַלן אויפן אָרט, וווּ מיר וועלן באַלד פאַרבייגיין.

מיר גייען באַרג-אַראָפּ. די שפּור ווערט שוואַכער.

מיר גייען איינער לעבן צווייטן. מיין באַגלייטער רעדט קיינאָרט נישט, קוקט זיך אַרום אויף רעכטס און אויף לינקס.

דערנאָך בלייבט ער ווידער שטיין, ווי פריִער באַם באַרג־אַרויף גיין. ער שטאַמלט, קוים וואָס מ׳הערט אים:

— יאָ, יאָ. דאָ איז עס... מיר זיינען דאָך שוין דאָ.

און באמת, מיר האָבן אפילו נישט פאַרלאָזט די פלאַך, די גרויסע אומפּרוכטבאַרע, אָפּגעבּרענטע פלאַך — און דאָך זיינען מיר אין סושע!

* *
*

דאָס דאָרף איז פאַרשוואונדן. נאָך קיינמאָל האָב איך נישט געזען אַזאַ ענלעך פאַרשווינדן פון אַ דאָרף. אַבלען־סעגאַ־באָזער און קאַרענסי האָבן נאָך אַן אויסזען פון אַ ישוב, מיט זייערע איינגעפאַלענע הייזער, מיט זייערע הייף, פאַרשאָטענע מיט קאַלך און ציגל. דאָ אָבער, אין דער רעם פון אויסגעריסענעביימער — וואָס רינגלען אונדז דאָ אַרום אין מיטן נעפּל, ווי אַ שאָטן פון אַ מענטשלעכער סביבה — האָט אַלץ פאַרלוירן זיין געשטאַלט: קיין פּיצל וואַנט, קיין זכר פון אַ פּלויט, פון אַ טויער, וואָס זאָל האָבן שטיין געבליבן; מיט פאַרוואונדערונג באַמערקט מען אַ טראָטואַר אינם דאָזיקן מיש־מאַש פון באַלקן, שטיינער און אייזנוואַרג: אַמאָל איז דאָ געווען אַ גאַס!

ס׳זעט דאָ אויס, ווי אַ צעשוומענער, שמוציקער, בלאָטיקער פּלאַץ לעבן עפּעס אַ שטאָט. אַ פּלאַץ, וווּ די שטאָט וואַרפט אַרויס כסדר, אין משך פון יאָרן, נישט איבערלאָזנדיק קיין שטיקל פרייען שטח, איר גאַנץ מיסט, אָפּפאַלעכצער, קאַליע־געוואָרענע בוי־מאַטעריאַלן און צעבראָכענע כלים; עס איז אַן איינפאָרמיקע שיכט פון מיסט און רעשטלעך, אין וועלכע מען ווערט פאַרזינקען, און מען מוז גיין גאַר לאַנגזאַם, מיט שוועריקייט. דאָס באָמבאַרדירן האָט אַזוי שטאַרק אַלץ פאַרענדערט, אַז עס האָט אַזש אָפּגעלענקט דעם לויף פון מיל־טייכל, און דאָס טייכל לויפט אַצינד סתם אין

דער וועלט אַריין, און אויפן איבעריקן שטיקל פון קליינעם שטח, ווו ס'איז אַמאָל געשטאַנען אַ קרייץ, לויפט אַצינד אַ וואַסער.

דאָ און דאָרט אַ פּאָר גראַנאַט-לעכער, אין וועלכע ס'צעלייגן זיך אויפגעדראָלענע פערד-גופים און פוילן; אין אַנדערע לעכער ליגן צעוואָרפן די רעשטלעך פון דעם, וואָס איז אַמאָל געווען אַ מענטשלעך באַשעפעניש און איז צעריבן געוואָרן דורך דער שרעקלעכער וווּנד פון אַ גראַנאַט.

אָט, אויפן שטעגל, ווו מיר גייען און קלעטערן, ווי איבער חורבות, ווי איבער אַ מבול פון רוינען, אונטער דער שווערער אומעטיקייט פון הימל, אָט ליגט אויסגעצויגן אַ מענטש, ווי ער וואָלט געשלאָפן; נאָר ער שטייט-צו אַזוי פלאַטשיק, האַרט צו דער ערד, אַז מען דערקענט גלייך, אַז ס'איז נישט קיין שלאָפנדיקער, נאָר אַ טויטער. ס'איז אַ זופּנטרעגער, מיט זיין ברויט-בינטל אַרומגעגאַרטלט אַרום פּאַס, און ווי אַ שטענגל הענגען אים איבער די פּלייצעס דורכגעצויגן אויף אַ לעדערנעם פּאַס די פעלד-פלעשלעך פון זיינע חברים. וואַרשיינלעך האָט אים ערשט די נאַכט געטראָפן אַ גראַנאַט-שפּליטער און דורכגעלעכערט דעם רוקן. מיר זיינען אָן אַ ספק די ערשטע אים צו אַנטדעקן, דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן זעלנער, וואָס איז אומבאַקאַנט געש-אָרבן. מעגלעך ער וועט זיך פריער צעפאַלן ביז אַנדערע וועלן אים אַנטדעקן. איך זוך זיין דערקענונגס-מאַרקע; זי איז פאַרקלעבט מיט געשטאַנענעם בלוט, אין וועלכן ס'שטעקט זיין רעכטע האַנט. כ'פאַרצייכן מיר דעם נאָמען, וואָס איז געשריבן מיט בלוטיקע בוכשטאַבן.

פּאַטערלאָ לאָזט מיך אַלץ אַליין טון. ער זעט אויס ווי אַ לונאַטיק. פאַרצווייפלט קוקט ער זיך אַרום אויף אַלע זייטן, קוקט און קוקט; ער זוכט עפּעס אָן אַ סוף צווישן די דאָזיקע צעטרייבערטע, פאַרשווונדענע זאַכן, אין דאָזיקן לערן רוים, ער זוכט ביז צום פאַרגעפלטסטן רוים.

דערנאָך זעצט ער זיך אויף אַן אויסגעצויגענעם קלאָץ, נאָכדעם ווי ער האָט מיטן פוס אומגעשליידערט אַ צעדרייטן ראָנדל, וואָס איז אויף אים געלעגן. איך זעץ זיך לעבן אים. ס׳קאַפּעט אַ דראָבנע רעגנדל. די פייכטקייט פון נעפּל צעגייט אין טראָפּנדלעך און לייגט אויף אַלע זאַכן אַ לייכטן שימער.

פּאָטערלאָ מורמלט:

— אַ בראָך!... אַ בראָך!...

ער ווישט דעם שטערן און הייבט אויף אַ פּאָר בעטנדיקע אויגן. ער באַמיט זיך צו פאַרשטיין, צו באַגרייפן די צעשטערונג פון דעם דאָזיקן ערד־ווינקל, אין זיך אַריינצונעמען דעם דאָזיקן טרויער. ער שטאַמלט ווערטער אָן צוזאַמענהאַנג לאָזט אַרויס מאָדנע אויסרופן. ער טוט אויס זיין גרויסן העלם, און מען זעט ווי פון זיין קאָפּ שלאָגט אַ פאַרע. דערנאָך זאָגט ער מיט ווייטיק:

— ברודער, קענסט דיר נישט פאָרשטעלן, קענסט נישט, קענסט נישט...

רעדט אָפּגעהאַקט:

— דער קאַבאַרעט־רויש, ווו ס׳ליגט דער קאָפּ פון דעם דייטש, און אַלץ אַרום, דאָס גאַנצע מיסטיקע געווימל... אָט דער גרויסער מיסט־קאַסטן, דאָס איז פריִער געווען... באַם ראַנד פון וועג אַ ציגל־הויז און צוויי נידעריקע געביידעס באַ דער זייט איז דאָס געווען... וויפיל מאָל, גאָט מיינער, גראָד אויפן זעלבן אָרט, ווו זיי זיינען שטיין געבליבן, וויפיל מאָל האָב איך צו דער אַלטער פרוי, וואָס איז געשטאַנען און געלאַכט אויף דער שוועל פון דער טיר, געזאָגט אויף ווידערזען, זיך אָפּווישנדיק ס׳מויל און געקוקט אין דער ריכטונג פון סושע, וואוהין כ׳בין צוריק געגאַנגען אַהיים! און אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, האָט מען זיך ווידער אויסגעדרייט און איר געשיקט עפּעס אַ וויצל! אָ! דו קענסט דיר נישט פאָרשטעלן.

„זײַן דאָס דאָ, און דאָס!...״

ער מאַכט אַ קרייז-באַוועגונג, כדי מיר צו ווייזן די דאָזיקע גאַנצע אָפּוועזנהייט, וואָס רינגלט אים אַרום...

— מיר קענען זיך דאָ נישט לאַנג אויפהאַלטן, מיין ליבער. זעסט דאָך, דער נעפּל הייבט זיך אויף.

ער שטייט שווער אויף.

— קום...

דאָס וויכטיקסטע קומט ערשט נאָך. זיין הויז...

ער וואַקלט זיך, אָריענטירט זיך, גייט...

— דאָ איז עס... גיין, כ'בין פאַרבייגעגאַנגען. ס'איז נישט דאָ. כ'ווייס נישט ווו ס'איז — ווו ס'איז געשטאַנען. אַן אומגליק! אַ ביטערקייט!

ער ברעכט פאַרצווייפלט די הענט, און האַלט זיך קוים אויף די פיס צווישן דעם קאַלך און האָלץ-ברויך. און מ'טאַמאַל, פאַרלוירן אין דאָזיקן פאַרשאָטענעם זוכן אין דער לופט, ווי אַ נאַריש קינד, ווי אַ משוגענער. ער זוכט די היימלעכקייט פון די שטובן, וואָס איז צעשטויבט אין דעם אומענדלעכן רוים, זוכט זייערע פאַרמען און די אינטימע האַלב-טונקלקייט, וואָס איז צעטראָגן געוואָרן דורכן ווינט!

שפּאַנענדיק אַ פּאָר מאָל אַ הין-און-אַהער, שטעלט ער זיך אָפּ איף אַ געוויס אָרט און רוקט זיך אָפּ אַ ביסל:

— דאָ איז עס. גאַנץ געוויס. זעסט: אַן דעם אָט שטיין דערקען איך עס ווידער. דאָ איז געווען אַ קעלער-פענסטער. מע זעט נאָך די שפּורן פון די אייזערנע שטאַכיטן פון פענסטערל, איידער ס'איז אויסגעריסן געוואָרן.

ער שנייצט זיך אויס, פאַרטראַכט זיך, און שאָקלט אומויפהערלעך מיטן קאָפּ.

— אַצינד, אז ס'איז שוין גאָרנישט דאָ מער, פילט מען ערשט וי גליקלעך מ'איז געווען. יאָ, ווי גליקלעך!

ער דערנענטערט זיך צו מיר און לאַכט נערוועזש.

— ס'איז נישט קיין געוויינטלעכע זאַך, דאָס, הער! כ'בין זיכער, אַז אַזוינס האָסטו נאָך קיינמאָל נישט געזען: נישט צו קענען אויפזוכן זיין אייגן הויז, ווו מ'האָט פון תמיד אַן געוווינט און געלעבט...

ער דרייט זיך האַלב אויס און שלעפּט מיך מיט זיך.

— מיר קענען הייסט עס גיין געזונטערהייט, אַז ס'איז גאָר־נישט איבערגעבליבן. און ווען וועסט קוקן אַפילו אַ שעה דורכאַנאַנד אויפן אָרט, וווּ דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל! קום, ברודערקע, מיר גייען.

און מיר גייען, מיר זיינען די איינציקע צווי לעבעדיקע פלעקן אין דעם דאָזיקן אילוזאָרישן און פאַרנעפּלטן אָרט, אינם דאָזיקן דאָרף, וואָס איז אויסגעגלייכט מיט דער ערד, און ווו מיר גייען אַצינד.

באַרג־אַרויף. ס'ווערט לויטערער. דער נעפּל צעגייט זיך זייער שנעל. מיין באַגלייטער, וואָס מאַכט שטילשווייגנדיק לאַנגע שפּרייזן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווייזט מיר אָן אויף אַ פעלד:

— דאָס בית־עולם — זאָגט ער. — דאָ איז עס געווען דאַמאָלס, ווען עס איז נאָך נישט געווען אומעטום, איידער עס האָט זיך אומעגדלעך אויסגעשפּרייט און אַלץ פאַרכאַפּט, ווי אַ וועלט־קראַנקהייט.

אין העלפּט־וועג גייען מיר אַ ביסל פּאַמעלעכער. פּאַטערלאָרוקט זיך צו צו מיר.

— דאָס אַלץ, זעסטו, האָט שוין צופיל אָפּגעמעקט מיין בויאיצטיק לעבן. אַן אימה באַפאַלט מיך אַזש, אַזוי גרונטלעך איז עס אָפּגעמעקט.

— וואָס פאַלט דיר איין, וואָס: דיין ווייב איז געזונט, ווייסט עס דאָך, און דיין קליין מיידעלע אויך.

ער פאַרקרומט מאָדנע זיין פּנים.

— מיין ווייב... הער, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן: מיין ווייב...

— וואָס?

— גאָרנישט, גוטער ברודער. כ׳האָב זי געזען.

— געזען? כ׳האָב געמיינט, אַז זי געפינט זיך אין אָקופּירטן געביט.

— יאָ, זי איז אין לעבנס, בײַ מיינע עלטערן איז זי. בקיצור, כ׳האָב זיי געזען... און אַ־בעריקנס, זאָג איך דיר, אַן עבירה!... כ׳וועל דיר אַלץ דערציילן! יאָ, כ׳בין געווען אין לעבנס, מיט דריי וואָכן צוריק, דעם עלפטן איז עס געווען. אַן ערך צוואַנציק טעג צוריק.

איך קוק אים אָן אַ געפּלעפטער... ער זעט אָבער ווירקלעך אויס, ווי איינער, וואָס זאָגט דעם אמת. ס׳לייטערט זיך אויס כסדר און ער גייט לעבן מיר און רעדט שטאַמלענדיק:

— מ׳האָט געהייסן, דערמאָנט זיך אפשר... אַ, דו ביסט נישט געווען דאַמאָלס, דאַכט זיך... מ׳האָט געהייסן גיין פאַר־שטאַרקן די דראָט־פאַרצוימונגען פאַר דער פּאַראַלעל־ליניע פון בילואַר. ווייסט דאָך, וואָס דאָס הייסט אַזעלכעס. ביז איצט האָט מען עס נאָך קיינמאָל נישט געקענט מאַכן: ווי נאָר גייסט אַרויס פון אָקאָפּע, זעט מען דיך באַלד אויפן אָפּהאַנג, וואָס הייסט אַן אויס־טערלישן נאָמען.

— טאַבאָגאַן.

— יאָ, ריכטיק. באַנאַכט, אָדער אין אַ נעפּל, איז די געגנט פונקט אַזוי געפערלעך, ווי אין מיטן העלן טאָג, צוליב די ביקסן, וואָס זיינען שטענדיק גלייך אָנגעלאָדנט אויף געשטעלן און צוליב די מאַשין־געווערן, וואָס זיינען אָנגעשטעלט אַ גאַנצן טאָג. ווען זיי זען גאָרנישט, די יעקעס, באַשיסן זיי אויף בלינד די גאַנצע געגנט.

„מ׳האָט דערצו געגעבן אַ פּאָר פּיאָנירן פון דער הילפס־

דינסט-קאָמפּאַניע. אייניקע אָבער האָבן זיך אַרויסגעדרייט, און מ׳האָט זיי פאַרביטן דורך געוויינטלעכע זעלנער פון דער קאָמפּאַניע. איך בין געווען איינער פון זיי. גוט. מיר גייען אַרויס. מ׳הערט נישט קיין איינציקן שאָס! „וואָס זאָל דאָס זיין?" פרעגט מען זיך. מיינסט די נישט אפשר, אַז באַלד זען מיר אַרויסקריכן פון דער ערד איין יעקע, צוויי יעקעס, צען יעקעס — ווי גרויסע טייוולאָנים. זיי מאַכן צו אונדז צייכנס, און שרייען „קאַמעראַד!" „עלזאַסער זיינען מיר" — זאָגן זיי, אַרויסקריכנדיק כסדר פון זייער אונטערנאַציאָנאַלער הייל. — „מיר וועלן אויף אייך נישט שיסן — מאַכן זיי, — האָט נישט קיין מורא, פריינט. לאָזט אונדז באַגראָבן אונדזערע טויטע". און אָט אַרבעט איטלעכער פון זיין זייט, מיר שמועסן זיך אַפילו דורך, ווייל ס׳זיינען דאָך געווען עלזאַסער. אייגנטלעך האָבן זיי אויסגערעדט כּלדעס בייז אויף דער מלחמה און אויף זייערע אָפיצירן. אונדזער סערזשאַנט האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז ס׳איז פאַרווערט צו פירן אַ געשפּרעך מיטן שונא, מ׳האָט אונדז פאַרגעלייגט, אַז דער איינציקער אופן פון רעדן מיט זיי, איז אויף פּולווער-לשון, דער סערזשאַנט אָבער האָט זיך געטראַכט, אַז דאָס איז די איינציקע געלעגנהייט צו פאַרשטאַרקן די דראָט-פאַרצוימונגען, און ווייל זיי האָבן אונדז נישט געשטערט צו אַרבעטן צו זייער שאָדן, איז נישט עפּעס אַנדערש געבליבן, ווי דאָס אויסצונוצן...

„און דאָ נעמט איינער פון די דייטשן און פרעגט זיך: איז נישט אַמאָל פאַרהאַן עמעצן צווישן אייך פון אָקופּירטן געביט, און ער וואָלט געוואָלט באַקומען עפּעס אַ ידיעה פון זיין פאַמיליע?"

„דאָס, גוטער ברודער, איז שוין געווען איבער מיינע כּוחות. נישט האָבנדיק קיין אַנונג צי ס׳איז גוט אָדער שלעכט, בין איך אַרויסגעטרעטן און געזאָגט: „יאָ, איך בין דאָ". דער יעקע נעמט מיך אויספרעגן. איך ענטפער אים, אַז מיין ווייב איז אין לענס, בא אירע עלטערן, צוזאַמען מיט מיין טעכטערל. ער פרעגט מיך:

נו, זי וויינט. איך דערקלער עס אים, און ער זאָגט, אַז ער זעט עס, ווי באַ זיך אויף דער האַנט! „הער נאָר — מאַכט ער צו מיר — כ׳וועל דיר אַהינטראָגן אַ בריוו, און נישט נאָר אַ בריוו, נאָר אַפילו אַן ענטפער וועל איך דיר ברענגען". דערנאָך, פלוצלינג, טוט זיך דער דאָזיקער יעקע אַ קלאַפּ אין שטערן און גייט צו צו מיר נאָענט: „הער, גוטער ברודער, מיר מאַכן עס נאָך בעסער. אויב וועסט טון דאָס, וואָס איך הייס דיך, וועסטו זען אי דיין ווייב, אי דיינע קינדער, אי אַלעמען, ווי דו זעסט דאָ מיך". און דערציילט מיר אַ מעשה, אַז כּדי דאָס זאָל געשען, האָב איך נאָר מיטצוגיין מיט אים אין אַזאַ און אַזאַ שעה, אין אַ דייטשישן מאַנטל און אין אַ היטל, וואָס ער וועט מיר שאַפן. ער וועט מיך צונויפמישן אין לעגס מיט די קוילן-טרעגער; מע וועט גיין ביז צו מיר אַ היים. כ׳וועל אַלץ קענען זען, אָבער מיטן תּנאי, כ׳זאָל זיך גוט באַהאַלטן און זיך פאַר קיינעם נישט ווייזן; פאַרשטייט זיך, אַז פאַר די מענטשן, וואָס זיינען דאָ מיט אים קען ער גוט זאָגן, אָבער דאָרט, אין הויז, זיינען דאָ אונטער-אָפיצירן, פאַר וועלכע ער קען נישט גאַראַנטירן... נו, וואָס, אַ שאלה צו כ׳בין באַשטאַנען!

— ס׳איז געווען געפערלעך!

— אוודאי איז עס געווען געפערלעך. כ׳האָב זיך אַנטשלאָסן מיט איין מאָל, נישט איבערלייגנדיק די זאַך, נישט וועלנדיק אַריינקלערן, ווייל דער געדאַנק, אַז כ׳וועל זען מיינע לייט האָט מיך פאַרבלענדט. און ווען כ׳וואָלט אַפילו נאָכדעם דערשאָסן געוואָרן, מילא, פאַרפאַלן: אַז מען שטעלט נישט איין, נעמט מען נישט אויס. יענע מעשה, ווי איינער האָט אַמאָל געזאָגט, וואָס, נישט?

פאַרשטייסטו מיך, ס׳איז געגאַנגען ווי געשמירט. די איינציקע מניעה איז געווען פאַר מיר, צו שאַפן אַ גרויס היטל, ווייל, ווייסט דאָך, איך האָב אַ שפּאָרן קאָפּ. נאָר מ׳האָט זיך דערמיט אויך אַן עצה געטון: סוף-כּל-סוף האָבן זיי געפּאַקט אַ לייז-קעסטל, וואָס איז

געווען גענוג גרויס מיין קאָפּ זאָל אַריינפּאַסן. שטיוול האָב איך גראָד דייטשישע, פון קאַראַנען, ווייסט דאָך. און אַזוי זייַען מיר אַריבער אין די דייטשישע אָקאָפּעס (וואָס זייַנען אײַנגאַנצן ענלעך צו אונדזערע) צוזאַמען מיט די דאָזיקע יעקעשע קאַמעראַדן, וועלכע האָבן מיך כּסדר געמונטערט, — אין אַ גוטן פראַנצויזיש — ווי איך רעד דאָ צו דיר, — אַז כ׳זאָל זיך נאָר נישט שרעקן.

— ס׳איז נישט געווען קיין שום שטערונג, גאָרנישט. דער אַהינוועג איז גאַנץ גלאַטיק אָפּגעגאַנגען. אַלץ איז געגאַנגען אַזוי שיין־שטיל, אַזוי איינפּאַכיק, אַז כ׳האָב גאָר לגמרי פאַרגעסן, אַז כ׳בין אַ פאַרשטעלטער דייטש. מיטן צופאַלן פון דער נאַכט זייַנען מיר אָנגעקומען קיין לענס. כ׳געדענק נאָך, אַז כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען לאַפּערש, דערנאָך פאַרקערעוועט אין דער פירצענטער יולי־גאַס. כ׳האָב געזען די שטאָט־איינוווינער אַרומשפּאַצירן אין די גאַסן אַזוי ווי אין ערטער, ווו מיר זייַנען. אין דער נאַכט, האָב איך זיי נישט דערקענט, צוליב דעם זעלבן טעם האָבן זיי מיך אויך נישט דערקענט, און צוליב דעם וואָס קיינעם וועט נישט איינפאַלן אַזאַ מעשה.. אַ פינסטערניש איז געווען, כאָטש נעם דיר די אויגן אַרויס, און דאָ בין איך אַרייַן אין מייַנע עלטערנס גאָרטן.

„דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט; כ׳האָב געציטערט פון קאָפּ ביז פיס, ווי כ׳וואָלט געווען איין גרויס שטיק האַרץ. און כ׳האָב זיך געמוזט איינהאַלטן נישט אַרויסצוזעצן מיט אַ געלעכטער, און דאָס נאָך אין פראַנצויזיש, אַזוי גליקלעך בין איך געווען, אַזוי גערירט. דער קאַמעראַד זאָגט צו מיר: „וועסט פאַרבייגיין איין מאָל, דערנאָך נאָך אַ מאָל, און וועסט אַרייַנקוקן דורך דער טיר און דורכן פענסטער. וועסט קוקן אַזוי, ווי נישט דאָס ביסטו אויסן.. היט דיך...״ האָב איך מיך פעסט גענומען אין דער האַנט אַרייַן, און אַזוי מיט איין זעץ, אַראָפּגעשלונגען מייַן גאַנצע אויפרעגונג. אַ פייַנער מענטש געווען, מייַן דאָזיקער קאַמעראַד, ווייל ער וואָלט

גאָר מיאוס אָפּגעשניטן, ווען מען פּאַקט מיך אַזוי, וואָס נישט?

„ווייסט דאָך, בײַ אונדז, אַזוי ווי אומעטום אין פּאַדעקאַלע, זײַנען די אַרײַנגאַנגס-טירן אין די הײַזער צעטיילט אין צוויי טיילן: דער אונטערשטער טייל, ביז אין דער העלפט, איז אַן אַרט באַריערע, און דער אייבערשטער העלפט-טייל איז ווי אַ לאָדן. אויף אַזאַ אופן, קען מען פאַרמאַכן בלויז די אונטערשטע העלפט טיר, און מע בלײַבט אַזוי האַלב-אויף-האַלב בײַ זיך.

„דער לאָדן איז געווען אָפן; דאָס חדר, וואָס איז געווען אַן עס-שטוב און גלײַכצײַטיק אַ קיך, איז געווען באַלויכטן, און ס׳האָבן זיך געהערט שטימען.

„כ׳בין פאַרבײַגעגאַנגען, אויסשטרעקנדיק דעם האַלדז אָן אַ זײַט. אַרום דעם קײַלעכדיקן טיש מיט דעם לאָמפּ, האָב איך געזען מענער-און פרויען-קעפּ, רויזלעכע, העל-באַלויכטענע. מײַן בליק איז געפאַלן אויף איר, אויף קלאָטילדן. כ׳האָב זי גוט געזען. זי איז געזעסן צווישן צוויי פאַרשוינען, אונטעראָפּיצירן, דאַכט זיך מיר, וועלכע האָבן גערעדט צו איר. און ווייסט וואָס זי האָט געטון? גאָרנישט; זי האָט צוגעשמייכלט, גאַנץ ליבלעך צוגענייגט איר פּנים׳ל, אַרומגענומען מיט אַ קליין, לײַכט, בלאָנד האָר-רעמל, וואָס דער לאָמפּ האָט געוואָרפן אַ גאָלד-שײַן.

„זי האָט געשמייכלט. זי איז געווען צופרידן. מ׳האָט דערקענט, אַז זי פילט זיך גוט לעבן דעם דאָזיקן יעקעשן אונטעראָפּיצירל, לעבן דעם לאָמפּ, לעבן דעם פײַער, וואָס זײַן וואַרעמקייט האָט מיך באַהויכט און כ׳האָב עס דערקענט. כ׳בין פאַרבײַגעגאַנגען, דערנאָך צוריק געגאַנגען און ווידער פאַרבײַגענאַנגען. כ׳האָב זי ווידער געזען און כסדר מיטן געלעכטערל. נישט קיין אויפגעצוווּנגען געלעכטערל, ווי מע טוט אַ טובה יענעם, ניין, אַן אמת געלעכטערל, וואָס איז פון אינעווייניק אַרויסגעקומען, וואָס מע גיט עס מיטן גוטן ווילן. און דורך דער בליץ-שנעלער צײַט, וואָס

כ'בין געגאַנגגען אַהין-און-צוריק, האָב איך אויך געקענט זען מיין קליין מיידעלע, ווי ס'האָט אויסגעשטרעקט די הענטלעך צו אַ דיקן באַבענדלטן פאַרשוין און געפרוווט אים אַרויפצוקלעטערן אויף די קניען, און דערלעבן, אָן אַ זייט, ווע מען דאָס האָב איך דאָ דערקענט? ס'איז געווען מאָדלען וואַנדאַערט, וואַנדאַערטס ווייב, מיין חבר פון דער 19-טער, וועלכער איז געהרגעט געוואָרן באַ דער מאַרנע, אין מאָנטיאָן.

„זי האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז ער איז געהרגעט געוואָרן, ווייל זי איז געגאַנגען אין טרויער. און זי האָט געלאַכט, געלאַכט אויף אַלע כלים, זאָג איך דיר... און זי האָט געקוקט אויף איינעם און אויפן צווייטן מיט אַ מינע, ווי איינער זאָגט:

— „ווי גוט ס'איז דאָ!"

„יאָ, יאָ! כ'בין אַוועק פון דאָרט און ווידער זיך אויסגעמישט מיט די קאַמעראַדן, וואָס האָבן געוואַרט אויף מיר, כדי מיך אָפּצופירן. ווי אַזוי איך בין צוריקגעקומען, ווייס איך אַליין נישט. איך בין געווען דערדריקט. כ'בין געפאַלן פון די פיס, ווי איינער, וואָס מען פירט אים צו דער תּליה. און עס וואָלט קיינעם נישט געדאַרפט איינפאַלן מיך צו טשעפּען אין דעם מאָמענט! כ'וואָלט מיך צעלאָזט אויפן קול; כ'וואָלט געמאַכט אַ סקאַנדאַל, כדי מען זאָל מיך דערשיסן און איינמאָל פאַר אַלעמאָל זאָל אַ סוף נעמען דאָס הינטעשע לעבן!"

„שטעלסט דיר פאָר? זי האָט געלאַכט, מיין פרוי, מיין קלאָטילד, אין דעם דאָזיקן מלחמה-טאָג, איז דאָך עק וועלט! עס גענוגט נישט צו זיין אינדערהיים אַ קורצע צייט, און שוין, מען רעכנט זיך שוין גאָרנישט מיט דיר! דו פאַרלאָזט דיין היים און גייסט אין מלחמה, און די גאַנצע וועלט, דאַכט זיך, גייט אונטער; און בעת דו מיינסט אַזוי, געוויינט מען זיך צו צו דיין אָפּוועזנהייט, און ביסלעכווייז ווערט עס אַזוי, ווי דיין געביין וואָלט גאָר קיינמאָל נישט

געווען, און מען באַגייט זיך אָן דיר, און מען איז גליקלעך, ווי פריער, און מען לאַכט ליבלעך. אַ כפרה! כ׳רעד שוין נישט פון דער צווייטער בלאַטער נקבה, וואָס האָט געלאַכט צעפלאַצטערהייט, אָבער מיין קלאָטילד, מיינע — אין מאָמענט, ווען כ׳האָב זי צופעליק געזען, אין דעם מאָמענט גראָד, קענסט זאָגן וואָס דו ווילסט, האָט זי זיך פשוט פריילעך געמאַכט איבער מיר!

„און וואָלט זי כאָטש געווען צווישן פריינט אָדער משפחה; אָבער ניין, דווקא מיט יעקעשע אונטער־אָפיצירן. זאָג, צי בין איך נישט געווען פון אייזן, אַז כ׳בין נישט אַריינגעשפּרונגען אין שטוב און מיינער דערלאַנגט אַ פּאָר פּעטש און דער גאַסן־מויד אין טרוער נישט דעם קאָפּ אַראָפּגעדרייט!

„יאָ, כ׳האָב געמיינט אָט, אָט טו איך עס. כ׳ווייס, אַז כ׳וואָלט צו וויט פאַרקראָכן... אָבער, כ׳בין געווען אויסער זיך פאַר כעס.

„נעם דיר אין זינען אַריין, אַז כ׳מיין נישט מער צו זאָגן ווי כ׳זאָג. קלאָטילד איז אַ גאַנץ אָרנטלעכע פרוי. איך קען זי און האָב צו איר צוטרוי: דאָס זאָג איך דיר, איז אָן אַ צווייפל: ווען זי קריגט וועגן מיר אַ שלעכטע בשורה, וואָלט זי זיך די אויגן פון קאָפּ אַרויסגעוויינט. זי ווייסט, אַז איך לעב, מסכים, אָבער נישט אין דעם גייט עס. ס׳שטערט איר אָבער גאָרנישט צו זיין גליקלעך, און צופרידן, און גוט אויפגעלייגט, וויבאַלד זי האָט נאָר אַ גוט פייער, אַ גוטן לאָמפּ און געזעלשאַפט, צי איך בין יאָ דאָ, אָדער צי איך בין נישט דאָ...

איך האָב פּאַטערלאָ געצויגן נאָך זיך.

— גוטער ברודער, טרייבסט איבער. האָסט מאָדנע געדאַנקען, באמת...

גאָר פּאַמעלעך זיינען מיר ווייטער געגאַנגען. מיר זיינען נאָך אַלץ געווען אין נידעריקן טייל פון אָפּהאַנג. דער נעפּל האָט זיל־

בערדיק שימערירט, איידער ער איז אינגאַנצן פאַרשווּנדן. באַלד האָט געדאַרפט ווערן זוניק. די זון האָט אויפֿגעשיינט.

* *
*

פּאַטערלאָ האָט זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט:

— מיר וועלן גיין אונטנאַרום, דורכן וועג פֿון קאַראַנסי און דורך דאָרט אַרויפֿגיין.

מיר זיינען געגאַנגען שווער איבער די פֿעלדער. נאָך אַ קורצער ווײַלע זאָגט ער צו מיר:

— כ׳טרייב איבער, מײַנסטו? דו זאָגסט, אַז כ׳טרייב איבער?

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט:

— אָ!

דערנאָך האָט ער צוגעגעבן, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, וואָס ער האָט כמעט אומאויפֿהערלעך געטון דעם גאַנצן אינדערפֿרי:

— אָבער שליסלעך! סוף-כּל-סוף אַ פֿאַקט איז...

מיר זיינען געגאַנגען באַרג-אַרויף דער שפּוּע. די קעלט האָט זיך פֿאַרביטן אויף לעבלעכקייט. ווען מיר זיינען אַרויפֿגעקומען אויף דער הייכקייטס-פֿלאַך, האָט פּאַטערלאָ פּראָפּאָנירט:

— לאָמיר זיך נאָך אַ ביסל אָוועקזעצן פֿאַרן אַרייַנגיין.

ער האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט אונטער דער משא פֿון אַ וועלט געדאַנקען, וואָס האָבן אים געדריקט. דער שטערן האָט זיך אים גערונצלט. דערנאָך האָט ער זיך פֿאַרלעגן צו מיר אויסגעדרייט, ווי ער וואָלט באַ מיר געהאַט צו בעטן עפּעס אַ טובה.

— זאָג, ברודערקע, כ׳פֿרעג דיך, צי כ׳בין גערעכט.

אָבער נאָכדעם ווי ער האָט מיך אָנגעקוקט, האָט ער גענומען קוקן אויף די אַרומיקע זאַכן זיי וועלן אים גיכער ענטפֿערן:

אַ פֿאַרענדערונג האָט גענומען פֿאָרקומען אויפֿן הימל און אויף דער ערד. פֿון נעפּל איז קוים נאָך איבערגעבליבן אַ זכר. די ווייט-

קייטן האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט. די ענגע, טריבע, גרויע פלאַך האָט זיך אויסגעבריייטערט, פאַרטריבן די שאָטנס און באַקומען פארבן. ווי צוויי פליגל, פון מזרח און פון מערב, איז אָנגעקומען די העל־קייט און זיך ביסלעכווייז אויסגעשפרייט איבער איר.

און אָט דאָרט אונטן, צופיסנס, האָבן מיר דערקענט סושע צווישן די ביימער. אַ דאַנק דער ווייטקייט און ליכטיקייט, האָט זיך דער קליינער ישוב אַנטפּלעקט פאַר אונדזערע אויגן ביי און זון־באַשטראַלט!

— צי בין איך באמת גערעכט? — האָט פּאָטערלאָ איבער־געחזרט, שוין מער וואַקלענדיק און אומזיכער.

נאָך איידער כ׳האָב באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט ער זיך אַליין געענטפערט; צוערשט שטילערהייט אין דעם העלן ליכט־גלאַנץ:

— זי איז נאָך גאָר יונג, פאַרשטייסטו מיך; סך־הכל זעקס און צוואַנציק יאָר. זי קען נישט איינהאַלטן איר יוגנט; זי ברעכט זיך אַרויס פון אַלע זייטן און, ווען זי זיצט זיך במנוחה בײַ דעם לאָמפּ און אין דער וואַרעם, מוז זי שמייכלען; און וואָלט זי אפילו געקייכט פאַר געלעכטער, וואָלט עס דאָך גאַנץ איינפאַך געווען די יוגנט, וואָס וואָלט איר פון דער קעל אַרויסגעזינגען. און אמתן איז עס לגמרי נישט צוליב יענע דאָרט, וואָס זי האָט געשמייכלט, נאָר צוליב זיך אַליין. דאָס איז ס׳לעבן. זי לעבט. יאָ, יאָ, זי לעבט און גאָר. זי איז דאָך נישט שולדיק אויב זי לעבט. מען קען דאָך נישט פאַרלאַנגען זי זאָל שטאַרבן! נו, טאָ וואָס זאָל זי טון? צו־ליב מיר און די דייטשן זאָל זי אפשר וויינען אַ גאַנצן ליבן טאָג? זי זאָל זיך באַקלאָגן? מען קען דאָך נישט די גאַנצע צייט וויינען און באַקלאָגן זיך אין משך פון אַכצען חדשים. אין אמתן אַריין, אַ צו לאַנגע מעשה, זאָג איך דיר. און דאָס איז אַלץ.

ער שווייגט אַ ווײַלע און באַטראַכט די פּאַנאָראַמע פון נאָטר־דאַם־דע־לאָרעט, וואָס איז אַצינד אינגאַנצן פאַרפלייצט מיט ליכט.

— די זעלבע געשיכטע מיטן קינד. ס׳שטייט אַזוי לעבן אַ פֿאַרשוין, וואָס יאָגט עס נישט אַוועק פֿון זיך, מוז עס דאָך סוף כּל סוף אים קריכן אויף די קניען. ס׳וואָלט אפשר גיכער געוואָלט, ס׳זאָל אויף זיין אָרט זיין אַ פעטער, אָדער דעם פּאָטערס אַ גוטער פריינט, אָבער זי טוט דאָס דאָך מיט דעם איינציקן, וואָס איז כּסדר דאָרט, ווען ס׳איז אפילו אַ גראָב חזיר אין ברילן.

אַ! — האָט ער אויסגעשריגן, אויפשטעלנדיק זיך, און גע־נומען זשעסטיקולירן פאַר מיר — איינס קען מען מיר ענטפערן: און ווען קומסטו אַ שטייגער נישט צוריק מער — וועל איך זאָגן: „גוטער ברודער, האָסט אָפּגעדאַווענט, אויס קלאָטילד, אויס ליבע! אין אַ שיינעם טאָג וועט אַן אַנדערער דיין אָרט פאַרנעמען אין איר האַרץ. דאָס איז באַשטימט: דיין אָנדענק, דיין בילד, וואָס זי טראָגט אין זיך, דאָס וועט ביסלעכווייז אָפּגעמעקט ווערן, און אַן אַנדערער וועט קומען אויף דיין אָרט, און זי וועט אָנהייבן אַן אַנדער לעבן״. אַ, אויב כ׳זאָל נישט צוריקקומען!

אָבער איך האָב שטאַרק בדעה צוריקצוקומען! אַהאָ! הערסטו, אויפן אָרט מוז מען זיין. אָן דעם!... מוזט זיין אויפן אָרט, פאַר־שטייסטו מיך — זאָגט ער ווייטער מיט אַן ערנסט פּנים. — ווען נישט, אויב ביסט נישט אויפן אָרט, זאָלסט אפילו האָבן צו טון מיט הייליקע אָדער מיט מלאכים, וועסטו בלייבן אומגערעכט. דאָס איז ס׳לעבן. אָבער איך בין דאָ.

ער לאַכט.

— און איך בין דאָ גאָר נישטקשהדיק, ווי מע זאָגט! איך שטיי אויף און קלאַפּ אים איבער דער פּלייצע.

— ביסט גערעכט, אַלטער ברודער. דאָס אַלץ וועט אַמאָל אַ סוף נעמען.

ער רייבט די הענט. ער הערט נישט אויף מער צו רעדן.

— יאָ, צום טייוול, דאָס אַלץ וועט אַ סוף נעמען. זאָרג נישט.

„אָ, כ'ווייס גאַנץ גוט, אַז מען וועט נאָך מוזן מיט די צייַן אײַנבײַסן איידער עס וועט זיך ענדיקן, און שפּעטער נאָך מער. מ'עט טאַפּן אַ וואַנט, און נישט בלויז מיט די הענט.

„וועסט מוזן אָנהייבן פון אָנהייב. נו, מילא, וועט מען אָנהייבן. דאָס הויז? נישטאָ מער. דער גאָרטן? קיין זכר נישט. נו, מילא, וועט מען ס'הויז אויפסניי בויען. מ'עט ווידער מאַכן דעם גאָרטן. וואָס ווייניקער ס'איז איבערגעבליבן, אַלץ מער וועט זײַן פריש צו־מאַכן. איבעריקנס, איז דאָס לעבן אַזוי, און ביסט דערצו באַשאַפן אַלץ אויפסניי אָנצוהייבן. וואָס נישט? אויך דאָס לעבן און דאָס גליק וועט מען אויפסניי ווידער אָנהייבן; מ'עט איבערמאַכן די טעג, מ'עט איבערמאַכן די נעכט.

„איך אַנדערע וועלן דאָס זעלבע טון. זיי וועלן זיך צוריק אויפבויען. זייער אייגן וועלטל. ווייסט, וואָס כ'וואָלט דיר זאָגן? דאָס אַלץ וועט אפשר קנאַפּער געדויערן, ווי מיר שטעלן זיך עס פאָר...

„נו, כ'שטעל מיר גאַנץ גוט פאָר, ווי מאַדלען וואַנדאַערט האָט חתונה מיט אַן אַנדערן יונגערמאַן. זי איז אַן אַלמנה; אָבער, גוטער ברודער, ס'איז דאָך שוין אַכצען חדשים, ווי זי איז אַלמנה. מיינסט, אַז ס'איז נישט אַ וועלט מיט צייט, אַכצען חדשים? דאַכט זיך מיר, אַז נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, דאַרף מען שוין אפילו דעם טרויער מער נישט צו טראָגן! מען קלערט גאָרנישט אַריין אין דעם, בשעת מען זאָגט: „זי איז אַ ווילדע!" און מען פאַרלאַנגט, אפשר, זי זאָל זיך ס'לעבן נעמען! אָבער, מיין טייערער, ס'פאַרגעסט זיך, מען איז געצווּנגען צו פאַרגעסן, נישט די אַנדערע זײַנען שולדיק אין דעם; איך נישט מיר אַליין; ס'איז פשוט דאָס פאַרגעסן און ווייטער גאָרנישט. ווי כ'האָב פלוצלינג דערזען און געזען, ווי זי לאַכט, האָט עס מיר געטון אַ ריס אין לייב, עפּעס אַזוי, ווי איר מאַן וואָלט ערשט נעכטן געהרגעט געוואָרן — און ס'איז מען-

לעך אזוי! — אָבער וואָס ווילסטו! ס'איז דאָך שוין אַ יובל, ווי דער קליינער איז געפאַלן. ס'איז דאָך שוין גאָר אַ שיינע צייט, שוין גאָר לאַנג. מען בלייבט נישט אַלץ דער זעלבער מענטש. אָבער, אכטונק, מען מוז צוריקקומען, מען מוז זיין אויפן אָרט! איך וועל שוין זיין דאָרט, איך וועל שוין אין זין האָבן צו ווערן דער זעלבער וואָס פריִער!

און ער קוקט מיך אָן גייענדיק, ווינקט מיטן אויג, און לעבט ווידער אויף, געפינענדיק אַן אידעע, אויף וועלכער ער קען שטיצן זיינע ווייטערדיקע פלענער:

— כ'זע עס, ווי אויף דער האַנט: נאָך דער מלחמה וועלן אַלע איינוווינער פון סושע זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט און צום לעבן... וועט זיין אַ טועכץ! אָט, דער אַלטער פּאָנס אַ שטייגער, שוין איינמאָל אַ נומער! ער איז געווען אַזוי קליינלעך פּעדאַנטיש, אַז ער האָט דיר געקענט אויסקערן דאָס גראָז אין זיין גאָרטן מיט אַ האָר-באַרשט, אָדער, שטייענדיק אויף די קניִען, האָט ער דאָס גראָז אַרומגעשוירן מיט אַ שערל. וועסט זען, דער אַלטער וועט דאָס ווידער טון! און מאַדאַם אימזשינער, וואָס האָט געוווינט אין איינעם פון די לעצטע הייזער, נישט ווייט פון קאַרלער-שלאָס, אַ פעסטע פּאַרשוינטע, וואָס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך געקאָלערט אויף דר'ערד, ווי זי וואָלט געהאַט רעדלעך אונטערן ברייטן ראַנד פון אירע קליידער. איטלעכעס יאָר האָט זי געלייגט אַ קינד. אויף דער האָר, פּינקטלעך: אַן אמתע קינדער-מאַשין! כ'בין זיכער, אויף דער גאַנצער פּאַרע וועט זי זיך ווידער נעמען צו דער דאָזיקער מלאכה.

ער בלייבט שטיין, פּאַרטראַכט זיך, שמייכלט לייכט, ווי צו זיך אַליין:

—... כ'וועל דיר נאָך עפּעס זאָגן, כ'האָב באַמערקט... ס'האָט

נישט טאַקע קיין גרויסע באַדייטונג — זאָגט ער אויסדריקלעך, ווי ער וואָלט זיך עפּעס נישט גוט געפילט, צוליב דער קליינלעכקייט פון אַזאַ באַמערקונג — כ'האָב אָבער באַמערקט (מען באַמערקט דאָס אַזוי, פאַרבייגייענדיק, בשעת מען קוקט גאָר אויף עפּעס אַנדערש), אַז ס'איז בײַ אונדז געווען פיל ריינער, ווי אין מיינע צייטן...

מיר שטויסן זיך אָן אויף דר'ערד אָן קליינע רעלסן, וואָס ציִען זיך און פאַרלירן זיך אין אַ הויפן געטריקנטן היי. פּאָטערלאָ ווייזט מיר מיטן שטיוול דאָס דאָזיקע שטיקל פאַרוואָרלאָזט באַן־ליניע און שמייכלט.

— דאָס איז געווען אונדזער אייזנבאַן. אַ שלעפּצוג, רופט מען דאָס, דערפאַר, מסתמא, ווייל ס'רירט זיך נישט פון אָרט. זי איז נישט בעגאַנגען שנעל! אַ שנעק וואָלט זי דעריאָגט! אויך דעם דאָזיקן שלעפּ־וואָרעם וועט מען צוריק אויפבויען. אָבער ער וועט נישט גיין גיכער. גאַנץ געוויס. דאָס טאָר ער נישט!

ווען מיר האָבן דערגרייכט דעם קאָפּ פון אָפּהאַנג, האָט זיך פּאָטערלאָ אויסגעדרייט און געוואָרפן אַ לעצטן בליק אויף די צעשטערטע ערטער, וועלכע מיר האָבן נאָר־וואָס באַזוכט. דער מרחק האָט דאָס דאָרף נאָך לעבעדיקער געמאַכט ווי פריִער, צווישן די רעשטלעךביימער, וואָס, פאַרקלענערט אין שניטן, האָבן זיי אויס־געזען ווי יונגע שפּראָצונגען. דאָס שיינע וועטער האָט, נאָך מער ווי פריִער אַרויפגעהויבט אויפן דאָזיקן געזעמל פון ראָזלעכע און ווייס־מאַטעריאַלן אַ שיין פון לעבן און אפילו אַן ענלעכקייט פון אַ געדאַנק. די שטיינער האָבן זיך פאַרענדערט, ווי צום ווידערגע־בורט. די שי נקייט פון די זון־שטראַלן האָבן געטראָגן אַ בשורה פון קומענדיקן און אַנטפּלעקט די צוקונפט. דאָס פּנים פון דעם זעלנער, וואָס האָט דאָס באַטראַכט, איז אויך באַלויכטן געוואָרן מיט אַן אָפּגלאַנץ פון תחית־המתים. דער פרילינג און די האָפענונג האָבן זיך דערויף

לאַכנדיק אָפּגעשפּיגלט; און זיינע ראָזע באַקן, זיינע העל-בלויע אויגן און זיינע גאָלד-געלע ברעמען, האָבן אויסגעזען, ווי פריש געמאָלט.

* *
*

מיר שטייגן אַראָפּ אין דורכגאַנגס-גרובן. די זון שפּרייזט זיך דאָרט אַריין. דער דורכגאַנגס-גרובן איז העל, טרוקן און שלאָגט אָפּ די טויט. איך באַוווּנדער זיין שיינע געאָמעטרישע טיפקייט, זיינע גלאַטע, מיטן רידל פּאָלירטע, ווענט, און איך האָב אַ פאַרגעניגן צו הערן דעם פרייען, ריינעם קלאַנג פון אונדזערע זוילן אויפן האַרטן ערד-באָדן, אָדער אויף די ברעטלעך, וואָס זיינען אויסגעלייגט לעבן אַנאַנדער, בילדנדיק אַ פּאָדלאָגע.

איך קוק אויפן זייגערל. עס ווייזט מיר ניין דער זייגער, און ווייזט מיר אויך אַ לייכט קאָלירט ציפער-בלעטל, ווו עס שפּיגלט זיך אָפּ דער בלוי-רויטלעכער הימל און די שלאַנקע קאָנטורן פון די שטרויכן, וואָס זיינען פאַרפלאַנצט באַם ראַנד פון דער אָקאָפּע.

און פּאַטערלאָ מיט מיר קוקן זיך אויך דורך מיט אַ מין באַהאַלטענער פרייד; מיר זיינען צופרידן, וואָס מיר זען זיך, ווי עס וואָלט געווען נאָך אַ צעשיידונג! ער רעדט צו מיר און איך, כאָטש איך בין פון לאַנג צוגעוווינט צו זיין זינגענדיקן, צפונדיקן אַקצענט, אַנטדעק איך, פלוצלינג, אַז ער זינגט.

מיר האָבן געהאַט שלעכטע טעג, טראַגישע נעכט, אין קעלט, אין וואַסער און אין בלאָטע. אַצינד, כאָטש עס איז נאָך ווינטער, דאָך זאָגט אָן און איבערצייגט אונדז דער ערשטער שיינער פרימאָרגן, אַז באַלד וועט זיין, וועט ווידער זיין פרילינג. דער גרובן-ראַנד איז שוין באַפּוצט מיט צאַרטע, גרינע גרעזעלעך, און אין דעם ביי-געבוירענעם שווידערן פון דעם יונגן גראָז, פילן זיך שוין די אויפוואַכנדיקע בלימלעך. אַ סוף צו די איינגעשרומפענע, ענגע טעג. דער

פריליגג קומט פון אויבן און פון אונטן. מיר עטעמען פרייד מיטן פולן הארץ און מיר זיינען מלא־שמחה.

יאָ, די שלעכטע טעג ענדיקן זיך. אויך די מלחמה וועט זיך ענדיקן, צום טייוול! און אַן צווייפל וועט זי זיך ענדיקן אי, דער דאָזיקער שיינער תקופה, וואָס קומט אַצינד אָן, און וואָס שוין באַלייכט זי אונדז און נעמט אונדז צערטלען מיט איר זאַנפטיק ווינטל.

אַ פייף. נאַ. אַ פאַרבלאָנדזשעטע קויל.

אַ קויל? ס׳הייבט זיך נישט אָן! אַן אַמזעל איז עס!

מאָדנע, ווי ענלעך ס׳איז געווען... די אַמזעלן, די פייגל, וואָס פייפן אַזוי צאַרט, דאָס פעלד, די יום־טובים, די היימלעכקייט פון ליכט־באַגאָסענע שטובן... אָ! די מלחמה וועט זיך בקרוב ענדיקן, מ׳וועט אַהיימקומען און אויף שטענדיק שוין בלייבן מיט די אייגענע: דאָס ווייב, די קינדער, אָדער די כּלה, וועלכע איז גלייכצייטיק אי ווייב, אי קינד. און מע שמייכלט צו זיי אין דעם דאָזיקן יונגן גלאַנץ, וואָס פאַרייניקט אונדז שוין.

.. בײַ דער פונאַנדערגאָפּלונג פון צוויי דורכגאַנגס־גרובנס, זעט מען אויפן ראַנד, אויפן פעלד, ווי אַן אַרט זיילנטויער. צוויי קלעצער אָנגעלענט איינער אויפן צווייטן און צווישן זיי אַ קנויל פון עלעקטרישע דראָטן, וואָס הענגען צראָפּ ווי וויקל־געוויקסן. ס׳מאַכט אַ גוטן איינדרוק. ס׳זעט אויס ווי אַן ערן־טויער, ווי אַ טעאַטער־דעקאָראַציע. אַ דין וויקל־געוויקס וויקלט זיך אַרום איינעם פון די קלעצער און, נאָכשפּירנדיק מיטן בליק, באַמערקט מען, אַז עס האָט שוין געוואַקסט איבערצוקלעטערן פון איינעם צום אַנדערן.

בקרוב, גייענדיק לענגויס דעם דורכגאַנגס־גרובן, פון וועלכן די באַגראָזטע זייטן ציטערן, ווי די זייטן פון אַ שיין לעבעדיק פערד, קומען מיר צו צו אונדזער אָקאָפּע, וואָס געפינט זיך אויפן וועג פון בעטון.

אַט איז אונדזער פּלאַץ. חברה איז זיך דאָ צונויפגעקומען זיי עסן און האָבן הנאה פון דעם וואַרעמען וועטער.

נאָכן עסן רייניקט מען אויס די שיסעלעך אָדער טעלערלעך פון אַלומיניום מיט אַ שטיקל ברויט...

— נאַדיר, האָסט שוין נישט די זון!

ס׳שטימט. אַ וואָלקן צעשפּרייט זיך און פאַרדעקט זי.

— ס׳וועט באַלד נעמען גיסן אויך, קינדערלעך — זאָגט לאַמיז.

— אונדזער בייז מזל! פּונקט צום אָפּמאַרש!

— אַ בייזע, פאַרשאָלטענע געגנט! — זאָגט פּויאַד.

אַ פאַקט איז, אַז דער צפונדיקער קלימאַט איז נישט קיין גרויסע מציאה. וואָלקנס, נעפּלס, אַ רויך, אַ רעגן. באַווייזט זיך שוין יאָ אַמאָל אַ שטיקל זון, ווערט זי גלייך אויסגעלאָשן אין דעם דאָזיקן גרויסן, פייכטן הימל.

אונדזערע פיר טעג, אויפהאַלטן זיך אין די אָקאָפּעס, זיינען געענדיקט. אַרום אָוונט קומט די אויפלייזונג. פּאַמעלעך גרייטן מיר זיך צום אָפּמאַרש. מע פאַרפּאַקט, מע ברענגט אין אָרדנונג דעם רוקנזאַק, דעם ברויט-זאַק. נאָך אַ גלעט די ביקס, און מע פאַרוויקלט זי.

ס׳איז שוין פיר אַ זייגער. דער נעפּלדיקער בין-השמשות פאַלט שנעל צו. מע דערקענט זיך קוים איינער דעם אַנדערן.

- אַ מהומה זאָל עס געשען, האָסט׳ן שוין ווידער, דעם רעגן!

אַ פּאָר טראָפּנס. דערנאָך אַ גאָס. אָ, לאַ, לאַ!! מע ציט אַרויף די קאַפּטערלעך, די פּאַלאַטקע-לייוונט. מע צעקריכט זיך אין די שוץ-היילן, אויסשמירנדיק מיט בלאָטע די קניען, די הענט און די עלנבויגנס, ווייל דער גרונט פון דער אָקאָפּע ווערט שוין ווי דער ליימיק. אין דער זיכער-הייל בלייבט אונדז קוים צייט אָנצוצינדן אַ ליכט, צושמעלצן עס צו אַ שטיין, און עפּעס דאָרט אַרום-נישטערן.

— מאַרש, אין וועג!

אין פייכטן און ווינטיקן שאָטן רוקן מיר זיך אַרויס אין דרויסן. איך דערקען דאָס מעכטיקע געשטאַלט פון פּאָטערלאָ: מיר זיינען תמיד איינער לעבן אַנדערן אין דער ריי. ווען מיר ריר'ן פון אָרט, שריי איך צו אים:

— ביסט דאָ, אַלטער ביין?

— יאָ, פאַר דיר — שרייט ער צוריק, זיך אויסדרייענדיק.

בשעת דער דאָזיקער באַוועגונג, טוט דער ווינט און דער רעגן אַ פּאַטש אין פּנים, אָבער ער לאַכט. ער האָט זיין גוט, גליקלעך פּנים פון איינדערפרי. נישט קיין גאָס-רעגן וועט פון אים פאַרטרייבן די צופרידנקייט, וועלכע ער טראָגט אין זיין פעסט און אַנטשלאָסן האַרץ, און קיין טריבער אָוונט וועט נישט אויסלעשן די זון, וואָס איך האָב געזען מיט אַ פּאָר שעה צוריק אויפלייכטן אין זיינע געדאַנקען.

מע גייט. מע שטויסט זיך איינער דעם צווייטן. מע מאַכט אַ פּאָר פאַלשע טריט... דער רעגן לאָזט נישט נאָך, און דאָס וואַסער ריזלט אין דער אָקאָפּע. די ברעטער וואַקלען זיך אויפן ווייך-געוואָרענעם באָדן: אייניקע פון זיי בייגן זיך אויף רעכטס און אויף לינקס, און מע גליטשט זיך אויס. דערצו איז נאָך פינסטער, מע זעט גאָרנישט, און ס׳טרעפט, אַז בײַ אַ שיידוועג שטעלט מען דעם פוס אָן אַ זייט און מע טרעפט אין אַ וואַסער-לאָך.

אין דער נאַכט-גרויקייט פאַרליר איך זאָך נישט פון אויג דעם גלאַטן אויבערפלאַך פון פּאָטערלאָס העלם, פון וועלכן ס׳רינט, ווי פון אַ דאַך אונטער אַ גאָס-רעגן, אויך נישט זיינע ברייטע פּלייצעס, וואָס זיינען באַדעקט מיט אַ צעראַטענעם גלאַנציקן פירעק. איך גיי נאָך זיינע טריט, און פון צייט צו צייט רוף איך עפּעס צו אים און ער ענטפערט מיר — אַלץ אין דער זעלבער גוטער [illegible], [illegible]ער רויק און [illegible].

ווי ס׳ליגן נישט קיין ברעטער, שפּרייזט מען אין דער געדיכטער בלאָטע. ס׳איז שטאָק-פינסטער. פּלוצלינג בלייבט מען שטיין, און איך פאַל אַרויף אויף פּאַטערלאָ. ס׳הערט זיך פון פאָרנט אַ האַלב-בייזער אויסרוף!

— רירסט דיך, צי נישט! מיר בלייבן אונטערשטעליק!

— כ׳קען נישט אַרויסשלעפּן מיינע שטעק-לאַטשן! — ענטפערט אַ וויינענדיקע שטימע.

דעם איינגעזונקענעם געלינגט עס ענדלעך זיך אַרויסצוגראַבלען, און מיר מוזן לויפן, כדי צו דעריאָגן דעם פאָדערשטן טייל פון דער קאָמפּאַניע. מע נעמט סאַפּען, שעלטן און זידלען די, וואָס גייען פון פאָרנט. מע שטעלט די פיס, ווי ס׳לאָזט זיך: מאַכט מען פאַלשע טריט, מע פאַלט אויף די ווענט, און די הענט שמירן זיך אויס מיט בלאָטע. דער גאַנג פאַרוואַנדלט זיך אין אַ לויפן, באַגלייט מיט אַן אייזן-געקלימפּער און טויטע קללות.

דער רעגן ווערט נאָך שטאַרקער. איינער איז אומגעפאַלן! אַ געטומל.

ער הייבט זיך צוריק אויף. מע גייט ווייטער. איך טו אַכטונג, כ׳זאָל נאָכגיין גלייך נאָך פּאַטערלאָס העלם, וועלכער גלאַנצט שוואַך פאַר מיינע אויגן אין דער נאַכט, און פון צייט צו צייט שריי איך צו אים:

— ס׳גייט?

— יאָ, יאָ, ס׳גייט — ענטפערט ער מיר, שנייצנדיק די נאָז און סאָפּענדיק, אָבער כסדר מיט דער זעלבער קלאָרער און זינגענדיקער שטימע.

דער רוקנזאַק ציט און קוועטשט די פּלייצעס, זיך וואַרפנדיק כסדר באַם דאָזיקן אומרויִקן לויפן, אונטערן אָנגריף פון די נאַטור-עלעמענטן. די קאַפּאָטע, פאַרשפּאַרט דורך אַ פרישן אויפרייס, און מיר פאַרזינקען אין דאָזיקן הויפן... די פיס מוזן מיר אַרויסרייסן

אין דער ווייכער און קלעבעדיקער ערד, און מען מוז זיי הויך אויפהייבן בײַ יעדן טריט. נאָכדעם ווי מיר זײַנען איבערגעקומען דעם דאָזיקן שווערן וועג, קייקלען מיר זיך ווידעראַמאָל איבערן גליטשיקן טייך. די שיך האָבן איבערגעלאָזט אויפן גרונט צוויי שמאָלע קאַנאַלעכלעך, ווו דער פוס גליטשט זיך ווי איבער שינעס, אָדער ער פאַלט אַרײַן מיט אַ פליאַסק אין אַ קאַלוזשע. אויף איין אָרט מוז מען זיך גאַנץ נידעריק אײַנבייגן, כּדי דורכצוגיין אונטער אַ מאַסיווער ליימיקער לויף-גרובן-בריק, און דאָס קומט אונדז אָן מיט שווערער מי. מיר מוזן אַנידערקניִען אין דער בלאָטע, זיך אויסציִען אויף דער ערד און אַ פאָר טריט קריכן אויף אַלע פיר. אַ ביסל ווייטער מוזן מיר זיך אַדורכקוועטשן, זיך פעסטהאַלטנדיק אָן אַ בעלעק, וועלכער איז, צוליבן צעווייקטן באָדן, אויסגעבויגן אין דער קווער, און פאַרשטעלט גראָד דעם דורכגאַנג.

מיר קומען צו אַ שייד-וועג.

— אַן עק, פאַרויס! רירט אייך, קינדערלעך! — זאָגט דער אַדיוטאַנט, וואָס האָט זיך אַליין אַרײַנגעדריקט אין אַ פאַרטיפונג, כּדי אונדז פאַרבײַצולאָזן און מיט אונדז צו רעדן. דאָס אָרט איז נישט גוט.

— פאַרמאַטערט איז מען — ברומט עפעס אַ שטימע, וואָס איז אַזוי הייזעריק און אָן אָטעם, אַז כ'דערקען אַזש נישט ווער ס'רעדט.

— אַ כּפּרה! אַן עק זאָל עס נעמען, כ'ריר זיך נישט פון אָרט. — קרעכצט אַן אַנדערער דערשעפט און אָן אָטעם.

— וואָס קען איך אייך העלפן? — ענטפערט דער אַדיוטאַנט — וואָס בין איך אײַער שולדיק, הע? אַ סוף, הייבטס אַ פוס, אַ שלעכט אָרט דאָ. בשעת דער לעצטער אויפלייזונג האָט מען עס אַ ביסל געטרייבערט!

מיר גייען ווייטער אין וואַסער און אין ווינט-שטורעם. עס דאַכט זיך, מיר גייען באַרג-אַראָפּ, ווי אין אַ לאָך אַריין. מען גליטשט זיך, מען פאַלט, מען שטויסט זיך אָן אָן דער גרובן-וואַנט, דערנאָך, מיט אַ שטאַרקן שטויס פון עלנבויגן אָן דער וואַנט, שטעלט מען זיך ווידער גלייך. אונדזער מאַרש איז אַ מין לאַנגער אַראָפּפאַל, בשעת וועלכן מען כאַפּט זיך אָן ווו און אין וואָס עס לאָזט זיך. עס גייט אין דעם, מען זאָל זיך רוקן גראָד פאָרויס און בלייבן אויף די פיס.

ווו זיינען מיר? כאָטש עס גייט אַ שלאַקס-רעגן, שטעק איך אַרויס דעם קאָפּ פון דעם תהום, פון וועלכן מיר מאַטערן זיך אַרויסצוקריגן. אויפן קוים דערקענבאַרן פאָן פון פאַרדעקטן הימל, אַנטדעק איך דעם ראַנד פון דער אָקאָפּע, און פּלוצלינג דערשיינט פאַר מיינע אויגן, איבערשטייגנדיק דעם דאָזיקן ראַנד, אַ מין שווידערהאַפטיק טויער, געמאַכט פון צוויי שוואַרצע קלעצער, אָנגעלענט איינס אויפן צווייטן, און צווישן זיי הענגט, ווי אַ בינטל אויסגעריסענע האָר. עס איז דאָס זיילנטויער.

— פאָרויס! פאָרויס!

כ׳לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ און זע מער גאָרנישט. אָבער ווידערהער איך, ווי אונדזערע פּאָדעשוועס קריכן אַריין און אַרויס אין דער בלאָטע, דאָס געקלימפּער פון די באַגנעטן-שיידן, טעמפּע אויסגעשרייען און אַ האַסטיק עטעמען פון ברוסטן.

נאָכאַמאָל אַ העפטיקער שטויס צוריק. מע שטעלט זיך פּלוצלינג אָפּ, און פּונקט ווי פריִער, פאַל איך אַרויף אויף פּאָטערלאָ און בלייב ליגן אָנגעלענט אויף זיין רוקן, אויף זיין שטאַרקן, פעסטן רוקן, מעכטיק ווי דער שטאַם פון אַ בוים, ווי דאָס געזונט, ווי די האָפנונג. ער שרייט צו מיר:

— מוטיק, אַלטער, אָט זיינען מיר!

מיר שטעלן זיך אָפּ. מען מוז זיך צוריקציִען... אַ געהרגעטער זאָל עס ווערן!... ניין, מע גייט ווייטער!...

אין מיטאַמאָל טוט אַ קראַך איבער אונדז אַ מוראדיקער אויפ־רייס. כ׳ציטער ביז שטאַרבן, אַ מעטאַלישער אָפּקלאַנג הילכט מיר אין קאָפּ. אַ ברענעדיקער שוועבל־ריח דרינגט מיר אין די נאָזלעכער און שטיקט מיך. די ערד האָט זיך מיר פאַר די אויגן אויפגעמאַכט. כ׳פיל, ווי ס׳הייבט מיך אין דער הייך און וואַרפט מיך אָן אַ זייט, צעקוועטשט, דערשטיקט און האַלב־בלייך געמאַכט פון דעם בליץ און דונער... פונדעסטוועגן דערמאַן איך מיך גוט: אין משך פון דער סעקונדע, ווען, איבעראַשט, משוגע, כ׳האָב געזוכט מיין וואָפן־ברודער, האָב איך געזען, ווי זיין קערפּער טוט אַ פלי אינדערהייך, שטייענדיק, שוואַרץ, ביידע אָרעמס צעשפּרייט אין זייער גאַנצן פאַרנעם, און אַ פלאַם אויפן אָרט פון קאָפּ!

XIII.

# די פעטע אויסדריקן.

באַרק זעט מיך שרייבן. ער קריכט צו מיר אויף אַלע פיר איבערן שטרוי און שטרעקט צו מיר אויס זיין וואָכעדיק פנים. ווי אַ שטרייכל הענגט אים אַראָפּ אַ רויטער פּאַיאַץ-לאָק, און איבער זיינע קליינע לעבעדיקע אייגעלעך, מאַכן זיך אויף-און צו שפּיציקע דעכלעך. דאָס מויל דרייט זיך אים אויף אַלע זייטן, ווייל ער קייט און נאָגט אַ שטיקל שאָקאָלאַד, וואָס אַ פייכט רעשטל דערפון האַלט ער אין האַנט.

מיטן אָנגעשטאָפּטן מויל שטאַמלט ער עפּעס, און לאָזט מיר אין פּנים אַריין אַ ריח פון אַ צוקערניע.

— הער נאַר, דו ביסט דאָך אַ שרייבער, דו, דו וועסט שפּע־טער שרייבן וועגן די זעלנער, וועסט דערציילן וועגן אונדז, נישט אמת?

— אוודאי אַזוי, זינדעלע, כ'וועל דערציילן וועגן דיר, וועגן די חברים, פון אונדזער לעבן.

— טאָ זאָג מיר...

ער ווייזט מיר אָן מיטן קאָפּ אויף די פּאַפּירן, ווו כ'האָב גראָד עפּעס פאַרצייכנט. מיט אַן אויפגעהויבענער בלייפעדער, באַ־טראַכט איך אים און הער אויס. ער האָט חשק מיר צו שטעלן עפּעס אַ פראַגע.

— זאָג מיר, כ׳בין גאָרנישט אויסן... כ׳האָב אויך געוואָלט עפּעס פרעגן. אָט וואָס: ווען דו לאָזט רעדן די זעלבער אין דיין בוך, צי לאָזטו זיי רעדן אַזוי ווי זיי רעדן, אָדער דו פאַרענדערסט עס אַזוי, אַ ביסל לייטישער? כ׳מיין, ווען די פּעטע אויסדריקן, וואָס מע רעדט, ווייל סוף-כּל-סוף, פאַרשטייסטו מיך, מע קען טאַקע זיין גוטע חברים און דווקא זיך נישט רייסן באַ די קעפּ, ווערסטו דאָך נישט הערן קיין צוויי זעלבער אויף אַ מינוט ס׳מויל עפענען, אַז מען זאָל זיך נישט זאָגן און זאָגן אַזעלכע מיני זאַכן, וואָס די דרוקער האָבן שטאַרק נישט ליב צו דרוקן. נו וואָס? אויב דו וועסט עס נישט איבערגעבן, וועט דיין בילד לגמרי נישט ענלעך זיין: עס איז פּונקט אַזוי, ווי וואָלסט זיי געוואָלט מאָלן, און וועסט נישט אַרויפלייגן איינע פון די אָנגעזעענסטע פאַרבן, וואָס וואַרפן זיך אַלעמען אין די אויגן. און דאָך טוט מען דאָך דאָס נישט אין שרייבן.

— דאָרט וווּ מען דאַרף, פּעטערשי, וועל איך שטעלן די פּעטע אויסדריקן, ווייל עס איז דער אמת.

— אָבער, הער נאָר, אויב דו וועסט עס טון, צי וועלן נישט די פאַרשוינען פון דיין וועלט, נישט קימערנדיק זיך ווען אמת, צי וועלן זיי נישט זאָגן, אַז ביסט אַ חזיר?

— ס׳קען זיין, אָבער דאָך וועל איך עס טון, און די דאָזיקע פאַרשוינען וועלן מיך גאָרנישט אָנגיין!

— ווילסט הערן מיין מיינונג? כאָטש כ׳בין נישט קיין גרויסער קענער אין די ביכער: ס׳איז דרייסט, דאָס, ווייל געוויינטלעך טוט מען דאָס נישט, און ס׳וועט זיין גאַנץ שיין פון דיין זייט אויב וואַגסט עס צו טון; אָבער אין דער לעצטער רגע וועסטו האָבן עגמת-נפש, ביסט צו העפלעך!... דאָס איז איינער פון די פעלערן, וואָס איך באַמערק באַ דיר פון דער צייט, וואָס מיר קענען זיך. דאָס און אויך די שוואַרצע געוויינהייט וואָס דו האָסט, ווען מעו פאַרטיילט

XIV.

# די משא.

אונטן אין פערמער-הויף מועטס שטייט דער שייער. אַ נידעריקער בנין, ווי אַ הייל. שטענדיק בלייבן פאַר אונדז נאָר היילן, אָפילו אין די הייזער! נאָכדעם ווי מען גייט אַריבער דעם הויף, וווּ דאָס מיסט גיט זיך אונטער די טריט מיט אַ שוואָמיקן פּליאַסק, אָדער נאָכדעם, ווי מען האָט דאָס מיסט אויסגעמיטן, זיך קוים האַלטנדיק אין גלייכגעוויכט איבערן שמאָלן שטיין-שטעגל, און מען קומט שוין ענדלעך צו צום אַריינגאַנג פון שייער, זעט מען ערשט רעכט גאָרנישט...

דערנאָך, אַז מען קוקט זיך איין שטאַרק, באַמערקט מען ערשט אַ צעשוווּמענע פאַרטיפונג, ווי מטושטשדיקע שוואַרצע געשטאַלטן זיצן איינגעקאָרטשעט, ליגן אויסגעצויגן אָדער באַוועגן זיך גאָר פון איין ווינקל צום צווייטן. אין דער טיף, אויף רעכטס און אויף לינקס, לייכטן צוויי בלאַסע ליכט-פלעמעלעך, אַרומגענומען מיט קיילעכדיקע רינגען, ווי ווייטע רויטע לבנות, און גיבן ענדלעך די מעגלעכקייט צו דערקענען די מענטשלעכע פאָרם פון די דאָזיקע געשטאַלטן, באַ וועלכע עס שלאָגט אַרויס פון די מיילער אָדער אַ פּאַרע, אָדער אַ געדיכטער רויך.

אונדזער צעשוווּמען מקום-מנוחה, וווּהין כ׳לאָז מיך פאָרזיכטיק אַראָפּ, איז אין הייגטיקן אָוונט שטאַרק אויפגערודערט. מאָרגן אי-

דעם בראָנפן; אונטערן אויסרייד, אַז ס'איז שע־לעך פאַרן געזונט,
איז אָנשטאָט אָפּצוטרעטן דיין חלק אַ גוטן ברודער, נעמסטו און גיסט
אים דיר אויס אויפן קאָפּ און רייניגסט דיר די האָר פון די לייז.

דערפרי גייען מיר ווידער אין די אָקאָפּעס, און די גנעפּלדיקע איינ־
וווינער נעמען זיך מאַכן זייער געפעק.

אַהערקומענדיק פון בלייכן דרויסנדיקן אָוונט, נעמט מי
אַרום דאָ די פינסטערניש און פאַרלייגט מיר די אויגן. פונדעסט־
וועגן געלונגט עס מיר אויסצומיידן די קאַנען, פעלד־פלאַשן און אויס־
ריסטונגס־טיילן, וואָס וואַלגערן זיך דאָ אויף דר'ערד, דערפאר אָבער
צי איך מיך אויס, ווי גרויס כ'בין, איבער קלעצער, וואָס ליגן אויס־
געלייגט גראָד אינדערמיט, ווי האַרטע שטעגלעך אין אַ האָלץ־לאַגער...
ס'דערגרייכט צו מיין ווינקל עפעס אַ באַשעפעניש, מיט אומגעהייערע
וואָלענע און רונדיקע פלייצעס, נישטערט אַרום דאָרט איינגעבויגן,
איבער אַ מענגע קליינע זאַכן, וואָס גלאַנצן אויף דר'ערד. כ'טו
אַ קלאַפּ איבער דער פלייצע, וואָס איז אויסגעבעט מיט אַ שעפּסן־
פעל. ער דרייט זיך אויס, און בײַ דער מטושטשדיקער און טאַנצנדיקער
שיין פון דעם ליכט, אַרויפגעשטעלט אויף אַ באַגנעט, וואָס שטעקט
אין דר'ערד, זע איך אַ האַלב פּנים, איין אויג, אַ שפּיץ וואָנסע און
אַ ווינקל פון האַלב־אָפענעם מויל. ער וואָרטשעט עפּעס פריינטלעך
און נעמט זיך ווידער באַטראַכטן זיין באַלעבאַטישקייט.

— וואָס אַרבעטסטו דאָרט?

— אָרדנונג. כ'מאַך אַ ביסל אָרדנונג.

דער גזלן־ענלעכער פאַרשוין, וואָס ציילט דאַכט זיך זיין רויב,
איז מיין קאַמעראַד וואָלפּאַט. כ'זע שוין, וואָס דאָ איז: ער האָט
אויסגעשפּרייט זיין, אין פירן־איינגעלייגטע, פאַלאַטקע־לייוונט איבער
זיין בעט — ד. ה. איבערן ביסל שטרוי, וואָס איז פאַר אים באַ־
שטימט — און אויפן דאָזיקן טעפּיך האָט ער אויסגעליידיקט און
אויסגעשפּרייט דעם גאַנצן אינהאַלט פון זיינע קעשענעס.

און דעם גאַנצן דאָזיקן מאַגאַזין באַטראַכט ער מיט אַ זאָרג־
פעלטיק אויג פון אַן איבערגעגעבענער באַלאַבאָסטע, דערביי טוט ער
אַכטונג און איז גרייט אָנצופאַלן אויף דעם, וואָס וועט דערויף

אַרויסטרעטן... מיטן אויג אָבער נעם איך אַרום די דאָזיקע רייכע אויסשטעלונג.

אַ טאַשנטיכל, אַ פּייקע, אַ טאַבאַק-בייטל מיט אַ ביכל פּליס-פּאַפּיר, אַ מעסער, אַ געלטבייטעלע און אַ צינד-שטיינדל, דאָס זיינען די אומבאַדינגט נויטיקע זאַכן. אַרום זיי ליגן צוויי לעדערנע שיך-בענדלעך, אַרומגעוויקלט ווי רעגנוואָרעם אַרום אַ זייגערל. דאָס זייגערל ליגט אין אַ דורכזיכטיקער צעלולאָיד-קאָפּערטע, וואָס איז פון דער צייט מאָדנע אָפּגעבליאַקעוועט און ווייס, דערנאָך ווידער אַ קליין רונדיק שפּיגעלע און אַ פּירעקעכדיקס; דאָס לעצטע איז צעבראָכן, אָבער איז פון אַ בעסערן סאָרט, מיט אַ קרום-געשליפענעם ראַנד. אַ פלעשל טערפּעטין, אַ כמעט ליידיק פלעשל בענזין און נאָך אַ דריטס אינגאַנצן ליידיק. אַ בלעכל פון אַ דייטשישן פּאַסעק, מיטן דעוויז „גאָט מיט אונדז" און אַ שווערד-טראָלב פון דער זעלבער אָפּשטאַמונג. אַ פליער-פייל, האַלב איינגעוויקלט אין פּאַפּיר; זי זעט אויס, ווי אַ שטאָלענע בלייפעדער און איז שפּיציק ווי אַ נאָדל; אַן איינלייג-שערל און אַן איינלייג-לעפל-גאָפּל; אַ שטיקל בלייפעדער און אַ שטיקל ליכט; אַן אַספּירין-טובע, וואָס אַנטהאַלט אויך אָפּיום-טאַבלעטן, און אַ סך בלעכענע שאַכטלען.

זעענדיק, ווי כ'באַטראַכט געטריי זיין פּערזענלעך רייכטום, קומט מיר וואָלפּאַט אַליין צו הילף, באַם פונאַנדערקלויבן זיך אין געווייסע אַרטיקלען.

— דאָס איז אַן אַלטע לעדערנע אָפּיצירן-הענטשקע. — שניידט אָפּ די פינגער און פאַרשטאָפּ דעם לויף פון מיין ביקס. זע, דאָס איז אַ טעלעפאָן-דראָט, די איינציק גוטע זאַך צוצובינדן די מאַנטל-קנעפּ, אויב דו ווילסט זיי זאָלן גוט האַלטן. און דאָ אינעווייניק, פּרעגסטו, וואָס איז? ווייסער גאַרן, אָבער פעסטער, נישט אַזעלכער, וואָס מע ניצט מיט אים אונדזערע נייע זאַכן און קענסט אים מיט אַ גאָפּל אַרויסציען, ווי קעז-פעדים פון מאַקאַראָני; און

דאָס איז אַ בריוול נאָדלען אויף אַ פּאָסטקאַרטל. די קלאַמער-נאָדלען ליגן זיך באַזונדער.

און דאָס, דאָס זײַנען מײַנע שמות. שוין איינמאָל אַ ביב-ליאָטעק.

אין דער אויסשטעלונג פון די זאַכן, וואָס שטאַמען פון וואָל-פּאַטס קעשענעס, געפינט זיך באמת אַ שפּאָרער פּאַק פּאַפּירן: אַ וויאָ-לעטע קאָפּערטע מיט בריוו-פּאַפּיר, פון וועלכע די געדרוקטע הילן איז אויסגעריבן; אַ מיליטער-ביכל, מיט אַן אײַנגעשרומפּן און שטוי-ביק דעקל, ווי די הויט פון אַן אַלטן אָפּגעלעבטן, וואָס איז צעבערעקלט און אויסגעצופּט פון אַלע זײַטן; אַ נאָטיץ-ביכל, פון געשטרײַפּט מאָלעסקין, אָנגעשטאָפּט מיט פּאַפּירן און פאָטאָגראַפיעס: פון דער מיט שטאַרט אַרויס דאָס בילד פון דער פרוי מיט די קינדער.

פון דעם בינטל פאַרגעלטע און שוואַרץ-געוואָרענע פּאַפּירן ציט אַרויס וואָלפּאַט די פאָטאָגראַפיע און ווײַזט זי מיר שוין צום צוועלפטן מאָל. איך שליס אַן איבעריק מאָל באַקאַנטשאַפט מיט מאַ-דאַם וואָלפּאַט, אַ פרוי מיט אַ פולן ביוסט, מיט ווייכע שוואַכע שטריכן, אַרומגערינגלט מיט צוויי יונגלעך אין ווײַסע קראַגנס, דער עלטע-רער אַ דינער, דער יינגערער רונדיק ווי אַ באַלם.

— איך — זאָגט דער צוואַנציק-יעריקער ביקערט — איך האָב בלויז די בילדער פון מײַנע אַלטע.

און צושטעקנדיק גאַנץ נאָנט צום ליכט, ווײַזט ער אונדז דאָס בילד פון אַן אַלט פּאָרל, וואָס קוקן אויף אונדז נאַיוו-באַשיידן, ווי וואָלפּאַטס קליינוואַרג.

— איך האָב אויך מײַנע אַלטע מיט זיך — זאָגט אַן אַנ-דערער. — איך שייד זיך קיינמאָל נישט מיטן דאָזיקן בילד פון מײַנע.

— יעדער שלעפּט זיך זײַן וועלטל! — גיט צו אַן אַנדערער.

— ס'איז מאָדנע — קאָנסטאַנטירט באַרק — אַ בילד, דאָס ווערט אָבגענוצט פון צופיל קוקן. מע דאַרף נישט דערויף צו לאַנג קוקן: מיט דער צייט, כ'ווייס נישט, וואָס ס'געשעעט דערמיט, נאָר די ענלעכקייט פאַרלירט זיך.

— ביסט גערעכט — זאָגט באַרק. — איך זאָג אויך אַזוי, ווי דו זאָגסט, פונקט אַזוי.

— כ'האָב אויך, צווישן מיינע שמות, אַ קאַרטע פון מיין געגנט — זאָגט ווייטער וואָלפאַט.

ער וויקלט זי אויף פאַרן ליכט. באַלויכטן און דורכזיכטיק אין די קנייטשן, זעט זי אויס, ווי שטאָרן, צענויפגענייטע פון פירעקעכדיקע שטיקלעך.

— כ'האָב אויך צייטונגען (ער וויקלט אויף אַ צייטונגס-אַר-טיקל וועגן די זעלנער) און אַ בוך (אַ ראָמאַן פון אַכציק סאַנטים „צוויי מאָל בתולה"). . . גאַדיר נאָך אַ שטיקל צייטונג: „ל'אַבעי ד'עדאַמפּ". כ'ווייס נישט נאָך וואָס כ'האַלט דאָס. מסתמא איז דאָ עפּעס אַ טעם. כ'על שוין אַ קוק טון, מיט אַ רויִקן קאָפּ. חוץ דעם, מיין טאַליע קאָרטן און אַ דאַמקע-שפּיל פון פּאַפּיר, מיט שטיינער פון אַ מין אָבלאַטן.

באַרק האָט זיך דערגענטערט, קוקט זיך צו, און זאָגט:

איך האָב נאָך פיל מער זאכן אין מיינע טיפּעגישן.

ער ווענדט זיך צו וואָלפאַטן:

— און אַ יעקעש זאָלד-בוך האָסטו, דו לייזקאָפּ, און אַ פלעשל יאָד, און אַ ברוינינג? איך, איך האָב דאָס אַלץ, און צוויי מעסערס האָב איך.

— איך — זאָגט וואָלפאַט — איך האָב נישט קיין רעוואָל-ווער, און נישט קיין יעקעש זאָלד-בוך, אָבער כ'וואָלט געקענט האָבן צוויי מעסערס און אפילו צען מעסערס; אָבער כ'דאַרף נישט מער ווי איינס.

— ס׳װענדט זיך — זאָגט באָרק. — און מעכאַנישע קנעפּ האָסטו, מחילה־קאָפּ אײנער?

— כ׳האָב, אין קעשענע האָב איך אַ פּאָר — שרײַט בעקיוו.

— אַ סאָלדאַט קען זיך אָן דעם נישט באַגײן — פֿאַרזיכערט לאַמיז. — אָן דעם װעלן זיך דיר די שעלקעס נישט האַלטן אָן די תּחתּונים, אַ נעכטיקער טאָג.

— איך — זאָגט בלער — טראָג שטענדיק מיט מיר מײַן בינטל פֿינגערלעך. צו יעדער צײַט האָב איך עס אונטער דער האַנט.

ער ציט עס אַרױס און קלומפּערט דערמיט. ס׳איז אײַנגעװיקלט אין אַ גאַז־מאַסקע־בײַטעלע. דער עגבער און דאָס פּײַלעכל קלינגען, און מען הערט אױך דאָס גערױש פֿון די נאָך רױע אַלו־מיניום־פֿינגערלעך.

— איך האָב שטענדיק בײַ זיך אַ שטריקל, אַט דאָס קומט שױן אײנמאָל צונוץ! — זאָגט ביקעט.

— נישט אַזױ װי טשװעקעס — זאָגט פּעפּין, און דערבײַ װײַזט ער דרײַ שטיק אין זײַן האַנט: אַ גרױסן, אַ קלײנעם און אַ מיטעלן.

אײנער נאָכן אַנדערן קומען די איבעריקע אױך נעמען אָנ־טײל אין געשפּרעך, טאַנצנדיק אַרום. מען געװײנט זיך צו צום האַלב־טונקל. אָבער דער קאַפּראַל סאַלאַװערט, װאָס האָט אַ שם מיט זײַנע געשיקטע הענט, שטעקט אַרײַן אַ ליכט אין אַ הענגל־לײַכטער. װאָס ער האָט פֿאַבריצירט פֿון אַ קאַמאַמבער־קעז־שאַכטל פֿון דראָט, מען צינדט עס אָן, און אַרום דעם דאָזיקן לײַכטער, נעמט יעדער דער־צײלן, מיט דער פֿאַראינטערעסירטקײט און פֿאַרליבע פֿון אַ מוטער, װאָס ער האָט אַלץ אין זײַנע קעשענעס.

— פֿאַר אַלעמען, װיפֿל שטיק האָט מען?

— קעשענעס? אַכצען — זאָגט אײנער, און דאָס איז גאַטיר־לער קאָקאָן, דער ציפּער־מענטש.

— אַכצען קעשענעס! רעדסט פון וועג מיט דיין גראָבן שופר — זאָגט דער דיקער לאַמיז.

— גאַנץ געגוי: אַכצען — ענטפערט קאָקאָן. רעכן נאָך, אַז ביסט יאָ אַזאַ חכם.

לאַמיז וויל זיך די זאַך קלאָר מאַכן, און האַלטנדיק בײדע הענט פאַרן הענגל־לײכטער, כדי נישט קײן טעות צו האָבן אין חשבון, נעמט ער צײלן אויף זײנע גראָבע ציגל־פאַרביקע פינגער: צוויי קעשענעס, וואָס הענגען נאָך אונטן באַם מאַנטל, די קעשענע צום באַנדאַזש־פּעקל, ווו מען האַלט דעם טאַבאַק, צוויי אין מאַנטל אינע־ווייניק, פון פאָרנט; די צוויי אויסנווייניקסטע קעשענעס פון יעדער זייט מיט קלאַפּעס. דריי אין די הויזן, דריי און אַ האַלבע, ווייל עס איז דאָך נאָך דאָ דאָס קעשענקעלע פון פאָרנט.

— איך האַלט דאָרט מײן קאָמפּאַס — זאָגט פאַרפאַדעט.

— און איך מײן צינדשטײן.

— איך — זאָגט טיכלואַר — אַ קלײן פּײפּערל, וואָס מײן ווייב האָט מיר געשיקט מיט די דאָזיקע ווערטער: „אויב וועסט פאַרווונדעט אין שלאַכט, כדי דײנע חברים זאָלן קומען דיר דאָס לעבן ראַטעווען.

מע לאַכט פון דער דאָזיקער נאַיווער פראַזע.

טילאַק מישט זיך אַרײן הויכמוטיק, און זאָגט צו טיכלואַרן:

— אין טיל ווייסן זיי לגמרי נישט, וואָס ס׳איז אַזוינס מלחמה. וואָלסט אַליין געקענט דערפון דערציילן אַ מעשה, ווען וואָלסט גע־וואָלט!

— די קען מען נישט צורעכענען, זי איז צו קלײן. — זאָגט סאַלאַווערטע — האָבן מיר אַ קימאַ־לן פון צען.

— אין רעקל פיר, האָבן מיר ערשט פירצען.

— האָסט נאָך צוויי קעשענעס אויף קוילן: די צוויי בײע קעשענעס אויף פאַסעקלעך מיט שנאָלן.

— זעכצען — זאָגט סאָלאָווערט.

— אַ בראָך צו דיינע יאָר, נאַרישער שוטה, קוק נאָר איבער־נאָכאַמאָל ס'רעקל. און די דאָזיקע צוויי קעשענעס, האָסט דאָך זיי גישט גערעכנט! טאָ וואָס פעלט דיר נאָך, וואָס! און דאָס זיינען בלויז די געוויינטלעכע קעשענעס; דאָס זיינען דיינע ציוויל־קעשע־נעס, וווּ שטעקסט אין ציוויל אַריין דיין ליולקעלע, דיין טאַבאַק און אַן אַדרעס פון דיינס אַן עסק.

— אַכצען! — חזרט איבער סאָלאָווערט, מיט אַן ערנסטקייט פון אַ באַאַמטן. אַכצען שטיק, ס'וועט גאָרנישט העלפן, צוגעקלאַפּט, זכה לו.

אין דעם מאָמענט פון געשפּרעך מאַכט עמעץ אויף דער שוועל־בּרוק אַ רייע פאַלשע טריט, וואָס הילכן אָפּ, ווי אַ פערד, וואָס פּיר־קעט — און שעלט.

באַלד, נאָך אַ שטילשווייגן, נעמט האַוקען אַ קלינגענדיקע באַ־פעלערישע שטימע:

— העי, איר דאָרט, מע מאַכט זיך גרייט? אויף היינט אָוונט מוז אַלץ גרייט זיין און, זייט וויסן, געזונטע פעקלעך. דאָס מאָל גייט מען אין דער ערשטע ליני'ע און, אויב איר ווילט וויסן, וועט אפשר זיין הייס.

— גוט, גוט, הער אַדיוטאַנט — ענטפערן צעשטרייט שטימען.

— ווי אַזוי שרייבט מען, אַרגעס, — פרעגט בענעש, וועל־כער ריטשעט אויף ד'ערד אויף אַלע פיר, מיט אַ קאָפּערטע און אַ בלייפעדער.

בשעת קאָקאָן לייגט אים אויס „ערנעסט” און דער אַדיוטאַנט רוקט זיך אַרויס, איבערחזרנדיק אין דער שכנותדיקער טיר דעם זעלבן מזמור, וואָס הערט זיך פון וויטן, נעמט בלער דאָס וואָרט און זאָגט:

— שטענדיק, קינדערלעך, דאַרף מען — הערטס גוט, וואָס כ'זאָג אייך! — האַלטן ס'קוואַרטירל אין קעשענע. איך האָב שוין געפּרווט עס האַלטן אויף אַלע אופנים, נאָר דאָס איינציקע פּראַקטישע אָרט איז די קעשענע, גלויבט'ס מיר, דו ביסט אין וועג אַן אָנגעפּאַקטער, דו וואַלגערסט זיך אַן געפּעק אין אָקאָפּע, האָסטו עס שטענדיק, אַז ס'מאַכט זיך אַ געלעגנהייט, אינטער דער נאָז: אַ גוטער ברודער, למשל, האָט אַ טראָפּן ייש און גינט דיר נישט קיין בייז און מאַכט צו דיר: „גיב אַ קוואַרטירל" אָדער גאָר דער וויינהענדלער פאַלט דיר אין פּנים אַריין. הערט'ס, וואָס כ'זאָג אייך, איר אַלטע לצים, ס'וועט אייך דערפון קיין רעה נישט אַרויסקומען: האַלט ס'קוואַרטירל שטענדיק אין קעשענע.

— קענסט וואַרטן אַזוי לאַנג — זאָגט לאַמיז — ביז כ'וועל דיר האַלטן ס'פעלד-פלעשל אין קעשענע. שוין איינמאָל אַ הילצערנער איינפאַל. ביסט קלוג, ווי מיין אָפּצאַס, נישט מער, נישט ווינציקער, כ'וויל בעסער עס אָנהענגען אַן מיין אַקסל-פּאַס אָן האַקן.

— צובינדן עס צו אַ קאָפּ פון אַ מאַנטל, אַזוי ווי דאָס טאָרבעלע צו דער גאַז-מאַסקע, איז אַ סך בעסער. ווייל, מאָל-דיר, טוסט-אויס דעם רוקנזאַק, בלייבסטו דאַמאָלס שטיין ווי אַ נאַר, אויב מע קומט מיט אַ ביסל משקה.

— איך האָב אַ דייטשיש קוואַרטירל — זאָגט באַרק. ס'איז פלאַטשיק, און אַז מע וויל, קען מען עס האַלטן אין דער זייטן-קעשענע און ס'גייט-אַריין גאַנץ גוט אין פּאַטראָן-טאַש, אויב דו האָסט דיינע קוילן אויסגעקנאַלט, אָדער האָסט זיי אַריינגעשטופּט אין ברויטזאַק.

— אַ דייטשיש קוואַרטירל איז דווקא נישט אַזאַ מחיה — זאָגט פּעפּין. — ס'איז נישט ווערט די רייד. ס'פאַרנעמט דיר בלויז אַן אָרט.

— וואַרט אַ ווייל, ליימענער גולם — זאָגט טיכאַרט, וואָס

איז אַ שטיקל פּסי בּאָלאָג — דאָס הייִנטיקע מאָל, אויב מיר וועלן אַטאַקירן, ווי דער אַלטער האָט אונדז געלאָמר'ט, וועסטו אפשר געפינען אַ דייטשיש קוואַרטירל און ס'וועט דיר שוין זיין אַ מחיה!

— דער אַלטער האָט עס געזאָגט — באַמערקט עידאָר — אָבער ער ווייסט אַליין נישט.

— אַ דייטשיש קוואַרטירל האַלט מער ווי אַ קוואַרטירל — באַמערקט קאָקאָן — ווייל די מאָס פון אַן אמת קוואַרטירל איז אָנגעצייכנט מיט אַ שטריך איבערן דריי-פערטל פון קוואַרטירל. און ס'איז אַלעמאָל בעסער צו האָבן אַ גרויס, ווייל אויב האָסט אַ קוואַרטירל, וואָס האַלט פונקט אַ קוואַרטירל און דו ווילסט האָבן אַ קוואַרטירל וועצע, וויין, אָדער מקווה-וואַסער, אָדער וואָס ס'זאָל נישט זיין, מוז מען עס דאָך דיר אָנפילן ביזן טשיפּ, און אַזעלכעס וועט מען דיר קיינמאָל נישט מאַכן באַם טיילן, און אויב שוין יאָ, וועסטו פאַרגיסן.

— כ'מיין, אַז גיכער מאַכט מען עס נישט — זאָגט פאַראַדיז, וואָס ווערט שטענדיק אויסער זיך פאַר כעס, ווען ס'קומט צו רייד וועגן די עניינים. — דער פוריער שטעקט דיר דעם פינגער באַם גיסן אין קוואַטירל אַריין און סך-הכל גיט ער דיר צוויי זופּ אויפן באָדן. די אונטערשטע שורה, בלייבסטו באַמאַכט מיט אַ דריטל, און קענסט דיר די הויזן צעקנעפּלען.

— יאָ — זאָגט באַרק — אמת. אָבער אַ צו גרויס קוואַרטירל טויג אויך נישט, ווייל דער פוריער וועט זיך היטן באַם אַריינגיסן: ער גיסט דיר אַריין אַ טראָפּ, און די האַנט ציטערט אים און, אויס מורא ער זאָל דיר נישט געבן צופיל, גיט ער דיר קנאַפּער חי די מאָס און דו, טו דיר אַ מעשה אָן מיט דער שיסל אין דער האַנט.

איבער דער צייט האָט וואָלפּאַט איינציקווייז צוריק אָנגעשטופּט אין די קעשענעס אַלע זאַכן פון זיין אויסשטעלונג. ווען ס'איז געקו-

מען די ריי אויפן בייטל, באַטראַכט ער אים מיט אַ רחמנותדיקן בליק.

— פּלאַטשיק, ווי אַ ברעט, דער ברודער.

ער האָט איבערגעציילט:

— דריי פראַנק! מ'עט עפּעס זען צו זיך צו קומען, אַ נישט־גוטער ברודער, בלייב איך גאַלע.

— ביסט נישט דער איינציקער, וואָס קרענקט דערויף.

— דער זעלנער גיט אויס מער ווי ער פאַרדינט. כ'קלער אזוי, וואָס וואָלט געוואָרן פון דעם, וואָס זאָל מער נישט האָבן ווי זיין סאָלד.

פּאַראַדיז האָט געענטפערט מיט אַ קלאַסישער פּשטות:

— כ'וואָלט געפּגרט.

— זעטס, איך האַלט אָט־וואָס שטענדיק אין קעשענע, און שייד זיך נישט דערמיט.

און פּעפּין, מיט אַ גנביש אייגל, האָט געוויזן אַ זילבערנעם טיש־געשיר־גאַרניטור.

— ס'האָט געהערט צו דער אַלטער מאַלפּע, ווו מיר האָבן געהאַט סטאַנציע אין גראַן־ראַ'וואַ — זאָגט ער.

— ס'געהערט איר, אפשר, נאָך אַציינד אויך?

פּעפּין מאַכט אַ צווייידייטיקע באַוועגונג, ווי שטאָלץ און באַ־שיידנקייט מישן זיך אויס, דערנאָך טוט ער זיך אָן אַ כּוח, שמייכלט און זאָגט:

— כ'קען זי, די אַלטע גנידע. כ'בין זיכער, אַז דאָס ביסל צייט, וואָס זי האָט נאָך צו לעבן, וועט זי פאַרברענגען אין איין זוכעניש, אין אַלע ווינקעלעך, נאָך איר זילבער־גאַרניטור.

— איך — זאָגט וואָלפּאַט — פאַר מיין גאַנץ לעבן איז מיר בלויז געבראָטן אויסגעצוימלאָכענען אַ שערל. טייל האָבן אַ מזל.

איך נישט, נאַטירלעך, היט איך דאָס שערל ווי אַן אויג אין קאָפּ, כאָטש פריִער מיך בחרם, צו וואָס עס נוצט מיר.

— איך האָב יאָ אונטערגעדאָסט אַ פּאָר קלייניקייטן אויף אייניקע ערטער, אָבער, וואָס קומט דערויס? „די סאַפּיאָרן האָבן מיך שטענדיק געפּאַקט בײַ דער מעשה, טאָ וואָס קענסטו דיר העלפן?

— קענסט זיך דרייען ווי אַ וואָרם, שטענדיק, גוטער ברודער, וועט דיך עמעץ כאַפּן בײַ דער האַנט, וואָס נישט? זאָרג נישט.

— העי, מענטשהייט! ווער וויל יאָדינע? — שרייט דער סאַביטאַר סאַקראָן.

— איך באַהאַלט די בריוו פון מיין ווייב — זאָגט בלער.

— איך שיק זיי איר צוריק.

— איך באַהאַלט זיי. נאַ, זע.

ע:דאַר שלעפּט אַרויס אַ פּעקל פּאַפּירן, אָפּגענוצטע, גלאַנציקע, און די האַלבע פינסטערניש פאַרשטעלט צניעותדיק זייער שמוציקייט.

— כ׳האַלט זיי. טיילמאָל לייען איך זיי. אַז ס׳איז קאַלט און מע פילט זיך שלעכט, לייען איך זיי. ס׳וואַרעמט טאַקע נישט, אָבער ס׳איז, ווי ס׳וואָלט געוואַרעמט.

דער דאָזיקער מאָדנער געדאַנק האָט, אַוודאי, געהאַט אַ גאַנץ טיפן זין, ווייל אייניקע האָבן דערביי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט: „יאָ, אמת”.

דאָס געשפּרעך פירט זיך שטיקלעכווייז ווייטער אין שויס פון דעם דאָזיקן פאַנטאַסטישן שייער. גרויסע שאָטן-געשטאַלטן באַוועגן זיך אַהין-און-צוריק, די נאַכט ליגט טיף איינגעקאָרטשעט אין די ווינקעלעך. ווו-נישט-ווו פינטלט קרענקלעך אַ ליכט-פּלעמל.

איך זע זיי באַוועגן פון איין אָרט אויפן אַנדערן, מאָדנע שאָטן-געשטאַלטן לויפן פאַרביי, בייגן זיך אַראָפּ און ביקן זיך צו דר׳ערד; די פאַרהאָרוועטע איינפּאַקער רעדן אין דאָזיקן ווירוואַר

צו זיך אַליין, אָדער איינער צום צווייטן, אַרומטרעטנדיק מיט די פּיס צווישן די זאַכן. איינער ווייזט דעם אַנדערן זיינע רייכטימער:

— נאַ, טו נאָר אַ קוק!

— דאָס הייסט! — ענטפערט מען מיט קנאה.

מע וואָלט געוואָלט האָבן אַלץ וואָס מ'האָט נישט. און אין דער ראָטע זיינען דאָ לעגענדאַרישע אוצרות, וואָס אַלע האָבן דערויף גרויסע אויגן: אַזוי, למשל, די צוויי־ליטער־קאַן, וואָס געהערט באַרקן; דורך אַ געשיקטן בלינדן שאָס, האָט ער זי נאָך ברייטער געמאַכט ביז דריטהאַלבן ליטער; דערנאָך דאָס באַרימטע מעסער מיט דער האָרן־שטיל, וואָס געהערט בערטראַנדן.

אינם דאָזיקן רוישיקן געווימל באַשמעקט מען מיט אַ בליק פון דער זייט די אַלע מוזעאום־זאַכן, דערנאָך נעמט יעדער קוקן פאַר זיך. איטלעכער ווידמעט זיך זיין אייגן „קרעמל" און נעמט זיך פיבערהאַפטיק מאַכן אָרדנונג.

אַ נעבעכדיקע קראָם, אין אמתן. אַלץ וואָס ווערט אויסגעאַר־בעט פאַרן זעלנער איז געמיין, העסלעך און פון שלעכטן סאָרט, אָנהייבנדיק פון די פּאַפּע־שיך, צענויפגעשטיקעוועטע מיט וואָלוועלן פאָדעם, ביז זייערע שלעכט־צוגעשניטענע מלבושים, שלעכט געמאַכט, שלעכט געניייט, שלעכט געפאַרבט, פון שוואַרצן דורכזיכטיקן שטאָף — ריין לעש־פּאַפּיר — וואָס פון איינמאָל זון שיסט עס אָפּ, איין שעה רעגן מאַכט לעכערדיק, ביז זייער אויסערגעוויינטלעך דינעם לע־דערוואַרג, וואָס ברעכט זיך ווי שפּענדלעך און רייסט זיך איבער באַם שנאָל; ביז זייער פלאַנעל־וועש, וואָס איז מאָגערער ווי ביינוול; זייער טאַבאַק, וואָס זעט אויס ווי שטרוי.

מאַרטעראָ זיצט לעבן מיר. ער ווייזט מיר אָן אויף די קאַ־מעראַדן:

— קוק זיי נאָר אָן, די גאָט־נשמה־שולדיקע, ווי דאָס פּאָרעט זיך באַם ביסל אָרימקייט. ווי אַ קופּע מאַמעס, וואָס קוקן אויף זיי־

ערע קינדערלעך. הער זיך נאָר צו. יעדעס חפץ רופט מען באַם נאָמען. נעם יענץ דאָרט, ווי ער זאָגט: „מיין מעסער", איז פונקט ווי ער וואָלט געזאָגט: „לעאָן, אָדער שאַרל, אָדער דאָלף". און דו ווייסט, זיי קענען דיר בשום אופן נישט פאַרקלענערן זייער געפעק. דאָס איז פשוט אוממעגלעך. נישט זיי ווילן נישט — די מלאכה גיט זיי לגמרי נישט צו קיין כוחות — נאָר זיי קענען דאָס נישט. זיי האָבן עס צו שטאַרק ליב.

דאָס לאָדונג! אומגעהייער איז עס, איטלעכער ווייסט עס, צום טייוול, יעדע איינציקע זאַך גיט צי אַ וואָג, יעדע קלייניקייט דריקט אָפּ די פּלייצעס.

ווייל נישט בלויז דאָס איז דאָ, וואָס מען שטופּט אין די קעשע־נעס און אין ברויט־זאַק. ס'איז נאָך דאָ, כדי צו דערגענצן די משא, דאָס, וואָס מען טראָגט אויף די פּלייצעס.

דער רוקן־זאַק, דאָס איז אַ קופערט, אַן אַלמער. און דער אַלטער זעלנער באַווייזט ממש נסים, ווי אַזוי אים גרויס צו מאַכן, דורך אַ גוט־אויסגערעכנט פאַרפּאַקן פון זיינע זאַפּאַסן און בעל־הבתיש־קייט. חוץ דעם, לויטן פאַרשריפט אָבליגאַטאָרישן באַגאַזש — די צוויי שאַכטלען פליישׂ־קאָנסערוון, די צוועלף ביסקוויטן, די צוויי קאַווע־טאַבעלן, די צוויי פּעקלעך קאָנדענסירטע זופּ, דאָס היטל־צו־קער, אַ פּאָר וועש און אַ פּאָר זאַפּאַסנע שיך — טון מיר זיך נאָך אַן עצה, דאָרט אַריינצושטופּן אַ פּאָר שעכטלעך קאָנסערוון, טאַבאַק, שאָקאָלאַד, און אַ פּאָר סאַנדאַלן, אַפילו זייף, אַ ספּיריטוס־לעמפּל, קאָנדענסירטן־ספּיריטוס און וועשוואַרג. צוזאַמען מיט דער קאָלדרע מיט דער פוס־דעק, פּאַלאַטקע־לייוונט, ווערקצייג, שיסעלע און לאַגער־כלים, ווערט ער גרעבער, גרעסער און ברייטער, ער וואַקסט אויס צו אַ מאָנומענטאַלער גרייס און דערדריקט. און מיין שכן זאָגט אמת: יעדעס מאָל, ווען מען קומט אויפן אָרט נאָך לאַנגע קילאָ־מעטער־מאַרשן אויף שאָסיי און נאָך לאַנגע קילאָמעטער־מאַרשן אין

דורכגאַנגס-גרובן, טאָ ער אַ שבועה, אַז צום קינפטיקן מאָל וועט ער זען פּטור צו ווערן פון אַ מענגע זאַכן, און וועט באַפרייען זיינע פּלייצעס פון יאָך פון דער שווערע משא. אָבער, יעדעס מאָל, ווען ער גרייט זיך אין וועג, שלעפּט ער ווידער מיט די זעלבע פאַר-מאַטערנדיקע און כּמעט איבערמענטשלעכע משא. און קיינמאָל שיידט ער זיך נישט מיט איר, כאָטש ער פאַרשעלט זיך די יאָרן.

— ס'זיינען פאַרהאַן געביפטע יונגען, וואָס טוען זיך אַן עצה — זאָגט לאַמיז — און קענען שוין די קונץ, ווי אַזוי עפּעס אַריינצושמוגלען אין קאָמפּאַניע-וואָגן אָדער אין סאַניטאַר-קאַרעטע. כ'קען איינעם, האָט ער צוויי נייע העמדער און אַ גאַטקע צווישן געפּעק פון אַן אַדיוטאַנטל — אָבער, פאַרשטייסט דאָך אַליין, אין דער קאָמפּאַניע האָסטו צוויי הונדערט פופציק מאַן, און יעדערער ווייסט פון דעם שפּיצל, קען דאָך נישט יעדערער דערפון געניסן. דער עיקר די בענדלדיקע: וואָס מער דו האָסט אונטער-אָפּיצירן, אַלץ שווערער קומט זיי אָן דאָרט אונטערצורוקן זייער קרעמל. שוין נישט רעדנדיק דערפון, וואָס דער קאָמענדאַנט רעווידירט טיילמאָל אומגערעכט דעם אָבאָז, מען וואַרפט דיר אַרויס דיין ביסל ריפּטשע-כעס, אויפן מיטן וועג, וויבאַלד ער געפינט עפּעס אויפן וואָגן, וואָס ס'געהער זיך נישט: האָפּ! און דו כאַפּסט נאָך דערצו אַ געזונטן פּסק.

אין די ערשטע צייטן האָט מען עס געטון פראַנק און פריי. כ'האָב אַליין געזען, ווי טייל האָבן אויפגעלאָדנט זייערע ברויט-זעק, און אפילו זייערע אַלמערס, אויף אַ קינדער-וועגעלע, וואָס זיי האָבן געשטופּט פאַר זיך.

— אַ! דערציילסט אַ מעשה! דאָס זיינען געווען גאָלדענע מלחמה-צייטן! אַצינד אָבער, איז אַלץ אַנדערש געוואָרן.

וואָלפּאַט, טויב פאַר די אַרומיקע געשפּרעכן, איינגעוויקלט אין זיין דעק, ווי אין אַ שאַל, צוליב וואָס ער זעט אויס, ווי אַן אַלטע

מכשפה, דרייט זיך אַרום עפּעס אַ זאַך, וואָס ליגט אויף דר׳ערד.

— ס׳פרעגט זיך — זאָגט ער, נישט וועגנדיק זיך צו קיינעם — יאָ, אָדער נישט מיטנעמען דעם דאָזיקן באַלאָן. ער איז דער איינציקער אין דער ראָטע, און שטענדיק האָב איך אים מיטגענומען, יאָ, אָבער ער רינט ווי אַ זיפּ.

ער קען זיך נישט אַנטשליסן, און ס׳קומט פאַר אַן אמתע צעשיידונגס-סצענע.

באַרק באַטראַכט אים פון אַ זייט, און מאַכט פון אים חוזק. מען הערט ווי ער זאָגט: „בהמה, שטיק בראָך". אָבער ער בלייבט אין מיטן אָפּלאַכן:

— איבעריקנס, אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וועט זיין פּונקט אַזאַ שוואַנץ, ווי ער.

וואָלפּאַט לייגט אָפּ זיין באַשלוס אויף שפּעטער:

— מ׳עט זען מאָרגן אינדערפרי, מ׳עט זיך איבערלייגן.

בודק געווען און אָנגעשטאָפּט די קעשענעס, קומט די ריי אויף די ברויט-זעק, דערנאָך אויף די פּאַטראָן-טאַשן, און באַרק האַלט אַ פּאָרטראַג, ווי מען שטופּט אַריין די פּאָרשריפט-מעסיקע 200 קוילן אין צוויי פּאַטראָן-טאַשן. פּעקלעכווייז איז אוממעגלעך. מע מוז זיי אויספּאַקן און אַריינלייגן איינציקווייז אויפגעשטעלט, איינע אַראָפּ, איינע אַרויף. אַזויערנאָך שטאָפּסטו פול אָן די פּאַטראָן-טאַשן, נישט איבערלאָזנדיק קיין פּיצל פרייען פּלאַץ, און קריגסט אַזויערנאָך אַ פּאַס, וואָס וועגט, אַן ערך, זעקס קילאָ.

די ביקס איז שוין גערייניקט. מען קאָנטראָלירט נאָך אַמאָל די פאַרזיכערונג פון מאַגאַזין און פון קאַנאָן — אַן אומבאַדינגט פאָרזיכטיקייטס-מיטל, צוליב דער ערד אין די אָקאָפּעס.

אַצינד האַנדלט זיך אין דעם, מען זאָל לייכט דערקענען יעדע ביקס באַזונדער.

— איך האָב מיר געמאַכט אַ סימן אין אַקסלבאַנד. כ'האָב אַרומגעשניטן דיָם ראַנד.

— איך האָב אַרומגעוויקלט אינדערהייך באַם אַקסלבאַנד אַ שטראָוואַדלע — און אַזויערנאָך דערקען איך זי סיי מיט דער האַנט, סיי מיטן אויג.

— איך האָב דאָרט אַ מעכאַניש קנעפּל. אוממעגלעך אַ טעות. אין דער פינסטער דערשפיר איך עס גלייך און כ'זאָג: „ס'איז מיין ביקס". ווייל פאַרשטייסטו מיך, האָסט אַזעלכע חברה־לייט, וואָס חילן זיך נישט ווײ־טון קיין אבר. זיי ליגן אויפן נאָפּל בשעת די אַנדערע פוצן. דערנאָך ציט ער אויס די האַנט צום קלאַרנעטל, וואָס איז שוין פּיקס־און פּאַרטיק; און שפּעטער האָט דאָס נאָך אַ כּוח אַריינצוזאָגן: „הער קאַפּיטאַן, האָב איך אַ ביקסל, אַלרייט", איך מאַך נישט אַזעלכע געשעפטן. דאָס הייסט פשוט אָנגעקאַ... און דאָס, אַלטער ביין, בעט איך איבער דיין כבוד.

און די ביקסן, ווי ענלעך זיי זאָלן נישט זיין, זיינען יי דאָך פאַרשידן, ווי האַנטשריפטן.

* *

*

— מאָדנע און מערקווירדיק — זאָגט צו מיר מאַרטעראָ — מאָרגן גייט מען אין די אָקאָפּעס, און קיינער איז נאָך נישט שיכור היינט אָוונט, און מע קיפּט זיך נישט, און — גאָטס וווּנדער! — מ'האָט זיך נאָך גאָרנישט צעווערטלט. פאַר מיינעטוועגן...

יאָ, כ'זאָג נישט — לאָזט ער נאָך באַלד — אַז די ביידע דאָרט האָבן נישט אַ ביסל מער אין קעפּל חוץ פלעשל... איינגאַנצן מערביק זיינען זיי טאַקע נישט, נאָר אַזוי אַ קאַפּ אין מעגעלע...

— ס'איז פּאַטראָן און פּאַלפּאָ פון ברואַיער ראָטע.

ביידע ליגן און רעדן שטיל. באַ איינעם זעט מען אַרויס זיין קיילעכדיקע נאָז, וואָס גלאַנצט אַזוי ווי זיין מויל גראָד לעבן ליכט

זיין אויפגעהויבענע האַנט מיט אַן אויסגעשטרעקטן פינגער זשעסטי־קולירט אין דערקלערט עפּעס, און דער שאָטן מאַכט טריי נאָך די דזשיקע באַוועגונגען.

— כ׳קען מאַכן פייער, אָבער איך קען עס נישט נאָכאַמאָל אָנצינדן, אַז ס׳גייט אויס — דערקלערט פּואַטראָן.

— בהמה! — זאָגט פּואַלפּאָ — אויב דו קענסט עס איינמאָל אָנצינדן, קענסטו עס דאָך נאָכאַמאָל אָנצינדן, ווייל אויב דו צינדסט עס אָן, איז עס דאָך געווען אויסגעלאָשן, און דו קענסט דאָך זאָגן, אַז צינדסט עס אָן, ווען צינדסט עס אָן נאָכאַמאָל.

— דאָס איז אַלץ געקוועטשט פון פינגער. איך קען זיך נישט פּשטלען און כ׳לאַך זיך אויס פון דיינע חכמות, וואָס דו טרעלעוועסט מיר אָן. כ׳זאָג דיר איינמאָל און כ׳זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז מאַכן פייער, דערצו בין איך אַ בריה, אָבער נאָכאַמאָל אָנצינדן, אַז ס׳איז אויסגעגאַנגען, דאָ וועט שוין קיין טאַטע־מאַמע נישט העלפן. בעסער פאַרטייטשן קען איך נישט.

פּואַלפּאָס ענטפער דערהער איך נישט.

אָבער די פאַרשטונקענער טרפענער עקשן — רייסט זיך פּואַטראָן — שוין דרייסיק מאָל הערסטו, אַז כ׳קען נישט. כ׳לעבן, מ׳מוז שוין איינמאָל זיין אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ!

— אַ חלשות צו הערן — זאָגט פאַרטרווילעך מאַרטעראָ.

ווירקלעך, מיט זיין פריערדיקער באַמערקונג, האָט ער זיך צו פרי אַרויסגעכאַפּט.

אַ געוויסער פיבער, וואָס שטאַמט פון אַן אָפּשיידס־לחיים, הערשט אין דער דזשיקער בודע, וואָס איז פול מיט רויכיק שטרוי. די משפחה — ווער שטייענדיק פאַרטראַכט, ווער אויף די קניען און קלאַפּנדיק ווי בערג־אַרבעטער — גרייט זיך, מאַכט צורעכט, פּאַקט זיך די זאַפּאַסן, דאָס ביסל אָנטועכץ און די מכשירים. אַ מישמאַש פון ווערטער, אַ ווירוואַר פון באַוועגונגען. אין רויך־וואָלקן זעט

מען זיך אויסשניידן געשטאַלטן פון קעפּ, און טונקעלע הענט שטרעקן זיך אויס איבערן שאָטן, ווי מאַריאָנעטקעס.

פון דעם שכנותדיקן שייער, אָפּגעטיילט פון אונדזערן דורך אַ ווענטל אין דער הייך פון אַ מענטש, הערן זיך שיכּורע קולות. צוויי מענטשן, דאָרט אינעווייניק, רייסן זיך און זידלען זיך מיט אַ געפאַרצווייפלטן כּעס און פאַרביסנקייט. די לופט ציטערט פון די געמיינסטע אויסדריקן, וואָס קענען נאָר זיין. נאָר איינער פון זיי, פון אַ פרעמדער ראָטע, ווערט אַרויסגעוואָרפן דורך די לאַקאַטאָרן, און דער מבול זידלערייען פון אַנדערן ווערט שוואַכער און פאַרשטומט.

— באַ אונדז איז נאָך נישקשהדיק! — באַמערקט מאַרטעראָ מיט אַ געוויסן שטאָלץ.

אמת. אַ דאַנק בערטראַנדן, אַ פאַרביסענער שונא פון אַלקאָהאָליזם, פון דער דאָזיקער פאַרסמטער פאַטאַליטעט, וואָס טרייבט אַ שפּיל מיט די מאַסן, איז אונדזער ראָטע צום ווינציקסטן פאַרדאָרבן דורכן וויין און בראָנפן.

... זיי שרייען, זיי זינגען, אַלץ אַרום איז אַרויס פון די כּלים. זיי לאַכן אָן אַ סוף; אין מענטשלעכן אָרגאַניזם מאַכט ס'געלעכטער אַ גערויש פון רעדער און מאַשינען.

מען פּרוווט זיך צו פאַרטיפן אין אייניקע פיזיאָנאָמיעס, וואָס ווייזן זיך מיט שטאַרק-בולטע, פאַרכאַפּנדיקע שטריכן, אין דער דאָזיקער שאָטן-מענאַזשעריע, אין דער דאָזיקער רעפלעקסן-נעסט. דאָס לאָזט זיך אָבער: נישט מע זעט זיי פאַר זיך, אָבער מע זעט נישט דאָס אינערלעכע פון זיי.

* *

*

— קינדערלעך, שוין צען אַ זייגער — זאָגט בערטראַנד. — מ'עט שוין מאָרגן פאַרענדיקן ב'שמועס. איצט איז צייט איינצופּעקלען ס'זעקל ביינער.

לייגט זיך יעטוועדער פאַמעליע שלאָפן. ס׳גערעדעריי הערט אָבער נישט אויף. דער זעלבער מאַכט זיך אַלע באַקוועמלעכקייטן, אויב ער איז נאָר נישט אומבאַדינגט געצווּנגען זיך צוצואיילן. איטלעכער קריכט נאָך אַהין, אַהער מיט עפּעס אין האַנט — און איך זע זיך פאַרבײַשלייכן אויף דער וואַנט עדזאָרס אומגעהייערן שאָטן, וועלכער גייט פאַרבײַ פאַר אַ ליכט, האַלטנדיק אין די שפּיצן פינגער און שאָקלענדיק מיט זיי, צוויי טאָרבעלעך קאַמפאָר.

לאַמיז דרייט זיך און זוכט אַ גוט אָרט צום שלאָפן. מע זעט, ער פילט זיך שלעכט: וויפיל ער זאָל נישט זיין אומשטאַנד אַראָפּצולאָזן, איז באַשײַנפערלעך, אַז היינט האָט ער זיך איבערגעגעסן.

— ס׳זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס ווילן שלאָפן! מאַכט צו די פּרעסערס, בהמות! — שרייט מעניל זשאָזעף פון געלעגער.

די דאָזיקע אויפפאָדערונג מאַכט שטיל אויף אַ ווײַלע, פאַרהאַלט נישט אָבער דעם ווירוואַר פון קולות און נישט דאָס דרייען זיך אַהין-און-צוריק.

— אמת, טאַקע, אַז מאָרגן גייט מען אין די אָקאָפּעס און אין אָוונט איז מען אונדז משלח אין דער ערשטער ליניע — זאָגט פּאַראַדיז. — אָבער קיינער קלערט נישט דערפון. מע ווייסט עס און פּטור.

ביסלעכווייז פאַרנעמט יעדער זיין אָרט. איך האָב זיך אויסגעצויגן אויפן שטרוי, מאַרטעראָ פּעקלט זיך איין לעבן מיר.

אַ קאָלאָסאַלע מאַסע קומט פאַמעלעך אַריין און היט זיך נישט אָנצומאַכן קיין גערודער. ס׳איז דער סאַניטאַר-סערזשאַנט, אַ מאַריסטן-ברודער, אַ ריזיקער פּאַרשוין מיט באָרד און ברילן; מע מערקט גלייך, ווען ער האָט אויסגעטון זיין מאַנטל און בלייבט אין רעקל, אַז ער פילט זיך קרעמפּירט צו ווייזן די פיס. מע זעט, ווי דאָס דאָזיקע בערדיקע היפּאָפּאָטאַם-געשטאַלט איילט זיך דיסקרעט. ער סאָפּעט, קרעכצט און מורמלט עפּעס.

מאַרטעראָ טוט מיר אַ ווונק אויף אים מיטן קאָפּ, און זאָגט צו מיר גאַנץ שטיל:

— קוק אים נאָר אָן. די דאָזיקע לייט מוזן דיר שטענדיק עפּעס בלאָגעווען. אַז מע פרעגט אים, וואָס ער טוט אין ציוויל, ענטפערט ער נישט: „איך בין אַ לער־ברודער אין די שולן"; ער זאָגט, אייך אָנקוקנדיק מיט האַלבע אויגן, אַזוי פון הינטער די ברילן אָפּער: „כ׳בין פּראָפעסאָר". אַז ער שטייט אויף גאַנץ פרי צו דער מעסע און זעט ער האָט אייך אויפגעוועקט, וועט ער נישט זאָגן: „כ׳גיי צו דער מעסע" נאָר זאָגן: „דער בויך טוט מיר וויי. נישטאָ קיין עצה, מע מוז גיין אין די קושאַקעס".

אַ ביסל ווייטער דערציילט פּאָטער ראַמיר פון זיין היים.

— באַ אונדז אינדערהיים איז אַ קליינטשיק הייזל, נישט קיין גרויס. אַ גאַנצן טאָג טרעפסטו מיין אַלטן מיט דער פּייקע אין מויל; צי ער אַרבעט, צי ער רוט זיך אָפּ, לאָזט ער ב׳רויך אין דער לופט אַריין, אָדער אין דער רויכיקער שיסל...

איך הער זיך צו צו דער דאָזיקער דאָרפס־מעשה, וואָס פּלוצלינג נעמט זי אָן אַ מער ספּעציאַליזירטן און טעכנישן כאַראַקטער:

— דערצו מאַכט ער זיך צורעכט אַ שטרויעלע. ווייסט וואָס מע מיינט אַ שטרויעלע? נעמסט אַ שטענגל פון אַ גריבער זאַנג און שיילסט אָפּ ס׳הייטל. דו שפּאַלטסט עס אין צווייען, דערנאָך ווידער אין צווייען און דו האָסט פאַרשידענע גרייסן, ווי אַ שטייגער פאַרשידענע נומערן. דערנאָך וויקלט ער אַרום די אַלע פיר שטיקלעך מיט אַ פאָדעם אַרום דעם ציבעך...

אַזוי אָבער, ווי עס איז נישטאָ קיין בעלן אויסצוהערן די דאָזיקע לעקציע, ווערט זי איבערגעריסן.

בלויז נאָך צוויי ליכט ברענען. אַ גרויסער שאָטן־פליגל פאַרדעקט דעם ליגנדיקן מענטשן־הויפן.

טײלװײזע געשפּרעכן פלאַטערן נאָך אַרום אין פּרימיטיװן שלאָף-זאַל. אָפּגעהאַקטע שטיקלעך דערגרײכן מײַנע אויערן.

פּאַטער ראַמיר גיסט אַצינד אויס זײַן ביטער האַרץ אויפן קאָמענדאַנט:

— דער קאָמענדאַנט מיט זײַנע פיר שנירלעך, זאָג איך דיר, כ'האָב געזען, אַז ער קען נישט רײכערן. ער פּיפּטשעט דיר, אויף וואָס די וועלט שטײט, זײַנע פּײקעס, און פאַרברענט זײ. נישט קײן מאָל האָט ער אין קאָפּ, נאָר עפּעס אַ לאָך. דאָס האַלץ שפּאַלט זיך, ווערט דורכגעברענט, און אָנשטאָט ס'זאָל זײַן האַלץ, איז עס אַ קויל. די ערדענע פּײקעס האַלטן שוין בעסער אויס, אָבער אַלץ די זעלבע מעשה, ער באַקט זײ דורך. אַז מ'האָט אַזאַ פּרעסער. און הער, וואָס כ'זאָג דיר, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן: ער וועט האָבן אַ סוף, וואָס קײנער האָט נאָך נישט געהאַט: ער וועט אַזוי לאַנג פּרעגלען זײַן פּײקע, ביז זי וועט אים פּלאַצן אין שנאָבל פּאַר אַלעמענס אויגן. וועסט זען.

ביסלעכווײז שטעלט זיך אײַן אין שײער אַ רויִקײט, אַ שטיל-קײט, און די פינסטערניש דעקט צו אַלע דאגות און האָפענונגען פון די אײַנוווינער. אײַנגעהילטע אין זײערע דעקן, ליגן די דאָזיקע מאַשעפּענישן, ווי אויסגעצויגענע, ענלעכע פּעקלעך אײנס לעבן ס'אַנדערע, און זען אויס, ווי די פײַפעלעך פון אַ ריזן-אָרגל, וואָס לאָזן אַרויס אַ משונהדיק שנאָרכן.

מאַרטעראָ, מיט דער נאָז אונטער דער דעק, נעמט מיר עפּעס דערצײלן פון זיך אַלײן:

— כ'בין, פאַרשטײסטו מיך, אַ שמאַטע-הענדלער — זאָגט ער — אָדער בעסער געזאָגט, אַ שמאַטע-זאַמלער, אָבער בײַ מיר גײט עס אַנגראָ; איך קויף בײַ די קלײנע שמאַטע-זאַמלער פון די גאַסן און כ'האָב אַן אײגענעם מאַגאַזין — אַ בוידעם! — וואָס דינט מיר פאַר אַ לאַגער. כ'קויף אויף אַלערלײ שמאַטעס און אַלטוואַרג,

אָנהייבנדיק פון וועש ביז אַ קאָנסערוון־שאַכטל, דער עיקר אָבער, באַרשט־שטילן, אַלטע זעק און אָפּגעטראָגענע שיך. און פאַרשטייט זיך, ספּעציאַליטעט, קאַנינדל־פעלעכלעך.

און אַ ביסל שפּעטער הער איך ווידער, ווי ער זאָגט צו מיר:

— ווי דו קוקסט מיך אָן, אַזוי קליין און אַ שוואַכע בריאה, ווי כ׳בין, טראָג איך דיר נאָך, אויף אַ לייטער, אויפן בוידעם אַרויף אַ משׂא פון אַ צוויי הונדערט קילאָ, און מיט האָלץ־שיך אויף די פיס... איינמאָל האָב איך געהאַט צו טון מיט אַ פאַרדעכטיקן פאַרשוין, ווייל מ׳האָט געזאָגט אויפן, אַז ער ציט זיין פרנסה פון נאַכטפייגל, אַ כּלל...

— אַ מפּלה אויף זיי, נישט צו קענען איינשלאָפן, — שרייט פלוצלינג פויאַד — די איבונגען און די מאַרשן, מיט וואָס זיי טוען אונדז אָן געבערנטע צרות, אַז מ׳האָט שוין אַ ביסל מנוחה; דער רוקן ווערט מיר צעזעצט, בשום אופן קען איך נישט איינזעען, אַזוי צעבראָכן בין איך.

פון וואָלפּאַטס זייט דערהערט זיך אַן אייזן־געקלימפּער. ער האָט זיך, ווייזט אויס, אַנטשלאָסן מיטצונעמען די קאַן און באַקלאָגט זי, וואָס זי האָט דעם פּאַטאַלן חסרון און רינט.

— אוי, אוי, אוי, ווען וועט זיך צמאָל ענדיקן די גאַנצע מלחמה? — זיפצט אַ האַלב־שלאָפעדיקער.

פון ערגעץ דערגייט אַן אומפאַרשטענדלעכער, פאַרביסענער אויסרוף פול עמפּערונג:

— אונדזער הויט ווילן זיי!

דערנאָך קומט־נאָך אַ „זאָרג נישט!" אויך אַזוי חושכדיק, ווי דער עמפּערונגס־געשריי.

... אַ שטיק צייט דערנאָך כאַפּ איך מיך אויף, ווען ס׳שלאָגט צוויי אַ זייגער. אין דער בלייכער שיין, לבנה־ליכט געוויס, דערקען איך דאָס באַוועגלעכע געשטאַלט פון פּיגעגאַלן. פון דערווייטנס

קרייט אַ האָן. פינעגאַל זעצט זיך האַלב-אויף אויפן געלעגער. כ׳הער זיין הייזעריק קול:

— ט׳ס געהערט, אין מיטן דער נאַכט זאָל זיך אַ האָן אַזוי צעלאָזן. אַ העצע מיט דעם האָן.

און ער לאַכט, איבערחזרנדיק פאַר זיך: „א העצע מיט דעם האָן”, און ער פאַרוויקלט זיך ווידער אין זיין דעק און שלאָפט איין מיט אַ כראָפּען, ווי ס׳געלעכטער מישט זיך אויס מיט אַ שנאָרכצן.

קאָקאָן האָט זיך אויפגעכאַפּט דורך פענוגאַלן, און דער ציפער-מעגטש טראַכט אויפן קול און זאָגט:

— די ראָטע האָט געציילט זיבעצן מאַן, ווען זי איז אַרויס אויפן פראָנט. איצטער זיינען אויך דאָ זיבעצן, נאָכדעם ווי מ׳האָט פאַרשטופּט די לעכער. איטלעכער זעלנער האָט שוין פאַרבראַכט פיר מאַנטלען, איינעט פון ערשטן בלוי און דריי בלוי-ציגאַרן-רויך, צוויי פאָר הויזן און זעקס פאָר שיך. אויף איטלעכן זעלנער מוז מען רעכענען צוויי ביקסן, אָבער די מעכאַניזמען קען מען נישט אַריינרעכענען. דריי און צוואַנציק מאָל האָט מען באַנייט אונדזער לעבנסמיטל-זאַפּאַס. אונדזערע זיבעצן מאַן זיינען פירצען מאָל דערמאַנט געוואָרן אין ראַפּאָרטן. פון דעם צוויי מאָל פאַר דער בריגאַדע און איינמאָל אין אַן אַרמיי-ראַפּאָרט. איינמאָל זיינען מיר געווען אין די אָקאָפּעס זעכצען טעג דורכאַנאַנד. מיר האָבן געלאַגערט און געהאַלטן זיבן און פערציק פאַרשידענע דערפער. פון אָנהייב מלחמה אָן זיינען געוועזן באַם פאָלק, וואָס ציילט בלויז צוויי טויזנט מאַן, צוועלף טויזנט מאַן.

אַ משונהדיק ציישן רייסט אים איבער. דאָס שטאַמט פון בלערן, וואָס זיין ניי צייןגעביס שטערט אים אין רעדן און אויך באַם עסן. אָבער יעדן אָוונט לייגט ער עס אין מויל אַריין און האַלט עס איבער די גאַנצע נאַכט מיט אַ פאַרעקשנטן געדולד, ווייל מ׳האָט אים פאַרשפּראָכן, אַז סוף-כל-סוף וועט ער זיך צוגע-

היינען צו דער דאָזיקער זאַך, וואָס מ׳האָט אים אַריינגעזעצט אין קאָפּ.

איך זעץ מיך האַלב אויף, ווי אויפן שלאַכט-פעלד. איך באַטראַכט נאָכאַמאָל די דאָזיקע באַשעפעניש, וועלכע, פון פאַרשידענע געגנטן און דורך פאַרשידענע צופאַלן, האָבן זיך דאָ צונויפגעקייקלט. איך קוק זיי אָן אַלע, ווי זיי ליגן דאָ אין אָפּגרונט פון אומבאַוועגלעכקייט און פאַרגעסנהייט, באַם ראַנד פון וועלכן אייניקע פּרוּוון נאָך זיך קראַמפּהאַפטיק אָנצוהאַלטן, פאַרטון אין זייער נעבעכדיקע זאָרג, מיט זייער קינדער-אינסטינקט און קנעכטישער אומבאַוווסטזיניקייט.

די שלאָף-שיכּרות קומט מיך ביי ענדלעך. אָבער כ׳געדענק גוט אַלץ, וואָס זיי האָבן געטון און וועלן טון. און אין פּנים פון דאָזיקן אויפטרייסלענדיקן בילד פון אַן אָרעמער מענטשן-נאַכט, וואָס שפּרייט אויס איר טויטנטוך איבערן דאָזיקן קבר, טרוים איך וועגן עפּעס אַ גרויסער אומענדלעכער ליכטיקייט.

XV.

## דאָס איי.

מיר זיינען געווען אָפּהענטיק. הונגעריק, דורשטיק, און איך דאָזיקן אומגליקלעכן לאַגער — גאָרנישט צו קריגן!

דער שפּייז-צופיר, וואָס פלעגט געוויינטלעך רעגולער פאָרקומען, האָט זיך דאָסמאָל אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, און די נויט האָט דער-גרייכט ביז גאָר.

אַן עלנט גרופּקעלע האָט געקריצט מיט די ציין, און דאָס אָפּגעצערטע דערפל האָט אויף אונדז געגלאָצט פון אַלע זייטן, מיט זיינע חרובדיקע הויף-טויערן, מיט זיינע הייזער-שקעלעטן און מיט זיינע באַקעטע טעלעגראַף-סלופּן. אונדזער הייפל האָט פעסטגעשטעלט, אַז ס'איז גאָרנישט דאָ.

— ס'פּייפט דיר אין די געדערעם, ס'פּלעשל — אויסגעטרוקנט, און די ציין קענסטו לייגן אין בייטל.

— כאַטש אַ פּיצל קעז, אַן עוקץ! — און מאַרמעלאַד פּונקט אַזוי פיל, ווי פּוטער אויף אַ שפּיזל!

— מכות, אַריינצופּייפן, האָסט גאָרנישט, און ס'גרעבצן וועט דיר קנאַפּ וואָס העלפן.

— אויך מיר אַ לאַגער פון מלך-אביונס גיטער: דריי שלים-מזלדיקע ביידלעך מיט גאָרנישט דערין, חוץ אַ צוג-ווינט און נאַסקייט!

— ווען האָסט אַפילו די מטבע, העלפט עס דיר, ווי אַ טויטן

באַנקעס, אַלציינס, ווי ס׳וואָלט באַ דיר געטאָגט אין בייטל; אַז ס׳איז נישטאָ ווו עפּעס צו קויפן.

— און ווען זאָלסט אַפילו זיין ראָטשילד אָדער אַ מיליטער־שניידער, צוּוואָס וועט דיר נוצן דיין עשירות?

— נעכטן האָט זיך געדרייט און געמיויקעט אַ קליין קעצל לעבן דער 7־טער. כ׳בין זיכער, אַז ז׳האָבן דאָס קעצל אַריינגעכאַפּט.

— יאָ, כ׳ווייס. מ׳האָט עס אַרויסגעזען די ריפּן, אַז דו האָסט זיי געקענט ציילן.

— נישטאָ וואָס צו טענען, אַזוי איז עס.

— טייל חברה־לייט — זאָגט בלער — האָבן זיך צוגעאיילט און באַלד אין אָנהייב געקויפט אַ פּאָר פלעשעלעך משקה באַם ואַפט־הענדלער דאָ אין ראָג גאַס.

אַ, ממזרים! זיי איז עס געראָטן, זיי, געקענט זיך אַ ביסל אָפּשווענקען די קעל!

— וואָס אַן אמת, איז עס געווען ריינע פּאָמיעס: געדיכט, אָנצושטאָפּן די פלעשלעך, ווי די פּייקעס.

— אַ סך האָבן, זאָגט מען, אַראָפּגעיאָגט אַ העזל!

— אַ פייער אין זיי! — זאָגט פּוּיאַד.

— איך האָב מיר כּמעט נישט געבראָכן דעם קאָפּ: ס׳איז מיר געבליבן אַ סאַרדינקע און אַ ביסל טיי אויפן באָדן פון טיטל, האָב איך עס געקייט מיט צוקער.

— אַ פאַקט איז, אַז אַריינכאַפּן עפּעס איז נישטאָ.

— און אויף וואָס וועט עס דיר קלעקן? זאָלסט אַפילו נישט זיין קיין גרויסער עסער און האָבן אַ פלאַטשיקן בויך.

— אין צוויי טעג איין זופּ: עפּעס אַ געלע יאָכע, וואָס גלאַנצט ווי גאָלד. נישט קיין בוליאָן, נישט עפּעס געפּרעגלטס! אַלץ פאַר־פאַלן געוואָרן!

— ז׳האָבן אַוודאי דערפון געצויגן ליכט!

— אַן אמתע אָרימקייט! כ׳האָב נישט מער קיין צינד-קנויט. ביהאַט עפּעס אַ פּאָר ברעקלעך, אַן עק, אויך געפּטרט! כ׳קען זיכן ביז מאָרגן אין די קעשענעס פון מיין פליי-מאַגאַזין — נישטאָ. גיי קויפן, איז ווי דו זאָגסט, נעם דיר אין זינען אַריין.

— איך האָב אַ קליין פּיצל צינד-קנויט, האַלט איך עס.

דאָס איז ווירקלעך אַ ביטער עסק, צו זען ווי זעלנער קענען נישט פאַרייכערן זייער פייקע אָדער אַ פּאַפּיראָס און, רעזיגנירט, לייגן זיי דאָס צוריק אין קעשענע און שפּאַצירן אַרום. צום גליק האָט נאָך טיכלואַר אַ טראָפּן בענזין אין זיין בענזין-צינדער. די וואָס ווייסן עס, שטעלן זיך אַרום אים, מיט אָנגעשטאָפּטע קאַלטע פייקעס אין מויל. איז נישטאָ צומאָל אַ שטיקל פּאַפּיר מ׳זאָל עס אָנצינדן באַם בענזין-פלאַם: מען מוז זיך באַנוצן מיטן פלאַם פון דעם קנויט גופא און פאַרנוצן די פליסיקייט, וואָס בלייבט נאָך אין מאָגערן אינ-זעקטן-לייב פון אַפּאַראַט.

... איך, איך האָב געהאַט גליק... איך זע פּאַראַדיזן, ווי ער שלעפּט זיך אַרום מיט זיין גוטמוטיק פּנים אויפן ווינט און מורמלט עפּעס און קייט אַ העלצל.

— נאַדיר — זאָג איך צו אים — נעם דאָס!

— אַ שאַכטל שוועבעלעך! — שרייט ער אויס אַנטציקט און באַטראַכט עס ווי מ׳באַטראַכט אַ צירונג. — אַ ביז לעבן! פיין, ס׳אַי פיין! שוועבעלעך!

אַ ווײַלע נאָכדעם זעט מען, ווי ער פאַרויכערט זיין פייקע. זיין פּנים שטראַלט לייטזעליק און ווערט פאַרויטלט דורכן אָפּשיין פון פייער, און אַלע אַרום שרייען אויס מיט שמחה:

— פּאַראַדיז האָט שוועבעלעך!

אַרום אָוונט-צייט באַגעגן איך פּאַראַדיזן באַ אַ דרייעקיקער חורבה פון אַ פאַסאַדע, באַם ראָג פון צוויי גאַסן אין דאָזיקן עלנטן דאָרף, וואָס איז דאָס עלנטסטע צווישן דערפער. ער ווינקט צו מיר:

—פסט! ״..

ער זעט אויס עפּעס משוגעדיק, ווי פאַרשעמט.

— הער נאָר — זאָגט ער צו מיר מיט אַ צערטלעכע״ שטימע, קוקנדיק אויף זיינע פיס — פריִער האָסטו מיר אונטערגערוקט אַ שאַכטל צינדערלעך, האָסטו אַצינד דיין באַלויִנונג: נאַדיר!

און ער שטעקט מיר עפּעס אין האַנט אַריין.

— טו אַכטונג! — רוימט ער מיר איין — ס׳קען זיך צעברעכן! געבלענדעט דורך דער פּרעכטיקייט און ווייסקייט פון זיין מתנה, קוים וואַגנדיק צו גלייבן מיינע אויגן, דערקען איך... אַן איי!

XVI.

## אידיליע.

— בנאמנות — זאָגט צו מיר פּאַראַדיז. וועלכער איז געווען מיין שכן אין מאַרש — גלייב מיר יאָ אָדער נישט, אָבער כ'בין טויט-מיד, פאַרמאַטערט בין איך... נאָך קיינמאָל איז מיר נישט אַ מאַרש אַזוי פון האַלדז אַרויסגעקראָכן, ווי דער-דאָ.

ער האָט נאָכגעשלעפּט נאָך זיך די פיס, און זיין פיר-עקעכ-דיקער אויבערקערפּער האָט זיך אַרויסגעבויגן אין אָונט אריין. פון הינטן האָט אויף אים געדריקט דער רוקנזאַק, וואָס איז געווען פון די זייטן אויסטערליש ברייט און קאָמפּליצירט, און דערגרייכט אַ פאַנטאַסטישער הייך. צוויי מאָל האָט ער זיך געשטרויכלט און שיער נישט געפאַלן.

פּאַראַדיז איז דויערהאַפטיק. ער איז אָבער די גאַנצע נאַכט אַרומגעלאָפן אין אָקאָפּע אַלס פאַרבינדונגס-פּאָסטן, בשעת די אַנ-דערע זיינען געשלאָפן, און האָט געהאַט אַ גענוגנדיקע סיבה צו זיין מיד.

ער האָט געוואָרטשעט:

— ווי סמאָלע ציען זיי זיך, די קילאָמעטער, אַנדערש קען עס גאָרנישט זיין.

און נאָך יעדע דריי טריט האָט ער זיך פּלוצלינג אונטערגע-געבן דעם רוקנזאַק דורך אַ טרייסל מיט די לענדן, און די משא האָט געצויגן, און ער האָט געסאַפּעט, און דאָס גאַנצע, וואָס ער

האָט געבילדעט מיט אַלע זיינע פעק, האָט זיך געוואַקלט און גע־סקריפּעט, ווי אַן אַלט, צופּיל באַלאָדנט פירל.

— שוין באַלד — זאָגט אַן אָפּיציר.

די אָפּיצירן זאָגן דאָס שטענדיק, באַ יעדער געלעגנהייט. און דאָך — נישט קוקנדיק אויף דער דאָזיקער פאַרזיכערונג פון אָפּי־ציר, — איז מען דאָסמאָל שוין ווירקלעך צוגעקומען צו עפּעס אַ בין־השמשותדיק דערפל. די הייזער האָבן אויסגעזען, ווי געצייכנט פון קרייד און גראָבע טינט־שטריכן אויפן בלוילעכן הימל־פּאַפּיר; דער שוואַרצער סילועט פון דער קירכע — מיטן שפּיציקן גלאָק־טורעם פון די נאָך שפּיציקערע און שלאַנקערע טורעמלעך פון ביידע זייטן — האָט אויסגעזען, ווי אַ הויכער ציפּרעס.

אָבער ווען ער מאַרשירט שוין אַריין אין דאָרף, ווו ער באַ־דאַרף לאַגערן, האָט נאָך דער סאָלדאַט נישט אָפּגעפּטרט אַלע זיי־נע דאגות. ס׳פּאַסירט גאַנץ זעלטן, אַז אַ ראָטע אָדער סעקציע זאָל אויסקומען צו פאַרנעמען דעם לאָקאַל, וואָס איז פאַר זיי באַשטימט געוואָרן: מיספאַרשטענדענישן און טאָפּלטע פאַרזאָרגונגען, וואָס פאַרוויקלען זיך, מוזן ערשט געלעזט ווערן אויפן אָרט, און ערשט נאָך אַ פּאָר פערטל שעה אויסשטייענישן קומט יעדער אויף זיין אַנט־גילטיקן פּראָוויזאָרישן מקום־מנוחה.

זיינען מיר אויך, נאָך דער געוויינטלעכער אַרומוואַכעניש, געקומען אויף אונדזער סטאַנציע: אַ שאָפּע, אונטערגעשפּאַרט מיט פיר סלו־פּעס, און אָנשטאָט ווענט, אַלע פיר זייטן פון דער וועלט. די דאָ־זיקע שאָפּע איז אָבער געווען גוט געדעקט: נישט צום אָפּשאַצן. זי איז שוין געווען פאַרנומען דורך אַ ברייטשקע און אַן אַקער, אַרום וועלכע מיר האָבן זיך צעלייגט. פּאַראַדיז, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו קרעכצן און זיפצן אין משך פון אַהער־און אַהינ־לויפן, האָט אַנידערגעוואָרפן זיין רוקנזאַק, דערגאַנגען זיך אַליין אַני־דערגעוואָרפן אויף דר׳ערד און אַזוי געבליבן ליגן אַ שפּאָרע צייט,

אַ געהרגעטערן באַקלאָגנדיק זיך, אַז ער שפּירט נישט די אברים און אַז די פּאָדעשוועס פון די פיס און בכלל אַלע זיינע געלענקען טון אים וויי.

נאָר פלוצלינג איז אין הויז, וועלכן עס האָט אָנגעהערט די שאָפּע און וועלכעס איז געשטאַנען גראָד קעגניבער אונדז, ליכטיק געוואָרן. אין דער מאָנאָטאָנער אָוונט-גרויקייט ציט נישט קיין שום זאַך אַ זעלנער אַזוי שטאַרק, ווי אַ פענסטער, הינטער וועלכן ס׳באַלינצלט דער שטערן פון אַ לאָמפּ.

— אפשר זיך אַ ביסל דורכגיין! — האָט פאָרגעשלאָגן וואָלפּאַט.

— מהיכא תיתא — זאָגט פּאַראַדיז.

ער זעצט זיך און שטייט אויף. אונטערהינקענדיק פון מידעקייט, פאַרקערעוועט ער צום באַגילדעטן פענסטער, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער פינסטערניש; דערנאָך גייט ער צו דער טיר. וואָלפּאַט גייט נאָך אים און איך פון הינטן.

מיר גייען אַריין און פרעגן דעם אַלטן מאַן, וואָס האָט אונדז אויפגעעפנט, צי עס איז נישטאָ אַמאָל ווייַן צו פאַרקויפן. דער קאָפּ וואַקלט זיך באַ אים כסדר און איז אָפּגעקראַכן, ווי אַן אַלטער הוט.

— ניין — ענטפערט דער אַלטיטשקער, שאָקלענדיק מיטן שאַרבן, ווו ערטערווייז וואַקסט אַ ביסל ווייסע וואַטע.

— אַ ביסל ביר, קאַווע? עפּעס, וואָס...

— ניין, ליבע פריינט, גאָרנישט, נאָרנישט. מיר זיינען נישט קיין היגע. אַנטלאָפענע זיינען מיר, פאַרשטייט איר מיך...

— מילא, אַז ס׳איז גאָרנישט דאָ, ט׳מען גיין.

מיר מאַכן אַ האַלב-קער. סוף-כל-סוף האָבן מיר דאָך כאָטש איין אויגנבליק גענאָסן פון אַ שטוב-וואַרעמקייט און פון אַ לאָמפּןשיין... וואָלפּאַט איז שוין אַריבער די שוועל און זיינע פּלייצעס זיך איינגעטונקען אין פינסטערניש.

דערווייל באַמערק איך, אין אַנדערן ווינקל פון קיך, אַן אַל-

טיטשקע, וואָס זיצט טיף פאַרזונקען אין איר לען־שטול, און זעט אויס שטאַרק פאַרנומען אין אַן אַרבעט.

כ'טו אַ קניפּ פּאַראַדיז אין אָרעם:

— אַט זיצט דאָס הויז־פרײַלין. גיי פּוץ זיך צו איר צו!

פּאַראַדיז ענטפערט מיט אַ גרויסאַרטיקן זשעסט פון גלײַכגילטיקייט. ער פּײַפט אויף פּרוּוון; שוין זייט אַנדערטהאַלבן יאָר זיינען די אַלע, וואָס ער זעט, נישט פאַר זײַנעטוועגן. איבעריקנס, ווי וואָלטן אַפילו יאָ פאַר אים געווען, פּײַפט ער אויך אויף זיי.

— אַן אַלטע, אַ יונגע, פּהע! — זאָגט ער צו מיר מיט אַ געגעץ.

נישט האָבנדיק וואָס צו טון, זיך פוילנדיק אוועקצוגיין, גייט ער צו צו דער אַלטעטשקער:

— גוט נ'אָוונט, באָבעשי — מורמלט ער אַרויס, פאַרענדיקנדיק דאָס געגעצן.

— גוט נ'אָוונט, קינדערלעך — מעקעט די אַלטע.

פון דער נאָענט זעט מען זי גענויער. זי איז אײַנגעשרומפּן, צעקנייטשט און אײַנגעפאַלן, און אירע אַלטע ביינער און ס'פּנים זיינען בײַ איר אײַנגעגנצן ווייס, ווי אַ ציפער־בלאַט פון אַ זייגער.

און וואָס טוט זי? אַרײַנגעקוועטשט צווישן איר שטול און דעם ראַנד פון טיש, האָרעוועט זי בײַם אָפּפּוצן אַ פּאָר שיך. ס'איז אַ שווערע מלאכה פאַר אירע קינדער־הענטלעך; אירע באַוועגונגען זיינען נישט קיין זיכערע און טיילמאָל פאַרפאָרט זי מיט דער באַרשט אָן אַ זייט; דערצו זיינען נאָך די שיך זייער ברודיק.

זעענדיק, אַז מען באַטראַכט זי, דערציילט זי אונדז, שעפּטשענדיק, אַז נאָך היינט אָוונט מוז זי אָפּפּוצן די שיך פון איר אייניקל — זי אַרבעט אין שטאָט אַלס מאָדיסטקע און באַלד אינדערפרי גייט זי אוועק.

פאראדיז האָט זיך אָנגעבויגן, כדי בעסער צו באַטראַכטן די שיך, און פּלוצלינג שטרעקט ער אויס צו זיי די האַנט.

— לאָזט מיך באַבעשי, איינס-צוויי מאַך איך זיי פאַרטיק. אייער אייניקלס שיכעלעך.

די אַלטע שאָקלט אויף ניין, מאַכנדיק מיטן קאָפּ און מיט די אַקסלען.

מיין פאַראדיז אָבער נעמט באַגוואַלד די שיך, בשעת די אַלטע, פּאַראַליזירט דורך איר שוואַכקייט, פּרוּווט זיך ווערן און קוקט, ווי זי וואָלט פּראָטעסטירט.

אין יעדער האַנט כאַפּט ער איין שיך און ער האַלט זיי דע-ליקאַט און באַטראַכט זיי אַ ווייַלע, און עס שיינט אַפילו ווי ער וואָלט זיי צו זיך צוגעדריקט אַ ביסל.

— הייסט, קליינטשיקע! — זאָגט ער מיט אַ שטימע, וואָס איז לגמרי נישט די שטימע, ווי בשעת ער רעדט מיט אונדז.

ער האָט זיך אויך צוגעכאַפּט צו די באַרשטן, און ער נעמט זיך צום פּוצן מיט אַ ברען און מיט פאַרזיכטיקייט און איך זע, ווי ער לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון זיין אַרבעט און שמייכלט צו.

נאָכדעם, ווי די בלאָטע איז שוין אַראָפּגענומען פון די שיך, נעמט ער אויפן שפּיץ פון דער טאָפּל-באַרשט אַ ביסל שוואַקס און ער שטרייכלט זיי דערמיט זייער אויפמערקזאַם.

די שיך זיינען פיינע. מע דערקענט, אַז דאָס זיינען שיך פון אַ קאָקעטיש מיידל: אויף זיי גלאַנצט אַ שורה קליינע קנעפּלעך.

— קיין איינציק קנעפּל פעלט נישט — רוימט ער מיר איין, און ס'פּילט זיך אַ מין שטאָלץ אין זיין טאָן.

ס'שלעפּערט אים שוין נישט, ער גענעצט נישט מער. פאַרקערט, זיינע ליפּן זיינען פעסט געשלאָסן; אַ יונגער פרילינגס-שטראַל באַ-לייכט זיין פּנים און ער, וואָס האָט נאָר-וואָס געוואָלט גיין שלאָפן, עט אויס, ווי גאָרנישט לאַנג פון שלאָף אויפגעשטאַנען.

און ער גלעט מיטן פינגער די ערטער, ווו דער שוואקס האָט געלאָזט א גוטן גלאַנץ, די כאַלעווקע, וואָס צעציט זיך אַ ביסל אין דער ברייט ארויפצו און לאָזט א קליין ביסל אָנזען די פאָרם פון פוס. זיינע פינגער, וואָס האָבן אַזוי געשיקט געשמירט, האָבן אין זיך דאָך עפּעס אַן אומגעלומפּערטקייט, בשעת ער באַטראַכט אַזוי פון אַלע זייטן די שיך און שמייכלט צו זיי, און טראַכט עפּעס — טיף אין זיך, ווייט — און די אַלטע הייבט אויף איר אָרעם און נעמט מיך פאַר אַן עדות:

— אָט, וואָס הייסט אַ ווילער זעלנער!

אַן עק. די שיכלעך זיינען אָפּגערייניקט און אָפּגעפּוצט. זיי שפּיגלען. נישטאָ מער, וואָס צו טון...

ער שטעלט זיי אַוועק אויפן ראַנד פון טיש, און איז דערביי שטאַרק פאַרזיכטיק, ווי ס׳וואָלטן געווען רעליקוויען; ענדלעך, נעמט ער אַוועק די הענט.

ער פאַרלאָזט זיי נישט אָבער תיכף מיט די אויגן, ער קוקט נאָך אויף זיין דערגאַנג, אַראָפּלאָזנדיק די נאָז, באַטראַכט ער זיינע אייגענע שיך. איך דערמאָן מיך, ווי מאַכנדיק דעם דאָזיקן פאַרגלייך האָט דער דאָזיקער דיקער בחור, וואָס איז באַשטימט אפשר פאַר אַ העלד, אַ ציגיינער, אָדער אַ גייסטלעכן — נאָכאַמאָל געשמייכלט מיטן גאַנצן האַרץ.

... די אַלטיטשקע האָט זיך גענומען רודערן אין איר לעבנשטול. זי האָט נעהאַט עפּעס אַ געדאַנק.

— כ׳וועל עס איר זאָגן! זי וועט אייך זיין דאַנקבאַר. ע! זשאָזעפין! — האָט זי גענומען רופן, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ אין דער ריכטונג פון עפּעס אַ טיר.

פאַראדיז אָבער האָט זי אָפּגעשטעלט מיט אַ ברייטן זשעסט וואָס האָט מיך אַנטציקט.

— ניין. מע דאַרף נישט, אַלטיטשקע, לאָזט זי צורו. מיר זייַנען סיי־ווי־סיי. ס׳לוינט נישט, לאָזט געמאַך!

ער האָט אַזוי שטאַרק געמיינט דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז זיין שטימע האָט געהאַט אַזש אין זיך עפּעס באַפּעלערישעס, און די אַלטע, געהאָרכזאַם, האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט און שטיל געבליבן.

מיר זייַנען געגאַנגען זיך לייגן אין שאָפּע צווישן די אָרעמס פון אַקער, וואָס האָט געוואַרט אויף אונדז.

און פּאַראַדיז האָט ווידער אָנגעהויבן גענעצן. אָבער, באַם שיין פון אַ ליכטל אין שאָפּע, האָט מען נאָך אַ לאַנגע צייט דער־נאָך געזען אַ גליקלעך שמייכעלע, וואָס איז אים איבערגעבליבן אויפן פּנים.

XVII.

# דער אונטערגראָבן.

מע קומט צוריק פון דער מהומה נאָך דער בריוו-פאַרטיילונג. ווער ס׳פריידט זיך מיט אַ בריוו, ווער מיט אַ האַלבער פרייד פון אַ קאַרטל, ווער אויף דאָס ניי באַטריבט, מיט ליידיקע הענט, טרייסט זיך, אָבער שנעל, מיט האָפנדיקער דערוואַרטונג. איינער פון דער חברה פּוכלט מיט אַ פּאַפּיר און דערציילט אַן אויסערגעוויינטלעך נייעס:

— געדענקסט דעם אַלטן מאַרוויכער, דעם פון גאָשען?

— דער אָפּגעבאַרעטער מיט זיין שטעקן, וואָס האָט געזוכט דעם אוצר?

— יאָ. ר׳האָט אים געפונען!

— ניין. ס׳חלומט זיך דיר...

— אַז מ׳זאָגט דיר יאָ, דו שטיק פלייש, וואָס ווילסטו, כ׳זאָל דיר זאָגן? די מעסע? קען איך נישט... אַ טשעמאָדאַנטשיק איז אים אַריין אין זיין נחלה, און מ׳האָט פון דער ערד לעבן דער וואַנט אַרויסגעריסן אַ קעסטל פול מיט געלד: דער אוצר איז אים פאַר־פאָרן גלייך אין פרצוף אַריין. דער גלח איז באַלד אונטערגעקומען און רעדט זיך איין צו פאַרשרייבן דעם דאָזיקן נס אויף זיין קאָנטאָ.

אַלע בלייבן מיט אָפענע מיילער.

— אַן אוצר.. .או — ווא... טאַקע... אזא אַלטער קער־בעזעם!

די דאָזיקע אומגערעכטע ידיעה פאַרטריקנט אונדז אין אַ תּהום פון געדאַנקען.

— ווי מ׳קען קיינמאָל נישט וויסן.

האָט מען זיך דאָס אַ רעשטל אָנגעלאַכט פון דעם אַלטן פּאַר־צער, ווען ער האָט אונדז אָנגעהאַקט אַ קאָפּ מיט זיין אוצר און טאָג און נאַכט דערפון גערבריייעט!

— פונדעסטוועגן האָבן מיר אויך דאַמאָלס געזאָגט: מ׳קען נישט וויסן, דערמאָנסט זיך! ס׳איז גאָרנישט איינגעפאַלן, ווי גע־רעכט מיר זיינען, געדענקסט?

— ס׳זיינען אָבער פאַרהאַן זאַכן, וואָס מ׳ווייסט אויף זיכער — זאָגט פּאַרפאַדעט. זייט מ׳רעדט וועגן גאָשען גייט ער אַרום אַ פאַרטראַכ־טער, נישט קיין היגער, ווי עפּעס אַ פאַרגעטערט פּנים וואָלט צו אים געשמייכלט.

— נאָר דאָס — זאָגט ער ווייטער — דאָס האָלט איך אויך קיינמאָל אין לעבן נישט געגלויבט!... ער וועט דאָס זיין גרויס בײַ זיך, דער אַלטער, ווען כ׳וועל אַריינקומען נאָך דער מלחמה!

* *

*

— מע דאַרף איינעם, וואָס זאָל וועלן פרייוויליק גיין צו־העלפן די סאַפּיאָרן בײַ אַן אַרבעט — זאָגט דער הויכער אַדיוטאַנט.

— וואָס נאָך דאַרף ער! — מורמלען די מענטשן, נישט רירנ־דיק זיך פון אָרט.

— ס׳גייט אין אַרויסהעלפן די חברים — זאָגט ווידער דער אַדיוטאַנט.

— דאָ הערט מען אויך צו מורמלען. אַ פּאָר קעפּ הייבן זיך אויף.

— איך! — זאָגט לאַמיז.

— זאָל דיך אָן, גראָבער, און קום מיט.

לאַמיז שנאָלט צו דעם רוקנזאַק, וויקלט צו זיין דעק און הענגט זיך אָן זיין ברויטזאַק.

פון דער צייט, ווי זיין אומגליקלעכער ליבע-אָנפאַל האָט זיך איינגעשטילט, איז ער נאָך פינסטערער ווי אַמאָל און, כאָטש ווי דורך עפּעס אַ פאַטאַליטעט ווערט ער כסדר פעטער, פרעסט ער זיך דאָך, לעבט אָפּגעזונדערט און רעדט כמעט נישט.

אין אָוונט זען מיר, ווי ס'דערנענטערט זיך עפּעס אין אָקאָפּע, זיך אויפהייבנדיק און אַראָפּלאָזנדיק. לויט די הויקערס און לעכער פון באָדן: עפּעס אַ געשטאַלט, ווי ס'וואָלט געשווימען אין דער פינסטערניש, און ווען-נישט-ווען שטרעקט ער אויס די הענט, ווי נאָך הילף.

ס'איז לאַמיז. אָט שטייט ער ווידער צווישן אונדז. ער איז פול ליים און בלאָטע, ער ציטערט, ס'רינט פון אים שווייס און ער זעט אויס, ווי ער וואָלט מורא געהאַט. זיינע ליפּן באַוועגן זיך און שטאַמלען: „מעה... מהעע...״ איידער ער קען אַרויסזאָגן אַ פאַרשטענדלעך וואָרט.

ער דערשלאָגט זיך קוים צו אַ ווינקל. ער ציט זיך אויס צווישן אונדז.

מען דערלאַנגט אים וויין. ער שאָקלט ניין. דערנאָך דרייט ער זיך אויס צו מיר און רופט מיך מיטן קאָפּ. ווען כ'שטיי לעבן אים, שושקעט ער מיר גאַנץ שטיל, ווי אין אַ קירכע:

— כ'האָב געזען איידאָקסיען.

ס'פעלט אים אויס לופט. זיין ברוסט פייפט, און ער זאָגט ווייטער, מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק, ווי ער וואָלט געהאַט פאַר זיך אַ קאָשמאַר:

— זי איז געווען פאַרפוילט...

— ס'איז גראַד געווען אַן אָרט, וואָס מיר האָבן געהאַט

פארלוירן — וואָס ווייטער לאָמיר — די קאָלאָניאַל־טרופּן האָבן מיט די גאַפּלס צו־יקגענומען מיט צען טעג צוריק.

— צוערשט האָט מען אויסגעגראָבן דאָס לאָך צום אונטער־גרובן. כ׳האָב צוגעלייגט אַ האַנט. אַזוי ווי כ׳האָב פעסטער געאַר־בעט, ווי אַלע אַנדערע, בין איך געווען פון פאָרנט. די אַנדערע האָבן הינטער מיר ברייטער געמאַכט דעם גרובן און פאַרפעסטיקט. נאָר פלוצלינג שטויס איך מיך אָן אויף אַ באַרג קלעצער: מסתמא האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַן אַלטער פאַרשאָטענער אָקאָפּע. אייגנ־טלעך האַלב־פאַרשאָטן, ווייל ס׳איז דאָרט אויך געווען אַ הוילער חלל. צווישן די אָנגעהויפטע שטיקער האָלץ, וואָס כ׳האָב אַוועקגע־נומען איינס נאָכן אַנדערן, שטייט אין מיטן דערין, ווי אַ הויכער זאַק ערד, שטייט גלייך און אויף אים ליגט עפּעס און הענגט אַראָפּ.

אינדעם לאָזט נאָך אַ בעליק, און דער משונהדיקער זאַק פאַלט און לייגט זיך אויף מיר. כ׳בין געוואָרן צוגעקוועטשט, און אַ מתים־ריח נעמט מיר צושלאָגן צום האַלדז... אינדערהייך איבערן פּאַק איז געווען אַ קאָפּ, און דאָס, וואָס כ׳האָב געזען אַראָפּהענגען, זיינען דאָס געווען האָר.

שטעלסט דיר פאָר, ס׳איז נישט געווען צו ליכטיק אינצווי־ניק. כ׳האָב אָבער דערקענט די האָר, ווייל נאָך אַזעלכע זיינען גאָר אויף דער וועלט נישטאָ, דערנאָך האָב איך דערקענט, וואָס עס איז נאָך איבערגעבליבן פון פנים, שוין אינגאַנצן צעפרעסן און פאַר־פוילט! אַ האַלדז, ווי אַ טייג און אויך דאָס גאַנצע לייב, וואָס איז שוין טויט געווען אפשר אַ חודש צייט. איך זאָג דיר עס איז גע־ווען איידאָקסיע.

„יאָ, די פרוי, צו וועלכער איך האָב זיך פריִער קיינמאָל נישט געקענט דערנענטערן, ווייסט דאָך. שטענדיק האָב איך זי נאָר פון ווייטן געזען און נישט געקענט אָנרירן, ווי אַ דימענט. אומעטום איז זי אַרומגעלאָפן, ווייסט דאָך. זיך אַרומגעבלאָנקעט צווישן די ליניעס.

האָט זי אוודאי איינמאָל געכאַפּט אַ קויל און איז אַזוי געבליבן ליגן טויט און פאַרלאָזן ביז עס האָט זיך געטראָפן דאָס עסק מיטן אונטערגרובן.

„פאַרשטייסט מיין לאַגע. מיט איין האַנט האָב איך זי געמוזט ווי־עס־איז צוהאַלטן און אַרבעטן מיט דער אַנדערער. זי האָט געוואָלט אַרויספאַלן אויף מיר אין איר גאַנצער גרייס. הערסט, ברודער, קושן האָט זי מיך געוואָלט און איך האָב נישט געוואָלט. ס'איז געווען שרעקלעך, ס'האָט זיך געדאַכט, זי זאָגט: „האָסט מיך געוואָלט קושן, טאָ קום, קום דאָך!" זי האָט געהאַט אויפן... אָט דאָ, האָט זי געהאַט צוגעהאָפטן אַ רעשטל פון אַ בלומען־בוקעט, שוין אויך אַ פאַרפוילטער און, האַרט לעבן מיין נאָז, האָט דער בוקעט אַרויסגעלאָזט אַ ריח, ווי פון אַ נבלה, פון אַ קליינעם שרץ.

כ'האָב זי געמוזט נעמען אין די אָרעמס, אַרומנעמען זי און פאַמעלעך, צוזאַמען, זיך אויסדרייען, כדי זי איבערצולייגן אויף אַן אַנדער אָרט. ס'איז געווען אַזוי שמאָל דאָרט, אַזוי ענג, אַז אויסדרייענדיק זיך האָב איך אַ מאָמענט, נישט ווילנדיק, זי צוגעדריקט צו מיין ברוסט מיטן גאַנצן כוח, זאָג איך דיר, ווי כ'וואָלט זי פריִער צוגעדריקט, ווען זי וואָלט געוואָלט...

„אַ האַלבע שעה צייט האָט געדויערט, ביז כ'האָב זיך אָפּגערייניקט פון איר באַרירונג און פון ריח, מיט וועלכן זי האָט מיך דורכגענומען, קעגן אונדזער ביידנס ווילן. אָ! גאָך אַ גליק, וואָס כ'בין מיד, ווי אַ פאַרמאַטערטע בהמה.

ער דרייט זיך איבער אויפן בויך, בײַלט צונויף זיינע פויסטן און שלאָפט איין מיטן פנים פאַרגראָבן אין ד'ערד, מיט זיין טרויע־ווען ליבע און פאַרפוילטקייט.

XVIII.

# די שוועבעלעך.

ס'איז פינף אַ זייגער אָוונט. אין דער טיפעניש פון דער פינסטערער אַקאַפּע זעט מען אַלע דריי עפּעס אַרומרודערן.

אַרום דעם פאַרלאָשענעם פייער אין דער ערדישער אויסהוילונג, זען זיי אויס שוואַרץ און פאַרפינסטערט, אַ מורא צו קוקן. דער רעגן און פאַרנאַכלעסיקייט האָבן געמאַכט אָפּשטאַרבן ס'פייער, און די פיר קוכערס קוקן פאַרשטאַרט אויף די טויטע האָלץ-שייטלעך, וואָס ליגן אין אַש און אויף די האָלץ-רעשטלעך, פון ווו דער פלאַם איז אַנטלאָפן און זיי גייען אַצינד אויס.

וואָלפּאַט שלעפּט זיך צו צו דער גרופּע און וואַרפט אַנידער אַ שוואַרצן שייטער, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן אַקסל.

— כ'האָבן אַרויסגעריסן פון אַ זיכער-הייל. מע דערקענט גאָרנישט.

— האָלץ האָבן מיר טאַקע — זאָגט בלער — אָבער מ'מוז עס דאָך אָנצינדן. ווי דען אַנדערש, ווילסטו אָפּקאָכן דאָס בשר?

— אַ שיין שטיק — זיפצט אַ שוואַרץ געשטאַלט. — ברוסט. איך האַלט, אַז ברוסט איז ס'בעסטע שטיק „ינד-פלייש.

— פייער! — פאָדערט וואָלפּאַט. — נישטאָ קיין שוועבעלעך, נישטאָ גאָרנישט.

— פייער מוז זיין! — וואָרטשעט פופּאַרדין, און אומאַנטשלאָסן

שאָקלט ער זיך און וואַקלט זיך, ווי אַ בער אין דער דאָזיקער פינסטערער קליאַטקע.

— נישטאָ, וואָס צו פשטלען זיך, עס מוז זיין — שטרייכט אונטער פעפין, וואָס טויכט אויף פון זיין זיכער-הייל, ווי אַ קוימענקערער פון קוימען.

ער גייט אַרויס, קומט צוריק, אַ גרויסע מאַסע — ווי אַ שטיק נאַכט אין אָוונט.

— זאָרג נישט, באַ מיר וועט שוין זיין — דערקלערט בלער מיט אַ טאָן, ווו ס'קאָנצענטרירט זיך כעס און אַנטשלאָסנקייט.

ס'איז נאָך נישט לאַנג, ווי ער איז קוכער און ער קריכט פון די הויט, כדי זיך צו ווייזן, אַז ער שטייט אויף דער הייך פון זיין שווערער אויפגאַבע, בשעתן אויספירן זיינע פונקציעס.

ער רעדט, ווי ס'האָט אַ מאָל אין זיין צייט גערעדט מאַרטין צעזאַר! ער לעבט מיט דער פאָרשטעלונג פון יענער גרויסער לעגענדאַרישער פיגור פון אַ קוכער, וואָס האָט שטענדיק געפונען פייער, פונקט אַזוי ווי די אָפיצירן באַמיען זיך צו אימיטירן נאַפּאָלעאָנען.

— אַז מ'עט דאַרפן, וועל איך גיין אַפילו ביז צו דער וואַך פון קאָמענדאַנט. באַם פאָלקאָווניק וועל איך רעקווירירן די שוועבעלעך. כ'על...

— אַ סוף. מיר גייען שאַפן פייער.

פופאַרדין גייט פאָרויס. זיין פנים איז פינסטער, ווי די דנוי פון אַ טאָפּ, וואָס איז ביסלעכווייז דורכגעברענט און איינגעריסט. אַזוי ווי ס'איז שטאַרק קאַלט, איז ער איינגעהילט פון קאָפּ ביז פיס. ער איז אָנגעטון אין אַ פעלץ, האַלב פון ציגן, האַלב פון שעפסן-פעל: האַלב-ברוין, האַלב ווייסלעך, און די דאָזיקע טאָפּטל-פאַרביקע הלבשה, געאָמעטריש צעשיידט, מאַכט אים ענלעך צו עפעס אַ משונהדיקע קאַבאַליסטישע חיה.

פעפין טראָגט אַ באַנוועלן מיצל. דאָס מיצל איז אַזוי שוואַרץ און גלאַנצט פון שמיר, אַז ס'איז שוין אַזש באַרימט געוואָרן אונטער׳ן נאָמען דאָס שוואַרצע זיידענע באַנוו-למיצל. וואָלפּאַט, אין זיין שטו־רעם-קאַפּטער און וואָל-זאַכן זעט אויס, ווי אַ גייענדיקער בוים-שטאַם, אויבן, אין דער דיקער, מאַסיווער קאָרע פון בלאָק, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר און וואָס צעגאָפּלט זיך אין צוויי פיס, איז דאָ אַ פירעקעכדיקער אויסשניט, ווו ס'זעט זיך זיין געל פנים.

— לאָמיר גיין צו דער צענטער. זיי האָבן שטענדיק אַלץ, וואָס מע דאַרף. ס'איז מיטן וועג קיין פילאָן, אַביסל ווייטער פון בואַיאָ-נעף.

די פיר אימהדיקע ריזן-מאַלפּעס לאָזן זיך אין וועג. ווי טייוו־לאָנים שפּרייזן זיי דורך דער אָקאָפּע, וואָס שלענגלט זיך פאַר זיי, ווי אַ בלינד געסל, אומזיכער, נישט באַלויכטן, נישט ברוקירט. אי־בעריקנס איז זי אין דער געגנט נישט באַוווסט און דינט בלויז אַלס דורכגאַנג צווישן דער ערשטער און צווייטער ליניע.

אויף זייער יאַגד נאָך פייער באַגעגענען די קוכערס צוויי מאַ־ראָקאַנער אין שטויביקן בין-השמשות. איינער פון זיי איז שוואַרץ, ווי אַ שוואַרצער שטיוול, און דער אַנדערער האָט אַ פאַרב פון אַ געלן שיך. אַ פונק האָפנונג וועקט זיך אויף בײַ די קוכערס טיף אין האַרץ.

— חברה, שוועבעלעך?

— מאַקאַש! — ענטפערט דער שוואַרצער, און באַווייזט לאַכנ־דיק זיינע גרויסע פאָרצעלייענע ציין און די ברוינע סאַפיאַנ־לעדערנע ליפּן פון זיין מויל.

דער געלער רוקט זיך אַרויס און פרעגט פון זיין זייט:

— טאַבאַק? אַ שניף טאַבאַק?

און ער שטרעקט אויס זיין רעזעדאַ-אַרבל און זיין פּאָלירטע און געבייצטע דעמבענע האַנט, ווו דער בייך איז איינגעטרוקנט

אין די פעלדן — און פארענדיקט מיט וויאַלעטע לאַקירטע נעגל.

פעפין מעקעט, זוכט עפעס און שלעפט אַרויס פון קעשענע אַן עוקץ טאַבאַק אויסגעמישט מיט שטויב, און גיט עס דעם קאָלאָ-ניאַל-זעלנער.

אַ ביסל ווייטער באַגעגנט מען אַ וואַך-פּאָסטן, וואָס כאַפּט אַ דרימל אין בין-השמשות אין זיין ערד-חורבה. דער זעלנער, האַלב-פאַרשלאָפן, זאָגט:

— פאַרנעמטס זיך רעכטס, דערנאָך ווידער רעכטס און נאָכ-דעם גייטס גלייך. אָבער פאַרפּלאָנטערט זיך נישט.

זיי גייען און גייען אַ לאַנגע צייט.

— מיר מוזן שוין זיין גאָר ווייט — זאָגט וואָלפּאַט נאָך אַ האַלבע שעה בהנמדיקן גאַנג אין דער שמאָלן מדבר.

— זאָגטס נאָר, דאָ גייט אַ שרעקלעכער באַרג-אַראָפּ, אמת, יאָ? — מאַכט בלער.

— האָב נישט קיין מורא, אַלטע פויק — וויצלט זיך פעפין. נאָר אויב באַמאַכסט זיך פאַר פחד, טאָ צי אָפּ.

מיר גייען כסדר אין דער נאַכט, וואָס פאַלט-צו... די כסדר וויסטע אָקאָפּע — אַ שרעקלעכע לאַנגע מדבר — זעט אויס משונה-דיק און פאַרוואָרלאָזט. די ווענט זיינען חרוב; די אָפּפאַלעכצער ליגן צעשיט אויף דר'ערד און שטערן אין גאַנג.

וואָס מער די פיר אומגעהייערע אינפאַנטעריסטן פאַרטיפן זיך מיט דער נאַכט אין דעם דאָזיקן געשפּענסטיקן וועג, אַלץ מער שטייגט אויף אין זיי אַ צעשוומען פאַרגעפיל

פעפין, וועלכער גייט אַצינד פאָרויס, בלייבט שטיין און גיט אַ צייכן מיט דער האַנט מ'זאָל זיך אָפּשטעלן.

— מ'הערט טריט... זאָגן זיי מיט אַן איינגעהאַלטענער שטי-מע אין פינסטערן רויף אַריין.

און אַן איבה באַפּאַלט זיי טיף אין זיי. זיי האָבן נישט גוט געטון, אויף אַזוי לאַנג זיך צו דערווייטערן פון זייער באַהעלטעניש. זיי זיינען אומגערעכט. מען קען קיינמאָל נישט וויסן.

— לאָמיר זיך אָט דאָ באַהאַלטן, גיך, — זאָגט פּעפּין — אָבער גיך!

ער ווייזט אָן אויף אַ פּירעקעכדיקן שפּאַלט, גלייך מיט דער ערד.

ווען מען באַטאַפּט אים מיט דער האַנט, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער דאָזיקער פּירקאַנטיקער שפּאַלט זאָגט אָן אַן אַריינגאַנג אין אַ זיכער-הייל. קריכן זיי דאָרט אַריין איינער נאָכן אַנדערן: דער לעצטער, אומגעדולדיק, שטופּט די איבעריקע און ענדלעך דריקט מען זיך אַלע צוזאַמען אין דעם געדיכטן חושך פון דעם לאָך.

א גערויש פון שטימען און טריט ווערט דייטלעכער און דערנענטערט זיך.

פון דער צוזאַמענגעקוועטשטער מאַסע, פון די פיר זעלנער, שטרעקן זיך אויס הענט און טאַפּן אין דער בלינד. פלוצלינג נעמט פּעפּין מורמלען מיט אַ האַלב-דערשטיקטן קול:

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— וואָס! — פרעגן די איבעריקע, זיך צודריקנדיק צו אים.

— פיזיליערן! — זאָגט שטיל פּעפּין... — יעקעשע פיזיליערן אויף זייער שטעלונג! מיר געפינען זיך אין אַ יעקעשן פאַרבינדונגס-גרובן!

— לאָמיר אַפּציען.

און די דריי זעלנער ווילן זיך שוין אַ לאָז טון.

— פאַרזיכטיק, צו אַלדע שוואַרצע! ליגטס!... די טריט... מע הערט גיין, עס זיינען שנעלע טריט פון איין מענטש.

זיי רירן זיך נישט, האַלטן איין דעם אָטעם. די אויגן זיינען אָנגעשטרענגט געצילט אויף דר׳ערד און זיי זען: אויף רעכטס באַ

וועגט זיך עפּעס אין דער פינסטערניש, דערנאָך טיילט זיך אָפּ אַ שאָטן מיט פיס, דערנענטערט זיך, גייט פאַרביי... דער שאָטן גע־שטאַלטעט זיך. ער איז פאַרענדיקט מיט אַ העלם, באַדעקט מיט אַן איבערצוג, אונטער וועלכן מען אַנט דעם שפּיץ. חוץ די טריט פון פאַרבייגייער, קיין שום אַנדער גערויש.

קוים איז דער דייטש פאַרבייגעגאַנגען, האָבן די פיר קו־פּערס, מיט איין באַוועגונג, נישט אָפּגערעדטערהייט, זיך אַ לאָז גע־טון, שטויסנדיק איינער דעם צווייטן, געלאָפן ווי משוגעים, און זיך אַ וואָרף געטון אויף אים.

— קאַמעראַד, מעסיע! — זאָגט ער.

אָבער מען זעט אויפבליצן און פאַרשווינדן די קלינג פון אַ מע־סער. דער מענטש טוט זיך אַ צי־אויס אויף דר'ערד, ווי גרויס ער איז, ווי ער וואָלט איינגעזונקען, און מיטן פאַלן טוט באַ אים פּע־פין אַ כאַפּ דעם העלם און האַלט אים אין האַנט.

— געמאַכט פיס — וואָרטשעט פּופּאַרדיז.

— וואָס? און באַזוכן?!

מע הייבט אים אונטער, מע דרייט אים אויס, מע שטעלט אויף דעם דאָזיקן ווייכן, פייכטן און וואַרעמען קערפּער. פּלוצלינג הוסט ער.

— ער איז נישט טויט.

— יאָ, ר'איז יאָ טויט. די לופט גייט אַרויס.

מע נישטערט דורך זיינע קעשענעס. מען הערט דערביי דעם האַסטיקן אָטעם פון די פיר שוואַרצע מענטשן, איינגעבויגן איבער דער מלאכה.

— מיר קומט דער העלם — זאָגט פּעפּין. איך האָב אים געלאָזט ס'בלוט. כ'וויל דעם העלם.

מע נעמט־צו באַם בר־מנן זיין פּאָרטפעל מיט די נאָך וואַרע־מע פּאַפּירן, זיין פעלר־לאָרנעטע, זיין בייטעלע און זיינע בעטרעס,

— שוועבעלעך! — שרייט אויס [illegible] קלאַפּט מיטן שאַכטל. — ס׳אַי דאָ!

— אַ! הונטישע צורה! — שרייט וואָלפאַט גאַנץ שטיל.

— און איצט געריפּעט אויף וואָס די וועלט שטייט.

זיי לייגן דעם מת אָן אַ זייט און מע נעמט לויפן אין גאַלאָפּ, ווי באַפאַלן פון אַ פּאַניק, און מע קימערט זיך נישט לגמרי וועגן ליאַרם, וואָס ס׳מאַכט אָן דאָס דאָזיקע צעלאָזטע לויפן.

— דורך דאַנען איז עס!... דאָ אַרומער!.. העי, יאַסן, די לעפל!

מע רעדט נישט קיין וואָרט און מע לויפט דורכן לאַבירינט פון גרובנס, וואָס איז אויסערגעוויינטלעך ליידיק און האָט נישט קיין סוף.

— כ׳בלייב אָן אָטעם — זאָגט בלער — כ׳שטיי אָפּ... ער וואַקלט זיך און בלייבט שטיין.

— אַ סוף! גערודערט מיט די כּלים, אַלטער ביין — צישעט פּעפּין מיט אַ הייזעריקער שטימע און פּאַרסאַפּעט.

ער נעמט אים באַם אַרבל און ציט אים נאָך זיך, ווי אַ פּאַרעקשנט שפּאַן־פערד.

— אָט זיינען מיר! — זאָגט פלוצלינג פּופּאַרדין.

— יאָ, כ׳דערקען דעם בוים.

— ס׳איז דער וועג קיין פילאַן!

— אַ! — קרעכצט בלער און קלאַפּט באַם אָטעמען, ווי אַ מאָטאָר. מיט די לעצטע כּוחות לאָזט ער זיך לויפן און פלאַצט אַנידער.

— האַלט! — שרייט אַ וואַך־פּאָסטן.

— וואָס איז! — שטאַמלט ער ווייטער, דערזעענדיק [illegible] זיך פיר זעלנער. — פון וואַנען קומט איר דאָס אַהער!

זיי לאַכן, טאַנצן ווי מאַנעקענס, טריפנדיק פון שווייס און אויסגעשמירט מיט בלוט, צוליב וואָס זיי זען אויס נאָך שוואַרצער אין דער פינסטערער נאַכט. דער העלם פון דייטשישן אָפיציר גלאַנצט אין פעפינס הענט.

— אַ! צום טייוול! — ברומט דער פּאָסטן, אַ געפּלעפּטער. — וואָס איז אייך געשען?...

אַ רעאַקציע פון באַרעדזאַמקייט טרייסלט מיט זיי און מאַכט זיי משוגע.

אַלע רעדן מיט אַמאָל. מע נעמט דערציילן מיט האַסטיקע מטושטשדיקע ווערטער די איבערגעלעבטע דראַמע, נאָך וועלכער זיי קומען איצט צו־זיך, אַליין זיך נישט אָפּגעבנדיק דערפון קיין רעכענונג. ווען זיי זייגען פריער אַוועק פון האַלב־פאַרשלאָפענעם וואַך־פּאָסטן, האָבן זיי פאַרלוירן דעם וועג און אַריין אין אונטערנאַציאָנאַלן דורכגאַנגס־גרובן, פון וועלכן אַ העלפט געהערט אונדז און אַ העלפט די דייטשן. צווישן דעם פראַנצויזישן און דייטשישן אָפּשניט איז נישטאָ קיין פאַרצוימונג אָדער גרענעץ. ס׳איז בלויז פאַרהאַן אַ מין נייטראַלער פּאַס, וואָס פון ביידע זייטן עקן איז ער אומאויפהערלעך געהיטן דורך צוויי וואַכן. וואַרשיינלעך איז דעמאָלט די דייטשישע וואַך נישט געשטאַנען אויפן פּאָסטן, אָדער זיך גאָר באַהאַלטן, זעענדיק פאַר זיך פיר שאָטנס, אָדער אפשר גאָר זיך צוריקגעצויגן און נישט באַוויזן צו ברענגען פאַרשטאַרקונג. ס׳איז גאָר מעגלעך, אַז דער דייטשישער אָפיציר איז צו־ווייט פאַרקראָכן אין די נייטראַלע זאָנע... בקיצור, ווי ס׳זאָל נישט זיין, פאַרשטייט מען שוין, וואָס ס׳איז געשען, כאָטש מען פאַרשטייט עס נישט אינגאַנצן.

— צום לעכערלעכסטן איז — זאָגט פעפין — וואָס מיר האָבן גאַנץ גוט געוווּסט דאָס אַלץ און מ׳האָט זיך דאָך נישט געהיטן.

— פייער האָבן מיר געזוכט! — זאָגט וואָלפּאַט.

— און געפּאַקט! — שרייט מעפּין. — האָסט נישט [illegible]מאָל פאַרלירן די צינדערלעך, אַלטער בעזעם?

— נישטאָ קיין פייער! — זאָגט בלער — די דייטשישע שוועבעלעך זיינען אַ סך בעסער פון אונדזערע און חוץ דעם איז דאָך דאָס בײַ אונדז אַלץ, מיט וואָס פייער צו מאַכן! פאַרלירן ס'שאַכטל! פריער וואָלט מען מ'ר געמוזט אַ האַנט אַראָפּנעמען!

שוין שפּעט. ס'ביסל שוועבל-וואַסער איז שוין באַלד פאַרפרוירן. לאָמיר זיך צואיילן. שפּעטער וועלן מיר זיך אַריבערכאַפּן צו דער חברה אין קאָקעמייקע, און מ'עט זיי דערציילן ס'שפּיצל, וואָס מ'האָט אָפּגעטון די יעקים.

## XIX.

# באַמבאַרדירונג.

אין פֿרייען פֿעלד, אין אומענדלעכן נעפּל.

טונקל-בלויע באַלייכטונג. ס'פֿאַלט אַ לייכטער שניי מיטן סוף פֿון דער נאַכט, וואָס לייגט זיך ווי פּודער אויף די אַקסלען און די אַרבל-פֿאַלדן. מיר מאַרשירן פּירוויז, איינגעהילט אין אונדזערע קאַפּוצלעך. אין דער געדיכטער האַלב-פֿינסטערניש זען מיר אויס, ווי רעשטלעך פֿון אומגעקומענע שבטים, וואָס וואַנדערן פֿון איין צפֿון-לאַנד אין אַן אַנדערן.

מיר האָבן מאַרשירט לענגויס דעם שאָסיי, פֿאַרבייגעגאַנגען די חורבות פֿון אַלבען-סענט-נאַזער. אין דעם צעשוומענעם ליכט האָבן מיר אָנגעזען די ווייסלעכע הייזער-הויפֿנס און דאָס טונקעלע שפּינוועב פֿון די הענגענדיקע דעכער. דאָס שטעטל איז אַזוי לאַנג, דאָך באַם פֿאַרלאָזן עס האָבן זיך שוין די לעצטע בנינים געבלייכט אין פּראָסטיקן באַגינען. אין עפּעס אַ קעלער-לאָך האָבן מיר הינטער די שטאַכייטן באַמערקט דאָס פֿייער, וואָס ס'ווערט אויפֿבעהאַלטן... דורך די היטער פֿון דער דאָזיקער טויטער שטאָט. (באַם ראַנד פֿון די כוואַליעס פֿון דאָזיקן פֿאַרשטייגערטן אָקעאַן). מיר האָבן געטאָפּטשעט איבער זומפּיקע פֿעלדער, זיך פֿאַרלוירן אין די שווייגנדיקע שטחים, וווּ די פֿיס האָבן זיך פֿאַרזונקען אין שליאַם; דערנאָך זיינען מיר ווי עס איז אַריין אין געבוידעוויכט, מאַרשירנדיק מיט אַן אַנדערן וועג, וואָס פֿירט פֿון

קאַרעגסי קיין סושע. די הויכע טאָפּאָליעס פון די וועג־זייטן זיינען צעבראָכן, זייערע שטאַמען צעשמעטערט; אויף איין אָרט זעט מען אַן אומגעהייערע זיילן־רייע פון צעהאַקטעביימער. ווייטער, באַגלייטנדיק אונדז פון ביידע זייטן אין שאָטן, זען זיך קאַרליק־געשפּענסטער פון ביימער פאַלמענאַרטיק געשפּאָלטן אָדער פאַרפלאָכטן, פאַרקנוילט און פאַרוויקלט ווי געציפּטע לייוונט, מיט די צווייגן, וואָס הענגען, ווי צונויפגעדרייטע שטריקלעך, ווי זיי וואָלטן געקניט. פון צייט צו צייט פאַרשטעלט דעם גאַנג אַ קאַלוזשע און ברענגט אַריין אַ צערודערונג. דער וועג פאַרוואַנדלט זיך אין אַ זומפּ, גייט מען אויף די צְפּצאַסן, און די פיס פליעסקען, ווי די וויעסלעס. ערטערווייז איז דער וועג אויסגעלייגט מיט בעלקעס, גליטשט מען זיך איבער זיי, אַז זיי שטאַרן אַמאָל אַרויס אין דער קווער פון שליאַם. טיילמאָל איז אויך פאַרהאַן געגוג וואסער, זיי זאָלן שווימען דעריבער; דאַן, אונטער דער משא פון אַ מענטש, מאַכן זיי: פליאַק! און פאַרזינקען, און דער מענטש פאַלט, אָדער שטרויכלט זיך, שעלטנדיק דערביי מיט טויטע קללות.

ס'איז שוין אַוודאי פינף אַ זייגער פאַרטאָג. ס'שנייעט נישט מער, און דאָס נאַקעטע און איבערגעשראָקענע לאַנדשאַפט אַנטפּלעקט זיך צוביסלעכווייז פאַר די אויגן, כאָטש מ'איז נאָך אַרומגענומען מיט אַ פאַנטאַסטיש־שוואַרצן נעפּל־קרייז.

און מע גייט, מע גייט אַלץ כסדר. מע קומט צו צו אַן אָרט, וווּ ס'שניידט זיך אויס אַ טונקל בערגל און צופיסנס, דאַכט זיך, ווימלט עפּעס, און ס'באַווייזן זיך מענטשן.

— פאָרנווייז פאָרויס! — זאָגט דער שעף פון דער אָפּטיילונג. — יעדער פּאָרל זאָל נעמען, לויט דער רייע נאָך, אַ בעלעק און אַ צווייגן־געפלעכט.

די אויפלאָדונג הייבט זיך אָן. איינער פון פּאָרל האַלט צוזאמען מיט זיינער אויך זיין חברס אַ ביקס. דער חבר שלעפּט און

ציט פון דער קופּע, נישט אָן מי, אַ לאַנגגן פּאַרבלאָטיקטן בעלעק, וואָס וועגט געוויס אַ פּערציק קילאָ, אָדער אַ באַבלעטערט צווייגן־געפּלעכט, גרויס ווי אַ טיר, וואָס מיט גויט קאָן מען עס דערהאַלטן אויפן רוקן איינגעבויגענערהייט און מיט אויפגעהויבענע הענט האַלט מען עס פעסט פון ביידע זייטן.

מע לאָזט זיך ווייטער אין וועג, וואָס ווערט איצט שוין גרויס־לעך, גאָר פּאַמעלעך, קוים זיך רירנדיק; אַ געקרעכצערײַ און טעמ־פּע קללות, וואָס ווערן צוליב דער אָנשטרענגונג דערשטיקט אין אונדזער קעל. נאָך אַ הונדערט מעטער גאַנג, טוישן מיר זיך, צווישן זיך, מיט דער משא, איטלעכע צוויי פון פּאַרל, אַזוי אַז נאָך צוויי הונדערט מעטער, נישט קוקנדיק אויפן שניידיקן ווייסלעכן פרימאָרגן־ווינט, זײַנען אַלע, חוץ די עלטסטע, דורכגעווייקט פון שווייס.

פלוצלינג לייכט־אויף ווייט־ווייט, אין דער אומבאַקאַנטער געגנט, וווהין מיר גייען, אַ העלער שטערן: אַ ראַקעטע. זי באַלייכט מיט איר מילכיקן ליכט־קרײַז אַ גאַנץ שטיק הימל, אויסלעשנדיק אין איר שליטה די שטערן, און לאָזט זיך אַראָפּ, גראַציעז ווי אַ פּעע, צו דער ערד.

אַ פלוצלינגע ליכטיקייט דאָרט ווייט, קעגניבער אונדז; אַ בליץ און אַן אויפרייס.

אַ גראַנאַט!

באַם האָריזאָנטאַלן אָפּשײַן, וואָס דער אויפרייס האָט אויגנ־בליקלעך פאַרשפרייט איבערן ערד־ראַנד, באַווײַזט זיך קלאָר פאַר אונדז, אומגעפער אַ קילאָמעטער ווייט, פון מזרח צו מערב, אַ באַרג־קאַם.

די דאָזיקע קאַם, ווי ווייט מיר זען זי, אַזש ביז צום שפּיץ, איז באַזעצט פון אונדזערע טרופּן. אויף דער אַנדערער זייט פון אָפּ־האַנג, הונדערט מעטער ווייט פון אונדזער ערשטער ליניע, ליגט די דייטשישע ערשטע ליניע.

דער גראַנאַט האָט אַריינגעשלאָגן אין שפּיץ, אין אונדזערע ליניעס. הייסט עס, די דייטשן שיסן.

נאָך אַ גראַנאַט, נאָך איינער און נאָך איינער לאָזן זיך אַראָפּ איבערן באַרג-שפּיץ, ווי פּיאַלעט-פאַרביקע צווייגן, וואָס יעדער פון זיי באַלייכט טעמפּ דעם גאַנצן האָריזאָנט.

און באַלד נעמט עס פינקלען ווי שטערן-שאָסן, און מיטאַמאָל פלאַמט אויף אַ וואַלד פון פאָספאָר-ציטערנדיקע צווייגן איבער דער הייכקייט: פאַר אונדזערע אויגן בלייבט הענגען אין דער לופטן אַ פאַרשיכורטער בלוי-ווייסער מיראַזש אין דעם טיפן תהום פון דער נאַכט.

די דזאָזיקע צווישן אונדז, וואָס ברייט-צעשטעלנדיק די פיס האָבן זיי אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות פון זייערע מוסקולן נישט צו לאָזן אַראָפּגליטשן פון זייער רוקן די שווערע, קויטיקע משא און גלייכצייטיק זיך געהיטן אַליין זיך נישט אויסצוגליטשן — די אַלע זען גאָרנישט און רעדן גאָרנישט. די אַנדערע, ציטערנדיק איינגאַנצן פאַר קעלט, קלאַפנדיק אַ צאָן אָן אַ צאָן, שנייצן און ווישן די נאָז מיט נאַסע טיכלעך, לאָזן נאָכהענגען פאַרשטאַרטע פּאַלעס, פאַרשטעלן די שטערונגען פון צעקאַלעטשעטן וועג, און קוקן און מאַכן פּירושים.

— ס'זעט אויס ווי אַ פייערווערק — זאָגן זיי.

און ווי צו דערגענצן די אילוזיע פון דער דזאָזיקער דערהאבענער, פּעען-אַרטיקער און אימהדיקער אָפּערע-דעקאָראַציע אין קעגנוואַרט פון וועלכער עס קריכט, שלעפּט זיך, שלעפּט און טאָפּטשעט אונדזער קליינע שוואַרצע אָפּטיילונג, לייכט אויף פּלוצלינג אַ רויטער, אַ גרינער שטערן; און נאָכדעם, גאָר פּאַמעלעך, אַ רויטער שטראַלן-גאַרב.

בשעת די העלפט פון די פריי‏ע אויגן-פּאַרלעך קוקן זיך צו צום דזאָזיקן שפּיל, קענען זיי זיך נישט איינהאַלטן נישט אַרויסצווייזן זייער אַנטציקונג דורך אַ פּאָלקסטימלעכן אויסדרוק:

— אָ! אַ רויטס!... אָ! אַ גריינס!...

דאָס זיינען די דייטשן, וואָס גיבן סיגנאַלן, און אויך אונדזע
רע גיבן צייכנס דער אַרטילעריע.

דער וועג פאַרקערעוועט זיך און פאַרנעמט זיך באַרג-אַרויף
ער נעמט זיך ענדלעך אויספּיקן. אַלץ אַרום זעט אויס שמוציק
אַרום דעם וועג, וואָס איז באַדעקט מיט אַ פּערל-גרויער שיכט, ווי-
נישט-ווו מיט ווייס-טייגיקע פלעקן, דערוואַכט די טריבע וועלט פון
דער ווירקלעכקייט. דער צעשטערטער סושע ליגט שוין הינטער
אונדז. די הייזער פון דאָזיקן דאָרף זיינען נישט מער, ווי פלאַט-
פאָרמען באַלאָדנטע מיט בוי-מאַטעריאַלן און די ביימער — אָפּ-
געשינדענע גופים, אויסגעצויגענע אויף דר'ערד. מיר לאָזן זיך
אַציִנד אַראָפּ אויף לינקס אין אַ טיף לאָך אַריין. ס'איז דער אַריינ-
גאַנג אין דורכגאַנגס-גרובן.

מיר וואַרפן אַריין אונדזער משא אין אַ רונדיקן רוים, וואָס
איז דערצו באַשטימט איִן, גלייכצייטיק דערהיצטע און געפרוירענע,
מיט נאַסע, צעקאַליעטשעטע, קראַמפּהאַפטיק אויסגעקרומטע הענט
צעזעצן מיר זיך אין גרובן און — וואַרטן.

ביזן האַלדז פאַרבאָרגן אין אונדזערע לעכער, מיט דער ברוסט
אָנגעשפּאַרט אָן דער ערד, וואָס שיצט אונדז מיט איר מאַסע, קוקן
מיר זיך צו צו דער דאָזיקער טיף-ערנסטער און פאַרבלענדנדיקער
דראַמע. דאָס באָמבאַרדירן ווערט העפטיקער. אין דער בלייכקייט
פון באַגינען זיינען די פייער-ביימער אויפן באַרג-קאַם פאַרוואַנדלט
געוואָרן אין אַ מין נעפּלדיקע פאַראַשיטן, אין בלייכע מעדוזן מיט
פייערפלעמלעך: אָננעמענדיק דערנאָך בולטערע פאָרמען, אין דער
מאָס, ווי דער טאָג צעגייט זיך; רויכיקע פעדער-בוקעטן: ווייסע
און גרויע שטרויס-פעדערן וואַקסן-אויס, פלוצלינג, איבערן פאַר
נעפּלטן, וויסטן באָדן פון הייך 119, אויף פינף אָדער זעקס-הונדערט
מעטער פאַר אונדז, און דערנאָך, ביסלעכווייז, שטאַרבן זיי צו...

ס׳איז באמת דער עמוד-הענן און דער עמוד-האש, וואס ווירבלען צוזאמען און קראכן איינעם, אין דעם מאמענט זעט מען ליפן אויפן בארג-אפהאנג א גרופע מענטשן, וואס ווערן פארשווינדן אין דער ערד. איינציקווייז ווערן זיי פארפאלן, פארשלונגען דורך די מוראשניקעס, וואס זיינען דארט צעזייט.

איצט אונטערשיידט מען דייטלעכער די פארם פון די „געסט״. בא איטלעכן שאס בילדעט זיך אין דער לופט, אויף א זעכציק מעטער הויך, א ווייסער שוועבל-קנויל, אונטערגעזוימט מיט שווארץ. די קנויל צעשטיילט זיך, ציט זיך איבער מיט דראבנע הייטלעך און ווען זי פלאצט, לעכערט דאס אויער א זשומען פון א קוילן-האגל, וואס דער געלער קנויל שליידערט מיט כעס אויף דער ערד אראפ.

דאס רייסט-אויף אין זעקס קנאלן, איינס נאכן אנדערן: פאם, פאם, פאם, פאם, פאם. דאס זיינען 77-ער.

מ׳איז באצייט ויך צו זיי מיט פאראכטונג, צו די 77-ער-שראפנעלן — וואס ס׳האט נישט געשטערט. אז מיט דריי טעג צוריק זאל בלייבן דורך איינעם פון זיי דערהרגעט ווערן. כמעט שטענדיק פלאצן זיי צו הויך.

בארק דערקלערט דאס אונדז, כאטש מיר ווייסן עס:

— דער נאכט-טאפ שיצט דיר געגוג דיין מוח-קאטארינקע קעגן די בלייערנע קוילן. קען ער דיר בלויז א מעק טון אין די פלייצעס און דיך אוועקלייגן אויף דר׳ערד, אבער קאלט מאכן וועט ער דיך נישט, פארשטייט זיך, מוזט דיך גוט איינפעקלען. ס׳זאל דיר נישט איינפאלן, ווי לאנג דאס עסק דויערט, אויפצוהייבן די טראמבע אין הימל אריין, אדער ארויסשטעקן א האנט א קוק-טון צי ס׳רעגנט. אנדזערע 75-ער אבער...

— נישט דווקא קיין 77-ער — האקט אים איבער מעניל אנדרעי. — האסט פון אלע מינים. זע-נאר א שטיקל פייער...

א שאַרף ציטערדיק אָדער סקריפּענדיק פּייפן און שיטן.

איבער די שפּוּעים דאָרט, וועלכע באַווייזן זיך אַצינד אין זייער גאַנצן אָפּגעהייערן פּאַרנעם, און ווו אונדזערע ליגן פאַרשטעקט אין זייערע שוץ-לעכער, שטייגן אויף די פאַרשידנאַרטיקסטע וואָלקן. די קאָלאָסאַלע, פלאַקערנדיקע און רויכיקע פעדער-בוקעטן מישן זיך צונויף מיט די אומגעהייערע פאַרע-טראָלבן, מיט די פייער-שפּריצן, וואָס וואַרפן אַראָפּ גראָבע פעדעמלעך, מיט די רויך-זײַלן, וואָס פאַרברייטערן זיך אַראָפּלאָזנדיק — און דאָס גאַנצע איז ווייס אָדער גרוי-גרין, קוילן-שוואַרץ אָדער קופּער-רויט, מיט אַ גאָלדענעם אָפּ-לאַנץ, אָדער מיט טינט-פלעקן באַשפּריצט.

די צוויי לעצטע גראַנאַטן האָבן אויפגעריסן נישט ווייט פון אונדז. איבער דער צעאַקערטער ערד בילדן זיי צוויי מעכטיקע, שוואַרצע און רויטלעכע שטויב-באַלן, וועלכע צעשפּרייטנדיק זיך און פאַמעלעך זיך צעשטויבנדיק מיטן ווינט, נאָכן אָפּטון זייער שטיקל אַרבעט, זען זיי אויס, ווי פאַבלהאַפטיקע דראַקאָנען.

די שורה פון אונדזערע פנימער, אָנגעשפּאַרט אָן ערד-ראַנד, דרייט זיך אויף צו יענעם אָרט און קוקט נאָך מיט די אויגן פון דער טיפעניש פון זייער קבר, דעם דאָזיקן שפּיל; באַטראַכטן דאָס לאַנד, וואָס איז פול מיט ווילדע, לייכטנדיקע דערשײַנונגען, די פעלדער, וואָס דער הימל דערדריקט זיי

— די-דאָ זײַנען 150-ער.

— בהמה, ס'אי גאָר 210-ער.

— ס'זײַנען איך דאָ פאַרקוסיאָנס-צינדער*). אָקסן! טוטס נאָר דאָ אַ קוק!

מע זעט, ווי אַ גראַנאַט פּלאַצט אויף דר'ערד און הייבט זיך אויף, ווי אַ פעכער אין אַ שוואַרצן רויך-וואָלקן, מיטרײַטנדיק מיט

*) גראַנאַטן וואָס רייסן אויף אַראָפּפאַלנדיק אויף דר'ערד.

זיך שטיקער ערד און אַנדערע אָפּשפּליטערונגען. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ ווולקאַן וואָלט זיך אָנגעזאַמלט אין שויס פון דער ערד, וועלכע שפּייט אים אויס אַצינד מיט כּעס דורך דעם געשפּאָלטענעם שאָלעכץ.

אַרום אונדז מאַכט זיך אַ גיהנומדיק געראויש. עס באַקומט זיך דער מוראדיקער אײַנדרוק, ווי דער וועלט-כּעס וואָלט כּסדר געוואַקסן, זיך אומויפהערלעך פאַרפילפאַכט. אַ שטורעם פון אַ טעמפּ הייזעריק געקלעפּער, אַ ברוייזנדיקער לאַרם, דורכדרינגענדיקע חיהשע קולות וואַרפן זיך אויף דער ערד, וואָס איז אינגאַנצן באַדעקט מיט רויך-שמאַטעס און ווו מיר זײַנען פאַרגראָבן ביזן האַלדז און וועלכע, דאַכט זיך, דער ווינט פון די גראַנאַטן שטופּט אונטער און טרייסלט.

— הערסט אַ מעשה — שרײַט באַרק — איך האָב מיר געלאָזט אײַנרעדן, אַז זיי האָבן נישט מער קיין אַמוניציע!

— אָ — האָ! סט'שוין געהערט דעם פּומון! דאָס און נאָך אַ וועלכע באָבע-מעשיות, מיט וואָס די צײַטונגען מאַכן דיר אַ קאַנע.

אַ מאַטער טיק-טאַק באַהערשט דעם גאַנצן מיש-מאַש פון קולות. דער דאָזיקער פּאַמעלעכער קלאַנג פון אַ קלאַפּער-פּראָש פאַרקלעמט אײַך באַם האַרץ מער פון אַלע אַנדערע, וואָס מען הערט אין מלחמה.

— דאָס קאָווע-מילעכל! הער דיך צו, ס'איז אונדזער, ס'קלאַפּט רעגלמעסיק, בשעת די יעקעשע לאָזן נישט די זעלבע פּויזעס צווישן די שאָסן; די מאַכן: טאַק... טאַק — טאַק — טאַק.. טאַק — טאַק... טאַק...

— ס'חלומט זיך דיר, ניי-לאָך אײַנער! ס'אי דאָך גאָרנישט קיין ניימאַשין; ס'איז גאָר אַ מאָטאָציקל, וואָס קייקלט זיך דאָרטן אויפן וועג פון 31-טן שוץ-גרובן.

— מיר דאַכט זיך גיכער, אַז ס'איז עפּעס אַ לץ, אינדערהייך,

האָס כאַפּט אַ קוק אויף זיין בעזעם-שטול — צעלאַכט זיך פּעפּין, און, אויפהייבנדיק די נאָז, זוכט ער אין רוים אַ פלי-מאַשין.

ס'אַנטוויקלט זיך אַ דיסקוסיע. מע קען נישט וויסן! ס'איז שוין אַזוי. צווישן דעם פאַרשידנאַרטיקן געטומעל, קען מען זיין ווי צוגעוווינט, פאַרלירט מען זיך. האָט דאָך גאָר נישט לאַנג געטראָפן אַזאַ מעשה מיט אַ גאַנצער אָפּטיילונג אין אַ וואַלד, וועלכער ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי הערט דאָס הייזעריקע גערויש פון אַ „גאַסט" און צום סוף האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען געווען די ערשטע קולות פון אַ מויל-אייזל, וועלכן ס'האָט זיך פאַרגלוסט אַ ביסל צו הירזשען.

— דע! ס'ראָיעט זיך היינט אינדערפרי גאָר נישקשהדיק מיט ווערשטעלעך אין דער לופטן — באַמערקט לאַמיז

מע הויבט אויף די אויגן און מע ציילט.

— אַכט ווערשטעלעך אונדזערע און אַכט בײַ די יעקעס — זאָגט קאָקאָן, וועלכער האָט שוין באַרעכנט.

ווירקלעך: איבערן האָריזאָנט, אין גלייכע אָפּשטאַנדן, זיינען געהאָנגען קעגניבער די פיינטלעכע פעסל-באַלאָנען — וואָס האָבן אויסגעזען קלענער צוליבן מרחק — די אַכט לאַנגע, לייכטע און עמפּפינדלעכע אויגן פון דער אַרמיי, צוזאַמענגעבונדן מיטן קאָמאַנדאָ-צענטער דורך לעבעדיקע פעדעם.

— זיי זען אונדז פונקט, ווי מיר זען זיי. היינט ווי אַזוי זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די דאָזיקע דיקע געטער אויבן?

— אָט איז אונדזער ענטפער!

און אין אמתן — פּלוצלינק — אונטער אונדזערע פּלייצעס, הילכט אָפּ אַ קלאָרער, שניידיקער, באַטויבנדיקער זעץ פון אַ 75-ער. ס'קראַכט אָן אַן אויפהער. דאָס דונערן רייסט אונדז מיט, באַרוישט אונדז. מיר שרייען גלייכצייטיק מיט די האַרמאַטן און קען זיך

אַן נישט הערנדיק די אייגענע רייד — ווען די אויסערגעוויינטלעך קוויטשענדיקע שטימען בארקס „ריזיקן פּרעפּעד״ — אין דאָזיקן פֿאַנטאַסטישן געפּויקעריי, ווי יעדער זעץ איז אַ האַרמאַטן־שאָס.

דערנאָך נעמען מיר קוקן פּראָסט פֿאַר זיך מיט אַן אויסגעצוי־גענעם האַלדז, און מיר זען — אינדערהייך אויפֿן בערגל — די אויבערשטע שטריכן פֿון אַ שוואַרצע שורה גיהנומדיקע ביימער, וואָס זייערע שרעקלעכע וואָרצלען פֿאַרגראָבן זיך אין דעם אומגעזעענעם אָפּהאַנג, ווי ס׳לויערט דער פֿיינט.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

בשעת די 75-טע באַטעריע, הונדערט מעטער הינטער אונדז, קייכט אומאויפֿהערלעך — קלאָרע קלעפּ פֿון אַן אומגעהייערן האַ־מער איבער אַ קאָוואַדלע, באַגלייט פֿון אַ גרענעצלאָזן ווײַטענדיקן ריזן־געשריי — באַהערשט דעם גאַנצן קאָנצערט אַ מעכטיק כאָרכ־לען, דאָס שטאַמט פֿון אונדזער זייט.

— ר׳איז געזונט, דער־דאָ!

דער גראַנאַט שפּאַלט די לופֿט אויף אפשר טויזנט מעטער איבער אונדזערע קעפּ. זיין געוויש פֿאַרדעקט אַלץ, ווי אַ הילכיקער קופּאָל. זיין אָטעם איז אַן איינגעהאַלטענער; ס׳פּילט זיך, אַז די קויל איז באַלייבטער און קרעפּטיקער אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע. מען הערט זי פֿאַרבייפֿליען, דאָרט פֿאָרנט זיך אַראָפּלאָזן מיט אַ שווער־וואַקסנדיק געציטער און אַן אונטערערדישן צוג, וואָס קומט אָן צום האָקזאַל; דערנאָך דערווייטערט זיך דאָס שווערפּעלטיקע פּייפֿן. מיר באַאָבאַכטן ס׳בערגל אַנטקעגנאיבער אונדז. נאָך אייניקע ווײַלן באַ־דעקט עס זיך מיט אַ לאַקס־פֿאַרביקן וואָלקן, וועלכן דער ווינט צע־שפּרייט איבער אַ גאַנצער העלפֿט פֿון האָריזאָנט.

— ס׳איז אַ 220-ער פֿון דער באַטעריע פֿון פּונקט גאַמאַ.

— די דאָזיקע קוילן זעט מען — פֿאַרזיכערט וואָלפֿאַט — ווען זיי לויפֿן אַרויס פֿון האַרמאַט. און אויב דו האָסט די ציל־

ריכטונג, קענסטו זייןאַך זען אַ שטיק נאָכדעם ־יטן בלויזן אויג.
ס׳קומט נאָך אַ צווייטער שאָס.

— נאַ! זע! זע! האָסט געזען דעם־דאָ? האָסט נישט געזן, גיך געקוקט, וואַרטן וועט ער נישט. שנעלער דעם האַלדז אָנדרייען, נאַדיר אַ צווייטן! האָסט׳ן געזען?

— כ׳האָב נישט געזען.

— שטיק פֿלייש! האָסט פֿאַרשמירטע אויגן! דיין טאַטע איז געווען אַ מאַליער! נאַ, גיכער, אָט דאָרט, דאָרט! איצט זעסטו שוין, ליימענער גולם, נאָז מיט אויגן?

— געזען. דאָס איז אַלץ?

איייניקע האָבן באַמערקט אַ קליינע, שוואַרצע מאַסע, קליין און שפּיציק, ווי אַן אַמזעל מיט איינגעלייגטע פֿליגל, וואָס פּיקט די לופֿט און לאָזט זיך אַראָפּ פֿון זעניט אין אַ בויגנאַרטיקער ליניע.

— דאָס וועגט הונדערט אַכציק קילאָ, וועגט עס, מיין אַלטע וואַנץ, — זאָגט שטאָלץ וואָלפֿאַט — און אַז ס׳פֿאַלט אַריין אין אַ זיכער־הייל קוילעט עס אַוועק אַלע, וואָס געפֿינען זיך דאָרט. די, וואָס ווערן נישט צעריסן דורך די שפּליטער, ווערן געהרגעט דורכן אימפּעט פֿון דאָזיקן חפֿץ, אָדער ווערן דערשטיקט דורך די גאַזן, נישט באַווייזנדיק אַ פּיפּס צו טון.

— מע זעט אויך זייער גוט אַ 270־ער גראַנאַט — שוין איינמאָל אַ שטיק אייזן — בעת דער מאָרטיער טוט אים אַ יאָג: געגאַנגען!

— און אויך אַ 153־ער רימאַילאָ; דעם אָבער פֿאַרלירט מען גלייך פֿון אויג, ווייל ער פֿליט גלייך און צו שנעל: וואָס לענגער קוקסט אים נאָך אַלץ גיכער צעגייט ער פֿאַר די אויגן.

און אַ ריח פֿון שוועבל, שוואַרצן פּולווער, געזענגטע שטאָפֿן, געברענטער ערד, וואָס קריכט, ווי אַ כמאַרע איבערן פֿעלד. הילכט די גאַנצע צעווילדעוועטע מענאַזשעריע. אַ געבלעקער, אַ געבריל, אַ

גרויזאַם משונהדיק וואָיען, אַ מיאַוקען פון קעץ, וואָס צעררייסט אויך אָן רחמנות די אויערן און לעכערט די געדערעם, אָדער גאָר אַ לאַנג, דורכדרינג ענדיק פייפן, ווי ס'לאָזט אַרויס אַ סירענע פון אַ שיף, אין געפאַר אויפן ים. טיילמאָל קרייצן זיך דורך אין דער לופטן משונהדיקע אויסגעשרייען, וועלכע דורך ווונדערלעכע טאָן-פאַר־ענדערונגען קומען פאָר, ווי מענטשלעכע קולות. ערטערווייז הייבט זיך די געגנט אויף און לאָזט זיך ווידער אַראָפ; זי שטעלט אונדז פאָר, פון איין עק האָריזאָנט ביז צום אַנדערן, אַן אומגעוויינטלעכן שטורעם פון די יסודות.

און די גאָר גרויסע האַרמאַטן, ווייט, גאָר ווייט, לאָזן אַרויס אַ צעשווומען און טעמפ געבריל. אָבער אָן די לופט-ווען, וואָס פאַטשן אין די אויערן, פילט מען ערשט זייער קראַפט.

... אַט פלאַצט און שאָקלט זיך איבערן באָמבאַרדירטן געביט אַ שווערער פאַק גרינע מאַסע, וואָט צעגייט זיך אין אַלע זייטן. דער דאָזיקער פאַרבן-טאָן, וואָס אונטערשיידעט זיך ווענטלעך פון אַלע אַנדערע אין דעם בילד, ציט צו אונדזער אויפמערקזאַמקייט, און אַלע פנימער פון די פאַרשפאַרטע געפאַנגענע דרייען זיך אויס צו דעם דאָזיקן שווערהאַפטיק-העסלעכן קויל.

— ס'זיינען מסתמא שטיקנדיקע גאַזן. די גאַז-מאַסקן אָנגרייטן!

— די חזרים!

— דאָס זיינען שוין באַשטימט נישט-לאָיאַלע מיטלען.

— וואָס אַזוינס? — זאָגט באַרק שפּאָטיש.

— נו יאָ, נישט קיין ריינע מיטלען! וואָס הייסט? גאַזן...

— נודזשעסט — ענטפערט שאַרף באַרק — מיט דיינע לאָיאַלע און נישט-לאָיאַלע מיטלען... אַז מ'האָט געזען צעריבענע מענטשן, דורכגעזעגטע אין צווייען, אָדער דורכגעשניטענע פון אויבן ביז אַראָפ, צעריסענע אויף שטיקלעך און דאָס אַלץ דורך אַ געוויינטלעכן גראַנאַט; אויפגעריסענע בייכער מיט צעמאָלענע געדע־

ערעם, שאַרבנט גאַנץ אַרייַנגעקוועטשטע אין די לונגען, ווי מיט אַן אייזן, אָדער, אָנשטאָט א קאָפּ, אַ קליינטשיק העלדזל. פון מוח איז געבליבן פון אַלע זייטן, ווי אַ ווינשל־איינגעמאַכץ, איבער דער ברוסט אין רוקן. אַז מ׳האָט דאָס אַלץ געזען און מע קומט דערנאָך דולן אַ קאָפּ: „דאָס זיינען ריינע מיטלען!“ — איז קענט איר מיר רעדן צום דאַשעק!

— מיט דעם אַלעם איז אַ גראַנאַט דאָך אַ דערלויבטע זאַך אַן אָנגענומענע...

— כאַ, כאַ, כאַ! ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן? טאָ הערעסט מיך קיינמאָל נישט מאַכן אַזוי פיל ווייגען, ווי דו מאַכסט מיך לאַכן.

און ער דרייט זיך אויס מיטן רוקן.

— העי! פאַרזיכטיק, קינדערלעך! — מע שטרענגט אָן ס׳געהער: איינער פון אונדז האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בויך; אַנדערע פינטלען מיט די אויגן און קוקן אינסטינקטיוו צו דער זייט פון דער זיכערהייל, וווהין ס׳בלייבט זיי נישט קיין צייט צוצוקומען; און משך פון צוויי רגעס ציט איין יעדער זיין האַלדז. ווי אַ קריצן פון אַ ריזיקער בלעך־שער דערנענטערט זיך אַלץ מער צו אונדז ביז ס׳ווערט פאַרענדיקט מיט אַ דונערדיק געקלאַפּעריי, גלייך מע וואַרפט בלעך־טאָוולען.

דאָס מאָל האָט ער אַרייַנגעטראָפן נישט־ווייט פון אונדז: אויף אַ מהלך פון צוויי הונדערט מעטער אפשר. מיר בייגן זיך אַראָפּ טיף אין אָקאָפּע און פאַרבלייבן אַזוי איינגעקאָרטשעט ביז די געגנט, וו מיר געפינען זיך, ווערט אויסגעשפריצט מיט די שפליטער־ווענט פון די קליינע ברעקלעך.

— כ׳וואָלט זיך נישט געווינטשן דאָס צו קריגן נאָכאַמאָל אין לופטשיק אַריין, אפילו אויף אַזאַ מהלך — זאָגט פּאַראַדיז, און ציט אַרויס דערביי פון דער ערד־וואַנט אין אָקאָפּע אַ שפליטער, וואָס

איז נאָר-וואָס ראַרט אַריינגעפּאָרן; ס׳זעט אויס, ווי אַ קליין שטיקל קאָקס באַדעקט מיט שאַרפֿע קאַנטן און שפּיצן. ער וואַרפֿט עס אונטער אויף דער האַנט, כּדי זיך נישט צו בריִען.

פלוצלינג בייגט ער איין דעם קאָפּ; מיר אויך.

בססס, בססס...

— אַ ראַקעטע!... שוין פאַרביי...

דער צינדער פון אַ שאַרפּנעל שטייגט אויף און פאַלט דער-נאָך זענקרעכט אַראָפּ. אַ פּערקוטאַציע-צינדער רייסט זיך אָפּ נאָכן אויפרייס פון איבעריקן גאַנצן און בלייבט געוויינטלעך פאַרגראָבן אין דר׳ערד אין פאַל-פּונקט; טיילמאָל אָבער שפּרינגט ער אָפּ, וווּ-הין ס׳פאַרגלוסט זיך אים, ווי אַ גליִענדיק שטיינדל. מען מוז זיך פאַר אים היטן. ער קען זיך וואַרפן אויף אייך אַ לאַנגע צייט שוין נאָכן אויפרייס, און דורך אומגלייבלעכע אומוועגן, ער שפּרינגט איבער שוץ-וואַלן און פאַרזינקט אין די לעכער.

— נישטאָ קיין געמיינערס ווי אַ צינדער. אַזוי איז מיר אַמאָל אויסגעקומען...

— ס׳איז נאָך דאָ עפּעס ערגערס, ווי דאָס — האָט איבער-געריסן באַגס פון דער עלפטער — די עסטרייכישע גראַנאַטן: די 130-ער און די 74-ער. פאַר זיי האָב איך באמת מורא. מען זאָגט, אַז זיי זיינען געניקלט; דאָס, וואָס איך ווייס אָבער, ווייל כ׳האָב געהאַט מיט זיי צו טון, איז, אַז זיי פליִען אַזוי שנעל, אַז קיינמאָל באַווייזטו נישט זיך גענוג פאַר זיי אויסצוהיטן; אָט, הערסטו אים שנאָרכן און אָט, פלאַצט ער דיר אַריין.

— מיט די דייטשישע 105-ער איז אויך דאָס זעלבע, האָסט אויך נישט קיין צייט צו פאַלן כּורעים און זיכערן דיינע קאָט-לעטן. כ׳האָב עס מיר שוין געלאָזט אַמאָל דערקלערן פון אַרטי-לעריסטן.

— אַט, אַ שטייגער, כ׳על דיר זאָגן: שיפּס־האַרמאַטן, זייערס אַ גראַנאַט, דאָ בלייבט דיר נישט קיין צייט צו הערן, ביז דו כאַפּסט אַריין פּריִער.

— היינט האָסטו נאָך דאָס נייע טריפּעגע מין גראַנאַטן, וואָס צום ערשט שפּרינגען זיי אונטער אויף דר׳ערד און פאַרגראָבן זיך און הייבן זיך ווידער אויף, איינמאָל און נאָכאַמאָל, טאַנצן אַרום אַ זעקס מעטער און ערשט נאָכדעם פּלאַצן זיי... אַז אַזעלכעס באַווייזט זיך מיר פאַר די אויגן, האָב איך פולע הויזן. כ׳דערמאַן מיך ווי איינמאָל...

— דאָס אַלץ, קינדערלעך, איז נאָך גאָרנישט — זאָגט דער נייער סערזשאַנט, וואָס איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט. — איר האָט געמעגט זען, וואָס זיי האָבן אונדז דערציילט פאַר׳אַ מעשה אין ווערדען, פון וואַנען כ׳קום אַצינד. און אַלץ הייסט כּלים: 380־ער, 420־ער און צוויי 44־ער. אַז איינער האָט דאָרט געקריגן אַריינגעצימבלט, קען ער רויִק זאָגן: „כ׳ווייס, וואָס ס׳הייסט קריגן אַריינגעצימבלט!”. די וועלדער אָפּגעשניטן ווי תבואה, אַלע זיכער־היילן אָפּגעחתמעט און צעריבן, זאָל עס זיין אַפילו מיט דרייפאַכיקע בעלקעס. אַלע שייד־וועגן באַשפּריצט, אַלע וועגן אין דער לופט אויפגעריסן און פאַרוואַנדלט אין לאַנגע הויפנס פון צעבראָכענע אָבאָזן, צעשמעטערטע האַרמאַטן, פּגרים צונויפגעפלאָכטן איינער מיטן צווייטן, ווי מיט אַ שופל צונויפגעשאַרטע. דרייסיק פאַרשוין, מיטאַמאָל, האָסטו געזען זיך וואַלגערן אויפן קרייץ־וועג; האָסט געקענט זען, ווי מענטשלעך פליִען און דרייען זיך אין דער לופטן אויף אַ פּיפּצען מעטר הויך, און שטיקלעך הויזן בלייבן הענגען אויף ביימער, וואָס זיינען נאָך גאַנץ געבליבן. האָסט געקענט זיך צוקוקן ווי אַ 380־ער איז, דאָרט אין ווערדן, אַריין אין אַ דאַך פון אַ הויז, דורכגעלעכערט צוויי אָדער דריי שטאָק, אויפגעריסן אונטן, און די גאַנצע בודע צעזעצט אויף פּיצלעך; און אויפן פעלד צעלויפן זיך

גאַנצע באַטאַליאָנען און לייגן זיך דיר אויפן בויך אונטערן שטורם, ווי נעבעכדיקע ווערלאָזע עופהלעך. אויף שריט און טריט האָסטו באַגעגנט אויף די פעלדער גראַנאַט-שפּליטער, גרויסע ווי די אָרעמס, און אויך אַזעלכע ברייטע, און האָסט געדאַרפט פיר זעלנער, כדי אויפצוהייבן אַזאַ אייזערנע שטאַבע. פעלדער — ווי מיט פעלזן באַזייט! ... און אַזוי גאַנצע חדשים אָן אויפהער. ס'הערט, וואָס זאָל איך אייך זאָגן! וואָס זאָל איך אייך זאָגן! — חזרט איבער כסדר דער סערזשאַנט זיך דערווייטערנדיק, כדי, מסתמא, צו דער-ציילן אויף אַן אַנדער אָרט די דאָזיקע זיינע איבערלעבענישן.

— זע-נאָר, קאַפּראַל, טו נאָר אַ קוק, די חברה-לייט דאָרט זיינען משוגע, צי וואָס?

אויף דער באַשאָסענער פּאָזיציע האָט מען געזען, קליינ-טשיקע מענטשעלעך זיך שנעל באַוועגן און לויפן צום אויפרייס-פּונקט.

— אַרטילעריסטן זיינען עס — זאָגט בערטראַנד. — ווי-נאָר ס'רייסט-אויף אַ סאַמאָוואַר לויפן זיי אויפזוכן דעם צינדער אין דעם לאָך, ווייל די פּאָזיציע פון דעם צינדער, ווי אַזוי ער איז אריינ-געשלאָגן, ווייזט-אָן די ריכטונג פון דער באַטעריע — פאַרשטייסט? און דעם מהלך האָסטו נישט מער ווי איבערצולייענען: ער פאַר-צייכנט זיך אויף די אויסגעקריצטע שטרייכלעך אַרום דעם צינדער, אין מאָמענט, ווען מע לאָזט אַרויס דעם גראַנאַט.

— ס'מאַכט נישט אויס, דרייסטע חברה-לייט זיינען די קליי-נע זיך אַרויסצולאָזן אונטער אַזאַ פליי-רעגן.

— די אַרטילעריסטן, מיין ליבער — זאָגט איינער, פון אַן אַנדערער קאָמפּאַניע, וואָס שפּאַצירט אַרום אין אָקאָפּע — די אַר-טילעריסטן, דאָס איז, אָדער גאָר גוט, אָדער גאָר שלעכט: אָדער ס'איז אַ טויז אייכל, אָדער סאַמע פסולת. אַזוי זאָג איך דיר...

— דאָס קען מען זאָגן וועגן אַלע זעלנער, דאָס וואָס דו זאָגסט.

— מ׳צגלעך. אָבער כ׳רעד נישט אַצינד וועגן אַלע זעלנער. כ׳רעד אַצינד וועגן די אַרטילעריסטן, און כ׳קען דיר אויך זאָגן אַז...

— העי, קינדערלעך! צי מיינט איר באמת נישט אויפצוּוואַכן, אַ זיכער אָרט און באַהאַלטן ס׳זעקל ביינער? סוף-כל-סוף קריגט נאָך איינער אַ שנעל פון שפּליטער.

דער פרעמדער שפּאַציר-גייער איז אַוועק מיט זיין געשיכטע, און קאָקאָן, וואָס האָט שטענדיק ליב געהאַט זיך צו שפּאַרן, דערקלערט:

— קענסט פאַרשימלט ווערן אין דעם קבר דאָ און אין דרויסן איז עס אויך נישט איבעריק פריילעך.

— זע נאָר האַרט, זיי לאָזן טאָרפּעדן! — זאָגט פאַראַדיז, אָנווייזנדיק אויף אונדזערע פּאָזיציעס, וואָס געפינען זיך אויפן רעכטן פליגל.

די טאָרפּעדן הייבן זיך אויף, כמעט אָדער אינגאַנצן, זענק-רעכט, ווי די לערכן זשומען און פלאַטערן, דערנאָך בלייבן זיי שטיין, וואַקלען זיך אַ ווײַלע און פאַלן גלייך אַראָפּ, אָנזאָגנדיק זייער פאַל אין די לעצטע סעקונדן דורך אַ „קינדער-געשריי”, וואָס מע קען שוין גוט. פון דאַנען זעט עס אויס, ווי אויפן באַרג-קאַם האַלטן געשטאַנען אויסגעשטעלט שורות אומזיכטבאַרע באַל-שפּילער.

— און די אַרגאַנען — זאָגט לאַמיז — שרייבט מיר מיין ברודער, אַז זיי קריגן טירקל-טויבן, ווי זיי רופן עס, דאָס זיינען אַזעלכע גרויסע, שווערע מאַשינען, וואָס מע לאָזט זיי פון דער נאָנט. ווען ס׳קומט אָן, שרייבט ער מיר, שנירלט עס ווי אַ טויב, און ווען ס׳קראַפּירט, איז שוין איינמאָל אַ באַשיטעכץ, שרייבט ער.

— נישטאָ עפּעס ערגערס פון אַ קנאַל-פּראָש, ס׳דאַכט זיך ווי ס׳וואָלט אייך באַגעלאָפן און אויף אייך אַרויפגעשפּרינגען; און רייסט עס אויף אין סאַמע אָקאָפּע, האַרט לעבן וואַל.

— נאַ, נאַ, סט׳געהערט ?

אַ פייף האָט געגומען זשומען איבער אונדז און מיטאַמאָל פארשטומט געוואָרן. דאָס עסק האָט נישט אויפגעריסן.

— ס׳איז אַ גראַנאַט, וואָס זאָגט „דרעק" — קאָנסטאַטירט פאַראַדיז.

און מע שטעלט אויף די אויערן, כדי צו האָבן די סאַטיספאַק־ציע נאָך אַנדערע צו הערן — אָדער, נישט צו הערן.

לאַמיז זאָגט.

— אַלע פעלדער, אַלע וועגן, אַלע דערפער דאָ זיינען באַ־דעקט מיט נישט אויפגעריסענע גראַנאַטן פון אַלערליי קאַליבערס ; אויך מיט אונדזערע, דאָס מוז מען צוגעבן. גאַנצע מחנות, וואָס מ׳ זעט נישט, געפינען זיך געוויס אין דער ערד. איך פרעג זיך, ווי אַזוי וועט זיין שפעטער, ווען ס׳וועט קומען די צייט און מ׳עט זאָגן : "דאָס איז נאָך נישט אַלץ, מע מוז זיך צוריקנעמען צום אַקערן".

און אַזוי ווייטער און ווייטער, מיט אַ פאַרביסענער איינטע־ניקייט, אַ הוראַגאַן פון פייער און אייזן : די שראַפנעלן מיט זייער פייפעדיק קנאַלן, אָנגעלאָדנט מיט אַ מעטאַלענער קאָכעדיקער נשמה, און די שווערע, דיקע גראַנאַטן מיט אַ דונערן פון אַ פליענדיקן לאָ־קאָמאָטיוו, וואָס צעשמעטערט זיך פלוצלינג אָן אַ וואַנט, און אַ קלינג־ערן פון רעלסן אָדער שטאָלענע שטאַנגען, וואָס קייקלען זיך באַרג־אַראָפּ. די לופט ווערט געדיכט און אומדורכזיכטיק, שווערע אָטעם־צוגן לויפן זי דורך. און, אַרום־און־אַרום, דויערט אומויפהערלעך דער חורבן פון דער ערד, וואָס אַמאָל טיפער, וואָס אַמאָל גרינגס־לעכער.

און נאָך אַנדערע האַרמאַטן נעמען אָנטייל אין שפּיל. דאָס זיינען אונדזערע. זייער קראַכן איז ענלעך צו די 75־ער, אָבער שטאַרקער, און מיט אַ לאַנג־אויסגעצויגענעם, הילכיקן עכאָ, ווי אַ דונער, וואָס ווידערשאַלט אין די בערג.

— ס׳זיינען די לאַנגע 120־ער. זיי שטייען באַם וואַלד־ראַנד אויף אַ קילאָמעטער ווייט פון אונדז. פייגע האַרמאַטלעך, גוטער ברודער, זען אויס, ווי אונדזערע כאַרטן. שלאַנקע זיינען זיי, מיט אַ דינעם שנאָבל. קריגסט אַ חשק זיי צו זאָגן „גנעדיקע פרוי״. דאָס איז נישט אַזוי, ווי די 220־ער, וואָס באַשטייען פון אַ בלויזן פרעסער, עפּעס ווי אַ קוילן־עמער, און טוט אַ שפּיי אויס זיין גראַנאַט אינ־דערהייך. זיי מאַכן דיר טאַקע פאַרטיק אַ שטיקל אַרבעט, אָבער אין אַרטילעריע־צוג זען זיי אויס, ווי פאַרקריפּלטע בעטלער אויף זייער וועגעלע.

דאָס געשפּרעך צאַנקט. דאָ און דאָרט געגעצט מען.

דער גרענעצלאָזער פאַרנעם פון דער צוויילדעוועטער אַר־טילעריע מאַכט מיד דעם גייסט. די שטימען ווערן־זיך, ווי דער־טרונקענע.

— אַזאַ געשיסערײַ האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען — שרייט באַרק.

— שטענדיק זאָגט מען אַזוי — באַמערקט פאַראַדיז.

— יאָ, יאָ — ברילט וואָלפאַט — מ׳האָט עפּעס די טעג גע־שמועסט מכּוח אַן אָנגריף. איך זאָג דיר, אַז דאָס איז אַן אָנהייב פון עפּעס.

— אַ! — ענטפערן פשוט די איבעריקע.

וואָלפאַט ווייזט אַרויס אַ חשק צו „כאַפּן אַ דרימל״, און ער זעצט זיך אויף דר׳ערד, מיטן רוקן אָנגעשפּאַרט אָן אָקאָפּע־וואַנט און די פאָדעשוועס אָנגעלענט אָן דער אַנדערער וואַנט.

מען רעדט פון פאַרשידענע זאַכן. ביקעט דערציילט אַ מעשה וועגן אַ שטשורע, וואָס ער האָט געזען.

— דאָס איז געווען אַ בחור, אַ כּלי, הערסטו... ביזקע אויסגעטון מיינע שיפּלעך, מיינסטו נישט, מיינער האָט נישט תּבֿן

דורכצוגורי[illegible] מיר די כאַלעוועס! כ׳מוז דיר זאָגן, אַז כ׳האָב זיי געהאַט אויס[illegible] מיט פּעטס.

וואָלפּאַס, שיער אומבאַוועגלעך, רירט זיך פּלוצלינג, און זאָגט:

— איר לאָזט מיך נישט שלאָפן מיט אייער גרעבצן!

— ווילסט אפשר איינרעדן, אַלטער אונטערשלאַק, אַז ווילסט באמת אָן אויג צו טון אין אַזאַ געקלאַפּעריי און קנאַקעריי, ווי דאָ אַרום — זאָגט מאַרטעראָ.

— כ-כ-כ-ר-ר-אָ-אָ — ענטפערט וואָלפּאַט, וואָס שנאָרכט שוין:

* *
*

— צונויפזאַמלונג! מאַרש!

מיר גייען איבער אויף אַן אַנדער אָרט. וווּהין פירט מען אונדז? מע ווייסט גאָרנישט. אַלץ, וואָס מיר ווייסן איז, אַז מיר זיינען פון רעזערוו, אַז מע וואַרפט אונדז איבער כסדר, כדי צו פאַרפעסטיקן געוויסע פּונקטן אָדער אָפּצורוימען דורכגאַנגס-גרובן — ווו די איינאָרדנונג פון טרופּן-דורכמאַרש איז גראָד אַזוי קאָמפּליצירט — אויב מע וויל אויסמיידן פאַרשטאָפּונגען און צוזאַמענשטויסן — ווי דאָס אָרגאַניזירן פון אָנקומען און אָפּגאַנג פון צוגן אויף וואָקזאַלן אין פולן באַטריב. ס׳איז אוממעגלעך משיג צו זיין דעם זין פון דעם אומגעהייערן מאַנעווער, אין וועלכן אונדזער פאָלק דרייט זיך ווי אַ קליין רעדל, אויך נישט דאָס, וואָס ס׳קומט פאָר אויפן אומגעהייערן פאַרנעם פון אָפּשניט. אָבער איינס פאַרשטייט מען, פאַרלוירן אין אַ נעץ פון אונטערערדישע היילן, ווו מיר גייען אַהין און צוריק אָן סוף, אין צווייען געבויגן, צעבראָכן און טויט-מידע פון צו-לאַנגע סטאַציעס, דול פון וואַרטן און גערויש, פאַרגיפטעט דורכן רויך — מע פאַרשטייט, אַז אונדזער אַרטילער-

יע פאַרנעמט זיך, וואָס אַ מאָל שטאַרקער און שטאַרקער און, אַז די אָפּענסיווע איז איבערגאַנגען אויף אונדזער זייט.

*  *
*

· האַלט!

אַ העפּטיק, מוראדיק, אומדערהערט שיסעריי האָט געקלאַפּט אָן די ווענט פון דער אָקאָפּע, וווּ מיר האָבן זיך אין דעם מאָמענט אָפּגעשטעלט.

— פריץ אַרבעט מעשים. ר'האָט מורא פאַר אַן אָנגריף; ער ווערט משוגע, אַהאַ, ז'עך צעלאָזן אַ ביסל!

אַ געדיכטער האָגל האָט זיך געשאָטן איבער אונדז, פורכטבאַר דורכגעשניטן דעם רוים, געקראַצט און געשאָבן דעם גאַנצן ערדפלאַך.

כ'האָב אַ קוק געטון דורך אַ שיס־לאָך. כ'האָב געהאַט אַ בליץ־שנעלע מאָדנע זעונג:

פאַר אונדז, העכסטנס צען מעטער ווייט, זיינען געלעגן אויסגעצויגן אומבאַוועגלעכע געשטאַלטן, איינס לעבן ס'אַנדערע — אַ שורה אָפּגעשניטענע זעלנער — און די קוילן, גאַנצע כוואַליעס, פון אַלע זייטן, האָבן דורכגעלעכערט די דאָזיקע מתים־שורה!

די קוילן האָבן געריצט די ערד מיט גלייכע שטרייפן, אויפהייבנדיק דינע שטאָלע וואָלקנדלעך, האָבן זיי דורכגעלעכערט, דורכגעאַקערט די גופים, וואָס זיינען פאַרשטאַרט געלעגן אויף דר'ערד, צעבראָכן די שטייפע גלידער, אַריין אין די בלייכע, הוילע פנימער, דורכגעשטאָכן, צעשפריצנדיק, וואַסערדיקע אויגן און מ'האָט געזען, ווי אונטערן קוילן־האָגל רירט זיך און רוקט זיך איבער ערטערווייז די שורה מתים.

מ'האָט געהערט דעם טעמפּן קלאַנג פון די זשומענדיקע קופּערשפּיצן, ווען זיי זיינען אַריינגעדרינגען אין די קליידער און לייבער:

דאָס געדויש פון אַ האַסטיקן מעסער־שטאָך, אַ פּיוכע פון אַ שטעקן באַם אויסקלאַפּן מלבושים. איבער אונדז האָט געקאָכט אַ גאַרב פון שאַרפע פּייפן, באַגלייט מיט נידעריקן געזאַנג, וואָס אַ ווייַלע ערנסטער, פון האַרמאַטן־קוילן. און מיר האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ אונטער דער אויסערגעוויינטלעכער מהומה פון געשרייען און קולות.

— מע מוז פריי־מאַכן די אָקאָפּע. היי!!

* *
*

מיר פאַרלאָזן דאָס נישטיקע שטיקל שלאַכט־פעלד, ווו דאָס שיסעריי צערייסט און פאַרוואונדעט אויף ס'ניי די טויטע גופים. מיר פאַרקערעווען אויף רעכטס און צוריק. דער פאַרבינדונגס־גרובן גייט באַרג־אַרויף. אינדערהייך אויפן בערגל גייען מיר פאַרביי פאַר אַ טעלעפאָן־פּאָסטן, פאַר אַ גרופּע אַרטילעריע־אָפיצירן און אַרטי־לעריסטן!

דאָ, אַ נייע פויזע. מען שפּאַנט אַרום אויפן אָרט און מען הערט, ווי דער אַרטילעריע־באַאָבאַכטער שרייט באַפעלן, וועלכע דער פאַרגראָבענער טעלעפאָניסט נעמט־אויף און חזרט זיי איבער:

— ערשטער האַרמאַט, זעלבער אויפהייב. צוויי צענטלעך אויף לינקס. דריי שאָס אין אַ מינוט.

אייניקע פון אונדז האָבן איינגעשטעלט זייערע קעפּ און אַ קוק געטון איבערן גרובן־ראַנד און אַרומגענומען מיטן אויג, אין משך פון איין אויגנבליק, דאָס גאַנצע שלאַכט־פעלד, אַרום וועלכן אונדזער קאָמפּאַניע שלעפּט זיך און דרייט זיך פון אינדער־פרי אָן.

כ'האָב באַמערקט אַ גרויע, גרענעצלאָזע פלאַך, ווו דער ווינט האָט ווי געיאָגט איבער דער גאַנצער ברייט צעשוומענע, לייכטע שטויב־וועלן, ערטערווייז אַרומגענומען מיט שפּיציקע רויך־קנוילן.

דער דאָזיקער אומגעהייערער שטח, איבער וועלכן די זון און

די וואָלקן צעשטרייען שוואַרצע און ווייסע פלעקן, בליצט-אויף מאָט פון אָרט-צו-אָרט — דאָס שיסן אונדזערע באַטעריעס — און איין מאָמענט איז עס געווען מיט קורצע גלאַנץ-פליטערלעך. אין אַ ווײַ[illegible]לע אַרום איז שוין אַ טייל פון לאַנדשאַפט פאַרווישט געוואָרן אונטער אַ נעפלדיקער ווייסלעכער הילע: אַ מין שניי-זאַוויערוכע.

ווייט, ווייט, איבער די טריבע, אומענדלעכע פעלדער, וואָס זיינען האַלב-פאַרמישט און פון שמאַטע-קאָליר, דורכגעלעכערט ווי אַ טויטן-שטאָט, באַמערקט מען, ווי אַ שטיקל צעריסן פּאַפּיר, דעם דינעם סקעלעט פון אַ קירכע. פון איין ראַנד פון בילד ביזן צווייטן ציִען זיך מטושטשדיקע רייען פון צוגערוקטע און אונטערגעשטראָכענע ווערטיקאַלן, ווי דיקע ליניעס אויף אַ שרייב-זייטל: די שאָסייען מיט זייערע ביימער. דינע אויסבייגונגען שטרייפן דורך די פלאַך אין דער לענג און אין דער ברייט, צעטיילן זי אין פיר-עקן, און די דאָזיקע אויסבייגונגען זיינען באַפּינטלט מיט מענטשן.

מען אונטערשיידט שטיקלעך ליניעס פון די דאָזיקע מענטשן-פּינטעלעך געבילדעט, וועלכע זיינען אַרויסגעגאַנגען פון אויסגעהילטע ריצן און באַוועגן זיך אויף דער פלאַך אונטערן מוראדיק[illegible] צעווילדעוועטן הימל.

ס'איז קוים צו גלייבן, אַז איטלעכעס פון די קלײנטשיקע פלעקעלעך איז אַ ציטערדיק, צעברעכלעך באַשעפעניש פון בלוט און פלייש, וואָס איז אָן אַן ערך שוצלאָז אין רוים, פול מיט אַ טיפן געדאַנק, פול מיט לאַנגע דערינערונגען און פול מיט אַ מענגע פאָרשטעלונגען; און מע שטייט געבלענדעט פאַרן דאָזיקן שטויב-רעגן פון מענטשן, וואָס זיינען אַזוי קליין ווי די שטערן אין הימל.

אָרימע אונדזערסגלייכן, אָרימע אומבאַקאַנטע, איצט איז געקומען אייער רייע צו גיין! אַן אַנדערט מאָל וועט עס אויף אונדז קומען. אפשר נאָך מאָרגן וועט אונדז אויסקומען צו שפּירן דעם הימל פלאַצן איבער [illegible] די ערד זיך עפענען

אונטער אונדזערע פיס, צו ווערן אָנגעגריפן פון דער מעכטיקער גראַנאַטן-מחנה און צו ווערן אויסגעקערט דורך אַ הוראַגאַן-אָטעם, הונדערט-טויזנט מאָל שטאַרקער פון אַ געוויינטלעכן הוראַגאַן.

מע שטופּט אונדז אַריין אין די הינטערשטע זיכער-היילן. דאָס טויטן-פעלד ווערט פאַרהוילן פון אונדזערע אויגן. טעמפּער הילכט איצט אין אונדזערע אויערן דאָס דונער-געקלאַפּעריי איבער דער וואָלקנדיקער ריזן-קאָוואַדלע. אונדזער אָפּטיילונג פאַרקריכט זיך עגאָיסטיש אין די טאָג-טעגלעכע גערוישן פון לעבן, פאַרזינקט זיך אין דער היימלעכער קלייגלעכקייט פון די זיכער-היילן.

XX.

# דאָס פייער.

פלוצלינג אויפגעוועקט, עפן איך די אויגן אין דער פינס-טערניש.

— וואָס? וואָס איז געשען?

— ס׳איז דיין רייע אויף דער וואַך. ס׳איז צוויי אַ זייגער פאַרטאָג — זאָגט צו מיר קאַפּראַל בערטראַנד, וועלכן כ׳זע נישט, אָבער כ׳הער זיין שטימע באַם אַריינגאַנג פון לאָך, ווו כ׳ליג אין דער טיף אויסגעצויגן.

כ׳מורמל, אַז כ׳גיי באַלד, צעטרייסל זיך, גענעץ אין מיין שמאָלער קבר-הייל; כ׳צעצי די אָרעמס, און מיינע הענט באַריר די ווייכע, קאַלטע ליים-ערד. דערנאָך קריך איך דורכן שווערן שאָטן, וואָס פילט אָן די הייל און שפּאַלט דורך דעם געדיכטן ריח צווישן די גופים פון די שלאָפנדע, וואָס ליגן אויסגעצויגן ווי הרוגים. נאָך איייניקע מאָל פאַרטשעפען זיך און פאַלשע טריט איבער אָנטועכץ, טאָרניסטערס און אברים, אויסגעשטרעקט אין אַלע זייטן, דערטאַפּ איך מיין ביקס, און אָט שטיי איך אין דרויסן אויף דער פרייער לופט, אַ נישט-אויסגעשלאָפענער און אומזיכער אויף די פיס, און דער שוואַרצער שניידיקער ווינט פאַטשט מיר אין פנים.

ציטערנדיק פאַר קעלט גיי איך נאָך דעם קאַפּראַל, וואָס פאַרטיפט זיך צווישן די הויכע טונקעלע גרובן-ווענט, ווו דער גרונט ווערט אַלץ מאָדנע ענגער אונטער די פיס. ער בלייבט שטיין. דאָ

איז עס, איך דערקען, ווי אַ דיקע מאַסקע טײלט זיך אָן אויף אַ הײ·
בער הייך פון דער געשפּענסטיקער וואַנט און שטײַגט אַראָפּ. די
דאָזיקע מאַסקע לאָזט אַרויס אַ געגעץ. איך קלעטער אין דער באַרג,
פון וואַנען זי איז אַרויסגעקומען.

די לבנה איז באַהאַלטן אונטערן נעפּל. אָבער איבער אַלץ
צעגיסט זיך אַ שטאַרק צעשוווּמען ליכט, צו וועלכן ס'איז געווײנט
זיך צו, טאַפּנדיק אויף בלינד. די דאָזיקע באַלײַכטונג ווערט אויך פאַר·
לאָשן צוליב אַ ברייטער שאָטן-פלאַכטע, וואָס שוועבט און רוקט זיך
איבערן הימל. נאָכן באַטאַפּן דערקען איך מיט מי די צומרעמונג
און די עפענונג פון שיס-לאָך האַרט פאַר דער באַז, און מײַן האַנט,
וואָס ווייסט שוין וועגן דעם חלל, לאָזט זיך אַראָפּ אין דער דאָזי·
קער פאַרטיפונג און שטויסט זיך אָן אויף אַ מענגע האַנט-גראַנאַט·
הענטלעך.

— גוט אַכטונג טון, גוטער ברודער — זאָגט צו מיר שטי·
לערהייט בערטראַנד — פאַרגעס ניט, אַז דאָרט פאָרנט אויף לינקס
שטייט אַ האָרך-פּאָסטן. נו, אַ גוטן, אויף ווידערזען.

זײַנע טריט דערווײַטערן זיך, באַגלייט מיט די פאַרשלאָפּטע
טריט פון דער וואַך, וועלכע כ'האָב אָפּגעלייזט.

ביקסן-שאָסן קנאַלן פון אַלע זייטן. פלוצלינג זעצט אַרײַן אַ
קויל אין ערד-וואַל, אָן וועלכן כ'לען מיך אָן. איך לייג צו דאָס
אויג צום שיס-לאָך. אונדזער ליניע שלענגלט זיך אַרויף אין באַרג·
שטעגל. דאָס געלענדער לאָזט זיך פאַר מײַנע אויגן משופּעדיק אַראָפּ
און מען דערקענט גאַרניט אין פינסטערן תהום, ווו עס ווערט פאַרשלינ·
גען. דאָך געוויינען זיך צו די אויגן ווי-ניט-איז אונטערצושיידן די גלײַ·
כע שורה דרענגלעך פון אונדזער דראָט-פאַרצוימונג, וואָס זײַנען פאַר·
זעצט אויפן ראַנד פון די שאָטן-כוואַליעס, און, ווו-ניט-ווו, קיילעכי·
דיקע וווּנדן פון גראַנאַטן-אויסהוילונגען — קליינע, מיטעלע און גאָר
גרויסע; אייניקע פון זיי ליגן גאָר נאָענט און זײַנען פאַרפלייצט מיט

עפּעס געהיימנישפֿולע הויפֿנס פֿון זאַכן. דער צפֿון-ווינט שמייסט אין פּנים. עס רירט זיך גאָרנישט. בלויז דער ווינט, וואָס לויפֿט פֿאַרביי און די אומענדלעכע פֿייכטקייט, וואָס טריפֿט און טריפֿט. מען ציטערט כּסדר פֿון קעלט. איך הייב אויף די אויגן און קוק, דאָרט, איבער אַלץ האָט זיך צעלייגט אַ שרעקלעכער אומעט. איך האָב דעם איינדרוק, ווי איך וואָלט געווען איינער אַליין, אַ שיף-ברוכי־קער, איבערגעבליבן אין גאָר דער וועלט, וואָס איז חרובֿ געוואָרן דורך עפּעס אַ קאַטאַקליזם.

אַ שנעלע אילומינאַציע אין דער לופֿט: אַ ראַקעטע. די געגנט, וווּ איך פֿיל מיך אַזוי פֿאַריתומט, ווערט זיכטבאַר און אַנטפּלעקט זיך אַרום מיר. מען זעט זיך אויסשניידן דעם צעריסענעם, אויס־געצופּטן קאַם פֿון אונדזער אָקאָפּע, און איך באַמערק אויף דער פֿאָדערשטער וואַנט, ווי צוגעקלעבט צו איר, די שאָטנס פֿון די וואַכן, אויסגעשטעלט איטלעכע פֿינף טריט, ווי ווערטיקאַלע לאַרוון. דורך אַ פּאָר ליכט-טראָפּן טיילט זיך אויס לעבן זיי זייער ביקס. די אָקאָפּע איז געשיצט מיט ערד-זעק; אומעטום איז זי אויסגעברייטערט און אויף אַ סך ערטער אויסגעריסן דורך אויפֿרייסן. די ערד-זעק, וואָס ליגן פּלאַטשיק איינער אויפֿן אַנדערן און גייען נישט צו אינגאַנצן, זען אויס אין אַסטראַלן-שיין פֿון דער ראַקעטע, ווי גרויסע אויס־געריסענע שטיין-פּליטן פֿון אַלטע רוינירטע מאָנומענטן. איך קוק דורכן שיס-לאָך. אין דעם נעפּלדיקן, בלייכן מעטעאָר-ליכט דערקען איך די שורות דרענגלעך און אַפֿילו די דינע ליניעס פֿון שטעכע־דיקן דראָט, וואָס קרייצן זיך פֿון איין דרענגל צום אַנדערן. אין מיי..ע אויגן זעט דאָס אויס, ווי פּעדער-שטריכן, וואָס קריצן און שטרייפֿן דורך דאָס בלאַסע דורכגעלעכערטע פֿעלד. ווייטער, אַראָפּ-צו אין נאַכטיקן ים, וואָס פֿילט אָן דעם חלל פֿון באַרג-וועג, ליגט אומבאַ־וועגלעך אַ טויטע שטילקייט.

כ׳לאָז מיך אַראָפּ פֿון מיין באַאָבאַכטונגס-אָרט און כ׳גיי לויט

השערה צו מיין שכן־וואָך, כ׳דערטאַפּ אים מיט מיין אויסגעשטרעקטער האַנט:

— דו ביסט עס? — זאָג איך שטיל, נישט דערקענענדיק אים.

— יאָ — ענטפערט ער, פּונקט אַזוי בלינד ווי איך, ווייסט ער נישט, ווער איך בין.

— ס׳איז שטיל, איצטער — גיט ער צו. — פריִער האָב איך שוין געמיינט, אַז אָט, אָט אַטאַקירן זיי; און אפשר האָבן זיי געפּרוווט אויף דער רעכטער זייט, אַ וועלט מיט גראַנאַטן האָבן זיי דאָרט אַריינגעשאָסן. אַ שפּאַר־פייער פון 75־ער, ווררראַנק... וורררראַנק... גוטער ברודער, טראַכט איך מיר אַזוי: „אַנדערש נישט, נאָר זיי אַרבעטן פאַר געצאָלטס, די 75־ער! אויב זיי זיינען אַרויס, די יעקעס, האָבן זיי געוויס עפּעס געגומען!“ נאַ, האָרך, ווי די קניידלעך טאַנצן אונטער! הערסט?

ער שווייגט אַ ווײַלע, עפנט זיין פעלד־פלאַש, טרינקט אַ שלונג און פון די לעצטע ווערטער זיינע — כסדר שטילערהייט — טראָגט זיך אַ וויין־געריך:

— אַ, לאַ, לאַ! שוין איינמאָל אַ געמיינע מלחמה! ווי מיינסטו, למשל, ס׳וואָלט נישט אינדערהיים בעסער געווען? און וואָס וויל ער דאָ! וואָס זוכט ער דאָ, דער ממזר?

אַ שאָס האָט אַ הילך געטאָן לעבן אונדז, דורכשניידנדיק די נאַכט מיט אַ שנעלן קורצן פאָספאָר־שטריך. באַלד זיינען באַכגעקומען אַנדערע, פון פאַרשידענע זייטן פון אונדזער ליניע; באַנאַכט זיינען ביקסן־שאָסן אַנשטעקנדיק.

טאַפּנדיק אין דער געדיכטער פינסטערניש, וואָס האָט זיך צוריק אויסגעשפּרייט איבער אונדז ווי אַ דאַך, גייען מיר, געוויער ווערן ביי איינעם פון די שיסער, פאַרטשעפּענדיק זיך און טיילמאָל פאַלנדיק איינער איבערן אַנדערן, קומען ביז צו צו איינעם און רירן אים אָן:

— וואָס איז געשען ?

ס׳האָט זיך אים געדאַכט, עמעץ רודערט זיך און ווייטער גאָר-נישט. איך מיט מיין אומבאַקאַנטן שכן קערן זיך אום אויף אונדזערע ערטער. אין דעם געדיכטן רויך גייען מיר איבער דעם שמאָלן, מיט פעטער בלאָטע באַדעקטן, וועג מיט אומזיכערע טריט, זיך אָנ-שטרענגענדיק, מיט געבויגענע רוקנס, ווי איטלעכער פון אונדז וואָלט געטראָגן אַ דערדריקנדיקע משא.

אָט, דונערט אַ האַרמאַט אין איין פונקט פון האָריזאָנט, אָט, אין אַן אַנדערן פונקט, ענדלעך פון אַלע זייטן אַרום, און זיין שווער קראַכן מישט זיך אויס מיט די זאַלפּן פון אַ ביקסן-שיסעריי, וואָס טיילמאָל ווערט עס שטאַרקער, טיילמאָל לאָזט עס נאָך, און אויך מיט די הויפנווייזע גראַנאַטן-שאָסן, וואָס זיינען הילכיקער פון די קנאַלן פון לעבעל-און-מויזער-ביקסן און וואָס דערינערן גיכער מיט זייער קנאַל אַן אַלטן קלאַסישן ביקסן-שאָס. דער ווינט איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. ער איז אַזוי געוואַלטיק, אַז מען מוז זיך אין דער פינסטערניש ווערן קעגן אים; מעכטיקע וואָלקן-בערג רוקן זיך פאַרביי דער לבנה.

און אַזוי שטייען מיר ביידע, יענער זעלנער און איך, דער-נענטערן זיך איינער צום צווייטן, שטויסן זיך אָן, נישט קענענדיק זיך; פּלוצלינג דערזען מיר זיך קעגנזייטיק אין שנעלן ווידערשיין פון אַ האַרמאַט; ביידע שטייען מיר דאָ צונויפגעפּרעסט אין דער פינסטערניש, אינדערמיט פון אומגעהייערע פייער-קרייזן, וואָס באַ-ווייזן זיך און פאַרשווינדן, אינדערמיט פון דאָזיקן שוואַרץ-שבת-בילד.

— פאַרשאָלטן זיינען מיר — זאָגט מיין שכן.

מיר צעשיידן זיך, און מיר גייען איטלעכער באַזונדער צו זיין שיס-לאָך אָנשטרענגענדיק די אויגן אין דער אומבאַוועגלעכקייט פון אַלץ אַרום.

וואַסערער מוראַדיקער, שוידערהאַפטיקער שטורעם וועט אויס־
בּרעכן.

דער שטורעם האָט היינטיקע נאַכט נישט אויסגעבראָכן. מיט
די ערשטע שפּורן פון טאָג־געבוירן, ווען מיין לאַנגע וואַך־צייט
איז דערגאַנגען צום סוף, איז אַפילו אַ ביסל שטילער געוואָרן.

בשעת דער באַגינען האָט גענומען גרויען איבער אונדז ווי
אַ געוויטער־אָוונט, האָב איך נאָכאַמאָל געזען אויפטויכן און געבוירן
ווערן אונטער דער ריס־פּאַסמע פון די נידעריקע וואָלקנס, די צע־
פּרעסענע, טרויעריקע און שמוציקע, אומענדלעך שמוציקע, באַוואָר־
פענע מיט אָפּפאַלעכצער און אומריינקייטן, ברעגעס פון דער איינ־
פאַלנדיקער אָקאָפּע, ווי מיר געפינען זיך.

די נעפּל־פּליסיקייט פאַרבלייכט און מאַכט בלייפאַרביק די
ערד־זעק מיט זייערע לייב־גלאַנציקע און בייכיקע פלאַכן, וואָס זען
אויס ווי בלאָזן און געדערעם, נאַקעט אַוועקגעלייגטע אויף דער ערד.

אונטער מיר אין דער גרובן־וואַנט פאַרטיפט זיך אַן אויס־
הוילונג; דאָרט ליגט אַ הויפן אויסגעצויגענע זאַכן ווי אַ קופּע
ברען־האָלץ.

בוים־שטאַמען? ניין; דאָס זיינען מתים.

* * *

איך קוק מיר איבערן באַרג־וועג: ביסלעכווייז הייבן זיך אויף
די פייגל פון די בייטן, די מטושטשדיקע פעלדער באַקומען אַ פאָרם,
דאָס ליכט שפּראָצט אַרויס און בליט פון יעדן גרעזל. נידעריקער,
טיפער אונטער די אויפגעלעבטע פעלדער מיט זייערע הויכע ערד־
וואַלן און די אויסגעבּרענטע אויסהוילונגען אויף יענער זייט פון
די שורות אויסגעשטעלטע דראָנגלעך, איז נאָך אַלץ פאַרטרונקען
אין אַ שטייענדיקן נאַכט־ים און אויפן אָפּהאַנג, קעגנאיבער מיר, שטייט
נאָך כסדר די פינסטערניש אויפגעטורעמט ווי אַ שוואַרצע וואַנט.

דערנאָך, דריי איך מיך אויס און באַטראַכט די טויטע, וואָס שיילן זיך אויס ביסלעכווייז פון דער פינסטערניש און לאָזן דערקענען זייערע פאַרשטייפטע צעקאַליעטשעטע פאָרמען. פיר זיינען זיי. דאָס זיינען אונדזערע חברים לאַמיז, באַרק, ביקעט און דער קליינער עידאַר. דאָ, גאָר נאָענט לעבן אונדז, צעלייגן זיי זיך, פאַרלייגנדיק אויף אַ העלפט דעם געדרייטן און קויטיקן אויסשניט, וועלכן די לעבעדיקע באַמיִען זיך נאָך צו פאַרטיידיקן.

מ'האָט זיי אַנידערגעלייגט וו ס'האָט זיך געלאָזט; זיי דריקן און קוועטשן איינער דעם אַנדערן. דער אייבערשטער איז איינגעוויקלט אין אַ פּאַלאַטקע-לייוונט. אויף די אַנדערע פּנימער האָט מען אויסגעשפּרייט טאַשנטיכלעך; אָבער רייבנדיק זיך אָן זיי באַנאַכט אין דער פינסטער אָדער גאָר באַטאָג נישט אַכטונג געבנדיק, זיינען די טאַשנטיכלעך אַראָפּגעפאַלן און מיר לעבן פּנים-אל-פּנים מיט די טויטע, וואָס ליגן דאָ אָנגעהויפט ווי אַ לעבעדיקע האָלץ-קופּע.

* *

*

מיט פיר נעכט צוריק זיינען זיי צוזאַמען געהרגעט געוואָרן. איך געדענק קוים די דאָזיקע נאַכט, איך געדענק זי ווי אַ חלום. מיר זיינען געווען אויף פּאַטרול, זיי, איך, מעניל אַנדרעי און קאָפּראַל בערטראַנד. עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, צו ברענגען אויסקונפט וועגן אַ נייעם דייטלעכן האָרך-פּאָסטן, וואָס איז סיגנאַליזירט געוואָרן דורך די אַרטילערישע באַאָבאַכטער. אַרום האַלבע נאַכט זיינען מיר אַרויס פון אָקאָפּע און זיך אַראָפּגעלאָזט פון אָפּהאַנג, קריכנדיק אין אַ גלייכער שורה, דריי, אָדער פיר טריט איינער פון אַנדערן. אַזוי זיינען מיר אַראָפּגעקומען גאָר טיף פון באַרג-וועג ביז מיר האָבן שוין דערקענט דעם ראַנד פון זייער אונטערנאַציאָנאַלן דורכגאַנגס-גרובן, וואָס איז געלעגן האַרט פאַר אונדזערע אויגן ווי אַ פּלאַטשיקע געפּגרטע חיה. נאָכדעם, ווי מיר האָבן פעסטגעשטעלט

אַז אין דאָזיקן אָפּשניט געפינט זיך נישט קיין שום האָרן-פּאָסטן זיינען מיר צוריק אַרויפגעקלעטערט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער פאָרזיכטיקייט. כ'האָב געזען, די צעשווומענע געשטאַלטן פון מיין שכן פון רעכטס און מיין שכן פון לינקס, ווי זיי שלעפן זיך, גליטשן זיך פאַמעלעך ווי שאָטנדיקע זעקלעך, וויגן זיך ווי שלאַנגען, קייקלען זיך אין בלאָטע, שטופנדיק פאָרויס אין דער געדיכטער פינסטערניש די נאָדל-שפּיזן פון די ביקסן. קוילן האָבן איבער אונדז געפייפט, אָבער זיי האָבן אונדז אויסגעמיטן, ווי נישט אונדז מיינען זיי. אָנגעקומען אויף אַן אָרט, ווו ס'האָט זיך שוין אַרויסגעזען דער רוקן פון אונדזער ליניע, האָבן מיר אַ רגע דעם אָטעם געכאַפּט; איינער פון אונדז האָט אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ, אַן אַנדערער האָט עפּעס גערעדט. נאָך אַן אַנדערער האָט זיך מיטן גאַנצן קערפּער איבערגעדרייט און דערביי האָט זיין באַגנעט-שייד אַ קלאַפּ געטון אָן אַ שטיין. באַלד דערויף האָט פון אינטערנאַציאָנאַלן דורכגאַנגס-גרובן אַ שפּריץ געטון מיט גערויש אַ ראַקעטע. מיר האָבן זיך גלייך אויסגעצויגן אויף דר'ערד, זיך פלאַטשיק געמאַכט און פאַרצווייפלט געבליבן אַבסאָלוט אומבאַוועגלעך; אַזוי האָבן מיר געוואַרט, בשעת דער דאָזיקער שרעקלעכער שאָטן איז געהאָנגען איבער אונדז און אונדז געבאָדן אין העלן טאָג-ליכט, אויף אַ פינף און צוואַנציק אָדער דרייסיק מעטער ווייט פון אונדזער אָקאָפּע. דאַמאָלס האָט פון דער אַנדערער זייט פון באַרג-אָפּהאַנג אַ מיטראַליעזע גענומען אויסקערן דעם גאַנצן שטח, ווו מיר זיינען געלעגן. דער קאַפּראַל בערטראַנד און איך האָבן געהאַט דאָס גליק — אין מאָמענט ווען די ראַקעטע איז אויפגעשטיגן, אַ רויטע, איידער זי האָט זיך צעגאָסן אין ליכט — צו געפינען לעבן אונדז אַ גראַנאַטן-לאָך, ווו אַ האָלץ-געשטעל האָט זיך געוויקט אין דער בלאָטע; מיר האָבן זיך פלאַטשיק צוגעדריקט צום ראַנד פון לאָך, ווי ווייט מעגלעך פאַרזונקען אין דער בלאָטע, און דער נעבעכדיקער סקעלעט פון

פארפוילטן האָלץ האָט אונדז פאַרשטעלט. דער קוילן-שטראַל פון
דער מיטראַליעזע איז איבער אונדז אַ סך מאָל אַריבערגעגאַנגען. באַ
איטלעכן קנאַל האָבן מיר געהערט דאָס דורכדרינגענדיקע פייפן, די האַס-
טיקע טרוקענע קלעפּ פון די קוילן אָן דער ערד און אויך אַ טעמפּ, ווייך
קלאַטשן, באַגלייט מיט קרעכצן, מיט אַ קורץ געשריי און, פּלוצלינג, מיט
אַ לאַנגן שנאָרך פון אַ שלעפער — אַ שנאָרכן, וואָס אַמאָל טיפער,
שטאַרקער, דערנאָך שטופנווייז אויסגעלאָשן. געשטרייפט דורכן האָרי-
זאָנטאַלן קוילן-האָגל, וועלכער האָט געפלאָכטן זיין טויט-נעץ אויף אַ
פּאָר צענטימעטער איבער אונדז און טיילמאָל פאַרטשעפּעט אונדזערע
מלבושים, האָבן מיר, בערטראַנד און איך, זיך פלאַטשיקער געמאַכט
אַלץ מער און מער, נישט געוואַגט זיך איינצושטעלן מיט דער קלענס-
טער באַוועגונג, וואָס וואָלט אויף אַ האָר געקענט העכער מאַכן אַ
טייל פון אונדזער קערפּער, און — געוואַרט. ענדלעך איז די גיט-
ראַלעזיע פאַרשטומט געוואָרן און אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט
אַרום. אַ פערטל שעה נאָכדעם, האָבן מיר זיך ביידע אַרויסגעגליטשט
פון גראַנאַטן-לאָך, קריכנדיק אויף די עלנבויגן און ענדלעך ווי די
פּעקלעך צוריק אַריינגעפּאַקט זיך אין אונדזער האָרך-פּאָסטן. עס איז
געווען די העכסטע צייט, ווייל אין דעם מאָמענט האָט שנעל אויפ-
געשיינט די לבנה. מען האָט געמוזט בלייבן ליגן פאַרשטעקט אין
דער אָקאָפּע ביז אינדערפרי און דערנאָך ווידער ביזן אָוונט. די
מיטראַליעזן האָבן באַם אונטערברעך באַשפּריצט די ראַנדן פון די
אָקאָפּעס. דורך די שיס-לעכער איז, צוליב דער משופּעדיקייט פון
באָדן, אוממעגלעך געווען צו זען די אויסגעצויגענע גופים. חוץ
אויף וויפיל עס איז מעגלעך געווען צו זען אין מיין גבול, עפּעס
אַ מאַסע, ענלעך אויף אַ רוקן פון איינעם פון די הרוגים. אין אָוונט
האָט מען אונטערגעגראָבן אַ סאַפּע, כּדי צו דערגרייכן דאָס אָרט, וווּ
זיי זיינען געפאַלן. די דאָזיקע אַרבעט האָט נישט געקענט אויסגע-
פירט ווערן אין משך פון איין נאַכט; אין דער ...

איז די אַרבעט ווייטער פֿאָרטגעזעצט געוואָרן דורך די סאַפּיאָרן, ווייל מיר זיינען געווען אַזוי מיד־צעבראָכן, אַז מיר וואָלטן נישט געקענט, נישט איינשלאָפֿן אינדערמיט.

אויפֿוואַכנדיק פֿון אַ שטיינערנעם שלאָף, האָב איך געזען די פֿיר גופֿים, צו וועלכע די סאַפּיאָרן זיינען אונטנאַרום צוגעקומען ביז צום פֿלאַכן פֿעלד, צונויפֿגעבינדן זיימיט שטריק און אַריינגעצויגן אין סאַפּע. איטלעכער פֿון זיי האָט געהאַט פֿיל ווונדן איינע לעבן דער אַנדערער, די קוילן־לעכער אָפּגערוקט פֿון זיך אויף אייניקע צענטימעטער: די מיטראַליעזע האָט געשאָסן ענג. מעניל אַנדרעס קערפּער האָט מען נישט געקענט געפֿונען. זיין ברודער זשאָזעף איז שוער נישט משוגע געוואָרן כדי אים אויפֿצוזוכן; איינער אַליין איז ער אַרויס אויפֿן פֿרייען פֿעלד, וואָס איז אומאויפֿהערלעך באַשאָסן געוואָרן אין דער לענג, אין דער ברייט און קווער דורך אַ קרייצפֿייער פֿון די מיטראַליעזן. אינדערפֿרי האָט ער זיך באַוויזן איבערן וואַל־ראַנד, קריכנדיק ווי אַ שנעק, מיט אַ פּנים שוואַרץ ווי ערד און שרעקלעך פֿאַרענדערט.

מ'האָט אים צוריק אַריינגעשלעפּט. די באַקן צעריסן אָן שטעכעדיקן דראָט, די הענט פֿאַרבלוטיקט, שווערע בלאָטע־פּעניצן אין די פֿאַלדן פֿון די מלבושים, וואָס האָבן געלאָזט פֿון זיך אַ טויטן־ריח. ווי אַ משוגענער האָט ער כסדר איבערגעחזרט: „אין ערגעץ נישטאָ". ער האָט זיך פֿאַרוקט אין אַ ווינקל צוזאַמען מיט זיין ביקס, וועלכע ער האָט גענומען רייניקן, נישט געהערט, וואָס מע רעדט צו אים, און כסדר איבערגעחזרט: „אין ערגעץ נישטאָ".

שוין פֿיר נעכט זיינען פֿאַרביי זינט יענער נאַכט, און אַצינד זע איך די גופֿים ליגן און צייכענען זייערע פֿאָרמען אין באַגינען, וואָס קומט ווידער אַ מאָל אָפּשווענקן ס'ערדישע גיהנום.

באַרק, אַ פֿאַרשטאַרטער, איז אָן אַ מאָס אויסגעוואַקסן. זיינע אָרעמס ליגן האַרט לענגאויס דעם קערפּער, די ברוסט איז איינגע־

פאַלן, דער בויך אויסגעהוילט ווי אַ שיסל. מיטן קאָפּ אונטערגע-
שפּאַרט אויף אַ הויפן בלאָטע, קוקט ער איבער די פיס אַדורך אויף
די, וואָס קומען אָן פון לינקס; זיין פּנים איז פינסטער, באַדעקט
מיט קלעפּיקע פלעקן פון אַראָפּהענגענדיקע האָר און אויסגעקריצט
מיט שטיקלעך שוואַרץ פאַרגליווערט בלוט; די אויגן אויסגעבראָט,
בלוטיק און ווי אויסגעקאָכט. עיקר, פאַרקערט, זעט אויס גאָר
קליין און זיין קליינטשיק פּנימל איז אינגאַנצן ווייס, אַזוי ווייס, ווי
אַן אייגעמעלט פּנים פון אַ פּיעראָט, און ס'פאַרקלעמט בײַם האַרץ
זיך צוצוקוקן צום דאָזיקן קײַלעכדיק-ווייסן פּאַפּיר-פּלעק אין דער
גרויער און בלויער מתים-קופּע. דער ברעטאָנער ביקעט, פול און
פירעקעכדיק ווי אַ שטיין-פּליטע, זעט אויס ווי אָנגעצויגן אין אַן
אומגעהייערער אָנשטרענגונג: ווי ער וואָלט וועלן אונטערהייבן
דעם נעפּל; די דאָזיקע קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונג צעגיסט זיך אין
אַ גרימאַסע איבער זיין פּנים, אַרויסשטופּנדיק די באַקנביינער און
אַרויסזעצנדיק דעם שטערן, פאַרקרימט אים אָפּשיילעך, שיינט ער-
טעהווייז אויפצושטעלן זיינע מיט ערד באַדעקטע און אויסגעטריקנטע
האָר, צעשפּאַלט זיינע קינבאַקן ווי צו עפּעס אַ טיוואַלישן געשריי,
רייסט ביים פונאַנדערזיינע אויגן-לעדער איבער די טריבע, פאַר-
לאָפענע, קיזל-שטיינערנע אויגן; און די הענט זיינע זייגען צונויפגע-
קאַרטשעט פון קראַצן דעם ליידיקן חלל.
באַרק און ביקעט האָבן לעבער אין בויך, עיקר אין האַלדז.
דאָס שלעפּן און ציען האָט זיי נאָך מער צעהרגעט. דער דיקער
לאַמיז, אָפּגעגאַנגען אין בלוט, האָט געהאַט אַן אָנגעשוואָלן, גע-
פאַלדעוועט פּנים, אין וועלכן די אויגן זיינען שטופּנווייז פאַרזינקען,
איינס טיפער ווי ס'אַנדערע. ער איז איינגעוויקלט אין אַ פּאַלאַטקע-
לייוונט, וואָס איז דורכגענעצט מיט אַ שוואַרצלעכן פלעק אויפן אָרט
פון האַלדז. דער רעכטער אַקסל איז בײַ אים פילפאַכיק צעהאַקט
פון קוילן און די האַנט איז צוגעבונדן צום קערפער מיט אַ פּאָר

בויטן פון אַרבל און שטריקלעך. און די נאַכט, ווען מ'האָט אים דאָרט אַנידערגעלייגט, איז דער דאָזיקער אָרעם אַראָפּגעהאָנגען, אַרויסשטאַרנדיק פון דער קופּע מיט אַ האַנטפול צעבויפּגעקוועטשטע ערד און אָנגעריירט די פנימער פון די פאַרבייגייער. האָט מען צו-געטשעפּעט דעם אָרעם צום מאַנטל.

אָבער פון די רעשטלעך פון די דאָזיקע באַשעפענישן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך אַזוי איינגעלעבט און אַזאַ לאַנגע צייט צוזאַמען געליטן, הייבט זיך אויף ביסלעכווייז אַ פעסט-וואָלקן.

ווען מיר זען, זיי זאָגן מיר: „אַלע פיר זיינען טויט". זיי זיי-נען אָבער צו שטאַרק פאַרענדערט מיר זאָלן באמת טראַכטן: „דאָס זיינען זיי". אַז מיר קערן זיך אָפּ פון די דאָזיקע אומבאַוועגליכע פאַרזעענישן, דערפילן מיר ערשט דעם ליידיקן חלל, וואָס זיי לאָזן צווישן אונדז און די בשותפותדיקע און איצט איבערגעריסענע איבערלעבענישן.

די פרעמדע פון אַנדערע קאָמפּאַניעס, אָדער פון אַנדערע פּאָלקן, וואָס גייען דאָ פאַרביי באַטאָג — באַנאַכט, שפּאַרט מען זיך אָן נישט קלערנדיק אויף אַלעם, וואָס קומט אונטער דער האַנט, טויט צי לעבעדיק — טון אַ שפּרינג צוריק פאַר די דאָזיקע מתים, וואָס ליגן אָנגעוואָרפן איינער אויפן אַנדערן אין מיטן אָקאָפּ. טיילמאָל ווערן זיי אין כעס:

— אַן איינפאַל אַזוי צו לאָזן בר-מננס!

— אַ חרפּה און אַ שאַנד!

דערנאָך אָבער גיבן זיי צו:

— נו יאָ, אמת, מע קען זיי פון דאַנען נישט אַוועקנעמען.

דערווייל זיינען זיי באַגראָבן בלויז באַנאַכט.

ס'איז געוואָרן שפּעט. אַנטקעגניבער דערזעט מען דעם אַנדערן אָפּטייל פון באַרג-טאָל: די הייך 119, אַן אָפּראַזירט, אָפּגעשיילט, אָפּ-געקראַצט בערגל. אין אַרומיקע פון דורכגאַנגס-גרובן שלענגלט זיך

דורך און פּאַראַלעלע אָקאָפּעס שטרייפן זי דורך און אַנטפּלעקן דעם נאַקעטן ליים-גרונט און קריידיקע ערד. ס'באַוועגט זיך דאָרט גאָרנישט, און אונזערע גראַנאַטן, וואָס שלאָגן זיך אָן דאָ און דאָרט און צעשפּריצן זיך מיט אַ ברייטן שוים ווי אומגעהייערע כוואַליעס דאַכט זיך, דערלאַנגען זייערע הילכעקע קלעפּ אין אַ פאַרוואָרלאָזטן חרוב-געוואָרענעם האַפן-וואַל.

מיין וואַך-צייט איז געענדיקט. פון זייערע ערד-באַהעלטעגישן קריכן אַרויס די אַנדערע, וואָס זייער רייע איז געקומען און לאָזן זיך שלאַבעריק אַראָפּ. זיי זיינען איינגעהילט אין פייכטע טריפנדיקע פּאַלאַטקע-לייוונטן, געשטרייפט ווי זעבּרעס און אויסגעשמירט מיט בלאָטע, און זייערע צורות זיינען בלייכע, צעשוווּמענע. דער צווייטער פּלוטאָן פאַרנעמט די שטענדערס בײַ די שיס-לעכער. מיר וועלן האָבן רו ביז אָוונט.

מע גענעצט, מע שפּאַצירט אַהין-און-צוריק. ס'גייט פאַרביי אַ באַקאַנטער, נאָך איינער. אָפּיצירן דרייען זיך אַרום מיט פּעריס-קאָפּן און זע-רערן. מיר קומען צו זיך און מע לעבט ווייטער. די אַלטעגלעכע שמועסן גייען ווידער אין פולן גאַנג. און ווען נישט דאָס צעריסענע לאַנדשאַפט, די צעשאָסענע גרובן-ראַנדן, וואָס האַלטן אונדז פאַרבאָרגן אין אָפּהאַנג פון באַרג-טאָל, ווען אויך נישט דאָס אויפגעצוווּנגענע שטילע רעדן, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז מיר געפינען זיך אויפן טיל. דאָך ליגט אַ מידעקייט איבער אונדז אַלע, די פּנימער זיינען געל, די אויגן-לעכער פאַרוויטלט; פון צופיל וואַכן זיינען בײַ אונדז די קעפּ ווי נאָך אַ לאַנגן וויינען. צייט אַ פּאָר טעג זיינען מיר אַלע איינגעהויקערט און געעלטערט.

איינער נאָכן אַנדערן זיינען מיר זיך אַלע פון אונדזער אָפּטיילונג צונויפגעקומען בײַם אויסבייג פון דער אָקאָפּע. מיר האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אויף אַן אָרט, ווו דער באָדן איז אינגאַנצן קריידיק און ווו די ערד-אַרבעטן אונטער דער ערד-שאָלעכץ, וואָס איז

דורכגעצויגן מיט איבערגעהאַקטע בוים-וואָרצלען, האָבן אויפגעזעקט ווייסע שטיין-שיכטן, וואָס זיינען דאָרט רויק געלעגן אין שאָטן הונדערטער טויזנטער יאָרן.

אָט דאָס שטיקל אָרט איז דאָס מקום-מנוחה פון בערטראַנדס אָפּטיילונג. באַם היינטיקן טאָג איז עס שטאַרק פּאַרקלענערט, ווייל, שוין נישט רעדנדיק פון די טויטע פון יענער נאַכט, האָבן מיר נישט מער פּאָטערלאָן, וואָס איז געפאַלן בשעת אַן אָפּלייזונג, נישט קאַדיליאַקן, פאַרוווּנדעט אין אַ פוס דורך אַ שראַפּנעל-שפּליטער דעם זעלבן אָוונט, וואָס פּאָטערלאָ (ווי ווייט דאָס אַלץ זעט שוין אויס!), נישט טיכלואַרן, נישט טילאַק, וועלכע מ'האָט אָפּגעשיקט איינעם צוליב דיזענטעריע און דעם אַנדערן צוליב אַ לונגען-אַנצינדונג, וועלכע נעמט אָן אַ געפערלעכן כאַראַקטער — ווי ער שרייבט אין זיינע פּאָסטקאַרטלעך, וואָס ער שיקט אונדז, כדי צו פאַרטרייבן דאָס לאַנגווײַלן פון צענטראַלן שפּיטאָל, ווו ער וועגעטירט.

און נאָכאַמאָל זע איך זיך צונויפקומען און דערנענטערן, אויסגעשמירטע מיט ערד און שמוציקע פון גרויען רויך, וואָס טראָגט זיך אין דער לופטן, די גוט-באַקאַנטע פּנימער און געשטאַלטן פון די, וואָס האָבן זיך נאָך נישט צעשיידט פון אָנהייב אָן — ברידערלעך צונויפגעקייטלט און געקניפּט איינער מיטן אַנדערן. אַצינד זיינען אָבער די דאָזיקע הייל-באַוווינער ווינציקער ווי פריער, פאַרשידנאַרטיק אין זייער הילוך...

דער פּאָטער בלער ווייזט אין זיין אָפּגענוצט מויל אַ שורה ציינער, בלאַנקענדיקע ציין — אַזוי, אַז פון זיין גאַנצן נעבעכדיקן פּנים זעט זיך אַרויס בלויז דאָס דאָזיקע יום-טובדיקע געביס. די דאָזיקע ניי-אַריינגעזעצטע ציין, צו וועלכע ער געוויינט זיך צו ביסלעכווייז און באַנוצט זיך מיט זיי אַצינד טיילמאָל באַם עסן, דאָס דאָזיקע געשעעניש האָט גרונטלעך פאַרענדערט זיין כאַראַקטער און זיינע מנהגים: ער איז שוין כמעט נישט מער שוואַרץ אויסגעשמירט

און נאַכלעסיק אָפּגעלאָזן, געוואָרן שענער, פּילט ער שוין אַ באַדערפעניש זיך צו פּוצן. אין איצטיקן אויגנבליק איז ער אָנגעבלאָזן, אפשר דערפאַר — ווונדער איבער ווונדער! — ווייל ער קען זיך נישט אָפּוואַשן. פאַרגראָבן אין אַ ווינקל, עפּנט ער האַלב אַ מאָט אויג, קייט און גריזשעט זיין וואָנסע ווי אַ כעסניק — אַמאָל דאָס איינציקע צירונג פון זיין פּנים — און שפּייט אויס פון צייט צו צייט אַ האָר.

פּיִאַד, אַ פּאַרקילטער, קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן אָדער געגעצט אָן אָפּהענטיקער, אָן אָפּגעבאַרעטער. מאַ טעראָ האָט זיך גאָרנישט פאַרענדערט: אַלץ נאָך (באַבערדלט) באַוואַקסן, קיילעכדיקע בלויע אויגן, קורצע פיסלעך, אַזעלכע קורצע, אַז עס דאַכט זיך כסדר, אַז ער פאַרלירט די הויזן און זיי פאַלן אים איבער די פיס. קאָקאָן איז אַלץ דער זעלבער קאָקאָן, מיט זיין טרוקענעם פאַרמעטענעם קאָפּ, ווו אינעווייניק אַרבעטן מעשים ציפערן; אָבער שוין אַן ערך אַ וואָך צייט פּרוכפּערן זיך בײַ אים אומגעהייער די לייז, וואָס די שפּורן פון זייערע חרבנות זען זיך אָן בײַם האַלדז און בײַ די האַנט-קנעכלעך; אויף לאַנגע שעהן איזאָלירט ער זיך אין זיין קאַמף

האַנט-קנעכלעך; אויף לאַנגע שעהן איזאָלירט ער זיך אין זיין קאַמף קעגן זיי און ווען ער קומט נאָכדעם צוריק, קאָכט אַלץ אין אים פאַר כעס פאַראַדיז בלייבט כסדר בײַ זיינע שיינע קאָלירן און בײַם גוטן הומאָר; ער איז אומפאַרענדערלעך אין נוצט זיך נישט אָפּ. מען מוז שמייכלען, ווען מען דערזעט אים פון דערווייטנס אָנקומען מיט זיין אויסזען פון אַ פרישן אַפּיש אויפן פאָן פון די ערד-זעק. אויך פּעפּין איז לגמרי נישט פאַרענדערט; מען דערקענט אים פון הינטן אָן דעם רויט-ווייסן שאָך-ברעטל און אָן דער צעראַטע אויפן רוקן פון פאָרנט באַייזט ער אַלץ זיין מעסער־שאַרף פּנים מיט די קאַלטע גרויע בליקן ווי דער שימער פון פיש־שיפּן. אויך וואָלפּאַט איז נישט אַנדערש געוואָרן מיט זיינע געטרעס, מיט דער קאָלדרע אויף די פּלייצעס מיט זיין אַנאַמיטן־פּנים טאַטוירט מיט שמוץ; אויך נישט טיכערט, כאָטש פון אַ געוויסער צייט איז ער צעטראָגן צוליב —

געַן קען נישט וויסן זייער געהיימע צַפּשטאַמונג — עפּעס בלוט־ רויטע מעדעמלעך אין אויג. פאַרפּאַדעט האַלט זיך פון דערווייטן, אַ פּאַרטראַכטער, ווי וואַרטנדיק אויף עפּעס. בשעתן פּאַרטיילן פון בריוו כאַפּט ער זיך אויף פון זיין פאַרחלומטקייט און גייט אַהין, דערנאָך פאַרגייט ער ווידער אין זיך. זיינע ביוראָקראַטישע הענט שרייבן זאָרגפעלטיק אָן אַ שיער פּאָסט־קאַרטלעך. ער ווייסט נישט וועגן איידאָקסיעס סוף. לאַמיז האָט מער מיט קיינעם נישט גערעדט וועגן זיין לעצטער שרעקלעכער אומאַרמונג פון איר קערפּער. לאַ־ מיז — כ'האָב עס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען — האָט באַדויערט, וואָס ער האָט מיר יענעם אָוונט איינגערוימט אויפן אויער זיין סוד און זיין טויט. האָט ער מיט אַ פּאַרעקשנטער צניעות טיף באַהאַלטן אין זיך דאָס דאָזיקע שרעקלעכע געהיימניש. דערפאַר טאַקע לעבט נאָך אַלץ פאַרפּאַדעט ווייטער מיט יענעם בלאָנד־האָריקן בילד פאַר די אויגן, מיט וועלכן ער צעשיידט זיך נאָר דאַמאָלס, ווען ער קומט מיט אונדז אין באַרירונג דורך אַ פּאָר קורצע ווערטער. קאַפּראַל גערטראַנד דרייט זיך תמיד צווישן אונדז מיט זיין ערנסטן מאַרס־ אויסזען, תמיד גרייט מיט זיין רויקן שמייכל, צו ענטפערן דעם, וואָס פרעגט אים, קלאָר און דייטלעך און איטלעכן מיטצוהעלפן דערפילן זיין פליכט.

מען שמועסט צווישן זיך ווי פריער, ווי אין פריערדיקע צייטן. נאָר דער מוז צו רעדן שטילערהייט מאַכט אַ ביסל שלעכטער אונד־ זערע געשפּרעכן און גיט זיי צו אַן אַבלדיקע רויקייט.

* *

*

איין זאַך איז נישט נאָרמאַל: שוין דריי חדשים געדויערט דער אויפהאַלט פון יעדער קריגס־איינהייט אין דער ערשטער לי־ ניע פיר טעג. און אַט זיינען מיר שוין דאָ פינף טעג און מע הערט נאָך גאָרנישט מכוח אַן אָפּלייזונג. ס'קומען אָן עפּעס ידיעות וועגן

אַ פֿאָרשטייענדן אָנגריף; זיי שטאַמען פֿון די פֿאַרבינדונגס-און פּראָוויאַנט-זעלנער; די לעצטע בריענגען אונדז יעדע צווייטע נאַכט — און דאָס נישט אַלעמאָל פּינקטלעך — אונדזערע פּאָרציעס. נאָך אַנדערע סימנים באַשטעטיקן די אָפּענסיווע-קלאַנגען: דאָס אָפּשטעלן די אורלויבן, די בריוו, וואָס קומען נישט אָן מער; אויך די אָפֿיצירן זיצן באַשיינפּערלעך נישט מער די זעלבע: ערנסטע און מער ווי אַלעמאָל נענטער צו אונדז. די געשפּרעכן אָבער אויף דער טעמע פֿאַרענדיקן זיך שטענדיק מיט אַ קוועטשן פֿון די אַקסלען: דעם זעלנער זאָגט מען קיינמאָל נישט, פֿאַרויס, וואָס מע גייט מיט אים טון; די אויגן פֿאַרבינדט מען אים מיט אַ טיכל און מע נעמט עס אַראָפּ ערשט די לעצטע רגע. ס'הייסט:

— מ'עט שוין זען.

— לאָמיר קוקן ס'גרייטע!

מע קלערט נישט וועגן דער פֿאַרגעפֿילטער טראַגישער געשעניש. צי איז עס די אוממעגלעכקייט משיג צו זיין דעם גאַנצן פֿאַרנעם דערפֿון, צו אַ מין אָפּ ליסטונג אַריינצוגריבלען זיך אין די באַפֿעלן, וואָס זיינען פֿאַר אונדז אַ פֿאַרחתמעט בוך, צי אַ רעזיגנירטע ז אָרגלאָזיקייט, צי גאָר אַ פֿעסטער גלויבן, אַז אויך דאָסמאָל וועט ז' געפֿאַר אונדז אויסמיידן? ווי עס זאָל נישט זיין, נישט קוקנדיק אויף אַלע בשורה-צייכנס אויך די נביאישע שטימען, וואָס ווערן, דאַכט זיך, מקוים, פֿאַלט מען אַנידער אויטאָמאַטיש און מע באַשעפֿטיקט זיך מיט דעם, וואָס האָט פֿאַר אונדז אַצינד אַ דירעקטן אינטערעס: הונגער, דורשט, לייז — וואָס אַלעמענס נעגל זיינען פֿאַרבלוטיקט פֿון צעקניקן זיי, און די שרעקלעכע מידעקייט, וואָס צעברעכט אונדז אַלעמען.

— האָסט געזען זשאָזעפֿן הייַנט אינדערפֿרי? — זאָגט וואָל, פֿאַט | ר'עט נישט לאַנג אָנטרייבן, דער קליינער.

— וועסט זען, ער וועט זיך אַ מעשה אָנטון. ר'איז פֿאַרטיק

זאָג איך דיר, דער יונג. באַ דער צושטער, בעסטער געלעגנהייט, זעצט ער זיך אַ קויל אין קאָפּ אַריין, ווי דו זעסט מיך לעבן.

— און ס'איז טאַקע דאָ פון וואָס משוגע צו ווערן אויפן גאַנצן לעבן! זעקס ברידער זיינען זיי געווען, פאַרשטייסטו מיך. פיר ליגן שוין מיט די קאָפּעטעס אַרויף: צוויי אין על־זאַס, איינער אין שאַמפּאַן און איינער אין די אַרגאָנען. אויב אַנדרע איז אויך געהרגעט, איז עס שוין דער פינפטער.

— ווען ער וואָלט געהרגעט געוואָרן, וואָלט מע דאָך געפינען זיין קערפּער, מ'וואָלט דאָך אים געזען פון באַאָבאַכטונגס־פּונקט. בחנם דרייסטו אַ תחת. איך זאָג אייך מיין מיינונג, אַז דאַמאָלס, ביינאַכט אויף פּאַטראָל, ווען זיי זיינען געהרגעט געוואָרן, האָט ער זיך פאַרבלאָנדזעשט באַם אומקערן אַהיים. מיינער איז פאַרקראָכן אוודאי ווי אַ בלינד פערד און — גלייך אַריינגעפאַלן אין די דייטשישע ליניעס.

— אפשר האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין זייערע דראָטן.

— וואָלט מע דאָך אים געפינען, זאָגט מען דיר, ווען ער וואָלט געהרגעט געוואָרן. ס'פאַלט דאָך דיר נישט איין, אַז ס'זאָל ווירקלעך אַזוי זיין, אַז די יעקעס זאָלן צונעמען זיין קערפּער. איבעריקנס האָט מען דאָך אומעטום געזוכט. און אַז מ'האָט אים שוין טאַקי נישט געפונען איז דאָך די בעסטע ראיה אַז, צי פאַרוונדערט צי נישט, איז ער אַריינגעפאַלן אין זייערע לאַפּעס.

די דאָזיקע סברה, וואָס איז אַזוי לאָגיש, ווערט אָנגענומען — און אַציגד, ווען מע ווייסט, אַז אַנדרע מעגייל איז געפאַנגען, הערט מען זיך אויף מיט אים צו אינטערעסירן. זיין ברודער אָבער דערוועקט נאָך כסדר אַ רחמנות.

— אָרעם קינד, נאָך אַזוי יונג!

און די זעלנער פון דער אָפּטיילונג קוקן אים נאָך בגנבה.

— כ'שטאַרב עסן! — זאָגט פלוצלינג קאָקאָן.

אזוי ווי די צייט פון דער זופּ איז שוין פאַרביי, פאָדערט מען זי. און זי געפינט זיך דאָ, ווייל ס'איז דאָך דאָ שיריים דער־פון, וואָס מ'האָט נעכטן געברענגט.

— וואָס מיינט ער מיט זיך דער קאַפּראַל, וואָס ער לאָזט אונדז שלינגען ס'שפּייעכץ? אָט איז ער. כ'על[ן] באַלד דערציילן. הע! קאַפּראַל, מיינסט אַ פּנים אונדז אויסצוהונגערן?

— צו פּיקן גיב אַהער! — שרייט נאָך אַ הייפל פון די איי־ניק הונגעריקע.

— כ'גיי שוין — ענטפערט בערטראַנד, אַ פאַרהאָרוועטער, און וועלכער רוט נישט באַטאָג און באַנאַכט.

— כ'האָב אַן עסק! — מאַכט פּעפּין, שטענדיק אַ צולהכעיס־ניק — עס נעמט מיך נישט דאָס ביסל אויף איין צאָן; טאַקע נאָך היינט עפן איך אַ שאַכטל פלייש־קאָנסערוון

און אויף דער אויבערפלאַך פון דער דראַמע הייבט זיך ווידער אָן די טאָג־טעגלעכע זופּן־קאָמעדיע.

— רירט נישט דעם עס־זאַפּאַס! — זאָגט בערטראַנד. — ווי־נאָר כ'קום צוריק פון קאַפּיטאַן, גיב איך אייך עסן.

ווען ער קומט צוריק ברענגט ער ס'עסן, פאַרטיילט עס און מ'עסט קאַרטאָפל און ציבעלעס־סאַלאַט. בשעתן קייען ציען זיך פּו־נאַנדער אונדזערע פּנימער און די אויגן קוקן באַרויקטער.

פאַראַדיז האָט צום עסן אָנגעטאָן אַ מיצל. ס'איז לגמרי נישט דאָס אָרט און די צייט דערפאַר, אָבער דאָס מיצל איז נאָך אינגאַנצן ניי פון דער שניידער, וואָס זאָגט עס אים צו שוין פון דריי חדשים, האָט עס אים געגעבן ערשט דעם טאָג, ווען מיר זיינען געגאַנגען אין דער ערשטער ליניע. מיטן דאַזיקן צוויי־שפּיציקן, ווייכן היטל פון קנויל־בלויען טוך, וואָס ליגט אויף זיין גוטמוטיקן, בליענדיקן קאָפּ, זעט ער אויס ווי אַ פּאַפּיר־טייגענער זשאַנדאַרם מיט גלאַנציקע בעק־

לעך. הגם שטאַרק פאַרטון אין דער אַכילה, קוקט מיך פאַראַדיז שאַרף אָן. איך גיי צו.

— ס׳איז דיר צום פּנים.

— נאַרעשקייטן — ענטפערט ער. — כ׳האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן. קום נאָר אַ ווײַלע.

ער שטרעקט אויס די האַנט צו זיין האַלב־פול בעכערל, וואָס שטייט לעבן זיין געפעס און אַנדערע זאכן, שלאָגט זיך מיט דער דעה, ענדלעך דעצידירט ער זיך צו באַוואָרענען דעם ווײַן אין זיין גאָרגל און דאָס בעכערל אין זיין קעשענע. ער גייט אָפּ.

איך גיי אים נאָך. אין גאַנג נעמט ער נאָך זיין העלם, וואָס ליגט מיטן מויל אַרויף אויפן ערד־בענקל. אָפּגייענדיק אַ צען טריט, דערנענטערט ער זיך צו מיר, און זאָגט צו מיר גאָר שטיל, מיט א מאָדנעם אויסזען, נישט קוקנדיק אויף מיר, ווי ער טוט שטענדיק, ווען ער איז שטאַרק גערירט:

— איך ווייס ווו מעניל אַנדרע איז. ווילסטן זען? קום.

באַ די ווערטער טוט ער אויס זיין מיצל, לייגט עס אייַן, לייגט עס אין קעשענע און טוט אָן דעם העלם. ער גייט ווייטער. איך גיי אים נאָך, נישט רעדנדיק קיין וואָרט.

ער פירט מיך אַוועק נאָ אויף אַ פופציק מעטער ביז צום אָרט, וו ס׳געפינט זיך אונדזער בשותּפותדיקע זיכער־הייל, מיט דעם זעק־בריקל, אונטער וועלכן מע מוז זיך דורכקוועטשן, האָבנדיק יע־דעס מאָל דאָס געפיל, אז אָט, אָט וועט די דאָזיקע משא אונדז אייַנפאַלן אויפן רוקן. אויף יענער זייט בריקל איז דאָ א הוילער רוים, באַ דער זייט פון דער אָקאָפּע, מיט אַ טרעפל פון געפלאָכ־טענע צווייגעלעך אויסגעבעט מיט ליים. פאַראַדיז גייט אַרויף אויפן טרעפל און ווינקט כ׳זאָל אים נאָכגיין אויף דער דאָזיקער שמאָלער און גליטשיקער פלאַטפאָרם. פריער איז דאָ געווען אַ שיס־לאָך פאַר אַ הויך־פאָסטן, אַצינד איז עס צעשטערט. דאָס שיס־לאָך האָט מען

אראָפּגעלאָזט נידעריקער און פאַרזען מיט צוויי קוילן-אָפּוועררס, מע מוז זיך איינבייגן, כדי נישט איבערצושטייגן מיטן קאָפּ די דאָזיקע איינריכטונג.

פאַראַדיז זאָגט צו מיר, כסדר אַלץ גאָר שטיל:

— די דאָזיקע צוויי שיצערס זיינען מיין מלאכה, כדי צו קענען אַרויסקוקן — ווייל מיר איז עפּעס איינגעפאַלן, און כ׳האָב געוואָלט זען. לייג נאָר צו ס׳אויג צו דעם לאָך דאָ.

— כ׳זע גאָרנישט. דער אָנזיכט איז פאַרשטעלט. וואָס איז דאָס אַזוינס דאָס פּעקל שטאָף?

— ער איז עס — זאָגט פאַראַדיז.

אָ! אַ מת איז עס געווען, אַ מת, וואָס זיצט אין אַ לאָך, שרעקלעך נאָענט...

ווען כ׳האָב האַרט צוגעדריקט ס׳פּנים צו דער שטאָל-פּליטע און צוגעקלעבט מיין אויג-לעדער צום לאָך פון קוילן-אָפּוועררער, האָב איך אים איינגאַנצן דערזען. ער איז געווען איינגעקאָרטשעט, דעם קאָפּ אַראָפּגעהאָנגען צווישן די פיס,ביידע אָרעמס אַרויפגעלייגט אויף די קני׳ען, די הענט האַלב צוגעמאַכט, האַקנאַרטיק, און — גאָר נאָענט, גאָר נאָענט! — האָט מען אים דערקענט, טראָץ דעם, וואָס די אויגן זיינען געווען אַרויס פון די אויגן-לעכער, מאַטע און סקאָשעוואַטע, די באָרד — קלעפּיק, און ס׳מויל — פאַרקרימט און אַרויסגעשטשירעט די ציין. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט גלייכצייטיק אי געשמייכלט, אי געקרימט זיך צו דער ביקס, וואָס איז געשטאַנען קעגניבער אים, אַ פאַרבלוטיקטע. זיינע נאָך פאַרנט אויסגעשטרעקטע הענט זיינען געווען פון אויבן איינגאַנצן בלוי און פון אונטן שאַרלאַך-רויט, ווי אויסגעשמירט מיט אַ פייכטער גהינמדיקער פורפור-שיין.

ס׳איז געווען ער, אָפּגעשווענקט פון רעגן, אויסגעשמירט מיט בלאָטע און מיט עפּעס אַ מין שוים, פאַרפּאַטשקעט און מוראדיק

בלייפ, ליגנדיק אַ טויטער שוין פיר טעג האַרט לעבן אונזער גרובן ראַנד. וועלכן דאָס גראַנאַט־לאָך? ווו ער איז פאַרשאָטן געוואָרן, האָט איינגעריסן. מ׳האָט אים נישט געפונען, ווייל ער איז געווען צו נאָענט! צווישן דעם דאָזיקן מת, פאַרלאָזט אין אַן איבערמענטשלעכער איינזאַמקייט, און די מענטשן וואָס באַוועגן די זיכער־הייל, איז נישטאָ מער ווי אַ דין ערד־ווענטל. און כ׳גיב מיר אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז דאָס אָרט, ווו כ׳ליג דעם קאָפּ באַם שלאָפן, גרענעצט זיך מיטן אָרט, ווו ס׳איז פאַרשטעקט דער דאָזיקער שרעקלעכער קערפּער.

כ׳רייס אַוועק מיין פּנים פון קוק־לעכל.

פאַראַדיז מיט מיר קוקן זיך דורך.

— מע דאַרף אים נאָכנישט זאָגן — שושקעט מיין חבר.

— אַוודאי נישט. באַלד נישט...

— כ׳האָב גערעדט מיטן קאַפּיטאַן, מ׳זאָל אים באַזוכן; האָט ער אויך געזאָגט: „מע דאַרף נישט באַלד דעם קליינעם דערציילן".

אַ לייכט ווינטל האָט אַ בלאָז געטון.

— מע פילט דעם ריח!

— נאָך ווי!

מיר עטעמען אים איין; ער דרינגט אַריין אין אונדזערע געדאַנקען און פאַרקלעמט אונדז באַם האַרץ.

— אַזוי, אַזוי — זאָגט פאַראַדיז — וואָס בלייבט איצט איינער פון זעקס ברידער, און ווייסט וואָס נאָך כ׳על דיר זאָגן, וואָס: מיר דאַכט זיך ער וועט נישט לאַנג אָנטרייבן. דער בחור וועט זיך גאָרנישט שאַנעווען, ט׳זיך אַליין לאָזן דערשיסן. איין ישועה פאַר אים ס׳זאָלן פון הימל אַראָפּפאַלן עפּעס אַ גוטע וווּנד, ווי באַלד נישט, איז אַ גוטן טאָג מיטן. זעקס ברידער, דאָס איז שוין צו פיל. דאָס. וואָס, און דו האַלטסט נישט, אַז ס׳איז שוין צופיל?

ער גיט צו:

— ס׳איז ווונדערבאַר, ווי נאָנט פון אונדז ער איז געווען.

— זיין אָרעם ליגט אויפן אָרט, וווּ ס׳איז מיין צוקאָפּנס.

— יאָ, — זאָגט פּאַראַדיז — זיין רעכטער אָרעם, מיט אַ זייגערל אויפן האַנט-קנעכל.

אַ זייגערל... כ׳בלייב שטיין... צי איז עס אַן איינבילדונג, צי איז עס אַ חלום?... מיר דאַכט, יאָ, איצט דאַכט זיך מיר עס גאַנץ קלאָר, אַז מיט דריי טעג צוריק, יענע נאַכט, ווען מיר זיינען אָווי מיד געווען, האָב איך פאַרן איינשלאָפן געהערט ווי אַ טיק-טאַק פון אַ זייגערל און כ׳האָב אַפילו נאָכגעקלערט פון וואַנען דאָס קען קומען.

— ס׳איז אַוודאי געווען אָט דאָס זייגערל, וואָס האָסט געהערט קלאַפּן איבערן ערד-ווענטל — זאָגט פּאַראַדיז, ווערלכן כ׳האָב דער-ציילט וועגן וואָס כ׳קלער. — דאָס טוט און גייט זיך ווייטער זיין גאַנג אַפילו ווען דער מענטש האָט זיך שוין אָפּגעשטעלט. אַזאַ מאַשינדל ווייסט נישט פון קיין גליקן און לעבט זיך אויס במנוחה ס׳ביסל צייט, וואָס אים איז באַשערט.

איך האָב מיך געפרעגט:

— ער האָט בלוט אויף די הענט; אָבער ווו איז ער געטראָפן?

— כ׳ווייס נישט, כ׳גלייב, אַז אין בויך. מיר דאַכט זיך, דאָרט האָט ער געהאַט עפּעס שוואַרצס. און אפשר אין פּנים. צי האָסטו נישט באַמערקט אַ קליין פלעקל אויף דער באַק?

איך דערמאַן מיך נאָכאַמאָל דאָס גרוי-גרינע און אָפּגעשאָבע-נע פּנים פון טויטן.

— יאָ, אין אמתן, ער האָט געהאַט עפּעס אויף דער באַק, יאָ, אפשר איז דאָרט אַריין די קויל...

— פּאָרזיכטיק! — זאָגט מיר מיט אַ מאָל פּאַראַדיז — אַט איז ער! מיר וואָלטן נישט געדאַרפט דאָ צו בלייבן שטיין און דאָך בלייבן מיר, אומאַנטשלאָסן, צערודערט, בעת זשאָזעף

מעגיל גייט צו גלייך צו אונדז. נאָך קיינמאָל איז ער אונדז נישט פאָרגעקומען אַזוי שוואַכלעך. שוין פון ווייטן זעט מען זיין בלייכקייט, זיינע אָנגעשטרענגטע, איינגעצויגענע שטריכן. ער גייט איינגעבויגן און פּאַמעלעך, דערדריקט דורך אַן אומענדלעכער מידעקייט און אַ נאָגעדיקן געדאַנק.

— וואָס ווייזט איר עפּעס אויפן פּנים ? — פרעגט ער מיך.

ער האָט באַמערקט, ווי כ׳האָב געוויזן פּאַראַדיזן ס׳אָרט פון דער קויל.

איך מאַך מיך גאָרנישט פאַרשטיין, דערנאָך גיב איך אים עפּעס אַן אויסמיידנדיקן ענטפער.

— אַזוי ! — ענטפערט ער צעשטרייט.

אַן אַנגסט באַפאַלט מיך אין דעם אויגנבליק: דער ר״ה. מע שפּירט אים און מע קען נישט קיין טעות האָבן: ס׳איז אַ מתים-ריח, און ס׳קען זיין ער זאָל גראָד אַצינד זיך פאָרשטעלן...

מיר דאַכט זיך, אַז פּלוצלינג דערפילט ער דעם צייכן און דעם שטומען יאָמערלעכן רוף פון טויטן.

ער זאָגט אָבער גאָרנישט, גייט זיך ווייטער מיט זיין איינזאַמען גאַנג און פאַרשווינדט באַם אויסבייג.

— נעכטן — זאָגט מיר פּאַראַדיז — איז ער גראָד דאָ אַהער געקומען מיט זיין פול שיסעלע רייז, וואָס ער האָט נישט געוואָלט מער עסן. ווי עפּעס צו להכעיס בלייבט ער דווקא דאָ שטיין, דער שוואַנק, און האָפּ... ער מאַכט עפּעס אַ באַוועגונג, און איז שוין גרייט אַריבערצושליידערן די שיריים פון זיין עסן אויף דער אַנדערער זייט גרובן-ראַנד, גראָד אויפן אָרט, וווּ ס׳ליגט יענער. דאָס האָב איך נישט געקענט אַראָפּשלינגען, גוטער ברודער, ט׳ איב אַ כאַפּ באַ דער האַנט ריכטיק אין אויגנבליק, ווען ער וויל אַ שליידער טון די רייז אין דער לופטן און די רייז האָט זיך צעכליאַפּעט דאָ אין אַקאַפּע. גוטער ברודער, טוט זיך מייגער אַ דריי אויס אַ

מיר דורט הי א טשוויק און איז גרייט מיך אייגצושלינגען: „וואָס צי דיר צוגעקומען, ביסט נישט אַמאָל יענע מעשה?״ מאַכט ער צו מיר. כ׳בין געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעשמיסענער, כ׳האָב עפּעס כ׳ווייס אַליין נישט וואָס אַרויסגעפּלאַפּלט, אַז כ׳האָב עס נישט פלייסיק געטון. ער האָט אַ צי געטון מיט די אַקסלען און מיך אָנגעקוקט ווי אַ קליינעם האָן. ער איז אַוועקגעגאַנגען און געבורטשעט: „האָסט שוין געזען אַמאָל אַזאַ אָנשיקעניש — וועגדט ער זיך צו מאָנטרעילן, וואָס איז גראָד דאָרט געשטאַנען — דאָס הייסט אַ פּגע!״ קענסטן דאָך, דעם בחור, ער איז נישט קיין איינגעהאַלטענער, און וויפיל כ׳זאָל נישט זאָגן „נו, שוין לאָז געמאַך״, האָט ער זיך אַלץ ווייטער געזידלט; פאַרשטייסט אַליין, אַז די גאַנצע מעשה האָט מיר נישט געשמעקט, ווייל נאָך אַלעמען בין איך געווען אומגערעכט, הגם כ׳בין געווען גערעכט.

מיר זיינען צוריק אַרויסגעגאַנגען, נישט רעדנדיק קיין וואָרט.

מיר זיינען אַריין אין דער זיכער-הייל, ווו אונדזער גאַנצע חברה איז זיך צונויפגעקומען. ס׳איז אַן אַלטער קאַטאַגראַ-פאַסטן און ״צריבער געגנזג גערעדט.

אין מאָמענט, ווען מיר קריכן דאָרט אַריין, הערט זיך פאַראַדיז איין:

— אונדזערע באַטעריעס רעדן אויף אַלע כּלים שוין אַ שעה צייט, ווי מיינסטו, נישט אַזוי?

כ׳פאַרשטיי, וואָס ער מיינט דערמיט און מאַך אַ צעשוומענע באַוועגונג:

— מ׳עט שוין זען, גוטער ברודער, אַלץ וואָס מע וועט זען!

אין דער זיכער-הייל פּאַקט-אויס טיכערט פאַר דריי צוהערער זיינע קאַזאַרמע-מעשיות. אין אַ ווינקל שנאָרכט מאַרטעראָ; ער ליגט לעבן אַריינגאַנג, און באַם אַראָפּגיין, מוז מען אַריבערשפּרינגען איבער זיינע קורצע פיסלעך, וואָס זען אויס אַריינגעוואַקסן אין

קערפער. אַ גרויסקע קאָרטן-שפּילער קנ:ען אַרום אַן איינגעלייגטער קאָלדרע און שפּילן אין מאַניל.

— מיין פאָרהאַנט!

— 40, 42! — 48! — 49! — גענוג!

— דאָס הייסט אַ שוואַרצע הצלחה, דער ממזר. דאָס איז אוממעגלעך, דיין ווייב האָט דיר געמאַכט אוודאי דריי מאָל הערנער! כ'שפּיל נישט מער מיט דיר. דו קאָטערסט מיך אָפּ היינט, און אַנימלט האָסטו מיר אויך גוט ס'אויער אויסגעמאַכט, דו געבאַר'עטער המן-טאַש!

— איי זאָל, פאַרוואָס האָסטו נישט געסטראַשעט?

— כ'האָב דאָך נישט מער געהאַט ווי דעם מלך, אַ גאָלן מלך.

— ר'האָט געהאַט ס'צענטל פּיק.

— אַ מכה האָט ער געהאַט, שוואַנץ נומער איינס!

— קיי און שפּיי — ברומט אין אַ ווינקל עפּעס אַ באַשעפּעניש, וואָס עסט — פינף און צוואַנציק סו קאָסט דער קאַמאַמבער קעז און פרעס אין זיך אַריין אַזאַ מיסט: פון אויבן האָסטו אַ באַרג שטינקענדיקן קיט און אינעווייניק פול גיפס, וואָס קריש'ט זיך.

דערוויל דערציילט טיכערט, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין אין משך פון זיינע איין און צוואַנציק טעג פון עפּעס אַ קאָמענדאַנט-מאַיאָר, אַ כלב:

— דאָס גראָבע חזיר, גוטער ברודער, איז געווען דאָס גע־מיינסטע, וואָס די וועלט פאַרמאָגט נאָר. אונדז אַלעמען, ביזן לעצטן, איז ער געקראָכן פון האַלדז, אַז ער איז אַמאָל צווישן אונדז פאַרבייגעגאַנגען, אָדער ווען מ'האָט אים געטראָפן זיצן אין זיין ביוראָ, ברייט צעלייגט אויף אַ שטול, אַז מ'האָט גאַרנישט פון הינטן אַרויסגעזען, מיט זיין גראָבן פּוּפּעץ און זיין אומגעהייערן קאַפּטער, וואָס איז געווען פון אויבן ביז אַראָפּ אַרומגעריפּט מיט שנירלעך, ווי אַ פּעסל. לעבּ האָט ער געהייסן — אַ יעקע מסתמא.

— כ׳האָבן געקענט! — שרייט אויס פּאַראַדיז. — ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט מען אים, זעלבסטפאַרשטענדלעך אָנערקענט פאַר אומפעיק צו דער פראָנט-דינסט. ווען כ׳האָב נאָך דורכגעמאַכט מיינע דריי וואָכן, האָט ער שוין געוווּסט ווי אַזוי זיך צו קערווען און אין אַלע גאַסן-עקן האָט ער זיך געדרייט ווי אַ וואָרעם און דיך געפּאַקט. פאַר אַ נישט-פאַרקנעפּלטן קנאָפּ באַלד אַ טאָג פּאַקע און פאַר אַ צולאָג האָט ער דיר נאָך אָפּגעטײלוקט אַ מי-שברך פאַר אַלעמען אין די אויגן. אויב עפּעס אַ נאַרישקייט אין דיין קליידונג איז נישט געווען אויף דער האָר מיטן רעגולאַמין — און דער עולם האָט געקייכט פאַר געלעכטער: ער האָט זיך איינגערעדט, אַז דאָס לאַכט מען פון דיר, אָבער דו האָסט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דאָס מיינט מען אים; אָבער האָסט עס געקענט פּוּפּצען מאָל וויסן — ער האָט מיט דיר געלערנט בלק.

— ער האָט געהאַט אַ ווייב — זאָגט ווייטער טיכערט — אַן אַלטע שקאַפּע...

— כ׳דערמאַן מיך טאַקע — שרייט פּאַראַדיז — שוין איינמאָל אַ שטיק כאָלערע!

— אַנדערע פירן מיט זיך אַ הינטל, און ער האָט מיט זיך אימעטום מיטגעשלעפּט די דאָזיקע געלע ארורה; כ׳זאָג דיר, טרעפסט טיילמאָל אַזעלכע געלע עפּל, און העפטן ווי אַ באַרשטן-טאַש און אַ גיפטיק פּנים. דאָס האָט זי אַלץ אויפגעהעצט קעגן אונדז דעם אַלטן ביין: אָן איר איז ער געווען נאַרישער ווי שלעכטער, ווי נאָר אָבער זי האָט זיך באַוויזן, איז ער געוואָרן שלעכטער ווי נאַרישער. איינט שטעל דיר פאָר די געבערענטע צרות...

אין דעם מאָמענט האָט מאַרטעראָ, וואָס איז געשלאָפן לעבן אריינגאַנג, זיך אויפגעכאַפּט מיט עפּעס אַ שטיל געקרעכצעריי. ער האָט זיך אויפגעזעצט, געבליבן זיצן אויף זיין שטרוי ווי אַן ערשטאַנען און מע זעט זיין בערדיקן סילועט זיך אויסשניידן ווי אַ כינעזיש,

שאָטן, און אין האַלב־שאָטן קייקלט ער זיך און דרייט זיין קיילעכ־דיק אויג. ער זעט נאָך דאָס, וואָס ס׳האָט זיך אים נאָר וואָס געחלומט.

דערנאָך פאָרט ער מיט דער האַנט איבער די אויגן, ווי דאָס וואָלט נאָך געהאַט עפּעס אַ שייכות מיט זיין חלום און נעמט דער־ציילן איבערלעבענישן פון יענער נאַכט, ווען מיר זיינען געגאַנגען אין די אַקאָפּעס:

— הערט איך — זאָגט ער מיט אַ פאַרשלאָפענער און פאַר־חלומטער שטימע — אַ שפּאַס איז עס געווען יענע נאַכט אַ ווינט! טאַטע זיסער, אַלץ הייסט אַ נאַכט! דאָס גאַנצע חייל, די קאָמפּאַניעס, גאַנצע פּאָלקן האָבן זיך געריסן און געזונגען איבערן גאַנצן וועג! אין העלן שאָטן האָט מען געזען מחנות זעלנער, וואָס האָבן זיך געצויגן, געצויגן באַרג אַרויף — ווי אַ ים־שטראָם — און באַוועגט זיך און געווימלט אַדורך אַרטילעריע־צוגן און אַמבולאַנץ־אויטאָמאָבילן, וואָס מיר האָבן יענע נאַכט אומויפהערלעך באַגעגנט. כ׳האָב נאָך צייט כ׳לעב נישט געזען באַנאַכט אַזוי פיל צוגן, נאָך קיינמאָל נישט!

דערנאָך, טוט ער זיך אַ פעסטן זעץ מיט דער פויסט אין ברוסט אַריין, זעצט זיך גלייך אויף, ברומט עפּעס אין ווערט אַנטשוויגן.

ס׳דערהערט זיך בלערס קול, וואָס ס׳פאַרראַט דאָס, וואָס ס׳ליגט שטום באַהאַלטן טיף אין יעדערן פון אונדז:

— שוין פיר דער זייגער. ס׳איז שוין צו שפּעט, ס׳זאָל נאָך היינט עפּעס געשען פון אונדזער זייט.

איינער פון די שפּילער, אין אַנדערן ווינקל, פאַלט אָן אויף אַ צווייטן מיט אַ געבייזער:

— נו וואָס, שפּילסט אָדער שפּילסט נישט, ווערעמדיק פּרצוף? טיכערט דערציילט ווייטער די מעשה מיט זיין קאָמענדאַנט.

— מייגסטו נישט, אוודאי, אַז איינמאָל גיט מען אונדז אין דער קאַזאַרמע אַ זופּ, אַ חלשות. כ'זאָג דיר, אַ ריינע קרענק. רופט זיך אָן איינער, אַז ער וויל דווקא רעדן מיטן קאַפּיטאַן און רוקט אים אונטער ס'שיסעלע אונטער דער סאַמע נאָז.

— ווײַנדל איינער — שרייט אויס איינער, שטאַרק אין כעס, אין צווייטן ווינקל — פאַרוואָס האָסטו נישט געשפּילט קיין טרומף, פאַרוואָס ? !

— „אַ, צום טייוול ! זאָגט דער קאַפּיטאַן. נעם עס מיר אַוועק פון אונטער דער נאָז. דאָס פאַרפּעסטעט די גאַנצע לופט".

— ס'איז דאָך נישט געווען מיין אויסשפּיל — בלעקעט, נישט איינגאַנצן פּעסט באַ זיך, אַן אומצופרידענע שטימע.

— „און דער קאַפּיטאַן מאַכט אַ ראַפּאָרט צום קאָמענדאַנט. דער קאָמענדאַנט אָבער ווערט אויפגעקאָכט און טרייסלט דעם ראַפּאָרט אין דער לאַפּע: „וואָס, שוין ווייטער, זאָגט ער, ווו איז זי דאָס די דאָזיקע זופּ, וואָס האָט אַלעמען אַזוי צעבונטעוועט, לאָמיך אָקאָרשט פאַרזוכן ?" ברענגט מען אַ ביסל אין אַ ריין שיסעלע און ער שמעקט דערצו. „נו וואָס — מאַכט ער — ס'האָט אַ גאַנץ גוטן געשמאַק ! איך וועל אייך שוין אָנלערנען, פאַר אַזאַ גרויס-אַרטיקע זופּ!..."

— ס'אי דאָך נישט דיין אויסשפּיל ! ער איז דאָך געווען פאַרהאַנט. פערד ! בהמה ! אָקס ! נישט גוט מיט דיר, זאָג איך דיר.

— „אַ כלל, פינף אַ זייגער, אין דער צייט פון אַרויסגיין, שטעלט זיך ס'פאַר-פאָלק אַוועק באַם אַרויסגאַנג און באַטראַכטן איטלעכן זעלנער, צי ער האָט נישט אויף זיך אַ פּגימה, און ער זאָגט: „אַזוי, העלדן מיינע, איר האָט גערעכנט פון מיר חוזק צו מאַכן און זיך באַקלאָגט אויף אַ פיינער זופּ, וואָס האָט מיר און דער קאָמענדאַנטין גאַנץ גוט געשמעקט; וואַרט'ס, כ'על שוין אייך ווייזן,

וואָס קאָרן גילט... העי, דע! דער מיט די לאַנגע האָר, דער גרויסער אַרטיסט, קום נאָר אַהער אַביסל!" — און בשעת דער המון רעדט זיך אַזוי, שטייט זיין ושתי שטייף ווי אַ שטעקן און שאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ, יאָ.

— ... ס'וואונדט זיך, ווייל ער האָט דאָך נישט געהאַט ס'צענטל פּיק, איז דאָך גאָר אַן אַנדערע מעשה.

— אָבער פלוצלינק ווערט זי ווייס ווי אַ ליילעך, לייגט אַרויף די האַנט אויפן מאַגאַזינדל, עפּעס נעמט זיך אין איר טרייסלען און, מיטאַמאָל, אַזוי אין מיטן קאַזאַרמע-פּלאַץ, וואָס איז פיל מיט זעלנער, לאָזט זי אַרויס פון האַנט איר שערעמל און הייבט אָן צו ברעכן.

— העי, שאַ-טס נאָר! — מאַכט פלוצלינק פּאַראַדיז. — מע רופט עפּעס אין אָקאָפּע. צ'הערט נישט? צי שרייט מען נישט אַמאָל „אַליאַרם!?"

— אַליאַרם! ביסט משוגע?

קוים דאָס אַרויסגעזאָגט, ווי עס רוקט זיך אַריין עפּעס אַ געשטאַלט אין אַריינגאַנג פון אונדזער ערד-לאָך און שרייט:

— אַליאַרם, די 22-טע! צום געווער!

אַ טיף שווייגן. דערנאָך אייניקע אויסגעשרייען.

— כ'האָב גאַנץ גוט געוווסט — מורמלט פּאַראַדיז צווישן די ציין און ער ריטשט אויף די קניען צום אַרויסגאַנג פון קרעטישן גרוב, ווו מיר ליגן.

און באַלד הערט מען נישט קיין וואָרט רעדן. אַלע זיינען שטום געוואָרן. אין איילעניש זעצט מען זיך גלייך אין דער העלפט. מען פּאָרעט זיך איינגעבויגענערהייט. אָדער קניענדיק; מען שנאָלט צו די פּאַסן; שאָטנס פון אָרעמס וואַרפן זיך אויף אַלע זייטן; מען שטופּט אָן די קעשענעס מיט אַלערהאַנט זאַכן און מען גייט אַרויס אָן אַ סדר, נאָכשלעפּנדיק נאָך זיך באַ די פּאַסן די רוקן-זעק, די דעקן, די ברויט-זעק.

אין דרויסן ווערט מען פאַרטויבט. דער ליאַרם פון דער געשיסעריי האָט זיך פאַרהוגדערטפאַכט און נעמט אונדז אַרום פון רעכטס, פון לינקס און פון פאָרנט. אונדזערע באַטעריעס דונערן אָן אַן אָפּרו.

— וווּ מיינסטו, זיי אַטאַקירן? — פאַלט אַריין עפּעס אַ שטימע

— וואָס ווייס איך! — ענטפערט קורץ און בייז אַן אַנדערע שטימע.

די קינבאַקן זיינען צוזאַמענגעפּרעסט. מען שלינגט אַראָפּ די אייגענע מחשבות. מען איילט זיך, מען שטויסט זיך, מען שטופּט זיך, מען ברומט עפּעס אָן ווערטער.

אַ באַפעל צעגייט זיך:

— זאַק אויף פּלייצע!

—ס'איז דאָ אַ קעגן-באַפעל... — שרייט אַן אָפיציר, וואָס לויפט דורך דער אָקאָפּע מיט גרויסע שפּרייזן, מאַכנדיק מיט די עלנבויגנס.

דין איבעריקע טייל פון זיינע רייד ווערט צוזאַמען מיט אים פאַרפאַלן.

קעגן-באַפעל! אַ באַשיינפּערלעכער שוידער לויפט דורך די רייען, אַ האַרץ-קלאַפּעניש מאַכט אויפהייבן די קעפּ, שטעלט אָפּ אַלעמען אין אַן אויסערגעוויינטלעכער דערוואַרטונג.

אָבער ניין: דער קעגן-באַפעל איז נוגע בלויז די רוקן-זאַק; קיין רוקן-זעק; בלויז די דעקן איינגעראָלט אַרום קערפּער און דאָס ווערקצייג אַרום די לענדן.

מע שנאַלט אָפּ פון טאָרניסטער די דעקן, מע רייסט זיי אַרויס און מע ראָלט זיי כסדר, אַלץ אָן ווערטער, איטלעכער מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק, ס'מויל פאַרביסן צוגעמאַכט.

די קאַפּראַלן און סערזשאַנטן לויפן אַ ביסל פיבערהאַפטיק אַהין

און אַהער און יאָגן-אונטער די שטום-איינגעבויגענע, איילנדיקע מענטשן.

— אַ סוף, גיכער! אַן עק, אַן עק, וואָס גראַבלט איר זיך? ווילט איר זיך רירן, יאָ, צי ניין?

אַן אָפּטיילונג זעלנער, מיט דורכגעקרייצטע העקלעך-אָפּצייכ-נונגען אויף די אַרבל, שניידן זיך האַסטיק דורך צווישן אונדז אַ וועג און גראַבן אויס איילִיק לעכער אין דער וואַנט פון דער אָקאָ-פּע. מיר באַטראַכטן זיי פון אַ זייט, פאַרענדיקנדיק דאָס אָנטון-זיך.

— וואָס מאַכן זיי דאָ?

— צום אַרויפגיין.

ס'איז גרייט. מיר שטעלן זיך, כּסדר שטיל-שווייגנדיק, מיט די דעקן איבערגעלייגט איבער דער ברוסט, מיט די העלם-לעדער-לעך אַרום פּנים, אָנגעשפּאַרט אויף די ביקסן. איך באַטראַכט זיי-ערע צוזאַמענגעצויגענע, בלייכע, טיפֿע פּנימער.

דאָס זיינען נישט קיין סאָלדאַטן: מענטשן זיינען עס. ס'זיינען נישט קיין אַוואַנטוריסטן, קריגער, באַשאַפן צו דער מענטשן-שחיטה — אַלס שוחטים אָדער שעכט-בהמות. ס'זיינען פּויערים און אַרבעטער, וועלכע מען דערקענט אונטער די אוניפאָרמען. ס'זיינען אויסגע-וואָרצלטע בירגער. זיי זיינען גרייט. זיי וואַרטן אויפן סיגנאַל פון טויט אָדער מאָרד; באַטראַכטנדיק אָבער זייערע פּנימער צווישן די ווערטיקאַלע באַגנעט-שטראַלן, זעט מען, אַז דאָס זיינען פּשוט מענטשן.

איטלעכער ווייסט, אַז ער גייט אויסשטעלן זיין קאָפּ, זיין ברוסט, זיין בויך, זיין גאַנץ נאַקעט לייב אַנטקעגן פאַראויס אָנגע-שטעלטע ביקסן, שראַפּנעלן, אָנגעהויפטע און אָנגעגרייטע גראַנאַטן, און דערהויפּט אַנטקעגן דער באַרעכנטער און אומפעלבאַרער מיט-ראַליעזע — אַנטקעגן דעם אַלעם, וואָס וואַרט דאָרט אַצינד אין אַ

מוראַדיקן שטילשווייגן — איידער זיי געפינען די אַנדערע זעלנער, וועלכע זיי מוזן אַוועקהרגענען. זיי זיינען נישט זאָרגלאָז וועגן זייער לעבן, ווי רוצחים, פאַרבלענדט פון כּעס, ווי ווילדע. נישט קוקנדיק אויף דער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט זיי באַאַרבעט, זיינען זיי דאָך נישט אויפגערייצט. זיי זיינען ווייט פון יעדער אינסטינקטיווער ליידנשאַפט. זיי זיינען נישט שיכּור, נישט קערפּערלעך, נישט גייסטיק. מיטן פולן באַוווסטזיין, דעסטגלייכן בײַ פולע כּוחות און בײַם פולן געזונט, פאַרזאַמלען זיי זיך דאָ מאַסנווייז, כּדי זיך נאָך אַן איבעריק מאָל אַרייַנצושליידערן אין דער ראָלע פון אַ משוגענעם, וואָס ווערט אויפגעצוווּנגען פון דער גאַנצער מענטשהייט דורך דעם משוגעת פון מענטשלעכן מין. מע לייענט אַרויס וויפיל ס׳איז פאַראַן אי טרוים, אי פּחד, אי צעשיידונגס-אויפרעגונג אין זייער שווייגן, אין זייער אומבאַוועגלעכקייט, אין דער רויִקער מאַסקע, וואָס ציט צוזאַמען איבערמענטשלעך זייער פּנים. דאָס זיינען נישט דער מין העלדן, ווי מע שטעלט זיך עס פאָר, אָבער זייער קרבן האָט אַ פיל גרעסערן ווערט, און די, וואָס האָבן זיי נישט געזען, זיינען גאָרנישט אומשטאַנד דאָס משיג צו זיין.

זיי וואַרטן. ס׳ציט זיך דאָס וואַרטן, ס׳ווערט אַן אייביקייט. פון צייט צו צייט ציקט-אויף דאָ איינער, דאָ אַן אַנדערער, בשעת אַ קויל, וואָס קומט פון אַנטקעגנגיבער, שנאָרכט פאַרבײַ דעם וואַל, וואָס שיצט אונדז און פאַרזינקט אין שלאַבערדיקן לייב פון הינטערשטן וואַל.

דער סוף טאָג צעגיסט אַ דערהאַבן טונקל ליכט איבער דער דאָזיקער שטאַרקער, אומבאַרירטער לעבעדיקער מאַסע, פון וועלכער נאָר אַ טייל וועט בלייבן לעבן ביז באַנאַכט. ס׳רעגנט — שטענדיק באַגלייט אַ רעגן מיינע אַלע ערינערונגען וועגן די טראַגישע געשעענישן פון דער גרויסער מלחמה. דער אָוונט גרייט זיך אין וועג

ווי עפעס אַן אומבאַשטימטע, אייזערנע דראָונג; ער גייט אויס־שפּרייטן פאַר די מענטשן זיין גרויסע נעץ, גרויס ווי די וועלט.

* *
*

נייע באַפעלן ווערן איבערגעגעבן פון מויל צו מויל. מע פאַר־טיילט האַנט־גראַנאַטן, אויפגעצויגענע אויף דראָטענע רינגלעך.

„יעדער מאַן זאָל נעמען צו צוויי גראַנאַטן!“.

ס׳גייט פאַרביי דער קאָמענדאַנט. ער האַלט זיך באַשיידן, טראָגט אַ פעלד־אוניפאָרם, פאַרשנאַלט, אָבער איינפאַכיק. מע הערט ווי ער זאָגט:

— קינדערלעך, מיר שטורמען גוט. די יעקעס מאַכן ויברח. איר וועט גוט אָפּאַרבעטן, העו?

נייעסן לויפן דורך ווי אַ ווינט:

— פאַר אונדז שטייען מאַראָקאַנער אין די 29־טע קאָמפּאַניע. דער אָנגריף האָט זיך אַנטוויקלט אויף אונדזער רעכטער זייט.

מע רופט די קאַפּראַלן צום קאַפּיטאַן. זיי קומען צוריק מיט פולע אָרעמס אייזנוואַרג. בערטראַנד באַטראַכט מיך. ער הענגט מיר עפעס אָן באַם קנאָפּ פון מיין מאַנטל. ס׳איז אַ קיך־מעסער.

— הענג עס דיר אָן אָן מאַנטל — זאָגט ער צו מיר.

ער קוקט מיך אָן, דערנאָך גייט ער ווייטער און זוכט אַנדערע.

— מיר! — זאָגט פעפּין.

— ניין — זאָגט בערטראַנד. — ס׳איז פאַרווערט דערצו צו נעמען פרייוויליקע.

— קענסטו מיר לעקן! — וואָרטשעט פעפּין.

מיר וואַרטן אונטערן רעגנדיקן הימל, וואָס ווערט דורכגע־העמערט מיט שאָסן און האָט נישט קיין אַנדערע גרענעצן ווי די ווייטע, אומגעהייערע קאַנאָנאַדע. בערטראַנד האָט געענדיקט זיין

פאַרטיילונג און קומט צוריק. איינע זעלנער האָבן זיך געזעצט און טייל גענעצן גאָר.

דער ציקליסט בילעט שלייכט פאַרביי; ער האַלט אויפן אָרעם אַן אָפיצירישן גומי־מאַנטל און מע זעט ווי ער דרייט אַוועק דעם קאָפּ.

— נו וואָס, דו גייסט נישט, דו? — שרייט צו אים קאָקאָן.

— ניין, איך גיי נישט — ענטפערט דער אַנדערער. — איך בין פון דער 17־ער, דער פינפטער באַטאַליאָן אַטאַקירט נישט!

— אַ! שטענדיק בלייבט ער פון דרויסן, דער 5־ער באַטאַליאָן, ער האַלט קיינמאָל נישט אַריין, אַזוי ווי מיר!

בילעט איז שוין ווייט, און די פנימער פאַרקרומען זיך אַ ביסל, און מע קוקט אים נאָך ביז ער ווערט פאַרשוווּנדן.

אַ זעלנער קומט אָנצולויפן און זאָגט עפּעס בערטראַנדן. דאַן דרייט זיך אויס בערטראַנד צו אונדז.

— גייען מיר — זאָגט ער — איצט איז אונדזער ריי

אַלץ מיט אַ מאָל רירט זיך פון אָרט. מיר שטעלן די פיס אויף די טרעפּן, וועלכע ס'האָבן צוגעגרייט די סאַפּיאָרן און, האַנט בײַ האַנט, גייט מען אַרויס פון אונטער דער שוץ פון דער אָקאָפּע און מען שטייגט אַרויף אויפן שוץ־וואַל.

*   *

*

בערטראַנד שטייט אויפן דער שפּיץ פון פרייען פעלד. ער נעמט אונדז אַרום מיט אַ שנעלן בליק. אַז מיר זיינען שוין אַלע אַרויס, זאָגט ער:

— פאָרווערטס!

עפּעס מאָדנע האָבן אָפּגעהילכט די שטימען. דער דאָזיקער אָפּמאַרש איז געשען אויף גיך, אומגעריכט, ווי אין חלום. קיין איין קויל פייפט נישט אין דער לופטן. אין גרענעצלאָזן געדודער

פון די האַרמאַטן, פילט זיך גאַנץ גוט דאָס דאָזיקע אויסערגעוויינטלעכע שווייגן פון די קוילן אַרום אונדז...

מיט אויטאָמאַטישע זשעסטן לאָזן מיר זיך אַראָפּ איבערן גליטשיקן און אומגלייכן געלענדער, באַהעלפנדיק זיך טיילמאָל מיט דער ביקס, וואָס איז פאַרלענגערט דורכן באַגנעט. דאָס אויג פאַרגאַפיעט זיך מעכאַניש אויף געוויסע איינצלהייטן אויפן אָפּהאַנג, אויף די אויסגעריסענע ערד-שטיקער, וואָס ליגן אַרום, אויף אַ פּאָר זעלטענע, אָפּגעשיינדענע סלופּעס, וואָס שטאַרן נאָך אַרויס, אויף די אָפּפאַלעכצער און די גראַנאַט-לעכער. ס׳גלויבט זיך קוים, אַז מיר געפינען זיך אַצינד אין מיטן העלן טאָג אויפן דאָזיקן אָפּהאַנג, וווּ אַ פּאָר לעבנגעבליבענע געדענקען, ווי זיי האָבן זיך אין דער פינסטערניש געריטשט מיט אַזאַ פאָרזיכטיקייט, וווּ קיינער האָט נישט געוואַגט מער ווי צו וואַרפן אַ פליכטיקן בליק דורכן שיס-לאָך. ביין...

מע שיסט נישט אויף אונדז. דער ברייטער אַרויסמאַרש פון באַטאַליאָן, פון דער ערד אַרויס, שיינט דורכצוגיין אומבאַמערקט! דער דאָזיקער וואָפּנשטילשטאַנד איז פול מיט וואַקסנדיקע, אַלץ וואַקסנדיקערע דראָונג. דאָס בלייכע ליכט בלענדט אונדז.

דער אָפּהאַנג איז פון אַלע זייטן באַדעקט מיט מענטשן, וואָס הייבן אָן אַראָפּגיין גלייכצייטיק מיט אונדז. אויף רעכטס צייכנט זיך דער סילועט פון אַ קאָמפּאַניע, וואָס שטייגט אַראָפּ אין באַרגטאָל, דורכגאַנגס-גרובן 97, אַן אַלטער איינגעפאַלענער דייטשישער גרובן.

מיר גייען דורך אונדזערע דראָט-פאַרצוימונגען דורך די פּאַסאַזשן מע שיסט נאָך אַלץ נישט אויף אונדז. טייל לאָ-יצלח׳ס מאַכן פאַלשע טריט און הייבן זיך ווידער אויף. אויף יענער זייט דראָט-פאַרצוימונגען פאָרמירן מיר זיך אויפסניי, דערנאָך לאָזן מיר זיך אַראָפּ פון שפּיץ אַ ביסל שנעלער: אַ טייל קוילן פאַלן אַריין צווישן אונדז, בערטראַנד שרייט צו אונדז, מיר זאָלן זיין שפּאָרזאַם

מיט די האַנט-גראַנאַטן און וואַרטן מיט זיי ביז דער לעצטער רגע.

אָבער דער קלאַנג פון זיין שטימע ווערט פאַרפאַלן: פלוצלינג שווימען-אויף פאַר אונדז פלאַמען אויף דער גאַנצער ברייט פון אָפּהאַנג און שלאָגן אין דער לופטן מיט אַן אימהדיק קראַכן. אין אַ שורה פון לינקס צו רעכטס יאָגן זיך שראַפּנעלן פון הימל און אויפרייס-מאַטעריאַלן פון דר'ערד, אַ שרעקלעכער פאָרהאַנג טיילט אונדז אָפּ פון דער וועלט, טיילט אונדז אָפּ פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון דער צוקונפט. מע בלייבט שטיין, ווי צוגעוואַקסן צו דער ערד, באַטויבט דורכן פלוצלינקן וואָלקן, וואָס דונערט פון אַלע זייטן; דערנאָך ווערט אונדזער מאַסע אונטערגעהויבן דורך אַ גלייכצייטיקער אָנשטרענגונג און ווערט, זייער גיך, געטריבן פאָרויס, אין דעם גרויסן רויך-וואָלקן פאַלן מיר און ז.אַלטן זיך אָן איינער אָן אַנדערן. מע זעט, צוזאַמען מיט אַ דורכשניידנדיק וואָיען און אַ שטורעם-ווירבל פון צעשטויבטער ערד, זיך אויפעפענען קראַטערס אין דעם תהום, וווהין מיר לויפן אויסגעמישט אין איילעניש, זיך אויפעפענען אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט, איינער לעבן אַנדערן, איינער אין אַנדערן. דערנאָך ווייסן מיר שוין נישט מער, ווו ס'פאַלן די אַלע באָמבעס און קוילן. דער צעווילדעוועטער פייער-שטורעם פאַרהילכט אַזוי געוואַלטיק, אַז מע פילט זיך פאַרניכטעט דורכן בלויזן דונער-מבול, דורך די גרויסע שטערן-שפליטער, וואָס בילדן זיך אין דער לופטן. מע זעט, מע פילט פאַרביישוושען לעבן קאָפּ אויפרייס-שטיקער מיט אַ סיקען פון אָנגעגליט אייזן אין וואַסער. באַ איין שאָס לאָז איך פאַלן מיין ביקס, אַזוי שטאַרק אָפּגעבריט די הענט האָט מיר דער הויך פון איין אויפרייס. כ'שאָקל מיך איינגאַנצן, ווען כ'הייב אים צוריק אויף און כ'לויף ווייטער מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ איבם רויט-לייכטנדיקן געוויטער, אין דעם צעשמעטערנדיקן לאַווע-רעגן, באַשפריצט, מיט תויפנס שטויב און ריס.

דאָס געפּייפּעריי פֿון די פֿאַרבייפֿליענדיקע האַרמאַטן־קוילן טוט איין ווי אין די אויערן, קלאַפּט איבערן נאַקן, לעכערט דורך אייערע שלייפֿן, און מע קען נישט איינהאַלטן אַ געשריי בשעת מע צעשפּרייט עס. ס׳ווערט הויל באַם האַרץ, פֿאַרקלעמט פֿון שוועבל־ריח. דער אָטעם פֿון טויט שטופּט אונדז, דערהויבט אונדז, טרייבט אונדז. מע שפּרינגט, מע ווייסט נישט וווהין מע גייט. די אויגן בלינצלען, ווערן בלינד און לויפֿן איבער. דאָס לאַנדשאַפֿט איז פֿאַרשטעלט דורך אַ בליצנדיקע פֿייער־לאַווינע, וואָס פֿאַרדעקט דעם גאַנצן שטח.

עס איז דאָס שפּאַר־פֿייער. מע מוז דורכגיין דעם דאָזיקן פֿלאַמען־ווירבל און די דאָזיקע שרעקלעכע ווערטיקאַלע וואָלקנס. און מען גייט דורך. מען איז דורכגעקומען דורך אַ צופֿאַל; כ׳האָב געזען דאָ־דאָרט פֿאַרשידענע געשטאַלטן זיך דרייען אין ווירבל, זיך אויפֿהייבן און זיך לייגן, באַלויכטן מיט אַ קורצן אָפּגלאַנץ פֿון אויבן. כ׳האָב געזען משונהדיקע פּנימער, וואָס האָבן אַרויסגעלאָזט אַזעלכע מיני קולות, וועלכע מען האָט בלויז באַמערקט און נישט געהערט אין דאָזיקן גיהנומדיקן־ליאַרם. אומגעהייערע און צעכעסטע רויטע און שוואַרצע מאַסן זײַנען געפֿאַלן אַרום מיר מיט אַ קאַלך־אויוון־היץ, אויסגעהוילט שטיקער ערד, אַרויסגעריסן זי פֿון אונטער מײַנע פֿיס און מיך אַ שליידער געטון אָן אַ זייט ווי אַ שפּרינגעוודיק שפּילעכל. כ׳דערמאַן מיך, ווי כ׳האָב אַריבערגעשפּרייזט איבער אַ ברענענדיקן הרוג, אײַנגעטונקען אין אַ קאַלוזשע שאַרלעך־רויטן בלוט, וואָס האָט געקנאַקט; און כ׳דערמאַן מיך אויך, אַז די מאַנטל־פּאָלעס, וואָס האָבן זיך באַוועגט לעבן מיר, האָבן זיך גע־האַט אָנגעצונדן און געלאָזט הינטער זיך אַ רויך־שפּור. אויף רעכטס, לענגויס דעם דורכגאַנגס־גרובן 79, האָט געלויכטן און צוגעצויגן און געבלענדט אונדזערע בליקן אַ שורה שרעקלעכע פֿלאַמען, געדיכט צוגעדריקט איינער צום אַנדערן, ווי ברענענדיקע מענטשן.

— פֿאָרווערטס!

אַצינד לויפן מיר כמעט. מען זעט, ווי טייל פאַלן אום ווי די
סלופּעס, מיטן פּנים פאָרויס; טייל לייגן זיך אַוועק מיט הכנעה, ווי
זיי וואָלטן זיך געזעצט אויף דר׳ערד. מע שפּרינגט פלוצלינג אין
אַ זייט, כדי אויסצומיידן די אויסגעצויגענע מתים, וואָס ליגן גלייך
און אויסגעצויגן אָדער האַלב-אויפגעזעצט און אויף די פאַרוואונדעטע,
וואָס — אַ געפערלעכע נעץ — וואַרפן זיך און כאַפּן זיך אָן די
די פאַרבייַלויפנדיקע.

דער אונטערנאַציאָנאַלער דורכגאַנגס-גרובן!

אָט זיינען מיר אין אים. די האַרמאַטן האָבן אויסגעריסן
די דראָטן מיט זייערע לאַנגע, פאַרוויקלטע וואָרצלען, צונויפגעדרייט
און אַוועקגעשליידערט, אַוועקגעקערט הויפנסווייז. צווישן דעם דאָ-
זיקן דראָטענעם סכך, וואָס איז פייכט פון רעגן, איז די ערד דורכ-
געאַקערט און פריי.

דער דורכגאַנגס-גרובן איז נישט פאַרטיידיקט. די דייטשן האָבן
אים פאַרלאָזט, אָבער אַן ערשטע שטורם-כוואַליע איז שוין אַדורך.
דער אינעווייניק איז באַלייגט מיט ביקסן, וואָס שטייען אָנגעלענט
אָן די ווענט. אויפן באָדן ליגן צעוואָרפן טויטע גופים. אין מיש-
מאַש פון לאַנגן גרובן שטאַרן אַרויס הענט פון גרויע רויט-באַזוים-
טע אַרבל און באַשטיוולטע פיס. ערטערווייז זיינען די ווענט צע-
שטערט און דאָס געהילץ צעבראָכן; דער גאַנצער גרובן-פלאַנק איז
צעשמעטערט און פאַרפלייצט מיט אַן אומבאַשרייבלעכן ווירוואַר.
אין טייל ערטער שטייען אָפן קיילעכדיקע ברונעמס. פון יענעם
מאָמענט האָט זיך מיר באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון דאָס בילד
פון אַן אָקאָפּע, באַדעקט מיט בונטפאַרביקע שמאַטעס: אַלס מאַטער-
יאַל אויף ערד-זעק האָבן זיך די דייטשן באַנוצט מיט פאַרשידענע
לייוונט און ביינוול-שטאָפן, מיט פאַרשידנפאַרביקע וואָל-שטאָפן,
וואָס זיי האָבן צוגעראַבעוועט אין עפּעס אַ מעבל-שטאָף-מאַגאַזין.
דאָס דאָזיקע גאַנצע גערויש פון צעפליקטע, צעציטלטע פיל-

פאַרביקע שמאַטעס הענגט נאָך, פאַטשט, פלאַטערט און טאַנצט פאַר די אויגן.

מיר האָבן זיך צעשפּרייט איבערן גרובן. דער לייטענאַנט, וואָס איז אַריבערגעשפרונגען אויף דער צווייטער זייט, בייגט זיך איין צו אונדז, און רופט אונדז און שרייט און מאַכט מיט די הענט:

— בלייבט נישט שטיין דאָ. פאָרווערטס! כסדר פאָרווערטס!

מע קלעטערט אַריבער דעם גרובן-וואַל, באַהעלפנדיק זיך מיט זעק, געווער און אָנגעהויפטע רוקנס. די ערד פון טאָל אונטן איז דורכגעאַקערט פון האַרמאַטן-שאָסן, פאַרוואָרפן מיט אָפּפאַלעכ־צער און געדיכט באַדעקט מיט אויסגעצויגענע גופים. טייל ליגן אומבאַוועגלעך ווי זאַכן; טייל רירן זיך קוים-קוים, אָדער וואַרפן זיך קאָנוווּלסיוו. דאָס שפּאַר-פייער שפּייט כסדר זיין גיהנומדיקן האָגל הינטער אונדז, אויפן שטח, וואָס מיר זיינען שוין דורכגעגאַנגען. דאָ אָבער, וווּ מיר זיינען איצט, צופיסנס באַם בערגל, איז אַ טויטער פונקט פאַר דער אַרטילעריע.

עפּעס אַזוי ווי אַ קורצע באַרויקונג. מע הערט אויף אַ ביסל צו זיין טויב. מע קוקט זיך אָן. די אויגן גלאַנצן פיבערהאַפטיק און די באַקן מיט בלוט פאַרלאָפן. מע סאָפעט האַסטיק און אין דער ברוסט קלאַפּט דאָס האַרץ ווי מיט האַמערס.

אין דער טומלענדיקער איילעניש דערקענט מען זיך צו ביסלעך, ווי מיר וואָלטן זיך אין אַ קאַשמאַר ווידער אַמאָל ווען עס איז באַגעגנט פנים אל פנים, באַם אָפּגרונט פון טויט. אין דאָזיקן גיהנום-ליכט וואַרפן מיר זיך דורך מיט אַ פּאָר אָפּגעהאַקטע ווערטער.

— דו ביסט עס!

— אָ לאַ, לאַ! וואָס טוט זיך דאָ וואָס?

— ווּ איז קאָקאָן?

— כ׳ווייס נישט.

— סט׳ געזען נ׳קאַפּיטאַן ?

— ניין...

— לעבסט ?

— יאָ...

דעם טאָל זיינען מיר דורכגעגאַנגען. אַצינד שטייט פאַר אונדז דער אַנדערער אָפּהאַנג. מיר קלעטערן אויף אים אַרויף, אַרויף אין אַן אַנדערער רייע, דורך גיך-אויסגעגראָבענע שטיגן אין דער ערד.

— אַכטונג!

אַ זעלנער, וואָס האָט שוין דערגרייכט ביז דער העלפט פון די טרעפּן פאַלט צוריק, געטראָפן אין די היפטן פון אַ גראַנאַט-שפּליטער, אין בלויזן קאָפּ און מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, ווי אַ שווימער. מע דערקענט דעם אומפאָרמיקן סילועט פון דער דאָזיקער מאַסע, וואָס פאַלט אין אָפּגרונט; אַלס אייגנצלהייט באַמערק איך זיינע צעשויבערטע האָר איבערן שוואַרצן פּראָפיל פון זיין פּנים.

מיר דערגרייכן איבערהייך אַרויף.

אַ גרויסער פאַרבלאָזער חלל שפּרייט זיך אויס פאַר אונדז. תּחילת זעט מען גאָרנישט, סיידן אַ קריידיקן און שטיינעקן סטעפּ, געל און גרוי, ווי ווייט דאָס אויג קען נאָר דערגרייכן. קיין שום מענטשן-כוואַליע גייט נישט פאַר אונדז; מיר זען נישט קיין שום פּרישלעבעדיק נפש, אָבער דער באָדן איז באַלייגט מיט טויטע: פּריש-געשטאָרבענע, נאָך מיט סימנים פון יסורים, וואָס זיינען ענלעך אין זייער ליגן, אָדער צו שלאָפנדיקע, אָדער צו גאָר-לאַנגע רעשטלעך, שוין אָפּגעבלאַקעוועטע און צעשפּרייטע אויפן ווינט, כּמעט שוין פאַרדייעטע דורך דער ערד.

ווי-נאָר אונדזער אונטערגעשטויסענע, וואַקלענדיקע שורה טויכט-אויף, פיל איך, ווי צוויי מענטשן לעבן מיר ווערן געטראָפן צוויי [illegible] אָטנס פאַלן צו דער ערד, קייקלען זיך אונטער אונדזערע פיס, איינער מיט אַ שאַרפן געשריי, דער אַנדערער שטום ווי אַ

אָקס. אַן אַנדערער ווערט פאַרשווונדן מיט אַ באַוועגונג פון אַ משוגענעם, ווי ער וואָלט פאַרכאַפּט געוואָרן. אינסטינקטיוו דריקן מיר זיך צו איינער צום צווייטן און מע שטופּט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער פאָרויס; די שפּאַלטן אין אונדזער מחנה פאַרפולן זיך פון זיך זעלבסט. דער אַדיוטאַנט שטעלט זיך אָפּ, הייבט אויף זיין שווערט, לאָזט זי אַראָפּ און קניט אַנידער; זיין געבראָכענער קערפּער בייגט זיך אין קורצע טרייסלונגען אַרונטער, זיין העלם פאַלט אים אויף די אַפּצאַסן, און ער בלייבט אַזוי מיטן אַנטבלויזטן קאָפּ, מיטן פּנים צום הימל. אינמיטן צעווילדעוועטן לויפן שפּאַלט זיך פלוצלינג אונדזער שורה, כּדי אָפּצוגעבן כּבֿוד דער דאָזיקער אומבאַוועגלעכקייט.

מע זעט אָבער נישט מער דעם לייטענאַנט. הייסט עס, נישטאָ מער קיין אָנפירער... עפּעס אַן אומאַנטשלאָסנקייט שטעלט-אָפּ די מענטשן-כוואַליע, וואָס שטראָמט שוין באַם ראַנד פון הויך-פלאַך. אין טריט-גערויש הערט מען דאָס הייזעריקע אָטעמען פון די לונגען.

— פאָרווערטס! — שרייט עפּעס אַ זעלנער.

דאַמאָלס לאָזט זיך אַלץ ווידער פאָרויס, מיט אַן אַלץ שטייגנדיקן אימפּעט לויפט מען האַסטיק אין אָפּגרונט.

* *

— ווו איז בערטראַנד? — קרעכצט אַרויס מיט מי עמעצנס אַ שטימע, פון די, וואָס לויפן פון פאָרנט.

— דאָ! אָט...

פאַרבייגייענדיק, האָט ער זיך איינגעבויגן איבער עפּעס אַ פאַרוווּנדעטן; אָבער ער פאַרלאָזט גיך דעם דאָזיקן זעלנער, וואָס שטרעקט אים נאָך די אָרעמס, ווי איינער, וואָס שלאָכצט.

ערשט, אין מאָמענט, ווען ער קומט צוריק צו אונדז, דערהערן מיר פאַר זיך פון עפּעס אַ מין ערד-הויקער אַרויס דעם טיק-טאַק פון דער מיטראַליעזע. ס'האַרץ ווערט פאַרקלעמט פאַר פּחד,

וואָס איז פיל געוואַלטיקער פון דעם איבערגעלעבטן ערד-ציטערניש און דער שרפה פון שפּאַר-פייער. דער דאָזיקער גוט-באַקאַנטער קלאַנג אין רוים רעדט צו אונדז קלאָר און מיט דער גאַנצער שרעקלעכקייט.

— ווייטער! ווייטער!

דאָס סאַפּען פאַרוואַנדלט זיך אין אַ הייזעריק קרעכצן, און מיר וואַרפן זיך כסדר אַלץ ווייטער פאָרויס.

— יעקעס! כ'זע זיי! — זאָגט פלוצלינג איינער.

— יאָ... אָט, זייערע קעפּ, איבער דער אָקאָפּע... אַ, יעגע־ ליניע, דאָס איז די אָקאָפּע. ס'איז גאָר נאָענט. אַ! די חזרים.

און מיר דערזען טאַקע פאַר זיך, אויף אַ פופצן מעטער, קליינע גרויע קעפּעלעך, וואָס הייבן זיך אַרויף און אַראָפּ איבערן ערד-אויבערפלאַך, איבער אַ שוואַרצן ערד-פּאַס, וואָס איז צעשניטן און צעאַקערט.

עפּעס אַ שטראָם טוט אַ הייב די גרופּע, צו וועלכער כ'געהער אַצינד. אַזוי נאָענט צום ציל, ביז אַהער נאָך נישט פאַרוווּנדעט, צי וועט מען עס אַצינד נישט דערגרייכן? מע מוז דעם ציל דערגרייכן! מיר מאַכן גרויסע שפּרייזן. מע הערט גאָרנישט מער. איטלעכער לויפט גלייך, פאַר זיך, צוגעצויגן דורכן שרעקלעכן גרובן, דער קערפּער שטייף נאָך פאָרנט, כמעט אומפּעיק אויסצודרייען דעם קאָפּ אויף רעכטס אָדער לינקס.

מע האָט דאָס באַוווּסטזיין, אַז אַ סך פאַרלירן דאָס גלייכ־ געוויכט און פאַלן אויף דר'ערד. כ'שפּרינג אָפּ אָן אַ זייט, כדי אויסצומיידן אַ פלוצלינג-אָנגעשטעלטן באַגעגעניש פון אַן אומפאַלנדיקער ביקס. גאָר נאָענט פון מיר ציט זיך מיט אַ פאַרבלוטיקט פּנים פאַר־ פּאַדעט, טוט מיך אַ שטויס און וואַרפט זיך אויף וואָלפּאַטן, וואָס גייט לעבן מיר, און כאַפּט אים אָן קראַמפּהאַפטיק; וואָלפּאַט בייגט זיך איין אין פולן לויף, שלעפּט אים אייניקע טריט נאָך זיך,

דערנאָך שאָקלט ער אים אָפּ און באַפרייט זיך פון אים, נישט קוקנדיק צומאָל אויף אים, נישט וויסנדיק ווער ס'איז; דערביי שרייט ער צו אים מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטימע, וואָס איז כמעט דערשטיקט פון אָנשטרענגונג:

— לאָז מיך, לאָז מיך, אַ שוואַרץ יאָר!... מ'עט דיך באַלד צונעמען. זאָרג נישט.

פאַרפאַדעט זינקט אַנידער, און זיין פּנים, איבערגעצויגן מיט אַ רויטער, אינגאַנצן אויסדריקסלאָזער מאַסקע, דרייט זיך אויף אַלע זייטן — בשעת וואָלפּאַט, שוין ווייט פון אים, חזרט איבער מעכאַניש צווישן די ציין: „זאָרג נישט", מיטן בליק פאַרשטאַרט נאָך פאָרנט צו דער ליניע.

אַ קוילן-וואָלקן צעשפּריצט זיך אַרום מיר, פאַרמערנדיק די פלוצלינקע אָפּשטעלענישן, פאַרשפּעטיקטע, זשעסטיקולירנדיקע, פיכלדיקע אַנידערפאַלענישן, מיטאַמאָליקע אונטערטויכונגען, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים — מיט דער גאַנצער משא פון קערפּער, געוואַלדן, טעמפּע אויסגעשרייען, צעכעסטע, פאַרצווייפלטע אָדער מיט אַן אימהדיקן הוילן „האַן!", ווו דאָס גאַנצע חיות ווערט אויסגעהויכט מיט איין זעץ. און מיר, וואָס מיר זיינען נאָך נישט אָנגעגריפן, מיר קוקן שטאַר פאַר זיך, מיר גייען, מיר לויפן, אין ווירבלדיקן טויט-שפּיל, וואָס שלאָגט בלינד אין אונדזערע לייבער.

דראָט-פאַרצוימונגען. אַ גאַנצער אומבאַרירטער גאַרטל. מיר גייען אים אַרום. אַ ברייטער, טיפער דורכגאַנג איז אין אים דורכגעבראָכן: ס'איז אַן אומגעהייער גרויסער לעיעק, וואָס באַשטייט פון אַ סך איינס אינם אַנדערן אַריינגעזעצטע לעיעקעס, אַ פאַנטאַסטיש מויל פון אַ ווולקאַן, וואָס די האַרמאַטן האָבן אויסגעגראָבן.

דאָס בילד פון דער דאָזיקער איבערקערעניש מאַכט שטוינען. ס'דאַכט זיך באמת, אַז דאָס שטאַמט פון ערד-צענטער אַרויס. דער אָנבליק פון אַזאַ מין צעררייסעניש פון ערד-שיכטן רייצט אונדזער

אַנגרייפֿס-לוסט, און אייניקע קענען זיך נישט איינהאַלטן נישט צו געשריי צו טון מיט אַ פֿינסטער קאָפּ-שאָקלען, הגם די ווערטער קריכן אַצינד מיט מי פֿון האַלדז אַרויס:

— אַהאָ! שוין איינמאָל אַ חתונה! האָ, האָ, האָ!

ווי פֿון ווינט געטריבן, גייט מען אַרויף און אַראָפּ איבער בערגלעך און ערד-הויפֿנס אין דאָזיקן גרענעצלאָזן ערד-איינבראָך, וואָס איז געוואָרן דורכגעבויערט, אָפּגעשוואַרצט און דורכגעברענט דורך די צעיושעטע פֿלאַמען. ערד-שטיקער קלעבן זיך צו די פֿיס און מיט כּעס רייסט מען זיי אָפּ. די אויסריכטונגס-טיילן, די שטאָפּן, וואָס טאַפּיצירן דעם ווייכן באָדן, די וועש, וואָס האָט זיך דאָ צעשפּרייט פֿון די אויפֿגעריסענע זעק אַרויס, באַוואָרענען אונדז פֿון איינגעזונקען צו ווערן און דעריבער באַמִיען מיר זיך צו שטעלן די פֿיס אויף די דאָזיקע איבערבלייבעכצער, בשעת מיר שפּרינגען אין די לעכער אָדער קלעטערן אויף די בערגלעך.

הינטער אונדז שטופּן אונדז קולות:

— פֿאָרווערטס, חברה, בעגאַנגען! אַ רוח איז זייער טאָטן אַריין!

— דער גאַנצער פֿאָלק איז הינטער אונדז! — שרייט מען.

מע דרייט זיך נישט אויס אַ קוק צו טון, אָבער די דאָזיקע פֿאַרזיכערונג עלעקטריזירט נאָך אונדזער שטורעם-לויף.

מע זעט נישט מער ווי די קאָפּעלעך אויף יענער זייט גרובן-ראַנד, צו וועלכן מיר דערנענטערן זיך. פֿון פֿאָרנט ליגן צעשפּרייט טויטע גופֿים פֿון טויטע דייטשן — אין בערגלעך, ווי פֿינטעלעך, אָדער אויסגעצויגן ווי ווירעס. אָט קומען מיר אָן. דער גרובן-ראַנד ווערט בולטער, מיט זיינע פֿאַרבאָרגענע געשטאַלטן, מיט זיינע איינצלהייטן: די שיס-לעכער... מיר זיינען וואונדערבאַר, אומגלייבלעך נאָנט...

עפּעס פֿאַלט אַנידער פֿאַר אונדז. אַ גראַנאַט. קאַפּראַל בערטראַנד

טוט אַ קאָפּ מיטן פוס און שליידערט אים אַוועק אַזוי געשיקט, אַז ער טוט אַ שפּרינג נאָך פאַרנט אין דער אָקאָפּע און פּלאַצט דאָרט.

מיטן דאָזיקן גליקלעכן שאָס באַטרעט אונדזער אָפּטיילונג דעם גרובן.

פּעפּין האָט זיך געוואָרפן אויפן בויך. ער קריכט אַריבער איבער אַ מת. ער דערגרייכט צום ראַנד און לאָזט זיך אַראָפּ. ער איז דער ערשטער אַריין אין גרובן. פוּיאַד שרייט, מאַכט מיט די הענט און שפּרינגט אַריין אין חלל, כמעט אין זעלבן אויגנבליק, וואָס פּעפּין האָט זיך דאָרט אַריינגעשלייכט... בליץ-שנעל באַמערק איך אַ גאַנצע שורה שוואַרצע טייוולאָנים, וואָס קאָרטשען און בייגן זיך באַם אַראָפּלאָזן זיך איבערן אויסבייג פון שוואַרצן קבר.

אַ שרעקלעכער זאַלפּ טוט אונדז אַ זעץ אין פּנים. אויף אַ פּאָר טריט פון אונדז שפּייט אויס אַ לאַנגע פלאַמען-סטענגע לענגאויס די ערד-ווענט. נאָך אַ רגע פון באַטויבונג, קומען מיר צו זיך און מיר ברעכן אויס אין אַ טייוולאָניש געלעכטער: דער זאַלפּ איז אַריבער איבער אונדזערע קעפּ. און תיכף — מיט געשרייען און געוואַלדן פון דערלייזונג — גליטשן מיר זיך, קייקלען און פאַלן אַריין לעבעדיקע אין בויך פון דער אָקאָפּע.

*

*

אַן אומבאַגרייפלעכער רויך פאַרפלייצט אונדז. אינם דערשטיקטן אָפּגרונט זעט מען צווערשט נאָר בלויע אוניפאָרמען. מע דרייט זיך אין אַלע זייטן, מע שטופּט זיך איינס ס׳אַנדערע, מע שרייט, מע זוכט עפּעס. מע דרייט זיך אויס און מ׳האָט פולע הענט: ס׳מעסער, גראַנאַטן, די ביקס, און מע ווייסט אַליין נישט, וואָס מיר האָבן צו טון.

— ז׳ליגן אין זייערע זיכער-היילן, די בהמות! — שרייט מען. עטלעכע קנאַלן מאַכן ציטערן דעם באָדן; דאָס קומט פאַר אונ-

טער דער ערד, אין די זיכער-היילן. פלוצלינג בלייבן מיר אָפּגע-
זונדערט דורך הייזער-גרויסע רויך-מאַסן, וואָס איז אַזוי געדיכט,
גלייך מע וואָלט ס'פּנים פאַרדעקט מיט אַ מאַסקע, און מע זעט מער
גאָרנישט. מיר ווערן זיך ווי טרינקנדיקע אין דער דאָזיקער חושבדי-
קער און בייסיקער לופט, אין דער דאָזיקער שטילער נאַכט. מיר שטויסן
זיך אָן אָן אונטערוואַסער-פעלזן פון איינגעקאָרטשעטע, צוזאַמענגע-
קנוילטע באַשעפענישן, וואָס גייען אָפּ מיט בלוט און שרייען
פון דער טיפעניש אַרויס. מע דערקענט קוים די גרובן-ווענט,
וואָס זיינען דאָ איינגאַנצן גלייכע און געמאַכט פון ווייס-לייוונ-
טענע ערד-זעק — אומעטום צעריסן ווי פּאַפּיר. מאָמענטנווייז
ווייזט זיך דער שווערער קלעפּיקער רויך-וואָלקן און ווערט שי-
טערער; דאַמאָלס זעט מען, ווי ס'ווימלט דער אַנטשטורעמדי-
קער מענטשן-קייל... ווי אויסגעריסן פון אַלגעמיינעם שטוי-
ביקן בילד, טויכט אויף באַם גרובן-ראַנד דער סילועט פון אַ
צווייקערפּער-געראַנגל, איינגעהילט אין אַ נעפּל, און פאַלט אַראָפּ,
ווערט פאַרזונקען. כ'פאַרנעם אַ פּאָר הייזעריק-קוויטשנדיקע „קאַמע-
ראַד!", וואָס שטאַמען פון אַ פּעקל עלנטע קעפּ מיט גרויע רעקלעך,
צונויפגעפּרעסטע אין אַ ווינקל, פון אַן אויפרייס, ברייט אויפגעשפּאָלטן.
אונטער דער טינט-כמאַרע פליסט צוריק דער מענטשן-שטורעם,
שטייגט אויף רעכטס אין דער זעלבער ריכטונג אין אַ ווירבלדיק
אונטערשפּרינגען לענגאויס דעם טריבן חרובדיקן וועג.

* *
*

און מיט אַמאָל דערפילט מען, אַז ס'איז געענדיקט. מע זעט,
מע הערט, מע פאַרשטייט, אַז אונדזער כוואַליע, וואָס האָט זיך
דורכגעשפּאַרט דורכן שפּאַר-פייער, האָט נישט אָנגעטראָפן אויף קיין
ענלעכע כוואַליע און, אַז מע האָט זיך צוריקגעצויגן באַ אונדזער
אָנקומען. די מענטשלעכע שלאַכט איז פאַר אונדז צערינען געוואָרן.

דער דינער פאָרהאַנג פון די פּאַרטיידיקער האָט זיך צעבּרעקלט אין די־לעכער, וווּ מע פאַנגט זיי, ווי די מייז אָדער מע הרגעט זיי. נישטאָ קיין ווידערשטאַנד: אַ פּוסטקייט, אַ גרויסע פּוסטקייט. מיר גייען ווייטער, צוזאַמענגעדריקט, ווי עפּעס אַ מענגע שרעקלעכע צושויער.

און דאָ איז די אָקאָפּע אינגאַנצן צעשמעטערט. מיט אירע ווייסע איינגעפאַלענע ווענט, זעט זי אויס אין דעם אָרט, ווי דאָס געלעגער פון אַ טייך, וואָס איז אויסגעטרוקנט געוואָרן אין זיין שטיינערנער קאָרטע; ערטערווייז: אַ פלאַך רונדיק לאָך פון אַן איינגעטרוקנטער סאַזשעלקע; און באַם ברעג, באַם גרובן־ראַנד און אויפן גרונט, ציט זיך אַ לאַנגער וועג פון טויטע גופים, — און דאָס אַלץ פילט זיך ווידער אָן מיט פרישע, הויך־שוימיקע וועלן פון אונדזערע אָפּטיילונגען. דורכן רויך, וואָס זעצט פון די זיכער־היילן אַרויס און דורך דער צעטרייסלטער לופט פון די אונטערערדישע אויפרייסן דערגיי איך ביז אַ קאָמפּאַקטער, פעסט־צונויפגעקלאַמער־טער מענטשן־מאַסע, וואָס דרייט זיך אין אַ ברייטן קרייז. אין מאָ־מענט, ווען מיר קומען אָן, צעפאַלט זיך די דאָזיקע גאַנצע מאַסע, די רעשט פון דער שלאַכט גוססט; איך זע, ווי בלער גראַבלט זיך אַרויס, דער העלם הענגט אים נאָך אויפן האַלדז באַם לע־דער־פּאַסעקל, ס׳פּנים צעריסן, און ער לאָזט אַרויס אַ ווילד געבריל. איך שטויס מיך אָן אָן אַ מענטש, וואָס קלאַמערט זיך מיט אַלע כּוחות באַם אַריינגאַנג אין אַ זיכער־הייל. וועלנדיק אויסמיידן די שוואַרצע, אָפּן־מויליקע און פאַרעטערישע לויער־עפענונג, האַלט ער זיך מיט דער לינקער האַנט באַם ביישטידל־סלופּ. אין דער רעכטער האַנט האַלט ער אַ האַנט־גראַנאַט און פיכלט מיט אים אין משך פון מע־רערע סעקונדן. אָט, אָט פּלאַצט ער... ער ווערט נעלם אין לאָך. אין זעלבן אויגנבליק רייסט ער אויף, און אַלס ענטפער קומט אַ גרויזאַמער מענטשן־עכאָ פון אינגעווייד פון דער ערד. דער זעלבער כאַפּט בּאַלד אַ צווייטן גראַנאַט.

אַן אַנדערער ווידער זעצט מיט אַ געפֿונען העקל די טיר־שטי־צעס פֿון אַן אַנדערער זיכער־הייל און צעקלאַפּט זיי. פֿון די אַראָפּגע־פֿאַלענע שטיקער ערד בלייבט דער אַריינגאַנג פֿאַרשטאָפּט. מע זעט אַ סך שאָטנס זיך פֿאָרן און מאַכן מיט די הענט איבערן דאָזיקן קבר.

איינער, אָט אַן אַנדערער... פֿון דער לעבעדיקער מחנה, וועלכע האָט ענדלעך דערגרייכט צו דער דאָזיקער אַזוי שטאַרק געשטרעבטער אָקאָפּע, דערגרייכט, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, זיך אָנגעשטויסן מיט אומבאַזיגבאַרע קוילן און גראַנאַטן, מיט וועלכע מ׳האָט זיי מקבל פּנים געווען — פֿון דער דאָזיקער מחנה דערקען איך קוים מיינע באַקאַנטע, גלייך ווי דאָס גאַנצע איבעריקע לעבן איז פּלוצלינג געוואָרן עפּעס גאָר אַ ווייטע זאַך. די מענטשן פֿאַר־ענדערט עפּעס, פֿאַרשטיינערט. עפּעס אַ שגעון האָט זיי אַלעמען אַרומגענומען און ברענגט זיי פֿון די כּלים אַרויס.

— צו וואָס בלייבן מיר דאָ שטיין? — זאָגט איינער קריצנ־דיק מיט די ציין.

— פֿאַרוואָס גייט מע נישט אין איינוועגס צום אַנדערן? — פֿרעגט מיך אַ צווייטער, ברענענדיק פֿאַר רציחה. — אַצינד, אַז מ׳איז שוין דאָ, איז דאָך אַ קאַצן־שפּרונג צום אַנדערן גרובן!

— כ׳וויל אויך ווייטער גיין!

— איך אויך. אַ! די הינטישע צורות!...

זיי פֿלאַטערן ווי די פֿאָנען, טראָגן ווי אַ רום־פֿולן צייכן זייער הצלחה פֿון לעבנבלייבן, זיינען האַרט, אומדערבאַרמיק, ברויזנדיק, פֿאַרשיכּורט פֿון זיך זעלבסט.

מע שטעלט זיך אָפּ, מע שפּאַנט אַרום איבערן דעראָבערטן שטיקל אָרט, דאָס דאָזיקע משונהדיקע, צעשטערטע שטיקל וועג, וואָס שלענגלט זיך איבערן פֿלאַך־פֿעלד און ציט זיך פֿון אומבאַ־קאַנטן צום אומבאַקאַנטן.

— פאָרווערטס, אויף רעכטס!

און אַלץ לאָזט זיך ווידער אין איין ריכטונג. ס'איז אָן אַ שום
ספק אַ מאַנעווער, וואָס די אָנפירער, דאָרט אויבן, האָבן אויסגעקאָמ-
בינירט. מען טרעט איבער ווייכע קערפּערס, פון וועלכע אייניקע
רירן זיך נאָך און קריכן פּאַמעלעך פון אָרט צו אָרט און פון וואַגן
כ'פליסן גיכע טייכלעך און ס'הערן זיך געשרייען. מתים ליגן הויפּנ-
ווייז אין דער לענג און אין קווער, ווי בעלקעס אין חורבות, ליגן אויף
פאַרוווּנדעטע, דריקן זיי, שטיקן זיי און ווערגן, און נעמען צו זייער
חיות. כּדי צו קענען אַריבערגיין, שטופּ איך אָפּ אָן אַ זייט אַ געקעפּטן
גוף, וואָס זיין האַלדז איז אַ ברוּנדיקער בלוט-קוואַל.

אינם דאָזיקן קאַטאַקליזם פון אָפּגעריסענע, מאַסנווייז אָנגע-
הויפטע ערד-בלאָקן, דאָס קריכעניש פון טויטע און לעבעדיקע,
וואָס באַוועגן זיך אינאיינעם, אין דעם רויך-וואַלד, וואָס בושעוועט
אין דער אָקאָפּע און איבערן גאַנצן אַרומיקן שטח — אומעטום זעט
מען גאָרנישט, סיידן דערהיצטע, שוויס-בלוטיקע פּנימער, מיט
בליצנדיקע אויגן, ס'זעט אויס ווי כּתּות גאַנצע גייען אין ווילדן טאַנץ,
פאָכנדיק מיט זייערע מעסערס. זיי זייגן לוסטיק, אָן גרענעצן,
פּעסט באַ זיך, צעווילדעוועט.

אומבאַקלערטערהייט לעשט זיך אויס דער קאַמף. איין זעל-
נער זאָגט:

— און וואָס טוט מען אַצינד, וואָס?

די שלאַכט פלאַקערט אויף פלוצלינג אין איין פונקט: אויפן
פעלד, אויף אַ צוואַנציק מעטער ווייט, לעבן אַ קיילעכדיקן ראַנד פון
אַ גרוי בערגל. אַ רייע ביקסן-שאָסן שפּריצן זייערע ברענענדיקע
פינטעלעך אַרום אַ מיטראַליעזע, וואָס איז פאַרגראָבן, שפּייט מיט
אונטערברעכונגען, ווי זי וואָלט זיך געווערט.

אונטער דעם קויל-עקן פליגל פון אַ מין בלוילעכן און געלב-
לעכן נימב, זעט מען ווי די מענטשן רינגלען אַרום די בליץ-

שפּייענדיקע מאַשין און נעמען זי אַלץ מער אין קלעם. כ׳דערקען, נישט ווייט פון מיר, דעם סילועט פון מעניל זשאַזעף; איינגאַנצן אויפגעשטעלט, נישט זוכנדיק זיך צו שיצן, גייט ער גלייך צו דעם פּונקט, וואָס האָוקעט אַרויס די אָפּגעהאַקטע שאָסן.

פון עפּעס אַ ווינקל פון דער אָקאָפּע טוט אַ שאָס אויס צווישן ביידע. זשאַזעף בלייבט שטיין, וואַקלט זיך, בייגט זיך איין און לאָזט זיך אַראָפּ אויף איין קני. איך לויף צו צו אים. ער זעט, ווי איך קום אָן.

— גאָרנישט: ס׳שענקל... כ׳קען אַליין קריכן.

ער זעט אויס עפּעס אַזוי אַרטיק, קינדיש, געצאַמט, פּאַמעלעך פּאַלדעוועט ער זיך צו יענעם גרובן צו...

דער פּונקט שטייט מיר נאָך געטנוי פאַר די אויגן, פון וואַנען ס׳איז אַרויס דער שאָס, וואָס האָט אים געטראָפן. דורך דער לינקער זייט, מאַכנדיק אַן אומוועג, שלייך איך מיך אַהינצו.

נישטאָ קיינער. כ׳טרעף בלויז אַן אונדזעריקן, וואָס זוכט גראָד אַזוי ווי איך. ס׳איז פּאַראַדיז.

מיר ווערן אָפּגעשטויסן דורך זעלנער, וואָס טראָגן אויף די אַקסלען, אָדער אונטערן אָרעם פאַרשידנאַרטיקע שטיקער אייזן. זיי פאַרנעמען די גאַנצע סאַפּע און צעשיידן אונדז.

— די מיטראַליעזע איז גענומען דורך דער זיבעטער! — שרייט מען. — ר׳וועט שוין מער נישט ווערזען. געריסן זיך, די געמיינע חיה! אַזאַ בעסטיע!

— און וואָס טוט מען אַצינד, וואָס?

— גאָרנישט.

בלייבט מען אַזוי, נישט אַהין, נישט אַהער. מען זעצט זיך אַוועק. די לעבעדיקע האָבן אויפגעהערט צו סאַפּען, די טויטע ענדיקן זייער כאָרכלען, אַרומגערינגלט מיט רויך און מיט פייער-בליצן און מיט אַ באַרבאַטנע[illegible] נאָס קייקלט זיך אויף אַלע עקן וועלט.

מע ווייסט נישט מער ווו מ'איז, נישטאָ, נישט קיין ערד, נישט קיין הימל, סיידן אַלץ דער זעלבער מין נעפּל. אַן ערשטע רו-פּויזע שטעלט זיך איין אין דער דאָזיקער כאַאָטישער דראַמע. אַן אַלגעמיינע אָפּשוואַכונג פון באַוועגונגען און גערוישן. אויך די קאַנאָנאַדע לאָזט נאָך. בלויז פון ווייט-ווייט טרייסלט זי דעם הימל, ווי אַ הוסטן. די התלהבות ווערט אָפּגעקילט און ס'בלייבט נישט מער, ווי אַן אומענדלעכע מידעקייט, וואָס קריכט אין די ביינער און פאַרכלייניעט אונדז, און אַן אומענדלעך וואַרטן, וואָס הייבט זיך אָן אויף דאָס ניי.

* * *

ווו איז דער שונא? אומעטום האָט ער איבערגעלאָזט טויטע, מ'האָט אויך באַגעגנט שורות געפאַנגענע: אָט דאָרט, זעט זיך נאָך איינע, ווי זי ציט זיך מאָנאָטאָן, צעשוומען און אינגאַנצן פאַררייכערט אונטערן שמוציקן הימל. די ווייט-גרעסטע צאָל אָבער איז שוין ווייט פאַרשוווּנדן. אייניקע גראַנאַטן פאַלן נאָך אַריין ווו-נישט-ווו, אומגעלומפּערט; מען לאַכט פון זיי. מיר זיינען אויסגעלייזט, מ'איז רויִק, מ'איז אַליין אין דאָזיקן מדבר, ווו גאַנצע מחנות טויטע באַרירן זיך מיט לעבעדיקע רייען.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. דער שטויב איז אַוועקגעפלויגן, אָבער ער האָט אָפּגערוימט זיין פּלאַץ פאַר דער האַלב-טונקלהייט און פאַרן שאָטן, וואָס שפּרייט זיך אויס איבערן ווירוואַר פון דער לאַנג-אויסגעצויגענער מחנה. די מענטשן גייען צו איינער צום אַנדערן, זעצן זיך, הייבן זיך אויף, גייען, אָנגעלענט אָדער אָנגענומען איינער מיטן אַנדערן. מע קומט זיך צונויף צווישן די זיכער-היילן, וואָס זיינען פאַרלייגט מיט טויטע, און מע זעצט זיך אויף די קוטשקעס. טייל האָבן אַוועקגעלייגט זייערע ביקסן אויף דר'ערד און וואַנדלען אַרום באַם ראַנד פון גרובן מיט אַראָפּהענגענדיקע אָרעמס; פון

דער נאָנט זעט מען, ווי זיי זיינען פאַרשוואַרצט, פאַרבּרענט, מיט דויטע אויגן און באַשפּריצט מיט בּלאָטע. מע רעדט גאָרנישט, אָבער מע הייבּט אָן צו זוכן.

אַצינד זעט מען קראַנקן-טרעגער, וואָס זייערע אַרומגעריסענע שאָטן-געשטאַלטן בּוקן זיך און זוכן עפּעס, גייען ווייטער, אין צווייען באַהאָפטן צו זייערע לאַנגע משאות. דאָרט ווייטער, אויף רעכטס, הערט מען דאָס קלאַפּן פון האַק און שויפל אָן דער ערד.

איך בלאָנדזשע אַרום אין דאָזיקן פינסטערן אָפּגרונט.

דאָרט, ווו דער גרובן-ראַנד, צעשמעטערט דורך דער באַשיסונג, בּילדעט א לייכטע שפּוע, זע איך עמעצן זיצן. ס'בּלייבּט נאָך א צעשוווּמענע ליכטיקייט. די רויִקע אויסערלעכקייט פון דאָזיק- מענטש, וואָס קוקט פאַרטראַכט אין דער וועלט אַריין, האָט אין זיך עפּעס פון א שטיינבּילד און מאַכט מיך דערשטוינט. ווען כ'בּייג זיך אָן, דערקען איך אים. ס'איז קאַפּראַל בּערטראַנד.

ער דרייט אויס צו מיר זיין פּנים און כ'פיל, ווי ער קוקט מיך אָן אין האַלבּ-טונקל מיט א פאַרקלערטן שמ״כל.

— כ'האָבּ דיך געוואָלט אויפזוכן — זאָגט ער צו מיר. — מ'אָרגאַניזירט דערווייל די שמירה פון דער אָקאָפּע, בּיז מע וועט קריגן עפּעס א ידיעה, וואָס ס'טוט די איבעריקע און וואָס ס'הערט זיך דאָרט פאָרנט. כ'וויל דיך מיט פאַראַדיזן אַוועקשטעלן אַלס א טאָפּלט-וואַך און א האָרך-פּאָסטן, וואָס די טאַפּיאָרן האָבּן נאָר-וואָס אויסגעגראָבּן.

מיר האָבּן זיך צוגעקוקט צו די פאַרבּייגייענדיקע און אומבּאַוועגלעכע שאָטנס, וואָס האָבּן זיך אויסגעטיילט אויפן גרויען טונק פון הימל, ווי איינגעקאָרטשעטע, געבּויגענע טינט-פלעקן לענגויס דעם צעשטערטן גרובּן-געלענדער. מאָדנע זען אויס זייערע בּאַוועגונגען אין דער פינסטער, ווי איינגעשרומפּענע שרצים און ווערעם, איבּער די שאָטן-איינגעהילטע פעלדער. דער טויט האָט אויסגע-

שפרייט פרידן איבערן דאָזיקן לאַנד, ווי די צוויי־יעריקע שלאָכטן האָבן אויפגעבויט זעלנער־ישובים איבער די אַלע ענדלאָזע, טיפּע מתים־שטעט.

צוויי שאָטן־געשטאַלטן גייען פאַרביי, נישט פון אונדז, אין דער טונקלקייט. זיי פירן צווישן זיך אַ שטילן שמועס.

— קענסט דיר פאָרשטעלן, גוטער ברודער, אָנשטאָט אים אויסצוהערן, רוק איך אים דעם באַגנעט אין בויך אַריין, אַז כ׳קען אים אַזש נישט אַרויסשלעפּן.

— בײַ מיר ווידער, האָב איך געהאַט פיר שטיק אין אַ לאָך. כ׳האָב זיי געררופן, זיי זאָלן אַרויסקומען, און ווי נאָר איינער איז אַרויס, האָב איך אים באַלד געעפנט די געדערעם. דאָס דם איז מיר געררונען ביזן עלנבויגן אַרויף. די אַרבל זיינען מיר נאָך אַצינד צוגעקלעבט.

— אַ! — מאַכט ווייטער דער ערשטער — אַז מ׳עט דאָס דערציילן שפּעטער, אויב מ׳עט אַהיימקומען, יענע דאָרט אינדערהיים בײַם וואַרעמען אויוון און אייגן ליכטל, ווער עט׳עס וועלן גלייבן? איז עס נישט אַן אומגליק, דאָס?

— ס׳אי מיר אַ נפקא־מינא, אַבי מ׳זאָל אַהיימקומען — מאַכט דער אַנדערער — און וואָס גיכער, אַ סוף, מער פאַרלאַנג איך נישט.

בערטראַנד האָט געוויינטלעך קנאַפּ גערעדט און קיינמאָל נישט וועגן זיך. אַצינד אָבער זאָגט ער צו מיר:

— דריי זיינען מיר אונטערגעקומען. כ׳האָב געהאַקט ווי אַ משוגענער. יאָ! אַלע זיינען מיר געווען, ווי די חיות, ווען מיר זיינען דאָ אַהערגעקומען!

זיין שטימע איז העכער געוואָרן און האָט איינגעהאַלטן געציטערט.

— מע האָט עס געמוזט — זאָגט ער — מ׳האָט געמוזט, אַ — פאַר דער צוקונפט.

ער האָט איבערגעלייגט די הענט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— די צוקונפט! — האָט ער פּלוצלינג אויסגעשריגן, ווי אַ נביא. — מיט וואָסערע אויגן וועלן די שפּעטערדיקע, די, וואָס וועלן לעבן נאָך אונדז און וועלכע דער פּראָגרעס — וואָס מוז אומפאַרמיידלעך קומען — וועט באַשענקען מיט אַ פאַרנונפטיקן געוויסן, מיט אַ וואָסערע אויגן וועלן זיי קוקן אויף די דאָזיקע העלדנטאַטן, וואָס מיר אַליין וויסן נישט, מיר — וואָס באַגייען זיי, צי זאָל מען זיי פאַרגלייכן צו די מעשים פון פּליטאַכס און קאָרנעילס העלדן, אָדער צו אַפּאַש-שטיק!

— און דאָך — האָט בערטראַנד ווייטער געזאָגט — זע! ס'איז אַ געשטאַלט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער מלחמה און וואָס וועט אַמאָל גלאַנצן מחמת זיין שיינקייט אין דער באַדייטונג פון זיין מוט...

אָנגעלענט אויפן שטעקן, איינגעבויגן איבער אים, האָב איך געהערט און איינגעזאַפּט אין זיך די דאָזיקע שטימע, וואָס איז געקומען אין דער בין-השמשותדיקער שטילקייט פון אַ מויל, וואָס איז כמעט שטענדיק שווייגנדיק. קלאָר און הויך האָט ער אויסגערופן:

— ליבקנעכט!

און ער האָט זיך אויפגעשטעלט, כסדר אַלץ מיט פאַרלייגטע הענט. זיין שיין פּנים, טיף-ערנסט, ווי דאָס פּנים פון אַ סטאַטוע, איז געווען אַראָפּגעלאָזט אויף זיין ברוסט. און נאָכאַמאָל איז ער אַרויס פון זיין מאַרמאָרנער שטומקייט און איבערגעחזרט:

— די צוקונפט! די צוקונפט! דאָס ווערק פון דער צוקונפט וועט באַשטיין דערין, אָפּצומעקן די איצטיקע קעגנוואַרט, און אָפּצומעקן נאָך שטאַרקער ווי מע קען עס מיינען, אָפּצומעקן זי, ווי עפּעס נידערטרעכטיקעס און שענדלעכעס. און דאָך איז די דאָזיקע קעגנוואַרט נויטווענדיק געווען, נויטווענדיק געווען! שאַנד דעם מיליטע-

רישן רום, שאַנד די אַרמייען, שאַנד דער זעלנערישער מלוכה, וואָס פאַרוואַנדלט דורכאַנאַנד די מענטשן אין נאַרישע קרבנות און אין ני־דעריקע תלינים. יאָ, שאַנד: ס׳איז אמת, אָבער ס׳איז צופיל אמת, ס׳איז אמת פאַר דער אייביקייט, פאַר אונדז נאָך נישט פאַרזיכטיק מיט אונדזערע געדאַנקען! ס׳וועט ערשט דאַמאָלס זיין אמת, ווען ס׳וועט זיין איינגאַנצן אַ נייע ביבל. ס׳וועט זיין אמת, ווען ס׳וועט זיין פאַרשריבן צווישן אַנדערע אמתן, וואָס דער געלייטערטער גייסט וועט זיי גלייכצייטיק פאַרשטיין. מיר זיינען נאָך פאַרלוירן, ווייט פאַרטריבן פון יענע קומענדיקע צייטן. היינט צו טאָג, אין איצטיקן אויגנבליק איז דער דאָזיקער אמת כמעט נאָך אַ טעות, דאָס דאָזיקע הייליקע וואָרט איז נישט מער ווי אַ לעסטערונג!

ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ מין געלעכטער, אָן אָפּשאַלנדיקס, אַ פאַרחלומטס.

— איינמאָל האָב איך זיי געזאָגט, אַז כ׳גלייב אין נביאות — כדי זיי זאָלן גיין מיט חשק.

כ׳האָב מיך אָוועקגעזעצט לעבן בערטראַנדן. דער דאָזיקער זעלנער, וואָס האָט תמיד געטאָן מער ווי זיין פליכט, און דאָך נאָך לעבן געבליבן — האָט אין דעם מאָמענט אָנגענומען אין מיינע אויגן דאָס אויסזען פון יענע מענטשן, וואָס פאַרקערפּערן מיט זיך אַ הויכע מאָראַלישע אידעע און באַניצן די קראַפט זיך צו באַפרייען פון צופעליקע, אַרומיקע השפעות און וואָס זיינען אויסדערוויילט — אויב זיי זאָלן נאָר פאַרבייגיין אין העלן ליכט פון אַ גרויסער געשעעניש — צו באַהערשן זייער צייט.

— איך האָב אויך שוין דאָס אַלץ געקלערט — האָב איך שטיל געזאָגט.

— אַ! — מאַכט ער.

מיר האָבן זיך דורכגעקוקט, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, מיט

אַ שטיקל איבעראַשונג און פּערטיפּסקייט. נאָכן דאָזיקן לאַנגן שווייגן האָט ער ווייטער געזאָגט:

— צייט אָנהייבן די דינסט. נעם דיין ביקס און קום.

... פון אונדזער האָרך־לאָך אַרויס זען מיר אויף מזרח־זייט זיך צעפלאַקערן אַ שיין פון אַ שׂרפה, וואָס איז דאָך בלויער, טרויעריקער פון אַ שׂרפה־שיין. ער באַשטרייפט העל דעם הימל אונטער אַ לאַנגן, שוואַרצן וואָלקן, וואָס צעציט זיך, הענגט אין דער לופטן, ווי דער רויך פון אַ גרויס אויסגעלאָשן פייער, ווי אַן אומגעהייערער גרויסער פלעק איבער דער ערד. ס'איז דער מאָרגן, וואָס קומט אָן.

ס'איז אַזאַ קעלט, אַז ס'איז אוממעגלעך רויִק איינצושטיין, כאָטש די מידיקייט בינדט ווי מיט קייטן. מע ציטערט, מע שווידערט, מע קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן און ס'טריפט פון די אויגן. ביסלעכווייז, מיט אַ פאַרצווייפלטער פּאַמעלעכקייט, שלייכט זיך דער טאָג פון הימל אַרויס אין דעם מאָגערן געביי פון די שוואַרצע וואָלקנס. אַלץ איז פאַרפרוירן, פאַרבנלאָז און פּוסט; איבער אַלעם הערשט אַ טויטע שטילקייט. איבער ראָסע, שניי — אַ נעפּל־משׂא. אַלץ איז ווייס. פאַראַדיז רירט זיך — ס'איז אַ שווערער, בלייכער געשפּענסט. מיר זיינען אויך אינגאַנצן ווייס. כ'האָב אַגידערגעלייגט מיין ברויט־זאַק אויף דער שוועל פון האָרך־לאָך, זעט ער אויס, ווי איינגעוויקלט אין פּאַפּיר. אויפן גרונט פון לאָך, איבערן שוואַרצן פּיס־באָדן שווימט אַ ביסל צעפרעסענער, גרוי־געפאַרבטער שניי. אויסערהאַלב דעם לאָך, די בייכיקייטן און אויסהוילונגען, די קופּעס מתים — אַלץ איז פאַרדעקט מיט אַ גאַזע־שלייער פון שניי.

צוויי געבויגענע, איינגעפּעקלטע געשטאַלטן רוקן זיך אין גערדיכטן נעפּל: זיי ווערן טונקעלער און קומען צו צו אונדז, רופן אונדז. די ביידע קומען אונדז אָפּלייזן. זייערע פּנימער זיינען ברוין־רויט און פייכט פון קעלט, די [illegible] די פּאַלירטע ציגל.

זייערע מאַנטלען זיינען אָבער נישט באַשעדיקט: זיי זיינען געשלאָגן אונטער דער ערד.

פּאַראַדיז קלעטערט אַרויס. אויפן פלאַך־פעלד גיי איך נאָך זיין רוקן פון אַ שניי־מענטש און נאָך די ענטל־שפורן, וואָס ס׳לאָזן זיינע שיך, אויסשניידנדיק ווייסע פילצענע זוילן. אַזוי, אין צווייען געבויגן, קערן מיר צוריק אין אָקאָפּע: די טריט פון די ביידע, וואָס האָבן אונדז פאַרטרעטן, זיינען שוואַרץ אָפּגעצייכנט אויף דער דינער ווייסקייט, וואָס באַדעקט די ערד.

דאָ און דאָרט שטאַרן אַרויס איבער דער אָקאָפּע די וואַכן. ערטערווייז זיינען אויפגעצויגן אויף דרענגלעך ברייטע, אומרעגל־מעסיקע געצעלטן פון פּלאַנדעקעס, איבערגעצויגענע מיט אַ ווייסן סאַמעט אָדער מיט אַ ראָסע־שימער. צווישן די וואַכן ליגן איינ־געקאָרטשעטע געשטאַלטן, קרעכצן, באַמיען זיך צו ווערן זיך קעגן דער קעלט און צו שיצן די נעבעכדיקע וואַרעמקייט פון זייער ברוסט. אַנדערע ליגן שטאַר געפרוירן. אַ טויטער שטייט אַביסל איינגעבויגן מיט די פיס אין דער אָקאָפּע, מיט די הענט און ברוסט אָנגעשפּאַרט אָן גרובן־ראַנד. ער האָט געקאָפּעט די ערד, ווען ער איז אויסגעגאַנגען. זיין פּנים, וואָס שטאַרט אין הימל אַריין, איז באַדעקט מיט אייזיקע קרעצלעך, די אויגן־לעדער ווייס ווי ס׳אויג, די וואָנסן באַצויגן מיט געפרוירענעם גאַווער.

אַנדערע גופים שלאָפן. זיי זיינען קנאַפּער ווייס ווי די אי־בעריקע: דער שניי־שיכט איז אומבאַרירט בלויז אויף זאַכן און טויטע.

— מע דאַרף שלאָפן.

פּאַראַדיז מיט מיר זוכן אַ געלעגער, אַ לאָך, וווּ מע זאָל זיך קענען באַהאַלטן און פאַרמאַכן די אויגן.

— פאַר מיינעטוועגן, מעגן אַפילו טויטע ליגן אין זיכער־

הייל — מורמלט פאַראַדיז. — אין אַזאַ פראָסט וועלן זיי זיך איינהאַלטן און אָרנטלעך אויפפירן.

מיר שלעפן זיך ווייטער, אַזוי פאַרמאַטערט, אַז אונדזערע בליקן פאַלן אַזש אויף דר'ערד.

איך בין אַליין. ווו איז פאַראַדיז? אַוודאי זיך געלייגט ערגעץ אין אַ ווינקל. אפשר האָט ער מיך גערופן און איך האָב נישט געהערט.

איך באַגעגן מאַרטעראָן.

— כ'זוך ווו צו שלאָפן. כ'האָב געהאַט וואָך-דינסט — זאָגט ער צו מיר.

— איך אויך. לאָמיר ביידע זוכן.

— וואָס אי דאָס פאַרע גערודער און געפילדער? — זאָגט מאַרטעראָ.

אַ גערויש פון טריט און צונויפגעמישטע שטימען האָט זיך אַרויסגעטראָגן פון דורכגאַנגס-גרובן, וואָס איז אויף דעם אָרט אָפּגעגאַנגען.

— די דורכגאַנגס-גרובן זייַנען פול מיט חברה-לייט... ווער זענט איר דאָס?

איינער פון די, מיט וועלכע מיר האָבן זיך פלוצלינג אויסגעמישט, ענטפערט:

— מיר זייַנען פון 5-טן באַאָן.

די ניי-אָנגעקומענע מאַכן דאָ מאַרש-פויזע. זיי זייַנען אין פולער אויסרייסטונג. דער, וואָס האָט אונדז געענטפערט, זעצט זיך אָפּעטעמען אַ ווײַלע אויפן בויך פון אַ ערד-זאַק, וואָס שטאַרט אַרויס פון דער שורה; ער לייגט אַוועק פאַר די פיס זייַנע האַנט-גראַנאַטן און ווישט זיך די גאַז מיטן אַרבל.

— וואָס גייט איר דאָ טון? מ'האָט איך געזאָגט?

— אַ שאלה צי געזאָגט: צום אָנגריף גייט מען. אַזש ביז אַרויף גייט מען, מיטן קאָפּ ווייזט ער אויף צפון-זייט.

די בייגעריקייט, מיט וועלכער מיר באַטראַכטן זיי, שטעלט זיך אָפּ אויף איין איינצלהייט:

— האָט איר מיטגע־לעפּט אייער גאַנץ באָרדעל?

— מיר האָבן עס ליבער געוואָלט מיטנעמען, האָבן מיר עס.

— מאַרש! — דערהערט זיך צו זיי אַ באַפעל.

זיי שטייען אויף און גייען ווייטער, האַלב-פאַרשלאָפענע, מיט אָנגעשוואָלענע אויגן און שאַרף-געראָנצלטע פּנימער. ס'זייַנען דאָ צווישן זיי נאָך גאָר יונגעטשקע, מיט דינע העלדזער און לערע אויגן, און אַלטע לייט, און אינדערמיט געוויינטלעכע זעלנער. זיי גייען מיט פּשוטע פרידלעכע טריט. דאָס, וואָס זיי גייען טון, קומט אונדז פאָר, אונדז — וועלכע האָבן עס נעכטן געטון, איבערשטייגן אַלע מענטשלעכע כּוחות. און זיי גייען דאָך אויף צפון-זייט.

— דאָס דערוואַכן פון די פאַראורטיילטע — זאָגט מאַרטעראָ.

מע טרעט אָפּ אָן אַ זייט פאַר זיי מיט אַ מין באַוואונדערונג און מיט אַ מין שרעק-געפיל.

ווען זיי זייַנען שוין פאַרביי, שאָקלט מאַרטעראָ מיטן קאָפּ און מורמלט.

— אויף דער אַנדערער זייט זייַנען אויך אַזעלכע, וואָס מאַכן זיך אָנצינד גרייט אין זייער גרויען אוניפאָרם. מיינסט אפשר, אַז יע-בע-דאָרט האָבן איבעריק חשק צום אָנגריף? ס'פאַלט דאָך דיר געוויס נישט איין! און ווען שוין יאָ אַזוי, היינט נאָכוואָס זייַנען זיי אַהערגעקומען? כ'ווייס גאַנץ גוט, אַז נישט זיי זייַנען דאָס, און דאָך איז עס יאָ זיי, ווייל זיי זייַנען דאָך דאָ... כ'ווייס, דאָס אַלץ, עפּעס אויסטערליש מאָדנע דאָס אַלץ.

דאָס אויסזען פון איינעם פון די פאַרבייגייער ענדערט זיין בעדאַנקען-גאַנג.

— נאַ, זע, אָט איז דער דאָ, דער לאַנגער, ווי רופט מען דאָס? דאָס הייסט אַ הייך, דאָס הייסט אַ גרייס פון אַ פאַרשוין! זעסטו, איך, בין איך מיך מודה ומתודה, אַז כ'בין נישט איבעריק גרויס, אָבער ער, ער האַלט שוין אײַנמאָל די מאָס. און אַלץ ווייסט ער, דער גוג-מגוג! אַז שוין יאָ האָבן אַ ידיעה וואָס ס'טוט זיך, דער-מיט קען זיך קיינער מיט אים נישט פאַרגלײַכן. לאָמיר אים אָקאָרשט אַ פרעג טון, אפשר וועט ער אונדז עפּעס זאָגן וועגן אַ מלינה.

— מלינות? — ענטפערט דער לאַנגער פאַרבײַגייער און בייגט זיך דערבײַ איבער מאַרטעראָן ווי אַ טאָפּאָלע. — וויפיל דו ווילסט נאָר, אַלטער קאַפּער. אַ גאַנץ שאָק. נאַ, דאָרט — און ער שטרעקט אויס דעם אָרעם, ווי אַ טעלעגראַפן-סיגנאַל, און ווײַזט אָן די געגנט — „ווילאַ פאָן הינדענבורג" און דאָרט ווידער „ווילאַ גליק אויף". אויב ס'געפעלט אײַך נישט, איז אַ באַוויז, אַז די הערשאַפט זײַנען שווע-רע מענטשן. אפשר געפינען זיך שוין דאָרט אַ פּאָר געסט, אָבער דאָס זײַנען גאַנץ שטילע לאָקאָטאָרן און קענסט רעדן ווי הויך דו ווילסט, וועלן זיי דיר נישט שטערן, זאָג איך דיר!

— אַ רוח אין זײַן האָרץ אַרײַן!... האָט זיך געזידלט מאַרטעראָ אַ פערטל שעה נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אין איינעם פון די פּירעקעכדיקע גריבער — מיר האָבן דאָ שכנים, וועגן וועלכע ער האָט אונדז קיין וואָרט נישט דערמאַנט, דער לאַנ-גער, אויסגעצויגענער בלײַ-אָפּלייטער, ס'איז דאָך אַ שרעק.

זײַנע אויגן-לעדער האָבן זיך געשלאָסן, אָבער באַלד צוריק זיך אויפגעעפנט און ער האָט זיך גענומען קראַצן די אָרעמס און די זײַטן.

— די אויגן קלעבן זיך מיר פאַר שלאָף! אָבער קענסט בשום אופן נישט אײַנשלאָפן. ס'איז נישט צום אויסהאַלטן.

מיר האָבן אָנגעהויבן געגעצן, קרעכצן, און ענדלעך האָבן מיר אָנגעצונדן אַ שטיקל ליכט, וואָס האָט קוים-קוים געוואָלט ברענען, כאָטש מיר האָבן עס אַרומפּאַרשטעלט מיט די הענט, ווייל ס׳איז נאַס געווען. מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט און געגענעצט.

די דייטשישע זיכער-הייל איז באַשטאַנען פון אייביקע חדרימ-לעך. מיר זיינען געלעגן אויף אַ ווענטל פון שלעכט צונויפגעקלאַפּטע ברעטער, און, איבער דער וואַנט, אין קעלער נומער 2, האָבן זיך אויך געפונען וואַכעדיקע מענטשן: דורך די שפּאַלטן צווישן די ברעטער האָט דורכגעשיינט אַ ליכטיקייט און מ׳האָט געהערט אַ גערויש פון שטימען.

— ס׳איז פון דער אַנדערער סעקציע — זאָגט מאַרטעראָ.

מעכאַניש האָבן מיר זיך צוגעהערט צום געשפּרעך.

— ווען כ׳בין געווען אויף אורלויב — האָט געברומט אַן אומ-געזעענער דערציילער — איז מען צוערשט טרויעריק געווען, ווייל מ׳האָט כּסדר געטראַכט וועגן מיין אומגליקלעכן ברודער, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן אין חודש מערץ און אודאי געהרגעט גע-וואָרן; אויך וועגן מיין קליינעם אומגליקלעכן זשיליען, פון יאָר-גאַנג 15, וואָס איז געפאַלן בשעת די אָקטאָבער-אָנגריפן. און דערנאָך זיינען מיר ביסלעכוויז, זי און איך, געווען גליקלעך דער-פון, וואָס מיר זיינען צוזאַמען. וואָס קען מען זיך העלפן? אונ-דזער מוזינעקל איז פינף יאָר אַלט, ער האָט אונדז זיך ס׳איז געמאַכט פאַרגעסן אָן די צרות. דווקא וויל ער מיט מיר שפּילן אין זעלנער. האָב איך אים געמאַכט אַ ביקסל. כ׳האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, וועגן די אָקאָפּעס, און מיין קליינער ציטערט אינגאַנצן פאַר פרייד ווי אַ פייגעלע און שיסט אויף מיר און געוואַלדעוועט. וואָס ווייסטו, אַ שפּאַס האָט ער דאָס אָנגעגעבן, דער קליינער צוציק! דאָס וועט אַמאָל זיין אַ פייערדיקער זעלנער. כ׳זאָג דיר, דורך און דורך זעלנער!

אַ שטילקייט. דערנאָך ווידער אַ צעשוווּמען גערודער פון געשפּרעכן, ווו מע הערט פון מיטן אַרויס דאָס וואָרט „נאַפּאָלעאָן“, דערנאָך הערט זיך אַן אַנדערע שטימע — און אפשר איז עס די זעלבע — וואָס זאָגט:

— ווילהעלם, דאָס איז אַ פאַרשטונקענע בהמה, ווייל ער האָט געוואָלט די דאָזיקע מלחמה. נאַפּאָלעאָן אָבער, דאָס איז אַ גרויסער מענטש.

מאַרטעראָ קניט פאַר מיר אין קאַרגן, דינעם שיין פון אונדזער ליכטל, אין דער טיף פון דאָזיקן ווינקעלן און שלעכט פאַרשטאָפּטן לאָך, ווו ס׳לויפט דורך פון צייט צו צייט אַ קעלט, ווו ס׳ווימלט פון ווערעם און ווו די אומגליקלעכע קופּע לעבעדיקע פאַרשפּרייט אַן עיפּושדיקן קבר-גערוך... מאַרטעראָ קוקט מיך אָן; ער הערט נאָך, צוגלייך מיט מיר, ווי דער אומבאַקאַנטער זעלנער זאָגט: „ווילהעלם איז אַ פאַרשטונקענע בהמה, אָבער נאַפּאָלעאָן איז אַ גרויסער מענטש“, און ווי ער נעמט זיך איבער מיטן קריגערישן ברען פון זיין קליין יונגל, וואָס איז אים נאָך איבערגעבליבן. מאַרטעראָ לאָזט אַראָפּ די הענט, שאָקלט מיט זיין מידן קאָפּ — און דאָס שוואַכע ליכט וואַרפט אויפן ווענטל דעם שאָטן פון דער דאָזיקער טאָפּלטער באַוועגונג און מאַכט פון איר אַ קאַריקאַטור-בילד.

— אוי! — זאָגט מיין פּשוטער חבר — מיר אַלע זיינען נישט קיין שלעכטע יונגען און דערצו נאָך אומגליקלעכע און אָרעמע באַשעפענישן. אָבער נאַרישע בהמות זיינען מיר, נאַרישע בהמות זיינען מיר!

און ער קוקט מיך ווידער אָן. אין זיין האָריק פּנים, אין זיין פּודעל-פּנים, זעט מען לייכטן צוויי שיינע אויגן פון אַ הונט, וואָס חידושט זיך, טראַכט, נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר, וועגן פאַרשידענע זאַכן און וועלכער, הייבט שוין אָן, אין דער ריינקייט פון זיין אויסוויסן, עפּעס צו פאַרשטיין

מיר גייען אַרויס פון דער אומפאַגלעכער זיכער-הייל. דאָס וועטער איז אַ ביסל לינדער געוואָרן: דער שניי איז צעגאַנגען און אַלץ איז ווידער ברודיק געוואָרן.

— דער ווינט האָט אָפּגעלעקט דעם צוקער — זאָגט מאַרטעראָ.

*   *

*

איך בין באַשטימט געוואָרן צו באַגלייטן זשאָזעף מעניל צום פעלד-לאַזאַרעט פון פילאָן. סערזשאַנט העבריאָ גיט מיר איבער דעם פאַרוווּנדעטן און די עוואַקואַציע-שיין.

— טאָמער באַגעגנט איר אויפן וועג בערטראַנדן — זאָגט צו אונדז העבריאָ — וועט איר זאָגן, ער זאָל מוחל זיין זיך אַ ביסל צוּאיילן, פאַרשטאַנען? בערטראַנד איז היינטיקע נאַכט אַוועק אַלס פאַרבינדונגס-פּאָסטן און שוין אַ שעה צייט וואַרט מען אויף אים — אַפילו דער אַלטער איז שוין אומגעדולדיק, און אַ ליאַדע רגע פאַלט ער אין כעס אַריין.

איך לאָז מיך אין וועג אַריין מיט זשאָזעפן. ער איז בלייכער ווי געווייַנטלעך און שוויַיגט אַלץ כסדר. ער גייט גאָר פּאַמעלעך. פון צייט צו צייט שטעלט ער זיך אָפּ מיט אַ פאַרקרומט פּנים. מיר גייען מיטן דורכגאַנגס-גרובן.

עפּעס אַ פאַרשוין באַווייַזט זיך פּלוצלינג. ס'איז וואָלפּאַט, און ער זאָגט:

— כ'וועל מיט אייך מיטגיין ביז צום בערגל אַראָפּ.

נישט האָבנדיק וואָס צו טון, דרייט ער אין האַנט אַ פרעכ-טיק געפלאָכטן שטעקעלע און קלאַפּערט, ווי מיט קאַסטאַניעטן, מיט זיין טייערער שער, מיט וועלכער ער צעשיידט זיך נישט.

אַלע דריי גייען מיר אַרויס פון דורכגאַנגס-גרובן, ווען די משופּעדיקייט פון באָהן היט שוין אונדז פון קוילן-געפאַר — ווייל די האַרמאַטן זיינען אַצינד שטיל. ווי גאָר מיר זיינען אין דרויסן,

שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ מענטשן־מענגע. ס׳רעגנט. דורך די שווע־רע פּיס אַדורך, אַריינגעוואַקסענע אין דר׳ערד ווי טרויעריקע סלופּעס, זעט מען ליגן אויפן גרויען פאַרנעפּלטן פלאַך־פעלד אַ טויטן.

וואָלפּאַט דריקט זיך אַדורך ביז צום ליגנדיקן געשטאַלט, וואָס איז אַרומגעשטעלט מיט שטייענדיקע געשטאַלטן. דאַן טוט ער זיך האַסטיק אַ דריי אויס צו אונדז און שרייט:

— פּעפּין איז עס!

— אַ! — זאָגט זשאָזעף, וואָס פאַלט שיִער נישט חלשות.

ער שפּאַרט זיך אָן אויף מיר. מיר גייען צו. פּעפּין ליגט מיט קראַמפּהאַפטיק אויסגעצויגענע הענט און פיס, און זיין פּנים, באַטראָפן פון רעגן, איז אָנגעדראָלן, צעהאַקט און אויסערגעווייטלעך גרוי.

אַ זעלנער מיט אַ העקל אין האַנט און מיט אַ שוויס־טריפנדיק פּנים, פול מיט קליינע שוואַרצלעכע ריצן, דערציילט אונדז וועגן פּעפּינס טויט.

— ר׳איז אַריין אין אַ לאָך, וווּ יעקעס זיינען געלעגן באַהאַלטן. און מיר האָבן דאָס נישט געוווּסט, און מ׳האָט דורכגעריי־כערט די נאָרע, כדי זי אויסצורייניקן, און אָט נאָך דער אָפּעראַציע געפינט מען דעם קליינעם אָן אָפּגעקאָכטן, אַ פאַרשטאַרטן, ווי געדערעם פון אַ קאַץ, צוזאַמען מיט די יעקישע נבלות, וועלכע ער האָט צוערשט אויסגעקוילעט — אָבער געקוילעט מיט אַלע פּיטשעווקעס, זאָג איך אייך, כ׳קען זיך דערויף, כ׳בין אַליין אַ קצב אין אַ פּאַריזער פאָרשטאָט.

— מיט נאָך איינעם ווייניקער אין דער ראָטע! — זאָגט וואָלפּאַט, בשעת מיר גייען שוין ווייטער.

אַצינד געפינען מיר זיך אויף דער הייך פון יענעם אָפּהאַנג, אין דער געגנט, וווּ ס׳הייבט זיך אָן די הויך־פלאַכקייט, ווי אונדזער

שטורעם-אָפּטיילונג איז נעכטן אין אָוונט דורכגעלאָפן ווי די משוגעים און וועלכע מיר דערקענען נישט אַצינד.

דאָס דאָזיקע פלאַך-לאַנד, וואָס האָט מיר דאַמאָלס אויסגעזען אינגאַנצן פלאַך און האָריזאָנטאַל, איז אין דער ווירקלעכקייט משופע און איז אַ שרעקלעך מתים-פעלד. עס איז איבערפולט מיט מתים, ס'זעט אויס ווי אַ בית-עולם, פון וואַנען מ'האָט אַראָפּגענומען די אייבערשטע ערד-שיכט.

הייפלעך מענטשן גייען דאָרט אַרום, אידענטיפיצירן די געפאַלענע פון נעכטן און פון באַנאַכט, דרייען די רעשטלעך זייערע אויף אַלע זייטן, דערקענען זיי אָן עפּעס אַן איינצלהייט. טראָגן די צעקאַליעטשעטע פנימער. איינער פון די זוכער, וואָס שטייט אויף די קני, ציט אַרויס פון דער האַנט פון אַ טויטן אַ צעפליקטע פאָטאָגראַפיע, אַן אָפּגעריבענע, אַ דערהרגעט בילד.

אַ שוואַרצער רויך פון גראַנאַטן וועלבט זיך אינדערהייך, דערנאָך דונערט איבער די ווייטע האָריזאָנטן; גאַנצע אַרמייען פון קראָען קערן אויס דעם הימל מיט זייערע ברייט-שפּיציקע באַוועגונגען.

אָט דערקענט מען צווישן די אומבאַוועגלעכע מהנות די שוין דורכגעפוילטע מלבושים פון זואַוון, שיסער און פרעמדן-לעגיאָניסטן נאָך פון מאַי-אָנגריף. דער גרויסגערוקטער פליגל פון אונדזערע ליניעס האָט זיך דאַמאָלס געפונען אין וואַלד פון בערטאָנוואַל, אויף אַ פינף-זעקס קילאָמעטער פון דאַנען. בשעת יענעם אָנגריף, וואָס איז געווען איינער פון די שרעקלעכסטע פון דער הייניקער מלחמה און פון אַלע מלחמות בכלל, האָבן זיי זיך פאַרגאַלאָפּירט מיט איין מאָל אַזש ביז אַהער. זיי האָבן אָבער געבילדעט אַ צופיל אַרויסגערוקטן פונקט פון שטורם-וואַל, און פון רעכטן און לינקן פלאַנק האָט מען זיי גענומען אונטערן מיטראַליעזן-פייער. שוין חדשים לאַנג, ווי דער טויט האָט זיי אויסגעלעכערט די אויגן און אויפגעפרעסן די באַקן — אָבער אַפילו אָן די צעשטרייטע רעשט-

לעך זייערע, וואָס זײַנען כּמעט אויף אַש שוין פֿאַרצערט דורך די שלעכטע וועטערס, דערקענט מען נאָך דעם חורבן, וואָס די מיט-ראַליעזן האָבן אין זיי אַנגעמאַכט, דורכגעלעכערט זייער רוק-און-לענד, דורכגעהאַקט אויף צווייען אינדערמיט. לעבן שוואַרץ-וואַקסענע קעפּ פֿון עגיפּטישע מומיעס, באַהאַנגען מיט שלענגלעך-צויט-און געפּגרטע ווערמלעך, ווי די ציין-ווייסקייט פֿינטלט אַרויס פֿון די הוילע לעכער; לעבן נעבעכדיקע, פֿאַרברוינטע רעשטלעך, אויף וועלכע ס'ווימלט ווי אויף אַ נאַקעט וואָרצל-פֿעלד, אַנטדעקט מען אָפּגעשאָבענע, געלע שאַרבנס, באַדעקטע מיט פּעסקעס פֿון רויטן טוך, וואָס זייער גרויער איבערצוג קרישלט זיך ווי פּאַפּירוס. שענקל-ביינער שטאַרן אַרויס פֿון הויפֿנס שמאַטעס, צו אַמענגעקלעבטע דורך אַ רויט-לעכער בלאָטע, אָדער פֿון עפּעס אַן אויסגעצופּט לאָך פֿון קליידער-שטאָף, וואָס איז אויסגעשמירט מיט אַ מין סמאָלע, קוקט אַרויס אַ טייל פֿון אַ חוט-השדרה. אויף דר'ערד וואַלגערן זיך ריפּן-ביינער ווי אַלטע, צעבראָכענע שטייגלעך און דערלעבן צעריבענע שטיקלעך לעדער, צעפּלאַטשטע און דורכגעלעכערטע פֿעלד-פֿלעש-לעך און שיסעלעך. אויף אַ הויפֿן ביינער, שמאַטעס און אויסריס-טונגס-טיילן ליגט אַ צעהאַקטער רוקן-זאַק און אַרום דעם אַלעמען זיינען רעגלמעסיק צעזייט ווייסע פֿינטעלעך: ווען מע בייגט זיך איין, זעט מען, אַז דאָס זיינען פֿינגער-גלידער פֿון עפּעס, וואָס איז פֿריִער געווען אַ בר-מנן.

ערטערווייז לענגלעכע אויסבויכונגען פֿון באָדן — ווייל סוף-כּל-סוף פֿאַרקריכן פֿון זיך אַליין אין דער ערד די אַלע נישט-באַגראָבענע מתים — אַ שטיקל שטאָף שטאַרט אַרויס אַלס סימן, אַז אַ מענטשלעך באַשעפֿעניש איז אויף דעם אָרט פֿאַרניכטעט געוואָרן.

די דייטשן, וואָס זיינען נאָך נעכטן דאָ געווען, האָבן אי-בערגעלאָזט אומבאַגראָבן זייערע אייגענע זעלנער לעבן אונדזערע,

ווי ס׳זאָגן עדות וועגן דעם די דאָזיקע דריי מתים, וואָס פּוילן דאָ איינער איבערן אַנדערן, איינער אין אַנדערן — מיט זייערע גרויע פעלד-מיצלעך, וואָס זייער רויטער ראַנד איז באַהאַלטן אונטער אַ גרויער באַנד, מיט זייערע גרוי-געלע רעק, מיט זייערע גרינע פּנימער. איך באַמי מיך צו דערקענען די געזיכטס-צוגן פון איינעם פון זיי: פון דעם טיף-גרונט פון זיין האַלדז ביז זיינע האָר-פּרענדזעלעך, וואָס זיינען צוגעקלעבט צום ראַנד פון זיין מיצל; ער שטעלט מיט זיך פאָר אַן ערד-גרויע מאַסע, דאָס פּנים איז פאַרוואַנדלט אין אַ מוראַשניק, און אויפן אָרט פון די אויגן — צוויי פאַרפוילטע פרוכטן. דער אַנדערער איז אויסגעלייידיקט, אויסגעטרוקנט; ער ליגט פלאַטשיק אויפן בויך, מיט אַ צעפליקטן, כמעט פלאַטערדיקן רוקן, און די הענט, פיס און ס׳פּנים איינגעגראָבן אין דר׳ערד.

— זעטס נאָר! דער דאָ איז נאָך גאָר פריש...

אויפן פרייען, גלייכן פעלד אונטערן טריפנדיקן אייז-קאַלטן הימל, אינדערמיט פון דעם בלייערנעם צומאָרגנס נאָך דער שחיטה-אָרגיע, ליגט זיך אַ קאָפּ אוועקגעלייגט אויף דר׳ערד, אַ בלוטלאָזער פייכטער קאָפּ, מיט אַ ״ווערער באָרד.

ס׳איז אַן אינדזעריקער: דער העלם ליגט אָן אַ זייט. די געשוואָלענע אויגן-לעדער לאָזן אַביסל אַרויסזען דאָס מאַטע גלאָז פון זיינע אויגן, און פון זיין טונקעלער באָרד לייכט אַרויס אַ ליפּ, ווי אַ שנעק. ער איז מן-הסתם אַריינגעפאַלן אין אַ גראַנאַטן-לאָך, וואָס אַ צווייטער גראַנאַט האָט אים פאַרשאָטן און פאַרגראָבן ביזן האַלדז, ווי יענער דייטש מיטן קאַצן-קאָפּ פון קאַבאַרעט רוזש.

— איך דערקען אים נישט — זאָגט זשאָזעף, וועלכער גייט גאָר פאַמעלעך און רעדט קוים-קיים.

— איך דערקען אים יאָ, איך — ענטפערט וואָלפּאַט.

— דעם בערדיקן, אָט? — מאַכט זשאָזעף מיט זיין בלייכער שטימע.

— ער האָט גאַרנישט קיין באָרד. ווערסט באַלד זען.

וואָלפּאַט זעצט זיך אויף די קוטשקעס, רוקט אַרונטער זיין שטעקעלע אונטער דער גאָמבע פון טויטן און רייסט־אָפּ אַ מין בלאָטע־קוכן, וואָס האָט איינגעפּאַסט דעם קאָפּ און איז ענלעך געווען צו אַ באָרד. דערנאָך הייבט ער אויף דעם העלם פון טויטן, טוט עס אים אָן און האַלט אים אַן אויגנבליק פאַר די אויגן די צוויי אויערן פון זיין באַרימטער שער, ווי אַ שטייגער אַ פּאָר ברילן.

— אַ! — שרייען מיר אויס ביידע — ס'איז קאָקאָן!

— יאָ!

ווען מע דערוווסט זיך, אָדער מע זעט דעם טויט פון אַ מענטשן וואָס האָט מיט אייך צוזאַמען דורכגעמאַכט די מלחמה און געלעבט פּונקט מיטן זעלבן לעבן וואָס איר, טוט עס אַ שטויס אין לייב, נאָך איידער מע פאַרשטייט דאָס געשעענע. עס איז כמעט אַזוי ווי מע וואָלט זיך אין אַ געוויסער מאָס פּלוצלינג דערוווסט וועגן אייגענעם טויט. ערשט שפּעטער הייבן מיר אָן צו באַדויערן.

מיר האָבן זיך צוגעקוקט צום דאָזיקן אָפּשיילכן צעקאַליע־טשעטן קאָפּ, דעם דאָזיקן געקוילעטן קאָפּ, וואָס מעקט אָפּ גרויזאַם די ערינערונג אָן פרײַערדיקן מענטש. מיט נאָך אַ חבר ווייניקער...

און אַזוי שטייען מיר אַרום אים, ווי פאַרשעמט.

— ס'אי געווען...

מע וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן. מע ווייסט אָבער נישט, וואָס אַ זעלכעס צו זאָגן, עס זאָל זיין גענוג ערנסט, גענוג וויכטיק, גע־נוג אמת.

— קומט — זאָגט מיט מי אַרויס זשאָזעף, איינגעאַנצן דער־שעפּט דורך זיינע געוואַלטיקע פיזישע יסורים. — כ'האָב נישט קיין כוח אַזוי לאַנג צו שטיין.

מיר פאַרלאָזן דעם אומגליקלעכן קאָקאָן, דעם געוועזענעם ציפער־מענטש, און וואַרפן נאָך צו אים אַ קורצן, כמעט צעשטרייטן בליק.

— מ׳קען זיך עס גאָרנישט פאָרשטעלן... — זאָגט וואָלפּאַט.

.. ניין, מע קען זיך עס נישט פאָרשטעלן. די דאָזיקע אַלע מיטאַמאָליקע פאַרשווינדענישן שטייגן איבער אונדזער פאַרשטאַנד. נישט קיין סך שוין זיינען לעבן געבליבן. אָבער מיר האָבן אַן אומקלאָרן באַגריף וועגן דער גרייס פון די דאָזיקע טויטע. זיי האָבן אַלץ אָוועקגעגעבן; ביסלעכווייז האָבן זיי אוועקגעגעבן זייערע אַלע כּוחות, ביז זיי האָבן זיך אַליין געגעבן. זיי האָבן זיך דערהויבן איבערן לעבן; זייער אָנשטרענגונג האָט אין זיך עפּעס איבערמענטשלעכעס און פאַלקאַמענעס.

* *
*

— נאַ, דעם האָט עס נאָר וואָס געטראָפן, און דאָך...

אַ פרישע וווּנד האָט גענעצט אויפן האַלדז פון אַ כמעט סקעלעטישן קערפּער.

— ס׳איז אַ שטשור — זאָגט וואָלפּאַט. — די בר־מנגס זיינען אַלטע, אָבער די שטשורעס פרישן זיי אויף כּסדר... קענסט טרעפן געפגרטע שטשורעס — אפשר זיינען דאָס פאַרסמטע — לעבן, אָדער אונטער איטלעכן בר־מנן. וואַרט, אָט דער טויטער־דאָ וועט דיר אויך באַלד ווייזן זיינע שכנים.

מיטן פוס הייבט ער אונטער אַ פלאַטשיקן טויטן גוף, און ווירקלעך געפינט מען אונטער אים צוויי געפגרטע, צעקוועטשטע שטשורעס.

— כ׳וואָלט געוואָלט געפינען פאַרפאַדעטן — זאָגט וואָלפּאַט. — כ׳האָבן געזאָגט, ער זאָל וואַרטן בשעת מיר האָבן נעכטן געהאַלטן אין לויפן, און ער האָט מיך אָנגעכאַפּט. ווער ווייסט צי ער האָט זיך דערוואַרט, דער אומגליקלעכער!

און ער דרייט זיך צווישן די טויטע אַהין און אַהער, צוגעצויגן דורך אַן אויסטערלישער בייגעריקייט. די טויטע אָבער זיינען

גלייכגילטיק און שיקן אים אָפּ פון איינעם צום אַנדערן, און באַ יעדן טריט, קוקט ער אויף דר׳ערד. פּלוצלונג לאָזט ער אַרויס אַ פאַרצווייפלט געשריי. ער רופט אונדז מיט די הענט און קניט אַני־ דער פאַר אַ טויטן.

— בערטראַנד!

אַ שאַרפע, טיפע אויפטרייסלונג בעמט אונדז דורך, פאַרכאַפּט אונדז. אַ! ער איז אויך געהרגעט געוואָרן, צוגלייך מיט די אַנדערע, ער, וואָס האָט אונדז צום מיינסטן באַהערשט דורך זיין ענערגיע און זיין קלאָרן פאַרשטאַנד! ער האָט זיך געלאָזט הרגענען, ער האָט זיך ענדלעך געלאָזט הרגענען, מחמת דעם, וואָס ער האָט שטענ־ דיק געטון זיין פליכט. ער האָט ענדלעך געפונען דעם טויט דאָרט, ווו דער טויט איז געווען!

מיר באַטראַכטן אים, דערנאָך דרייען מיר זיך אַוועק פון דער דאָזיקער זעונג און מיר קוקן זיך דורך.

— אַך!..

דער ריס אין האַרץ דורך זיין טויט ווערט נאָך פיינלעכער צוליב דעם שרעקלעכן בילד פון זיין קערפּער. ס׳איז אַפשיילעך אים אָנצוקוקן. דעם דאָזיקן מענטש, וואָס איז שטענדיק געווען אַזוי שיין און אַזוי רויק האָט דער טויט געגעבן אַ גראָטעסק אויס־ זעען. די האָר צעשויבערט און די אויגן אריין, די וואָנסן גאַ־ ווערן אין מויל אַריין, דאָס פנים איז אָנגעבלאָזן און — ער לאַכט. איין אויג איז אָפן, ס׳אַנדערע פאַרמאַכט, און ער בלעקט אַרויס די צונג. די אָרעמס זיינען קרייצאַרטיק אויסגעשטרעקט, די הענט־לעפּל אָפן, און די פינגער צעשפּרייט, זיין רעכטער פוס איז אויסגעצויגן אין איין זייט; דער לינקער, וואָס איז צעבראָכן דורך אַ גראַנאַט־ שפּליטער און פון וועגן ס׳איז אַרויס דער בלוט־אָפּפלוס, וואָס האָט גורם געווען זיין טויט, איז בייגלאַרטיק אויסגעבויגן, אויסגעלענקט.

זייך ווי אַ געשטעל. אַ ביטערע איראָניע האָט ציגעגעבן זיינע לעצטע גסיסה־קראַמפּן אַן אויסזען פון פּאַיאַצן־העוויות.

מיר מאַכן אים צורעכט, לייגן אים גלייך, מיר באַרויִקן די דאָזיקע אימהדיקע צורה. וואָלפּאַט האָט אַרויסגעצויגן אַ פּאָרטפּעל פון בערטראַנדס טאַש, כּדי אים אָפּצוגעבן אין קאַנצעלאַריע; מיט אַ געפיל פון ערפורכט לייגט ער אים צוזאַמען מיט זיינע אייגענע פּאַפּירן, לעבן דעם בילד פון זיין ווייב און קינדער. אָפּגעפּאַרטיקט זיך דערמיט, שאָקלט ער מיטן קאָפּ:

— דער־אָ איז באמת געווען אַ מענטש, זאָג איך דיר. טאָמער האָט ער עפּעס געזאָגט, האָסטו געקענט זיכער זיין, אַז ס'איז אַזוי. הערסט, אַזעלכער איז אונדז צונויף־געקומען!

— יאָ — זאָג איך — ער איז אונדז תּמיד צונויף־געקומען.

— אַזוי, אַזוי, אַזוי!... — מורמלט וואָלפּאַט און ער ציטערט.

זשאַזעף חזרט איבער גאָר שטיל:

— אַ בייז לעבן! אַ בייז לעבן!

דאָס פעלד ווימלט פון מענטשן, ווי אַן עפּנטלעכער פּלאַץ. אַרבעטס־זעלנער אין גרופּן אָדער איינציקווייז. די קראַנקן־טרעגער הייבן אָן געדולדיק און באַשיידן זייער אומגעהייער שווערע מלאכה.

וואָלפּאַט פּאַרלאָזט אונדז און גייט צוריק אין אָקאָפּע דער־ציילן אונדזערע נייע פּאַרלוסטן, און דערהויפּט דעם גרויסן פּאַרלוסט פון בערטראַנדן. ער זאָגט צו זשאַזעפן:

— לאָמיר זיך נישט פּאַרלירן פון די אויגן, יאָ? שרייב פון צייט צו צייט אַ צוויי ווערטער: „אַלץ אין בעסטן אָרדנונג, אונ־טערגעשריבן: קאַמאַמבער", יאָ?

ער פּאַרשווינדט צווישן די אַלע מענטשן, וואָס קרייצן זיך איבערן גרויסן שטח, וואָס איז אינגאַנצן פּאַרגאָסן דורך אַ טריבן רעגן.

דשאָזעף שפּאַרט זיך אָן אויף מיר. מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין באַרג-טאָל.

דער אָפּהאַנג, אויף וועלכן מיר גייען אַראָפּ, הייסט: „לעז אַלוועאָל דע זואַוו...” (די זואַוון-קעמערלעך). בשעתן מאַי-אָנגריף האָבן די זואַוון דאָ אָנגעהויבן צו גראָבן זייערע איינצעלנע זיכער-הייל, אַרום וועלכע זיי זיינען אומגעקומען. מע זעט נאָך ליגן טייל איבער אַן אָנגעהויבן לאָך; זיי האַלטן נאָך די רידעלעקלעך אין די פליישלאָזע הענט, אָדער קוקן זיי אָן מיט די הוילע, טיפע אויגן-לעכער, ווו ס'איז איינגעשרומפּן דאָס אינעווייניקסטע פון די אויגן. די ערד איז אַזוי באַדעקט מיט טויטע, אַז פון אונטער די אָפּגעקריישלטע ערד-בערגלעך שטאַרן אַרויס פיס, האַלב-אָנגעטועגע סקעלעטן, און אויף דער שראָפּערוואַנט ליגן געדיכט איינס לעבן ס'אַנדערע ביינערנע שאַרבנס, ווי פאַרצעלייענע באָקאַלן.

אין דער ערד דאָ זיינען פאַרהאַן אייניקע שיכטן פון טויטע, און אויף אַ סך ערטער האָבן די אונטערגראָבונגען פון די גראַנאַטן אַרויסגעוואָרפן די אַלטע און זיי פונאַנדערגעלייגט און צעשפּרייט איבער די נייע. דער באָדן פון באַרג-טאָל איז אינגאַנצן אויסגעבעט מיט רעשטלעך פון וואָפן, וועש, כלים. מע טרעט איבער גראַנאַט-שפּליטער, אייזנוואַרג, ברויטן און אַפילו ביסקוויטן, וואָס זיינען אַרויסגעפאַלן פון די רוקנזעק און זיינען נאָכנישט צעגאַנגען אין רעגן. די בלעך-שיסלעך, די קאָנסערוון-שאַכטלען, די העלמען זיינען פון די קוילן דורכגעלעכערט ווי אַ זופּ, און זיי זען אויס ווי פאַרשידנפאַרמיקע לעפל פון אַלערליי מינים; אַפילו די איבער-געבליבענע, אויסגעבויגענע קלעצלעך זיינען באַשפּרענקלט מיט לעכער.

די אָקאָפּעס, וואָס שלענגלען זיך אין דאָזיקן טאָל, זען אויס ווי שפּאַלטן נאָך אַן ערדציטערניש, און מע האָט דעם איינדרוק, אַז מען האָט איבער די ערדציטערניש-רוינען אויסגעשאָטן פולע וועגנ

מיט די משונהדיקסטע זאַכן. און דאָרט׳ ווו ס׳ליגן נישט קיין טויטע, איז די ערד גופא ווי אַ בר-מנן.

מיר גייען דורכן אינטערנאַציאָנאַלן דורכגאַנגס-גרובן, ווו עס בלאַטערן כסדר פּילפּאַרביקע טראַנטעס. די פּאָרמלאָזע אָקאָפּע, מיטן מיש-מאַש פון צעפליקטע שטאָף-שטיקער, זעט אויס, ווי מע וואָלט זי דערמאָרדעט. אויף איין אָרט פאַרקרימט זי זיך און בייגט זיך אויס, ווי אַן עלנבויגן. אויף דער גאַנצער לענג פון וועג, ביז אַן ערד-וואַל, וואָס פאַרשטעלט אים, ליגן הויפנווייז דייטשישע טויטע, צונויפגעמישט און צוזאַמענגעקנעטן ווי אַ מבול פאַרשאָלטענע נשמות; טייל שטאַרן אַרויס פון בלאָטע-היילן אינדערמיט פון אַן אויסערגעווייַנטלעכן הויפן פון בעלקעס, שטריק, אייזן-באַנדן, שאַנץ-קוישן, צוויַיגן-געפלעכטן און פּאַנצער-שטאָלן; באַם ערד-וואַל שטייט אויפגעשטעלט אַ בר-מנן אַרייַנגעפלאָכטן אין די איבעריקע; אויפן זעלבן אָרט שטייט אַן אַנדערער קרום-אייַנגעבויגן אין מרה-שחורהדיקן רוים אַרייַן: דאָס דאָזיקע פּאָרל זעט אויס ווי אַ פאַרזונקען ראָד, ווי אַ צעבראָכענער פליגל פון אַ ווינט-מיל. און איבער דעם אַלעמען, איבערן דאָזיקן צוזאַמענבראָך פון מיסט און לייבער, זייַנען פונאַנדערגעזייט מחנות הייליקע בילדער, פּאָסט-קאַרטלעך, געבעט-ביכלעך, בלעטלעך מיט תפילות אין גאָטישער שריפט, וועלכע זייַנען הויפנווייז אַרויסגעפאַלן פון די צעריסענע מלבושים. די דאָזיקע ווערטער, דאַכט זיך, באַבלימלען מיט זייערע טויזנטפאַכיקע ווייסקייטן פון שקר און אומפרוכטבאַרקייט, די דאָזיקע פאַרפּעסטעטע ברעגעס, דעם דאָזיקן טאָל פון פאַרניכטונג.

כ׳זוך אַ דורכגאַנג, ווו כ׳זאָל קענען דורכפירן זשאָזעפן, וועלכן די ווונד מאַכט וואָס אַמאָל מער אוממעכטיק: ער פילט ווי זי צעגייט זיך אים איבערן גאַנצן קערפּער. בשעת איך האַלט אים אונטער און ער זעט גאָרנישט פאַר זיך, באַטראַכט איך דעם טויטן, איבער וועלכן מיר גייען.

אַ פעלדוועבל זיצט אָנגעלענט אָן צעריסענע ברעטער, וועל־כע האָבן געבילדעט, אויפן אָרט, וווּ מיר געפינען זיך אַצינד, אַביידל פאַר אַ האָרך־פּאָסטן. אַ קליין לעכל אונטערן אויג: אַ באַגנעטן־שטאָך האָט אים מיטן פּנים צוגעטשוועקעוועט צו די ברעטער. פאַר אים זיצט אַן אַנדערער מיט די עלנבויגן אויף די קניִען, מיט די פויסטן באַם האַלדז; דער אויבערשטער טייל פון זיין שאַרבן איז אַראָפּגענומען, ווי בײַ אַן אויסגעקאָכט איי... לעבן זיי, ווי אַ שרעק־לעכער שומר, שטייט אַ האַלבער מענטש: אַ דורכגעהאַקטער מענטש, אין צווייען דורכגעשניטן פון שאַרבן ביז צום בעקן און לענט זיך אָן, אויפגעשטעלט, אָן דער ערד־וואַנט. מען ווייסט נישט ווו ס'איז די צווייטע העלפט פון דאָזיקן מין מענטשלעכן פלאָקן, וואָס זיין אויג הענגט אַראָפּ פון אויבן און זיינע בלוילעכע געדערעם וויקלען זיך ספּירפּאַל־פּערמיק אַרום זיין פוס.

מיטן פוס רייסט מען אָפּ פון אַ פאַרגליווערט בלוט־שטעגל פראַנצויזישע באַגנעטן, וועלכע זיינען דורך דער קראַפּט פון שטויס צעבויגן, צעדרייט, פאַרקרימט.

דורך אַן אויסברוך אין צעהאַקטן וואַל, אַנטדעקט מען אַ חלל, אין וועלכן עס געפינען זיך קערפּערס פון פּרייסישע גוואַרדיע־זעל־נער, וואָס קניִען, דאַכט זיך, ווי זיי וואָלטן געבעטן און זיינען דורכ־געלעכערט פון הינטן מיט בלוטיקע לעכער, ווי אויפגעשפּיזט. פון צווישן דער דאָזיקער גרופּע האָט מען אַרויסגעצויגען אויפן ראַנ־אַן אומגעהייערן סענעגאַלישן שיסער; ער איז פאַרשטיינערט אין זעלבן מצב, ווי ער איז געשטאָרבן׳ אַן אויסגעקרימטער, לענט ער זיך אָן אָן דער הוילער לופט, און פּרוּווט זיך פאַרטשעפּען אָן איר מיט די פיס; דערביי שטעלט ער אַרויס זיינע אָפּגעהאַקטע האַנט־בעלענקען, מסתמא אָפּגעריסן דורכן האַנט־גראַנאַטן, וואָס ער האָט געהאַלטן; זיין גאַנץ פּנים באַוועגט זיך, ווי ער וואָלט געקייט ווערעם.

·· דאָ — דערציילט אונדז אַן אַלפּן־יעגער, וואָס גייט פאַר־

בײ — האָבן זײ אָפּגעטון זײער שפּיצל מיט דער װײסער פּאַן, נאָר אַזױ װי זײ האָבן אָנגעטראָפן אױף שװאַרץ-הױטיקע, האָט מען זײ דערצײלט אַ מעשה!... נאַ, אָט איז נאָך די װײסע פּאַן, מיט װעל־כער די דאָזיקע נבלות האָבן זיך באַנוצט.

ער כאַפּט און טרײסלט מיט אַ לאַנגן שטעקן, װאָס ליגט דאָרט, צו װעלכן ס׳איז צוגעשלאָגן אַ פּיר-עק פון װײסן שטאָף — װאָס צע־פּאַלדעװעט זיך אומשולדיק...

... אַ באַנד-װאָרעם פון רידעל-טרעגער דרײט זיך און ציט זיך לענגױס דעם צעשטערטן גרובן. זײ האָבן אַ באַפעל צו פאַרשיטן מיט ערד די נאָך-אָפענע אָקאָפּעס, אַלץ צו פאַרשטאָפּן, און באַגראָבן די מתים דאָרט, װו זײ ליגן. און אַזױ גײען די דאָזיקע באַהעלמטע אַרבעטער אױספירן דאָ אַ גערעכטיקײטס-שליחות, אומקערנדיק די פעלדער זײער פריערדיק אױסזען, אױסגלײכנדיק די דאָזיקע לע־כער, װאָס זײנען שױן האַלב פאַרשאָטן מיט די קופּעס פון די געפאַלענע.

* *
*

פון דער אַנדערער זײט פון דורכגאַנגס-גרובן רופט מען מיך: אַ מענטש זיצט אױף דר׳ערד, אָנגעלענט אױף אַ דרענגל. ס׳איז דער פּאַטער ראַמיר. דורכן אױפגעשקנעפּלטן מאַנטל און ראָק זעט מען די באַנדאַזשן, װאָס װיקלען אַרום זײן ברוסט.

— די סאַניטאַרן האָבן מיך פאַרבאַנדאַזשירט — זאָגט ער צו מיר מיט אַ הױלער און שװאַכער שטימע, שװער אָטעמענדיק — מע װעט מיך אָבער נישט קענען פון דאַנען אַװעקטראָגן פריער, װי אין אָװנט. כ׳װײס אָבער גאַנץ גוט, אַז אַ ליאַדע רגע בין איך פאַרבײ.

ער שאָקלט מיטן קאָפּ:

— בלײב אַביסל — בעט ער מיך.

ער װערט װײך. טרערן רינען אים פון די אױגן. ער שטרעקט צו מיר אױס די האַנט, נעמט מײנע און האַלט זי. ער װאָלט

געוואָלט זיך פאַר מיר ס׳האַרץ אָפּרעדן, כמעט מתודה זיין:

— כ׳בין געווען אַן ערלעכער מאַן פאַר דער מלחמה — מאַכט ער צו מיר און שלינגט אַראָפּ די טרערן. — כ׳האָב געהאָרעוועט פון דערפרי ביז באַנאַכט, כדי צו דערנערן מיין הויזגעזונט. און דערנאָך בין איך דאָ אַהערגעקומען, כדי צו הרגענען יעקעס. און אַצינד, אַצינד בין איך געהרגעט געוואָרן... הער מיך אויס, הער מיך, הער, גיי נישט אַוועק, הער מיך אויס...

— כ׳מוז אָפּפירן זשאָזעפן, ווייל ער פאַלט שוין פון די פיס. שפּעטער, וועל איך צוריקקומען.

ראַמיר הייבט אויף זיינע פאַרווייִנטע אויגן אויפן פאַרוואונדעטן.

— נישט בלויז לעבן געבליבן, נאָר אויך פאַרוואונדעט! אַרויסגעקריגן זיך פון טויטס הענט! אַ! אַנדערע פרויען און קינדער האָבן הצלחה. מילא, פיר אים אָפּ און קום צוריק... כ׳פאַרהאָף, כ׳וועל זיך נאָך דערוואַרטן אויף דיר...

אַצינד מוז מען זיך אַרויפקריגן אויפן צווייטן אָפּהאַנג פון באַרג-טאָל. מיר לאָזן זיך דורך דעם צעשטערטן, אומבאַקוועמען 97-טן דורכגאַנגס-גרובן.

פּלוצלינג ווערט די לופט דורכגעשניטן דורך אַ געוואַלטיק פייפעריי. איבער אונדז, דאָרט אויבן, אַ שלאַכס-רעגן פון שראַפּנעלן... פון שויס פון די אויגערגעלע וואָלקנס בליצן אַרויס מעטעאָר-שטיינער און צעשטויבן זיך אין פורכטבאַרע נעפּלס. קייקלדיקע לאַדונגען קאָלערן זיך איבערן הימל, צעשמעטערן און פלאַקערן זיך פונאַנדער איבערן אָפּהאַנג, נישטערן דורך און צעאַקערן דאָס בערגל און גראָבן צוריק אויף די אַלטע טויטן-ביינער. און די דונערדיקע פלאַמען פאַרמערן זיך אויף אַ רעגלמעסיקער ליניע.

ס׳הייבט זיך ווידער אָן אַ שפּאַרפייער.

מיר שרייען ווי קינדער:

— גענוג! גענוג!

אין דער דאַזיקער פּאַרביסנקייט פון די טויט-מאַשינען, אין דאַזיקן מעכאַנישן קאַטאַקליזם, וואָס פאַרפאַלגט אונדז דורכן רוים, איז דאָ עפּעס, וואָס שטייגט איבער די כוחות און דעם ווילנס-קראַפט, עפּעס איבערנאַטירלעכס. זשאַזעף שטייט, האַלט מיין האַנט אין זיינער, און איבערן אַקסל אַריבער קוקט ער זיך צו צום גאַס-רעגן פון פלאַצנדיקע באָמבעס. ער ציטערט אין דעם האַלדז ווי אַ פאַרלוי־רענע געפאַנגענע חיה.

— וואָס, נאָך אַלץ! גאַר אָן אַ סוף! — וואָרטשעט ער. — נאָך דעם, וואָס מ׳האָט שוין געזען, נאָך דעם, וואָס מ׳האָט שוין אי־בערגעלעבט... און אָט הייבט זיך עס גאָר ווידער אָן אויפסניי! ניין! אוממעגלעך!

ער פאַלט אויף די קני, אָטעמט שווער און וואַרפט פאַר זיך און הינטער זיך אַ בליק פול מיט שנאה. ער חזרט איבער:

— ס׳וועט גאָר קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען, קיינמאָל!

כ׳נעם אים אָן באַם אָרעם און הייב אים אויף.

— קום, פאַר דיר איז עס שוין געענדיקט.

* *

*

מע מוז געדולדיק אָפּוואַרטן ביז מע וועט קענען אַרויפגיין. מיר פאַלט איין דערוויילי צוריקצוגיין צום גוססדיקן ראַמיר, וואָס וואַרט אויף מיר. זשאַזעף אָבער קלאַמערט זיך אָן מיר, און חוץ דעם, זע איך אַ מענטשן-געווימל אַרום דעם אָרט, וווּ כ׳האָב איבער־געלאָזט דעם שטאַרבנדיקן. דאַכט זיך מיר — כ׳האָב געטראָפן: ס׳לוינט זיך מער נישט אַהינצוגיין.

די ערד פון באַרג-טאָל, ווו מיר דריקן זיך ענג צוזאַמען

אונטערן שטורעם, ציטערט אינגאַנצן, און בײַ יעדן שאָס, פילן מיר דעם טעמפן סאַמום-ווינט פון די גראַנאַטן. דאָ אָבער, אין דער פאַרטיפונג, ווו מיר געפינען זיך, האָבן מיר נישט וואָס מורא צו האָבן. ווי נאָר ס'ווערט אַ ביסל רויִקער, הייבן זיך אויף פון דר'ערד נאָך אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט צוגלייך מיט אונדז, און לאָזן זיך באַרג-אַרויף: קראַנקן-טרעגער, וואָס אַרבעטן איבער די כוחות, אַרויפקלעטערנדיק מיט דער משא פון אַ קערפער; זיי דערמאַנען פאַרעקשנטע מוראַשקעס, וואָס שטרויכלען זיך כסדר איבער זאַמדקערנדלעך; און נאָך אַנדערע, צו צוויי, אָדער אייַנציקווייז: פאַרווונדעטע, אָדער פאַרבינדונגס-פּאָסטנס.

— לאָמיר גיין — זאָגט זשאָזעף מיט געבראָכענע אַקסלען און מעסט אָפּ מיטן בליק דעם אָפּהאַנג, דעם לעצטן עטאַפּ פון זייַן פּייַנלעכן וועג.

ביימער שטאַרן אַרויס: אַ שורה אָפּגעשונדענע ווערבע-שטאַמען, טייל ברייט, ווי פנימער, אַנדערע אויסגעהוילטע, אָפּנבאַכיקע, ענלעכע צו שטייענדיקע אַרונות. דאָס לאַנדשאַפט, דורך וועלכן מיר שלאָגן זיך דורך אַ וועג, איז צעריסן און איבערגעקערט, מיט בערגלעך, לעכער, פינסטערע אָנבלאָזונגען, ווי אַלע שטורעם-וואָלקנס וואָלטן זיך אַהערגעקייקלט. איבער דער דאָזיקער שוואַרצער און פאַרמאַטערטער נאַטור רייען זיך און ציִען זיך די שפּאַלירן פון בוים-שטאַמען אויפן הינטערגרונד פון אַ ברוינעם, געשטרייפטן, ערטערווייז מילך-פאַרביקן און פינסטער-אויפבליצנדיקן הימל, פון אַן אָניקס-הימל.

באַם אַרייַנגאַנג אין 97-טן דורכגאַנגס-גרובן, וואַלגערט זיך דער מעכטיקער קערפּער פון אַן אויסגעריסענעם דעמב.

עפּעס אַ גר-מנן פאַרשטאָפּט דעם גרובן. דער קאָפּ מיט די פיס זייַנען געלם געוואָרן. דאָס שליאַמיקע וואַסער, וואָס ריגט אין

גרובן, האָט באַדעקט דאָס איבערבלייבעכץ פון אַ זאַמדיקן שאַנץ־וואַל. און פון אונטער דעם דאָזיקן פייכטן שלייער וועלבט זיך אַרויס די ברוסט און דער בויך, באַדעקט מיט אַ העמד.

מיר גייען אַריבער די דאָזיקע אייז־שטאַרע מענטשן־רעשט־לעך; זיי זיינען קלעפּיק און העל ווי דאָס אונטערלייב פון אַ גע־פּגרטן גרויסן עקדיש. דאָס גיין קומט אונדז אָן מיט מי, ווייל דער באָדן איז ווייך און גליטשיק. מיר זיינען געצווינגען אַריינצו־שטעקן די הענט ביזן האַנט־קנעכל אין דער בלאָטע פון אָפּהאַנג.

אין דעם אויגנבליק לויפט דורך איבער אונדז אַ גיהנומדיק פייפן. מיר בייגן זיך ווי ריטלעך. דער שראַפּנעל פּלאַצט פאַר אונדז אין דער לופטן, באַטויבט, מאַכט בלינד און פאַרשיט אונדז אונטער אַ פינסטערן, מוראדיק־פייפעגדיקן רויך־באַרג. אַ זעלנער, וואָס איז געגאַנגען באַרג אַרויף, האָט אַ קלאַפּ געטון מיט די אָרעמס אין רוים און נעלם געוואָרן, אַוועקגעשליידערט ערגעץ אין אַ טיפעניש. געשרייען האָבן זיך אויפגעהויבן און צוריק אַראָפּגעפאַלן, ווי אָפּ־פאַלעכצער. בשעת איך זע, דורך דעם גרויסן שוואַרצן שלייער, וואָס דער ווינט רייסט אַרויס פון דער ערד און יאָגט צוריק אין הימל אַריין, ווי די קראַנקן־טרעגער שטעלן אַוועק זייער טראַגע און לאָזן זיך לויפן צום אָרט פון אויפרייס, און הייבן אויף עפּעס אַן אומבאַוועגלעכע זאַך — רוף איך אַרויס אין זכרון דאָס אומ־פאַרגעסלעכע בילד פון יענער נאַכט, ווען מיין וואָפנברודער פּאַטעלאַ, מיט אַ האַרץ פול האָפנונג, איז אויך אַזוי אַ פלי געטון אין פלאַם פון אַן אופרייס, מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס.

ענדלעך קומען מיר אַרויף אינדערהייך. זי איז באַצייכנט, ווי אַ סיגנאַל, דורך אַ געליימטן פאַרווונדעטן: ער שטייט גלייך אויפ־געשטעלט אין ווינט אַריין. דער ווינט טרייסלט אים, אָבער ער שטייט ווי איינגעוואָרצלט; אין זיין אויפגעשטעלט קאַפּטערל, וואָס

פלאַטערט אין ווינט, זעט מען זיין קאָנווולסיוו־פאַרקרימט און ברילנדיק פנים, און מע גייט פאַרביי דעם דאָזיקן מין בוים, וואָס שרייט.

*

*

מיר זיינען אַצינד אָנגעקומען צו אונדזער אַמאָליקער ערשטער ליניע, יענע ליניע, פון וואַנען מיר זיינען ארויס צום אָנגריף. מיר זעצן זיך אויף אַ שיס־בענקל און לענען זיך אָן אָן די שטיגן, וועלכע אונדזערע סאַפּיאָרן האָבן אויסגעהאַקט אין לעצטן מאָמענט פאַר אונדזער אָפּמאַרש. דער ציקליסט איי‏טערפ, וועלכן מיר האָבן פון דאַמאָלס אָן נישט געזען, גייט פאַרביי און זאָגט אונדז גוט מאָרגן. ווען ער איז שוין פאַרבייגעגאַנגען, דרייט ער זיך אויס און קומט צוריק, און ציט אַרויס פון איבערשלאַק פון זיין אַרבל אַ קאָנווערט, וואָס זיין אַרויסשטאַרענדיקער ראַנד האָט אויסגעזען אויף זיין אַרבל, ווי אַ ווייסער גאַלאָן.

— דו ביסט עס — זאָגט ער צו מיר — וואָס נעמט איבער די בריוו פון פאַרשטאָרבענעם ביקעט, אמת?

— יאָ.

— אָט איז אַ חזרה. דער אַדרעס איז אָפּגעמעקט.

דער קאָנווערט, וואָס איז געוויס געלעגן אינדערהייך אויף אַ פּעקל אונטערן רעגן, איז אָפּגעווישט, און אויפן אויסגעטרוקנטן, צעפלאַצטן פּאַפּיר, קען מען נישט מער דערקענען דעם אַדרעס פון וויאָלעטן וואַסער־גלאַנץ אַרויס. בלויז אין עק איז איבערגעבליבן נאָך לעזבאַר דער אַדרעס פון אָפּזענדער... כ׳ציי אַרויס פאָרזיכטיק דעם בריוו: „ליבע מוטער״...

— אהאַ! כ׳דערמאָן זיך!

ביקעט, וועלכער ליגט אַצינד אונטערן פרייען הימל אָט אין דער זעלבער אָקאָפּע טאַקע, ווו מיר האָבן זיך אין דעם אויגנבליק אָפּגעשטעלט — האָט געשריבן דעם דאָזיקן בריוו מיט אַ קורצער

צייט צוריק, אין לאַגער פון גאָשען-לאַבע; ס׳איז געווען דעמאָלט אַ זוניקער, פרעכטיקער נאָכמיטאָג, און אָט דער בריוו האָט געזאָלט זיין אַן ענטפער זיין מוטער, וועלכע האָט אין איר ע בריוו שטאַרק וועגן אים איבערגעקלערט, און ער האָט דעמאָלט דערפון געלאַכט...

„דו מיינסט אַוודאי, אַז כ׳לייד קעלט, בין אונטערן רעגן און אין געפאַר. ס׳הייבט זיך נישט אָן, אין קעגנטייל: דאָס אַלץ איז שוין אַוועק. ס׳איז הייס, מע שוויצט, און מע דרייט זיך אַרום פוסט-און-פאַסט, און מע פרעגלט זיך אויף דער זון. כ׳האָב געלאַכט לייענדיק דיין בריוו...”

כ׳לייג צוריק אַריין אין דעם קאַליעדיקן און צעפלאַצטן קאָנווערט דעם דאָזיקן בריוו, וועלכער — ווען דער צופאַל וואָלט נישט אויסגעמיטן די דאָזיקע בייזע איראָניע פון די געשעענישן — וואָלט געלייענט געוואָרן דורך דער אַלטער פויערטע גראָד אין מאָמענט, ווען דער קערפער פון איר זון, אין קעלט און שטורעם, איז נישט מער ווי אַ ביסל פייכט אַש, וואָס רינט און טראָפּט-אויס, ווי אַ פינסטערער קוואַל, איבערן ראַנד-וואַל פון דער אָקאָפּע.

זשאָזעף האָט פאַרלייגט דעם קאָפּ אַ הינטער. נאָך אַ ווײַלע פאַרמאַכן זיך זיינע אויגן, ס׳מויל עפנט זיך עטוואָס און לאָזט אַרויס אַ געהאַקטן אָטעם.

— מוט! — זאָג איך צו אים.

ער עפנט צוריק די אויגן.

— אַך! — ענטפערט ער מיר — נישט מיר דאַרפסטו דאָס זאָגן. זע, יענע-דאָרט, זיי גייען צוריק אַהין, און דו וועסט אויך מוזן צוריקגיין. פאַר אייך גייט ווייטער דער זעלבער שפּיל. יאָ! מע מוז באמת שטאַרק זיין, כדי דאָס פאָרטצוזעצן, פאָרטצוזעצן!

XXI.

## די הילף-סטאַציע.

פון דאָ אָן און ווייטער, איז מען כסדר אויסגעשטעלט אָנצוטרעפן אויף די פיינטלעכע באַאָבאַכטונגס-ערטער, און מען טאָר נישט מער פאַרלאָזן די דורכגאַנג-גרובנס. צוערשט נעמען מיר זיך מיטן וועג פון פילאָן. די אָקאָפּע איז אויסגעגראָבן בײַ דער זייט פון וועג, פון וועג גופא איז אָבער קיין זכר נישטאָ: די ביימער זיינען אויסגעראָטן, די אָקאָפּע האָט אים אין דער גאַנצער לענג האַלב אויסגעפרעסן און האַלב פאַרשלונגען; דאָס וואָס איז נאָך איבערגעבליבן, איז פאַרשאָטן מיט ערד און באַוואַקסן מיט גראָז, און האָט זיך אין לויף פון דער צייט אויסגעמישט מיט די פעלדער. אין געוויסע ערטער פון דער אָקאָפּע, דאָרט, ווו אַן ערד-זאַק האָט געפּלאַצט, איבערלאָזנדיק אַ זומפּיקע פאַרטיפונג, געפינט מען נאָך, אויף אייגנהייך, דעם לעבעדיק צעפרעסענעם שטיין-ברוק פון עקס-וועג, אָדער די וואָרצלען פון די זייטן-ביימער, וועלכע מען האָט אָפּגעהאַקט און איינגעגלידערט אַלס באַשטאַנד-טייל פון ראַנד-וואַל. דער לעצטער איז אויסגעצופט און אומגיילעך ווי אַן ערד-וואַל פון אָפּפאַלעכצער אין מאַנטנעם שוים, אויסגעשפּיגענע דורך דער אומגעהייערער פלאַך און פאַרשטויסענע ביז צום גרובן-ראַנד.

מיר קומען צו אַ קניפּ-פונקט פון דורכגאַנגס-גרובנס. איפן שפּיץ פון אַן אָנגעהויפט בערגל, וואָס שניידט זיך אויס אויפן גרויען געפל-

פאָן, טרייסלט זיך פון ווינט אַ מרה-שחורהדיק קרום דרענגל, מיט אַ שילדל. די גרובן-נעץ ווערט אַלעמאָל ענגער; אויך די מענטשן, וואָס שטראָמען פון אַלע פונקטן פון אָפּשניט צו דער הילף-סטאַציע, ווערן וואָס אַמאָל מער און קומען זיך צונויף אין די טיפע וועגן.

די טריבע געסלעך זיינען אויסגעזעצט מיט מתים. די וואַנט איז ביז אַראָפּ אין נישט גלייכע אָפּשטאַנדן פיל מיט פרישע לע-כער, פרישע ערדישע גאַסן, וואָס שניידן זיך איין אין קראַנקן אַרו-מיקן באָדן, און אינעווייניק זיצן איינגעקאָרטשעטע ערד-אויסגעשמיר-טע קערפּערס, מיט די קני׳ען אין די ציין, אָדער זיי שטייען שטום אָנגעלענט אָן דער וואַנט, צוגלייך מיט זייערע ביקסן, וואָס ווארטן לעבן זיי. אייניקע פון די דאָזיקע שטיינגעבליבענע טויטע ווענדן זייערע בלוט-באַשפּריצטע פּנימער צו די לעבן-געבליבענע, אָדער קוקן סתם ערגעץ אין דער וועלט אַריין, וואַרפנדיק זייער פאַרשטאַרטן בליק צום הימל-רוים.

זשאָזעף בלייבט שטיין און כאַפּט אָטעם. איך רעד צו אים ווי צו אַ קינד:

— באַלד זיינען מיר אויפן אָרט, באַלד זיינען מיר אויפן אָרט.

דער קלאָגעדיקער וועג מיט די פינסטערע זייטן-ווענט ווערט נאָך ענגער. מע האָט אַ געפיל פון ענגסטיקייט, אַ קאָשמאַר פון פון אַ זינקען אין אַ טיף, וואָס ווערט ענגער, איינגעשרומפּענער; און אין דער דאָזיקער אונטער-וועלט, ווו די ווענט, דאַכט זיך, גייען זיך צונויף, רירן זיך שיער נישט אָן, מוזן מיר זיך אָפּשטעלן, זיך דורכדריקן, שטערן און באַאומרויקן די טויטע און אַליין ווערן געשטופּט און געשטויסן דורך דער אומאָרדנטלעכער, אומענדלעכער בעגעגע פון יענע, וואָס פאַרפלייצן דעם טיל: שלוחים, קאַליעקעס

קרעכצערס, שרייערס. לויפן ווי משוגעים, רויט פון פיבער, אָדער בלאַסע און ציטערדיקע, קענטיק פון יסורים.

* *
*

די דאָזיקע גאַנצע מענטשן־מחנה בלייבט שטעקן, צעברעקלט זיך און קרעכצט אויפן שייד־וועג, ווו ס'געפינען זיך די היילן פון דער הילפס־סטאַציע.

אַ דאָקטאָר מאַכט מיט די הענט און שרייט און פאַרטיידיקט אַ שטיקל פריי אָרט קעגן דעם דאָזיקן שטייגנדיקן געוויסער, וואָס שפּאַרט זיך איבער דער שוועל פון דער זיכער־הייל. אונטערן פרייען היי ל, באַם אַריינגאַנג, פאַרבינדט ער אויף גיך די ווונדן, און מע זאָגט, אַז ער, און אויך זיינע געהילפן, אַרבעטן שוין אַזוי אָן אָפּרו אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג און טון עפּעס איבערמענטש־לעכעס.

אוועקגייענדיק פון אים, ווערן אַ טייל פון די פאַרווונדעטע פאַרשלונגען אין די היילן פון דער סטאַציע, אַן אַנדערע טייל ווערט עוואַקוירט אויפן טיל, אין גערוימערע הילף־סטאַציעס אין די אָקאָ־פּעס אויפן וועג פון בעטון.

אין דעם דאָזיקן ענגן חלל, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם קרייץ־פּונקט פון די גרובנס, האָבן מיר, ווי אין עפּעס אַ מין נסים־הויף, געוואַרט צוויי שעה צייט, געוואָרפן איינער אויפן אַנדערן, צו־זאַמענגעפּרעסט, דערשטיקט, געבלענדט, קוועטשנדיק זיך, ווי בהמות, אין אַן אוויר פון בלוט און יאַטקע־פלייש. צוזעענדיק פאַרענדערן זיך פּנימער און פאַלן איין. איינער פון די פּאַציענטן קען נישט מער איינהאַלטן זיינע טרערן, לאָזט ער זיי פליסן שטראָמענווייז, און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, באַנעצט ער מיט זיי זיינע שכנים. אַן אַנדערער, וואָס בלוטיקט ווי אַ פאָנטאַן, שרייט: „העי דאָרט! גע־דענקט אַז מיר!” איינער אַ יונגער, מיט ברענענדיקע אויגן, הייבט

אויף די האַנט און רעוועט ווי פֿון אַ דבוק: „כ'ברען! און קנאַקט און סאַפּעט, ווי אַ ברענענדיק האָלץ-שייטל.

*

*

זשאָזעף איז באַנדאַזשירט. ער שטופּט זיך דורך ביז צו מיר און גיט מיר די האַנט.

— ס'איז נישט געפערלעך, דאַכט זיך, זיי געזונט — זאָגט ער צו מיר.

אין זעלבן אויגנבליק ווערן מיר צעשיידט דורכן געדרענג. דער לעצטער בליק, וואָס כ'וואַרף אויף אים, ווייזט מיר זיין אָפּגעמאָגערט פּנים, איינגאַנצן פאַרטיפט אין זיין ווייטיק, צעשטרייט. ער לאָזט זיך פירן דורך אַ דיוויזיע-סאַניטאַר, וואָס האָט ארויפגעלייגט זיין האַנט אויף זיין אַקסל. פּלוצלינג זע איך אים נישט.

אין דער מלחמה צעשיידט אייך דאָס לעבן אַזוי ווי דער טויט, אַז עס בלייבט אייך צומאָל נישט קיין צייט אַ טראַכט צו טון.

מע זאָגט מיר, כ'זאָל דאָ נישט בלייבן, כ'זאָל אַראָפּגיין אין דער הילף-סטאַציע און דאָרט זיך אויסרוען, איידער כ'קער זיך אום.

ס'זיינען דאָ צוויי אַריינגאַנגען, זייער נידעריקע, זייער שמאָלע, גלייך מיט דער ערד. אין איינעם פֿון זיי עפנט זיך אַ משופּעדיקע גאַלעריע, וואָס איז שמאָל ווי אַ קאַנאַליזאַציע-רער. כדי זיך אַריינצובאַקומען אין דער סטאַציע מוז מען זיך צוערשט אויסדרייען און זיך אַריינרוקן הינטערוויילעכץ מיט אַ געבויגענעם קערפּער, און אַזוי גיין דורך דער שמאָלער רער, דערבײַ פּילט דער פֿיס אונטער זיך שטיגן: איטלעכע דריי טריט אַ הויכע שטיג.

אַז מע איז שוין אינעווייניק, איז מע ווי געפאַנגען, און אין אָנהייב האָט מען דעם איינדרוק, אַז מע וועט נישט האָבן קיין אָרט נישט אַראָפּ און נישט אַרויפצוגיין. פאַרקריכנדיק טיפער אין דאָזיקן תהום, איז מען כסדר באַהערשט דורכן שטיקנדיקן קאָשמאַר,

וועלכער באַפאַלט שטופּנווייז, וואָס אַמאָל מער, אין דער מאָס, וואָס ווייטער מע לאָזט זיך אַריין אין שויס פון די אָקאָפּעס ביז מע דערגרייכט אַהער. פון אַלע זייטן שטויסט מען זיך, מע רייבט זיך, מע ווערט דערדריקט דורך דער ענגשאַפט פון דורכגאַנג, מע בלייבט שטעקן נישט אַהין און נישט אַהער. מע מוז איבעררוקן די פּאַטראָנ־טאַשן, ריטשנדיק זיי איבערן גאַרטל, און די ברויט־טאַשן מוז מען האַלטן אין די אָרעמס לעבן דער ברוסט. באַ דער פערטער שטיג ווערט נאָך מער זיך נישט צום אויסדרייען, און מע בלייבט אַ ווײַלע פאַר־צווייפלט: הייבט מען נאָר קוים־קוים די קני, כדי הינטערווײַלעכץ ווייטער צוגיין, קלאַפּט מען זיך באַלד אָן מיטן רוקן אָן דער וועל־בונג. אויף דער דאָזיקער שטעל מוז מען קריכן אויף אַלע פיר און אַלץ הינטערווײַלעכץ. וואָס טיפער מע ריטשט זיך אַראָפּ, אַלץ מער נעמט אייך דריקן אַ פאַרעיפּושטע לופט, שווער ווי די ערד. די האַנט דערפילט די קאַלטע, ליימיקע, קבֿרדיקע באַרירונג פון דער ליים־וואַנט. די דאָזיקע ערד באַשווערט אייך פון אַלע זייטן, פאַר־וויקלט אייך אין תּכריכים פון אַן אימהדיקער איינזאַמקייט, און רירט אָן אייער פּנים מיט איר בלינדן פאַרשימלטן הויך. ווען מען דער־גרייכט שוין ענדלעך נאָך לאַנגער מי די לעצטע שטיגן — טוט אַ זעץ אין פּנים אַריין אַ פאַרכּישופטע גערויש פון אַ לאָך אַרויס, אַ וואַ־רעם גערויש, ווי פון אַ קיך.

אַז מע קומט שוין ענדלעך אַראָפּ אין דאָזיקן טרעפּן־גרובן, וואָס דריקט און ווערגט אייך אויף יעדן טריט, איז נאָך דער בייזער חלום נישט פאַרענדיקט; מע געפינט זיך אין אַ פינסטערן, לאַנגן, אָבער שמאָלן קעלער, וואָס איז נישט מער, ווי אַ קאָרידאָר פון קוים איין מעטער־פופציק די הייך. פּרובירט מען זיך אויסגלייכן און גלייכבייגן די קניען, שטויסט מען זיך אָן העפטיק מיטן קאָפּ אָן די בעלקעס, וואָס דעקן די הייל און, מען הערט אָן אויסנאַם ווי די פריש־אָנגעקומענע מורמלען — מער אָדער ווינציקער אין כּעס,

אָפּהענגיק פון הומאָר און צושטאַנד -- : „נאָך אַ נס, כ'לעבן, וואָס כ'האָב נ'העלם אויפן קאָפּ !"

אין עפּעס אַן עק דערקענט מען זיך־רירן אַן איינגעקאָר־טשעטע בריאה. ס'איז דער דיזשורנע-סאַניטאַר, וואָס זאָגט מאָנאָטאָן צו יעדן פּריש-אָנגעקומענעם ; „ווישטס אָפּ די בלאָטע פון אייערע שיך, איידער עטץ גייט אַריין". צוליב דעם זאַמעלט זיך אָן אַ הויפן בלאָטע באַ די שטיגן, אין וועלכער מע טאָפּטשעט באַ דער שוועל פון דעם דאָזיקן גיהנום.

* *
*

צוערשט באַמי איך מיך זיך צו אָריענטירן ווו כ'בין ערגעץ אין דאָזיקן געטימל פון קלאָגערייען און זידלערייען, אין דער דאָזיקער שטיקנדיקער לופט, וואָס טראָגט זיך פון דאָזיקן ערי-מקלט פאַר וונדן, אין דער דאָזיקער ווימלדיקער קבר-סביבה, ווו ס'צאַפּלט זיך אַ מטושטשדיק, אומפאַרשטענדלעך לעבן. שוואַכע ליכט-פלעמלעך בלינצלען לענגויס דער הייל און פאַרווישן די פינסטערניש בלויז אין די ערטער, ווו זיי שניידן זיך אַריין. ווייט אין הינטערגרונד, ווי אין אַ לאָך פון אַן אונטער-ערדישן קאָרצער, פינטלט אַ שוואַכלעך טאָג-ליכט ; דאָס דאָזיקע טריבע קעלער-פענסטערל לאָזט דערקענען גרויסע געגנשטאַנדן, וואָס שטייען לענגויס דעם קאָרידאָר : טראַגעס, ווי נידעריקע ארונות. דערנאָך באַמערקט מען, ווי ס'באַווייזן זיך אַרום, און איבער זיי, געבויגענע, געבראָכענע שאָטנס, און באַ די הענט, טענצלען שורות אָדער קופּקעלעך געשפּענסטער.

איך דריי מיך אום. אין דער קעגנאיבערדיקער זייט צו דער, ווו ס'זיפּט זיך דורך דאָס ווייסע טאָג-ליכט, איז צונויפגעזאַמלט אַן עולם פאַר אַ פאַלאַטקע-לייוונט, אויפגעהאָנגען פון באַלקן ביז צו דר'ערד. די דאָזיקע לייוונט בילדעט אַ מין אַלקערל, פון וועלכן עס קוקט די באַלייכטונג דורך דעם אוגער-פאַרביקן, איילינקן גע־

זועב. אין דאָזיקן אַלקערל, באַם שיין פון אַ צעטילן-לאָמפּ, מאכט מען איינ. פּריצונגען קעגן שטאַר-קראַמף. ווען די לייוונט בייגט זיך אָפּ, כדי עמעצן ארויס-און דערנאָך אַריינצולאָזן, טוט זיך דאָס ליכט האַסטיק אַ צעגיס איבער די צעפּליקטע, שמאַטעדיקע מלבושים פון די פּאַרוווּנדעטע, וואָס שטייען דאָרט און וואַרטן אויף די אַריינשפּריצונגען, און וועלכע, איינגעבויגן צוליב דעם נידעריקן באַלקן, זיצנדיק, קניענדיק אָדער קריכנדיק, שטופּן זיך איינער דעם אַנדערן, כדי נישט אַרויסגעשטויסן צו ווערן פון דער רייע אָדער גאָר, כדי צו פאַרכאַפּן דעם אַנדערנס, האַווקענדיק דערביי: „איך!”, „איך!”, „איך!”. אין דעם דאָזיקן ווינקל, ווו ס׳געדויערט אומויפהערלעך דער דאָזיקער באַוועגלעכער קאַמף, איז שרעקלעך צו פאַרטראָגן דאָס וואַרעמע געשטאַנק פון אַ צעטילן און פון בלוטנדיקע מענטשן.

כ׳רוק מיך אָפּ פון דאָרט. כ׳זוך אַנדערש-וווּ, ווו מיך אַריינצופּאַקן, ווו מיך אַוועקצוזעצן, איינגעבויגן, איינגעקאָרטשעט, גיי איך ווייטער, טאַפּנדיק מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

באַ דער שיין פון אַ פּייקע, וואָס איינער פאַרייכערט, דערזע איך פאַר זיך אַ באַנק, געדיכט באַזעצט מיט מענטשן.

מיינע אויגן געוויינען זיך צו צום האַלב-טונקל, וואָס פאַרגיסט דעם קעלער, און כ׳קען שוין אומגעפער אונטערשיידן די מענטשן-שורה, מיט די בלייכע פלעקן פון באַנדאַזשן און וויקל-בענדער ארום זייערע קעפּ און גלידער.

פאַרקריפּלטע, צעקאַלעטשעטע, צעשעדיקטע — אומבאַוועגלעך אָדער אומרויִק — קלאַמערן זיי זיך אָן דער דאָזיקער מין באַרקע, ווי צוגעטשוועקעוועט, און זען אויס ווי אַ פאַרשידנאַרטיקע קאָלעקציע פון ליידן און אומגליקן.

איינער פון זיי טוט פלוצלינג אַ געשריי, שטייט האַלב אויף און זעצט זיך צוריק. זיין שכן, אין אַ צעריסענעם מאַנטל און בלויזן קאָפּ, קוקט אים אָן און זאָגט צו אים:

— און וועסט אַפּילו שרייען חי וקים!

און ער חזרט איבער דעם דאָזיקן זאַץ אַ סך מאָל, סתּם אַזוי, מיט אייגן פאַרשטאַרטע פאַרויס, מיט די הענט אויף די קני.

אַ יונגערמאַן, וואָס זיצט אינדערמיט באַנק, רעדט צו זיך אַליין. ער זאָגט, אַז ער איז אַ פלִיער. ער האָט בראַנד־וווּנדן אויף איין זייט קערפּער און אויפן פּנים. ער גליט ווייטער אין פיבער, און ס'דאַכט זיך אים אַלץ, אַז ס'בייסן אים נאָך די שאַרפע פלאַמען, וואָס זענען פון מאָטאָר. ער מורמלט אויף דייטש „גאָט מיט אונדז!" דערנאָך אין פראַנצויזיש „דיע עט אַוועק נו!"

אַ זואַוו, מיטן אָרעם אויף אַ בינדע, און אָנגעבויגן אָן אַ זייט, וואָס טראָגט זיין פלייצע ווי עפּעס אַ דערדריקנדיקע לאַסט, זאָגט צו אים:

— דו ביסט דאָס דער פלִיער, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן, וואָס?

— מיך שוין אַ רעשטל אָנגעזען... — ענטפערט פייגלעך דער פלִיער.

— איך האָב מיך אויך אַ ביסל אָנגעזען! — רייסט אים אי־בער דער זעלנער. — נישט איינער וואָלט אָפּגעדאַנקט, ווען ער זעט דאָס, וואָס איך האָב מיך צוגעזען.

— קום, זעץ דיך דאָ — זאָגט צו מיר איינער, וואָס זיצט אויף דער באַנק און מאַכט דערביי אָן אָרט. — ביסט פאַרווונדעט?

— ניין. כ'האָב אָפּגעפירט אַהער אַ פאַרווונדעטן, און כ'גיי באַלד צוריק.

— אויב אַזוי ביסטו נאָך ערגער ווי פאַרווונדעט. קום, זעץ דיך.

— איך בין בירגערמייסטער אין מיין שטעטל — רופט זיך אָן איינער אויף דער באַנק — אָבער ווען כ'וועל אהיימקומען, וועט מיך קיינער מער נישט דערקענען, אַזוי לאַנג בין איך געווען טרויעריק.

— שוין פיר שעה צייט, זיץ איך ווי צוגעבונדן צו דער דאָ־

זיקער באַנק — קרעכצט עפּעס אַ מין בעטלער, באַ וועלכן די האַנט ציטערט, און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און קיילעכדיקן רוקן, האַלט ער זיין העלם אויף די קני, ווי אַ קלאַפּנדיקע צדקה-פּושקע.

— מיר וואַרטן מ׳זאָל אונדז אָפּטראַנספּאָרטירן, פאַרשטייסטו מיך — דערקלערט מיר איינער, אַ דיקער פאַרווונדעטער; ער סאָפּעט, שוויצט און זעט אויס, ווי זיין גאַנצע שווערע מאַסע וואָלט זיך געקאָכט; זיינע וואָנסעס הענגען אַראָפּ, ווי האַלב אָפּגעקלעבט דורך דער פייכטקייט פון זיין פּנים.

ער גלאָצט אויס אַ פּאָר ברייטע, מאַטע אויגן; זיין הונד זעט מען נישט.

— דאָס איז עס טאַקע — זאָגט אַן אַנדערער. אַלע פאַרוווּנדעטע פון דער בריגאַדע קומען זיך דאָ אַריינקוועטשן איינער נאָכן אַנדערן, שוין נישט רעכענענדיק די, וואָס קומען פון ערגעץ אַנדערש. נו יאָ, קוק זיך נאָר אַרום: דאָס לאָך דאָ איז דער מיסט-קאַסטן פון דער גאַנצער בריגאַדע.

— כ׳בין גאַנגרענירט, צעקוועטשט, אויף פיצלעך, צעריסן בין איך אינעווייניק — זאָגט מיט אַן איכה-טאָן אַ פאַרווונדעטער, וואָס האַלט זיך צו דעם קאָפּ מיט די הענט און רעדט צווישן די פינגער. — און סך-הכל מיט אַ וואָך צוריק בין איך גאָך געווען יונג און ריין. מ׳האָט מיך פאַרווונדעט, און אַצינד פאַרמאָג איך בלויז אַן אַלטן, שמוציקן, צרהדיקן קערפּער, קוים צום אַרומשלעפּן.

— איך — זאָגט אַן אַנדערער — נעכטן בין איך אַלט געווען זעקס און צוואַנציק יאָר. און אַצינד, ווי אַלט בין איך אַצינד?

— ער באַמיט זיך אויפצוהייבן, כדי מ׳זאָל אָנקוקן זיין וואַקלענדיק, פאַרוועלקט פּנים, וואָס דורך איין נאַכט איז עס געוואָרן אָפּגענוצט, אויסגעליידיקט, איינגעפאַלן, מיט אויסגעהוילטע באַקן און אויגן-לעכער, און מיט אַ פלעמל פון אַ קאַגעלע, וואָס צאַנקט אין איינציקן אויג.

— ס'טוט מיר וויי! — זאָגט באַשיידן אַן אומזיכטבאַרע שטימע.

— און וועסט אַפילו שרייען חי-וקים! — חזרט איבער יענער אויטאָמאַטיש.

אַ שטילקייט הערשט אַ ווײַלע. דער פּליער רופט זיך אָן:

— די בעלי-תּפילות פון ביידע זייטן האָבן זיך באַמיט צו דעמפן זייערע קולות.

— וואָס איז דאָס אַזעלכעס? — פרעגט פאַרוווּנדערט דער זואַוו.

— צי רעדסטו נישט אַמאָל פון וועג, מיין ליבער פריינט? — פרעגט זיך אַ יעגער, וואָס איז פאַרוווּנדעט אין דער האַנט; איין אָרעם איז אים צוגעבונדן צום קערפּער, און ער נעמט אויף אַ ווײַלע אַוועק די אויגן פון זיין מומיען-האַנט און באַטראַכט דעם פּליער.

דער לעצטער האָט שטאַר געקוקט פאַר זיך און זיך געמיט איבערצוגעבן עפּעס אַ געהיימניספול בילד, וואָס האָט זיך אים אומעטום געשטעלט פאַר די אויגן.

— איר מעגט וויסן, אַז פון דער הייך, פון הימל, זעט מען נישט גאָר פיל. צווישן די פיר-עקן פון די פעלדער און די קליינע הויפנדלעך פון די דערפער, זען אויס די וועגן, ווי ווייסע פעדעם. מען אַנטדעקט אויך הוילע הערעלעך, וואָס זען אויס, ווי אויסגעצטע שטרייכלעך מיט אַ שפּילקע-שפּיץ איבערן רייבעם זאַמד. די די דאָזיקע נעצן, וואָס וועבן דורך די פלאַך מיט רעגלמעסיקע געציטערטע שטריכן, דאָס זיינען די אָקאָפּעס. זונטיק אינדערפרי האָב איך מיך אויפגעהויבן איבער דער פייער-ליניע. צווישן אונדזערע ערשטע ליניעס און זייערע ערשטע ליניעס, צווישן די עקסטע ראַנדן, צווישן די זוימען פון די צוויי אומגעהייערע אַרמייען, וואָס ליגן דאָרט אייגע קעגנאיבער דער אַנדערע, קוקן זיך אָן און זען זיך

דערווייל נישט, — איז נישטאָ קיין ווייטער מהלך: טיילמאָל פערציק מעטער, טיילמאָל זעכציק. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳איז בלויז איין טריט, צוליב דער ריזיקער הייך, ווו כ׳בין געפלויגן. און אָט דערקען איך בײַ די יעקעס און בײַ אונדז, אין די פּאַראַלעלע ליניעס וואָס, רירן זיך דאַכט זיך, אָן, צוויי ענלעכע באַוועגונגען: אַ מאַסע, אַ לעבעדיקער קערן און, אַרום, שוואַרצע זאַמדלעך אויפן גרויען זאַמד. דאָס האָט זיך קוים-קוים גערירט; ס׳האָט נישט אויסגעזען, ווי אַן אַלאַרם! כ׳האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פּאָר שטאַפּל, כּדי די זאַך צו פאַרשטיין.

און כ׳האָב פאַרשטאַנען: ס׳איז געווען זונטיק, און דאָס זייַנען געווען צוויי מעסעס, אָפּגעהאַלטן אונטער מייַנע אויגן: דער אַלטאַר, דער פּריסטער און די סטאַדע חברה-לייט אַרום. וואָס טיפער כ׳האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ דייטלעכער האָב איך געזען, אַז די ביידע גרופּן זייַנען געווען ענלעך, אַזוי געננוי ענלעך, אַז ס׳האָט אַזש אויסגעזען נאַריש. איינע פון די ביידע צערעמאָניעס — צום אויסוואַל — איז געווען די אָפּשפּיגלונג פון דער אַנדערער. ס׳איז מיר פאָרגעקומען, אַז כ׳זע טאָפּלט. כ׳האָב זיך נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט; מ׳האָט נישט געשאָסן אויף מיר. פאַרוואָס? כ׳ווייס נישט. דאַמאָלס האָב איך עפּעס געהערט. כ׳האָב פאַרנומען אַ געמורמל, איין איינציק געמורמל. צו מייַנע אויגן האָט דערגרייכט אַ תּפילה, צונויפגעשמאָלצן זיך, געטראָגן פון איין שטיק, אַ געררויש פון אַ לויבליד, וואָס האָט פאַרבײַ מיר אויפגעשטיגן צום הימל. כ׳האָב זיך געטראָגן אין רוים אַהין-און-אַהער, כּדי צו הערן דאָס דאָזיקע אומקלאָרע געזאַנג-געמיש פון צוויי קעגנאיבערדיקע זייטן און זיי האָבן זיך דאָך אויסגעמישט — און וואָס מער איין געזאַנג האָט געוואָלט איבערשטייַגן דאָס אַנדערע, אַלץ מער האָבן זיי זיך פאַרייניקט אין די הימל-הייכקייטן, ווו כ׳בין שוועבנדיק געהאָנגען.

כ׳האָב געכאַפּט אַ פּאָר שראַפּנעלן גראָד אין דעם מאַמענט,

ווען, כ'האָב גאָר נידעריק, אונטערגעשיידט די צוויי ערד-געשרייען פון וועלכע ס'זיינען באַשטאַנען זייערע תפילות: „גאָט מיט אונדז!" און „דיע עט אוועק נו!" — און כ'בין אוועקגעפלויגן.

דער יונגערמאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, באַדעקט מיט ווייסער לייוונט. ער איז געווען, ווי משוגע פון דער דאָזיקער דערינערונג.

— אין יענעם אויגנבליק האָב איך צו זיך געזאָגט: „כ'בין משוגע!"

— די ווירקלעכקייט איז משוגע — זאָגט דער וואַו.

מיט גלאַנצנדיקע אויגן פון היץ-רעדעריי, האָט דער דערציילער זיך באַמיט איבערצוגעבן דעם שטאַרקן, אויפטרייסלענדיקן איינדרוק, וועלכער האָט אים פאַרכאַפּט אינגאַנצן, און קעגן וועלכן ער האָט זיך געוועהרט.

— ניין! וואָס רעדט איר! — מאַכט ער. — שטעלט אייך פאָר די דאָזיקע צוויי אידענטישע מאָסן, וואָס ברילן אידענטישע זאַכן און זיינען דאָך קעגנער, די דאָזיקע פיינטלעכע געוואַלטן, וואָס האָבן די זעלבע פאָרם. וואָס זאָגט דערצו סוף-כל-סוף דער ליבער גאָט? כ'ווייס גאַנץ גוט, אַז ער ווייסט אַלץ; אָבער, אַזוי אַלווייסנדיק ווי ער איז, וועט ער אויך נישט וויסן, וואָס ער האָט צו טון.

— הערסט אַ מעשה! — שרייט דער וואַו.

— וואָס אַרט דיך, ער פּייפט אויף אונדז אַלע, זאָג איך דיר.

— און ווידער-אַרום, וואָס איז דאָ פאַרהאַן פון וואָס צו לאַכן, וואָס? די ביקסן-שאָסן רעדן אויך אויף איין-און דער זעלבער שפּראַך, וואָס, נישט? און דאָס שטערט לגמרי נישט די פעלקער זיך דורכצוווערטלען מיט זייער הילף, און נאָך ווי!

— יאָ — זאָגט דער פליער — ס'איז דאָך אָבער מער

בישטאָ ווי איין גאָט. נישט דער אָפּגאַנג פון די תפילות איז פּאַר מיר אומפאַרשטענדלעך, נאָר זיין אָנקומען.

דאָס געשפּרעך האָט געצאַנקט.

— אַ קופּע פאַרוואונדעטע ליגן דאָרט אינעווייניק — ווייזט מיר דער מענטש מיט די מאַטע אויגן. — פרעג איך מיך, יאָ, פרעג איך מיך, ווי אַזוי האָט מען זיי דאָ אַריינגעקריגן. ס'האָט געמוזט זיין שרעקלעך זייער ריטשן זיך ביז אין דעם לאָך אַריין.

צוויי דאַרע, מאָגערע קאָלאָניאַל-זעלנער, זיך אונטערשפּאַרנדיק קעגנזייטיק ווי צוויי שיכורים, זיינען אָנגעקומען, זיך אָנגעשטויסן אויף אונדז, צוריקגעצויגן זיך און גענומען זוכן אויף ד'ר'ערד אַן אָרט וווּ אַנידערצופאַלן.

— יאָ, יאָ, פּעטערשי — האָט איינער פון זיי פאַרענדיקט זיין דערציילן מיט אַ הייזעריקער שטימע — אין דער זיכער-הייל, וואָס כ'זאָג דיר, זיינען מיר געבליבן דריי טעג דורכאויס אָן לעבנס-מיטל, גאַנצע דריי טעג אָן גאָרנישט, גאָרנישט. וואָס ווילסטו, מ'האָט געטרונקען די אייגענע שתנה, אָבער קענסט לעבן און לאָבן.

דער אַנדערער, אַלס ענטפער, האָט דערקלערט, אַז אַמאָל האָט ער געהאַט די כאָלערע:

— האָ! אַ פּאַסקודנע עסק, הערסטו! היך, ברעכן, בויכ-ווייטיק — גוטער ברודער, הערסט, ס'האָט מיך גענומען!

— אָבער דאָך — האָט פּלוצלינג אַרויסגעזעצט דער פּליער, וועלכער האָט מיט פאַרביסנקייט געזוכט אַן ענטפער אויפן ריזיקן רעטעניש — וואָס מיינט ער מיט זיך, אייגנטלעך, דער דאָזיקער גאָט, אַזוי אַלעמען צו לאָזן גלייבן, אַז ער האַלט מיט דער גאַנצער וועלט? פאַרוואָס לאָזט ער אונדז אַלע, אַלע, איינעם לעבן אַנדערן, זיך רייסן די קעל און ריטשען ווי די בהמות: „גאָט איז מיט אונדז!“. „ניין, ס'הייבט זיך נישט אָן, איר האָט אַ טעות, גאָט איז מיט אונדז!“

ערגעץ פון אַ טראַגע האָט זיך אויפגעהויבן אַ קרעכץ און

אין משך פון איין אויגנבליק זיך געטראָגן גאַנץ אַליין אין דער שטילקייט, גלייך דאָס וואָלט געווען אַן ענטפער.

* *
*

— איך — זאָגט דאַן עפּעס אַ פאַרוויטיקטע שטימע — איך גלייב נישט אין גאָט. כ׳ווייס, ער עקזיסטירט נישט — מחמת די ליידן. קענען זיי אונדז אָבּ־רעלעווען, וואָס זיי ווילן, און צו־פּאַסן דערצו כּלע־מינים ווערטער, וואָס מען וועט געפינען אין דער־פינדן. אַז דאָס דאָזיקע גאַנצע אומשולדיקע ליידן זאָל אַרויסשטאַ־מען פון אַ פאָלקאָמענעם גאָט, איז עס פּשוט אָן קונצן ב׳קאָפּ פאַרדרייט.

— איך — זאָגט אַן אַנדערער אויף דער באַנק — איך גלייב נישט אין גאָט, צוליב דער קעלט. כ׳האָב געזען ווי מענטשן זיינען ביסלעכווייז אויסגעגאַנגען פּשוט פון קעלט. אַז ס׳וואָלט געווען אַ רחמנותדיקער גאָט, וואָלט נישט געווען קיין קעלט. דאָ וועט מען מיר שוין גאָרנישט דערציילן.

— כדי צו גלייבן אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט, וואָלט גאָרנישט געדאַרפט זיין דאָס אַלץ וואָס ס׳איז. און אויב אַזוי, פעלט נאָך אַ סך צום רעכענונג!

אַ סך קאָלעקעס האָבן גלייכצייטיק, נישט זעענדיק זיך, געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין אַלס איינשטימיקייט.

— אמת — זאָגט אַן אַנדערער — אמת.

די דאָזיקע מענטשן־חורבות, די דאָזיקע באַזיגטע, פאַריתומטע און צעוואָרפענע אין נצחון, האָבן אַן אָנהייב פון אַן אנטפּלעקונג. אין דער טראַגעדיע פון די געשעעניש זיינען פאַרהאַן מינוטן, ווען די מענטשן זיינען נישט בלויז אויפריכטיק נאָר אויך וואָרהאַפטיק, ווען דער אמת לייכט זיי קלאָר פון פּנים אַרויס.

— איך — מישט זיך אַריין אַ פרישער — אויב כ׳גלייב נישט, אין עס ווייל...

אַ שרעקלעכער הוסט-אָנפאַל האָט אָפּשיילעך פּאַרענדיקט דעם זאַץ. ווען ער האָט אויפגעהערט צו הוסטן האָט ער געהאַט וויאַלעטע באַקן, די אויגן פייכט, און כמעט געבליבן אָן אָטעם. מ׳האָט אים געפרעגט:

— אויף וועלכן אָרט ביסטו עס פאַרוווּנדעט, דו?

— כ׳בין נישט פאַרוווּנדעט, כ׳בין קראַנק.

— אויב אַזוי! — זאָגט מען מיט אַ קול, וואָס הייסט אַ שטייגער: ביסט נישט אינטערעסאַנט.

ער פאַרשטייט דאָס און מאַכט גילטן זיין קראַנקהייט:

— כ׳בין קאַפּוט. כ׳שפּיי מיט בלוט. כ׳האָב נישט קיין כּוח! און אַז די כּוחות גייען אויס, פאַרשטייסטו מיך, קומען זיי נישט צוריק מער.

— המ, המ — מורמלען די חברים אומאַנטשלאָסן, אָבער טראַכטן אַלעמען, זיינען זיי איבערגעצייגט אין דער מינדערווערטיקייט פון ציווילע קראַנקייטן לגבי ווונדן.

רעזיגנירט, לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ און חזרט איבער שטילערהייט פאַר זיך אַליין:

— כ׳קען נישט גיין, ווי אַזוי זאָל איך קענען גיין?

* *
*

אין דעם האָריזאָנטאַלן אָפּגרונט, וואָס ציט זיך, אַלץ שמעלער ווערנדיק פון טראַגע צו טראַגע, ווי ווייט דאָס אויג דערגרייכט נאָר, אַזש ביז צו דער בלייכער עפענונג פון טאָג-ליכט, אין דעם דאָזיקן ווירוואַרדיקן קאָרידאָר, אין וועלכן עס בלינצלען ווו-נישט-ווו אָרימע ליכט-פלעמלעך, וואָס רויטלען זיך ווי אין פיבער, און ווו ס׳לויפן דורך פון צייט צו צייט שאָטן-פליגל, ווערט עפּעס אַ געקאָך. מע הייסט נישט פאַרוואָס. מע זעט עפּעס, ווי ס׳רודערט זיך דער מיש-

מאַש פון גלידער און קעפּ, מען הערט עפּעס אויסרופן און קלאָגן, וואָס וועקן זיך קעגנזייטיק, און צעגייען זיך אין חלל, ווי אומגע־זעענע רוחות. די אויסגעצויגענע גופים פאַלדעווען זיך, קאָרטשען אויז דרייען זיך איבער.

כ׳דערקען אין דער דאָזיקער מין שמוציקער נאָרע, אינדערמיט פון דער מחנה געפאַנגענע, דערנידעריקטע און מיט יסורים באַ־שטראָפטע מענטשן, דאָס דיקע געשטאַלט פון אַ סאַניטאַר, וואָס זיינע שווערע פּלייצעס וואַקלען זיך ווי אַ קווער־פאַרוואָרפענער זאַק און זיין טענאָר־שטימע הילכט־אָפּ אין גאַלאָפּ איבערן גאַנצן קעלער:

— האָסט שוין ווידער געגראַבלט באַם באַנדאַזש, בהמהשע צורה, לויז! — דונערט ער. — כ׳וועלן דיר נאָכאַמאָל אַרומבינדן, הייל דו ביסט עס, אָבער אויב וועסט נאָכאַמאָל אָנרירן, זאָג איך דיר, בין איך דיך נישט מקנא!

און אָט זעט מען אים אין גרויען ליכט אַרומוויקלען אַ ייוונטענע בינדע אַרום דעם שאַרבן פון אַ גאָר קליינטשיקן מענטשעלע; דאָס נפשל שטייט כמעט אויפגעשטעלט, מיט שטייפע באַרשט־האָר אויפן קאָפּ, די באָרד אויפגעבלאָזן פאָרויס, און מיט שלאַבערדיק נאָכהענגענדיקע הענט, לאָזט ער מיט זיך הכנעהדיק מאַכן וואָס מע וויל.

דער סאַניטאַר לאָזט אים אָבער שטיין, קוקט עפּעס אויף דר׳ערד און שרייט אויס, אַז עס הילכט אַזש אָפּ:

— וואָס איז דאָס אַזוינס? העי, פּעטער, זאָג נאָר, ביסט נישט אַמאָל יענע מעשה? הייסט אַן איינפאַל, זיך לייגן אויף אַ פאַר־וואונדעטן!

און זיין שפּאָרעוודיקע האַנט נעמט טרייסלען אַ קערפּער און, סאָפּענדיק שווער און שעלטנדיק, באַפרייט ער אַ צווייטן אוממעכ־טיקן קערפּער, אויף וועלכן דער ערשטער האָט זיך געהאַט אויסגע־

צויגן ווי אויף אַ מאַטראַץ — אין משך פון דער צייט, ווי נאָר מ׳האָט אים אַליין צורו געלאָזט, הייבט אויף דער באַנדאַזשירטער קאַרליק זיין האַנט צום קאָפּ, רעדט נישט קיין וואָרט און באַמיט זיך אויפּסניי אַראָפּצונעמען די בינדע, וואָס פאַרקלעמט אים דעם שאַרבן.

... אַ שטופּעניש, אַ געשריי: אויפן ליכטיקן הינטערגרונט דערזעען זיך שאָטנהאַפטיקע געשטאַלטן און מאַכן מאָדנע העוויות אין דער טונקלקייט פון דער אונטערערדישער הייל. אַ גאַנצע מעני- גע זיינען זיי, באַם שיין פון אַ ליכטל אַרום אַ פאַרוווּנדעטן, אַרום וועלכן זיי פּאָרן זיך און האַלטן אים מיט גרויס מי אויף דער טראַגע. ס׳איז אַ מענטש אָן פיס. די פיס-ביינער זיינען שרעק- לעך אַרומגעבונדן, מיט קניפּן, כדי איינצוהאַלטן דעם בלוט-שטראָם. די איבערגעהאַקטע ביינער האָבן געבלוטיקט אין די לייוונטענע בענ- דער אַריין, און ס׳דאַכט זיך, ווי ער וואָלט געטראָגן רויטע הויזן. ער זעט אויס ווי אַ טייוול, מיט אַ גלאַנצנדיק פינסטער פּנים, און ער רעדט פון היץ. מע האַלט אים צו באַ די אַקסלען און קני: דער דאָזיקער מענטש מיט די אָפּגעהאַקטע פיס וויל נישט אַנדערש, ווי אַרויסשפּרינגען פון דער טראַגע און אַנטלויפן.

— לאָזט מיך אַוועק! — קייכט ער מיט אַ שטימע, וואָס פון כעס און אָטעמלאָזיקייט איז זי ענלעך צו אַ מעקעריי; אַ טיפע שטימע מיט פּלוצלינקע אָפּהילכונגען, וואָס קלינגט ווי אַ טראָמפּייט, אין וועל- כער מע בלאָזט צו שוואַך. — גאָט מיינער, לאָזטס מיך אַדורך, זאָג איך אייך. האַ!... וואָס, איר מיינט, אַ פּנים, אַז כ׳וועל דאָ באַ אייך בלייבן! אַ סוף, אַוועקטס, אָדער כ׳טרעט אייך אָפּ די פיס!

ער ציט זיך איין-און אויס אַזוי האַסטיק, אַז די, וואָס באַמיען זיך אים איינצוהאַלטן מיט זייער משא, וואַרפן זיך אַהין-און-צוריק, און מע זעט דאָס ליכט מאַכן זיגזאַגן אין דער האַנט, פון דעם מענטש, וואָס האַלט עס, שטייענדיק אויף די קני, און וואָס מיט

דער אַנדערער האַנט העמט ער דעם פּיס־אָפּגעהאַקטן משוגענעם; און דער לעצטער שרייט אַזוי שטאַרק, אַז ער וועקט אויף די, וואָס שלאָפן, און רייסט איבער דעם דרימל פון די אַנדערע קראַנקע. פון אַלע זייטן דרייט מען זיך אויס צו אים, מע זעצט זיך האַלב אויף און מע הערט זיך איין אין די דאָזיקע אָפּגעבראָכענע יאָמער־גע־שרייען, וואָס סוף־כּל־סוף גייען זיי אויס אין דער פינסטערניש. אין זעלבן מאָמענט נעמען זיך קריגן צוויי פאַרוווּנדעטע, וואָס ליגן אין אַן אַנדער ווינקל געקרייצט אויף דר'ערד, און מע מוז אַוועקטראָגן איי־נעם פון זיי, כּדי אַ סוף צו מאַכן צום צערייצטן געשפּרעך.

איך דערווייטער מיך און גיי צום פּונקט, ווי דאָס אויסנוויי־ניקסטע ליכט דרינגט אַריין צווישן די אָנגעהויפטע בעלקעס, ווי דורך צעשעדיקטע קראַצטעס. כ'שפּרייז איבער דער אומענדלעכער רייע פון טראַגעס, וואָס פאַרנעמען די גאַנצע ברייט פון דער דאָ־זיקער אונטערערדישער, נידעריקער און ענגער אַלעע, ווו כ'ווער דערשטיקט. די מענטשלעכע געשטאַלטן, וואָס ליגן דערשלאָגן אויף די טראַגעס, רירן זיך אַצינד שוין נישט מער אונטער די אורליכט־פלעמ־לעך פון די ליכטלעך און זייבען פאַרשטאַרט אין זייער טעמפּ קרעכצן און כראָכלען.

איינער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן ראַנד פון אַ טראַגע און זיך אָנגעלענט אָן דער וואַנט; און פון דער טונקלקייט פון זיינע האַלב־אָפענע צעפליקטע מלבושים שיינט אַרויס אַ ווייסע אָפּגעצערטע מאַרטירער־ברוסט. זיין קאָפּ, פאַרוואָרפן אַהינטער, איז פון שאָטן פאַרשלייערט; מען זעט אָבער ווי זיין האַרץ קלאַפּט.

דאָס טאָג־ליכט, וואָס זיפּט זיך דורך טראָפּנווייז דאָרט באַם סוף הייל קומט דורך אַן איינבּרוך: אַ גוזמא גראַנאַטן, וואָס זיינען גע־פאַלן כּסדר אויפן זעלבן אָרט, האָבן ענדלעך דורכגעלעכערט דעם דיקן ערד־דאַך פון דער הילף־סטאַציע.

דאָ שימערן אַ פּאָר ווייסע ליכט=פלעקן אויפן בלוי פון די מאַנטלען, אויף די פּלייצעס און לענגויס די פאַלדן. מעזעט, ווי עס טיילט זיך אָפּ פון דער טויטן-שטאַט, ווי אַן עדה פון האַלב-וואַכנדיקע מתים, אַ סטאַדע מענטשן, פּאַראַליזירטע דורך דער פינסטערניש און שוואַכקייט, און דריקן זיך צום דאַזיקן אויסגאַנג, כּדי צו גענ יסן פון אַ ביסל לופט. צום סוף פון לאַנגן חושך קומט פאַר דאָס דאַזיקע ווינקל ווי אַן אויסוועג, ווי אַן אַאוזע, וווּ מע קען זיך אויסגלייכן שטייענדיק, און וווּ מען ווערט לייטזעליק באַשטרייכט מיט הימל-ליכט.

— ס׳זיינען געווען דאָ פאַרשוינען, וועלכע ס׳האָט אָרנטלעך דורכגעטרייבערט, ווען די גראַנאַטן האָבן דאָ אַריינגעבראַקט — דערציילט מיר איינער, וואָס וואַרט דאָ אויף עפּעס, מיט אַ האַלב-אָפן מויל, באַשיינט פון נעבעכדיקן אונטערערדישן ליכט-שטראַל. — שוין איינמאָל געווען אַ קאַשע. נאַ, זעסט, אָט איז דער גלח, ער נעמט צונויף דאָס אַלץ, וואָס איז פון זיי איבערגעבליבן, וואָס איז זיך צעפלויגן אין דער לופטן.

דער ברייט-ביינ יקער סאַניטאַר-סערזשאַנט אין ברוינעם יעגער-וועסט, צוליב וועלכן ער קריגט אַ מאַלפּע-קערפּער, נעמט אַראָפּ די געדערעם אין אינגעווייידן, וואָס העגגען אַרומגעוויקלט אַרום די בעלקעס פון דעם צעשמעטערטן בנין. צו דעם צוועק באַנוצט ער זיך מיט אַ ביקס, מיט אַן אַרויפגעזעצטן באַגנעט, מחמת מען האָט נישט געקענט געפונען קיין געצייג לאַנגן שטעקן. און דער דאָזיקער דיקער, פליכעוואַטער, בערדיקער און אַסמאַטישער ריז באַגייט זיך מיטן געווער אומגעלומפּערט. ער האָט אַ זאַנפט, גוטמוטיק אויסזען, און גלייכצייטיק, ווי ער באַמיט זיך אַרויסצושלעפּן פון די ווינקעלעך געדערעם-רעשטלעך, מורמלט ער מיט אַן אומעטיקער מינע עפּעס אַ תּפילה אויף „אוי וי" וואָס איז ענלעך צו זיפצן. זיינע אויגן זיינען פאַרשטעלט מיט בלויע ברילן; ער עטעמט מיט אַ גערויש;

זיין שאַרבן האָט אַ שמאָלן אומפאַנג און זיין אומגעהייערער דיקער האַלדז איז קאָנוסאַרטיק.

אַז מע קוקט זיך צו, ווי ער שטעכט-אויף און נעמט אַראָפּ פון דערהייך שטיקער איינגעווייידן און פלייש-שמאַטעס, מיט די פיס אין מיסט-הויפן פון חורבות, באַם עק פון בלינדן אונטערערדישן געסל, פון וואַנען ס׳טראָגן זיך קרעכצן, קען מען מיינען, אַז מען האָט פאַר זיך אַ קצב, וואָס טוט עפּעס אַ טייוולאָנישע מלאכה.

אָבער איך האָב מיך געלאָזט פאַלן אין אַ ווינקל מיט האַלב-געשלאָסענע אויגן און כמעט נישט געזען מער דאָס אַלץ, וואָס ליגט, ציטערט און פאַלט אַרום מיר.

ס׳דערגרייכן צו מיר אומקלאָרע ברעקלעך פון זאַצן. כסדר אַלץ די דאָזיקע שרעקלעכע מאָנאָטאָנע מעשיות וועגן פאַרוווּנדונגען:

— אַ כאָלערע! מיר דאַכט זיך, אַז אויף דעם אָרט האָבן זיך די קוילן אָנגעריירט...

— ער האָט געהאַט דעם קאָפּ דורכגעלעכערט פון איין שלייף צו דער אַנדערער. וואָלסט געקענט דורכציִען אַ שטריקל.

— אַ שעה צייט האָט געדויערט, ביז די דאָזיקע נבלות האָבן בענומען שיסן איבער אונדז און אויפגעהערט אין אונדז אַריינ-צוּלנאָקן ..

נענטער צו מיר, שטאַמלט נאָך איינער דעם סוף פון אַ געשיכטע:

— אַז כ׳שלאָף, חלומט זיך מיר, אַז כ׳הרגע אים נאָכאַמאָל

נאָך אַנדערע דערינערונגען זשומען צווישן די פאַרוווּנדעטע, וואָס ליגן דאָ באַגראָבן, און ס׳איז, ווי ס׳וואָלטן גערוישט אומצעלי-קע רעדלעך פון אַ מאַשין, וואָס דרייט זיך און דרייט...

און ווידער הער איך, ווי יענער דאָרט אויף דער באַנק חזרט איבער כסדר: „און וועסט אַפילו שרייען חי וקים!" אויף אַלע מעגלעכע טענער, געביטעריש אָדער בעטנדיק, טיילמאָל, ווי אַ

נביא, טיילמאָל, ווי אַ שיפּברוכיקער, און סקאַנדירט מיט זיין געשריי דעם כאָר פון דערשטיקטע און קלאָגנדיקע קולות, וואָס באַמיען זיך אויף אַן אימהדיקן אופן אויסצוזינגען זייערע יסורים.

עמעץ דערנענטערט זיך, אַ בלינדער, טאַפּנדיק די וואַנט מיט אַ שטעקן, קומט צו צו מיר. ס'איז פאַרפאַדעט! איך רוף אים. ער דרייט זיך אויס מער-ווייניק אין מיין זייט אַריין און דערציילט מיר, אַז ער האָט פאַרלוירן איין אויג. דאָס צווייטע אויג איז אויך פאַרבונדן. איך גיב אים אָפּ מיין אָרט און כ'זעץ אים אַנידער, האַלטנדיק אים בײַ די פּלייצעס. ער לאָזט מיך רויק מאַכן וואָס כ'וויל און, ווען ער זיצט שוין צופּיסנס פון דער וואַנט, וואַרט ער געדולדיק מיט דער רעזיגנאַציע פון אַ בעאַמטן, ווי אין אַ וואַרט-זאַל.

איך לייג מיך אַ ביסל ווייטער, אויף אַ פריי אָרט. דאָרט ליגן אויסגעצויגן צוויי מענטשן און רעדן צווישן זיך שטיל; זיי ליגן אַזוי נאָענט פון מיר, אַז איך הער זיי, נישט איינהערנדיק זיך. דאָס זיינען צוויי זעלנער פון פרעמדן-לעגיאָן, מיט טונקל-געלע העלמען און מאַנטלען.

— ס'לוינט זיך נישט קיין סך צו רעדן — זאָגט שפּאָטיש איינער פון זיי. — דאָסמאָל בין איך פאַרטיק. מער ווי זיכער: כ'האָב די קישקעס ווי אַ דורך-און-דורך. וואָלט איך געווען אין אַ שפּיטאָל, אין אַ שכאָט, מאַכט מען מיר אַן אָפּעראַציע, ווען ס'איז נאָך צייט, און ס'קען נאָך גיין אַ גאַנג. אָבער דאָ! נעכטן איז מיר ס'עסק געשען. מיר זיינען צוויי אָדער דריי שעה פון בעטונער-שאָסיי, אמת? און פון שאָסיי, זאָג מיר אָקאָרשט, וויפיל שעה גאַנג איז נאָך ביז אַן אַמבולאַנס, ווו מע קען מאַכן אַן אָפּעראַציע? און חוץ דעם, אַזוי געשווינד, מיינסטו, נעמט מען אונדז צו פון דאַנען? קיינער, פאַרשטייסטו מיך, איז אין דעם נישט שולדיק, אָבער אַזוי אי-ד'עס. יאָ! כ'על נישט זאָגן, אַז שוין אין דעם מאָמענט זאָל זיין מיט מיר גאָר שלעכט, אָבער ס'אי דאָך זיכער, אַז לאַנג דויער-

וועט דאָס נישט, ווייל כ׳האָב דאָך אַ לאָך אין דער גאַנצער לעבן פון טשעמאָדאַנטשיק. באַ דיר וועט זיך די לאַפּע אויסהיילן, אָדער זיי וועלן דיר צוזעצן אַ נייע. אָבער איך, איכ׳ל שטאַרבן.

— אַ! — זאָגט דער אַנדערער, איבערצייגט דורך דער לאָגיק פון זיין חבר.

און דער לעצטער ענטפערט דערויף:

— הער־אויס, דאָמיניק, האָסט געפירט אַ פּאַסקודנע לעבן. האָסט געלקחנט, און פון מויל האָט מען דיר אויך נעשפּירט. האָסט אַ שפּאָר פּעקל אין געריכט.

— כ׳קען נישט זאָגן, אַז ס׳איז נישט אמת, ווייל ס׳איז דאָך אמת — זאָגט דער אַנדערער. — אָבער וואָס גייט דיך דאָס אַלץ אָן?

— און נאָך דער מלחמה וועסטו ווידער האָבן אַ יאַטיש לעבן, וועסט געצווינגען זיין דערצו, און וועסט נאָך האָבן קאָפּ־דרייעניש צוליבן בעדנערס עסק.

דאָס ברענגט דעם אַנדערן אַרויס פון די כּלים, און ער צעקאָכט זיך:

— ווער פאַרשטומט! וואָס איז דאָס דיין קאָפּ־ברעכעניש?

— איך האָב נישט קיין שום משפחה, פּונקט אַזוי ווי דו. קיינעם נישט, חוץ לויזן — זי הייסט אויך נישט קיין פאַמיליע, ווייל מיר האָבן דאָך נישט חתונה געהאַט. איך בין נאָך קיינמאָל נישט פאַראורטיילט געוואָרן, סיידן עפּעס דאָרט פּאַר אַ פּאָר מיליטערישע קלייניקייטן. מיין נאָמען איז ריין.

— טאָ איז וואָס? ס׳אי מיר קנאַפּ געלעגן.

— הער, וואָס כ׳על דיר זאָגן: נעם מיין נאָמען. נעם אים, כ׳גיבן דיר: ווייל קיינער פון אונדז האָט דאָך נישט קיין שום משפחה.

— דיין נאָמען?

— וועסט הייסן לעאָנאַרד קאַרלאָטי, און גאָר, ס׳איז נישט קיין גרויסע זיבן זאַכן. וואָס קען עס דיך אַרן? סיס אַמאָל וועסטו

פטור פון אַלעמען. מ׳עט דיך נישט יאָגן און פּלאָגן און וועסט קע־
נען זיין אַ גליקלעכער מענטש, ווי איך וואָלט עס געקענט זיין,
ווען כ׳קריג נישט די קויל אין מאַגאַזין אַריין.

— אַ שרפה אין די ביינער אַריין! וואָס, מיינסט עס טאַקע
אין אַן אמתן? גוטער ברודער, כאַטש ממית מיך, כ׳פאַרשטיי עס
נישט!

— נעם! ער איז אין מיין מיליטער־ביכל דאָרט אין מאַנטל.
אַנ׳עק, נעם, זאָגט מען דיר, און גיב מיר אַהער דיין נאָמען, מיט
דיין ביכל — לאָמיך דאָס גאַנצע עסק מיטנעמען מיט זיך! וועסט
דיר קענען לעבן ווו וועסט וועלן, חוץ בא מיר אין דערהיים, ווו מע
קען מיך אַ ביסל, אין לאַנגוויל, אין טונעס, וועסט מוזן געדענ־
קען, און ווידער אַרום, ס׳אי דאָך אויפגעשריבן, וועסט דיר עס
אַדורכלייענען, ס׳ביכל. איך על׳ס קיין לעבעדיקן מענטש נישט
דערציילן: כדי מע זאָל נישט דורכפאַלן מיט אַזאַ שטיקל אַרבעט,
מוז זיין — שאַ־קיטש!

ער פאַרטראַכט זיך, דערנאָך זאָגט ער ציטערנדיק:

— אפשר וועל איך עס דאָך זאָגן לויזן, זאָל זי זען, אַז
כ׳האָב געקענט עפעס גוטס טון און זאָל זי מיך בעסער געדענקען —
ווען כ׳וועל איר שרייבן מיין לעצטן אַדיע־בריוו.

אָבער ער איבערלייגט זיך נאָכאַמאָל און נעמט שאָקלען מיטן
קאָפּ מיט אַן איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג.

— ניין, כ׳על נישט דערציילן, און אפילו איר אויך נישט.
כ׳ווייס גאַנץ גוט, אַז ס׳איז — זי, אָבער די ווייבער האָבן ליב צו
פּלאַפּלען!

דער אַנדערער קוקט אים אָן און חזרט איבער:

— אַ כאַפּ זאָל עס קריגן?

נישט זייענדיק באַמערקט דורך די צוויי מענטשן, האָב איך
מיך דערווייטערט פון דער דאָזיקער דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ

אין דער ענגשאַפט פון דאָזיקען קלאָגנדיקן ווינקל, ווו עס שטויסט זיך אָן אים יעדע רגע די מהומה פון די פאַרבייגייער.

איך כאַפּ אויף אַ פרידלעך, גענעזנדיק געשפּרעך פון צוויי אָרעמע טייוולאָנים:

— כ׳וואָלט דיר געווונטשן צו זען, מיט וואָס פאַר אַן איבער־געגעבנקייט ער באַארבעט זיין ווײַנשטאָק! לעבן קיין שום שטאָק געפינסטו נישט קיין פּיצל לײדיק אָרט...

— דאָס ברעקעלע מיינס, דאָס פּיצעלע, אַז כ׳בין דערמיט אַרויסגעגאַנגען אין עס געהאַלטן באַם קלײנטשיקן הענטעלע, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ׳האַלט אַ קליין וואַרעם העלדזל פון אַ שוועל בעלע, ווייסט?

און לעבן דער דאָזיקער אַרויסגעוויזענער סענטימענטאַליטעט, אַנטפּלעקט זיך ווידער פאַר מיר, פאַרבייגייענדיק, אַ גאַנצער גע־דאַנקען־גאַנג:

— צי כ׳קען דאָס 547־טע פאַלס! אַ שאלה. הערסט: ס׳איז אַ מאָדנע פאַלק. געפינסט דאָרט אינעווייניק פאַרשוינען, וואָס הייסן פּעטיזשאַן, אַן אַנדערער ווידער פּעטיפיער, און נאָך אַן אַנדערער פּעטיליוס... הערסט, אַזוי ווי כ׳זאָג דיר. קענסטו שוין ווִיסן, וואָסער פאַלק דאָס איז.

בשעת איך נעם מיר דורכשפּאַרן אַ וועג, כדי אַרויסצוציִען פון דער אונטערערדישער הייל, דערהערט זיך דאָרט אַ הויך־פאַלנדיק געוויש און אַ גרויס געשריי.

דער סאַניטאַר־סערזשאַנט איז אומגעפאַלן. דורך דעם איינ־ברוך, וועלכן ער האָט אָפּגערייניקט פון די ווייכע און בלוטיקע מענטשן־שיריים, האָט אים געטראָפן אַ קויל אין האַלדז אַריין. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דר׳ערד אין זיין גאַנצער לענג. ער קייקלט אַרויס אַ פּאָר גרויסע געפּלעפטע אויגן און עטעמט אַרויס אַ שוים. זיין מויל און די אונטערשטע טייל פון פּנים ווערט באַלד

אַרומגענומען מיט אַ וואָלקן פון רויטלעכע בלעזלעך. מע לייגט אים דעם קאָפּ אויף אַ זעקל באַנדאַזשן. אין איין רגע איז דאָס זעקל דורכגעזאַפּט מיט בלוט. אַ סאַניטאַר נעמט שרייען, אַז ער מאַכט קאַליע דאָס פּעקל מיט באַנדאַזשן, וועלכעס ער דאַרף צו האָבן. זוכט מען אויף וואָס אַוועקצולייגן דעם דאָזיקן קאָפּ, וואָס לאָזט אַרויס אומויפהערלעך אַ לייכטן און געפּאַרבטן שוים. מע געפינט בלויז אַ ברויט, וועלכעס מע רוקט אַרונטער אונטער די שוואַמיקע האָר.

בשעת מע נעמט אָן דעם סערזשאַנט בײַ דער האַנט און מע פרעגט אים אויס, גאַוועט ער בלויז אַרויס אַלץ נייע בלעזלעך, וואָס זעצן זיך אָן איינס אויף ס׳אַנדערע, און זיין גרויסער שוואַרץ-בערדיקער קאָפּ זעט זיך אַרויס פון דעם דאָזיקן רויזיקן וואָלקן. ליגנדיק אַזוי האָריזאָנטאַל, זעט ער אויס, ווי אַ כראָפּענדיק ים-פאַרזעעניש, און דער דורכזיכטיקער רויטלעכער שוים יעערט אַלץ העכער און פאַרדעקט אים אַזש ביז זיינע גרויסע מאַטע אויגן, וווּ ס׳פעלן די ברילן.

דערנאָך נעמט ער כראָכלען. ער כאָרכלט ווי אַ קינד און שטאַרבט, באַוועגנדיק מיטן קאָפּ אויף רעכטס און לינקס, ווי ער וואָלט אַ שטייגער גאָר געלאַסן גזאָגט: ניין.

איך באַטראַכט די דאָזיקע אומגעהייערע, פאַרשטאַרטע מאַסע און כ׳קלער דערביי, אַז דער דאָזיקער מענטש איז געווען אַ גוטער. ער האָט געהאַט אַ ריין און פילבאַר האַרץ. און ווי שטאַרק האָב איך חרטה, וואָס כ׳בין טיילמאָל אָנגעפאָרן אויף אים צוליב זיין נאַיווער קליין-קעפּלדיקייט און צוליב זיין עקלעזיאַסטישער אומדיסקרעציע, וואָס ער האָט אומעטום אַרויסגעוויזן! און ווי גליקלעך בין איך אין דער דאָזיקער עת-צרה — יאָ, גליקלעך, אַז כ׳ציטעראַזש פאַר פרייד — וואָס כ׳האָב מיך איינגעהאַלטן אַ מאָל, בשעת ער האָט פון אַ זייט געלייענט אַ בריוו, וואָס כ׳האָב געשריבן, און אים נישט געזאָגט אַ פּאָר האַרבע ווערטער, וואָס וואָלטן אים אומגערעכט דערגידעריקט! כ׳דער-

מאַן מיך, ווי ער האָט מיך אַמאָל אַרויסגעבראַכט — ווי ער האָט מיך אַמאָל אַרויסגעבּרענגט פון די כּלים מיט זיינס אַ פּשטל מכּוח דער הייליקער יונגפרוי אין פראַנקרייך. ס׳האָט מיר אויסגעוויזן פאַר אוממעגלעך, אַז ער זאָל געווען זיין אויפריכטיק מיט די דאָזיקע געדאַנקען. פאַרוואָס זאָל ער נישט געווען זיין אויפריכטיק? צי איז ער דען נישט הייבט אויף אַן אמת געהרגעט געוואָרן? איך דערמאַן מיך אויך געווייסע שטריכן פון אויפאָפּפערונג, פון תמיד גרייטן געדולד באַם דאָזיקן דיקן מענטש, וואָס האָט זיך סיי אין מלחמה, סיי אין לעבן נישט געפילט אינדערהיים — און דאָס איבעריקע איז דאָך בלויז קליינִיקייטן. אַפילו זיינע אידעען זיינען אויך נישט מער ווי לעבן־זאַכן אין פאַרגלייך מיט זיין האַרץ, וואָס ליגט דאָרט אויף דר׳ערד אַ צעשמעטערטס אין דאָזיקן גיהנום־ווינקל. ווי שטאַרק און טיף באַדויערט האָב איך דעם דאָזיקן מענטש, פון וועלכן אַלץ האָט מיך אָפּגעטיילט!

... און דאַמאָלס איז דער דונער אַריין: עס האָט אונדז האַסטיק אַ שליידער געטון איינעם אויפן אַנדערן דורך דער שרעקלעכער אויפטרייסלונג פון דער ערד און די ווענט. ס׳האָט זיך געדאַכט, ווי די ערד, וואָס האָט זיך געוועלבט איבער אונדז, וואָלט אייגעבראָכן געוואָרן און זיך געשאָטן אויף אונדז. אַ שטיק פון וואַנט־געבעלק איז איינגעפאַלן און ברייטער געמאַכט דאָס לאָך, וואָס האָט שוין איינגעריסן דעם קעלער. נאָך אַ זעץ: אַן אַנדער שטיק איז צעשטויבט און חרוב געוואָרן מיט אַ געקלעפּער. דער גוף פון דיקן סאַניטאַר־סערזשאַנט האָט זיך צוגעקייקלט צו דער וואַנט ווי אַ בוים־שטאַם. דער גאַנצער בעלקעס־סקעלעט לענגאויס דעם קעלער, זיינע דיקע שוואַרצע ריפּן, האָבן געקנאַקט צום טויב ווערן, און גלייכצייטיק האָבן די אַרעסטאַנטן פון דאָזיקן קאַרצער אַרויסגעבּרילט אַ מוראדיק געשריי.

איינס נאָך ס׳אַנדערע הילכן אָפּ גאָך אַנדערע אויפרייסן און

צעטרייבן אונדז און אַלע זייטן. דאָס באָמבאַרדירן צעפּליקט און פאַרצערט דעם דאָזיקן הקדש, לעכערט אים דורך און צעברעקלט אים. און בשעת דער דאָזיקער פייפנדיקער גראַנאַטן-גאָס העמערט און צעקוועטשט מיט אַ דונער-געקלעפּער דעם אויפגעבראָכענעם עק פון דער הילף-סטאַציע, רייסט זיך אַריין דאָס טאָג-ליכט דורך די אָפענע ריסן. די צעהיצטע אָדער טויט-בלאַסע פּנימער באַווייזן זיך בולטער — און איבערנאַטירלעכער — די אויגן לעשן זיך אויס אין גסיסה אָדער צינדן זיך אָן מיט פיבער, מע זעט, ווייס-געהילטע, געלאַטעטע קערפּער, מיט אומגעהייערע באַנדאַזשן. דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך באַהאַלטן, איז אַצינד באַלויכטן. די פאַרוווּנדעטע שטייען אויף, לויפן ווי פאַרסמטע מייז, איינגעקאָרטשעט, בלינצלענדיק מיט די אויגן אונטערן דאָזיקן מבול פון אייזן און רויך, באַגלייט מיט אַ ליכט-הוראַגאַן, און ווילן אַנטלויפן. די דאָזיקע גאַנצע צעווילדעוועטע מחנה קייקלט זיך אין קאָמפּאַקטע מאַסן דורך דער נידעריקער גאַלעריע, ווי אויפן טאַנצנדיקן אונטער-דעק פון אַ טרינקענדיקער שיף.

דער פליער. אויסגעגלייכט וויפיל ער קען נאָר, אָנרירנדיק מיטן נאַקן די וועלבונג, מאַכט מיט די הענט, רופט גאָט, און פרעגט אים, ווי ער הייסט און ווי זיין אמתער נאָמען איז. אומגעוואָרפן דורכן ווינט זעט מען, אַרויספאַלן אויף די איבעריקע, דעם אָפּגעריסענעם, מיט די אָפענע מלבושים, וואָס ווייזט זיין האַרץ ווי קריסטוס. דאָס מאַנטל פון דעם מאַנאָטאָנעם שרייער, וואָס האָט כסדר איבערגעחזרט „און ווערסט אפילו שרייען חי וקים!", צעשפּרייט זיך און איז אינגאַנצן גרין, פון אַ שרייענדיקן גרין, אַפּנים פון דעם פּיקרין-זויער פון אויפרייס, וועלכער האָט אים אויך דעם מוח געריהרט. אַנדערע ווידער — די איבערגעבליבענע, — געלעמט, פאַרקריפּלט, רירן זיך, שלעפּן, קריכן, פאַרשטעקן זיך אין די ווינקעלעך און זען אויס ווי קראָטן, ווי אומגליקלעכע, פאַרוווּנדערטע חיהלעך, פאַרפאָלגט דורך דער שרעקלעכער סטאַיע פון גראַנאַטן.

דאָס באָמבאַרדירן לאָזט נאָך, שטעלט זיך אָפּ חי אַ רויך-
וואָלקן, וואָס צעהילט זיך נאָך מיט אַ געקלעפּער אין דער ציטערנ-
דיקער, הייסער גאַז-לופט. איך גיי אַרויס דורך דעם איינברוך:
אינגאַנצן נאָך אַרומגענומען, באַרוישט דורך דער פאַרצווייפלטער
מהומה, קום איך אַרויס אויף דער פרייער לופט, אויף ווייכער ערד,
חו ס'ליגן פאַרטרונקענע קלעצער, צווישן וועלכע ס'פּלאָנטערן זיך
די פיס. כ'האַלט מיך אָן אַן חורבה-שטיקער; אָט איז דער אָפּהאַנג
פון דורכגאַנגט-גריבן. אין מאָמענט, ווען כ'לאָז מיך אַריין אין די
גריבנס, זע איך זיי נאָך, פון דערווייטנס, כּסדר אַלץ פינסטערער
און באַלעבטער, כּסדר אָנגעפילט מיט דער מחנה, וואָס שטראָמט
אַרויס פון די אָקאָפּעס און פליסט אָן אַ סוף צו די הילף-סטאַציעס.
טאָג-איין, טאָג-אויס, נאַכט-איין, נאַכט-אויס וועט מען אַלץ נאָך זען
שטראָמען און צוזאַמענפליסן די לאַנגע מענטשן טייכן, אַרויסגעריסן
פון די שלאַכט-פעלדער, פון דער פלאַך, וואָס האָט איינגעווייקט און
וואָס בלוטיקט און פוילט דאָרט ווייט אָן אַ סוף.

XXII.

# דער אויספלוג.

נאָכדעם, ווי מיר זיינען דורך דעם בולוואַר דע-לאַ-רעפּובליק און די אַוועני גאַמבעטאַ זיינען מיר אַרויס אויפן פּלאַץ די קאָמערס. די טשוועקעס פון אונדזערע אָפּגעפּוצטע שיך קלאַפּן אין דער שטאָט-ברוק. ס'איז אַ שיין וועטער. דער זוניקער הימל שפּיגלט זיך און גלאַנצט ווי דורך אַ גלאָז-דאַך פון ספּעקטן און מאַכט פינקלען די שויפענסטער אויפן פּלאַץ. די פּאָלעס פון אונדזערע גוט-אויסגעבאַרשטע מאַנטלען הענגען אַראָפּ; און, ווייל זיי זיינען געווייניטלעך פאַרבויגן, זעט מען זיך אָפּצייכנען אויף די דאָזיקע פלאַטערנדיקע פּאָלעס צוויי קוואַדראַטן, וווּ דאָס טוך איז מער בלוי.

אונדזער וואַנדלענדיקע באַנדע בלייבט שטיין אַ ווײלע פאַרקלערט פאַר דעם קאַפע דע לאַ סו-פּרעפעקטור, וואָס הייסט גראַנד-קאַפע.

— מיר האָבן דאָס רעכט אַריינצוגיין! — זאָגט וואָלפּאַט.

— ס'זיינען דאָ איבעווייניק צופיל אָפיצירן — ענטפערט בלער, וועלכער האָט אַריבערגעבויגן ס'פּנים איבער דער גיפּיור-פאָרהאַנג, וואָס פאַרשטעלט דעם לאָקאַל, און געוואַגט אַ קוק צו טון אין דער פענסטער-שויב צווישן די גאָלדענע בוכשטאַבן.

— און איבעריקנס — זאָגט פּאַראַדיז — מיר האָבן נאָך ווייט נישט אַלץ געזען.

מיר לאָזן זיך ווייטער גיין, און מיר פּראָסטע זעלנער, וואָס

מיר זיינען, באַטראַכטן די רייכע קראָמען, וואָס בילדן אַ קרייז אַרום דעם פּלאַץ: מאָדע-מאַגאַזינען, פּאַפּיר-געשעפטן, אַפּטייקן, און, ווי אַ באַ-שטערנטער אוניפאָרם פון אַ גענעראַל, דאָס גלאַנצט שוי-פענסטער פון אַ יובעליר. מיר האָבן אויסגעפּוצט אונדזערע פּנימער מיט אַ שמייכל. ביזן אָוונט זײַנען מיר פּטור פון יעדער אַרבעט, מיר זיינען פריי, מ׳איז בעל-הבית איבער דער אייגענער צייט. די פיס מאַכן געלאַסענע, געמיטלעכע טריט; די הענט זיינען ליידיק, שלעפּן זיך נאָך, און אויך זיי שפּאַצירן זיך ווי ס׳גליסט זיך זיי.

— נישטאָ וואָס צו רעדן, מע געניסט פון היינטיקן אָפּרו — באַמערקט פּאַראַדיז.

די דאָזיקע שטאָט, וואָס עפנט זיך פאַר אונדזערע טריט, מאַכט אויף אונדז אַ רושם! מיר קומען אין באַרירונג מיטן לעבן, מיטן גרויס-שטעטישן לעבן, מיטן לעבן אויפן טיל, מיטן נאָרמאַלן לעבן. מיר האָבן אַזוי אָפּט געמיינט, אַז מיר וועלן פון דאָרט שוין קיינ-מאָל נישט אַהערקומען!

מע באַגעגנט הערן, דאַמען, פאָרלעך אַרומגעוויינגלטע מיט קינדער, ענגלישע אָפיצירן, פליער, וועלכע מע דערקענט פון דער-ווייטנס צוליב זייער געשיקטער עלעגאַנץ און זייערע אויסצייכנונגען; אויך סתם זעלנער, וואָס פירן שפּאַצירן זייערע אָפּגעריבענע מלבושים און זייער גלאַנציקע הויט; זייער איינציק צירונג איז דאָס אידע-טיטעטס-בלעכל, וואָס שימערט אין דער זון אויף זייער מאַנטל. אומדרייסט לאָזן זיי זיך איבער דער שיינע שטאָט, ווו ס׳זיינען נישטאָ קיין בייזע חלומות.

אונדזער פאַרוווּנדערונג שרייען מיר אויס אויפן קול, ווי ס׳טוען אַזעלכע, וואָס קומען פון גאָר ווייט.

— שוין איינמאָל אַ מענטשן-מאַסע! — אַנטציקט זיך טירעט.

— אַהאַ! ס׳אַ רייכע שטאָט! — זאָגט בלער.

אַן אַרבעטערין גייט פאַרביי און קוקט אונדז אָן.

וואַלפּאַט טוט מיר אַ שטויס מיטן עלנבויגן, שליגגט זי איין מיט די אויגן, ציט אויס דעם האַלדז, דערנאָך ווייזט ער מיר אַ ביסל ווייטער צוויי פרויען, וואָס דערנענטערן זיך צו אונדז, און מיט אַ גלאַנצנדיק אויג קאָנסטאַטירט ער, אַז די שטאָט איז רייך אין פרויען-עלעמענט:

— קיין עין-הרע, האָסט דאָ מחילה-פּלייש!

נאָר-וואָס האָט פּאַראַדיז געמוזט גובר זיין אַ געוויסע שע-מעוודיקייט, איידער ער האָט זיך דערנענטערט צו אַ הויפן פאַר-שווענדעריש פונאַנדערגעלייגטע קיכלעך, זיך צוגעריירט צו זיי און בעגעסן. אַלע מאָל מוזן מיר בלייבן שטיין אין מיטן טראָטואַר, כדי צו וואַרטן אויף בלערן. די שוי-פענסטער ציִען אים און פאַרהאַלטן אים מיט זייער אויסשטעלונג פון סוויטערס, פאַנטאַזיע-קעפּיס, צאַרט-בלויע צוועלף-קראַוואַטן, רויטע געשנורוועטע שיך, וואָס גלאַנצן, ווי מאַהאָגען-האָלץ. בלער האָט דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון זיין פאַרוואַנדלונג. ער, וועלכער האָט געשלאָגן דעם רעקאָרד פון אָפּגעלאָזטקייט און שוואַרצקייט, איז זיכער אַציִנד דער אויסגע-פּוצסטער צווישן אונדזערע; דערהויפּט, מ'האָט אים אַרייגעזעצט אַ ניי געביס, נאָכדעם, ווי דאָס אַלטע איז אין דער אַטאַקע צעבראָכן געוואָרן. ער גוט זיך צו אַ פרייע האַלטונג.

— ער זעט אויס יונג און יונגל[illegible] — זאָגט מאַרטעראָ.

פּלוצלינג געפינען מיר זיך פּנים-אל-פּנים מיט אַן אומצייני קער בריאה, וואָס שמייכלט צו אונדז מיט אַ ברייט אויפגעריסן מויל... אַ פּאָר שוואַרצע האָר צעשויבערן זיך אַרום איר הוט. איר פּנים מיט מגושמדיקע, אומדאַנקבאַרע שטריכן, אויסגעשטופּלט מיט פּאָקן-גריבלעך איז ענלעך צו יענע שלעכט-געמאָלטע פּנימער אויף גראָ-בער לייוונט אין אַ יאַריד-בודע.

— זי איז שיין — זאָגט וואָלפּאַט.

מאַרטעראַ, צו וועלכן זי האָט געשמייכלט, איז געריזט זיין בלייבט אָן לשון.

און אַזוי פּלוידערן צווישן זיך די זעלנער, וואָס געפינען זיך מיטאַמאָל אין שטאָט-צויבער. זיי געניסן וואָס אַמאָל מער און מער פון דער שיינער אומגעבונג, וואָס איז נעט און אומגעווייינטלעך ריין. זיי לעבן זיך צוריק איין אין רויקן, פרידלעכן לעבן, קלערן וועגן קאָמפאָרט און אַפילו וועגן גליק, אויף וואָס די הייזער זיינען אייגנט-לעך אויסבויט געוואָרן.

— נאָך אַלעמען, הערסטו, וואָלט מען זיך גיך דערצו צו-געווינט!

דערווייל פאַרזאַמלט זיך אַן עולם אַרום אַ שויפענסטער, וווּ אַ קאָנפעקציע-הענדלער האָט, מיט דער הילף פון וואַקסענע ליאַל-קעס, צוזאַמענגעשטעלט אַ לעכערלעכע גרופּע:

אויף אַ באָדן, וואָס איז אויסגעזייעט מיט קליינע שטיינדלעך, ווי אַן אַקוואַריום, קניט אַ דייטש אין אַ פונק-נייעם אַנצוג, און אפילו מיט אַ צוגעשפּיליעוועטן אייזערנעם קרייץ פון טאָוול, שטרעקט אויס זיינע צוויי הענט פון רויזלעכן האָלץ צו אַ פראַנצויזישן אָפיציר, וואָס זיין פריזירטער פּאַרוק דינט אַלס קישן פאַר אַ קינדער-קאָפּ-טערל; זיינע פלייש-פאַרביקע באַקן זיינען אָנגעבלאָזן און זיין אומ-צעברעכלעך ליאַלקע-אויג קוקט ערגעץ אַנדערש. לעבן די צוויי פּאַרשוין ליגט אַ ביקס, וואָס שטאַמט פון דער געווער-אָפּטיילונג פון עפּעס אַ שפּילצייג-קראָם. אַן אויפשריפט ווייזט דעם טיטל פון דער דאָזיקער לעבעדיקער קאָמפּאָזיציע: „קאַמעראַד!“

— האַ! אַ שוואַרצער חלום צו זיין קאָפּ!...

קוקנדיק אויפן דאָזיקן קינדערישן ווערק, די איינציקע זאַך, וואָס דערמאַנט דאָ אָן דער אומגעהייערער מלחמה, וואָס בושעוועט

ערגעץ אונטערן הימל, ציקן מיר מיט די אַקסלען, און מיר הייבן אָן צו לאַכן מיט גאַל, באַליידיקט און טיף דערנידעריקט אין אונדזערע צו-פעליקע דערינערונגען. טירעט פאַרטראַכט זיך און גרייט זיך שוין אַרויסצולאָזן עפּעס אַן אַנגרייפנדיקן סאַרקאַזם; דער דאָזיקער פּראָ-טעסט פאַרזוימט אָבער און פיקט זיך נישט אויס אין זיין מוח, צו-ליב דעם פאַלשטענדיק איבערגעענדערטן אָרט, צוליב דעם, וואָס מע איז פאַרוואַנדערט, צוליב דער נייער סביבה.

דאַמאָלס באַמערקט אונדזער גרופּע אַ זייער עלעגאַנטע דאַ-מע, וואָס שאָרכט און גלאַנצט אין איר וויאָלעטן און שוואַרצן זיידנס; איינגעהילט אין אַ פּערפומען-ריח, דערנענטערט זי זיך צו אונדז, רירט אָן וואָלפּאַטס אַרבל, דערנאָך בלערס פּלייצע. די ביי-דע בלייבן מאָמענטאַל אומבאַוועגלעך, פאַרשטיינערט דורך דער די-רעקטער באַרירונג פון דער דאָזיקער פעע.

— זאָגט מיר, מיינע הערן, איר, וואָס זענט דאָך אמתע פראָנט-זעלנער, איר האָט דאָך דאָס געזען אין די אָקאָפּעס, נישט אמת?

— ע... יאָ... — ענטפערן מוראדיק, נישט דרייסט, די צוויי אָרימע פאַרשוויגען און פילן זיך געשמייכלט ביז טיף אין האַרץ.

— אהאַ!... זעסט! און זיי קומען ערשט פון דאָרט, זיי! — מורמלט מען צווישן עולם.

ווען מיר געפינען זיך ווידער צווישן זיך אַליין, אויף די אויסגעצייכנטע שטיין-פּליטן פון טראָטואַר, וואַרפן זיך וואָל-פּאַט מיט בלערן דורך מיט די בליקן און שאָקלען מיט די קעפּ.

— איבעריקנס — זאָגט וואָלפּאַט — איז עס דאָך אַזוי אומ-געפער, וואָס נישט?

— נו, יאָ, אוודאי אַזוי!

און אין דעם טאָג זיינען דאָס געווען זייערע ערשטע ווער־
שער פון לייקענען.

*      *
*

מיר גייען אַריין אין קאַפע דע ל׳ענדיסטרי עט דע פלער.

אַ ספּאַרטאַ־טעפּיך באַדעקט די מיט פון דער פּאָדלאָגע. לענגויס די ווענט, לענגויס די פּירקאַנטיקע זיילן, וואָס שפּאַרן אונטער דעם סופיט און אויף דער פּאָדערזייט פון בופעט, זען זיך וויאָלעטע וויניעטן, גרויסע שטענגעלעך־פאַרביקע מאָן־בלומען און רויזן, ווי רויט קרויט.

— וועסט מודה זיין, מ׳לעבט זיך נישט שלעכט אין פראַנק־רייך — זאָגט טירעט.

— מ׳האָט געמוזט האָבן אַ נישטקשהדיק ביסל געדולד דאָס אַלץ צו מאַכן — באַמערקט בלער, באַטראַכטנדיק די בונטע פאַר־צירונגען.

— אין די דאָזיקע לאָקאַלן — גיט־צו וואַלפּאַט — האָסטו נאָך עפּעס אַנדערש, חוץ פאַרגעניגן פון טרינקען!

פאַראַדיז דערציילט אונדז, אַז ער איז אַ תּושב אין קאַפעען. אַמאָל האָט ער אָפט, יעדן זונטיק, באַזוכט אַזעלכע שיינע קאַפעען און אַפילו נאָך שענערע. נאָר ס׳איז שוין גאַנץ לאַנג — דערקלערט ער אונדז — און ער האָט פאַרלוירן דעם טעם, וואָס זיי האָבן. ער ווייזט אונדז אויף אַ קליינעם עמאַלירטן האַנט־פאַס, וואָס איז באַ־צירט מיט בלומען אין הענגט אויף דער וואַנט.

— קענסט דיר דאָ די הענט אָפּוואַשן.

מיט דרך־ארץ גייען מיר צו צום האַנט־פאַס. וואַלפּאַט ווינקט צו פאַראַדיזן ער זאָל עפענען דעם קראַן

— לאָז ריבען דעם גאַוער.

דערנאָך גייען מיר זאַלבעפיפט אַריין אין זאַל, וואָס איז שוין אַרום באַזעצט מיט געסט, און מיר פאַרנעמען ערטער.

— פינף קאָסי־ווערמוט!

— נאָך אַלעמען וועט מען זיך שנעל צוריק צוגעוויינען — חזרט מען איבער.

ציווילע לייט רוקן זיך איבער און זעצן זיך נישט ווייט פון אונדז. זיי רעדן מיט אַ האַלבן קול:

— אַלע האָבן זיי קריגס־קרייצן; אַדאָלף, זעסט...

— דאָס זיינען עכטע זעלנער!

מיינע חברים האָבן דאָס געהערט. זיי רעדן צווישן זיך, אָבער זיי זיינען צעטראָגן, די געדאַנקען ערגעץ אַנדערש, און זיי בלאָזן אומבאַוווסטזיניק פון זיך.

אַ ווײַלע נאָכדעם בויגן זיך אָן צו אונדז דער מאַן מיטן ווייב, וואָס האָבן נאַר־וואָס וועגן אונדז גערעדט; זיי האַלטן די עלנבויגן אויפן ווייסן מאַרמאָר און פרעגן אונדז אויס:

— אַ שווער לעבן אין די אָקאָפּעס, אמת?

— ע... יאָ... האַ! גאָט מיינער, ס׳אי נישט שטענדיק פריילעך...

— וואָסער קערפּערלעכע און מאָראַלישע ווידערשטאַנדס־קראַפט איר האָט! איר געוויינט זיך צו סוף־כל־סוף צו דעם אַרט לעבן, וואָס, נישט?

— ב׳אוודאי, פאַרשטייט זיך, מע געוויינט זיך, מע געוויינט זיך גאַנץ גוט צו...

— פונדעסטוועגן איז עס אַ שרעקלעך און פיינלעך לעבן — מורמלט די דאַמע; דערביי בלעטערט זי אַן אילוסטרירטן זשורנאַל, וואָס אַנטהאַלט אייניקע מוראדיקע אָנזיכטן פון חרוב־געוואָרענע ערטער. — די אַלע זאַכן וואָלט מען נישט געדאַרפט צו פאַר־

עפנטלעכן, אַדאָלף!... שמוץ, לייז, שווערע אַרבעטן... ווי העלדיש איר זענט, מוזט איר דאָך געוויס זיין אומגליקלעך?...

וואָלפאַט, צו וועלכן זי ווענדט זיך, פאַררויטלט זיך. ער שעמט זיך מיטן עלנט, פונוואַנען ער קומט און וווהין ער וועט צוריקגיין. ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און לייקנט, אפשר זיך גאַר נישט אָפּגעבנדיק קיין דין־וחשבון פון זיין גאַנצן ליגן:

— אייגנטלעך, ניין, מ׳איז גאָרנישט אומגליקלעך... ס׳איז נאָך גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, ווי איר מיינט!

די דאַמע איז מיט אים מסכּים:

— כ׳ווייס גאַנץ גוט — זאָגט זי — אַז ס׳זיינען פאַרהאַן באַלוינונגען! ס׳מוז זיין גרויסאַרטיק, אַזאַ אַטאַקע, אמת! די אַלע מענטשן־מאַסן, וואָס מאַרשירן ווי אויף אַ פּאַראַד! און די טראָמפּייט, וואָס נעמט שאַלן איבערן פעלד: „ס׳וועט זיין מיט וואָס צו באַגעגענען דעם גומען!" און אונדזערע זעלנערלעך, וועלכע מע קען בשום אופן נישט איינהאַלטן, און זיי שרייען „וויוו לאַ פראַנס!" אָדער וועלכע שטאַרבן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן!... אַך! מיר דאָ האָבן נישט אַזאַ כבוד ווי איר: מיין מאַן איז אַ באַאַמטער אין פּרעפעקטור און ער האָט גראָד אַצינד אורלויב צוליב רעוומאַטיזם.

געסט גייען אַהין־און אַהער, שטויסן זיך אָן, מאַכן פּלאַץ איינער פאַרן אַנדערן. די קעלנער דרייען זיך מיט זייערע צעבערעכלעכע גרינע, רויטע און העל־געלע, ווייס־באַזיימטע משאות. דאָס סקריפּען פון די טריט אויף דער זאַמדיקער פּאָדלאָגע מישט זיך אויס מיט די אויסרופן פון די תּושבים, וואָס באַגעגענען זיך, טייל שטייענדיק, טייל אָנגעלענט מיט די עלנבויגן אויף די מאַרמאָרנע טישלעך, פון וועלכע ס׳טראָגט זיך אַ געקלימפּער פון גלאָזוואַרג און דאָמינע־שטיינער... אין הינטערגרונט הערט זיך אַ געקלעפּער פון עלפנביין־באַלן, וואָס עס ציט צו אַ קרייז פון צושויער, און ס׳הערן זיך פון דאָרט קלאַסישע וויצן.

— איטלעכער זיין פאַך, מיין ליבער פריינט — זאָגט טירעטן אין פנים אַריין, פון אַנדערן עק טיש, איינער מיט אַ שטאַרק געפאַרבט פּנים. — איר זענט העלדן. מיר ווידער, מיר אַרבעטן פאַרן עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. ס׳איז אַ קאַמף, פונקט אַזוי ווי אייערער. איך בין נוצלעך, כ׳וועל נישט זאָגן, אַז מער פון אייך, אָבער אויך נישט קנאַפּער.

איך זע, ווי טירעט — דער ווינצלינג פון דער אַפּטיילונג! — גלאָצט אויס אַ פּאָר קיילעכדיקע אויגן אין רויך-וואָלקן פון ציגאַרן, און כ׳הער קוים אין געליאַרם, ווי ער ענטפערט מיט אַ פּשוטער, ניט־דערגעשלאָגענער שטימע:

— יאָ, ס׳איז אמת... איטלעכער זיין פאַך.

און בגנבה האָבן מיר זיך אַרויסגערוקט.

* *

*

ווען מיר פאַרלאָזן דאָס קאַפּע דע פלער, רעדן מיר לגמרי נישט צווישן זיך. ס׳דאַכט זיך אונדז, אַז מיר קענען מער נישט רעדן. עפּעס אַ מין אומצופרידנקייט רונצלט און מאַכט מיאוס מיינע חברים. זיי זענען אויס, ווי זיי וואָלטן זיך אַצינד געכאַפּט, אַז זיי האָבן עפּעס אין אַן אויסערסט וויכטיקער אַנגעלעגנהייט נישט דערפילט זייער פליכט.

— האָבן זיי אונדז אָנגעטשאַקעט אַ קאָפּ, די חמורים! — וואָרטשעט ענדלעך אַרויס טירעט מיט אַ שנאה, וואָס ווערט אַלץ בולטער און שטאַרקער, וואָס לענגער מיר בלייבן צווישן זיך אַליין.

— מ׳וואָלט זיך היינט געדאַרפט אָנשיכּורן!... — ענטפערט פּאַראַדיז ברוטאַל.

מיר גייען, נישט רעדנדיק קיין וואָרט. אין אַ חילו אַרום מאַכט טירעט:

— אַ חברה פערד זיינען עס, פּאַסקודנע פערד. ז'האָבן געזאָלט אונדז אָנשפּייען אין דער צורה אַריין, אָבער בײַ מיר גייט עס נישט! זאָלן זיי מיר נאָכאַמאָל קומען פאַר די אויגן — צעלאָזט ער זיך אַלץ מיט אַ גרעסערן צאָרן — וועל איך שוין איינמאָל מיט זיי לערנען בלק!

— ווערסט זיי שוין מער קיינמאָל נישט אָנקוקן — מאַכט בלער.

— איבעראַכטטאָג וועט מען שוין אפשר זיין געפּגרט — זאָגט וואָלפאַט.

באַם ראַנד פון פּלאַץ שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ גרויסן עולם, וואָס שיט זיך אַרויס פון מאַגיסטראַט און פון אַן אַנדערער עפנטלעכער געביידע מיט אַ ציילן-פּאַסאַד, ווי אַ טעמפּל. דאָס גייט מען אַרויס פון ביוראָס: ציווילע לייט פון אַלע מינים און מיליטער-לייט אַלטע און יונגע, וואָס זיינען פון ווייטן אָנגעטון, כמעט אזוי ווי מיר... פון דער נאָענט אָבער, לייענט מען זיי פון פּנים אַראָפּ, אַז דאָס זיינען אויסבאַהאַלטענע און מלחמה-דעזערטירער אונטער די מיליטערישע אוניפאָרמען און אָפּצייכנונגען.

פרויען און קינדער וואַרטן אויף זיי אין שיינע, גליקלעכע גרופּקעלעך. מיט אַ נחת-רוח שליסן די סוחרים זייערע קראָמען, זעלבסטצופרידענע מיטן פאַרענדיקטן און שמייכלען שוין צום קומענדיקן, באַגייסטערט פון ליידנשאַפטלעכן און אומויפהערלעכן שוידער פון די צוגעוואַקסענע רווחים, מלא שמחה פון אַלץ שטאַרקערן גאָלד-געקלימפּער אין דער קאַסע. און געבליבן זיינען זיי מיט לייב און לעבן אין זייער וואַרעמער היים; זיי דאַרפן זיך בלויז איינבייגן, כדי צו קושן זייערע קינדער. ווען ס'הייבן אָן פינקלען די ערשטע גאַס-שטערן, זעט מען גלאַנצן די דאָזיקע רייכע מענטשן, וואָס ווערן נאָך רייכער, די אַלע רויִקע מענטשן, וואָס ווערן פון טאָג צו טאָג נאָך רויִקער, און מע פילט זיי, טראָץ אַלעמען, דורכגעדרינגען

ביז א נישט ארויסגעזאָגט געבעט. און דאָס אַלץ, אַ דאַנק דעם אָוונט, גייט זיך גאַנץ געלאַסן אַהיים, באַזעצט זיך אין די הייזער, וווּ ס'איז דאָ פון כל-טוב און אין די קאַפּעען, וווּ מע לאָזט זיך באַדינען. ס'פאַרמירן זיך פּאָרלעך פון יונגע פרויען און יונגע מענער, ציווילע אָדער מיליטערישע, וואָס טראָגן אַרומגעזיימט אויפן קאָלנער עפּעס אַ שמירה-צייכן, און דאָס אַלץ איילט זיך, ווען די רעשט וועלט טונקט זיך אין נאַכטיקן בין-השמשות, צום מאָרגנשטערן פון דער אייגענער שטוב, צו אַ נאַכט פון רו און צערטלעכקייט.

פאַרבייגייענדיק פאַר די אויפגעלענטע פענסטער פון אַ פּאַרטער-וווינונג האָבן מיר געזען, ווי דער זאַנפטער אָוונט-ווינט פאַרוגדיקט אַ שפּיצן-פאָרהאַנג, און גיט איר צו אַ לייכטע און צאַרטע פאָרם פון אַ העמד...

דאָס פאַרדרינגען פון דער מאַסע פאַרשטויסט אונדז אין אַ זייט, ווי מיר וואָלטן געווען עפּעס אָרעמע גרים.

מיר בלאָנדזשען אַרום אויף דער בּרוק פון דער גאַס אין טונקעלן בין-השמשות, וואָס הייבט זיך אָן פאַרגילדן מיט אילומינאַציעס, אין די שטעט פאַרצירט זיך די נאַכט מיט איידל-שטיינער. דער אָנבליק פון דער דאָזיקער וועלט האָט אונדז ענדלעך אַנטפּלעקט — מיר האָבן זיך נישט געקענט דערפון אָפּוווערן — די גרויסע ווירקלעכקייט: דער בולטער אונטערשייד צווישן די מענטשן, אָן אונטערשייד, וואָס איז גוואַלטיק טיף, אַ צעשיידונג דורך תהומען, וועלכע עס איז שווערער דורכצוגיין ווי די, וואָס צעשיידן די ראַסן: די בולטע שאַרפע שפּאַלטונג, די אומברחמנותדיקע, די אוממפשרותדיקע צעטיילונג אין פאָלק פון איין לאַנד, אויף אַזעלכע, וואָס געניסן און אויף אַזעלכע, וואָס פּלאָגן זיך... אויף אַזעלכע, וואָס מע פאַרלאַנגט פון זיי אַלץ מקריב צו זיין, אַלץ, אָפּצוגעבן זיך ביזן לעצטן פון זייער צאָל, זייערע כּוחות, זייערע ליידן און, פּיין און איבער וועלכע עס

שפרייזן און גייען ווייטער און שמייכלען און האָבן דערפאָלג — די אַנדערע.

אייניקע טרויער-קליידער בילדן שוואַרצע פלעקן אין דער מענגע און זיינען אויף אונדזער זייט; אָבער די איבעריקע, זיינען יום-טובדיק, נישט אין טרויער.

— ניין, נישט אמת, נישטאָ קיין איינאיינציק לאַנד — זאָגט פלוצלינק וואָלפּאַט מיט אַ זעלטענער קלאָרקייט. — צוויי זיינען דאָ. איך זאָג, אַז מ'איז צעטיילט אויף צוויי באַזונדערע, פרעמדע לענדער. דער פאָרנט, דאָרט ווייט אַוועק, ווו ס'זיינען דאָ צופיל אומגליקלעכע און דער הינטן, דאָ אויפן אָרט, ווו ס'זיינען דאָ צופיל גליקלעכע.

— יאָ, וואָס קענסטו דיר העלפן! די נוצן אויך צו עפּעס... מע דאַרף דאָס אויך... ס'איז דער קערן... איבעריקנס...

— יאָ, כ'ווייס דאָס, אָבער פונדעסטוועגן, פונדעסטוועגן, ס'איז דאָ צופיל, און חוץ דעם, זיינען זיי שוין צו גליקלעך, און חוץ דעם, זיינען עס תמיד די אייגענע, און חוץ דעם, ס'האָט דאָך נישט קיין זין...

— וואָס קענסטו דיר העלפן! — זאָגט טירעט.

— איז נאָך ערגער! — גיט צו בלער, נאָך איינפאַכיקער.

— איבעראַכטאָג וועט מען שוין אפשר זיין געפּגרט! — באַגנוגנט זיך איבערצוחזרן וואָלפּאַט, בשעת מיר גייען ווייטער מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

XXIII.

## דינסט-אַרבעט

דער אָוונט פאַלט צו איבער דער אָקאָפּע. נישט אַנזעעוודיק, ווי עפּעס אַ פּאַטאַלע זאַך, האָט ער זיך דערנענטערט אין משך פון דעם גאַנצן טאָג, און אַצינד פאַרכאַפּט ער די ווענט פון די לאַנגע גרובנס, ווי די ליפּן פון אַן אומענדלעכער ווונד.

אין דער טיפעניש פון ערד-שפּאַלט, האָבן מיר פון אינדערפרי אָן געשמועסט צווישן זיך, מ׳האָט געגעסן, געשלאָפן, געשריבן. מיטן אָנקומען פון אָוונט איז אַדורך אַ מהומה דורכן אומענדלעכן לאָך, זי האָט אויפגעטרייסלט און צוזאַמענגעבראַנגט די אומבאַוועגלעכע אומאָרדנונג און די איינזאַמקייט פון די צעוואָרפענע מענטשן. ס׳איז די שעה, ווען מ׳איז זיך מכין צו דער אַרבעט.

וואָלפּאַט און טירעט קומען צו צוזאַמען.

— נאָך אַ טאָג געפּטרט, אַ טאָג, ווי אַלע אַנדערע — זאָגט וואָלפּאַט, קוקנדיק אויף די וואָלקנס, וואָס ווערן אַלץ טונקעלער.

— קענסט גאָרנישט וויסן, אונדזער טאָג איז נאָך נישט געענדיקט — ענטפערט טירעט.

אַ לאַנגע אומגליקלעכע דערפאַרונג האָט אים אויסגעלערנט, אַז מע קען נישט פאָרויס אורטיילן, דאָ ווו מיר לעבן, אפילו ווען דער באַשיידענער צוקונפט פון אַ באַגאַלן און שיין איינגעפעדעמטן אָוונט...

— אכ׳ וגק, צונויפזאמלונג!

מיר קומען זיך צונויף מיט דער געוויינטלעכער, צעטראָגענער פאַמעלעכדיקייט. איטלעכער שלעפּט זיך מיט זיין ביקס. זיינע פּאַט-ראָן-טאַשן, זיין פעלד-פלעשל און זיין ברויט-זאַק מיט אַ שטיקל ברויט אינעווייניק. וואָלפּאַט האַלט נאָך אין עסן און האָט שפּיציקע און ציטערדיקע באַקן. פּאַראַדיז, מיט אַ וויאָלעט-בלויער נאָז, וואָרטשעט עפּעס און קלאַפּט מיט די ציין. פּוּיאַד שלעפּט נאָך זיך זיין ביקס ווי אַ בעזעם. מאַרטעראָ באַטראַכט זיין טרויעריק, צעקנייטשט, פאַר-שטייפט טיכל און לייגט עס צוריק אין קעשענע אַריין.

ס׳איז קאַלט, ס׳קאַפּיעט אַ דראָבנע רעגנדל. אַלע ציטערן פון קעלט.

פון ווייטן הערט זיך, ווי אַ מענה-לשון:

— צוויי רידלעס, איין העקל, צוויי רידלעס, איין העקל...

אַ שורה ציט זיך צום לאַגער פון ווערקצייג, בלייבט שטיין באַם אַריינגאַנג און גייט צוריק באַלאָדנט מיט כלים.

— אַלע האָבן שוין! וויאָ! — זאָגט דער קאַפּראַל.

מיר לאָזן זיך באַרג-אַראָפּ, מיר קייקלען זיך. מיר גייען פּאָרויס, מע ווייסט נישט ווו-אַהין. מע ווייסט בכלל גאָרנישט, סיידן, אַז הימל און ערד וועלן זיך צונויפגיסן אין איין און דעמזעלבן אָפּגרונט.

* *
*

מיר גייען אַרויס פון דער אָקאָפּע; זי איז שוואַרץ, ווי אַן סגעלאָשענער ווולקאַן; מיר געפינען זיך אויף דער פלאַך אין נאַקעטן בין-השמשות.

גרויסע גרויע כמאַרעס, דורכגעזאַפּטע מיט וואַסער, הענגען פון הימל אַראָפּ. די פלאַך איז גרוי, בלאַס באַלויכטן, באַדעקט מיט

זומפּיקן גראָז און וואַסערדיקע בלאָטעס. ערטערווייז באַווייזן זיך באַקעטע ביימער, וואָס שטרעקן אויס מאָדנע, פאַרקרומטע אברים.

מע זעט נישט ווייט אַרום זיך אין פייכטן רויך. איבעריקנס, קוקן מיר בלויז אויף דר׳ערד, אויפן שליאַם, איבער וועלכן מיר גליטשן זיך.

— הייסט אַ וועצע!

מיר קנעטן און צעטרעטן איבער פעלדער אַ קלעפּיק־צעיוי־רענעם טייג, וואָס צעגייט זיך אונטער די טריט און רינט באַלד צוריק.

— סמעטענע מיט שאָקאָלאַד... סמעטענע מיט קאַווע!

אויף די שטייניקע ערטער — אָפּגעמעקטע עקס־שאָסייען, וואָס זיינען געווען אַזוי אומפּרוכטבאַר, ווי די פעלדער — צערייבט די מאַרשירנדע אָפּטיילונג שאָסיי־שטיינדלעך, וואָס ליגן אונטער אַ ליימיקער שיכט. זיי צעפּיצלען זיך און סקריפּען אונטער די געמשוועקעוועטע זוילן.

— פונקט ווי דו וואָלסט געגאַנגען אויף מצה מיט פּוטער!

טיילמאָל, אויפן אָפּהאַנג פון אַ בערגל, איז די בלאָטע שוואַרץ און געדיכט, מיט טיפע שפּאַלטן, ווי מע זעט אַמאָל זיך אָנהויפן אַרום ראַוועס אין די דערפער. און די פאַרטיפונגען: קאַלוזשעס, סאַזשעלקעס און טייכן, וואָס זייערע נישט רעגולירטע ברעגעס זען אויס, ווי צעפּליקטע שמאַטעס.

די חכמהלעך פון אונדזערע וויצלער, וועלכע האָבן, פריש און אויסגערוט באַם אָפּמאַרש, געשריגן ווי ענטלעך „קכען, קכען" בשעת זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ וואַסער, ווערן אַלץ זעלטענער און פּינסטערער. ביסלעכווייז ווערן זיי אָן ס׳לשון. דער רעגן הייבט אָן שטאַרק צו גיסן. מע הערט אים. די ליכטיקייט ווערט אַלץ קאַרגער. דער פאַרנעפּלטער חלל ווערט איינגעשרומפּן. אויף דר׳ערד,

אין וואַסער, ריטשט זיך נאָך אַ רעשטל פון אַ געלער, צעשווומענער ליכטיקייט.

* *
*

אויף מערב-זייט שניידט זיך אויס אַ פאַרנעפּלטע גרופּע פון באַרעגנטע גלחים. ס'איז אַ קאָמפּאַניע פון 204-טן פּאָלק, איינגעהילט אין פּאַלאַטקע-לייוונטער. פאַרבייגייענדיק, זען מיר אָפּגעצערטע פאַרבלאָזע פּנימער, די שוואַרצע בעז פון די דאָזיקע גרויסע, נאַסע וועלף. דערנאָך זען מיר זיי שוין נישט מער.

מיר גייען מיטן שטעגל, וואָס ציט זיך איבערן פעלד, באַוואַקסן מיט קאַרגן גראָז. דאָס ליימיקע פעלד איז דורכגעשטרייפט מיט אומצייליקע, פּאַראַלעלע שינעס: זיי לויפן אַלע אין דער זעלבער ריכטונג, אַלץ פון פיס און רעדער, סיי פאָרויס, סיי צוריקוועגס.

מיר שפּרינגען אַריבער איבער ברייט-אויפגעריסענע דורכגאַנגס-גרובנס. נישט שטענדיק קומט דאָס אָן לייכט: די ראַנדן ווערן וואָס אַמאָל קלעפּיקער, גליטשיקער און באַשאָטן מיט ליימיקע ערד-הויפנס. דערצו נאָך נעמט די מידקייט לאַסטן איבער אונדזערע פּלייצעס. וועגלעך קומען אונדז אַנטקעגן מיט אַ שטאַרק געטראַסקעריי און באַשפּריצן אונדז מיט בלאָטע. די פאָדער-צוגן פון דער אַרטילעריע קומען אָן מיט אַ געפּלעטשער און באַשפּרענגען אונדז מיט שווערע וואַסערדיקע סנאָפּעס. אַרום די רעדער פון די לאַסט-אויטאָמאָבילן דרייען זיך אַ מין פליסיקע רעדער, וואָס צעשפּריצן זיך אין געליאַרעם פון די קייקלדיקע וועגענער.

וואָס טונקעלער ס'ווערט די נאַכט, אַלץ פאַנטאַסטישער געשטאַלטן זיך אונטער די נעפּלדיקע הימל-כוואַליעס די וואַקלענדיקע געשפּאַנען, פון וואַנען ס'שניידן זיך אויס פערדישע קערגער, סילועטן פון רייטער, איינגעהילטע אין פּלאַטערדיקע מאַנטלען, מיט זייערע

פּיקן קוער־איבערגעהאָנגענע איבער דער ברוסט. אין אַ געווייסן מאָמענט שטויסן זיך צונויף אַ פּאָר אַמוניציע־וועגעלעך. זיי שטעלן זיך אָפּ, טאָפּטשען אין דער בלאָטע און מיר גייען דערווייל פאַרביי. פון נעפּל אַרויס הערן זיך קולות, אַ סקריפּעריי פון אַקסן, קריגערייען באַפעלן, וואָס קרייצן זיך צווישן זיך און דאָס גרויסע גערויש פון רעגן־אָקעאַן. איבערן פינסטערן מישמאַש טראָגט זיך אַ פּאַרע פון די פערדישע רוקנס און פון די מאַנטלען פון די רייטער.

— אַכטונג!

רעכטס, אויף דר׳ערד, ליגט עפּעס אויסגעצויגן, ס׳איז אַ שורה מתים. אינסטינקטיוו מיידט זיי אויס דער פוס פאַרבאַגייענדיק, און דאָס אויג פאָרשט זיי אויס. מע דערזעט אויפגעשטעלטע פּאָדעשוועס, אויסגעשטרעקטע קעלן, מטושטשדיקע פּנימער, האַלב געבאַלטע פויסטן, וואָס שטאַרן אַרויס איבערן שוואַרצן ווירוואַר.

און מיר גייען אַלץ און גייען איבער די דאָזיקע נאָך בלייכע פעלדער, וואָס זיינען שוין אָפּגענוצט פון טריט; אונטערן הימל, איבער וועלכן וואָלקנס שפּרייטן זיך אויס ווי צעפליקטע פלאַכטעס; איבער דער שוואַרצלעכער ברייט, וועלכע זעט אויס פאַרברודיקט נאָך אַזוי פיל טעג פון דער לאַנגער באַרירונג פון אַזוי פיל אָרעמע מענטשן־מחנות.

דערנאָך לאָזן מיר זיך ווידער אַראָפּ אין די דורכגאַנגס־גרובנס.

זיי ליגן טיפער ווי דאָס פעלד, כדי צוצוקומען צו זיי, מוזן מיר מאַכן אַ ווייטן אומוועג, אַזוי, אַז דער אַריערגאַרד זעט די גאַנצע קאָמפּאַניע אויף אַן ערך הונדערט מעטער, ווי זי וויקלט זיך פונאַנדער אין בין־השמשות אַריין. קליינע, טונקעלע מענטשעלעך, וואָס קלאַמערן זיך אָן די אָפּהאַנגען, גייען צעשטויבט איינער נאָכן אַנדערן, מיטן וועקצייג און ביקס אויפגעשטעלט פון ביידע זייטן

קאָפּ — אַ דינע אומבאַדייטנדיקע ליניע פון רחמים־בעטנדיקע, וואָס לאָזן זיך אין דער טיפעניש מיט אויפגעהויבענע אָרעמס.

די דאָזיקע גרובנס, וועלכע געפינען זיך נאָך אין דער צווייטער ליניע, זיינען באַפּעלקערט. אויף דער שוועל פון די דאָרטיקע זיכער־הייזלן, ווו ס'הענגט און פלאַטערט אַ פעל פון אַ בהמה אָדער אַ גרויע לייוונט, זיצן איינגעקאָרטשעטע ווילדע מענטשן, קוקן ווי מיר גייען פאַרביי, קוקן מיט אויסדריקסלאָזע אויגן, גלייך זיי וואָלטן גאָרנישט געזען. פון אונטער אַנדערע פּאַלאַטקע־לייוונטער, וואָס הענגען ביז אויף דר'ערד אַראָפּ, שטאַרן אַרויס פיס און ס'הערט זיך אַ שנאָרכן.

— דער טייוול זאָל עס נעמען! הייסט אַ לענג! — הייבט אָן צו וואָרטשען איינער פון די מאַרשירנדיקע.

אַ געשטויס, אַ פאַל צוריק.

— האַלט!

מיר מוזן זיך אָפּשטעלן, כדי צו לאָזן פאַרבייגיין אַנדערע. מיט אַ זידלעריי שטופּן מיר זיך און דריקן זיך אויף די משופּעדיקע ווענט פון דער אָקאָפּע. ס'איז אַ מיטראַליעזן־קאָמפּאַניע מיט אירע מאָדנע משאות.

עס נעמט גאָרנישט קיין סוף. די דאָזיקע לאַנגע פויזעס פאַרמאַטערן אונדז. די מוסקולן הייבן אָן ברעכן. דער לאַנגער גאַנג דערשעפּט אונדז.

קוים האָבן מיר אויפסניי אָנגעהויבן מאַרשירן, מוזן מיר באַלד ווידער צוריקגיין אַזש ביז אַ זייטנגרובן, כדי צו לאָזן פאַרבייגיין אַ טעלעפאָניסטן־אָפּטיילונג. מיר ציען זיך צוריק, ווי אומבאַהאָלפענע פי.

און ווידער לאָזן מיר זיך אין וועג מיט שווערפעלטיקע טריט.

— פאַרזיכטיק, דראָט!

דער טעלעפאָן־דראָט וויקלט זיך איבער דער אָקאָפּע און

ערטערווייז ליגט ער קווער איבער איר צווישן צוויי דרעגגלעך ווען ער איז נישט גענוג אָנגעצויגן און לאָזט זיך טיילווייז אַראָפּ איבערן הלל פון דער אָקאָפּע, פאַרטשעפּעט ער זיך אָן די ביקסן פון די פאַרבייגייער, און די געפאַנגענע מענטשן ווערן זיך און לאָזן אויס זייער ביטער האַרץ צו די טעלעפאָניסטן, וואָס קיינמאָל קענען זיי נישט ווי געהעריק אָנבינדן זייערע שנירלעך.

אַזוי אָבער ווי די בויגעוודיקע נעץ פון די קאָסטבאַרע דראָטן ווערט אַלץ געדיכטער, העגנט מען אויף די ביקסן איבער די אַקסלען מיט די קאָלבעס אַרויף, די רידעלעקלעך טראָגט מען מיט די קעפּ אַראָפּ, און מע גייט איבער מיט איינגעבויגענע פּלייצעס.

* *
*

און מיטאַמאָל ווערט אונדזער גאַנג שלאָבערדיק. מיר רוקן זיך טריט באַ טריט, אָפּטרעטנדיק איינער דעם אַנדערנס פּיס. אַ פּנים דער שפּיץ פון דער קאָלאָנע איז אַריין אין אַ שווערן דורכגאַנג.

מיר קומען צו צום אָרט: דער באָדן גייט באַרג־אַראָפּ און פירט צו אַן אָפּענעם שפּאַלט. עס איז דער געדעקטער דורכגאַנגס־גרובן. די פּאָדערשטע זיינען שוין פאַרשווונדן געוואָרן הינטער דער דאָזיקער ניזעריקער טיר.

— מוזן מיר, הייסט עס, זיך אַריינפּעקלען אין דער דאָזיקער קישקע?

איטלעכער וואַקלט זיך אַ ווײַלע איידער ער ווערט פאַר־שלונגען דורך דער דיקער אונטערערדישער פינסטערניש. די סומע פון די דאָזיקע וואַקלעניש און פאַרשלעפּונגען טראָגט זיך איבער אויף די הינטערשטע אָפּשניטן פון דער קאָלאָנע און פאַראורזאַכט אַ הין־און אַהער שאָקלען, אַ פאַרלייגונג און טיילמאָל פּלוצלינגע פאַרשטאָפּונגען.

באַלד באַ די ערשטע טריט אין געדעקטן דורכגאַנגס־גרויבן, נעמט אונדז ארום אַ שווערער חושך און צעשיידט אונדז איינעם פון אַנדערן. אַ פאַרשימלטער קעלער־ און זומפּן־אויר דרינגט אונדז דורך. אויפן באַלקן פון דאָזיקן אונטערערדישן קאָרידאָר, וואָס פאַרשלינגט אונדז, זען מיר איינציקע בלייכע שפּאַרעס און לע־כער: צווישנרוימען און שפּאַלטן אין די אייבערשטע ברעטער. ערטערווייז רינען דורך געדיכטע וואַסער־שנירלעך און טראָץ אונ־דזער טאַפּנדיקער פאַרזיכט, שטויסן מיר זיך אָן אָן האַלץ־הויפנס; פון דער זייט קלאַפּן מיר זיך אָן אָן די ווערטיקאַלע שטאַנגס פון די שטיין־בעלקעס.

די לופט פון דעם דאָזיקן אומענדלעכן, געשלאָסענעם דורכ־גאַנג ציטערט טעמפּ: עס איז די פּראָזשעקטאָר־מאַשין, וואָס איז דאָ אויפגעשטעלט און וועלכע מיר וועלן באַלד פאַרבאַגיין.

נאָך אַ פערטל שעה טאַפּן אין דער פינסטער, אין וועלכער מיר זיינען דערטרינקען, דערעסט איינעם די טונקלקייט און דאָס וואַסער, ס׳ווערט אים מיאוס דאָס כסדרדיקע אַנשטויסן זיך אָן אומ־באַקאַנטע זאַכן, און ער נעמט ווערטשען:

— האָב איך אַן עסק, כ׳וועל אָנציגדן!

אַן עלעקטריש לעמפּל שפּריצט פונאַנדער איר בלענדנדיקן פונקט און באַלד צעלאָזט זיך אויף אַ קול דער סערזשאַנט:

— נישט־גוט זאָל אייך ווערן! ווער איז פון זינען אַראָפּ און צינדט אָן?! ביסט באַם קלאָרן שכל? ווייסט דען נישט, פראַנצע־וואַטער יאָלד, אַז מע זעט דורך די ברעטער!

און דאָס עלעקטרישע לעמפּל, נאָכדעם ווי ס׳האָט מיט זיין לייכטנדיקן סנאָפּ, ווי פון שלאָף אויפגעוועקט די פינסטערע טריפּנ־דיקע ווענט, פאַרזינקט ווידער אין דער נאַכט.

— ס׳טרעפט גאַנץ זעלטן, מ׳זאָל זען — לאַכט גאַליק דער

װעלנער — מ׳איז דאָך נישט אַ שטייגער, למשל, אין דער ערשטער ליניע!

— װאָס! מע זעט באמת נישט?!

און דער סערזשאַנט, װאָס איז אַריינגעקװעטשט אין דער ריי, זראָגט זיך מיט איר צוזאַמען פאָרויס און דרייט זיך אַלעמאָל אויס — װי מע קען זיך אָשטויסן — אין מיטן גאַנג, לאָזט זיך אַריין אין אויסטייטשונגען:

— אַזאַ װיזתא, אַזאַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ...

אָבער פלוצלינג שיסט ער װידער אויס:

— װער רייכערט שוין װידער! אַזאַ הירן־זון!

דאָס מאָל װיל ער זיך אָפּשטעלן, אָבער אומזיסט מויערט ער זיך איין מיט די פיס און קלאַמערט זיך און קריכט פון דער הויט; ער װערט מיטגעריסן און מוז נאָכגיין דעם שטראָם, און צוזאַמען מיט זיינע טויטע קללות, טראָגט עס אים װייטער, פאַרכאַפּט אים, און דער פּאַפּיראָס, די סיבה פון זיין כעס, פאַרשװינדט דערװייל אומבאַמערקט.

* *
*

דאָס אָפּגעהאַקטע קלאַפּן פון דער מאַשין װערט אַלץ בולטער, און אַ ממשותדיקע היץ נעמט אונדז אַרום. װאָס װייטער מיר גייען, אַלץ מער און מער װיברירט די געדיכטע לופט אין דורכגאַנגס־גריבן. גאָר גיך נעמט אונדז העמערן אין די אויערן דאָס רוישן פון מאַטאָר און טרייסלט אונדז אויף אינגאַנצן. די היץ װערט שטאַרקער; װי עפּעס אַ חיה װאָלט אונדז געהויכט גלייך אין פנים אַריין. דורך דער דאָזיקער קבר־הייל לאָזן מיר זיך אַראָפּ צו עפּעס אַ קאָכעדיקער, גהינומדיקער לאַבאָראַטאָריע. די זייטן־װענט װערן פאַרבלויטיקט מיט אַ טונקל־רויטן אָפּגלאַנץ און אונדזערע איינגעבויגענע אומבעלומפּערטע שאָטנס באַװעגן זיך איבער זיי.

דורך דעם טייחלאַנישן האַרמידער, וואָס ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער, דורך דעם הייסן ווינט און ליכט קייקלען מיר זיך צום קאַלעך-אויוון. מיר זיינען באַטויבט. מיר האָבן דעם איינדרוק, ווי דער מאָטאָר וואָלט זיך אונדז אַנטקייגן געוואָרפן דורך דער גאַלעריע, ווי אַ נישט-געצוימטער מאָטאָציקל, און דערנענטערט זיך מיט אַ קאָפּ-שווינדלערישער גיכקייט מיט זיין בלענדנדיק ליכט, און וועט אַלץ צעשמעטערן.

האַלב געבלענדט, געבריט, גייען מיר פאַרביי דעם רויטן פייער און שוואַרצן מאָטאָר, וואָס זיין טראַנסמיסיע-ראָד ברויזט ווי אַ שטורעם-ווינט. מיר האָבן קוים צייט צו באַמערקן די מענטשן, וואָס אַרבעטן דאָרט. מיר פאַרמאַכן די אויגן און בלייבן אָן אָטעם אין דער גאַנצקייט פון דאָזיקן גליענדיקן און רוישיקן הויך.

דערנאָך בושעוועט נאָך הינטער אונדז דאָס חמימהדיקע גערויש און ווערט ביסלעכווייז שוואַכער... און מיין שכן וואָרטשעט אין זיין באָרד אַריין.

— און יענער אידיאָט, זאָגט פּריער, אַז מען קען נאָך מיין לעמפּל זען.

אָט איז פרייע לופט! דער הימל איז פון אַ שטאַרק טונקעלן בלוי, פון אַ קאָליר, וואָס שיידט זיך קוים אָפּ פון דער ערד. עס רעגנט ווי מיט צעבערס. מיט מי גייען מיר איבערן ליימיקן טייג. דער גאַנצער שיך ווערט פאַרזונקען, און מע ווערט פאַרמאַטערט צום טויט איטלעכעס מאָל אַרויסצושלעפּן דעם פוס. מיר זען לגמרי גאָר-נישט אין דער שטאָק-פינסטערניש. דאָך באַם אַרויסגאַנג פון לאָך, זען מיר אַ מיש-מאַש פון בעלקעס, וואָס וואַלגערן זיך אין דער פאַר-ברייטערטער אָקאָפּע: ס'איז עפּעס אַ צעשמעטערטע זיכער-הייל.

אין דעם מאָמענט האָלט איבער אונדז אַ פּראָזשעקטאָר זיין גרויסן, צעפינגערטן און פאַרכישופטן אָרעם, וואָס שפּאַצירט אַרום אין דער אומענדלעכקייט — און מיר אַנטדעקן, אַז דער ווירוואַר

פון די אויסגעוואָרצלטע און דורכגעבראָכענע בעלקעס, פון די צע־שמעטערטע האָלץ־געשטעלן, איז פול מיט סטויטע זעלנער. דאָרט לעבן מיר ליגט אַ קאָפּ, שוואַך צוגעבונדן צו אַ קניענדיקן קערפּער און הענגט אים אַראָפּ פון רוקן: אויף דער באַק האָט ער אַ שוואַרצן אויסגעצופּטן פלעק מיט פאַרגליווערטע טראָפּנס. אַן אַנדערער קער־פּער נעמט אַרום מיט די אָרעמס אַ דרענגל און איז האַלב שטייענ־דיק. אַן אַנדערער ליגט ווי אַ קנויל, מיט אויפגעריסענע הויזן דורך אַ גראַנאַט, און מע זעט אַרויס זיין בלייכן בויך און די לענדן. נאָך אַן אַנדערער ליגט באַם ראַנד פון הויפן און לאָזט אַראָפּהענגען זיין האַנט איבערן דורכגאַנג. דאָס דאָזיקע אָרט קען מען דורכגיין בלויז באַנאַכט — ווייל די אָקאָפּע איז פאַרשאָטן דורכן אויפרייס און באַטאָג איז זי נישט צוגענגלעך — און איטלעכער טרעט אויף דער דאָזיקער האַנט. באַם שיין פון פּראָזשעקטאָר האָב איך זי גוט געזען, די דאָזיקע סקעלעטישע אָפּגענוצטע האַנט, וואָס זעט אויס, ווי עפּעס אַ פאַרדאַרטע פליספעדער.

ס׳גיסט אַ מבול. דאָס פּליעסקען פון די טראָפּנס פאַרטויבט אַלץ. אַ שרעקלעכער אומעט כאַפּט אַרום, אַ פאַרוויסטונג. מע פילט עס אויף דער הויט, ווי מע וואָלט נאַקעט געווען. מיר לאָזן זיך אַריין אין אָפּענעם דורכגאַנגס־גרובן; נאַכט און געוויטער פאַרמעסטן זיך מיט אַלע כּוחות און שמייסן דעם מיש־מאַש פון די געפאַלענע טויטע, וואָס קלאַמערן זיך אָן דאָזיקן שפּאַן ערד ווי אָן אַ טראַטווע.

דער ווינט פאַרפרירט אונדזערע פּנימער מיט שווייס־טראָפּנס. ס׳איז קרוב האַלבע נאַכט. שוין זעקס שעה, ווי מיר גייען אין דער אַלץ וואַקסנדיקער בלאָטע.

ס׳איז די שעה, ווען אין די פּאַריזער טעאַטערס, באַשטערנט מיט שימערירנדע העלגלייכטער און באַבלימט מיט לאָמפּן, אָנגע־פילט מיט פיבערדיקן לוקסוס, אויפגערעגטע ציטערנדיקע טואַלעטן, מיט יום־טובדיקער וואַרעמקייט, דעדט, לאַכט, שמייכלט אַ שטראַלנ־

דיקער, פאַרשיכּורטער עולם, אַפּלאָדירט, צעגייט זיך אין נחת, פּילט זיך צערטלעך געריַרט דורך די געשיקטע, שטופּנווייזע עמפּפינדונ-גען, וואָס עס האָט אים געגעבן דאָס שוישפּיל; ווו ס׳צעלייגט זיך מיט רחבות, באַפרידיקט מיט גלאַנץ און רייכקייט, דער מיליטערישער אַפּאָטעאָז, וואָס ווימלט אויף די סצענעס פון די מוזיק-האַלעס.

— וועט מען אַמאָל אָנקומען? אַ כאַפּ זאָל עס קריגן, ווי לאַנג וועט מען נאָך אַזוי גיין!

אַ טיפער זיפץ גייט אַרויס פון דער לאַנגער ריי, וואָס שאָקלט זיך אין די שפּאַלטן פון דער ערד, שלעפנדיק די ביקס, דעם רידל און דאָס העקל אונטערן אומענדלעכן גאָס רעגן. מיר גייען אין גייען. די מידעקייט מאַכט אונדז ווי שיכּור און וואַרפט אונדז דאָ אַהין, דאָ אַהער אויף דער אַנדערער זייט. שווערע, דורכגענעצטע, קלאַפּן מיר מיט די אַקסלען אָן דער ערד, וואָס איז נאַס אַזוי ווי מיר.

— האַלט!

— מ׳איז שוין דאָ

— שוין דאָ! וואָס נאָך חלומט זיך דיר?

דערווייל ווערט אַ געדרענג, מיר ווערן מיטגעריסן, צוריק-געשטויסן, און אין דער מהומה לויפט דורך די ריי אַ קורץ געמורמל:

— מ׳איז פאַרקראָכן.

דער אמת שלאָגט זיך דורך אַ וועג אין דער צעטומלטער, פּלאָנדזשענדיקער האָרדע: באַ עפּעס אַ שייד-וועג האָבן מיר זיך גענומען אויף אַ פאַלשן וועג און אַצינד פאָלג מיך אַ גאַנג און געפּין-אויס דעם ריכטיקן.

און טאָמער איז דיר ווינציק, טראָגט זיך אַ ידיעה פון מויל צו מויל, אַז הינטער אונדז געפינט זיך אַ קאָמפּאַניע אין פולן וואָפן, וואָס גייט אין די אָקאָפּעס אַריין. דער וועג, וואָס מיר האָבן

דורכגעמאַכט, איז פאַרשטאָפּט מיט מענטשן, און מיר זיינען, הייסט עס, פאַרקאָרקעוועט.

מיר מוזן פאַר יעדן פּרייז פּרוּוון צוריקקומען אין גרובן וועלכן מיר האָבן פאַרלוירן און, ווי עס דאַכט זיך, געפינט ער זיך אויף אונדזער לינקער זייט. דורכציִענדיק זיך דורך עפּעס א סאָפּע, די דענערווירונג פון די טויט-מידע מענטשן ברעכט אויס אין העפטיקע באַוועגונגען און קומט צום אויסדרוק דורך געוואַלטיקע זידלערייען. שלעפּן זיי זיך, דערנאָך וואַרפן זיי אַוועק זייער ווערקצייג און בלייבן שטיין. ערטערווייז זעט מען אין בלייכן ליכט פון די ראַקעטן, ווי קאָמפּאַקטע מענטשן-געהענגלעך לאָזן זיך פאַלן אויף דר'ערד. דאָס מיליטער, וואָס ציט זיך אין דער לענג פון דרום קיין צפון, וואַרט דערווייל אונטערן אומבּרחמנותדיקן רעגן.

דער לייטענאַנט, וואָס פירט אָן מיט דער קאָמפּאַניע און האָט אונדז פאַרפירט, שפּאַרט זיך דורך מיט מי לענגאויס די מענטשן און זוכט א זייטיקן אויסגאַנג. ער געפינט א קליינעם, נידעריקן און שמאָלן דורכגאַנגס-גרובן.

— דאָ אַרום מוזן מיר גיין, אומבאַדינגט — זאָגט אייליק דער אָפיציר. — א סוף, פאָרווערטס, קינדערלעך!

ווידערוויליק נעמט איטלעכער צוריק זיין משא... אָבער א ים פון קללות און זידלערייען הייבט זיך אויף איבער דער גרופּע, וואָס האָט זיך אַריינגעלאָזט אין דער קליינער כאָפּע.

— ס'זיינען אָפּטריטן!

אַן עיפּושדיקער אַוויר טראָגט זיך פון דעם גרובן, וואָס לאָזט נישט צווייפלען וועגן זיין אָפּשטאַמונג. די, וואָס זיינען שוין אינעווייניק, בלייבן שטיין, דריקן זיך צונויף און ווילן נישט ווייטער גיין. מיר שטופּן זיך איינער אויפן אַנדערן צונויפגעפּאַקט בא דער שוועל פון די דאָזיקע בית-הכסאות.

— כ'וועל בעסער גיין מיט דער פּלאַך! — שרייט איינער.

אָבער די וואָלקנס איבערן אָפּהאַנג ווערן פון אַלע זייטן צע־ריסן דורך בליצן און דאָס אויסזען פון דעם דאָזיקן לאַך, אַנגע־פּלט מיט רירעוודיקע שאָטנס, מיט די סנאָפּעס דונערנדיקע פלאַ־מען, וואָס הענגען דעריבער אין די הימל־הייכקייטן, פאַרקלעמט אַזוי באַם האַרץ, אַז קיינעם ליגט נישט אין זינען צו ענטפערן אויפן משוגענעמס רייד.

ווילנדיק־נישט־ווילנדיק מוזן מיר דאָרטן אַרום אַדורכגיין, ווייל דער צוריקוועג איז פאַרשטעלט.

— מאַרש אין דרעק אַריין! — שרייט איינער פון דער באַנדע.

און דערשטיקט פון עקל לאָזן מיר זיך ווייטער. דאָס גע־שטאַנק ווערט אומדערטרעגלעך. מיר גייען אין טינוף און מיר פילן, ווי זיין ווייכקייט גיט זיך נאָך אין דער בלאָטע.

קוילן פייפן.

— איינבייגן די קעפּ!

אַזוי ווי דער גרובן איז נישט זייער טיף, מוזן מיר זיך שטאַרק איינבייגן, כדי נישט געהרגעט צו ווערן; און אַזוי געבוקט גייען מיר איבער די אָנגעהויפטע, מיט פּאַפּיר באַוואָרפענע עקס־קרעמענטן און צעטרעטן זיי.

ענדלעך דערגרייכן מיר ווידער דעם דורכגאַנגס־גרובן, וועלכן מיר האָבן על פּי טעות פאַרלאָזט, און מע גייט אויפסניי. מע גייט בסדר, און ס'נעמט נישט קיין סוף.

דאָס טייכל, וואָס פליסט אַצינד אויפן גרונט פון דער אָקאָפּע, שווענקט אָפּ פון אונדזערע פיס דעם געשטאַנק און געמיינעם שמוץ, בשעת כ'ציר בלאָנדזשן ווייטער, שטומע, מיט ליידיקע קעפּ, פאַרטעמפּט און דערשעפּט פון מידעקייט.

די אַרטילעריע דונערט מיט אַ שטופּנדיקער העפטיקייט, און ענדלעך ווערט דערפון איין גרויס צונויפגעגאָסן דונערן איבער

דער גאַנצער ערד. פון אַלע זייטן וואַרפט דאָס אַרויס-אָדער אַריינ-
שיסן אַ בליץ-אַרטיקן שטראַל, וואָס שטרייפט מיט מטושטשדיקע
פאַסן דעם שוואַרצן הימל איבער אונדזערע קעפּ. דערנאָך ווערט
דאָס באָמבאַרדירן אַזוי געדיכט, אַז דאָס לייכטן הערט שוין נישט אויף
מער. אינדערמיט פון דער אומאויפהערלעכער קייט פון דונערס זען
מיר זיך דייטלעך איינער דעם אַנדערן; העלמען טריפנדיקע, ווי
פיש-קערפּערס, נאַס לעדערוואַרג, שוואַרץ-גלאַנציקע רידל-אייזנס
און אַפילו די ווייסלעכע טראָפּנס פון אייביקן רעגן. כ׳האָב נאָך
קיינמאָל נישט בייגעווויינט אַזאַ מין שוי-שפּיל: ס׳זעט באמת אויס,
ווי אַ לבנה-ליכט, וואָס איז פאַבריצירט דורך האַרמאַטן-שאָסן.

גלייכצייטיק פליען אַרויס מתנותווייז ראַקעטן, סיי פון אונדזערע
סיי פון די פיינטלעכע ליניעס; זיי פאַרייניקן זיך און מישן זיך אויס
אין שטערן-גרופּן; ס׳איז געווען אַ מאָמענט, ווען די ראַקעטן האָבן
געבילדעט אַ גרויסן בער אין דעם הימל-טאָל, וואָס זעט זיך
צווישן די גרובנווענט — כדי צו באַלויכטן אונדזער שרעקלעכע
רייזע.

* *
*

און ווידער האָבן מיר פאַרלוירן דעם וועג. דאָס מאָל זיינען
מיר משמעות גאָר נאָענט פון די ערשטע ליניעס; אָבער אַן אַראָפּ-
נידערונג פון באָדן לאָזט זען, אין דעם דאָזיקן טייל פון דער פלאַך,
אַ צעשוווּמענעם קעסל-גרוב, אין וועלכן ס׳באַוועגן זיך שאָטנס.
האָבן מיר זיך געלאָזט דורך אַ סאַפּע אין איין ריכטונג, דער-
נאָך אין אַן אַנדערער. אין וויבּרירנדיקן שיין פון די האַרמאַטן, ווי אין
אַ ציטערדיקן קינאָמאַטאָגראַפן-ליכט, דערזען מיר איבערן גרובן-ראַנד
צוויי קראַנקן-טרעגער, וואָס ווילן דורכגיין די אָקאָפּע, באַלאָדנט מיט
זייער טראַגע.

דער לייטענאַנט, וואָס קען מער-ווייניקער די געגנט, וווהין

ער האָט צו פירן זיין אַרבעטס-אָפּטיילונג, ווענדט זיך צו זיי:

— ווו איז דער נייער דורכגאַנגס-גרובן?

— כ׳ווייס נישט.

פון די רייען אַרויס שטעלט מען זיי אַן אַנדערע פראַגע: „ווי ווייט געפינען מיר זיך פון די יעקעס?" זיי ענטפערן נישט. זיי שמועסן צווישן זיך.

— כ׳גיי נישט ווייטער — זאָגט דער פאָדערשטער. — כ׳בין צו מיד.

—אַן עק! ריר דיך, צו אַלדע שווארצע יאָר! — מאַכט דער אַנדערער מיט אַן אָנגעבלאָזן קול, און טאָפּטשעט שווערפעלטיק ווייטער מיט אַראָפּגעצויגענע הענט דורך דער טראַגע. — מע קען דאָך נישט דאָ בלייבן און שימלען.

זיי שטעלן אַוועק די טראַגע אויף דר׳ערד איבערן גרובן-ראַנד אַזוי, אַז איין עק שטאַרט אַרויס איבער דער אָקאָפּע. פאַרבייגייענדיק אונטן זען מיר די פיס פון דעם מענטש, וואָס ליגט אויף איר; און דער רעגן, וואָס פאַלט אויף דער טראַגע, טראָפּט פון איר שוואַרץ אַראָפּ.

— איז עס אַ פאַרוווּנדעטער?!

— ניין, אַ בר-מנן, — וואָרטשעט דאָס מאָל דער טרעגער — און ער וועגט מינדעסטנס אַכציק קילאָ. פאַרוווּנדעטע, וויל איך שוין גאָרנישט זאָגן — שוין צוויי טעג און צוויי נעכט, און מ׳הערט גאָרנישט אויף צו טראָגן, אָבער ס׳קען דאָך איינעם גרין און געל ווערן זיך אַזוי אַרומצוטליקן מיט טויטע.

און דער טרעגער, שטייענדיק אויפן גרובן-ראַנד, וואַרפט אַיבער איין פוס אויפן קעגנאיבערדיקן גרובן-וואַל און, מיט ווייט צעשפרייטע פיס איבערן לאָך, קוים זיך האַלטנדיק אין גלייכגעוויכט, נעמט ער אַן די טראַגע און שטרענגט אָן זיינע כוחות זי אַריבערצוציען אויף דער אַנדערער זייט; דערביי רופט ער זיין חבר צו הילף.

אַ ביסל ווײַטער זעען מיר זיך איבערבײַגן אַ געשטאַלט פון אַן אָפיציר מיטן קאַפּטערל איבערן קאָפּ. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט צום פּנים און דערבײַ זעט מען צוויי גאָלד-שטרײַפן אויף זײַן אַרבל.

ער וועט אונדז ווײַזן דעם וועג, ער... אָבער ער רעדט: ער פרעגט זיך, צי מיר האָבן נישט געזען זײַן באַטעריע, וועלכע ער זוכט אַרום.

מיר וועלן הייסט עס שוין קיינמאָל נישט אָנקומען.

און דאָך קומען מיר אָן.

מיר קומען צו צו אַ שטיינקוילן-פעלד, ווו ס'שטעקן אַ פּאָר דאַרע דרענגלעך. מיר קלעטערן אַרויף דערויף און צעשפּרייטן זיך שווייגנדיק. דאָ איז עס.

צו פאַרנעמען די ערטער איז נישט אַזאַ לייכט עסק. מיר מאָל דורכאַנאַנד מוזן מיר גיין פאָרוועטס, דערנאָך ווידער צוריקגיין, כּדי די קאָמפּאַניע זאָל זיך אויסשטעלן אין דער געהעריקער ריי לענגאויס דעם דורכגאַנגס-גרובן, וואָס מיר האָבן אויסצוגראָבן און כּדי אויך צו דערהאַלטן דעם זעלבן אָפּשטאַנד צווישן איטלעכער בריגאַדע פון איין שאַנץ-גרעבער און צוויי שויפלער.

— נאָך דריי טריט פאָרויס... צופיל. איין טריט צוריק. אַ סוף, איין טריט צוריק, צי זענט איר טויב?... האַלט!... אַזוי!...

מיטן דאָזיקן איינשטעלן פירט אָן דער לייטענאַנט און עפּעס אַ בענדלדיקער סאַפּיאָר, וואָס איז פּלוצלינג פון דער ערד אַרויס-געוואַקסן. זיי אַרבעטן, צוזאַמען אָדער באַזונדער, מעשים, לויפן לענגאויס דער ריי, רופן אויס זייערע באַפעלן מיט אַ געדעמפּטער שטימע גלייך די זעלנער אין פּנים אַריין, אָננעמענדיק זיי טיילמאָל באַם אָרעם, כּדי זיי אַוועקצושטעלן אויפן ריכטיקן אָרט. דער דאָ-זיקער מאַנעוור, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין אָרדנונג, ווערט אָבער געשטערט אַ דאַנק דער שלעכטער שטימונג פון די דערשעפּ-

טע מענטשן; ווייל זיי מוזן זיך פסדר איבערדרוקן פון אָרט, ווו זיי האָבן זיך אַנידערגעוואָרפן, ווי דורכגעווייקטע פּעק.

— מיר שטייען פאַר די ערשטע ליגיעס — שמועסט מען שטיל ארום מיר.

— ניין — מורמלען אַנדערע שטימען — מיר שטייען גראַד הינטער זיי.

מע ווייסט נישט. ס'רעגנט פסדר, כאָטש אַ ביסל שוואַכער ווי אין געוויסע מאָמענטן בשעתן גאַנג, אָבער וועמען אַרט דער רעגן! מיר האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דר'ערד. ס'איז אַזוי גוט אויסצוגלייכן די לענדן און די גלידער אין דער שליאַמיקער בלאָטע, אַז מיר בלייבן גלייכגילטיק צו דעם, וואָס דאָס וואַסער פּיקט אונדז אין פּנים אַריין און רינט אונדז איבער דער הויט; ס'אַרט אונדז אויך נישט דאָס שוואָמיקע בעט, אויף וועלכן מיר ליגן.

אָבער מיר באַווייזן קוים רעכט אָפּצוזעטעמען. מע לאָזט אונדז נישט אויספּאָרזיכטיקערהייט זיך איינשלעפן אין רו. מע מוז זיך מיט אַלע כלים נעמען צו דער אַרבעט. ס'איז צוויי אַ זייגער פאַר-טאָג: אין פיר שעה אַרום וועט שוין זיין צו העל, אַז מע זאָל קענען דאָ בלייבן. קיין מינוט טאָר נישט גיין לאיבוד.

— יעדער איינער — זאָגט מען אונדז — האָט אויסצו-גראָבן 1,5 די לענג, 0,7 מט. די ברייט און 0,80 מט. די טיף. יעדע בריגאַדע האָט אירע 4 מעטער 50, און לייגט-צו אַ האַנט! כ'עצה אייך: וואָס שנעלער ס'וועט פאַרטיק זיין, אַלץ שנעלער וועט איר אָוועקגיין.

מיר קענען שוין דעם פּזמון. אין די אַנבאַלן פון פאָלק איז נישטאָ קיין איינציקער ביישפּיל, אַז אַ גרובנאַרבעטס-אָפּטיילונג זאָל אוועקגיין מיט אַ רגע פריִער, איידער ס'איז אומבאַדינגט נייטוועני-דיק זי זאָל אָפּרייניקן דעם פּלאַץ, כדי נישט באַמערקט צו ווערן, און סיגנאַליזירט און פאַרגיכטעט צו ווערן צוזאַמען מיט איר אַרבעט.

— יאָ, יאָ, מע ווייסט שוין. . שפּאָרט איין, אַ שאָד בחנם אַרויסצוּוואַרפן ווערטער.

אָבער — חוץ עטלעכע אומבאַזיגבאַרע שלעפּער, וואָס וועלן באַלד זיין געצווּינגען איבערמענטשלעך צו אַרבעטן — נעמט זיך דער גאַנצער עולם מיט חשק צו דער אַרבעט.

מיר גראָבן דורך די ערשטע שיכט פון דער נייער ליניע: שטיקער ערד מיט וואָרצל-פּעדעמלעך פון גראָז. די לייכטקייט און שנעלקייט, מיט וועלכע די אַרבעט גייט — ווי אַלע גרובן-אַרבעטן אין ווייכער ערד — ניט אונדז די איינבילדונג, אַז גאָר גיך וועט זי זיין פאַרטיק, אַז מע וועט קענען שלאָפן אין אויסגעגראָבענעם לאָך, און דאָס דערוועקט אין אונדז אַ געוויסן ברען.

אָבער, צי מחמת דעם געוויש פון די רידלעס, צי ווייל עטלעכע זעלנער פלוידערן, טראָגט דעם שטרענגן אָנזאָג, כמעט אויפן קול, בקיצור, אונדזער באַוועגונג וועקט אויף אַ ראַקעטע, וועלכע נעמט סקריפּען, זיך אויפהייבנדיק ווערטיקאַל רעכטס פון אונדז אין אַ פלאַמעדיקער ליניע.

— ליגן!

אַלץ טוט זיך אַ לייג אויף דר׳ערד און די ראַקעטע וויגט און וואַקלט איר אומגעהייערע בלייכקייט איבער אַ מין טויטן פעלד.

ווען זי לעשט זיך אויס, הערט זיך ווי-נישט-ווי, דערנאָך אי-בעראַל, ווי די מענטשן שטייען-אויף פון דער אומבאַוועגלעכקייט, וואָס האָט זיי פאַרבאָרגן, און נעמען זיך צוריק צ דער אַרבעט מיט מער פאַרזיכטיקייט.

און באַלד פאַרוואַרפט אַ צווייטע ראַקעטע איר גילדן שטענגל, וואַרפט אַנידער און מאַכט נאָכאַמאָל פאַרשטאַרט אין איר העלן ליכט די טונקעלע שורה פון די אָקאָפּע-אַרבעטער. דערנאָך ווידער אַ ראַקעטע, און נאָך איינע.

קוילן צעררייסן די לופט ארום אונדז. ס'הערט זיך א געשריי:

— א פאַרוווּנדעטער!

ער גייט פאַרביי אויסגעהאַלטן דורך די חברים; א סברה, אַז ס'זיינען דאָ נאָך מער פאַרוווּנדעטע. מע זעט דעם דאָזיקן מענטשן־קנויל, וואָס שלעפּט זיך, איינער דעם אַנדערן, און ווערט נעלם.

די געגנט ווערט געפערלעך. מע בייגט זיך איין, מע זעצט זיך אויף די קוטשקעס. אייניקע קראַצן קניענדיק די ערד. אַנדערע אַרבעטן אויסגעבויגענערהייט, האַרעווען און דרייען זיך און קערן, ווי זיי וואָלטן געהאַט בייזע חלומות. די ערד, וואָס עס איז אונדז לייכט געווען איר ערשטע שיכט אַראָפּצונעמען, ווערט לייטיק און קלעפּיק, איז שווער צו באַאַרבעטן און קלעבט זיך צו צום ווערקצייג, ווי א טייג. נאָך איטלעכן רידעלעקל מוז מען אָפּקראַצן ס'אייזן.

שוין שלעבגלט זיך א דין וועלעכל פון אויפגעשאָטענער ערד און איטלעכער וויל זיך איינרעדן, אַז ער וועט נאָך פאַרטיפערן דעם דאָזיקן עמבריאָן פון א גרובן־חאַל מיט זיין ברויט־זעקל, מיט זיין איינגעוויקלטן מאַנטל, און אַלעמאָל, ווען ס'קומט אָן א קוילן־האָגל, פאַרקנוילט ער זיך הינטערן דאָזיקן דינעם שאָטן־הויפן...

אַזוי־לאַנג ווי מ'אַרבעט, שוויצט מען; ווי נאָר אָבער מען הערט־אויף, נעמט אַדורך א קעלט. און אַזוי מוז מען גובר זיין די שמערצלעכע מידעקייט און זיך ווידער נעמען צו דער מלאכה.

ניין, ס'וועט קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען... די ערד ווערט אַלץ שווערער און שווערער. עפּעס א קללה האָט זיך איבער אונדז אויסגעגאָסן און לעמט אונדז די אָרעמס. די ראַקעטן לאָזן אונדז נישט צורו, לויערן אויף אונדז, לאָזן אונדז נישט לאַנג זיך באַוועגן; און, נאָכדעם ווי איטלעכע פון זיי האָט אונדז פאַרשטיי־נערט אין איר ליכט, האָבן מיר צו קעמפן קעגן א נאָך מער איינגעשפּאַרטער אַרבעט. מיט א פאַרצווייפלטער פאַמעלעכדיקייט, מיט צוויט און פּיין, ווערט דאָס לאָך ביסלעכווייז טיפער.

דער באָדן ווערט ווייכער, פון איטלעכן ערד־רידעלעקל טראָפּט און רינט, און די ערד טיילט זיך אָפּ פון רידעלעקל מיט אַ פּלעטשער־דיק גערויש. ענדלעך שרייט איינער אויס:

— וואַסער!

דער דאָזיקער רוף חזרט זיך איבער און לויפט דורך די גאַנצע שורה פון די גרעבער.

— ס'קומט אָן וואַסער. גאָרנישט צו מאַכן!

— די בריגאַדע, ווו ס'אַרבעט מעליסאָן, האָט געגראָבן טיפער און האָט שוין וואַסער. מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ טייך.

— גאָרנישט צו מאַכן.

מיר בלייבן אַפּהענטיק. אין שויס פון דער נאַכט הערט זיך דאָס גערויש פון רידעלעקלעך און העקלעך, וועלכע מע וואַרפט אַוועק ווי ליידיקע וואָפן. די אונטער־אָפיצירן טאַפּן אין דער פינסטער, זוכנדיק די אָפיצירן, כדי צו באַקומען אינסטרוקציעס. און ערטערווייז, נישט פרעגנדיק קיין שאלות, ווערן די זעלנער אַנטשלאָפן אין אַ זיסן שלאָף אונטער דעם צערטלעכן שטרייכלען פון רעגן און אונטער די שטראַלנדיקע ראַקעטן.

* *
*

אומגעפער אין דעם מאָמענט — אויף וויפיל כ'דערמאָן מיך — האָט זיך אָנגעהויבן די באַשיסונג.

דער ערשטער גראַנאַט איז אָנגעקומען מיט אַ שרעקלעך גע־קלאַפּעריי אין דער לופטן, ווי ער וואָלט זיך אין צווייען צעריסן; און באַלד האָבן אַנדערע גראַנאַטן גענומען זשומען איבער אונדז. בשעת דער ערשטער האָט אויפגעריסן און אויפגעהויבן די ערד באַם שפּיץ פון אונדזער אָפּטיילונג טיף אין שויס פון דער גרע־בעצלאָזער נאַכט און רעגן, אַנטפּלעקנדיק משונהדיקע תנועות אויף אַ פלוצלינגן רויטן עקראַן.

דאָס האָבן זיי, אָן אַ ספק, אונדז דערזען דורך דער גוזמאַ־ראַקעטן און אָנגעשטעלט זייער ציל אויף אונדז...

די מענטשן וואַרפן זיך, קייקלען זיך צום קליינעם פאַרפלייצטן גרובן, וואָס זיי האָבן אויסגעגראָבן. מען האָט זיך דאָרט אַריינגע־דריקט, זיך דאָרט אויסגעבאָדן, זיך דאָרט פאַרגראָבן, פאַרדעקנדיק די קעפּ מיט די רידעל־אייזנס. רעכטס און לינקס, פאָרנט און הינטן, פון אַלע זייטן רייסן זיך אויף גראַנאַטן; זיי פאַלן אַזוי נאָנט, אַז איטלעכער וואַרפט און טרייסלט אונדז אין ליימיקן געלעגער. און באַלד איז פון דעם אַלעם געוואָרן אַן איינציק, אומאונטערגעבראָכן ציטערן, וואָס האָט דורכגענומען דעם דאָזיקן פינסטערן רינשטאָק, אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, באַשיפּט מיט די רידעל־אייזנס אונטער געדיכטע רויך־וואָלקנס און אַראָפּפאַלנדיקן ליכט. די גראַנאַט־שפּליטער און אויפ־רייס־שטיקער האָבן זיך געקרייצט אין אַלע ריכטונגען... צוזאַמען מיט זייער ליאַרמדיקער נעץ איבערן געבלעגדטן פעלד. קיין סעקונ־דע איז נישט אַדורך, אַז אַלע זאָלן נישט טראַכטן דאָס, וואָס איי־ניקע האָבן אַרויסגעשטאַמלט, ליגנדיק מיט די פּנימער צו דר׳ערד:

— דאָס מאָל איז אַ סוף מיט אונדז

נישט ווייט פאַר מיר האָט זיך אונטערגעהויבן אַ געשטאַלט און געשריגן:

— לאָמיר אַוועקגיין!

ליגנדיקע קערפּערס האָבן זיך האַלב אויפגעזעצט פון די בלאָ־טע־תכריכים אַרויס, וועלכע זיינען געריגען פון זייערע גלידער ווי שמאַטעס, ווי פליסיקע צויטן, און די דאָזיקע מתים־געשפּענסטער האָבן געשריגן:

— לאָמיר אַוועקגיין!

מ׳האָט זיך געשטעלט אויף די קני, אויף אַלע פיר; מ׳האָט זיך געשטופּט צו דער זייט פון ריקצוג.

— בעגאַנגען! נו, בעגאַנגען!

די לאַנגע שורה אָבער איז געבליבן אומבאַוועגלעך. די ווילדע געוואַלטן פון די שרייערס האָבן זיי נישט גערירט פון אָרט. די, וואָס האָבן זיך געפונען גאָר צום סוף, האָבן זיך נישט קיין ריר געטון, און זייער אומבאַוועגלעכקייט האָט געהאַמעוועט די מאַסע.

פאַרוואונדעטע זיינען געקראָכן איבער די לייבער פון אַנדערע, זיך געשלעפּט איבער זיי, ווי איבער רוינען, באַגיסנדיק מיט זייער בלוט די גאַנצע קאָמפּאַניע.

ענדלעך איז מען געוואויער געוואָרן די סיבה פון דער שרעקלעכער אומבאַוועגלעכקייט, וואָס האָט פאַרשטאַרט דעם עק פון דער אָפּטיילונג.

— אַ שפּאַרפייער.

אַ מאָדנע איינגעהאַלטענע פּאַניק מיט פאַרשטיקטע געשרייען, מיט פאַרשטיינערטע באַוועגונגען האָט אַרומגעכאַפּט די מחנה ליגנדיקע מענטשן. זיי האָבן זיך געווערט, געצאַפּלט אויפן אָרט און געשריגן. אָבער ווי שוואַך ס'איז נישט געווען די שוץ פון נישט-פאַרענדיקטן גרובן, האָט דאָך קיינער נישט געוואָגט אַרויסצוגיין פון דעם דאָזיקן לאָך, וואָס דורך אים האָבן מיר נישט איבערגעשטייגט דעם אויבערפלאַך פון ערד-באָדן, כדי אויסצומיידן דעם טויט און צוצוקומען צו דער קווערער אָפּאָפּע, וואָס מוז ערגעץ זיין דאָ נישט ווייט... די פאַרוואונדעטע, וועלכע ס'איז דערלויבט געווען צו קריכן איבער די לעבעדיקע, האָבן זיך אויסערגעוויינטלעך איינגעשטעלט טוענדיק דאָס, און אַלע רגע איז אַן אַנדערער פון זיי, געטראָפן, צוריק אַראָפּגעפאַלן.

ס'איז געווען אַן אמתער פייער-האָגל, וואָס האָט אַלץ פאַרגאָסן, אויסגעמישט מיטן רעגן. מיר האָבן געציטערט פון קאָפּ ביז די פיס, טיף דורכגענומען פון איבערנאַטירלעכן געלייאַרם. דער העסלעכסטער טויט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און אַרומגעשפּרונגען און פאַרפלייצט אַלץ אַרום אונדז מיט זיבע ליכט-כוואַליעס. זיין גלאַנץ

האָט אויפגעמונטערט און געריסן די אויפמערקזאַמקייט אין אַלע ריכטונגען. דאָס לייב האָט זיך מכין געווען צום מוראדיקן קרבן!...

דער געוואַלטיקער רושם, וואָס האָט אונדז צונישט געמאַכט, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ערשט אַציגד, אין דעם אויגנבליק, האָט מען זיך דערמאַנט, אַז מען האָט שוין אַמאָל אַזעלכעס בייגעוווינט און איבערגעלעבט, אַזאַ רעגן-גאָס פון צעגליט אייזן מיט זייבע ברילנ-דיקע בראַנד-וווּנדן און זיין געשטאַנק. נאָר בשעת מען געפיגט זיך אין רעכטן פייער, דערמאַנט מען זיך ערשט אויף אַן אמת אָן די איבערגעקומענע פייערן.

און דאָך זייבען אָן אויפהער געקראָכן אַלץ נייע, אַנטלויפנ-דיקע פאַרוווּנדעטע, אַנגעיאָגט אויף אונדז אַ פחד, און איטלעכער האָט געיאָמערט בשעת זייער באַרירונג, ווייל מ׳האָט זיך איינגעחזרט:

— מע קומט נישט אַרויס מער פון דאַנען, קיינער וועט נישט אַרויסקומען.

פלוצלינג איז אַנטשטאַנען אַ פרייער חלל אין דעם מענטשנ-הויפן. די מאַסע האָט זיך אַ דריק געטון אויף צוריק און אָפגע-רייניקט ס׳אָרט.

מ׳האָט גענומען קריכן, דערנאָך לויפן, איינבייגנדיק זיך אין דער בלאָטע און אין וואַסער, וווּ ס׳האָבן זיך אָפגעשפּיגלט בליצן אָדער אַ פורפור-רויטער ווידערשיין; כסדר זיך פאַרהאַקט אין לויפן, גע-פאַלן, אַ דאַנק די נישט-גלייכקייטן, וואָס האָבן זיך פאַרבאָרגן אונ-טערן וואַסער; מיר אַליין זייבען ענלעך געווען צו שווערע, וואַסער-שפּריצנדיקע געשאָסן, וואָס, געשטויסן דורכן דונער, שפּרינגען זיי אַרום האַרט אויף דר׳ערד.

מיר זייבען צוגעקומען צום אָנהייב פון דורכגאַנגס-גריבן, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן.

נישטאָ קיין אָקאָפּע. ס׳איז גאָרנישט דאָ.

און ווירקלעך, אויף דער פלאַך, ווו ס'האָט זיך איינגעבוי-ט אונדזער גרופן-אַרבעט, האָט דאָס אויג נישט אַנטדעקט קיין שום זיכער-הייל. מ'האָט בלויז געזען אַ פלאַך, אַן אומגעהייער צע-ברויזטע מדבר, אַפילו אין ליכט פון די שטורעמדיקע ראַקעט-פליגל. די אָקאָפּע האָט דאָך געמוזט זיין נישט ווייט, ווייל אויפן וועג אַהער-צו זיינען מיר דאָך דורך איר געגאַנגען. אָבער ווו זיך קערן און ווענדן, כדי זי צו געפינען?

דער רעגן ווערט נאָך שטאַרקער. בלייבן מיר אַזוי אַ ווײַלע אומאַנטשלאָסן אין אַ ביטערער אַנטוישונג, געדיכט צוזאַמענגעדריקט אויפן ראַנד פון באַשאָסענעם אומבאַקאַנטן, און דאַמאָלס ווערט אַ בהלה. אַ טייל לויפן אויף לינקס, אַ טייל אויף רעכטס, אַנדערע ווי-דער לויפן גלייך פאַר זיך; אַלע זיינען שרעטל-קליין און אין אַ רגע ווערן זיי פאַרשליגגען אין שויס פון דונערדיקן רעגן, אָפּגעטיילט דורך פלאַמענדיקע רויך-שלייערס און שוואַרצע לאַווינען.

* *
*

די באַשיסונג לאָזט נאָך אַ ביסל איבער אונדזערע קעפּ. באַ-זונדערס פאַרשטאַרקט האָט זי זיך אין דער געגנט, ווו מיר האָבן זיך פריער געפונען. אָבער צוקוקנדיקערהייט האָט זי געקענט אונדז פאַרשפאַרן פון אַלע זייטן און אַלץ אויסגלייכן מיט דער ערד.

דער רעגן גיסט און גיסט שטראָמענווייז. ס'איז אַ מבול אין מיטן דער נאַכט. די פינסטערניש איז אַזוי געדיכט, אַז די ראַקעטן באַלייכטן בלויז נעפּלדיקע אָפּשניטן, דורכגעשטרייפטע מיט וואַסער, וואָס אויף זייער פאָן גייען אַהין און אַהער, לויפן, דרייען זיך אין קרייז פאַרוואָלגלטע געשפּענסטער.

ס'איז מיר אוממעגלעך צו זאָגן, וויפל צייט כ'האָב מיך אַרומגעבלאָנקעט מיט דער גרופּע, צו וועלכער כ'בין צוגעשטאַנען. מיר זיינען געגאַנגען איבער זומפּיקע לעכער. מיט אָנגעשטרענגטע

בליקן האָבן מיר געזוכט פאַר זיך, געטאַפּט, דעם ישועה-ברעג-בענדיקען ראַנד-וואַל פון גרובן, די אָקאָפּע, וואָס האָט געמוזט ליגן ערגעץ-ווו אין נאַכטיקן תהום, ווי אַ פאַרט.

א געשריי פון דערלייכטערונג האָט זיך ענדלעך דערהערט אין געטומל פון דער מלחמה און די יסודות:

— אַן אָקאָפּע!

אָבער דער גרובן-ראַנד פון דער דאָזיקער אָקאָפּע האָט זיך גערירט. מ'האָט געזען אַן אומקלאָרן מישמאַש פון מענטשן, און ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך פון אים אָפּגעטיילט און אים פאַרלאָזט.

— חברה, בלייבט'ס נישט דאָ — האָבן געשריגן די אַנט-לויפנדיקע — גייט'ס נישט אַהער, גייט'ס אַוועק! ס'איז מוראדיק. אַלץ פאַלט-איין. די אָקאָפּעס צעקריכן אונטער די פיס, די זיכער-היילן זייגען פול. די בלאָטע רינט אומעטום אריין. מאָרגן אינדער-פרי איז שוין קיין זכר נישטאָ פון די אָקאָפּעס. אַן עק דאָ מיט אַלע אָקאָפּעס!

גייט מען ווייטער. וואוהין? מיר האָבן פאַרגעסן צו נעמען די מינדעסטע אָנווייזונג בײַ די דאָזיקע מענטשן, וואָס זייגען טריפנ-דיקע פאַרפאַלן געוואָרן אין חושך, פונקט אַזוי פלוצלינג, ווי זיי האָבן זיך באַוויזן.

אַפילו אונדזער קליינע גרופּע האָט זיך צעברעקלט אין דער דאָזיקער פאַרוויסטונג. מ'האָט נישט געוווסט מיט וועמען מע געפינט זיך. איטלעכער איז געגאַנגען פאַר זיך: אַמאָל דער, אַמאָל יענער, פאַרשווינדנדיק מיטן בטחון ניצל צו ווערן.

מ'איז געגאַנגען באַרג-אַרויף, באַרג אַראָפּ. כ'האָב דערקענט פאַר מיר אין צווייען געבויגענע, איינגעהויקערטע מענטשן, וואָס קריכן אויף אַ גליטשיקן אָפּהאַנג, און די בלאָטע האָט זיי צוריק

אַראָפּגעצויגן, דער ווינט און רעגן צוריק אַראָפּגעשטופּט אונטער אַ קופּאָל פון טעמפּע בליצן.

דערנאָך זיינען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ זומפּ, וווּ מיר זיינען פאַרזונקען ביז איבער די קני. מיר זיינען ווייטער געגאַנגען, אויפ־הייבנדיק זייער הויך די פיס מיט אַ גערויש פון שווימענדיקע. מיט אַן אומגעהייערער אָנשטרענגונג האָבן מיר זיך באַוועגט און, בײַ יעדן שפּריין, זיינען די כּוחות אַלץ מוראדיק שוואַכער געוואָרן.

דאָ האָבן מיר דערפילט, ווי דער טויט דערנעענטערט זיך; מיר האָבן אָבער אַנגעטראָפן אויף אַ מין ליימיקן וואַל, וואָס האָט דורכגעשניטן דער זומפּ. זיינען מיר געגאַנגען איבערן רוקן פון דאָ־זיקן גליטשיקן איינדזעלע, און כ׳דערמאַן מיך, אַז אין אַ געוויסן מאָ־מענט, כּדי נישט אַראָפּצופאַלן פון דאָזיקן ווייכן און געדרייטן קאַם, האָבן מיר זיך געמוזט איינבייגן און זיך אָנהאַלטן אָן אַ פּאַס טויטע, וואָס זיינען דאָרט געלעגן האַלב־פאַרזונקען. מיין האַנט האָט אָנגע־טראָפן אויף פּלייצעס, אויף האַרטע רוקנס, אַ פּנים, קאַלט ווי אַ העלם, און אַ פּייקע, וועלכע אַ קינבאַק האָט ווייטער פאַרצווייפלט פעסט געהאַלטן צווישן די ציין.

אַרויסגעקריגן זיך פון דאָרט, הייבן מיר אויף די פּנימער און קוקן סתם אין דער וועלט אַריין. אינדעם דערהערן מיר אַ בינטל שטימען נישט ווייט פון אונדז.

— שטימען! אָ! שטימען!

זיס האָבן זיי געקלונגען אין אונדזערע אויערן, די דאָזיקע שטימען, גלייך זיי וואָלטן אונדז גערופן באַם נאָמען. אַלע איינעם האָבן מיר זיך דערנענטערט צום ברודערלעכן מענטשן־געמורמל.

די ווערטער זיינען געוואָרן דייטלעך; זיי זיינען געקומען פון גאָר נאָנט פון דעם בערגל דאָרט, וואָס זעט אונדז אויס ווי אַ אָאַזע, און דאָך האָבן מיר נישט געהערט וואָס זיי זאָגן. די קלאַנ־גען האָבן זיך פאַרנעפּלט, מ׳האָט נישט פאַרשטאַנען.

— וואָס זאָגן זיי, וואָס ? — האָט געפרעגט איינער פון אונדז מיט אַ מאָדנעם טאָן.

אינסטינקטיוו האָבן מיר אויפגעהערט זוכן וויאַזוי צוצוקומען.

אַ ספק, אַ פאַרקלעמענדיקער געדאַנק האָט אונדז פאַרכאַפּט.

און דאַמאָלס האָבן מיר דערהערט זייער דייטלעך אַרויסגעזאָגטע, אָפּהילכנדיקע דייטשישע ווערטער:

— אַכטונג!... צווייטעס געשיטץ!... שוס...

און פון הינטן האָט אַ האַרמאַטן-שאָס געענטפערט אויפן דאָזיקן טעלעפאָנישן באַפעל.

פאַרשטאַרונג און שרעק האָבן אונדז צוגעשמידט צום אָרט.

— ווו זיינען מיר ? אַ מיתה-משונה! ווו זיינען מיר ?

מיר האָבן געמאַכט האַלבקער, און אַ חוץ אַלעם גאָר פּאַמעלעך, ווייל מיר זיינען געווען שווער פון דער צו-גרויסער דערשיפונג און באַדויערונג, און מיר זיינען אַנטלאָפן, צעבראָכן פון מידקייט, ווי פון אַ גוזמא וווּנדן; צוגעצויגן צו דער פיינטלעכער ערד, האָבן מיר נאָך פאַרמאָגט פּונקט גענוג ענערגיע, כּדי אָפּצושטויסן דעם זיסן געדאַנק, אַרייַנצופאַלן דעם טויט אין די אָרעמס.

מיר זיינען אָנגעקומען אויף אַ מין גרויסער פלאַך. און דאָרט זיינען מיר געבליבן שטיין, זיך געוואָרפן אויף דר׳ערד, צופיסנס פון אַ בערגל. מיר האָבן זיך אָנגעשפּאַרט דערויף מיט די פּלייצעס, אומפעיק ווייטער צו מאַכן אַ טריט.

מיינע אומגעזעענע חברים און איך האָבן זיך מער נישט קיין ריר געטון. דער רעגן האָט אונדז געוואַשן ס׳פּנים. ער איז אונדז אַריינגערונען אין רוקן און אין ברוסט און, אַריינדרינגענדיק דורכן שטאָף בײַ די קני, האָט ער אָנגעפילט אונדזערע שיך.

מיטן טאָג צוגלייך וועלן מיר אפשר געהרגעט אָדער געפאַנגען ווערן. אָבער מ׳האָט וועגן גאָרנישט געקלערט. מיר האָבן גאָרנישט געקענט, גאָרנישט געוווּסט.

XXIV.

# דער באַגינען.

אויפן אָרט, ווו מיר זיינען אַנידערגעפאַלן, האָבן מיר בעוואַרט אויפן אָנקומען פון טאָג. און ער קומט, פּאַמעלעך, געפרוירן און פאַרחושכט, און בלייך צעגייט זיך אין מאַט-בלייכן רוים.

ס'האָט אויפגעהערט רעגענען. דער הימל איז אינגאַנצן אויסגערונען. די קלייפּאַרביקע פלאַך מיט אירע אָפּגעבלאַקעווע וואַסער-שפּיגלען זעט אויס ווי זי וואָלט אויפגעטויכט נישט בלויז פון דער נאַכט, נאָר אויך פון ים אַרויס.

האַלב-פאַרחלשט, האַלב פאַרשלאָפן עפענען מיר טיילמאָל אַן אויג און שליסן עס באַלד ווידער צו, געלעמט, צעבראָכן און פאַרשטאַרט פון קעלט, — און אַזוי קוקן מיר זיך צו צום אומגלייבלעכן ווידערגעבורט פון טאָגליכט.

ווו זיינען די אָקאָפּעס.

מען זעט אָזערעס, און צווישן די דאָזיקע אָזערעס מילך-פּאַסן פון שטייענדיק וואַסער.

ס'איז דאָ אָן אַן ערד מער וואַסער, ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט. דאָס וואַסער האָט אַלץ פאַרגאָסן, ס'האָט זיך איבער אַלץ אויסגעשפּרייט און די באַנאַכטיקע פאָרויסזאָגונגען פון די מענטשן זיינען מקוים געוואָרן: נישטאָ מער קיין אָקאָפּעס, די דאָזיקע קאַנאַלן — דאָס זיינען עס די פאַרפלייצטע אָקאָפּעס. אַלץ שטייט אונטערן וואַסער. דאָס שלאַכטפעלד שלאָפט נישט, עס איז טויט. דאָרט

ווייטער — אפשר לעבט נאָך עפעס, אָבער מען זעט נישט פון דאַנען אזוי ווייט אַוועק.

מיט מי הייב איך מיך האַלב אויף, כדי זיך אַרומצוקוקן, און שאָקל מיך דערביי ווי אַ קראַנקער. מיין מאַנטל דערדריקט מיך מיט זיין שרעקלעכער משא. לעבן מיר ליגן דריי שוידערלעך-פאַרמלאָזע געשטאַלטן, איינער פון זיי — פאַראַדיז; ער איז באַדעקט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן בלאָטע-פאַנצער און באַם גאַרטל, אויפן אָרט פון די פאַטראָנטאַשן, איז ער אָנגעדראָלן; ער דערהייבט זיך אויך. די איבעריקע שלאָפן און טוען זיך נישט קיין ריר.

און וואָס פאַר אַ שטילקייט! וואונדערלעך. קיין איינציקער שאָרך, אַ חוץ, פון צייט-צו-צייט, אַ פליעסק פון אַ פאַל אין וואַסער אַריין פון אַ שטיק ערד, וואָס רייסט איבער די דאָזיקע פאַנטאַסטישע פאַראַליזירטקייט פון דער וועלט. מע שיסט נישט... נישט קיין גראַנאַטן, זיי וואָלטן נישט אויפגעריסן, נישט קיין קוילן, ווייל די מענטשן...

די מענטשן, ווו זיינען די מענטשן?

ביסלעכוויז זעט מען זיי. נישט ווייט פון אונדז ליגן אַ פּאָר און שלאָפן, ווי געהרגעט, אויסגעשמירט פון קאָפּ ביז פיס מיט בלאָטע, פאַרוואַנדלט כמעט אין טויטע זאַכן.

אַ ביסל ווייטער דערזע איך נאָך אַנדערע, איינגעקאָרטשעטע, און ווי שנעקעס קלעבן זיי אַרום אַ קיילעכדיק בערגל, וואָס איז זיך האַלב טובל אין וואַסער. ס'איז אַן אומבאַוועגלעכע שורה פון רויע שטיקער, פון איינס לעבן ס'אַנדערע ליגנדיקע פעק דורכגעזאַפטע מיט וואַסער און בלאָטע, און זיי האָבן דעם אייגענעם קאָליר וואָס די ערד, מיט וועלכער זיי גיסן זיך צונויף.

איך טו מיר אָן אַ כּוח און רייס איבער די שטילקייט; איך רעד, איך זאָג צו פאַראַדיזן, וואָס קוקט אויך דאָרט אַהין:

— זײַנען זײ טױט?

— באַלד ע'לן מיר זען — זאָגט ער מיט אַ נידעריקע שטי־מע. — לאָמיר דאָ בלײַבן נאָך אַ װײַלע. באַלד װעלן מיר האָבן דעם מוט צו צוגײן אַ קוק טאָן.

מיר קוקן זיך בײדע אָן, דערנאָך װאַרפן מיר אַ בליק אױף יענע, װאָס האָבן זיך דאָ אַהערגעשלעפּט און זײַנען אַנידערגעפֿאַלן. אַנדערע פּנימער זײַנען אַזױ אױסגעמאַטערט, אַז דאָס זײַנען גאָר־נישט מער קײן פּנימער; עפּעס אַ ברודיקע זאַך, אַ פֿאַרװישטע און פֿאַרפֿײַניקטע, מיט צװײ בלוט־פֿאַרלאָפֿענע אױגן אינדערהײך. מיר האָבן זיך שױן געזען, זינט אָנהײב, אונטער אַלע מעגלעכע אױס־זעענס — און דאָך דערקענען מיר זיך אַצינד נישט מער.

פּאַראַדײַז דרײט אַװעק דעם קאָפּ און קוקט ערגעץ אַנדערש. פּלוצלינג זע איך, װי ער נעמט אײַנגאַנצן ציטערן. ער שטרעקט אױס אַן אומגעהײַערן אָרעם, באַדעקט מיט אַ בלאָטע־שאָלעכץ.

— דאָרט... דאָרט... — שטאַמלט ער אַרױס.

אױפֿן װאַסער, װאָס פֿאַרגיסט אַן אַקאָפּע און דערמיט פֿון אַ באַזונדערס צעהאַקט און צעלעכערט שטיק לאַנד, שװימען קײַלעכ־דיקע מאַסעס, װי פֿעלז־שטיקער.

מיר דערשלעפּן זיך אַהין. ס'זײַנען דערטרינקענע. זײערע קעפּ און זײערע אָרעמס טוּכן אין װאַסער. זײערע רוקנס מיטן לעדערװאַרג שטאַרן אַרױס איבער דער אױבערפֿלאַך פֿון דער קאַלעכדיקער פֿליסיקײט, און זײערע װאָפּנרעק פֿון בלױען סוך זײַנען אױפֿגעשװאָלן; די פֿיס זײַנען קרום אַרײַנגעזעצט אין די אױפֿגעבלאָזענע אונטערשענקלען, װי די שװאַרצע קלעצל־דיקע פֿיס, װאָס מע טשעפּעט־צו צו די אומפֿאָרמיקע לעדערפּאַ־יאַצלעך אױף אַ פֿאַרסרוגקענעם שאַרבן האַלטן זיך די האָר גלײַך אין װאַסער, װי װאַסערגראָזער, אָט סײַכט אױף אַ פּנים: דער קאָפּ

איז אָוועקגעלייגט אויפֿן ברעג און דער קערפּער פֿאַרשווינדט אין קבר. דאָס פּנים קוקט גלייך אין הימל אַריין. די אויגן זיינען צוויי ווייסע לעכער, ס׳מויל — אַ שוואַרץ לאָך. די געלע, אָנגעדראָלענע הויט פֿון דער דאָזיקער מאַסקע זעט אויס ווייך און געפּאַלדעוועט, ווי אַ קאַלט טייג.

דאָס ווייקן זיך אַזוי די וואַך-פּאָסטנס. זיי האָבן נישט געקענט זיך אַרויסגראַבלען פֿון דער בלאָטע. זייערע אַלע אָנשטרענגונגען אַרויסצוקריכן פֿון דעם דאָזיקן גרובן מיט די ליימיקע ווענט, וואָס האָט זיך פֿאַמעלעך, פֿאַטאַל אָנגעפּילט מיט וואַסער, האָבן זיי נאָך מער אַראָפּגעצויגן צום גרונט. זיי זיינען אומגעקומען, זיך פֿעסט-האַלטנדיק אָן דער ערד, וואָס האָט זיך זיי אַרויסגעגליטשט פֿון אונטער די הענט.

דאָרט זיינען אונדזערע ערשטע ליניעס און דאָרט די דייטשישע ערשטע ליניעס. איבער ביידע ליגט אַ שטילקייט, און ביידע ליגן אונטערן וואַסער.

מיר דערגייען ביז צו די דאָזיקע ווייכע רוינען. מיר גייען דורך אין דער מיט פֿון דעם, וואָס איז נאָך נעכטן געווען די אימהדיקע געגנט. מיר גייען דורך דעם שרעקלעכן צווישנרוים, וואָס בײַ זיין שוועל האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן דער מוראדיקער צעלאָז פֿון אונדזער לעצטן אָנגריף — ווו די קוילן און גראַנאַטן האָבן אין משך פֿון אַנדערהאַלבן יאָר נישט אויפֿגעהערט דורכצואַקערן דעם חלל, און ווו זייער דורכשניידנדיקער גאָס-רעגן האָט זיך די לעצטע טעג ווילד געקרייצט איבער דער ערד פֿון איין האָריזאָנט צום אַנדערן.

אַצינד איז עס אַן איבערנאַטירלעך פֿעלד פֿון מנוחה. דער באָדן איז אומעטום באַדעקט מיט פֿלעקן פֿון שלאָפֿנדיקע באַשעפֿענישן, אָדער אַזעלכע, וואָס רירן זיך פֿאַמעלעך, הייבן אויף

אַ האַנט, אַ קאָפּ און קערן זיך אום צום לעבן, אָדער האַלטן באַם שטאַרבן.

די פּיינטלעכע אָקאָפּע פאַרענדיקט דאָס פאַרזינקען ווערן אין זיך גופא, אין שויס פון גרויסע בערגלעך און זומפּיקע אויס-הוילונגען, באַדעקט מיט בלאָטע, און די אָקאָפּע שטעלט פאַר מיט זיך אַ שורה פון קאַלוזשעס און וואַסער-גריבער. ערמערווייז זעט מען, ווי ס'רירן זיך, ברעקלען און לאָזן זיך אַראָפּ די נאָך איבער-געבליבענע, אַראָפּהענגענדיקע ברעגעס. אויף איין אָרט קען מען זיך איבער איר אַריבערבייגן.

אין דעם דאָזיקן שווינדלדיקן עיגול פון בלאָטע, זעט מען נישט קיין גופים. אָבער אָט דאָרט, שטאַרט נאָך שרעקלעכער ווי אַ טויטער גוף, אַרויס אַן אָרעם, איינזאַם, נאַקעט, בלייך ווי אַ שטיין, שטאַרט אַרויס פון אַ לאָך, וואָס צייכנט זיך מטושטשדיק דורכן וואַסער אין אַ גרובן-וואַנט. דער מענטש איז פאַרשיט געוואָרן אין זיין זיכערהייל און האָט קוים צייט געהאַט אויסצושטרעקן דעם אָרעם.

פון גאָר נאָענט באַמערקט מען, אַז די ערד-בערגלעך, וואָס ציען זיך איבער די רעשטלעך פון די גרובן-וואַלן פון דאָזיקן דער-שטיקטן אָפּגרונט, זיינען מענטשלעכע באַשעפענישן. זיינען זיי טויט? שלאָפן זיי? מע ווייסט נישט, יעדנפאַלס, רוען זיי.

זיינען עס דייטשן, אָדער פראַנצויזן? מע ווייסט נישט.

איינער פון זיי האָט אויפגעעפנט די אויגן און קוקט אונדז אָן, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. מיר זאָגן צו אים:

— פראַנצויז?

דערנאָך:

— דייטש.

ער ענטפערט נישט, ער פאַרמאַכט צוריק די אויגן און פאַר-זינקט ווידער אין זיין טויט-שלאָף. מיר זיינען קיינמאָל נישט דער-גאַנגען ווער ס'איז געווען.

מען קען נישט פעסטשטעלן די אידענטיטעט פון די דאָזיקע שפּעניש: נישט אָן זייער אָנטועכץ, וואָס איז באַדעקט מיט אַ געדיכטער בלאָטע-הילע; נישט אָן זייער קאָפּ-באַדעקונג: זיי זיינען אין די בלויזע קעפּ, אָדער איינגעוויקלט אין וואָלציייג און שטעקן אין באָסע, שטינקענדיקע מיצלעך; נישט אָן געווער; זיי האָבן נישט בא זיך די ביקס, אָדער זייער האַנט גליטשט זיך איבער עפּעס אַ זאַך, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעשלעפּט, עפּעס אַן אומפאָרמיקע און קלעפּיקע מאַסע, וואָס איז ענלעך צו אַ מין פּיש.

די דאָזיקע אַלע מענטשן, מיט די מתים-פּנימער, וואָס ליגן דאָ פאַר אונדז און הינטער אונדז, וואָס אַנטגייען אָן כּוחות, אָן אַ וואָרט, ווי אָן אַ פּיצל ווילן, די דאָזיקע אַלע מיט ערד באַלאָדנטע מענטשן, און וועלכע טראָגן, אַזוי צו זאָגן, אויף זיך זייער אייגן קבר, זיינען ענלעך צו זיך, ווי זיי וואָלטן געווען נאַקעט. פון דער דאָזיקער פורכטבאַרער נאַכט טויכן אויף פון איין זייט, אָדער פון דער אַנדערער, אייניקע איבערגעבליבענע, אָנגעטון פּינקטלעך אין זעלבן אוניפאָרם פון עלנט און שמוץ.

ס'איז דער סוף פון אַלץ. עס איז דער אומגעהייערער איבעררייס אויף אַ ווײַלע, דאָס עפּישע אויפהערן פון דער מלחמה.

געווען אַ צייט, ווען איך האָב געגלייבט, אַז דאָס ערגסטע גיהנום אין דער מלחמה זיינען די פלאַמען פון די גראַנאַטן, דערנאָך האָב איך אַ לאַנגע צייט געמיינט, אַז דאָס גיהנום איז דאָס דערשטיקט ווערן אין די ערד-לעכער, וואָס פאַרשליסן זיך איבער אונדז תּמיד. אָבער ניין, דאָס גיהנום איז — דאָס וואַסער.

ס'רייסט זיך אָפּ אַ ווינט. ער איז פראָסטיק, און זיין אייזקאַלטער אָטעם דרינגט אונדז טיף אין לייב אַריין. איבער דער וואַסערדיקער, חרוב-געוואָרענער פלאַך, ווו די מתים ליגן אין ווערעמאַרטיקע וואַסערן, ווי פליגן-פלעקעלעך, צווישן אירע מענטשן-אינזעלעך, אומבאַוועגלעכע, וואָס זיינען צוזאַמענגעקלעבט, ווי שרצים,

איבער דעם דאָזיקן כאַאָס, וואָס פאַלט איין און זינקט, זעט מען זיך ריינצלען לייכטע, וועלענדיקע באַוועגונגען. ס'רירן זיך פון אָרט פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, פּאַסן, שטיקלעך קאַראַוואַנען, וואָס באַשטייען פון גרופּקעלעך מענטשן, איינגעבויגענע אונטער דער לאַסט פון זייערע העלמען און בלאָטע־פאַרטעכער, און זיי שלעפּן זיך, צע־שטרייען, צעקריכן אין פאַרטונקלטן ווידערשיין פון הימל. דער באַגינען איז אַזוי ברידיק, אַז ס'דאַכט זיך, דער טאָג איז שוין פאַרביי.

די דאָזיקע לעבנגעבליבענע וואַנדערן איבער דער דאָזיקער אומעטיקער סטעפּ, געיאָגט פון אַן אומבאַשרייבלעך אומגליק, וואָס נעמט צו באַ זיי ס'חיות און דערשטיקט זיי — זען זיי אויס קלאָ־געדיק, און טייל, ווען מע דערזעט זיי עטוואָס בולטער, דראַמאַטיש קאָמיש, האַלב אויסגעטון דורכן איינזינקען, פאַר וועלכן זיי אַנט־לויפן נאָך.

פאַרבייגייענדיק, קוקן זיי זיך אַרום, באַטראַכטן אונדז, דער־נאָך דערקענען זיי אין אונדז מענטשן און רעדן צו אונדז אין ווינט אַריין:

— דאָרט איז נאָך ערגער ווי דאָ. מענטשן פאַלן אין די לעבער־אַריין און מע קען זיי נישט אַרויסשלעפּן. אַלע די, וואָס האָבן באַנאַכט געשטעלט אַ פוס אויפן ראַנד פון אַ גראַנאַטן־לאָך זיינען אומגעקומען... דאָרט, פון וואַנען מיר קומען, קענסטו זען אַן איינ־געזונקענעם קאָפּ, וואָס רודערט מיט די אָרעמס; האָסט דאָרטן אַ אַ וועג באַדעקט מיט צוויי־געפלעכטן, וואָס האָבן ערטערווייז נאָכ־געלאָזט און זיינען דורכגעלעכערט — איז דאָס אַן אמתע מייז־קלאַס־קע פאַר מענטשן. דאָרט, ווו ס'איז נישטאָ מער קיין צווייג־געפלעכטן, שטייט דאָס וואַסער צוויי מעטער הויך... היינט די ביקסן! טייל האָבן זיי איינגעלאָזט נישט געקענט אַרויסציען. קוק נאָר אָן די־דאָ: די אונטערשטע העלפטן פון זייערע מאַנטלען האָט מען געמוזט

אָפּשניידן — אַ כפרה די קעשענעס — כדי זיי אַרויסצוציִען, און חוץ דעם, האָבן זיי נישט געהאַט קיין כּוח צו שלעפּן אויף זיך אַזאַ משא... צום מייִנסט האָט מען אינגאַנצן אַראָפּגעצויגן דאָס מאַנטל, עס האָט אוודאי געווויגן אַ פערציק קילאָ: אין צווייען האָבן מיר עס קוים, קוים געקענט דערהייבן מיט ביידע הענט... נאַ, דער דאָ, ביז אין דער העלפט נאַקעט און באָרוועס, ס'האָבן אַלץ אַראָפּגעריסן, די הויזן, די גאַטקעס, די שיך, — אַלץ האָט די ערד אַראָפּגעריסן. מ'האָט נאָך קיינמאָל עפּעס אַזוינס נישט געזען.

און צעשטרייט, ווייל די דאָזיקע אַרומשלעפּער האָבן אונטער זיך נאָך אַרומשלעפּער, אַנטלויפן זיי אין אַן אַלגעמיינער בהלה, און זייערע פיס רייסן אַרויס פון דער ערד מאַסיווע בלאָטע־וואָרצלען. מע זעט, ווי ס'ווערן נעלם די, פון ערגעץ אָנגעיאָגטע, מענטשן, און די קלעצלעך, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר אין זייערע אומגעהייערע מלבושים, ווערן אַלץ קלענער.

מיר שטייען אויף. ווען מיר שטייען, ציטערן מיר ווי די ביימער פון אייזיקן ווינט.

מיט קורצע שריט גייען מיר ווייטער. מיר פאַרקערעווען אַן אַ זייט, צוגעצויגן דורך אַ מאָדנער מאַסע פון צוויי צונויפגעגאָסענע מענטשן, אַקסל בײַ אַקסל, איינעמס אָרעמס נעמען אַרום דעם אַנדערנס האַלדז. איז עס אַ געראַנגל צווישן צוויי קעגנער, וואָס האָבן זיך איבער דעם אַנדערן אַוועקגעהרגעט און אַזוי זיך צוזאַמענגבאַהאַפטן אויף אייביק, אומפעיִק זיך אָפּצולאָזן? ניין, ס'זיינען צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעלענט איינער אָן אַנדערן, כדי צו שלאָפן. אַזוי ווי זיי האָבן זיך נישט געקענט אַוועקלייגן אויף דער ערד, וואָס איז אַוועקגעקומען פון אונטער זייערע פיס און געוואַלט זיך אויף זיי לייגן, האָבן זיי זיך איינגעבויגן איינער צום אַנדערן, זיך פעסט אַרומגענומען און אַזוי אַנטשלאָפן געוואָרן, ביז די קני פאַרזונקען אין ליים.

מיר האָבן דרך-ארץ פאַר זייער אומבאַוועגלעכקייט, און מיר דערווייטערן זיך פון דער דאָזיקער טאָפּלטער סטאַטוע פון מענטשלעכן עלנט.

דערנאָך בלייבן מיר אַליין אויף שטיין. מיר האָבן איבערגעשאַצט אונדזערע כּוחות. מיר זייַנען נאָך נישט אימשטאַנד ווייטער צו גיין. ס'איז נאָך נישט דער סוף. און ווידער לאָזן מיר זיך פאַלן אין א זומפּיקן לאָך מיט אַ געוויש פון אַ פאַלגדיקן מיסט-באַרג.

מיר פאַרמאַכן די אויגן. פון צייט-צו-צייט עפנט מען זיי.

מיט וואַקלדיקע טריט קומען אָנצוגיין עפּעס מענטשן. זיי בייגן זיך איין איבער אונדז און רעדן מיט אַ שטילער, מידער שטימע. איינער פון זיי זאָגט:

— זי זינד טאָט. וויר בלייבען היער.

— יאָ — ענטפערט דער אַנדערער, ווי אַ זיפץ.

אָבער זיי זען, אַז מיר באַוועגן זיך. דאַן פאַלן זיי, כּהרף-עין, אַנידער פאַר אונדז. דער מיט דער שטילער, מאַטער שטימע ווענדט זיך צו אונדז:

— נו לעוואָן לע בראַ (מיר הייבן אויף די אָרעמס) — זאָגט ער. און זיי טון זיך מער קיין ריר נישט.

דערנאָך ציִען זיי זיך אויס ווי גרויס זיי זייַנען — דערלייכטערט, און, גלייך דאָס וואָלט שוין געווען דער סוף פון זייערע צרות, פאַרלירט איינער פון זיי, מיט אַ פּנים באַמאָלט מיט בלאָטע, ווי אַ ווילדער, אַ שמייכל.

— בלייב דאָ — זאָגט צו אים פאַראַדיז, נישט טוענדיק קיין ריר מיטן קאָפּ, וואָס ליגט אָנגעשפּאַרט מיטן נאַקן אויף עפּעס אַ בערגל, — וועסט שפּעטער מיט אונדז מיטגיין, אויב וועסט וועלן.

— יאָ — ענטפערט דער דייטש — כ'האָב עס די וואָטער מ'ענטפערט אים גאָרנישט.

ער זאָגט:

די אַנדערע אויך?

— יאָ — זאָגט פּאַראַדיז — זיי קענען אויך בלייבן, אויב זיי ווילן.

פיר זייגען זיי, וואָס האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דר'ערד. איינער פון זיי נעמט כאָרכלען. עפּעס אַ כליפּענדיק געזאַנג גייט אַרויס פון זיין מויל. דאַמאָלס זעצן זיך די איבעריקע האַלב אויף, אויף די קני, אַרום אים און גלאָצן מיט גרויסע אויגן אין זייערע בלאַסע-אויסגעשמירטע פּנימער. מיר דערהייבן זיך און קוקן זיך צו צו דער דאָזיקער סצענע. אָבער דאָס כאָרכלען לעשט זיך אויס, און דער שוואַרצלעכער גאָרגל, וואָס בלויז ער אַליין האָט זיך גערירט ווי אַ קליין פייגעלע אויף יענעם גרויסן קערפּער, בלייבט אומבאַוועגלעך.

— ער איסט טאָט — זאָגט איינער פון זיי.

נאָך עטלעכע זעלנער קומען אָנצוגיין. זיי מאַכן פאַלשע טריט, שטעלן זיך אַלעמאָל פּלוצלינג אָפּ, ווי שיכורים, אָבער ריטשן זיך ווי ווערעם און דערשלעפּן זיך ביז אַהער, דאָ זיך אָפּצוראַטעווען, אין דעם לאָך, וווּ מיר ליגן שוין איינגעמויערט, און מיר ווערן אַנטשלאָפן אַלע אינייגעם אין דעם בשותפותדיקן קבר.

* *
*

מיר דערוואַכן. פּאַראַדיז מיט מיר קוקן זיך אָן, און מען נעמט צונויף די געדאַנקען. מיר קומען צוריק אַריין אין לעבן און אין טאָג-ליכט, ווי אין אַ קאָשמאַר. פאַר אונדזערע אויגן ווערט ווי-דער געבוירן די חרובדיקע פלאַך, וווּ ס'שטאַרן אַרויס מטושטשדי-קע פאַרגאָסענע בערגלעך; די שטאָלענע פלאַך, ערטערווייז פאַרזשאַ-ווערט, וווּ ס'גלאַנצן וואַסער-פּאַסן און פלעקן און עס ליגן אין דער אומענדלעכקייט דאָ און דאָרט צעזייט, ווי מיסט-הייפלעך, פאַרניכ-טעטע קערפּערס, וואָס עטעמען אָדער צעפוילן דאָ.

פאַראַדיז זאָגט צו מיר:

— אָט דאָס איז מלחמה.

— יאָ, אַזוי איז עס, דאָס איז מלחמה — חזרט ער איבער מיט אַ ווייטער שטימע. — אַזוי, נישט עפּעס אַנדערש.

ער וויל זאָגן, און איך פאַרשטיי עס צוזאַמען מיט אים:

„נאָך מער ווי די אַטאַקעס, וואָס זיינען ענלעך צו פּאַראַדן, נאָך מער ווי די גרויסע שלאַכטן, וואָס צעוויקלען זיך ווי אָריפלאַמען, נאָך מער אַפילו ווי אַ גאַנט-געראַנגל, ווו מען פאַרשרייט זיך משוגענערווייז, נאָך מער ווי דאָס אַלץ איז די דאָזיקע מלחמה: עס איז די שרעקלעכע, איבערנאַטירלעכע מידעקייט, און וואַסער ביזן נאָפּל, און בלאָטע, און מיסט, און געמיינער שמוץ. עס איז די פאַרשימלטע פּנימער, און די צעפליקטע לייבער, און די מתים, וואָס זיינען אַפילו נישט ענלעך צו קיין מתים, וואָס שווימען איבער דער געפרעסיקער ערד. דאָס איז מלחמה; יענע אומענדלעכע איינטעניקייט פון עלנט, איבעררגעריסן פון ווילדע טראַגעדיעס, אָט דאָס איז זי, און נישט דער באַגנעט, וואָס בליצט-אויף ווי זילבער, אויך נישט דער האָן-קריי פון דער טראָמפּייט אין זון-ליכט“.

פּאַראַדיז האָט וועגן דעם אַלעם אַזוי טיף געטראַכט, אַז ער האָט אַזש מעלה-גרה געווען עפּעס אַ דערינערונג און געמורמלט:

— דערמאָנסט דיך אָן יענער פרוי אין שטאָט, ווו מיר האָבן נישט לאַנג צוריק געמאַכט אונדזער אויספלוג, ווי זי האָט דאָס גערעדט וועגן אַטאַקעס, דערביי אַזש געשלונגען דעם גאַווער און געזאָגט: „ס׳מיז גרויסאַרטיק שיין אויסזען!...“

אַ יעגער, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן בויך, פלאַטשיק ווי אַ מאַנטל, האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אומווירדיקן שאָטן, וואָס האָט אים אַרומגענומען, און אויסגעשריגן:

— שיין! האַ! אַ מפּלה! — ס׳איז פּונקט אַזאַ שטייגער, ווי

אַ קו וואָלט געזאָגט: „ס'מוז גרויסאַרטיק שיין אויסזען, ווי מע שרייבט די סטאַדעס אָקען אין לאַ-ווילעט-שעכט-הויז אַריין!"

און דאָס פאַרפּאַטשקעטע מויל פון זיין פּנים, ווי פון אַ געשגרטע בהמה, האָט אַ שפּיי געטון אַ ביסל בלאָטע.

— ווען מע זאָגט כאָטש „מע מוז אַזוי" — וואָרטשעט ער מיט אַן אָפּגעהאַקט, צעפליקט, שמוצטעוואַטע קול. — מסכּים, אָבער שיין! האַ! אַ מפּלה אויף זיי!

ער האָט זיך געוועלט קייגן דעם דאַזיקן געדאַנק, און ער גיט צו אויפן קול:

— אָט, אַז מע קומט צוגיין מיט אַזעלכע דבורים, הייסט עס פּשוט, מע פייפט אויף דיר, ווי גרויס דו ביסט, ביזן בלוט אַריין!

און ער האָט ווידער אויסגעשפּיגן; די אָנשטרענגונג, וואָס ער האָט געמאַכט, האָט אים אָבער דערשעפּט און ער איז צוריקגעפאַלן אין זיין בלאָטע-באָד און האָט אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אין שפּייעכץ אַריין.

* * *

פּאַראַדיז, וואָס דער געדאַנק האָט אים כּסדר געפּלאָגט, האָט אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבער דעם אומבאַשרייבלעך-ברייטן לאַנדשאַפט און, מיט אַ פאַרשטאַרט אויג, איבערגעחזרט זיין זאָץ:

— אָט דאָס איז מלחמה... און אומעטום איז עס אַזוי. און וואָס זיינען מיר דאָ אַלע, און וואָס איז דאָ אַלץ אַרום? אַ גאָרנישט, אַלץ, וואָס דו זעסט דאָ, איז נישט מער ווי אַ פּינטל. בעם דיר גוט אין זינען אַריין, אַז דעם היינטיקן אינדערפרי האָסטו אויף דער וועלט דריי טויזנט קילאָמעטער מיט פּונקט אַזעלכע אומגליקן, אָדער כּמעט אַזעלכע, אָדער נאָך ערגערע.

— און נאָך אַלעמען — זאָגט דער חבר, וואָס ליגט לעבן אונדז און וועלכן מען דערקענט אפילו נישט לויטן קול, וואָס ער

פֿאַזט אַרויס — מאָרגן הייבט זיך אָן די מעשה אויפֿסניי. אַזוי ווי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אייערנעכטן און אַלע אַנדערע טעג!

דער יעגער האָט מיט מי אַרויסגעריסן זיין קערפּער פֿון דער ערד, ווי ער וואָלט זי צעריסן; אונטער זיך האָט ער אָפּגעדריקט אַן אויסהוילונג, ענלעך צו אַ פּייכטן מתים-אָרון, און ער האָט זיך אויפֿגעזעצט אין דעם דאָזיקן לאָך. ער בלינצלט מיט די אויגן, שאָקלט מיטן פּנים, כדי אָפּצוטרייסלען דערפֿון די בלאָטע, און זאָגט:

— דאָס מאָל וועלן מיר נאָך אַרויס. און, ווער ווייסט, אפשר וועלן מיר נאָך מאָרגן אויך אַרויס! ווער קען וויסן.

פּאַראַדיז זוכט, מיט אַ געבויגענעם רוקן, אונטער אַ שיכט פֿון מיסט און ליים, אַן אויסדרוק פֿאַר זיין געדאַנק, אַז אַ מלחמה, דאָס איז אוממעגלעך זיך פֿאָרצושטעלן און איז נישט צום דערמעסטן אין צייט און רוים.

— ווען מען וויל רעדן וועגן דער גאַנצער מלחמה — טראַכט ער אויפֿן קול — איז פּונקט ווי מע וואָלט גאָרנישט געזאָגט. דאָס דערשטיקט די ווערטער. זיצט מען און מע קוקט אַזוי ווי בלינדע...

אַ ביסל פֿון די דערווייטנס האָט זיך אַהערגעקאָלערט אַ באַס-שטימע:

— ניין, מע קען זיך עס נישט פֿאָרשטעלן.

די דאָזיקע ווערטער זיינען איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ פּלוצלינקן אויסברוך פֿון געלעכטער.

— בכלל, אויב מ׳איז נישט געווען דערביי, ווי אַזוי זאָל מען זיך עס פֿאָרשטעלן?

— מע וואָלט געמוזט זיין משוגע צום טויט! — זאָגט דער יעגער.

פּאַראַדיז האָט זיך איינגעבויגן איבער אַן אויסגעצויגענער מאַסע, וואָס איז געלעגן לעבן אים.

— שלאָפֿסט?

— נײן, אָבער כ'ריר מיך נישט — האָט באַלד טעמפּ אַרויסגעברומט אַ דערשטיקט און דערשראָקן קול פֿון דעם מאַסע, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטער, שליאַמיקער און אַזאַ הויקערדיקער הילע, אַז זי האָט אַזש אויסגעזען ווי צעטרעטן. — כ'על דיר זאָגן: מיר דאַכט זיך, כ'האָב אַ לאָך אין בויך. אָבער כ'ווייס נישט אויף זיכער און כ'האָב מוֹרא צו וויסן.

— לאָז אַ קוק טון...

— נײן, נאָך נישט אַצינד — ענטפֿערט יענער. — כ'וויל נאָך ליגן אַזוי אַ ביסל.

די אַנדערע האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן, מיט אַ פּליעסקען, זיך געריטשט אויף די עלנבויגנס און גענומען אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די גיהנומדיקע, טײגיקע דעק, וואָס האָט זיי געדריקט. ביסלעכווייז האָט אויפֿגעטייעט די פּאַראַליזירטקייט פֿון קעלט אין דעם דאָזיקן הייפֿל פֿון מאַרטירער, כאָטש איבער דער גרויסער, אומרעגלמעסיקער קאַלוזשע, ווו די פֿלאַך לאָזט זיך אַראָפּ, איז די קלאָרקייט נישט גרעסער געוואָרן. דער צער האָט זיך ווייטער געצויגן, אָבער נישט דער טאָג.

איינער פֿון אונדז, וואָס רעדט טרויעריק ווי אַ גלאָק, זאָגט:

— ווּעסט קענען כ'ווייס נישט ווי דערציילן, מ'עט דיר נישט גלייבן, נישט מחמת שלעכטקייט אָדער ווייל מ'עט דיך וועלן אויסלאַכן, נײן, נאָר ווייל מ'עט פּשוט נישט קענען. ווען וועסט שפּעטער דערציילן, אויב דו לעבסט נאָך און קענסט רעדן אַ וואָרט: „מיר האָבן געאַרבעט בײַ נאַכט-אַרבעטן, האָט מען אונדז באַשאָסן, דערנאָכדעם זײַנען מיר שיִער נישט פֿאַרזינקען געוואָרן אין בלאָטע", וועט מען דיר ענטפֿערן: „אַזוי!" אפֿשר זאָגט גאָר איינער: „ס'איז אייך מסתּמא נישט אָנגעגאַנגען קיין געלעכטער בײַ אַזאַ עסק". און פּטור. ס'וועט גאָר קיינער נישט האָבן קיין צונג. בלויז דו אַליין.

— ניין, אפילו מיר אַליין אויך נישט, מיר אַליין אויך נישט! — שרייט איינער.

— איך זאָג אויך אַזוי, ווי דו: מיר וועלן פאַרגעסן, מיר... מיר פאַרגעסן שוין אַצינד!

— מיר האָבן זיך צופיל אָנגעזען!

— און איטלעכע זאַך, וואָס מ'האָט געזען, איז געווען צופיל. מיר זיינען גאָרנישט ביכולת דאָס אַלץ צו געדענקען... ס'רינט דיר אויס דורך אַלע זייטן; מ'איז צו קליין דערצו.

— און אַ שפּאַר ביסל וועט מען פאַרגעסן! נישט דווקא דאָס לאַנגע דויערן פון גרויסן עלנט, וואָס איז, ווי דו זאָגסט, נישט צום באַרעכענען מיט דער צייט, אין וועלכער דאָס דויערט שוין; נישט דווקא די מאַרשן, וואָס אַקערן דורך די ערד אַלץ איניינעם, קוועטשן אָפּ די פיס, זייגן אויס דעם מאַרך פון די ביינער אונטער דער משא פון געפּעק, וואָס וואַקסט, דאַכט זיך, ביזן הימל אַריין; נישט דווקא די מידעקייט, וואָס געדענקסט אַזש נישט צוליב איר, ווי דו הייסט, דאָס שפּרייזן אויפן אָרט און די אומבאַוועגלעכקייט, וואָס צעבּרעכט דיך, די אַרבעטן, וואָס שטייגן איבער די כּוחות, דאָס וואַכן אָן אַ סוף, ווו דו לויערסט אויפן פיינט, וואָס איז אומעטום אין דער נאַכט, און דאָס ווערן זיך קעגן שלאָף, — און דיין קאָפּ-קישעלע פון מיסט און לייז — נישט דווקא דאָס, נאָר אַפילו יענע פּאַסקודנע געשיכטעס, ווו דו האָסט שוין די טשעמאָדאַנעס און די מיטראַליעזן, מינעס, שטיקנדיקע גאַזן, רעגן-אָנגריפן. אין ערשטן אויגנבליק איז מען פול מיטן איינדריק פון דערווירקלעכקייט און ס'איז ריכ־טיק אַזוי. אָבער דאָס אַלץ צעגייט זיך אייך און ווערט אויס, מע ווייסט נישט ווי-און-ווען און ס'בלייבן נישט מער, ווי נעמען און ווער־טער פון די זאַכן, ווי אין אַ קריגס-באַריכט.

— ס'איז אמת, וואָס ער זאָגט — מאַכט איינער, נישט רירנ־דיק מיט זיין קאָפּ אין קונע. — ווען כ'בין געווען אויף אורלויב,

האָב איך באַמערקט, אַז כ'האָב שוין אַ סך, אַ סך פאַרגעסן פון מיין פריערדיקן לעבן. ווען כ'האָב איבערגעלייענט מיינע אייגענע בריוו, איז מיר פאָרגעקומען, ווי כ'וואָלט געלעזן אַ בוך. און פונדעסטוועגן, אַ חוץ דעם אַלעמען, האָב איך אויך פאַרגעסן, וואָס כ'האָב מיך אָנגעליטן אין דער מלחמה. מיר זיינען פאַרגעס-מאַשינען. אַ מענטש, דאָס איז אַ זאַך, וואָס דענקט אַ ביסל און דערהויפּט, וואָס פאַרגעסט. אָט דאָס איז דער מענטש.

— הייסט עס, נישט אַנדערע, נישט מיר! אַזוי פיל אומגליקן געגאַנגען לאבוד!

די דאָזיקע פּערספּעקטיוו האָט נאָך פאַרגרעסערט דעם עלנט פון די דאָזיקע באַשעפענישן, ווי אַן אָנזאָג פון נאָך אַ גרעסער אומגליק, און זיי נאָך טיפער אַראָפּגעדריקט אין מבולדיקן זומפּ.

— אַ! ווען מע זאָל אַזוי אַלץ געדענקען! — רופט אויס איינער.

— ווען מע זאָל געדענקען, וואָלט מער קיין מלחמה נישט געווען!

אַ דריטער האָט צוגעגעבן פריילעך:

— יאָ, אויב מע זאָל געדענקען, וואָלט די מלחמה געווען קנאַפּער נוצלאָז, ווי זי איז.

אָבער דאָ האָט זיך איינער פון די ליגנדיקע לעבנגעבליבענע מיטאַמאָל אַ זעץ אויף געטון אויף די קני, געמאַכט אויף אַלע זייטן מיט זיינע בלאָטיקע אָרעמס, פון וועלכע די בלאָטע איז אַראָפּגעפאַלן, און שוואַרץ ווי אַ גרויסע קלעפּיקע פלעדערמויז, האָט ער טעמפּ אויסגעשריגן:

— מע דאַרף נישט מער קיין מלחמה נאָך דער איצטיקער!

אין דעם דאָזיקן בלאָטיקן ווינקל, וווּ מיר זיינען, נאָך שוואַכע און אוממעכטיקע, געפּאַטשט געוואָרן פון אַזעלכע מעכטיקע, האַסטיקע און שטאַרקע ווינט-בלאָזן, אַז דער גאַנצער אויבערפלאַך פון

באַדן האָט אין אונדזערע אויגן זיך געוואַקלט ווי אַ מפּולת, האָט דער אויסגעשריי פון דעם דאָזיקן מענטש, וואָס האָט אויסגעזען צו ווערן אָוועקפליִען, אויפגעוועקט ענלעכע אויסגעשרייען:

— מע דאַרף נישט מער קיין מלחמה נאָך דער איצטיקער!

די פינסטערע בייזע אויסגעשרייען פון די דאָזיקע מענטשן, צוגעבונדענע צו דער ערד, דורכגעדרונגענע מיט ערד, זייַנען אויפגעשטיגן און זיך געטראָגן אין ווינט ווי פליגל־קלעפּ:

— אויס מלחמה, אויס מלחמה!

— יאָ, שוין גענוג!

— און אויך איז עס צו נאַריש... ס'איז צו נאַריש — האָט מען געמורמלט. — און וואָס באַטייט דען דאָס אַלץ, אין תוך גע־נומען, — אָט דאָס אַלץ, וואָס מע קען נישט אַרויסרעדן!

זיי האָבן געוואָרטשעט, געמרוקעט ווי די ווילדע חיות אויף זייער מאָדנעם אייזגעזעס, וואָס די יסודות פון דער נאַטור האָבן זיך געריסן דעריבער — פאַרוואָלקנטע, שמאַטעוואַטע מאַסקעס. די עמפּערונג, וואָס האָט זיי אונטערגעהויבן, איז געווען אַזוי געוואַל־טיק, אַז זיי האָבן זיך אַזש געשטיקט מיט איר.

— מ'איז באַשאַפן געוואָרן צום לעבן, און נישט אַזוי צו־ פגרן!

— די מאַנספּאַרשוינען זייַנען באַשאַפן געוואָרן צו זיין מע־ נער און פעטער — מענטשן, מיט איין וואָרט! -- און נישט צו זיין חיות, וואָס יאָגן זיך איינס ס'אַנדערע, רייסן זיך באַם גאָרגל און פאַרפּעסטן זיך.

— און אומעטום, אומעטום זייַנען עס בלויז חיות, ווילדע חיות, אָדער צעטרעטענע חיות. קוק זיך אַרום, קוק!

... כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס בילד פון די דאָזי־ קע גרענעצלאָזע פעלדער, וואָס דאָס וואַסער האָט אויף זייער אוי־ בערפלאַך צעפרעסן די פאַרבן, די שטריכן, די בּולטקייטן, וואָס

ווייערע פאָרמען, אָנגעגריפן פון דער פליסיקער צעפוילטקייט, האָבן זיך צעבראָקלט און זייַנען צערונען אויף אַלע זייטן צווישן די צעבראָכענע סקעלעטן פון די דרענגלען, צווישן דראָטן, האָלץ-געשטעלן — און איבער דעם אַלעם, צווישן די פינסטערע אומגעהייערקייטן פון סטיקס, די זעונג פון דאָזיקן אויפצאַפּלען פון שכל, פון לאָגיק און פשטות, וואָס האָט פּלוצלינג אויפגעטרייסלט די דאָזיקע מענטשן, ווי אַ משוגעת.

מ׳האָט בפירוש געזען, ווי דער דאָזיקער געדאַנק פייניקט זיי: אַז נעמלעך דער פּאַרזון צו לעבן אויף דער ערד זיין לעבן און צו זיין גליקלעך, איז נישט בלויז אַ רעכט, נאָר אַ פליכט — און אפילו אַן אידעאַל און אַ טוגנט; אַז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז נאָר דערצו באַשאַפן געוואָרן, כדי ס׳זאָל זיין אַ פאַרלייכטערונג פאַר איטלעכן אינעווייניקסטן הויז-לעבן.

— לעבן!...

— מיר!... דו... איך...

— אַ סוף צו די מלחמות. אַ! ניין, ניין... ס׳איז צו נאַריש!... ס׳איז נאָך ערגער ווי נאַריש, ס׳איז צו...

דאַמאָלס דערטראָגט זיך אַ וואָרט ווי אַן עכאָ פון זייער משושטשדיקן געדאַנק, פון זייער צעבראָקלטן, בישט-אויסגעטראָגענעם מאַסן-געמורמל... כ׳האָב געזען זיך אויפהייבן אַ בלאָטע-באַקרייַנטן שטערן, און דאָס מויל האָרט לעבן דער ערד האָט אַרויסגעזאָגט:

— צוויי אַרמייען, וואָס קעמפן צווישן זיך, דאָס איז איין גרויסע אַרמיי, וואָס קוילעט זיך אַליין אויס!

*   *
*

און טאַקע אין אמתן, וואָס זייַנען מיר זינט צוויי יאָר? אָרימע, אומגלייבלעך אומגליקלעכע, אָבער אויך ווילדע, נידערטרעכטיקע, באַנדיטן, אויסוואורפן.

— נאָך ערגער ווי דאָס! — מרוקעט איינער, וואָס קען נישט קיין אַנדערן אויסדרוק.

— יאָ, כ׳בין מיד.

אין דער וויסטער שטילקייט פון דעם דאָזיקן פרימאָרגן האָבן די דאָזיקע מענטשן, וואָס די מידעקייט האָט זיי געהאַלטן ווי מיט צוואַנגען, דער רעגן האָט זיי געפּאַטשט, פאַרמאַטערטע פון אַ גאַנצער שטורם-נאַכט, די דאָזיקע ניצול-געוואָרענע פון פייער און וואַסער, אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, ווי ווייט די מלחמה איז אָפּשיילעך סיי מאָראַליש, סיי פיזיש, און נישט זי שענדט דעם געזונדטן פאַרשטאַנד, פאַרשוועכט די דערהויבענע אידעען, פאַראורזאַכט אַלע פאַרברעכנס — נאָר זיי האָבן זיך אויך אָנגעהויבן דערמאָנען, ווי אַזוי זי האָט אַנטוויקלט אין זיי און אַרום זיי אַלע בייזע אינסטינקטן אָן שום אויסנאַם: אַ רשעות ביז סאַדיזם, און עגאָיזם ביז גרויזאַמקייט, אַ באַדערפעניש ביז משוגעת.

זיי שטעלן זיך פאָר דאָס אַלץ פאַר זייערע אויגן, ווי זיי האָבן זיך נאָר וואָס אין אַ מטושדיקער פאָרם פאָרגעשטעלט זייער עלנט. זיי זיינען אָנגעזאַפּט מיט אַ קללה, וואָס פּרוווט זיך זוכן אַן אויסוועג און אַנטפלעקן אין ווערטער. זיי קרעכצן דערפון, זיי שרייען ווי קליינע קינדער, עס זעט אויס, ווי זיי וואָלטן זיך באַמיט און אָנגעשטרענגט זיך צו באַפרייען פונם טעות און אומוויסן, וואָס באַשמוצט זיי, פונקט אַזוי ווי די בלאָטע, און ווי זיי וואָלטן ענדלעך געוואָלט וויסן פאַרוואָס זיי זיינען פאַרמשפּט.

— און וואָס ווייטער? — רופט זיך אָן איינער.

— וואָס? — חזרט איבער דער אַנדערער נאָך פריילעכער.

דער ווינט מאַכט ציטערן פאַר די אויגן דעם פאַרפלייצטן שטח און, רייסנדיק זיך איבער די דאָזיקע מענטשלעכע הויפנס, וואָס ליגן אָדער קניען ווי שטיינער און מצבות, נעמט ער די דורך מיט אַ שוידער.

— ס'וועלן נישט זיין מער קיין מלחמות — וואָרטשעט איין זעלנער — ווען ס'וועט נישט זיין מער קיין דייטשלאַנד.

— נישט דאָס איז דער ענטפער! — שרייט אַן אַנדערער. — דאָס איז נאָך נישט גענוג. ס'וועלן נישט זיין מער קיין מלחמות, ווען דער מלחמה־גייסט וועט זיין באַזיגט!

אַזוי ווי דאָס ברומען פון ווינט האָט האַלב דערשטיקט די דאָזיקע ווערטער, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיי איבער־געחזרט.

— דייטשלאַנד און דער מיליטאַריזם — האָט שנעל זיך אַריינגעריסן דער כּעס פון אַן אַנדערן — איז איינס און דאָס זעלבע. זיי האָבן געוואָלט די מלחמה און האָבן זיך צוגעגרייט. זיי זיינען דער מיליטאַריזם.

דער מיליטאַריזם... — זאָגט ווייטער אַ זעלנער.

— וואָס איז ער, וואָס? — פרעגט מען זיך.

— עס איז... ס'איז די ברוטאַלע, צוגעגרייטע קראַפט, וואָס פאַלט אין אַ געוויסן מאָמענט פּלוצלינג אָן, דאָס הייסט — זיין באַנדיטן.

— יאָ, אָבער מאָרגן, מאָרגן ווי וועט ער הייסן?

— כ'ווייס נישט — זאָגט אַן ערנסטע שטימע, ערנסט ווי אַ נביא.

— ווי לאַנג דער מלחמה־גייסט איז נישט געטייט, וועסטו האָבן געשלעגערייען אין משך פון אַלע דורות.

— מע מוז... מע מוז.

— מע מוז זיך שלאָגן! — האָט אַרויסגעכאָרכלט אַ הייזע־ריקע שטימע פון אַ קערפּער, וואָס איז, פון דער צייט אָן, וואָס מיר זיינען וואָך, געלעגן פאַרשטיינערט אין דער גיריקער בלאָטע. — מע מוז! — און דער קערפּער האָט זיך שווער איבערגעדרייט. — מע מוז אוועקגעבן אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן, אַ אונדזערע כּוחות

אי אונדזער הויט, אי אונדזערע הערצער, אונדזער גאַנץ לעבן, מיט די פאַרגעניגנס, וואָס זיינען אונדז נאָך איבערגעבליבן! מיט ביידע הענט מוזן מיר פאַר ליב נעמען אונדזער אַרעסטאַנטיש לעבן! אַלץ מוז מען פאַרטראָגן, אַפילו די אומגערעכטיקייט, וואָס איר ממשלה איז אַצינד געקומען, אויך דעם סקאַנדאַל און די עקלהאַפטיקייט, וואָס מע זעט — כדי זיך מיט לייב און ליבן איבערצוגעבן דער מלחמה, כדי צו זיגן! נאָר אויב מע מוז שוין יאָ ברענגען אַזאַ קרבן — גיט-צו פאַרצווייפלט דער אומפּאָרמיקער מענטש און דרייט זיך מער אויס — איז עס נאָר, ווייל מע קעמפט פאַרן פּראָגרעס און נישט פאַר אַ לאַנד. מע קעמפט קעגן אַ טעות, נישט קעגן אַ לאַנד.

— מע מוז דערהרגענען די מלחמה — זאָגט דער ערשטער — מע מוז דערהרגענען די מלחמה אין דייטשלאַנדס בויך!

— און דאָך — מאַכט איינער פון די, וואָס זייגען דאָרט געזעסן איינגעוואָרצלט, ווי עפּעס אַ מין פלאַנץ-שפּראָצונג — און דאָך הייבט מען שוין אָן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס מ'האָט געמוזט גיין אין מלחמה אַריין.

פונדעסטוועגן — מרוקעט אַרויס פון זיין זייט דער יעגער, וואָס האָט זיך איינגעקאָרטשעט — זייגען פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס שלאָגן זיך מיט גאָר אַנדערע געדאַנקען אין קאָפּ. כ'האָב באַגעגנט יונגעלייט, וואָס האָבן זיך גאַנץ שיין אויסגעלאַכט פון די אַלע הויזאַניסטישע געדאַנקען. דאָס וויכטיקסטע פאַר זיי איז די נאַציאָנאַלע פראַגע, נישט עפּעס אַנדערש, און די מלחמה איז אַ זאַך פון פאָטערלאַנד: איטלעכער זאָל פאַרשאַפן רום פאַר זיין פאָטערלאַנד, און דאָס איז אַלץ. זיי האָבן זיך געשלאָגן, און זיך העלדיש געשלאָגן.

— זיי זיינען יונג, די יונגע בחורימלעך, וועגן וועלכע דו רעדסט, זיי זייגען יונג. מען מוז זיי מוחל זיין.

— מען קען גאַנץ געוויסנהאַפטיק אָפּטון אַ זאַך און רעכט נישט וויסן, וואָס מען טוט.

— אמת איז, אַז די מענטשן זײַנען משוגע! קענסט עס טויזנט מאָל זאָגן, וועט אויך נישט זײַן צופיל!

— די שאָוויניסטן, דאָס זײַנען, ווי לייז... — האָט געמרוקעט עפּעס אַ שאָטן.

און זיי חזרן איבער עטלעכע מאָל, ווי דאָס וואָלט זיי געפירט טאַפּנדיק אין דער פינסטער:

— מען מוז הרגענען די מלחמה, נאָר זי!

איינער פון אונדז, וואָס האָט געהאַלטן דעם קאָפּ פעסט איינגעקלעמערט צווישן זײַנע אַקסלען און מיט אים נישט קיין ריר געטון, האָט זיך פאַרשטאַרקט אין זײַן געדאַנק.

— דאָס אַלץ איז בלויז געבעבעט. ס'איז אַ קנאַפּע נפקא־מינא צי מען מיינט דאָס אָדער יענץ! מיר מוזן זײַן זיגער, און אָפּגערעדט!

אָבער די אַנדערע האָבן שוין אָנגעהויבן עפּעס זוכן. זיי האָבן געוואָלט וויסן און זען ווײַטער ווי די געגנוואַרט. זיי האָבן זיך געצאַפּלט, געפּרוווט זיך אַליין צו באַפּרוכפּערן און געבוירן אַ ליכט פון חכמה און ווילן. אָפּגעריסענע איבערצײַגונגען האָבן געווירבלט אין זייערע קעפּ, און זייערע ליפּן האָבן אַרויסגעשטאַמלט מטושטשדיקע פראַגמענטן פון אינערלעכן גלויבן.

— גאַנץ געוויס... יאָ... אָבער מען מוז דאָך קוקן דעם אמת אין די אויגן אַרײַן... גוטער ברידער, מען מוז שטענדיק זען דעם רעזולטאַט.

— רעזולטאַט! זײַן זיגער אין דער דאָזיקער מלחמה — זאָגט איינגעשפּאַרט דער מיטן פאַרשטיינערטן קאָפּ — איז דאָס נישט קיין רעזולטאַט.

און צוויי שטימען אינאיינעם האָבן אָפּגעענטפערט:

— ניין!

* *
*

אין דעם אויגנבליק האָט זיך געמאַכט אַ טעמפּ געדרודער. פון אַרום האָבן זיך דערהערט געשרייען, און מיר האָבן אַ ציטער געטון.

אַ גאַנצע ליים-וואַנט האָט זיך אָפּגעריסן פון בערגל, און וועלכן מיר האָבן זיך לייכט אָנגעלענט, און אינגאַנצן אויפגעגראָבן אינדערמיט פון אונדז אַ בר-מנן, וואָס איז געזעסן מיט אויסגעצויגע-נע פיס.

דאָס איינפאַלן מאַכט אינדערהייך אויפן בערגל אַ וואַסער-טאַש, און דאָס וואַסער, וואָס זאַמלט זיך אָן דאָרט, גיסט אַראָפּ ווי אַ וואַסערפאַל איבערן בר-מנן און וואַשט אים אָפּ, בשעת מיר באַטראַכטן אים.

— זיין פנים איז אינגאַנצן שוואַרץ! — שרייט עמעץ.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פנים? — פרעגט איינער מיט אַ ציטערדיקע שטימע.

די, וואָס האָבן נאָך כוח, קריכן ווי די פרעש און שטעלן זיך אַרום אין אַ ראָד. דער דאָזיקער קאָפּ האָט אַרויסגעשטאַרט ווי אַ באַרעליעף איבערן אָפּהאַנג, וועלכן די איינגעפאַלענע וואַנט האָט אויפגעדעקט, אָבער מיר האָבן נישט געקענט דערקענען, אַז דאָס איז אַ קאָפּ.

— זיין פנים! ס'איז דאָך נישט זיין פנים!

אויפן אָרט פון פנים האָבן מיר אַנטדעקט אַ ביגל האָר.

און דאַן האָבן מיר באַמערקט, אַז דער דאָזיקער בר-מנן, וואָס מיר האָבן געמיינט, ער זיצט, איז געווען איינגעבויגן און איבער-געבראָכן אויף דער העלפט.

אין אַ שרעקלעכער שטילקייט האָבן מיר באַטראַכט דעם

שטייענדיקן רוקן, וואָס האָט אונדז געוויזן זיינע אויסגעלענקטע רעשטלעך, די נאָכהענגענדיקע אָרעמס, וואָס זיינען געווען פאַרבויגן אהינטער און די ביידע אויסגעצויגענע פיס, וואָס זיינען געלעגן אויף דר׳ערד מיט די פינגער-שפּיצן אין דער ווייכער ערד.

דאַן האָט די דיסקוסיע זיך ווידער אָנגעהויבן, אויפגעוועקט דורך דעם דאָזיקן שרעקלעכן שלעפּער. מ׳האָט געשריגן מיט כּעס, גלייך ער וואָלט געהערט:

— ביין! זיין זיגער איז נאָך נישט קיין רעזולטאַט. נישט זיי ווילן מיר בייקומען, נאָר די מלחמה.

— האָסט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען, אַז מע מוז אַ סוף מאַכן צו די מלחמות? אויב דאָס זאָל ווערן בלויז אָפּגעלייגט, אויף אַן אַנדערשמאָל, דאַן ניצט צו גאָרנישט דאָס אַלץ. וואָס מ׳האָט אָפּגעטון. טוט אַ קוק: ס׳ניצט צו גאָרנישט. ס׳איז נאָר צוויי, דריי אָדער נאָך מער יאָר אַרויסגעוואָרפן צום טייוול.

* *
*

— יאָ. ווען דאָס אַלץ, וואָס מ׳האָט זיך אָנגעליטן, זאָל נישט זיין דער סוף פון דעם דאָזיקן גרויסן אומגליק, העט איך — כ׳וויל לעבן: כ׳האָב אַ ווייב, מיט קינדער, מיט אַ שטיקל אייגענער בחלה, כ׳טראָג מיך אַרום מיט פּלענער אויף שפּעטער, כ׳ווייס... אַ כּלל, הערסט, וואָס כ׳זאָג דיר: כ׳וואָלט ליבער געוואָלט שטאַרבן.

— כ׳שטאַרב אַוועק — האָט זיך פּינקטלעך אין זעלבן אויגנבליק אָנגערופן, ווי אַן עכאָ, פאַראַדיז שכן, וועלכער האָט אוודאי אַ קוק געטון אויף זיין וווּנד אין בויך — ס׳איז מיר אַ שאָד צו שטאַרבן, צוליב מיינע קינדער.

— און איך — האָט זיך דערטראָגן פון ערגעץ אַ שעפּטשען — אייל פּאַקע כ׳האָב קינדער, באַדויער איך נישט וואָס כ׳שטאַרב

כ׳האָלט באַם שטאַרבן, ווייס איך דאָך וואָס כ׳זאָג, און כ׳זאָג צו זיך אַליין: „זיי וועלן האָבן שלום, די קינדער!"

— איך וועל נישט שטאַרבן — רופט זיך אָן אַן אַנדערער, ציטערנדיק פון דער האַפנונג, וועלכע ער האָט נישט געקענט איינהאַלטן אַפילו אין קעגנוואַרט פון די צום טויט פאַראורטיילטע — אָבער כ׳וועל ליידן. און אָט זאָג איך אייך: זאָל זיין, און אויב איר ווילט גאָר, זאָג איך: איז נאָך בעסער; און כ׳בין גרייט נאָך מער צו ליידן, ווען כ׳זאָל וויסן, אַז ס׳וועט עפעס האָבן אַ צוועק!

— הייסט עס, אַז נאָך דער מלחמה וועט מען זיך ווייטער מוזן שלאָגן?

— יאָ, ס׳קען זיין...

— יאָ, ווייל טאַקע כ׳וויל נישט מער קיין מלחמה! — ביי־זערט זיך עמעץ.

— און מען וועט זיך מוזן שלאָגן אפשר גאָרנישט מיט פרעמדע?

— ס׳קען זיין, יאָ...

אַ ווינט־שטויס, נאָך העפטיקער ווי די פריערדיקע, האָט אונדז פאַרמאַכט די אויגן און אונדז דערשטיקט. ווען ער איז שוין פאַרביי און מ׳האָט געזען ווי דער שטורם לויפט איבער דער פלאַך, ערטערווייז מיטרייסנדיק און אויפטרייסלענדיק זיינע בלאָטע־רעפלעך, דורכנישטערנדיק דאָס וואַסער אין די אָקאָפּעס, וואָס האָבן זיך געצויגן לאַנגע, אָפּגעמיילקטע, ווי דאָס קבר פון אַן אַרמיי — איז ס׳געשפּרעך ווייטער געגאַנגען:

— סוף־כל־סוף, אין וואָס איינגעטלעך באַשטייט די גרויסקייט און די שרעקלעכקייט פון אַ מלחמה.

— אין דער גרויסקייט פון די פעלקער.

— אָבער די פעלקער, דאָס זיינען מיר דאָך!

דער, וואָס האָט דאָס געזאָגט, האָט מיך אָנגעקוקט, מיך גע־פּאָרשט.

— יאָ — זאָג איך צו אים — יאָ, אַלטער ברודער, אמת! בלויז מיט אונדז אַליין מאַכט מען די שלאַכטן. מיר זיינען דאָס מלחמה־מאַטעריאַל. די מלחמה באַשטייט אויסשליסלעך פון לייב און נשמה פון פּראָסטע זעלנער. מיר דאָס בילדן די מתים־פעלדער און די בלוט־טייכן, מיר אַלע — וואָס איטלעכער באַזונדער פון אונדז וועט זיך נישט אָן צוליב דער אומגעהייערקייט פון אונדזער צאָל. אויסגעליידיקטע שטעט, חרוב־געוואָרענע דערפער, דאָס איז אַ מדבר, ווייל מיר פעלן. יאָ, דאָס זיינען מיר אַלע און דאָס זיינען מיר מיט לייב און לעבן.

— יאָ, ס׳איז אמת. די פעלקער, דאָס זיינען די מלחמה; אָן זיי וואָלט גאָרנישט, גאָרנישט געווען, אַ חוץ אַ ביסל שרייענישן, פון ווייטנס. אָבער נישט זיי אַנטשיידן וועגן איר. דאָס זיינען די הערן, וואָס פירן זיי.

— די פעלקער קעמפן היינט, כדי נישט צו האָבן מער קיין הערן, וואָס פירן זיי. די היינטיקע מלחמה, דאָס איז, ווי דער המשך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

— אויף אַזאַ אופן אַרבעטן מיר דאָך פאַר די פּרייסן אויך?

— פאַרשטייט זיך — זאָגט איינער פון די אומגליקלעכע אויף דער פלאַך — מעגסט עס וויסן.

— כאַפּט עס דער טייוול, אויב אַזוי! — קריצט מיט די ציין דער יעגער.

— לאָמיר זאָרגן פאַר זיך אַליין! מע דאַרף זיך נישט אַרייג־מישן אין פרעמדע עסקים — האָט אַרויסגעוואָרטשעט דער בייטי־קער עקשן.

— יאָ! מע דאַרף יאָ... ווייל דאָס, וואָס די רופסט אָן פרעמ־

דע, דאָס זיינען דווקא נישט קיין פרעמדע, דאָס זיינען די זעלבע, וואָס מיר!

— פאַרוואָס זאָלן מיר שטענדיק ס׳כפרה־הינדל זיין פאַר דער גאַנצער וועלט!

— אַזוי איז עס — ענטפערט איינער, און ער הורט איבער די ווערטער, וואָס ער האָט נאָר וואָס באַנוצט: זאָל זיין, אָדער אַזוי איז נאָך בעסער!

— די פעלקער זיינען גאָרנישט און זיי וואָלטן געדאַרפט זיין אַלץ — זאָגט אין דעם מאָמענט יענער, וואָס האָט זיך פריער געווענדט צו מיר; אַליין נישט וויסנדיק האָט ער באַנוצט אַ היס־טאָרישן זאַץ, וואָס איז שוין איבער הונדערט יאָר אַלט, אָבער ער האָט אים שליסלעך צוגעגעבן אַ גרויסע, אוניווערסאַלע באַדייטונג.

און דער ניצול־געוואָרענער פון גרויסן שטורם, שטעקנדיק מיט אַלע פיר אין ערדישן דזשעגעכץ, האָט אויפגעהויבן זיין מצורע־דיק פנים און גייציק גענומען קוקן אין דער וועלט, אין אין־טוף אַריין.

ער האָט געקוקט און געקוקט. ער האָט געפּרוווט עפענען די טויערן פון הימל.

*

*

— די פעלקער וואָלטן זיך געדאַרפט פאַרשטענדיקן דורך דער הויט און איבערן בויך פון יענע, וואָס עקספּלואַטירן זיי אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדערן אופן. אַלע מאַסן וואָלטן זיך גע־דאַרפט פאַרשטענדיקן.

— אַלע מענטשן וואָלטן ענדלעך געדאַרפט זיין גלייך.

דאָס וואָרט האָט דערגרייכט צו אונדז ווי אַ מין ישועה.

— גלייך... יאָ... יאָ... ס׳זיינען פאַראַן גרויסע געדאַנ־קען פון גערעכטיקייט און וואָרהייט. ס׳זיינען פאַראַן זאַכן, אַ־

וועלכע מע גלייבט, צו וועלכע מע ווענדט שטענדיק די בליקן, כדי זיך אָן ווי צו אָנצוהאַלטן, ווי אָן עפּעס אַ ליכטיקייט, און בּאַרפאַלעמען — איז עס די גלייכהייט.

— ס׳איז אויך די פרייהייט און ברידערלעכקייט.

— פאַר אַלעמען איז די גלייכהייט!

איך זאָג זיי, אַז די ברידערלעכקייט איז אַ חלום, אַ פאַרנעפּלט געפיל, אַן אומבאַשטענדיקס; אַז ס׳ליגט נישט אין דער נאַטור צו האַסן אַן אומבאַקאַנטן, אַז ס׳ליגט אָבער אויך נישט אין דער נאַטור אים ליב צו האָבן. מע קען גאָרנישט בויען אויף דער ברידערלעכקייט, אויף דער פרייהייט אויך נישט: זי איז צופיל רעלאַטיוו אין אַ געזעלשאַפט, ווו די אָנוועזנהייט פון איטלעכן באַזונדער צעבורעקלט זיך מיט גוואַלט קעגנזייטיק.

אָבער די גלייכהייט בלייבט תמיד די זעלבע. פרייהייט און ברידערלעכקייט, דאָס זיינען ווערטער, בשעת אָבער די גלייכהייט איז אַ זאַך. די גלייכהייט (די סאָציאַלע, ווייל די יחידים האָבן אַלעמאָל מער אָדער ווייניקער ווערט, אָבער איטלעכער מוז האָבן זיין חלק אין דער געזעלשאַפט אין אַ גלייכער מאָס; און אַזוי איז יושרדיק, ווייל דאָס לעבן פון איין מענטשלעך וועזן איז פונקט אַזוי גרויס ווי דאָס לעבן פון אַן אַנדערן), די גלייכהייט, דאָס איז די גרויסע פאָרמולע פון דער מענטשהייט. איר וויכטיקייט איז אומגעהייער. דער פרינציפ פון גלייכע רעכט פון איטלעכן באַשעפעניש און פון הייליקן ווילן פון דער מערהייט איז אומפעלבאַר און מוז אומבאַזיגבאַר זיין — און ער וועט ברענגען אַלע פאָרטשריטן, אַלע, מיט אַן אמת געטלעכן כּוח. ער וועט ראשית ברענגען דעם גרויסן פלאַכן פונדאַמענט פאַר יעדן מין פראָגרעס: די רעגולירונג פון קאָנפליקטן דורך דער גערעכטיקייט, וואָס איז דאָס זעלבע, גענוי דאָס זעלבע, וואָס דער אַלגעמיינער אינטערעס.

די דאָזיקע פּאָלקס-מענטשן, האָס געפינען זיך דאָ, אַנען שוין עפּעס אַן אומבאַשטימטע רעוואָלוציע, וואָס איז נאָך גרעסער ווי יענע: אַ רעוואָלוציע, פון וועלכער זיי זייַנען דער קוואַל, און וועלכע שטייגט שוין, שטייגט אין זייער קעל. זיי חזרן איבער:

— גלייכהייט!...

ס׳דאַכט זיך, זיי סילאַביזירן דאָס וואָרט און דערנאָך לייענען זיי עס קלאָר אומעטום — און, ס׳איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט דער פּאָראורטייל, די פּריווילעגיעס און די אומגערעכטיקייט, וואָס זאָל נישט אומקומען בײַ איר באַרירונג: ס׳איז אויף אַלץ אַן ענטפער, ס׳איז אַ דערהאַבן וואָרט. זיי דרייען דעם דאָזיקן באַגריף, באַטראַכטן אים פון אַלע זייטן און אַנטדעקן אין אים אַ מין פּאָלקאָמענהייט, און זיי זען, ווי אַלע מיסברויכן ברענען אין אַ העליש פייער.

— ס׳וואָלט שיין געווען! — זאָגט איינער.

— צו שיין, אַז ס׳זאָל אמת זיין! — זאָגט אַן אַנדערער.

דער דריטער אָבער זאָגט:

— טאַקע ווייל ס׳איז אמת, איז עס שיין. עס האָט נישט קיין אַנדערע שיינקייט אין זיך!... און נישט ווייל ס׳איז שיין וועט אַזוי זיין. שיינקייט, פּונקט אַזוי ווי ליבע, איז נישט קיין מוז-זאַך. נאָר ווייל דאָס איז אמת, איז עס פאַטאַל.

— היינט-זשע, אַז די גערעכטיקייט איז אַזוי געגאַרט דורך די פעלקער און אַז די פעלקער זייַנען אַ קראַפט, טאָ זאָלן זיי זי איינפירן.

— זיי הייבן שוין אָן! — זאָגט עפּעס אַ פינסטער מויל.

— ס׳האַלט שוין אויפן וועג דערצו — רופט זיך אָן אַן אַנדערער.

— ווען אַלע מענטשן וועלן זיין גלייך, וועט מען זיין געצווינגען זיך צו פאַרייניקן.

— און אונטערן הימל וועלן מער נישט אָפּגעטון ווערן אַזעל־כע שרעקלעכע זאַכן דורך דרייסיק מיליאָן מענטשן, וואָס ווילן עס נישט טון.

ס׳איז אמת. נישטאָ קעגן דעם וואָס צו זאָגן. וואָסער אַפילו שיין פון אַן אַרגומענט, וואָסער שאָטן פון אַן ענטפער וועט מען קענען, וועט מען וואָגן קעגנצושטעלן דעם דאָזיקן: „ס׳וועלן אונטערן הימל נישט מער אָפּגעטון ווערן אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן דורך דרייסיק מיליאָן מענטשן, וואָס ווילן עס נישט טון". איך הער מיך איין, איך טראַכט מיך אַריין אין דער לאָגיק פון די ווערטער, וועל־כע ס׳זאָגן אַרויס די אָרימע מענטשן, וואָס ליגן דאָ צעוואָרפן אי־בערן פעלד פון ווייטיק, די ווערטער, וואָס שפּראָדלען אַרויס פון זייער פּיין און פון זייער צער, די ווערטער, וואָס בלוטיקן אַרויס פון זיי.

און דער הימל באַדעקט זיך אַצינד ווידער. גרויסע וואָלקנס באַבלויען אים און פאַרפאַנצערן דאָרט אונטן. איינדערהייך שניידן זיך דורך ריזיקע שטרייפן פון פייכטן שטויב איבער אַ שוואַכן צי־טערנעם גלאַנץ. די לופט ווערט טונקעלער, ס׳פאַרנעמט זיך אויף נאָך רעגן. ס׳האָט נאָך נישט קיין סוף גענומען צום שטורם און צו די לאַנגע ליידן.

— און אַז מע וועט זיך פרעגן — זאָגט איינער — „נאָך וואָס אייגנטלעך פירן מלחמה?" נאָך וואָס מע ווייסט נישט; אָבער פאַר וועמענס וועגן, דאָס קען מען יאָ זאָגן. מע וועט זיין געצוווּנ־גען צו זען, אַז אויב יעדער נאַציע איז טאָג־טעגלעך מקריב צום מלחמה־אָפּגאָט דאָס פרישע פלייש פון פופצן הונדערט יונגע מענטשן, איז עס פאַרן פאַרגעניגן וועגן פון עטלעכע פירער, וועלכע מע קען אויף די פינגער איבערציילן; אַז גאַנצע פעלקער גייען צו דער שחיטה, אָ׳יסגעסדרט אין סטאַדעס אַרמייען, כּדי איין גאָלד־באַזיימ־טע קאַסטע זאָל קענען פאַרשרייבן אין דער געשיכטע די נעמען

פון אירע פרינצן; כדי די לייט, אויך גאָלדבאַצירטע, וואָס געהערן זיך אָן מיט דער כּנופיא שררות, זאָלן קענען מאַכן מער געשעפטן — ס'הייסט, פאַר פערזענלעכע פראַגן און פאַר קרעמערישע פראַגן. — און ווי נאָר מע וועט אויפעפענען די אויגן, וועט ווערן קלאָר, אַז די צעשיידונגען צווישן די מענטשן זיינען נישט די, וואָס מע מיינט, און די, וואָס מע מיינט, זיינען נישטאָ.

— האָרך! האָט מען פלוצלינג איבערגעריסן.

מע בלייבט שטיל, און מע דערהערט פון ווייטנס אַ דונער פון אַ האַרמאַט. דאָרט וייט ווערן די לופט-שיכטן אויפגעטרייסלט פון געקלעפער, און דער דאָזיקער אימפעט צעפאַלדעוועט זיך איבער אונדזערע פאַרגראָבענע אויגן; אַרום אָבער גייט אַלץ ווייטער דער מבול, פאַרפלייצט די ערד און זייגט אַריין אין זיך די הייכקייטן.

— ס'הייבט זיך שוין ווידער אָן...

דאַמאָלס זאָגט איינער פון אונדז:

— געוואַלט! וואָס מיר וועלן אַלץ נאָך האָבן קענען זיך!

שוין האָט זיך פאַרגנבעט עפּעס אַן אומרויקייט, אַ צווייפל אין דער טראַגעדיע פון געשפּרעך, וואָס האָט זיך געפירט צווישן די פאַרלוירענע מענטשן, ווי עפּעס אַן אומגעהייער מייסטערווערק פון גורל. נישט בלויז די ווייטיק, און דאָס געפאַר, און דער אייביקער עלנט הייבן זיך ווידער אָן אָן אַ סוף, נאָר ס'הייבן אָן אויך צו ווירקן די פיינטלעכקייט פון זאַכן און מענטשן קעגן דעם אמת, די אָנהויפונג פון פריווילעגיעס. דאָס אומוויסן, די שטאַרקעפּיקייט, די ביי ווייליקייט, די פאַראורטיילן, די גרויזאַמקייט פון די איינגעפונדעוועטע צושטאַנדן אין די מאַסן, וואָס זיינען נישט פון אָרט צו רירן און ליניעס נישט צום אויפפלאָנטערן.

און דער געדאַנקען-טרוים, וואָס טאַפּט אין דער פינסטער, גייט איבער אין אַן אַנדערער זעונג, ווו די א ביקע קעגנער טויכן

אויף פון שאָטן פון דער פאַרגאַנגענהייט און באַווייזן זיך אין שטורמ־דיקן שאָטן פון דער קעגנוואַרט.

* * *

...אָט זײַנען זיי... אָט דאַכט זיך זעט מען זיך געשטאַלטן אויפן שטורמס קאַם־רוקן, וואָס פאַרהילט די וועלט אין טרויער, די רייטער־מחנות פון קריגער, גאַלאָפּירנדיקע און בלענדנדיקע, — שלאַכט־פערד אין פולער אויסריסטונג, טראָלדן, טרעסן, בונט־פאַרביקע פעדער־בוקעטן, קרוינען און שווערטן... ווי וויכערס בושעווען זיי פאַרביי, גאַוהדיקע, פרעכטיקע, מיט שניידיקע בליצן, אַרומבאַהאָנגענע מיט געווער. די דאָזיקע קריגערישע רייטער, מיט זייערע אַלטמאָדישע באַוועגונגען, שפּאַלטן די וואָלקנס, וואָס זײַנען צעלייגט איבערן הימל, ווי אַן אימהדיקע טעאַטער־דעקאָראַציע.

און הויך, הויך איבער די פּיבערהאַפטיקע בליקן אויף דר׳ערד, איבער די גופים, וואָס זײַנען דיק באַלייגט מיט בלאָטע פון ערד־שליאַם און צעטרעטענע פעלדער, הויך איבער דעם אַלעם, קומט דאָס אָנצופליסן פון אַלע פיר זייטן וועלט און שטופּט צוריק די אומענדלעכקייט פון הימל, און פאַרשטעלט די בלאַסע טיפענישן.

אין לעגיאָנען איז זייער צאָל. נישט נאָר די קאַסטע פון קריגסלייט, וואָס ברילן צו דער קריג און פאַרגעטערן זי, נישט נאָר יענע, וואָס די אַלגעמיינע קנעכטשאַפט פאַרשאַפט זיי אַ מאַגישע מאַכט: די בירושהדיקע מאַכטהאָבער, וואָס שטייען דאָ און דאָרט הויך איבער דעם כּורעים־ומשתחווהדיקן מענטשלעכן געשלעכט און וואָס טון פלוצלינג אַ דריק אַראָפּ די וואָגשאָל פון גערעכטיקייט, ווייל זיי. זען פאַר פאַר זיך אַראָפּצושלינגען אַ געשמאַקן ביסן. נישט בלויז זיי. ס׳גייט נאָך נאָך אַ גרויסע מאַסע, וואָס, באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק, דינט זי זייער מוראדיקער פּריווילעגיע.

— ס׳זײַנען דאָ — רופט אויס אין דעם מאָמענט איינער פון

די פינסטערע און טראַגישע אַנטייל־נעמער אין געשפּרעך, אויס־שטרעקנדיק די האַנט, ווי ער וואָלט געזען עפּעס — ס'זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס זאָגן: „ווי שיין זיי זיינען!“ — און אַזעלכע, וואָס זאָגן: „די ראַסן האַסן, זיך!“ און אַזעלכע, וואָס זאָגן: כ'ווער פעט פון דער מלחמה, און מיין בויך וואַקסט!“

— און אַזעלכע, וואָס זאָגן: „מלחמות זיינען שטענדיק געווען, און וועלן שטענדיק זיין!“

— און אַזעלכע, וואָס זאָגן: „איך זע נישט ווייטער, ווי מיין שפּיץ נאָז, און כ'פּאַרוועד עס אויך אַנדערע צו טון!“

— און אַזעלכע, וואָס זאָגן: „די קינדער קומען אויף דער וועלט מיט רויטע אָדער בלויע הויזן פון היינטן!“

— און אַזעלכע, וואָס זאָגן — רעוועט אַ הייזעריקע שטי־מע —: „בייגט איין די קעפּ און גלייבט אין גאָט!“

* *
*

אָ! איר זענט גערעכט, איר אָרימע, אומצעליקע שלאַכטן־אַר־בעטער, איר, וועלכע ווערט האָבן געמאַכט די גאַנצע גרויסע מלחמה מיט אייערע אייגענע הענט, איר אַלמעכטיקייט, וואָס דינט נאָך נישט גוטס צו טון, איר ערדישע מאַסע, וואָס אייער יעדעס איינציקע פּנים איז אַ באַזונדערע וועלט פון יסורים, — איר, וואָס, אונטערן הימל, ווו ס'צערייסן זיך שוואַרצע כמאַרעס און צעפּאַלדעוען זיך צעשויבערט, ווי בייזע רוחות, טרוימט מיט געבויגענע קעפּ אונטער דער יאָך פון אַ געדאַנק! — יאָ, איר זענט גערעכט. דאָס אַלץ האָט איר קעגן זיך. קעגן זיך און קעגן אייער גרויסן אַלגעמיינעם אינטערעס, וואָס פּאַלט זיך צונויף, ווי איר האָט שוין אָנגעמערקט, מיט דער גערעכטיקייט, — און נישט נאָר די, וואָס פּאַכען מיט די שווערטן, און די ריווח־אַפּלייגערס, און די פּישערס אין מאַנטנע מאַסער, די וואָכערער זיינען קעגן אייך.

איר האָט קענן זיך נישט נאָר די אומגעהייערע אַנטיילנעמער, די געלטזעק, די גרויסע און קליינע געשעפטמאַכערס, פאַרפּאַנצערטע אין זייערע בענק אָדער אין זייערע הייזער, וואָס לעבן פון דער מלחמה, און לעבן דערפון במנוחה אין שלום בשעת דער מלחמה, מיט זייערע מוחות, אָנגעשטאָפּט מיט אַ טעמפּער דאָקטרין, מיט זייערע פאַרשלאָסענע פּנימער, ווי אַן אייזערנע קאַסע.

ס'זיינען נאָך דאָ די, וואָס באַוווּנדערן די בליצנדיקע געקרייצטע קלינגען, וואָס טרוימען און שרייען ווי די ווייבער באַם אָנבליק פון די לעבעדיקע פאַרבן פון די אוניפאָרמען. די, וואָס ווערן פאַרשיכּורט פון אַ מיליטערישער מוזיק אָדער פון די לידער, וואָמע גיסט אין פאָלק אַריין ווי שנאַפּס, די פאַרבלענדטע, די קליינקעפּלדיקע, די פעטישיסטן, די ווילדע.

די, וואָס גריבלען זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָבן אַ פול מויל בלויז מיט פאַרצייטישע ווערטער, די טראַדיציאָנעלע, בא וועלכע אַ פאַרגעוואַלטיקונג באַקומט די קראַפט פון אַ געזעץ, ווייל זי האָט זיך איינגעפונדעוועט פון לאַנג; די, וועלכע שטרעבן אָנגעפירט צו ווערן דורך טויטע, און באַמיען זיך אונטערצוואַרפן די צוקונפט און דעם צאַפּלדיקן און ליידנשאַפטלעכן פּראָגרעס דער ממשלה פון פאַרשטאָרבענע גייסטער און בבא-מעשיות.

מיט זיי זיינען אַלע פּריסטער, וואָס ווילן אייך אויפרייצן און איינוויגן מיטן שלאָפגעטראַנק פון זייער גן-עדן, כדי אַלץ זאָל בלייבן באַם אַלטן. ס'זיינען אויך דאָ די אַדוואָקאַטן — עקאָנאָמיסטן, היסטאָריקער און ווי נאָך דאַרט זיי הייסן! — וואָס פאַרטומלען אייך מיט טעראָרעטישע פראַזן, וואָס פּראָקלאַמירן דעם קעגנזייטיקן אַנטאַגאָניזם פון נאַציאָנאַלע ראַסן, בשעת איטלעכע מאָדערנע נאַציע איז אין אמתן נישט מער ווי אַווירקלעכע געאָגראַפישע איינהייט אין די אַבסטראַקטע ליניעס פון אירע גרענעצן, און איז באַפעלקערט פון אַ קינסטלעכן געמיש פון ראַסן; און די פאַרדעכטיקע גענא-

לאָגן, וואָס פאַבריצירן פאַר די אַמביציעס פון די רויבגיריקע און דערויבערער פאַלשע פילאָזאָפישע אַטעסטאַטן און אויסגעטראַכטע אַדעליקע טיטולן. קורצזיכטיקייט איז די קרענק פון מענטשלעכן גייסט. די געלערנטע זיינען אין אַ סך פאַלן אומוויסנדיקע, וואָס פאַרלירן פון די אויגן די איינפאַכקייט פון די זאַכן און פאַרטונקלען זיי, און פאַרשמירן זיך די אויגן מיט פאָרמולעס און איינצלהייטן. אין די ביכער לערנט מען די קליינע זאַכן, נישט די גרויסע.

און ווען זיי זאָגן אַפילו, אַז זיי ווילן נישט קיין מלחמה, טון דאָך די דאָזיקע מענטשן אַלץ, כדי זי אייביק אויפצוהאַלטן. זיי נערן זיי נאַציאָנאַלע ערגייציקייט און די ליבע צו דער איבערהערשאַפט פון געוואַלט. „נאָר מיר אַליין — זאָגט איטלעכער פון זיי הינ־טער זיין באַריערע — האָבן מוט, ערלעכקייט, טאַלענט, גוטן גע־שמאַק!“ פון דער גרויסקייט און רייכקייט פון אַ לאַנד מאַכן זיי אַ געפרעסיקע קראַנקהייט. פון פאַטריאָטיזם, פאַר וועלכן מע דאַרף דרך־ארץ האָבן, מיטן באַדינג ער זאָל בלייבן אין געביט פון גע־פיל און קונסט־פונקט אַזוי ווי די פאַמיליען און געבורטסאָרט־געפילן, וואָס זיינען אויך אַזוי הייליק, מאַכן זיי אַן אוטאָפּישע קאָנצעפּציע, אַ נישט־לעבנספעיקע, וואָס שטערט דאָס גלייכגעוויכט פון דער וועלט, אַ מין ראַק־קראַנקהייט, וואָס זייגט אויס אַלע לעבעדיקע קרעפטן, פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע אָרט און דערשטיקט דאָס לעבן און — אַלס אָנשטעקנדיקע קראַנקייט — דערפירט זי סוף־כל־סוף צום מלחמה־קריזיס אָדער צו דער דערשעפונג און דערשטיקונג פון אַ באַוואָפנטן שלום.

זיי פאַרקריפּלען די פאַרערונגס־ווירדיקע מאָראַל: פון ווי־פיל פאַרברעכנס האָבן זיי געמאַכט טוגענדן, דורך איין וואָרט, אָנ־רופנדיק זיי נאַציאָנאַלע! אַפילו דעם אמת — אים פאַרדרייען זיי אויך. אויפן אָרט פון אייביקן אמת, דערלאַנגען זיי דעם נאַציאָנאַלן, ווי־פיל פעלקער, אַזוי פיל אמתן, וואָס פעלשן און פאַרקרימען דעם אמת.

אַלע די מענטשן, וואָס פירן מיט אייך די דאָזיקע קונדישע, עקלהאַפטיק-לעכערלעכע דיסקוסיעס, וואָס איר הערט טומלען איבער אייערע קעפּ: „איך האָב נישט אָנגעהויבן, נאָר דו! — הייב נאָר אָן! — ניין, הייב דו אָן!" קינדהייטן, וואָס האַלטן אייביק אָפן די אומגעהייערע וועלט-ווונד. ווייל נישט די באמתדיק פאַראינטערעסירטע האָבן דאָס וואָרט, נאָר גראָד קאַפּויער, און דער ווילן דערמיט אַ סוף צו מאַכן איז נישטאָ; אַלע די מענטשן, וואָס קענען אָדער ווילן נישט מאַכן קיין שלום אויף דער ערד; אָט די אַלע מענטשן, וואָס. צוליב דער אָדער יענער סיבה, קלאַמערן זיי זיך פעסט אָן אַלטן וועלטצושטאַנד און געפינען דערויף תירוצים אָדער טראַכטן זיי אויס — אָט דאָס זיינען אייערע פיינט!

דאָס זיינען אייערע פיינט, פונקט אַזוי, ווי דאָס זיינען הייגט די דייטשישע זעלבער, וואָס ליגן דאָ צווישן אייך, און וואָס זיינען נישט מער ווי אָרימע טייוולאָנים, וועלכע מ'האָט שענדלעך אָפּגענאַרט און פאַרגרעבט, שטוב-חיות... דאָס זיינען אייערע פיינט, אין אַ וואָסערער געגנט זיי זאָלן נישט זיי געבוירן, אויף אַ וואָסערן אופן מע זאָל נישט אַרויסרעדן זייער נאָמען, אויף אַ וואָסערער שפּראַך זיי זאָלן נישט ליגנט זאָגן. קוקט זיי אָן אויפן הימל און אויף דר'ערד, קוקט זיי אָן אומעטום! דערקענט זיי שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל, און נעמט זיי זיך אויף שטענדיק גוט אין זינען אַריין!

* *
*

— זיי וועלן דיר זאָגן — מרוקעט אייגער אויף די קני, איינגעבויגן, מיט ביידע הענט אין דר'ערד און אָפּטרייסלענדיק זיינע אַקסלען ווי אַ דאָג —: „ליבער פריינט, ביסט געווען אַ ווונדערבאַרער העלד!" איך וויל נישט מע זאָל מיר דאָס זאָגן!

„העלדן, עפּעס איבערנאַטירלעכע מענטשן, אָפּגעטער? דולט

נישט קיין קאפ! תלינים זיינען מיר געווען. מיר האבן ערלעך גע־טון די תלינישע מלאכה. און מע וועט זי נאך ווייטער טון, מיט דער גאנצער פארע, ווייל זי איז גרויס און וויכטיק, די דאזיקע מלאכה, כדי צו באשטראפן די מלחמה און זי דערשטיקן. דער זשעסט פון טויטן איז שטענדיק געמיין, — טיילמאל נויטווענדיק, אבער שטענדיק געמיין. יא, הארטע און אומדערמידלעכע תלינים, אט וואס מיר זיינען געווען. אבער זאל מען נישט קומען און מיר דערציילן א מעשה מכוח מיליטערישער טוגענט, ווייל כ׳האב געהער־געט דייטשן.

— מיר אויך נישט — האט אויסגערופן אן אנדערע שטימע אזוי הויך, אז קיינער וואלט איר נישט געקענט עפעס ענטפערן, ווען אפילו עמעץ וואלט געוואגט — מיר אויך נישט, ווייל איך האב פראנצויזן געראטעוועט ס׳לעבן! ווארים אויב אזוי, טא זאל מען פארהערלעכן אויך די שרפות צוליב דער שיינקייט פון דער רע־טונגס-אקציע!

— ס׳וואלט געווען א פארברעך אנצווייזן די שיינע זייטן פון דער מלחמה — האט געמורמלט איינער פון די פארחשכטע זעלנער — ווען אפילו, ס׳זאל זיין אזעלכע!

— אין מע וועט דיר דאס זאגן, — רעדט ווייטער דער ערש־טער, — כדי דיר צו באצאלן דעם לוין מיט רום, און כדי צו בא־צאלן דערפאר, וואס מ׳האט אליין גארנישט געטון. דער מיליטע־רישער רום אבער, דאס מיינט מען אפילו נישט אונדז פראסטע זעלנער, ער געהערט איינצעלנע, אבער א חוץ פאר די דאזיקע יחידי-סגולה, איז דער רום פון זעלנער פונקט אזא ליגנט, ווי דאס אלעס איבעריקע, וואס זעט אויס אזוי שיין אין דער מלחמה. אין דער ווירקלעכקייט איז דער קרבן פון זעלנער א פינסטער פאר־שוויגן. יענע מאסן, פון וועלכע ס׳באשטייען די אנגריף-כוואליעס, קריגן נישט קיין באלוינונג. זיי לויפן זיך ארייננווארפן אין א מורא־

דיקער נישטיקייט פון רום. קיינמאָל וועט מען נישט קענען צונויפ־זאַמלען אפילו זייערע נעמען, זייערע אָרימע, קליינע, נישטיקע נעמען.

— מע פייפט אריין אין זיי — ענטפערט איינער. — מיר האָבן וועגן עפּעס אַנדערש צו קלערן.

— אָבער די אַלע רייד — האָט ארויסגעשלוקערצט אַן אויס־געשמירט פּנים, וואָס די בלאָטע האָט עס פּארדעקט, ווי אַ העסלע־כע האַנט — צי מעגסטו זיי אפילו פאַרן מויל ברענגען? מע וועט דיך פארשעלטן, אויפן שייטערהויפן דיך לייגן! ארום דעם העלם־שמוק האָבן זיי אַ רעליגיע באַשאַפן, אַ רעליגיע, וואָס איז אויך אַזוי שלעכט, אויך אַזוי נאַריש און אויך אַזוי פארברעכעריש ווי די אַנדערע.

דער מענטש האָט זיך אויפגעזעצט, צוריקגעפאַלן און ווידער זיך אויפגעזעצט. ער איז געווען פארוואונדעט אונטער זיין בלאָטיקן פּאַנצער און האָט פּארפלעקט די ערד מיט בלוט; נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט זיינע ווערטער, האָט ער מיט אַ ברייט אויפגע־ריסן אויג באַטראַכט אויף דר׳ערד דאָס גאַנצע בלוט, וואָס ער האָט אוועקגעגעבן פאַר דער אויסהיילונג פון דער וועלט.

* *

*

די איבעריקע האָבן זיך אויך אייניקוויז אויפגעזעצט. דער שטורם איז געדיכטער געוואָרן און זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן ברייטן שטח פון די צעשינדענע, פאַרפייניקטע פעלדער. דער טאָג איז אָנ־געזאָפּט מיט נאַכט. און ס׳דאַכט זיך, אַז אַלץ נייע פּיינטלעכע מענטשן־געשטאַלטן און מענטשן־באַנדעס שטייגן־אויף אומאויפהער־לעך אויף די שפּיצן פון דער וואַלקאַנדיקער באַרגיקייט, פאַרזאַמלען זיך ארום באַרבאַרישע סילועטן פון קרייצן און אָדלערס, פון קיר־כעס, הערשער־פּאַלאַצן און אַרמיי־טעמפּלען, און זיי ווערן אַלץ מער

און מער און פאַרשטעלן די שטערן, וואָס זיינען קלענער אין זייער צאָל ווי די מענטשן; — און ס'דאַכט זיך אַפילו, אַז די דאָזיקע געשפּענסטער שטראָמען פון אַלע זייטן אין די ערדלעכער אַריין, דאָ־דאָרט, צווישן די לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס זיינען דאָ צעשטרייט אויפן ווינט, האַלב־פאַרגראָבן אין דער ערד, ווי תּבואה־קערנדלעך.

מיינע חברים, וואָס לעבן נאָך, האָבן זיך ענדלעך אויפגעהויבן; זיי האַלטן זיך קוים אויף די פיס אויפן צעאַקערטן באָדן, איינגעשלאָסן אין זייערע שמוציקע מלבושים, פאַרפּאַקט אין משוגע־דיקע, ליימיקע אָרונות, און שטאַרן אַרויס אין אומגעהייערער איינזאַמקייט איבער דער ערד, וואָס איז טיף ווי דאָס אומוויסן; זיי באַוועגן זיך און שרייען מיט די אויגן, אָרעמס און פויסטן געווענדעט קעגן הימל, פון וואַנען ס'לאָזן זיך אַראָפּ טאָג און שטורם. זיי ווערן זיך קעגן די זיגרייכע פאַנטאָמען, ווי סיראַנאָס און דאָן־קישאָטס, וואָס זיי זיינען נאָך.

מע זעט ווי זייערע שאָטנס באַוועגן זיך איבערן גרויסן גלאַנציקן, טרויעריקן באָדן, און זיי שפּיגלען זיך אָפּ אין בלייכן אויבערפלאַך פון שטייענדיקן וואַסער פון די אַלטע אַקאָפּעס, ווו ס'ווייסט זיך און ס'ווינט איינציק אַליין די אומענדלעכע פּוסטקייט פון רוים, אינדערמיט פון דער פּאָלאַר־מדבר מיט רויכיקע האָריזאָנטן.

אָבער זייערע אויגן זיינען אָפן. זיי הייבן אָן זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון וועגן דער גרענעצלאָזער איינפאַכקייט פון די זאַכן. און דער אמת דערוועקט אין זיי נישט בלויז אַ באַגינען פון האָפנונג, נאָר ער בויט אויך אויס אין זיי אַ פרישן אָנהייב פון קראַפט און מוט.

— גענוג גערעדט פון אַנדערע — באַפעלט איינער פון זיי. — זאָל זיין וואָס עס וויל מיט די אַנדערע!.. מיר! מיר אַלע!...

די פאַרשטענדיקונג פון די דעמאָקראַטיעס, די פאַרשטענדיקונג פון די פאָלקס־מאַסן, דער אויפשטאַנד פון וועלטפאָלק, דער ברוטאַל־פּשוטער גלויבן...

דאָס גאַנצע איבעריקע, דאָס גאַנצע איבעריקע, אין דער פאַר־גאַנגענהייט, געגנוואַרט און צוקונפט איז אַבסאָלוט גלייכגילטיק.

און איין זעלבער וואַגט נאָך צוצוגעבן דעם דאָזיקן זאַץ, וועלכן ער הייבט אָן פונדעסטוועגן מיט אַ כמעט שטילער שטימע:

— אויב די איצטיקע מלחמה האָט גערוקט פאָרויס דעם פּראָגרעס אַפילו אויף איין טריט, וועלן אירע אומגליקן און אירע שחיטות האָבן אַ קנאַפּע באַדייטונג.

און בשעת מיר זיינען זיך מכין צוריקצוגיין צו די אַנדערע, כדי ווידער אָנצוהייבן די מלחמה, עפנט זיך פאַמעלעך איבער אונ־דזערע קעפּ דער שוואַרצער, מיט שטורם אָנגעפּראָפּטער, הימל. פון צווישן צוויי פינסטערע וואָלקן־מאַסן גייט אַרויס אַ רויִקער בליץ; און דער דאָזיקער ליכט־שטרייף, אַזוי שמאָל, אַזוי פאַרטרויערט, אַזוי אָרים, אַז ער זעט אַזש אויס פאַרטראַכט, ברענגט אונדז פאַרט דעם באַווייז, אַז די זון עקזיסטירט.

דעצעמבער 1915

סוף.